STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08477

IN AZA TSAYT LEBEN MIR

Khaim Margoles Davidzon

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אין אַזאַ צייט

לעבן מיר

דערציילונגען

דעלדין

כאַים מאַרגאַלעס דאַווידזאָן

פאַרלאַג „סיגנאַל", באַם „פראָלעטפען"
ניו יאָרק, 1938

ארויסגעגעבן מיט דער הילף פונעם
דזשערזשינסקי ברענטש 34, א. אָ. אָרדן
און פון אַ ספּעציעלן בוך־קאָמיטעט

(בוך־קאָמיטעט)

סעם מענשער
י. גריימאַן
דר׳ דזש. שעפּיר
ל. בראַנדאָוו
י. בורשטיין
סעם גאָרדאָן
בען האַלפּער
א. ראַמבאַם
מ. קליינאָט

"IN AZA TZAIT LEBN MIR"

COPYRIGHT BY
H. DAVIDSON
2800 BRONX PARK EAST
BRONX, N.Y.
1938

פאָטאָ־ליטאָגראַפירט פון
מעכאַבערס מאַנוסקריפּט

אינהאלט

פון מעכאבער 3

אין אזא צייט לעבן מיר

דעפיוטי־ שעריף 7
דער ארגאנייזער 15
אין קיינעמס לאנד 23
דער צוזאמענשטוים 31

דעם סוינעס טאכטער 39
דער אויפרייס 48
צו שפעט 76

„אונטערוועגס"

דעצעמבער־בלומען 89
טשעקיסטישער יוישער 112
„דער גענעראל" 140

„פון א פרעמדן ווינקל"

צו א ליכטיקן מארגן 155

מוישעלע בוימל

אין זכות פון אמאל 183
נישטא קיין מאזל 191
אין קלעם 199
אין געיעג פון זיך 209
גאט איז א פאטער 223

באגעגענישן

ליפע דער קליידער־סויכער 232
„דערפאלג" 239
נאכעם 253
אין פלאנטער 261
צו גאסט 266
באם שמעלץ־טאפ 280
געלייטערט 286
דערקלערונג פון פרעמד־ווערטער 295

* * * * *

31

כאַים מאַרגאָלעס-דאַווידזאָן

פון מעכאַבער:

קוידעם־קאָל וויל איך דאָ בעטן אַנטשולדיקונג סײַ בײַ די כאַווײרים, וועלכע האָבן געהאָלפן שאַפן אַבאָנענטן און סײַ בײַ די אַבאָנענטן גופע, אַף דעם, וואָס עס האָט גענומען קנאַפּע צוויי יאָר צײַט אַף ארויסצוגעבן דאָס דאָזיקע בוך.

די נאָענטערע מענטשן, די וועלכע שטײען נעענטער צו דער אידישער ליטעראַטור און צו אירע שרײַבער, ווייסן ווי שווער עס קומט אָן ארויסצוגעבן א אידישן בוך. קיין אײגענע גרײטע געלט האָט קימאַט קיין איינציקער אידישער שרײַבער ניט. אַרויסגעבן אַ בוך קאָן דעריבער בלויז דערמעגלעכט ווערן דורך פאַראויס־געשאַפענע, באַצאָלטע אַבאָנעמענטן. צום באַדויערן, אָבער, קויפן נאָך ניט די אידישע מאַסן אַליין קיין ביכער, אָפגערעדט פון אַבאָנירן זיך אין פאָראויס. דערוויל דאַרף מען נאָך צוגיין צו זײ, פאַרלײגן און בעטן... אָבער דערצו דאַרף מען ערשט האָבן ווער עס זאָל זיך אָפגעבן מיט דעם. און דאָס, דאָס איז שוין אַ גאַנץ שווערער איניען.

און אויב עס איז ביכלאַל שווער פאַר אַ שרײַבער צו קריגן א צאָל פרײַנט צו שאַפן כאָטש אַ מינימום אַבאָנעמענטן אַף צו דעקן די קאָסטן פון דרוקן אַ בוך, — איז עס אָבער טויזנטפאַכיק שווערער פאַר מיר, דעם מעכאַבער פונעם דאָזיקן בוך. מײַן פיזישער צושטאַנד, וואָס באַרויבט מיך ביכלאַל פון קומען אין אָפטן און דירעקטן קאָנטאַקט מיט מענטשן, באַרויבט מיך בעמײַלע פון קריגן אָט די כאַווײרים און פרײַנט, וואָס וואָלטן מיר יאָ געקאָנט און געוואָלט העלפן. וואָרים ווי זאָגט עס די וועלט אַ ווערטל? —„אַז ווײַטער פון די אויגן, איז ווײַטער פונעם האַרצן”...

אָבער די וועלט ווייסט אויך פון אַ צווייט ווערטל:

„נויטווענדיקייט איז די מוטער פון דערפינדונג”...

האָב איך — ווײַל איך האָב געהאַט פאַר זיך אָט די שווערקייטן — גענומען זוכן אַ וועג ווי צו דערמעגלעכן דאָס אַרויסגעבן פונעם בוך מיט די מינימאַלסטע קאָסטן. עפּעס אַ שטיקל אײַנפאַל דערפאַר האָט זיך נאָך פון פריער געוואַרעמט אין מײַן געדאַנק. האָב איך עקספּערימענטירט, געגישטערט, געזוכט, געאַרבעט און איבערגעאַרבעט, ביז...

איצט קום איך דאָ מיט אָט דעם דאָזיקן בוך, וואָס איז טעכניש נײַ אין דער אידישער ליטעראַטור און וואָס וועט, גלויב איך, אַרויסרופן גרויס אויפזען בײַ די לײענער צוליב דעם וואָס עס איז אינגאַנצן געמאַכט פון מעכאַבער, ווי אויך צוליב דער באַצירונג מיט אַזויפיל בילדער און צײכענונגען, — אַ זאַך, וואָס וואָלט אַבסאָלוט אומעגלעך געווען ווען עס וואָלט געדרוקט געוואָרן אַפן געוויינטלעכן שטײגער. עס וועט אויך זײַן ניט איבעריק אָנצעווײזן, אַז דערפאַר וואָס איך אַלײן האָב געאַרבעט דערויף, האָב איך באַוויזן אין דעם בוך אַרײַנצוגעבן צו 41 שורעס אין אַ זײַט, אָנשטאָט די געוויינטלעכע 33, שורעס, וואָס גײען אַרײַן אין אַ געזעצטן בוך. מעסטנדיק דעריבער שורע צו שורע מיט דער מאָס פון אַ געוויינטלעך־אַרויסגעגעבענעם בוך, איז קלאָר, אַז אין די 296 זײַטן פון אָט דעם דאָזיקן בוך געפינט זיך פּאַקטיש אַרום 375 זײַטן מאַטעריאַל.

ניט געקוקט אָבער דערויף, איז פונדעסטוועגן פאַרן בוך אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַ מינימאַלסטער פרײַז, קעדײ צו געבן אַ געלעגנהײַט אַ וואָס גרעסערער צאָל פאָלקס־מענטשן צו קאָנען אײַנשאַפן פאַר זיך אַ קאָפּיע.

וואָס שײַך די דערצײלונגען גופע, האָב איך זײ — ווי אינעם ערשטן בוך מײַנעם — ניט געגעבן כראָנאָלאָגיש, אין דער ריי פון שאַפן, נאָר אין אָפטײלונגען. געטאָן האָב איך

דאָס, קעדיי צו געבן די דערציילונגען אַן איינהייטלעכקייט, כאָטש די טעמעס און פּלעצער פון געשעעניש זענען פאַרשידנאַרטיקע.

און אַז דאָס בוך וועט געפעלן ווערן די לייענער, וועט דאָס מיר שוין אָפּצאָלן פאַר די לאַנגע באַדאָשים שווערע אַרבעט, איינגעשלאָסן דאָס שאַפן פון די דערציילונגען גופא.

וואָרים: די אויפמערקזאַמקייט פון לייענער איז די בעסטע באַלוינונג...

איך וועל דעריבער מיט דאַנק און פאַרגעניגן אויפנעמען בריף פון לייענער, מיט מיינונגען און קריטיקן סיי וועגן טעכנישן אויסזען פונעם בוך און סיי וועגן איינהאַלט.

און ווייל עס איז מיר אַזוי שווער אָנגעקומען אַרויסצוגעבן דאָס בוך, וויל איך דאָ אויסנוצן די געלעגנהייט און עפנטלעך אויסדרוקן מיין דאַנק צו אַלע מיינע באַוויירים און פריינט, וועלכע האָבן מיר געהאָלפן סיי אין דער טעכנישער דורכפירונג און סיי אין שאַפן אַבאָנעמענטן. אַ דאַנק די אַבאָנענטן פאַר זייער געדולד; דעם דזשערזשינסקי ברענטש 34 אינט. אַרבעטער אָרדן, ספּעציעל די באַוויירים פונעם קאָמיטעט; דעם ספּעציעל-געשאַפענעם בוך-קאָמיטעט; די אַלע אָרדן-ברענטשעס, וועלכע האָבן זיך אָפּגערופן מיט באַשטעלונגען, דורך זייערע סעקרעטאַרן, אָדער קולטור דירעקטאָרן. אַ האַרציקן דאַנק מיין ליבן באַוער, דעם קינסטלער י. זעלדין, פאַר זיין אומדערמידלעכער מיטאַרבעט אין באַצירן דאָס בוך מיט זיינע ספּעציעלע בילדער און צייכענונגען.

אַ באַזונדערן דאַנק דריק איך אויס צו די באַוויירים: ש. אַלמאַזאָוו, מ.ל. אָלקין, וויליאַם ווינער, ר. זאַלצמאַן, סעם ליפּצין, א. קרוט און אַלע אַנדערע, וועמעס נעמען עס ווערן באַזונדער אויסגערעכנט.

זאָל קלאָר זיין, אַז אָן דער הילף פון די דערמאָנטע באַוויירים, וואָלט דאָס בוך — בײַ מיין איצטיקן צושטאַנד — ניט געקאָנט דערשיינען.

איך וויל דעריבער האָפן, אַז אין דער צוקונפט וועלן די זעלביקע באַוויירים ווידער מיר געבן זייער הילף און קאָאָפּעראַציע ווי ביז איצט...

פאַר אַ גרויסער און דערפאָלגרייכער אידיש-פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור,

[illegible]

מיטגלידער פונעם ספּעציעלן בוך-קאָמיטעט:

וויליאם ווינער			ס. פעלדמאן
מ. אָלקין	מאקס בראָנשטיין	י. יאפּע	א. פיינגאָלד
א. קרוט	א. גאָלדבערג	משה כץ	מ. פינקוס
י. אייזענמאן	מ. דובאָוו (דענווער)	סעם ליפּצין	מ. פריד (דאלאס)
ש. אלמאזאָוו	לואיס היימאן	ל. מילער	ה. קאסטרעל
י. ב. ביילין	ג. האָכבערג	י. סולטאן	ה. קרוט (לאָס אנזש)
פיליפּ בעקער	ר. יוקלסאָן	מ. פרידמאן	מ. רעזניקאָוו (שיקאגאָ)

פולער צעטל פון ברענטשעס, וועלכע האָבן זיך אָפּגערופן מיט באַשטעלונגען פאַר ביכער, ווי אויך די נעמען פון מיינע באַוויירים און פריינט, וועלכע האָבן געשאַפן אַבאָנעמענטן, איז געדרוקט אף זייט 294.

געניען

בילדער און צייכענונגען — פון י. געלדין

אין אזאַ צייט לעבן מיר

דער „דעפּיוטי־שעריף“

די פאַמיליע אַלסאָן איז געזעסן באַם טיש פון איר רייכן עס־צימער, באַם פאַרענדיקן דעם מיטאָג. פונדרויסן, דורך די שווערע, זיידענע גאַרדינען, — געוועבטע פון פיאַלעט און גאָלד־פעדים, — האָבן זיך ווי דורכגעזיפּט די גינגאָלדענע שטראַלן פון דער אָוונטדיק־פאַרגייענדיקער זון. דורך די ברייטע, צעעפנטע ווענע־ציע־פענצטער, האָט זיך אין שטוב אַריינגעטראָגן אַ שמעקעדיק־פרישער רייעך פון די נאָר־וואָס צעבליטע אַקאַציע־בוימער, וועלכע זענען זייער געדיכט געשטאַנען אינעם פריוואַטן פּאַרקל, אַרום דעם אַלט־פרענקישן פּאַלאַצל. עס האָבן זיך גע־מישט און געמיניעט געוועבן פון געשמאַקע עסנס, בעזן און זון־שטראַלן...

אין הויז איז אַלץ געווען שווער און סאָליד. מיסטער אַלסאָן אַליין, זיין ווייב, דער זון און דאָס טויטע אַנטיק־מעבל פון אַרום. אַפילו די געזימסן פון מאַהאָגאַני־האָלץ, וואָס אַרום די ווענט און אויפן סופיט, — שווערע און — פונקט ווי די באַלעבאַטים — ערטערווייז באַגילדעטע. איינגעפונדעוועטע און פעסטע זיכערקייט האָט גאַיוועדיק מאַמעש אַרונטערגערוט פון אַלעמען...

און ווי אַ דערגאַנצונג צו דער דאָזיקער סאָלידקייט, האָט איבערן צימער געווייעט עפּעס אַזאַ מאָדנע ערנסט־אָנגעשטרענגטע שטילקייט, פונקט ווי אין אַ מוזיי פון שוין לאַנג־פאַרגעסענע אַלטערטימלעכקייטן...

אַלץ איז געווען ווי פאַרגליווערט...

דער גרויסער אנטיק־זייגער, וואָס אינעם אויפנאַם־צימער דערביי, האָט — פונקט ווי אַן אַלטער, באַיאָרטער וועכטער — געלאַסן־שווער געסאָפּעט און פויל־מאָנאָטאָן אויסגעקלונגען די שאָען מיט אַ בריפעדיק־קופּערנעם קירכן־קלאַנג.

די אַלסאָנס האָבן מעכאַניש איבערגעהאַקט דאָס עסן, אויסגעשטרעקט די קעפּ און זיך איינגעהערט אינעם געקלאַנג, פּונקט ווי יעדער פון זיי וואָלט אין די געדאַנקען באַ זיך נאָכקאָנטראָלירט, צי קלינגט עס טאַקע דער זייגער אַקוראַט פינף.

דער אַלטער אַלסאָן האָט פויל אַ צי געטאָן דעם ברעג פון אַ זיידענעם שנור, וואָס איבערן טיש, און גלייך האָט זיך — שטיל, ווי פון אונטער דער ערד ארויס — אַ באַוויז געטאָן אַ דינער. ער האָט זיך שטייף־טרוקן אַ שטעל געטאָן לעבן דער ריזיקער, אָפּענער, וויס־עמאַלירטער און באַגילדעטער טאָפּל־טיר פון עס־צימער און געשוויגן. מיט דער שאַרף־עקיקער מאָרדע פונעם גלייך־ליניעדיקן קאָפּ, וואָס האָט אויסגעזען עפּעס ווי ביי אַ שטאָלענעם ראָבאָט, — איז ער געשטאַנען פּאַרריסן ארויפצו און מיט זיינע קליינע אויגעלעך געגלאָצט צום סופיט, אַקוראַט ווי עס וואָלט אים געווען שטרענג פאַרבאָטן צו קוקן אַף זיינע באַלעבאַטים. אָן שום באַוועגונג, בלויז מיט די בלוילעכע דינע ליפּן, האָט ער טרוקן אַ פרעג געטאָן:

— יעס סער?!...

מיסטער ראָבערט אַלסאָן, דער באַלעבאָס, האָט גלייך ניט געענטפערט. ער האָט צום ערשטן אַ וויש געטאָן זיינע פעטלעכע ליפּן מיט דער ווייסער, שטייף־געפּרעסטער סערוועטקע, אַ פּיר געטאָן מיט זיין וויסע, גלאַטע האַנט איבערן גלאַנציק־פאַרשוויצטן, פליכעוואַטן שטערן, און פאָרמעל — אַפילע ניט אויפהויבנדיק די אויגן זיינע — אַ זאָג געטאָן:

— קריג מיר מיסטער בעדפאָרדן אַפן טעלעפאָן!...

דער דינער האָט אַ פאַרקנייטש געטאָן די אויגן, לייכט ארונטערגעלאָזט דעם קאָפּ, ווי צו באַווייזן דערמיט, אַז ער האָט פאַרשטאַנען, און — מיט אַ שאַרפן באַוועג, ווי אַ סאָלדאַט, זיך אַף גיך אַ דריי אוים געטאָן צו דער טיר, אַף צוריק, און איז פאַרשוואונדן.

מיסטער אַלסאָן האָט אויפגעהויבן אַ בייכיק גלעזל — האַלב אָנגעפילט מיט גאָלדיק־לויטערן וויין, אין וועלכן — ווי עס האָט זיך געקאָנט דאַכטן — עס האָבן זיך צופעליק אריינגעכאַפּט עטלעכע פאַרבלאָנדזשעטע זון־שטראַלן. ער האָט דאָס גלעזל צוגעטראָגן צו די ליפּן, לייכט דערפון אַ זופּ געטאָן און מיט דער אונטערשטער ליפּ באַלעקט די אויבערשטע... באַלד האָט ער נאָכאַמאָל אַ פּרעס געטאָן מיט דער סערוועטקע איבער די ליפּן און זיך אויפגעשטעלט פון זיין פאָטעל. מאַדאַם אַלסאָן, וועלכע איז געהאַט געזעסן שווער און שטייף, ווי ביי אַ פאָרמעלער סודע, האָט — ווי זי וואָלט נאָר געוואַרט, אַז איר מאַן זאָל זיך פריער פון איר אויפשטעלן, — זיך אויך אַ באַוועג געטאָן. מיט איר׳ע איינגעקאַרטשעטע, מאַטע, אָבער נאָך גאַנץ זאַטע אויגן, האָט זי געוואָרפן אַ שטומען בליק אַפן זון, וועלכער איז געזעסן אַנטקעגן איר, און אים אַ צייכן געגעבן, אַז ער זאָל נאָך בלייבן זיצן.

אליין, אויסשטעלנדיק צוויי שורעס איבערנאטירלעך־ווייסע און רעגלמעסיק־צעשטעלטע גרויסע ציין, האט זי — מיט א געאיידלט־זיסן שמייכל — א פרעג געטאן דעם מאן:

— יאגסט זיך ערגעץ, באבי? עפעס זעסטו אויס אזמגעדולדיק!...

אלסאן האט אפאנים יא געוואלט עפעס ענטפערן אף זיין ווייבס פראגע, אבער אין דער זעלבער סעקונדע האט דער טעלעפאן, וואס אפן ביזאנטישן טישל אין ווינקל שטוב, א לייכטן קלונג געטאן. אלסאן האט זיך אפגע־שטעלט און איינגעהערט, אקוראט ווי ער וואלט זיך געוואלט איבערצייגן, צי דאס האט טאקע דער טעלעפאן געקלונגען. מיט גלאסענע טריט איז ער צוגעגאנגען, אומגעדולדיק א הויב געטאן דאס ניקלענע טעלעפאן־רערל און — מיט א פעסטער, זעלבסט־צופרידענער שטימע — טרוקן א ברום אריין געטאן:

— יע־עס?!...

א וויל איז ער געשטאנען אפאטיש־גלייכגילטיק און געהערט. באלד אבער האט זיך די קאליר אף זיין פאנים געביטן און ער איז רויט געווארן. מיט א שווערער האנט האט ער דאן צוריק א לייג געטאן דאס טרייבל אף די געפאלירטע גאפלען און זיך בייז אוועקגעדרייט:

— טייוול! — האט ער מיט קאאס א דונער געטאן, — ווען מען דארף אים איז ער ניטא!...

ער האט א קוק געטאן אפן ווייב, וועלכע איז געזעסן שטיל און — ווי א געהארכזאמע באשעפעניש — געהיטן זיין יעדן באוועג. ער האט גע־קוקט אף איר מיט א מאדנעם בליק, אקוראט ווי ער וואלט ערשט איצט מיטאמאל באמערקט, אז זי, די אמאליקע שיינקייט, הויבט שוין אן וועלקן, ווערט אלט, גרוי און איינגעקנייטשט:

„אפאנים", — איז אים דורכן געדאנק דורכגעלאפן, — „אז דאס לעבן — פונקט ווי אלץ וואס איז פארבונדן דערמיט — בייט זיך! איינער פראג־רעסירט און דער צווייטער"...

און ווי צו באפרייען זיך פונעם דאזיקן געדאנק, — האט ער פון דער וועסט־קעשענע ארויסגענומען א ציגאר, אפגעהאקט דאס שפיצל מיט עפעס א ניקלענער בייס־מאשינקע און פאררויכערט:

— וואס האסטו געזאגט, מאַ? — האט ער, גלייך ווי ער האט פארצויגן דעם ערשטן רויך, — מיט א גלעטנדיקער ראכמאנעס־שטימע איבערגעפרעגט.

— איך... — האט זי זיך פאר א וויל א קווענקל געטאן און ענדלעך ארויסגעפלאצט, — איך פרעג, ווי עס זעט אויס דארט, בא דיר...

— הממם, — האט אלסאן, אפאנים ניט קאנענדיק באשליסן וואס איר צו זאגן, א ברום געטאן, — ס'איז ניט גוט!... זיי... דער מאב... זיי ווערן ווילדער פון טאג צו טאג!... זיי האבן נעכטן ווידער באווארפן די הויפט־געביידע פון פאבריק מיט שטיינער!... צעשלאגן עטלעכע ארבעטער, וואס מען האט געבראכט פון אויסער שטאט און...

מאדאם אלסאן האט ברייט צעעפנט אירע אויגן. די זעקעלעך הינטער זיי זענען געווארן בלויער און אנגעגאסענער ווי שטענדיק. זי האט נערוועז

געזומען דרײַען דעם בריליאַנטענעם רינג אַף איר מאַניקיורטן פינגער, וואָס מיט אַ שפּיציקן, רובין־קאָלירטן נאָגל, און דערבײַ אומרואיק, אָבער גאַנץ געפּערלט, אַף אַ פּאַלצעטל אויסגעצויגן:

— אָ, גאָט מײַנער!... דאָס איז דאָך שרעקלעך!... ווי וואָגן זײ דאָס, די מיזערנע שלעפּערס?...

אָלסאָן, — ווי ער וואָלט פאַרשטאַנען איר שרעק, — האָט ווידער אַ קוק געטאָן אַף איר, פאַרצויגן אַביסל רויך און צוגעגעבן:

— יאָ, ס'איז טאַקע שלעכט! דאָס ערגסטע איז אָבער, וואָס זײ האָבן זיך אויסגעלערנט אַנטקעגנשטעלן און האַלטן זיך פעסט!... זײ קריכן אין פײַער אַרײַן און באַוואַרפן אַפילו די שעריפס מיט שטײנער...

מאַדאַם אָלסאָן האָט אַזש פאַרצויגן די ליפּן:

— אָ, גאָט מײַנער! און דאָס אַלץ ער, דער רויטער לואיס?!...מען וואָלט דאָך אים, צוזאַמען מיט זײ, געדאַרפט דערפּאַר...

— וועגן דעם וויל איך עס דאָך טאַקע רעדן מיט בעדפאָרדן! — האָט אָלסאָן אַ זאָג געטאָן. — אָבער ער, דער טײַוול, איז ניטאָ!...

ער איז שטיל געוואָרן. דער יונגער אָלסאָן, וועלכער איז ביז איצט געזעסן און זיך בלויז אײַנגעהערט, האָט מיט איבערגעטריבענער אײדלקײט אַ פרעג געטאָן:

— וועט מיר דערלויבט זײַן, פּאַ?...

ער האָט זיך אויפגעשטעלט פון שטול אין דערוואַרטונג אַפן פאָטערס ענטפער. דער אַלטער האָט אים אָנגעקוקט מיט פרעגנדיקע בליקן.

— בעדפאָרד, האָב איך מוירע, פאַראַט דיך, פּאַ! — האָט דער זון גיך אַ זאָג געטאָן, — ער שפּילט אַ מאָדנע פּאָליטיק!...אַף דײַנע פּלײצעס וויל ער אַרײַנפאָרן פאַר גאָווערנאָר און צו לואיסן בײַנדלט ער זיך!... ער האָט דאָך אַפילו ניט געוואָלט באַשטראָפן די פײַערלײַט!...

— וואָס איז דען געשען מיט די פײַערלײַט? — האָט מאַדאַם אָלסאָן אין אײן אָטעם איבערגעשלאָגן, קאַלופּענדיק אירע צײן מיט אַ צאָן־שטעכער.

זי האָט פאַרלײגט די הענט געקרײַציקט אײנע איבער דער אַנדערער און געוואַרט. דער מאַן האָט געשוויגן. ער האָט אויסגעזען אויפגערעגט. דער זון האָט אַ שניט געטאָן:

— באַם נעכטיקן ראַיאָט, מאַ, האָבן די פײַערלײַט זיך אָפּגעזאָגט צו צעטרײַבן דעם מאָב מיט וואַסער!...

אַ מינוט איז שטיל געווען. די גאַנצע פאַמיליע איז געשטאַנען ווי זי וואָלט דאָס פאַרמעגן פאַרלוירן... מיטאַמאָל האָט דער אַלטער אַ זיפּצעלע געטאָן און — אַנטוישט, ווי אײנער, וועמען דאָקטוירים האָבן אָפּגעזאָגט דאָס לעבן פון אַ נאָענטן מענטשן — שטיל אַ ברום געטאָן:

— איצט קומט אויס, אַז עס איז שוין טאַקע מער ניטאָ אַף וועמען צו פאַרלאָזן זיך!...

— און קײן גענוג איבעריקע דעפּיוטיס, האָט ער, בעדפאָרד, אויך ניט אָנגעשטעלט! — האָט דער זון צוגעגעבן. — ער דערצײלט אַ מאַיסע, אַז קײנער וויל זיך ניט אײַנשווערן און אַז...

— אז יענע זענען ווי די שײדים! — האָט דער אלטער אויפגערעגט געברומט. — זיך אויסגעלערנט כאפּן די באָמבעס אין די הענט אריין און וואַרפן זײ צוריק!...די דעפּיוטיס האָבן פּאָשעט מוירע זיך אָנצוהויבן מיט זײ!...ס'הײסט, זאָגן זײ, מאַמעש מיטן לעבן צו ריזיקירן!...

מאַדאַם אָלסאָן האָט אזש גענומען ציטערן:

— דאָס איז דערפאר, וואָס זײ זענען היגע!...יאָ!... איך בין אָבער אלעמאָל געווען קעגן אײנשווערן היגע בירגער פאר דעפּיוטיס!... זײ, איך מײן די היגע אײנוואוינער, זענען געקנופּט און געבונדן מיט די סטרײקער און... אָט, ווען ער ברענגט אָבער ארונטער פרעמדע דעפּיוטיס, אזוי ווי דו האָסט ארונטערגעבראַכט פרעמדע ארבעטער...

דער טעלעפאָן האָט געקלונגען. אָלסאָן איז צוגעגאנגען:

— וואָ־אָס?! — האָט ער אין א ווײל ארום אין שטארקער אויפרעגונג אויסגעשריגן. — ווידער באַפאלן מיט שטײנער?... מען האָט געשאָסן?... פּופּצן פאַרוואונדעטע?...

ער איז געבליבן שטײן באַוועגלאָז, מיטן טרײבל אין דער האַנט, ווי ער וואָלט עס געהאַט פארגעסן צוריקצולײגן אף די גאָפּלען. עס האָט אויסגעזען, ווי די אָנגעקומענע מעלדונג וואָלט אים עפּעס ווי פריטשמעלעט און אָפּגענומען דאָס לאָשן בײ אים. ענדלעך האָט ער, אַן אויפגערעגטער, גיך גענומען ארומשפּאנען און איז אריבערגעגאנגען אין צווײטן, דערבײאיקן זאַל. דאָרט האָט ער זיך שווער ארײנגעזעצט אין א טיפן, ווײכן פאָטעל און פארזונקען דעם קאָפּ אין די הענט ארײן. מאַדאַם אָלסאָן און דער זון זענען אויך ארײנגעגאנגען. זי האָט זיך צוגעזעצט אפן דיוואַן, מיט די פיס אף א נידעריקן, ווײך־געבעטן פוס־בענקעלע, און געשוויגן... דער זון האָט זיך אוועקגעשטעלט לעבן צעעפנטן פענצטער און — פּונקט ווי ער וואָלט ניט געוואָלט איבערשלאָגן די שטילקײט — זיך מיט א פינגער געשפּילט מיט א פארשלאָפן קאַנאַריקל אינעם הענגנדיקן שטײגל. די אָנגעשטרענגטע שטילקײט האָט אויסגעזען מאָדנע אין דעם רײכן הויז. זי איז געהאנגען נאָר ווי עפּעס א שווערער וואָלקן פאר אַן אויסברוך. מיטאַמאָל האָט דער אלטער — ניט אויפהויבנדיק אפילע דעם קאָפּ פון די הענט ארויס — שווער גענומען ברומען:

— יאָ, עס זעט אויס גאָרניט פרײלעך!... סײדן דער גאָווערנאָר זאָל מיר גלײך צו הילף קומען און אַהערשיקן די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע!...

— פאַרוואָס־זשע האָסטו עס אים ניט געבעטן? — האָט די אלטע פרום א פרעג געטאָן.

— געבעטן!...— האָט ער טרוקן צוגעוואָרפן, — געפּאָדערט!...

— פאַרוואָס זשע האָט ער עס ניט געטאָן?...

— ווײל...ווײל מיר האָבן אזא רעגירונג, אזא פּרעזידענט און אזא גאָווערנאָר!... עס איז פאר אים ניט אזא לײכטער איניען, זאָגט ער!... ס'איז פארבונדן מיט קאָנסטיטוציע, צו אלדע טײוול!...

— קאָנסטיטוציע? — האָט זי זיך גענומען ערגערן, — ווען אונדזער פארמעגן און לעבן איז אין געפאר, קאָן קײן רײד ניט זײן וועגן די־אָ

זאכן!...און צוריקגעשמועס'ט, — האט זי מיטאמאל א זאג געטאן, — קאן מען דען ניט געפינען עפעס א וועג ווי צו מאכן, אז דאס זאל יא זיין לויט דער קאנסטיטוציע?!...

— זיכער קאן מען! — האט דער זון צוגעגעבן. — מען דארף בלויז זען, אז די היגע איינוואוינער זאלן עס פאדערן פון גאווערנאר, אין דעם נאמען פון באשיצן זייער רו און פארמעגן...

— טא פארוואס־זשע שווייגסטו? — האט זי שארף א קוק געטאן דעם מאן אין די אויגן אריין. — דארפסטו זיי זאגן, אז אויב זיי וועלן עס ניט טאן, וועסטו גלייך אפשטעלן יעדע פעני, וואס דו גיסט פארן שפיטאל און פאר אלע אנדערע אינסטיטוציעס פון שטאט!...

אלסאן האט גארניט געענטפערט. ער האט בלויז אומגעדולדיק א קוק געטאן אפן זייגער אנטקעגן זיך, אויפגערעגט א הויב געטאן זיך פונעם פאטעל און מיטאמאל, ווי מיט א פרעמדער שטימע, אויסגעברומט:

— איך וועל אים צעקוועטשן! ווי א וואנץ וועל איך אים צעקוועטשן!... ווי א ווארעם וועל איך אים צעטרעטן!... אויב ער וועט זיך ווייטער באציען אזוי קאלט צום איניען, וועל איך אים...געזען א זאך?...ווען מען דארף אים, ווערט ער, דער טייוול ווייסט אים, ערגעץ פארפאלן און...

עס האט אנגעהויבן ווערן טונקעלער אין שטוב. טונקעלער און רויטער. די זון־שטראלן, וואס האבן געהאט אריינגעשאסן דורכן ווענעציע־פענצטער פון עס־צימער, און פארלייגט זייערע שפיצן אפן אראנזש־קאלירטן, ווייכן טעפיך, האבן זיך אפגעטראגן ערגעץ אן א זייט. אנשטאט דעם האבן די באגילדעטע געזימס־פרענדזלעך זיך געצונדן טינקען אין רויט. עטלעכע מינוטן זענען פארביי און קיינער האט גארניט גערעדט. מיטאמאל האט דער טעלעפאן א ריס געטאן מיט א שארפן קלונג.

— טו א קוק, הערב, ווער דאס איז! — האט דער אלטער — מער צו זיך ווי צום זון — פלעגמאטיש א זאג געטאן.

הערבערט, וועלכער האט אפאנים דערווארט דעם דאזיקן באפעל, האט ברייט א שפרייז געטאן צום טעלעפאן־טישל. ער האט זיך אוועקגעזעצט רייטנדיק איבער דער ברייט פון א מאדערנער, רויט־געבעטער שטול און א ווארף געטאן אין טרייבל אריין:

— יע־עס?!...

ער האט פויל א צי געטאן פונעם סיגארעטל און ווייטער גערעדט:

— יא, דאס איז אלסאן!...הערבערט אלסאן!...העלא!...גוט וואס איר האט אנגעקלונגען, קעפטן!...פא איז זייער אומרואיק!...ער...

דער אלטער, אז ער האט דערהערט ווער דאס איז, איז ער האסטיק א שפרונג געטאן און אויסגעצויגן די הענט אין פאראויס, צום טעלעפאן.

— ווארט א וויל, קעפטן! — האט הערבערט פלינק א זאג געטאן אין טעלעפאן אריין. — דער פא...

ער האט ניט פארענדיקט די פראזע. שטומערהייט האט ער איבערגעגעבן דאס טרייבל דעם פאטער און אליין זיך גלייך צוגעזעצט לעבן דער מוטער, זיך איינצוהערן צוזאמען מיט איר צו דעם טעלעפאן־געשפרעך. מיסטער

אַלסאָן האָט געהאַלטן דאָס טרייבל אין איין האַנט און דערביי, — מיט דער צווייטער — געזוכט הינטער זיך די שטול אַף אַוועקצוזעצן זיך. ער האָט גענומען שאַרף רעדן:

— ניין, בעדפאָרד, אַזוי וועט עס ווייטער ניט גיין!... איך וועל עס ניט דולדן!...נאָך א טאָג — און זיי וועלן דאָך מאַכן א טעל פון אַלעם!...

ער האָט איבערגעהאַקט אינמיטן, אומצופרידן געדרייט מיטן קאָפּ, ווי אָפּצוואַרפן די רייד, וועלכע האָבן אָפּאַנים א פּליי געטאָן פון יענער זייט טעלעפאָן, און ווידער גענומען שרייען:

— אָבער עפּעס מוז דאָך פּאָרט געטאָן ווערן!...נו, זאָל עס זיין נאָך שעריפס און מענטשן, אַף וועמען מען קאָן זיך פאַרלאָזן!... זאָל זיין וואָס איר ווילט, אָבער מען מוז דאָס איינמאָל פאַר אַלעמאָל באַצייטנס אָפּשטעלן און... די סי־איי־אָ מוז פון שטאָט פאַרטריבן ווערן!...און איך...איך וועל ניט צאָלן קיין אומזיסטיקע געלט, סיידן...יאָ, סיידן איך געפעלט עפּשער ניט צו בלייבן קיין פאָליציי־שעף מער!...

ער האָט ווידער גענומען דרייען מיטן קאָפּ אין אומצופרידנקייט און ווייטער גערעדט:

— יאָ, גאַנץ גוט...איך פאַרשטיי!... נו, און מיט דער פּרעסע וועל איך שוין אַליין ווי עס איז דורכקומען... די פראַגע איז בלויז: פאַרוואָס זענט איר אַליין געשלאָפן ביז איצט?!...

ער האָט זיך ווידער צוגעהערט פאַר א וויל און דערביי פאַרגיטיקנדיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. מיטאַמאָל האָט ער זיך קאַאַסדיק א דריי געטאָן אַף דער שטול און באַלד זיך מיט כויזעק פאַנאַנדערגעלאַכט:

— בע־בע־בע!...ניט אַנדערש, נאָר איר זענט פון זינען אַרונטער, בעדפאָרד!... וואָס רעדט איר?... איך?... וואָס איז, איר קאָנט שוין ניט געפינען קיין אַנדערן אויסער מיך?!...

מיט קאַאַס האָט ער א זעץ געטאָן דאָס טרייבל אַף די גאָפּלען אַרויף, גענומען אויפגערעגט אַרומשפּאַנען און מיטאַמאָל א ברום געטאָן:

— א בוצפּע דאָס איז! — האָט ער א וואָרף געטאָן אין דער ריכטונג פון זיין פרוי און זון, — הערט נאָר אַן איינפאַל! איך זאָל אים גאָר גיין ווערן א דעפּיוטי־שעריף!...

ער האָט זיך צוגעזעצט, נאָכאַמאָל פאַררויכערט דעם אויסגעלאָשענעם ציגאַר איי א פאַראַקשנטער געשוויגן. מאַדאַם אַלסאָן און דער זון האָבן זיך איבערגעקוקט, מאַשמאָעס געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער אָפּאַנים ניט געוואַגט איבערצושלאָגן דעם אַלטנס געדאַנקען. ענדלעך האָט ער, דער אַלטער אַליין, — שוין עטוואָס אַן אָפּגעקילטער און א באַרואיקטער — שטיל, ווי צו זיך אַליין, א מורמל געטאָן:

— הממם... און עפּשער איז די גאַנצע זאַך גאָרניט אַזוי קרום, ווי איך האָב עס לעכאַטכילע געמיינט?...

דער זון האָט באַקומען מוט און זיך אָפּגערופן:

— איך רעכן, פּאַ, אַז דאָס איז גאָר א פיינער געדאַנק!... ספּעציעל איצט...יאָ!... אין אַזא צייט לעבן מיר!... זעסטו, ווען דו ווערסט טאַקע

אליין א דעפיוטי־שעריף, — וואָלט דאָס ניט נאָר ארייַנגעטראָגן מער לעבן אינעם קאַמף קעגן זיי, נאָר דאָס וואָלט זיכער אויך געווען באַאייַנפלוסט די אנדערע, די געדונגענע שעריפס, אז...

— עס איז דאָך אָבער פּונקט ווי מיטן לעבן זיך צו שפּילן!...— האָט מאדאם אָלסאָן מיט טרערנדיקע אויגן א זאָג געטאָן.

— אָבער מיט פרעמדע הענט איז בלויז גוט פייַער צו שאַרן, מאַ! — האָט אָלסאָן זי געענטפערט בארויקן. — ווארים בעעמעס טאָקע: וואָס גייט עס דען אָן די פרעמדע, געדונגענע מענטשן, צי איך וועל באזיגן די סטרייַקער, אָדער זיי — מיך?!...

— ריכטיק! — האָט דער זון צוגעשטימט. — אזוי, אָבער, ווען דו זאָלסט זיך נאָר באווייַזן לעבן דער פאבריק מיט א שעריף־שטערן אָף זיך, וואָלט גלייַך פאַרגעקומען אָן איבערקערעניש און...

אָלסאָן האָט ווידער פארזונקען דעם קאָפּ אין די הענט ארייַן, גענומען שטארק רייַבן דעם שטערן און — מיטאמאָל, זיך אויפשטעלנדיק פון דעם פאָטעל — אנטשלאָסן א זאָג געטאָן:

— יאָ, ביסט טאָקע גערעכט, הערבּ! הייַנטיקע צייַטן איז אנדערש!... אין אזא צייַט לעבן מיר!...מען טאָר זיך ניט פארלאָזן אָף יענעם!... מען דאַרף אליין קעמפן פאר דער אייגענער עקזיסטענץ און אויפהאַלטונג!... די ארבעטער האָבן דאָס אפּאָנים דערלערנט און טוען עס! מיר טאָרן ניט אָפּשטיין, אויב מיר ווילן ניט פארשפּילן!... און אויב איך וויל טאָקע אָף ווייַטער אָנהאַלטן מייַן פּאָזיציע אין לעבן, — דאַן טאָרן אזעלכע זאכן ניט זייַן קיין אָפּהאַלט פאר מיר!...

ער האָט א צעשפּרייַט געטאָן די הענט און באפעלעריש אויסגערופן:

— הערבערט! זע אז מען זאָל מיר צוגרייטן דעם אָטאָמאָביל!... איך פאָר גלייַך אריבער צו בעדפאָרדן און...

ער האָט א כאַפּ געטאָן דעם הוט מיטן שטעקן און איז מיט האסטיקע טריט ארויסגעלאָפן פונעם צימער... מאדאם אָלסאָן האָט מיט טרויעריקע בליקן אים לאנג נאָכגעקוקט...

2) דער אָרגאַנײַזער

די קאָמפּאַני־הײַזלעך, וואָס האָבן זיך געפונען לענג־אויס דער שטאָל־פאַבריק, באַם סאַמע עק פונעם שטעטל, זענען — אײנס און אײנס — געווען קלײנע, אַלטע און אָרימע. אַלע — ווי זײ וואָלטן גע־ווען אַרונטערגעוואָרפן פונעם הימל — זענען זײ געשטאַנען צעוואָרפן אין אומאָרדנונג, ווי עס האָט זיך נאָר געמאַכט. די דינע ווענטלעך זײערע — ווי פון פּאַפּיר — האָבן זיך אונטערגעוויגט פונעם קלענצטן ווינטעלע אַפילע און — פונקט ווי די צימערלעך אין זײ — אויסגעזען קרענקלעך און אויסגעמוטשעט. די צימערלעך — וויפל מען זאָל זײ ניט געווען באַהײצן אין די ווינ־טער־כאַדאָשים — זענען שטענדיק געווען אַזוי קאַלט, ווי אין אַ קיל־שטיבל אַפן מאָרג. אַפילע אין די פרילינגס, ווען אָף די אַרומיקע צופעליקע בוימער האָבן זיך שוין אָנגעהויבן צעעפענען די בלעטער־קנאָספּן, אין אַ פאַרזוך זיך צו צעבליען, אײדער זײ וועלן פאַרסאַמט ווערן פונעם בײַסיקן גערוך פון דעם צעגליטן שטאָל און ברענענדיקן קאָקס — איז אינעווײניק, אין די שטיבלעך, נאָך אַלץ געווען קאַלט און אומהײמלעך. די אָרעמקײַט האָט מאַמעש אַרונטערגעווײנט פון אַלעם...

פונקט אַזוי איז אויך געווען דאָס הײַזל, אין וועלכן עס האָט געוואוינט דער רויטער באַב, דער שטאָל־שמעלצער, וואָס איז געווען דער לאָקאַלער יוניאָן־אָרגאַנײַזער, מיט זײַן ווײַב עללאַ און די צווײ קינדער זײַערע. אין די צימערלעך איז אַלץ געווען אָפּגעטראָגן און אַלט... דער ווײַס־געקאַ־לעכטער באַלקן — אַ צעפּלאַצטער און אַ געזעצטער אין אײן זײַט — האָט געמאַכט דעם אײַנדרוק פון עפּעס אַ וואָגן אָף אַ צעבראָכענעם אַקס. פון די ווענט, וועלכע זענען — אָנשטאָט מיט טאַפּעטן — געווען ערטערווײַז באַקלעפּט מיט אַלטע צײַטונגען, האָבן אַרונטערגעהאַנגען שטיקער פּאַפּיר־צוזיטן. דער דיל — פון געלאַטעטע און צעשטשערבעטע ברעטער — איז גע־ווען פול מיט גריבער און לעכער. עס האָט זיך ניט געקאָנט גלויבן, אַז דאָרט וואוינען מענטשן, — אַרבעטער, וואָס גיסן אויס שטאָל־שטאַבעס פאַר די גרעסטע געבײַדעס אין לאַנד...

און זינט עס איז אויסגעבראָכן דער סטרײַק בײַ אַלסאָנען אין דער

שטאָל־פאַבריק, — איז בײַ באַבן אין שטוב געוואָרן נאָך טרויעריקער און ענגער. דאָס קלענערע, זײַטיקע צימערל, וואָס איז געווײַנטלעך געווען די קינדערס שלאָף־צימער, — איז געווען פאַרנומען מיט דער צײַטווײַליקער קוואַרטיר פון דער לאָקאַלער יוניאָן. באַטאָג איז דאָרט אָנגעגאַנגען אַ פיבערדיקע אַרבעט, ווי אין אַ גענעראַל־שטאַב אויף אַ שלאַכט־פעלד, און בײַנאַכט זענען דאָרט, אויף דער הולער ערד, געשלאָפן די צווײ אָנגעקומענע ספּעציעלע אָרגאַניזירערס, וואָס די יוניאָן האָט צוגעשיקט. באַבע מיט איר גאַנצער פאַמיליע האָבן זיך דעריבער צוזאַמענגעדריקט אין דעם גרעסערן צימער, וואוהין זיי האָבן — קעדיי זיך ווי ניט איז וואַרעם צו האַלטן — אויך אַריבערגעטראָגן די קיך זייערע.

איבער אַט דער דאָזיקער ענגשאַפט, איז יעדן אינדערפרי אין שטוב געווען אַן אומאָרדענונג און זייער אָנגעמוישעכץ. דאָס איינציקע אַלטע בעט זייערס — אַ הילצערנס און אומגעלומפּערטס — איז געווען ניט צו־געבעט און דערויף איז געווען אָנגעהורבעט אַ הויכער הויפן קאָלדרעס און קישעלעך, וואָס עללאַ, באַבעס ווײַב, האָט יעדן אינדערפרי צונויפ־גענומען פון דער ערד, וואו זי האָט מיט אַן אָוונט פריער אויסגעבעט געלעגערס פאַר די קינדער. פעדערן פון די קישעלעך און וואָל פון די קאָלדרעס, האָבן באַדעקט דעם דיל ווי מיט עפּעס אַן אויסגעוואַקסענעם מאָך. דער אײַנדרוק איז געווען, פונקט ווי מען וואָלט ערשט נאָר־וואָס געווען אַרויסגעטראָגן פון דאָרט אַ מעס אָפּן בעסוילעם אַרויס...

אין שטוב איז שטיל געווען. די קינדער זענען שוין געהאַט אוועק אין שול. בלויז דאָס שורשען פון עללאַס שטעקשיך איבערן דיל, האָט — רײַצנדיק, ווי מיט אַ שלײַף־פּאַפּיר — געגרילצט בעאַיס איר אַרומגיין. אַ פאַרפאַרעטע האָט זי זיך מיד אַרומגעשלעפּט איבערן צימער, פון איין פלאַץ צום צווייטן, ווי זי וואָלט אַליין ניט געוואוסט צו וואָס זיך פריער צו נע־מען. אָפּן טיש, וואָס אינמיטן צימער, זענען איינער אין אַנדערן געווען אָנגעשטעלט עטלעכע ניט־געוואַשענע טעלער פון דער נעכטיקער וועטשערע. אויף די בענקלעך — אָנגעוואָרפענע קליידער, וואָס האָבן זיך ווי געבעטן, אַז מען זאָל זיי צונעמען און אוועקלייגן אויף זייערע פלעצער. אָפּן גאַז־אויוון, איבער אַ קליין פײַערל, איז געשטאַנען אַ בלעכענער קאַווע־טאָפּ, וואָס האָט זיך געקאָכט, וואַרפנדיק אומרעגלמעסיקע ברוינע וואַסער־בלאָזן צום רונדן גלעזערנעם קאָלפּאַקל פונעם טאָפּ־דעקל און דערבײַ — ווי אויף צו לעהאַכעס — נאָר ווי געוועט:

— ברול־בירל־בורל... סטרײַק־נויט־פּײַן...

עללאַ האָט גענומען אַ בעזים אין האַנט און זיך געקליבן אויסקערן דעם דיל. זי האָט זיך אָבער אָפּאָנים גלײַך געכאַפּט, אַז זי דאַרף פריער עפּעס אַנדערש טאָן און זיך גענומען צו די קליידער אויף די בענקלעך. אין אַ ווײַל, אָבער, האָט זי אויך דאָס איבערגעלאָזט, איז צוגעגאַנגען צו דעם פענצטער און דאָס אַרויפגערוקט, קעדיי אַרײַנצולאָזן אַביסל דרויסנדיקע פרישע לופט. דערבײַ איז זי אַזוי פאַר אַ ווײַל געבליבן שטיין מיט איר קאָפּ אינדרויסן אַרויס, זיך אַרומגעקוקט אין דער זײַט, צו דער פאַבריק

צו, און ברייט אָפּגעאָטעמט. מיטאמאָל האָט זי זיך ווידער א כאַפּ געטאָן, איז צוגעלאָפן צום קאַכנדיקן קאַווע-טאָפּ און פאַרדרייט דאָס פייער.

פונדרויסן, דורכן צעעפנטן פענצטער, האָט זיך אין שטוב אריינגעטראָגן א מין אומהיימלעכע שטילקייט, וואָס האָט אויסגעגאָסן עפּעס אן אומבאַשטימטע שרעקעוודיקע אָנגעלאָדנקייט. עס האָט זיך דערפילט א שווערע אויסטערלישקייט. אן איינציקער זון-שטראַל האָט זיך מיקלוזימערשט געוואַגט אריינגעכאַפּט דורכן פענצטער ווי עפּעס א שאַרפע שפּיז, אָבער זיך גלייך אַוועקגעלייגט נעבעכדיק און פאַריאָסעמט ביי א פּיסל פונעם טיש און אַזוי דאָרט געבליבן ליגן איינגעדרייט אין דרייען, ווי א וואָרלאָזער הונט, וואָס דרימלט אונטער פון אַלטקייט.

עללא האָט אראָנטערגענומען דעם קאַווע-טאָפּ און גענומען אָנגיסן א טעפּעלע קאַווע. דערביי האָט זי אויסגעדרייט איר קאָפּ צו א צוגעמאַכטער טיר, וואָס אין צווייטן עק צימער און א וואָרף אָהין געטאָן:

— באָב, דיין קאַווע איז שוין פאַרטיק!...

פון הינטער יענער טיר האָט זיך דערהערט א פאַרשטיקטער ענטפער:

— איין רעגע נאָך, על!...אָט ענדיק איך זיך ראַזירן!...

עללא האָט פון א שאַפּקעלע, וואָס איבערן אויוון, ארויסגענומען א בלעכן קענדל קאָנדענסירטע מילך און גענומען אריינגיסן אין טעפּעלע, צום פאַרווייסן די קאַווע. דאָרט איז אָבער שוין אָפּאָנים מער קיין טראָפּן מילך ניט געווען. זי האָט פונדעסטוועגן מיט אומגלויבן א שאָקל געטאָן דאָס קענדעלע לעבן איר אויער און — איבערצייגט זיך, אז עס איז טאַקע ליידיק — מיט אנטוישונג דאָס צוריק אַוועקגעשטעלט. דערביי האָט זי ווי צו זיך אליין מיט ביטערקייט א ברום געטאָן:

— ער וועט שוין היינט, זעט אויס, מוזן טרינקען אָן מילך...

באָב איז אָנגעגאַנגען. ער — א ברייט-פּלייציקער און געזונטער — האָט אינעם גאַנג געווישט דאָס רויטע פּאָנים זיינס מיט א האַנטעך און — אויפכאַפּנדיק עללאַס לעצטע ווערטער — א מאָדנעם שמייכל געטאָן:

— וואָס-זשע, על, — האָט ער א זאָג געטאָן, — ס'איז דאָך ניט צום ערשטן מאָל באַ מיר צו טרינקען קאַווע אָן מילך! איך וועל זיך דאָך ניט דאַרפן צוגעוואוינען דערצו...

עללא האָט אים טאַמעוואַטע אָנגעקוקט און צעווייטיקט אויסגעזיפצט:

— עס וועט שוין באַלד שווער זיין זיך צוריק צוגעוואוינען צו קאָנען טרינקען קאַווע מיט מילך...

ער האָט גענומען אָנטאָן דאָס אויבער-העמד און א לאַך געטאָן:

— ניט קיין אומגליק, על!... עס וועט זיך אויספּרעסן...

און גלייך צוגעגעבן:

— על, טייערע! טו, איך בעט דיך, א קוק אינדרויסן ארויס און זע וואָס עס הערט זיך דאָרט!...

א געהאָרכזאַמע האָט עללא זיך אריבערגערוקט אין פענצטער ארויס, געכאַפּט א קוק צו דער זייט גאַס און מעלאַנכאָליש אָפּגעענטפערט:

— שטיל ווי געווייינטלעך!...די פּיקעטס דרימלען און די קאָפּס...

באב האָט זיך צוגעזעצט צום טיש:

— פאַרדאַמטע פּעלן! — האָט ער אַ ברום געטאָן, — ווי זיי היטן עס אָלסאָנען מיט זיינע סקעבס, דער טייוול זאָל זיי נעמען!...

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן. עללא האָט זיך ווידער גענומען צום אויפראַמען, און באב האָט זיך גענומען צו דער קאַווע. ער האָט געמאַכט אַ זויער פּאָנים:

— און קיין צוקער איז שוין אויך ניטאָ? — האָט ער אומדרייסט אַ פרעג געטאָן, — שוין אויך אויסגעגאַנגען?!...

זי האָט זיך אויסגעדרייט צו אים און שאַרף אַ זאָג געטאָן:

— שוין זעקס טעג זינט מיר האָבן באַקומען ס'לעצטע שפּייז-פּעקל און... מאָרגן וועט שוין אַוודע קיין ברויט אויך ניט זיין...

באב האָט אַ זופּ געטאָן אַביסל קאַווע, באַלעקט די אויבערשטע ליפּ און — שטיל, ווי צו זיך אַליין — אַ ברום געטאָן:

— הממם...ס'איז ניט פריילעך...גאָרניט פריילעך...

ער האָט זיך אָבער, ווייזט אויס, גלייך אַ כאַפּ געטאָן, אַז ער האָט געזאָגט אַ נאַרישקייט און — קעדיי עללא זאָל ניט פילן שווער — גענומען צוריקכאַפּן:

— נאָר ניט געזאָרגט, מאַ! אַלץ וועט נאָך זיין רעכט, וועסט זען... אַט, לאָמיר נאָר געווינען דעם סטרייק, וועלן מיר שוין דעמלט אַ לעב טאָן און זיך אַפילו אָפּנעמען פאַר דער גאַנצער צייט פונעם סטרייק...

עללא, אָבער, אַנשטאָט זיך צו באַרואיקן, האָט זיך גאָר גענומען אין פאַרצווייפלונג קלאָגן:

— אָבער דערווייל, באב? וואָס וועט מען טאָן מיט די קינדער?...

באב האָט באַצוואונגען געשמייכלט:

— עך, נאַריש מיידל וואָס דו ביסט! — האָט ער זי גענומען גלעטן מיט רייד, — צו וואָס דאָס זאָרגן?... עס קאָן זיין, אַז היינט-מאָרגן וועט די יוניאָן ווידער אַרויסגעבן צו פּעקלעך און...

זי האָט נערווירט:

— אָ, די יוניאָן, די יוניאָן...עס איז מיר שוין איבערדריסיק...

באב האָט צעווייטיקט אַ קוק געטאָן אַף איר:

— על, וואָסערע רייד רעדסטו עס היינט?... די יוניאָן, ווייסטו אַליין, טוט אַלץ וואָס זי קאָן! דער קאַמף איז אַ ביטערער! דער סטרייק האָט זיך פאַרצויגן לענגער ווי מען האָט אין אָנהויב גערעכנט!...די פאָנדן זענען אויסגעשעפּט!...אַ גליק בלויז, וואָס די אַרבעטער פון די אַרומיקע שטעט קומען צו הילף און...

עללא איז אַרומגעגאַנגען אַ וואַקלענדיקע איבערן צימער. ענדלעך האָט זי זיך אַוועקגעשטעלט באַם טיש לעבן באַבן און — אַ צעבראָכענע — זיך גענומען קלאָגן:

— אַז עס איז שוין סיי-ווי אַ פאַרלוירענער סטרייק, באב!... אָלסאָן איז שטאַרקער!... ער האָט מיט וואָס אויסצוהאַלטן און...

באב האָט אַ שניט געטאָן מיט דער האַנט:

— רעד ניט קיין נאַרישקייטן, עלן!... זיין רייכקייט וועט אים דאָסמאָל ניט העלפן!... ער וועט איצט מיט קיין געלט ניט קאָנען לאָזן די שמעלץ־אויוונס!... אָדער ער וועט מוזן נאָכקומען אונדזערע פאָדערונגען, אָדער זיינע שמעלץ־אויוונס וועלן ביי אים ווייטער גליווערן ווי ביז איצט!...

עללאַ האָט גענומען ווישן די אויגן:

— מיך אליין, באַב, וואָלט שוין ניט געאַרט ווי לאַנג דער סטרייק וועט אָנהאַלטן, ווען ניט פאַר די קינדער! זיי, באַב, — האָט זי געוויינט, — זיי זענען היינט אַוועק אין שול מיט בלויז אביסל וואַסערדיקער קאַשע און... אויב עס וועט אַזוי ווייטער אָנגיין, זעט אויס, אַז...

באַב איז צוגעגאַנגען צו עללאַן. ער האָט זי אַ נעם געטאָן מיט זיינע געזונטע הענט ביי אירע ביידע אַקסלען, געקוקט אין אירע אויגן אריין און זי גענומען טרייסטן:

— עס זעט גאָרניט אויס, „סוויטהאַרט”!... אין קורצן וועט אַלץ זיין אין אָרדנונג!...וועסט זען...

— אָבער אַלסאָן האָט דאָך אַרונטערגעבראַכט נייע אַרבעטער...

— סקעבס, מיינסטו! — האָט באַב איר שאַרף איבערגעשלאָגן, — נאָר ס'איז אַ־רייט!...זיי וועלן ניט אַרבעטן!..פאַרשטייסט, מיט צעבראָכענע און אונטערגעשלאָגענע ביינער קאָן מען ניט אַרבעטן!... זיי וועלן ביכלאַל זיין גליקלעכע, אַז זיי וועלן קאָנען אַנטלויפן לעבעדיקע פון דאַנען!...

עללאַ האָט זיך שאַרף אַ דריי אַרויס געטאָן פון זיינע אָרעמס:

— מיר געפעלט ניט דאָס שלאָגן זיך! — האָט זי שאַרף אַ זאָג געטאָן.

— דער גאַלעך האָט געזאָגט, אַז...

באַב האָט גענומען אַרומשפּאַנען אין אויפרעגונג:

— אָ, פאַרדאַמט!...נו, וואָדע איז דער גאַלעך מיט אַלסאָנען!...

— ער איז אָבער דאָך גערעכט! מיר, אַמעריקאַנער, דאַרפן זיך ניט פירן ווי די פרעמדע, די גרינהאָרנס, וואָס שפּרייטן אומרו און צאָרעס!...

באַב האָט מיט ביטערער איראָניע געזאָגט:

— אַזוי?..און מיר, ווייל מיר זענען אַמעריקאַנער, זאָלן צוריקגיין אַרבעטן און סקעבן אויף אונדזערע ברידער, אויף די פרעמד־געבוירענע?... ניין, עללאַ, דאָס וועט ניט געשען!... איך ווייס, מיר זענען טאַקע גאַנצע יאַנקאַנים, — שיר ניט אַלסאָנס קוזינען, ווייל אויך ער איז דאָך אַן עמעסער אַמעריקאַנער, אָבער... זאָג מיר נאָר עללאַ, פאַרוואָס פּאַסט עס פאַר אים, אַזאַ קאַשערן אַמעריקאַנער ווי ער איז, אונדז גאָר אויסצוהונגערן?...מאַכט ער דען אַ בילעך וואָר אימיצער איז, ווען ער דאַרף אויסזויגן די בלוטן מיט די קויכעס פון אים?...נו, און דו, דו אַליין דאַרפסט דאָך פאַרשטיין, אַז בלויז דערפאַר, וואָס איך בין אַן אַמעריקאַנער, טאָר איך נאָך ניט דערלאָזן, אַז דו מיט די קינדער זאָלן הונגערן פאַר אַלסאָנס וועגן!...

עללאַ האָט אפּאַנים געוואָלט עפּעס אָפּענטפערן, נאָר ניט באַוויזן. אין צימער איז אַריינגעלאָפן אַ הויכער יאַט און פריילעך אַ וואָרף געטאָן:

— גוט מאָרגן, מענטשן!...נו, וואָס הערט זיך, באַב?...דו ביסט שוין פאַרטיק אַרויסצוגיין, אָדער כ'וועל נאָך דאַרפן לאַנג וואַרטן?!...

עללא האָט זיך אָפּגעקערט. באב האָט זיך גענומען פּארענטפערן:

— אײן װײַלע, קארל. אָט פארענדיק איך מײַן פרישטיק און...

— אָ, דו האָסט נאָך װאָס צום עסן? — האָט קארל אין שפּאָס א זאָג געטאָן, — איז דאָך דיר גוט װי די װעלט!... זעסטו, בײַ אונדז איז שױן פון צװײ טעג צײַט גארניט פאראן!...

— און בײַ אונדז איז דען יאָ בעסער? — האָט שױן עללא, װײַל זי האָט געפונען א געלעגנהײט זיך פון הארצן אָפּצורעדן, זיך צוריקגעדרײט צום גאסט און פון דער זײַט צוגעװאָרפן, — װאָס־זשע, קארל, מען האָט עס טאקע זײַער נױטיק געדארפט האָבן, א־יאָ?...

קארל האָט זי פארכידעשט אָנגעקוקט:

— איר רעדט דאָך גאר װי א קינד, עללא!... װאָס הײסט, מיר האָבן עס ניט געדארפט נױטיק האָבן?...װאָרים צי האָבן מיר עס זיך דען אלײן גענומען פון פארגעניגן, אָדער װאָס?...נו, און פארן סטרײַק האָבן מיר דען אָ סאך מער געהאַט?... אז עס איז דאָך שױן סײַ־װי פון לאנג ניט געװען אױסצוהאלטן!...זעט איר, איצט האָבן מיר דאָך כאָטש א האָפנונג, אז אױב מיר װעלן נאָר געװינען דעם סטרײַק...

עללא האָט זיך א כאַפּ געטאָן:

— הערסטו, אָט דאָס זאָג איך דאָך טאקע — אױב...זיך שלאָגן מיט אָלסאָנען, מיט אָט דעם ריז?...ער װעט נאָך גאר בײז װערן און אײַנגאַנצן די פאבריק צומאכן...

באב האָט געשמײכלט:

— ער װעט ניט צומאכן!...ער דארף די פאבריק פונקט װי מיר!...

זי האָט שפּאָטיש צוגעװאָרפן:

— נו, אװדאי, ער קאָן דאָך גארניט לעבן אָן איר!...

און איבערבײַטנדיק דעם טאָן, גלײַך צוגעגעבן:

— אָבער נאָך װאָס האָט מען גאר אײַנגאַנצן געדארפט דעם סטרײַק?...

אָט האָט דער גאלעך געזאָגט, אז מיט גוטן װאלט מען בײַ אָלסאָנען פיל מער געקאָנט דערגרײַכן. ער איז א פײַנער, א גוטהארציקער מענטש און א גרױסער באלצדאָקע...

— אָ־יעז!... — האָט קארל לאַכנדיק אױסגעצױגן. — יאָ, ער איז שױן אײנמאָל א באלצדאָקע...פון אונדזערע קעשענעס...

באב האָט מיטגעלאכט און זיך גענומען אָנטאָן. עללא האָט אים א פרעג געטאָן:

— װעסט הײַנט אױך בלײַבן אינדרױסן אזױ שפּעט װי נעכטן?...

ער האָט מיט זײַנע בליקן א פרעג געטאָן:

— ???...

— איך מײן... — האָט זי אומדרײסט גענומען שטאמלען, — איך... איך האָב געהערט פונעם גאלעך, אז הײַנט װעט זיך טאָן כױשעך בא דער פאבריק... עס קומען אָן פרישע שעריפס...עפּשער די מיליץ און...

באב האָט מיקלױמערשט זיך דערשראָקן:

— אזױ?!...נו, און דאָס גאלעכל װײסט שױן װעגן דעם?!... נו־נו,

ס'איז ניט געפערלעך!... מיר שרעקן זיך אזוי פאר זײַנע קאָזאַקן, פּונקט ווי מיר האָבן זיך ביז איצט געשראָקן פאר זײַנע זשאַנדאַרמען!...

קאַרל איז אלץ געשטאַנען א שווײַגנדיקער און בלויז פאַרגיטיקנדיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. באַב איז אָנגעגאַנגען:

— און בײַ דײַן גאָלעך איז אַפילע רעכט, אז זײַן אָלפּאַן זאָל באַצאָלן שווערע טויזנטער דאָלאַר פאר סקעבס, פּאָליצײַ און באַמבעס, נאָר אונדז ניט צו העכערן די עטלעכע סענט, אז מיר זאָלן קאָנען עקזיסטירן!?...

— און דו וואָלסט אויך ניט בעסער געווען! — האָט עללא מיטאַמאָל א זאָג געטאָן. — עס איז זײַן פאַרמעגן און קײנער וויל ניט אַרויסלאָזן קײן פאַרמעגן פון דער האַנט אַרויס!...

באַב האָט זי שאַרף אָנגעקוקט:

— זײַן פאַרמעגן?!... אָבער געשאַפן האָבן עס דאָך מיר, און ניט די סקעבס, וועלכע ער האָט אַהערגעבראַכט, און אויך ניט די קאָזאַקן, וועלכע ער שיקט זיך שלאָגן מיט אונדז! וואָרים אויב שוין יאָ זיך שלאָגן, — טאָ פאַרוואָס־זשע קומט ער אַלײן ניט אַהער זיך שלאָגן מיט אונדז?...

קאַרל האָט איראָניזירט:

— ווײַל מיט פרעמדע הענט איז לײַכטער פײַער צו שאַרן! נו, טאַקע... צו וואָס דאַרף ער עס אַלײן טאָן די שמוציקע אַרבעט, אז ער קאָן שטענדיק קריגן שעריפס מיט סאָלדאַטן, וואָס וועלן עס טאָן פאר אים!...

באַב האָט אָנגענומען קאַרלען באַם אָרעם און זיך גענומען לאָזן מיט אים צום אַרויסגאַנג. עללא איז צוגעגאַנגען, פאַרוואָרפן אירע הענט אַרום באַבס האַלדז און זיך גענומען בעטן בײַ אים:

— פאָלג מיך, באַב, גײ ניט הײַנט!... עס וועט זיך דאָרט הײַנט טאָן בוישעך!...זאָלן די מענטשן דורכגײן און...

באַב איז מאַמעש אויפגעקאָכט געוואָרן:

— דורכגײן? — א נײַן!... זאָלן די סקעבאַטשעס שלאָפן אין פאַבריק, ווי די מײַז אין די נאָרעס!... מיר וועלן זײ ניט דורכלאָזן!...

עללא האָט ווײַטער געבעטן:

— מען וועט וואָרע שיסן, וואַרפן באַמבעס, און...

זי האָט זיך פאַנאַנדערגעווײַנט... קאַרל האָט זיך דערפילט אומבאַקוועם און איבעריק. ער האָט באַצוואונגען א לאַך געטאָן צו עללאַן:

— ניטאָ זיך וואָס צו שרעקן, מיסיס דזשאַנסאָן!...הײַנטיקע צײַטן מוז מען קעמפן פארן שטיקל ברויט! יאָ, אין אזא צײַט לעבן מיר!...

באַב האָט געצערטלט עללאַן און זיך געפּלײַסט זי צו באַרואיקן:

— עללא, — האָט ער אײַנגעטײַנעט, — האָסט זיך ניט פאר וואָס צו שרעקן!...מיר וועלן זײ באַקעמפן! מיר מוזן זײ באַקעמפן!...געדענק, אז דאָס איז פאר אונדזערטוועגן: פאר מיר, פאר דיר, פאר די קינדער!...

זי האָט אים געהערט, אָבער ניט אויפגעהערט צו כליפּען. פון שרעק איז זי געוואָרן נעבעכדיק און קלײן, נאָר ווי אײַנגעשרומפּן און אַלט. באַב האָט געקוקט אַף איר קלײנינקער, דאַרינקער פיגור, אַף איר נאָכגעלאָזטער נעבעכדיקײט און טרערן האָבן זיך אַזש געשטעלט אין זײַנע אויגן. ער האָט

זיך דערמאנט, ווי זי, בעאייס ער האָט זיך דאָס ערשטע מאָל באַקאַנט מיט איר, איז זי געווען אזאַ צאַרטע און שיינע...אלע זענען אים דעמלט פּאָשעט מעקאַנע געווען מיט דער שטאָלצער און שיינער על...געהאַלטן אים פאַר דעם גליקלעכסטן באָכער אין דער וועלט. און זי, זי איז געווען אזאַ פלאַמיקע, אזאַ הייסע און ענערגישע.. איצט, אָבער, איצט איז זי געשטאַנען לעבן אים אַ צעבראָכענע, אַ פּריציייטיק־געעלטערטע און צעשראָקענע...

„עמעס", — האָט ער אַ טראַכט געטאָן, — „ס'איז ביי איר טאַקע ניט פון וואוילטאָג, אָבער... ווען זי וואָלט כאָטש אביסעלע באַהויכט געווען פונעם באַגריף, אַז אונדזער לאַגע איז נאָך גאָרניט אַזוי האָפּנונגסלאָז; אַז מען קאָן און מען מוז קעמפן קעדיי צו געווינען, וואָלט זי דאן גאָר אַנדערש אויסגעזען...אפּאָנים, אַז אונטערטעניקייט קריצט טאַקע אויס אינעם לעבן די קאַרבן פון פריצייטיקער עלטער"...

ער האָט אַ וויש געטאָן די פאַרגאַנוועטע טרער פון די אויגן און — איילנדיק — גענומען גיין צו דער טיר. זי איז אים נאָכגעגאַנגען:

— עפּשער וואָלסטו היינט מיטגענומען דעם מאַנטל מיט זיך? — האָט זי, צערטלעך און דורך טרערן, געבעטן. — אין די אָוונטן איז איצט נאָך גאַנץ קעלטלעך און...

ער האָט שטיפעריש אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— צו וואָס אַ מאַנטל?...זאָגסט דאָך אליין, אַז דער גאַלעך האָט דיר דערציילט, אַז היינט וועט זיין וואַרעם אף דער פּיקעט־ליין...היינט וואָס־זשע דאַרף איך אַ מאַנטל?...וואָס זאָגסטו, קאַרל, וועט היינט זיין וואַרעם?...

יענער האָט אָפּגעענטפערט מיט אַ שטיל געלעכטערל:

— יאָ, עס וועט זיין, האָב איך מוירע, ניט נאָר וואַרעם, נאָר טאַקע גאַנץ הייס... עמעסדיק הייס...

זיי זענען אַרויס. בא דער טיר האָט זיך באָב מיטאַמאָל אומגעקערט:



— פונדעסטוועגן, על, — האָט ער איר צוגעוואָרפן, — אַז דו וועסט פאַרנאַכט אָפּקאָכן דאָס ביטל קאַרטאָפל, וואָס דו פאַרמאָגסט נאָך, — מעגסטו עס אַרויסברענגען אינדרויסן אַרויס, צו דער פּיקעט־ליין. היינט וועלן מיר אַלע אַוואַדע זיין גוט אויסגעהונגערט!...

ער איז אַרויס. עללאַ איז פאַר אַ וויילע געבליבן שטיין ווי אַ צעטומלטע. דערנאָך האָט זי זיך צוגעשלעפּט צו אַ בענקל, אַ מידע זיך אַרונטערגעלאָזט דערויף, פאַרזונקען דעם קאָפּ אין די הענט אריין און — מיטאַמאָל — שטיל זיך פאַנאַנדערגעוויינט...

* * * * *

3 אין „קיינעמס“ לאנד

אפן ברייטן וועג, וואס האט זיך געצויגן לענג־אויס אלסאנס פארסטרייקטער שטאל־פאבריק, איז א גאנצע נאכט געשטאנען א טויבער גערויש. די סטרייקנדיקע ארבעטער, וועלכע זענען — אין זייער ריי — געבליבן אף איבער נאכט, צו היטן דעם אריינגאנג פון דער פאבריק, זענען געזעסן אין גרופּקעס. איינגעצוירעט אין זייערע מאנטלען, אדער אין קאלדרעס, — האבן זיי זיך געוואַרעמט ביי שייטערס, וואס האבן געפלאקערט אינמיטן גאס. אף דער אנדערער זייט גאס, גלייך הינטער דער נידעריק־הילצערנער פארצאמונג, וואס בא דער פאבריק, זענען געשטאנען באוואפנטע וועכטער און דארט — אונטערדרימלענדיק — געהאלטן זייערע ביקסן — גרייט, טאמער וועט אימיצער אמאל מאכן א פארזוך זיך אריינצוכאפן אין פאבריק־פלאץ, אדער אפילע אזוי פרואוון נאענט צוגיין אן א דערלויבעניש.

אינמיטן, צווישן דיביידע לאגערן, האט זיך שטיל געשפרייט דער זאמדיקער וועג, וועלכער איז — ווי מיט א ברייטער לענטע אינדערמיט — געווען אנגעשאטן מיט שטיינדלעך, — באגאסענע מיט שווארצן סמאלע־אויל.

פארטאג אבער, אז דער הימל האט גענומען אפוואשן דאס פאנים פון דער בייגאכטיקער שווארצקייט, האט זיך ביסלעכווייז גענומען הויבן א פארשטארקטער גערויש. פון די ארומיקע ארבעטער־הייזלעך האבן אנגעהויבן ארויסקומען אויך די אנדערע סטרייקער. טייל פרויען האבן ארויסגעטראגן טעפלעך הייסע קאווע מיט שטיקלעך ברויט פאר זייערע מענער, וואס זענען אף איבער נאכט געבליבן אינדרויסן. אן אנגעשטרענגטע נערוועזיטעט האט זיך — ווי א בייזער הונט — פארנומען אנצופאלן אף דער גאס.

צווישן די ארויסגעקומענע ארבעטער איז אויך געווען דער רויטער באב, דער שטאל־שמעלצער, מיט זיין פריינט קארל. זיי האבן זיך אפגעשטעלט אפן הילצערנעם טראטואר, וואס האט זיך געצויגן לענג־אויס דער גאס. פאר א ווייל האט עס אויסגעזען, ווי זיי ביידע וואלטן געזוכט צו באשטימען א ריכטונג אין וועלכער זיך צו פארנעמען.

באב האט אויסגעזען אויפגערעגט און צעטראגן. קארל, אפאנים, האט עס אבער באמערקט און מיקלוזמערשט שפאסיק אים א פרעג געטאן:

— וואס האסטו זיך אזוי אפגעלאזט, באב?...טאמער האט עללא עפעס גערעדט דארט?... נו־נו, ניטא פון וואס זיך צו ערגערן!...אלע פרויען זענען אזוי...

באב האט פלעגמאטיש א הויב געטאן זיינע אויגן צו אים:

— עס טוט אבער וויי, קארל...דער גאלעך דערציילט איר מייסעס און זי...זי גלויבט...

מיטאמאל האט ער ביז אויסגעשטורעמט:

— אזא טבויר! אז ער האט עפעס צו זאגן, טא פארוואס־זשע קומט ער ניט, צום טייוול, און זאגט עס ניט אונדז, ווי א מענטש?!...

קארל האט א שמייכל געטאן:

— ביי אונדז וואלט ער דערפאר באקומען דעם ריכטיקן ענטפער... און קעדיי צו בארואיקן באבן — צוגעגעבן:

— און אף עללאן דארפסטו ניט בייז זיין. זי איז א פיין קינד און מיינט גוט. זי...עס איז איר אבער ניט אזוי לייכט צוצוקוקן ווי די קינדער הונגערן און...

באב האט צוגעשאקלט מיטן קאפ:

— דאס איז ריכטיק, קארל! אבער אין דעם פאל וואלט זי דאך בעסער געדארפט איר גאנצן ווייטיק און איר גאנצן האס אריבערווארפן אף אלסאנען מיט זיינע סקעבס, אף די גארילעס און אפילו אפן גאלעך...

קארל האט זיך, אפאנים, דערפילט זייער אומבאקוועם און — א מאך טוענדיק מיט דער האנט — צוגעגעבן:

— עס איז זי ניט צו פארדענקען, באב, גארניט צו פארדענקען...

ער איז אוועק. באב איז געבליבן שטיין פארטראכט:

— אט,— האט ער געמורמלט צו זיך, — איז דאך קעטרין, טאמ׳ס ווייב, אויך א פרוי, א מאמע פון קינדער, און דאך...

דערמאנט האט ער זיך, ווי ערשט מיט צוויי טעג צוריק, בעאיים עס איז געקומען צו א געשלעג צווישן די שעריפס מיט די סטרייקער איבער א גרופע סקעבס, וואס בעדפארד האט געבראכט צו פירן, האט זי, קעטרין, ווען בעדפארד האט באפוילן די שעריפס צו שיסן אף די סטרייקער,— זיך געשטעלט אנטקעגן זיי מיט איר ברוסט און גענומען שרייען:

— שיסט ניט!...איר זייט דאך אויך ארבעטער־קינדער!...פארוואס זאלט איר מארדן אייערע אייגענע ברידער פאר אלסאנס־וועגן?!...

און זיי האבן טאקע ניט געשאסן. איינציקווייז האבן זיי ארונטערגעשטעלט די ביקסן צו דער ערד און זיך צוריקגעצויגן. בעדפארד האט זיי דעריבער געמוזט צונעמען און בייטן מיט אנדערע...

באב האט צעוויייטיקט פארקוועטשט זיין פויסט און זיך געוואלט באפרייען פונעם פייגלעבן טראכטן. ער האט געקוקט צו דער פאבריק, וואו ער האט פאר אזויפיל יארן, טאג נאך טאג, געארבעט ווי אין א געהענעם. איצט איז אים אלץ אויסגעקומען עפעס מאדנע פרעמד, פונקט ווי ער וואלט דא צום ערשטן מאל געווען. געזען האט ער:

אנטקעגן, אפן ברייטן, זומפיקן טאל, איבער וועלכן עס איז געהאנ־

גען די לאנגע אריבערפיר־בריק, און וואו מען פלעגט אמאל ווארפן דאס מיסט מיטן אפפאל פון שטאט, איז געשטאנען די שטאל־פאבריק, אלסאנס. די ברוינע געביידעס — אין א לאנגער ריי — האבן זיך מיט זייערע טאפלטע, שפיציקע קאלפאק־דעכלעך, עפעס נאר ווי געגורעט צו דער ערד. די אלצאייניק־הויכע קוימענס, וואס האבן זיך — צו פינף אין א בריים דא און דארט ארויסגעהויבן פון צווישן די געביידעס און אויסגעזען ווי מאדנע ארויפגעהויבענע פינגער פון אומגעלומפערט־גרויסע הענט, — זענען געשטאנען שטיל און פארגליווערט. זייערע פיסקעס, פונוואנען עס פלעגן זיך טאמיד ציען אומאויפהערלעכע קנוילן רויך — געמישט מיט פייער־צונגען, וואס האבן אין די אוונטן געצונדן דעם הימל מיט א העלישער סרייפע — זענען געשטאנען ווי פארשטומטע טויטע מאצייוועס. אפילע די מיטלסטע און גרעסטע געביידע, וואו ער, באב, פלעגט ארבעטן א נאקעטער, און וועלכע איז אין איין זייט געווען אפן ווי מיט אן אויפגעפראלטן בויך, פונוואנען עס פלעגט טאג ווי נאכט זעצן מיט א געהענעמפייער, — איז געווען פינצטער און שווארץ. די מאסן פראכט־וואגאנען און אנגעלאדענע פלאטפארמעס, זענען — ווי הונט־קאנורעס — געשטאנען אומבאוועגלעך אף די שינעס, וואס זענען געלעגן צעשפרייט ווי נאכלעסיקצעווארפענע שטריק, אין אלע זייטן, איבערן גאנצן פלאץ ארום פאבריק.

אלץ האט אויסגעזען אזוי אנדערש ווי טאמיד. די פוסטקייט דארט — נאר ווי אף א פארלאזענעם בעסוילעם. אפילע דער ספעציפיש־בייסיקער גערוך פון גליענדיקן קאקס, צעשמאלצענעם שטאל און כעמישע זויערשטאפן, וואס פלעגן געוויינטלעך הענגען ביז ווייט אריבער די ארבעטער־הייזלעך, איז אינגאנצן געווען אויסגעוועפט. אנשטאט דעם האט זיך געטראגן א שארפער רייעך פון צוגעשטאנענע סאזשלקעס, שימלדיקע בלאטעס און פוילנדיקן זומפ. בלויז די עטלעכע בוימער ארום, וואס פלעגן געוויינטלעך שטיין מיט פארטרוקנטע צווייגן, ווי טובערקולאזע הענט, האבן עפעס נאר אזוי ווי אויפגעלעבט און זיך אפילע גענומען באפוצן מיט נייגעבוירענע קנאספן.

באב האט געקוקט דערויף און זיך ביטער צעשמייכלט:

— ארימע בוימער, נעבעך, — האט ער א מורמל געטאן, — אפילע באזיי האט אלסאן געזויגן דאס ביסל בלוט זייערס! אט, בלויז איצט, אין סטרייק, האבן זיי א מעגלעכקייט אביסל אויפצולעבן און זיך צעבליען. אבער ווי לאנג וועט דאס אנהאלטן? אלסאן מוז דאך האבן זיין טעגלעכע פארציע בלוט און זאפט...

באבן האט מאדנע שווער פארקלעמט ביים הארצן. דער האס צו אלסאנען האט זיך אזוי שטארק צעברענט ביי אים, אז ער איז גרייט געווען — אויב יענער זאל נאר אים אונטער דער האנט קומען, — זיך אף אים ארויפצעווארפן און...

עס זענען אנגעגאנגען צוויי ארבעטער. זיי האבן זיך אפגעשטעלט לעבן באבן און זיך באגריסט מיט אים. איינער האט אים גוטברודעריש א קלאפ געטאן איבער דער פלייצע:

— האסט שוין געהערט די נייעס, באב? — האט ער א זאג געטאן, — אלסאן איז דאך געווארן א דעפּיוטי־שעריף!... בעדפארד האט אים נעכטן אין אוונט איינגעשוואוירן און...

— דאס איז דאך אומדערהערט! — האט דער צווייטער — ווי ער וואלט געהאט א טאינע — צוגעגעבן, — דאס איז דאך קעגן געזעץ און יושער!

באב האט זיך גוטמוטיק צעלאכט:

— נו, האסטו ווידער אן אוולע בא זיי!...זאגן מוז איך דיר אבער, אז עס וועט אים סיי־ווי־סיי גארניט העלפן!...דאס בלעכל זיינס וועט ביי אים די שמעלץ־אויוונס ניט הייצן!...

— ער וועט אבער אנטאן צארעס! — האט יענער זיך געדונגען. — ער וועט אהערקומען און...

— אדראבע, זאל ער קומען! — האט באב פעסט א זאג געטאן. — זאל ער נאר קומען און פּרובירן צו טאן די שמוציקע ארבעט פון זיינע גארילעס, וועלן מיר אים באהאנדלען פונקט ווי זיי!...ער וועט דאן...

באב האט ניט באוויזן צו פארענדיקן די פראזע, ווי עס איז מיטאמאל אנגעלאפן אן ארבעטער, וועלבער איז — צוזאמען מיט נאך א גרופּע — געשטאנען אף דער וואך הינטערן ראג גאס, דארט וואו דער וועג פארנעמט זיך אין שטאט אריין. נאך פונווייטן האט ער געפאכעט מיט די הענט אין דער הויך און דערביי געשריגן צו די ארבעטער:

— העי, יאטן, עפּעס א טראק קומט!...א גרויסער טראק!...

דער דאזיקער אויסרוף — ווי א סיגנאל — האט שארף אפּגעהילכט איבער דער גאנצער גאס. א צאל ארבעטער האבן זיך א לאז געטאן לויפן אהינצו. דערביי האבן זיך גענומען טראגן פארשידענע אויסרופן:

— מיסטאמע פרישע סקעבס!...

— אוואדע נייע סטעיט־טרופּערס!...

באב האט זיך אויך א לאז געטאן לויפן. ער האט געשריגן:

— האלט זיך אלע צוזאמען, יאטן!...לאמיר זיי באגעגענען אזוי ווי עס קומט זיי!...אלע צוזאמען!...

די ארבעטער האבן זיך א יאג געטאן צו א קופּע שטיינער, וואס איז געווען אנגעשאטן באם זייט וועג, גרייט אף צו פאריכטן דעם ברוק, און — אנגענומען פולע הענט. באם ראג גאס האבן זיי זיך אפּגעשטעלט, זיך אויסגעשפרייט איבערן גאנצן וועג און מיט אויפגעהויבענע הענט באוויזן דעם אנקומענדיקן טראק, אז ער זאל זיך אפּשטעלן. דער טראק איז זיך אבער ווייטער געפארן מיט דער זעלביקער שנעלקייט אנטקעגן זיי און עס האט אויסגעזען, אז אט־אט וועט ער זיך מיט זיין גאנצן אימפּעט א יאג טאן אף אלעמען און זיי צעקוועטשן אונטער זיינע שווערע רעדער. די ארבעטער האבן זיך אבער ניט אפּגעשראקן און — מיט געשרייען, וואס האבן מאמעש פארטויבט די גאס — גענומען אנטקעגנהאגלען מיט שטיינער.

דער באטרייבער פונעם טראק האט זיך, אפּאנים, ענדלעך דערשראקן און — שוין גאנץ נאענט לעבן די מענטשן, קימאט אין סאמע פראנט פון זיי — אפּגעשטעלט דעם טראק מיט א שארפן גרילץ...

אַ צאָל יאַטן האָבן גלײַך אַרומגערינגלט דעם טראָק. דער שאָפער — אַ צעשראָקענער — האָט אויפגעהויבן די הענט אינדערהויך:

— זײַט מוחל, ברידערלעך! — האָט ער זיך געבעטן. — איך האָב ניט געוואוסט, אַז דאָ קומט פאָר אַ סטרײַק און...

באַב האָט אַף אים געוואָרפן אַ כויזעק־בליק:

— ניט געוואוסט?!...נו, און דעם פּאָליציאַנט לעבן זיך צוליב וואָס האָסטו?...פאַר אַ גוט־אויג עפּשער?...

יענער האָט פאַרלוירן געקוקט אַפן פּאָליסמאַן, וועלכער האָט שוין באַוויזן אַרויסצושלעפן דעם רעוואָלווער פונעם שײדל און זיך אַפילו גענומען גרײטן אָפּצופײַערן. באַב האָט עס אָבער באַמערקט. ער האָט אים אַ זעץ געטאָן איבער דער האַנט מיט זײַן פויסט און אויסגעשריגן:

— פאַרשאָלטענע פעל! מיר וואָרענען דיך, אַז זאָלסט בעסער ניט מאַכן קײן פוילע שטיק, וואָרים וועסט דאָ שלעכט אָפּשנײַדן!...

דער פּאָליסמאַן האָט אָבער איגנאָרירט די וואָרנונג און אויסגעשאָסן אין דער לופט, ווי איבערצושרעקן.

דאָס האָט אָבער אויפגערײצט די אַרבעטער. גלײַך האָבן זיך פון אַלע זײַטן גענומען יאָגן אַ מאַסע שטײנער. דאָס גלאָז פון דער שוץ־שויב אין פראָנט פונעם טראָק, איז צעשמעטערט געוואָרן אַף פּיצלעך. ערשט דאַן האָט דער פּאָליסמאַן גענומען צוריק אַרײַנשטופּן דעם רעוואָלווער אין שײדל און — אַ פאַרלוירענער — גענומען שטאַמלענדיק בעטן:

— אָ־רײַט, באָיעס, אָ־רײַט...לאָזט אָפּ...מירן צוריקפאָרן...מיר...

באַב איז אַרויפגעשפּרונגען צו אים און — אָננעמענדיק אים פעסט בײַ דער האַנט, אַז ער זאָל אַמאָל ווידער ניט שיסן — געשריגן:

— אַזוי־זשע רעד, פּעל פאַרקויפטע! אָבער פריער זאָג אונדז, וואָס אַזעלכעס דו פירסט דאָ מיט זיך!...

דער פּאָליסמאַן האָט גענומען שטאַמלען:

— איך... איך ווײס ניט... מען האָט מיך באַפוילן מיטפאָרן און דאָס אַלץ...

— וואָס פירסטו דאָ? — האָט באַב שוין צום שאָפער אַ געשרײ געטאָן.

— אָדער עפּשער ווײסטו אויך ניט?!...

דער שאָפער האָט עפּעס ווי גענומען שלינגען אין קעל און — מיט אַ שטיקנדיקער שטימע — קוים אָפּגעענטפערט:

— שפּײַז, ברודערל, פירן מיר דאָ. פאַר די אַרבעטער פון פאַבריק...

צווישן די אַרבעטער איז אויסגעבראָכן אַ געלעכטער:

— פאַר די אַרבעטער? — מײנט עס דאָך פאַר אונדז, כע־כע־כע...

— צו שפּײַז זענען מיר בילעכער ווי די סקעבס!...

מאַסנווײַז האָבן זײ זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר, וואָס אין דער הינטערשטער זײַט פונעם טראָק און זי געוואָלט עפענען. זי איז אָבער געווען פעסט פאַרשלאָסן. באַב האָט דאַן אַרונטערגעבעטן דעם שאָפער פון זײַן געזעס און אים באַפוילן אויפצושליסן. אין אַ מינוט אַרום האָבן שוין יאַטן געטראָגן קוישן מיט ברויט, קעסטלעך מיט מילך־קענדלעך שאַכט־

לעך מיט קעז און פוטער און אנדערע קאָנסערווירטע שפּײַזן. עס איז געוואָרן לעבעדיק און טומלדיק. די אַרבעטער האָבן צווישן זיך גענומען ספּעקולירן, צו די שפּײַז וועט סטײַען באַטש אָף אַ טאָג פאַר זײ. באַב האָט צוגערופן עטלעכע יאַטן, זײ געהײסן פאַרשרײַבן אַלע אַרטיקלען און גלײַך נעמען אויסטײלן שפּײַז צו די מער־נויטבאַדערפטיקע פאַמיליעס.

דער טראַק האָט זיך דערווײַל גענומען אויסקירעווען עטלעכע מאָל אַף הין און צוריק איבער דער ברײט פון גאַס, זיך ענדלעך אויסגעדרײט אַף צוריק און מיט אַ הילכיקן טראַסק זיך אַ לאָז געטאָן אין דער ריכטונג פונוואַנען ער איז אָנגעקומען.

די אַרבעטער — אויפגעהײטערטע פון זײער דערפאָלג — האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צוריק אין זײער גאַס אַרײַן. זײ זענען אָבער דאָרט גלײַך באַגעגנט געוואָרן פון די שעריפס — מיט אויסגעשטעלטע באַגנעטן:

— גיט אָפּ די שפּײַז! — האָט דער עלטסטער פון זײ, מיט אַ שטימע ווי פון אַ פּאַס — אַ געשרײ געטאָן צו די אַרבעטער, — וואָרים...

צווישן די אַרבעטער איז געוואָרן אַ שטיקל צערודערונג. זײ האָבן זיך געפּרוּוואָוט זײַטיק רוקן דורך דער גאַס, קעדײ זיך צוריק צוצוכאַפּן צו זײערע פריערדיקע פּאָזיציעס און אויך אַוועקצוטראָגן די פאַרנומענע שפּײַז. די שעריפס אָבער, האָבן זיך אויסגעשטעלט אַנטקעגן זײ, אין דער ברײט, און זײ ניט געלאָזט מאַכן קײן טראָט אין פאָראויס. עס איז געוואָרן אַן אָנגעצויגענער פאַרמעסט פון אויסדויער. דער עלטסטער פון די שעריפס האָט ווידער געשריגן:

— איך וואָרן אײַך נאָכאַמאָל, אַז איר זאָלט צוריק אָפּגעבן די שפּײַז וועמען זי געהערט, וואָרים...

— און מיר וואָרענען אײַך, — האָבן זיך דערהערט שטימעס פון די אַרבעטער, —אַז איר זאָלט אונדז בעסער לאָזן פרידלעך דורכגײן!...

דער עלטסטער האָט בײז געשיפּעט:

— איבער אָט דער פאַרכאַפּונג, וועט איר זיך אויסריכטן אַ שוואַרץ־יאָר פון אַלסאָנען מיט בעדפאָרדן!...

— מיר לאַכן פון זײערע בײדנס טאַטעס! — האָט ווידער אימיצער אָפּגעענטפערט. — מיר האָבן אַזוי מורע פאַר זײ, פּונקט ווי פאַר אײַך!...

דאָס איבעררײדן זיך, וואָס האָט אויבנאויפיק אויסגעזען ווי אַ גוטמוטיקער קיבעץ, האָט זיך געצויגן פאַר שײנע עטלעכע מינוטן. די שעריפס האָבן ניט געמאַכט קײן שום פאַרזוך אָפּצונעמען די שפּײַז פון די אַרבעטער מיט געוואַלד. עס האָט אויסגעזען, ווי זײ וואָלטן מורע געהאַט, אַז אין דער צײַט, וואָס זײ וועלן זיך פאַרנעמען מיט דעם, וועלן די אַרבעטער זיך דערווײַל אַרײַנכאַפּן אין פאַבריק און דאָרט זיך אָפּרעכענען מיט די באַהאַלטענע סקעבס. אַלײן האָבן זײ אַפילו קײן טראָט ניט געטאָן אין פאָראויס, אָבער דערפאַר אויך די אַרבעטער ניט געלאָזט זיך איבעררוקן, אויס מורע, אַז יענע זאָלן די שפּײַז ניט אַוועקטראָגן צו זיך. די שטימונג איז געוואָרן אַלץ אָנגעצויגענער. דאָס שטיקל פּלאַץ צווישן בײדע מאַכנעס, וואָס די אַרבעטער האָבן שפּאַסיק גערופן „קײנעמס־לאַנד”, און

וואָס האָט פאַרנומען איינגאַנצן אַ פּופּציק טריט די ברייט, — האָט אויס־געזען ווי עס וואָלט זיך אונטערגעוויגט פון דער זייער אָנגעשטרענגטער דערוואַרטונג. קלאָר איז געווען, אַז די שעריפס וואַרטן אַף עפּעס.

מיטאַמאָל האָט באַב זיך באַוויזן אַף אַ פּאָר אַקסלען און מיט קראַפט זיך אַ ווענד געטאָן צו די אַרבעטער:

— ברידער! — האָט ער אויסגעשריגן, — מיר מוזן זיך דורכבראַכן און אַוועקטראָגן די שפּייז!... זייער שווייגן איז פאַרדעכטיק!...

אין די רייען צווישן די אַרבעטער האָט זיך אָנגעהויבן אַ לייכטע באַוועגונג. שטילערהייט, אין קופּקעס, האָט מען — ווי פּלאַנירנדיק עפּעס — גערעדט צווישן זיך. די גרופּע, וועלכע האָט געהאַט די שפּייז, האָט זיך עטלעכע מאָל געפּרואווט דורכרייסן, אָבער דער עלטסטער שעריף האָט יעדעסמאָל זיך אַ רוק געטאָן קעגן זיי און — פאַרהוסטנדיק זיך קעסיידער פון אָנגעיאָגטן קאַאַס — געשריגן:

— שטייט, זאָג איך איידן!... מיר וועלן שיסן!...

די אַרבעטער — ווי אָפּגערעדט צווישן זיך — האָבן אַלע צוזאַמען זיך הילכיק פאַנאַנדערגעלאַכט, אַז עס האָט אַזש צעטומלט די שעריפס. עס האָבן זיך געהערט אויסגעשרייען:

— וועסט ניט וואַגן!... האָסט דערויף גאַנץ־קורצע הענט!...

— מיר וועלן אויך ניט שווייגן!... מירן אָפּצאָלן מיט שטיינער!...

אַ פּרוי — ווי פאַרבלאָנדזשעט צווישן די מענער — האָט געשריגן:

— העי, פּעל, וויפל קריגסטו דאָס פון אַלסאַנען פאַר דיין שמוציקער אַרבעט?!...

יענער האָט טרוקן צוגעוואָרפן אַ באַפעל צו די שעריפס:

— גרייט זיך, בעוורע, שטעלט אָן די ביקסן!...

יענע האָבן אַ הויב געטאָן די ביקסן צו די אַקסלען און גענומען זיך צילן. אין דער מינוט אָבער, האָבן זיך אַ צאָל אַרבעטער ראַפּטאָם אַ וואַרף געטאָן פאָראויס און — איידער יענע האָבן נאָך אַפילו באַוויזן צו באַגרייפן וואָס עס איז געשען — גענומען רייסן די ביקסן פון זייערע הענט. עס איז אָנגעגאַנגען אַ ביטער געפעכט. די ביקסן האָבן זיך גע־דרייט אין דער לופט ווי די פליגל פון ווינט־מילן. די יאַטן, וואָס האָבן געהאַט די שפּייז, האָבן דערווייל אויסגענוצט דעם טומל, זיך דורכגעריסן אין זייטיקן געסל און פאַרשוואונדן צווישן די אַרבעטער־הייזלעך...

עטלעכע מינוטן זענען אַזוי פאַרביי אין געראַנגל. ענדלעך האָבן די אַרבעטער אַנטוואָפנט עטלעכע שעריפס. יענע — באַזיגטע און פאַרשעמטע — האָבן זיך גערוקט אַף צוריק און — ווי פריער — פאַרנומען זייערע פּאָזי־ציעס ביי דער פאַרצאַמונג. די אַרבעטער האָבן זיך אויך צוריקגעצויגן צום הילצערנעם טראָטואַרל, זיך צעשטעלט אַנטקעגן אין אַן אויסגעצוי־גענער ריי און שפּאָטיש געלאַכט. אימיצער האָט צוגעוואָרפן:

— נו, און מיט וואָס וועט איר איצט שיסן, העלדן גרויסע?!...

דער עלטסטער שעריף איז אַרומגעלאָפן בייז און צערעגט. ער האָט געשריגן, געזידלט און געדראָעט:

— מיר װעלן אײַך באַװײַזן װי צו באַפֿאַלן געזעצלעכע שעריפֿס, װי צו באַפֿאַלן רעגירונג־פּאָליצײַ!...

אימיצער פֿון די אַרבעטער האָט אויסגעפּלאַצט:

— װאָרים שעריפֿס זײַט איר דען, כאַ־כאַ־כאַ?! — גענגסטער!... יאָ, געדונגענע גענגסטער און באַנדיטן זײַט איר, אָט װאָס!...

— שװײַג בעסער! — האָט אַ צװײטער געשריגן, — שװײַג, אײדער מיר װעלן דיך מיט דײַנע שעריפֿס פֿאַריאָגן צו די סקעבס אין די נאָרעס!...

דער שעריף אָבער האָט נאָך אַלץ געקװיטשעט:

— הינטישע זין!...מען װעט אײַך דאָס ניט פֿאַרשװײַגן!...פֿאַר אָט דעם שטיקל אַרבעט װעט איר פֿאַרפֿוילט װערן אין טפֿיסע און...

ער איז מיטאַמאָל אַנטשװיגן געװאָרן און עפּעס אַ מורמל געטאָן צו אַ געהילף זײַנעם. יענער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און איז גלײַך אַװעק צום הילצערנעם אָפּיס־הײַזל דערבײַ. דער שעריף אַלײן האָט אַרומגעשפּרײַזט איבערן פּלאַץ און װי צו זיך געבורטשעט:

— אָט אַ כוצפּע!...ניט צו לאָזן די מענטשן אַרויסגײן פֿון פֿאַבריק און ניט דערלאָזן צופֿירן שפּײַז פֿאַר זײ!...

מיטאַמאָל האָט ער זיך אַ דרײ אויס געטאָן צו די אַרבעטער:

— מערדער זײַט איר!...זײ װעלן דאָך אויסגײן פֿון הונגער!...

די אַרבעטער האָבן זיך װידער צעלאַכט. אײנער האָט מיט זײַן שװערער שטימע איבערגעשריגן דאָס געלעכטער:

— זעט נאָר, יאַטן, דעם גרויסן באַלראַכמים!...נו, און װאָז ביסט דו געװען, בעאַײס אַלסאָן האָט אונדז געהאַלטן אויסגעהונגערט אין מעשעך פֿון אַזױפֿיל לאַנגע יאָרן?!...

דער אױלעם האָט אויסגעדונערט אַ שפּאָטישן „בו״־געשרײַ. אײנער האָט פֿאַרצויגן אַ כװיזעק־ליד און באַלד איז דער גאַנצער פּלאַץ פֿאַרפֿולט געװאָרן מיט געזאַנג און געלעכטער... די שעריפֿס האָבן זיך צעשראָקענע אײַנגעצױרעט אין זײַערע קעלנער אַרײַן.....................

....



אין צוזאמענשטויס

א שטיק צייט איז איבער דער גאס, צווישן די סטרייקנדיקע ארבעטער און די ספעציעלע שריפס לעבן דער שטאל־פאבריק, געהאנגען אן אנגעצויגענע שטילקייט. דאס איז אבער געווען פון אט יענעם סארט שטילקייט, וועלכע זאגט גאנץ שארף אן, אז גאר אינגיכן דארף עפעס געשען... די פענימער ביי אלעמען — פארוואלקנטע. עפעס שווערעס האט געהויערט אין דער לופט און — ווי אן אנגעשאטענער בארג — געלעגן אינמיטן גאס, אין „קיינעמס לאנד”. די ארבעטער — כאטש עס איז שוין געווען נאך האלבן טאג און זיי זענען שוין אוודע געווען גוט אויסגעהונגערט — האבן זיך ניט פארגונען אהיימצוגיין אפעסן. פאר אלעמען איז קלאר געווען, אז ערשט איצט דארף מען זיין אף דער וואך.

לויט דער נערוועזער האלטונג פון די ארבעטער, האט אויסגעזען, אז זיי דערווארטן עפעס זאל פארקומען. ספעציעל איז געווען אויפפאלנדיק, וואס דער עלטסטער שעריף האט זיך קעסיידער געהאלטן אין איין סוידען מיט זיינע מענטשן און געהאלטן אין איין קוקן צו דעם זייטיקן געסל, פונוואנען — ווי עס האט אויסגעזען — ער האט אוודע דערווארט אנקומענדיקע הילף...

שפעטער, שוין שפעט אין טאג, האבן זיך מיטאמאל פון הינטערן גאסן־ראג א לאז געטאן עטלעכע ארבעטער פון דער וואך, מיט געשריי ען:

— מיליטער קומט!... סטעיט־טרופערס פארן!...

צעשראקענע האבן זיי זיך גלייך אריינגערוקט צווישן די איבעריקע ארבעטער, ווי זיי וואלטן זיך וועלן שיצן פון אן אנקומענדיקער געפאר. פאר א ווייל האט אויסגעזען, ווי אלע וואלטן זיך פארלוירן און זיך אפילע גענומען רוקן אף צוריק. באלד, אבער, האט זיך א טראג געטאן באבס פעסטער און באפעלנדיקער אויסרוף:

— שטייט, ברידער, אף די ערטער! קיין שפאן אף צוריק! און אויב זיי וועלן וואגן אנצוהויבן, וועלן מיר זיי באגעגענען ווי מען דארף!...

דאס איז גענוג געווען. די ארבעטער האבן זיך ווידער אנגענומען מיט מוט, זיך נאך מער צוזאמענגערוקט און זיך אויסגעשטעלט ווי א פעסטע, אומדורכבארע וואנט, איינער הארט לעבן דעם צווייטן...

פונווייטן האט זיך דערהערט דאס פארטויבנדיקע טראסקעריי פון די פארנדיקע טראקס. גלייך האבן זיך פון הינטערן גאסן־ראג איספעטדיק ארייגעשניטן צוויי מיליטערישע, גרין־געפארבטע טראקס, און נאך זיי — א גרויסער, האלב־אפענער אטאמאביל, אין וועלכן עס האבן זיך געזען עטלעכע פיגורן. באלד האבן זיך די מאשינען אפגעשטעלט. אימיצער פון די ארבעטער האט אויסגעשריגן:

— ס'איז אלסאן!...אלסאן און זיין פאליציי־שעף בעדפארד!...

דאס האט שוין קיינעם ניט געשראקן. פארקערט: אין די רייען האט זיך דערפילט א דערלייכטערונג. א דערלייכטערונג — וואס מען האט דעם סוינע אפן פאר די אויגן. פונעם אטאמאביל האט זיך א הויב ארויס געטאן א קאפ און עס האט זיך דערהערט בעדפארדס באפעל צום עלטסטן פון די שעריפס:

— פירט ארויס די מענטשן, שעריף!...

יענער, פונקט ווי אלץ וואלט שוין געווען צוגעגרייט פון פריער, האט א פייף געטאן און באלד האבן זיך פון די פאבריק־געביידעס גענומען ארויסלאזן עטלעכע גרופעס. איינגעבויגן און איינגעצוירעט — ווי זיי וואלטן מוירע געהאט די אויגן אויפצוהויבן — האבן זיי זיך געטאפטשעט אין דער שטויביקער ערד, נעענטער צום פאבריק־טויער.

די שעריפס זענען זיי אנטקעגנגעגאנגען און זיך צעשטעלט ביי זיי אין ביידע זייטן. דער עלטסטער — ווי דערפאר, וואס ער האט דערפילט מאכט הינטער זיך — האט מאיסע אפיציר וואזשנע געקאמאנדעוועט:

— לעבעדיקער, יאטן, לעבעדיקער!...

יענע האבן זיך צוזאמענגערוקט און גענומען פארגיכערן זייערע טריט. די ארבעטער — אינדרויסן — זענען געווארן אומרואיקער און מיטאמאל זיך א לאז געטאן אנטקעגן זיי, אינמיטן גאס אריין. פיל שטימעס האבן אפגעדונערט:

— סקעבס! שטשורעס! פארקויפטע נעשאמעס! לויזיקע הינט!...

א פרויען־שטימע האט אלעמען אריבערגעשריגן:

— מענטשן, בארעכנט וואס איר טוט!... היינט העלפט איר אלסאנען אונדז צו דערשטיקן, און מארגן, מארגן וועט ער דינגען אנדערע סקעבס אייך צו דערשטיקן!...

א בייזער אויסרוף פון צווישן די ארבעטער האט איבערגעשלאגן:

— וואס אפעלירט איר צו זיי?... אזעלכע לייט פארשטייען נאר איין שפראך: — אין די ציין אריין!...

דאס איז געווען ווי א סיגנאל. א האגל מיט שטיינער האט זיך א יאג געטאן אף די סקעבס און זיי באצוואונגען זיך אפצושטעלן.

בעדפארד איז געשטאנען אין אטאמאביל און געשריגן:

— טרעט בעסער אפ, זאג איך אייך, ווארים מיר וועלן פייערן!...

— זיי וועלן ניט דורכגיין! — האט אפגעהילכט א פיל־שטימיקער ענטפער. — זאלן זיי גיין דורך די בלאטעס, הינטנארום!...

בעדפארד איז געווארן אויפגעקאכט. ער איז ארויסגעשפרונגען פון

אטאמאביל און עפעס א ברום געטאן צו איינעם פון די סאלדאטן, וועלכע זענען נאר־וואס ארויס פון זייערע טראקס. יענער האט זיך א נויג געטאן און צוגעווארפן א באפעל צו זיינע מענטשן:

— אין ארדנונג!... גרייט זיך!...

עטלעכע צענדליק יאטן, מיט ביקסן אין די הענט, זענען פלינק א שפרונג געטאן און זיך צעשטעלט אין א צעצויגענער ריי — גרייט צו בעדפארדס ווייטערדיקן באפעל.

ווידער איז געווארן א שווערע און פיינלעכע אנשטרענגונג. דאס שטיק „קיינעמס לאנד" האט זיך געצאפלט פון דערווארטונג.

אלסאן אליין איז געזעסן א פארנזורעטער מיטן קאפ אין דעם אטאמאביל, פונקט ווי ער וואלט זיך געשעמט פאר אימיצן. עס האט אויסגעזען, אז ער האט פארלוירן זיין גאנצע דרייסטקייט און איבערגעלאזט אף בעדפארדן דורכצופירן וואס ער וועט געפינען פאר נויטיק. בעדפארד איז טאקע ארומגעשפרונגען אהין און אהער, איז יעדע וויל צוגעלאפן צו אלסאנען, אים ראפארטירט, אדער געפרעגט עפעס, און געווארט אף זיין גוטהייסונג. יענער האט אבער גארניט גערעדט. ער האט בלויז געשאקלט מיטן קאפ, ווי ער וואלט אף אלץ מאסקים געווען. מיטאמאל האט בעדפארד — פונקט ווי ער וואלט וועלן, אז דערהויפט די ארבעטער זאלן עס הערן, — אף א קאל אויסגעשריגן צו זיינע סאלדאטן:

— נו, בעווערע, איידער מיר וועלן זיי מעכאבעד זיין מיט הייסן בליי, וועלן מיר זיי פריער געבן צו שמעקן אביסל קאלטן גערז!... זאלן זיי זיך אביסעלע אויסוויינען, וועלן מיר זען וואסערע העלדן זיי זענען!...

די סאלדאטן האבן גענומען אפטשעפען די גערז־באמבעס פון זייערע פאסקעס און זיך געגרייט צום ווארפן זיי ביים ערשטן באפעל. מיטאמאל האט אלסאן זיך שטיף א הויב געטאן פון זיין געזעס, א וויז געטאן מיט דער האנט צו בעדפארדן, אז ער זאל נאך צוווארטן און אליין — מיט א ציטערדיק־נערוועזער שטימע און מיט געמאכטער איידלקייט — זיך א ווענד געטאן צו די ארבעטער, וועלכע זענען נאך אלץ געשטאנען ווי א פעסטע וואנט אנטקעגן:

— וועל, דזשענטלמען, — האט ער גערעדט צו זיי, — וועט איר לאזן די מענטשן דורכגיין מיט גוטן, אדער...

— זיי וועלן ניט דורכגיין! — האבן מאסן שטימען אפגעענטפערט.

— זאלן זיי בלייבן אין זייערע מויזן־לעכער, די סקעבס!...

— איר וועט עס באדויערן! — האט אלסאן שוין בייז געשריגן. — מיר מיינען דא קיין שפאס ניט!...

ער האט זיך צוריק ארונטערגעזעצט נידעריק אין געזעס און דערביי געגעבן בעדפארדן א צייכן, אז ער זאל אנגיין. יענער — א שיינענדיקער און צופרידענער — האט א געשריי געטאן צו די סאלדאטן:

— איז אנגעהויבן, בעווערע!... פון רעכטס, איינציקווייז און קעסיידער איינער נאכן צווייטן!...

איבער דער גאס האט זיך — ווי א פלעדערמויז — א טראג געטאן א

שווארצע באַמבע און גלייך נאָך איר — א צווייטע און א דריטע. צוויי זע־נען געפאַלן אין דער ווייכער ערד, געבליבן ליגן און ניט אויפגעריסן. איינע האָט זיך אָבער אָנגעשלאָגן אָן א שטיין און — גלייך האָט זיך פון דאָרט א הויב געטאָן א בלוילעך־ווייס רויכעלע, וואָס האָט אויסגעזען ווי א דינינקער טיול, שפּרייטנדיק זיך אין דער לופט. עס האָבן זיך דער־הערט פאַרשטיקטע הוסטן און עטלעכע ארבעטער האָבן גענומען ווישן די אויגן מיט די ארבל פון זייערע רעקלעך.

ווידער האָבן זיך עטלעכע באַמבעס א טראַג געטאָן אין דער לופט. באָב — מיט א נאַסן טיכל איבערן פּאָנים — איז ארויסגעטראָטן פאָראויס פון דער ריי, זיך אויסגעדרייט מיטן פּאָנים צו די ארבעטער, און גע־וואָרפן א באַפעל:

— ברידער!... פאַרדעקט אייערע פּעניםער און לאָזט ניט די באַמבעס ארונטערפאַלן צו דער ערד!... כאַפּט זיי אין די הענט אריין!... זאָל זיך אייך דאַכטן, אַז עס איז אזא באַל־שפּיל!...

באָבס ווערטער האָבן ארויסגערופן א שפּילעוודיקע אַמביציע ביי די ארבעטער. א צאָל יאָטן — שוין מיט דורכגענעצטע טיכלעך פאַרבונדן ארום די מיילער — האָבן זיך א שטעל געטאָן אין א ריי לעבן באָבן. זיי האָבן אויפגעכאַפּט די צוגעוואָרפענע באַמבעס אינמיטן פליען און — צו־זאַמען מיט טראַציקע אויסרופן — זיי צוריקגעשליידערט צו די סאָלדאַטן:

— געניסט אויך אביסעלע פון אייער אייגענער שמעקעכץ!...

צערייצטע פון די צוגעוואָרפענע אויסרופן, האָבן די סאָלדאַטן ווי־דער א וואָרף געטאָן עטלעכע באַמבעס, אָבער קיין איינע פון זיי איז שוין מער צו דער ערד ניט געפאַלן. די ארבעטער האָבן געכאַפּט יעדע איינע אינמיטן פליען און זיי גלייך צוריקגעשליידערט. עס איז געוואָרן א מין אזאַרט־שפּיל. די סאָלדאַטן — ווייל זייערע הענט זענען געווען פאַרנומען סיי מיט די ביקסן און סיי מיט די באַמבעס — האָבן די צוריקגעוואָרפענע באַמבעס ניט געקאָנט אויפכאַפּן. יעדע באַמבע, וואָס האָט געפּלאַצט לעבן זיי, האָט — איבערן ווינט, וואָס האָט גראָד געבלאָזן צו זייער זייט — צע־שפּרייט א שטיקנדיקע בייסעניש אין זייערע אויגן און העלדזער און זיי געשטערט ווייטער אָנצוגיין מיטן באַוואָרפן די ארבעטער.

בעדפאָרד אליין האָט זיך געדרייט ווי א וואָרעם און געשיפּעט:

— פאַרשאָלטענע טייוואָלים! אפילו דער ווינט איז מיט זיי!...

ער האָט א וואָרף געטאָן א באַפעל צו די סאָלדאַטן:

— גענוג! נעמט זיך צו די ביקסן!...

און צו די ארבעטער האָט ער גיפטיק געלאַכט:

— אָבער די קוילן וועט איר שוין ניט כאַפּן און צוריקשליידערן?!...

ער האָט זיך צוריקגעדרייט צו די זייניקע און א הויב געטאָן זיין האַנט, — גרייט צו געבן דעם צייכן אף אָנצוהויבן שיסן. עס איז גלייך געוואָרן א טומל און א געשריי, צווישן וועלכן עס האָט זיך קוים געהערט בעדפאָרדס ווילדער באַפעל:

— צילט זיך!... פייערן!...

אין דער לופט האט א זעץ געטאן א טויבער זאלפ. פון ערגעץ גאנץ װײט איז צוריקגעקומען א װילדער װידערקאל. פאר א װײל זענען די ארבעטער געבליבן שטײן װי פארשטײפטע, — ניט גלויבנדיק, אפאנים, אז מען האט טאקע געװאגט צו שיסן אף זײ.

באלד אבער זענען זײ געקומען צו זיך און גענומען באהאגלען די סאלדאטן מיט שטײנער. א צװײטער זאלפ האט א זעץ געטאן, און גלײך האט זיך פון צװישן די ארבעטער דערהערט א צעװײטיקטער אויסגעשרײ. א פרוי — צי געטראפן פון א קויל, צי גאר דערשראקן פונעם קנאל — האט גענומען היסטעריש שרײען. דאס האט גאר צערעגט די ארבעטער און זײ האבן איבער א נײס א יאג געטאן א האגל מיט שטײנער אף די סאלדאטן, װעלכע האבן שוין איצט געשאסן אפטער און נידעריקער. עטלעכע ארבעטער — א פאנים געטראפן פון קוילן — זענען געפאלן מיט צעבלוטיקטע געשרײען. יאטן האבן זײ אונטערגעכאפט און אװעקגעטראגן אין זײט, צו עפעס א לײדיקער כורװע, בײם סאמע עק פון ארבעטער־געסל.

פאר א װײל האט דאס שיסערײ אויפגעהערט. עס האט אויסגעזען, װי בעדפארד װאלט זיך דערשראקן אין אנזיכט פון די פארװאונדעטע.

פונדערװײטן האט זיך דערהערט דאס װאיעדיקע פײפן פון אנקומענדיקע אמבולאנסן. אין א רעגע זענען שוין דא, אפן פלאץ, הינטער די סאלדאטן און ניט װײט פון דער כורװע, געשטאנען צװײ אמבולאנסן מיט א פאליצײ־אטאמאביל. עטלעכע דאקטוירים — אין װײסן — האבן זיך גאר פלינק א לאז געטאן לויפן מיט רענצלעך אין די הענט און — לויט אימיצנס אנװײזונג — גלײך אריין אין דער כורװע.

אלסאן האט זיך מיט גארניט גערעכנט. פון זײן באהעלטעניש אפן דנא פון אטאמאביל, האט ער אומגעדולדיק געשריגן צו בעדפארדן:

— װאס זײט איר דארט שטיל געבליבן, בעדפארד?... דערלאנגט זײ פולװער אן שום ראכמאנעס!...רעכנט זיך מיט גארניט!... איצט איז די פראגע: װער — װעמען!...יא, אין אזא צײט לעבן מיר איצט!...

װידער האבן די סאלדאטן אויסגעשאסן א זאלפ. מיטאמאל אבער איז פונעם ארבעטער־געסל אנגעלאפן עללא, באבס װײב, מיט א היסטערישן געיאמער. אף אירע הענט האט זי געטראגן א לויז־נאכהענגנדיקן קערפערל, װאס האט אויסגעזען װי א געשאכטן קעלבל און — מיט א געװײן, װאס האט זיך אריינגעשניטן אין דער טומלדיקער פארלוירנקײט װי מיט א שארף מעסער — זיך דערנענטערט:

— באב! אונדזער קינד, דזשאני!...זײ האבן אים דערמארדעט!...

מיט איין שפרונג איז באב איר אנטקעגנגעלאפן. ער האט א כאפ געטאן פון אירע ארעמס דאס בלוטנדיקע קינד און עס גלײך אװעקגעטראגן צו דער כורװע. עללא איז געבליבן שטײן װי א פארװירטע אפן פלאץ און זיך אפילע קײן באװעג ניט געטאן. עס האט אויסגעזען, װי זי װאלט פון זינען ארונטער. מיטאמאל אבער — פונקט װי אונטער אירע פיס װאלט עפעס אויפגעריסן — האט זי זיך א ריס געטאן צו בעדפארדן און מיט אירע נעגל זיך א װארף געטאן צו זײן פאנים:

— מערדער! — האָט זי מיט אַ האַרצרײַסנדיקער שטימע געשריגן צו אים, — וואָס האָסטו געהאַט צו מײַן קינד?!...

פון אים האָט זי זיך ווי אַ ווילדע אַ יאָג געטאָן צו אַלסאַנס אַטאָמאָביל. פלינק איז זי ארויפגעשפרונגען אפן שוץ־ברעט, גענומען דראָען מיט אירע פויסטן אַלסאַנען אין פּנים און אַ הײַזעריקע געשריגן:

— עס וועט דיר ניט געשענקט זײַן, מיסטער אַלסאַן!... עס וועט דיר ניט געשענקט זײַן!... איך, איך אַליין וועל דיר אָפּצאָלן פאַר מײַן קינדס בלוט!... איך...

בעדפאָרד, אַז ער האָט דערזען ווי זי האָט זיך געוואָרפן אף אַלסאָנען, איז אַ צעקאָכטער אונטערגעלאָפן צו איר פון הינטן און מיט געוואַלד זי גענומען אָוועקרײַסן פון אים. זי האָט זיך אײַנגעפלאָכטן אין זײַנע האָר:

— מערדער! — האָט זי געשריגן, — שטעל אָפּ די בלוטיקע שפּיל, זאָג איך דיר!... שטעל עס אָפּ!...

און גלײַך פון אים האָט זי זיך אַ לאָז געטאָן צו אײַנעם פון די סאָלדאַטן. מיט אַן אויסערגעוויינלעכן קויעך, ווי אַ צערײַצטע טיגערן, האָט זי גענומען רײַסן די ביקס פון זײַן האַנט און געשריגן:

— וואָס האָט איר געהאַט צו מײַן אומגליקלעך קינד?...אַ, פאַרוואָס האָט איר אים דערשאָסן?... פאַרוואָס?...

באַלד האָט זי נאָכגעלאָזט די ביקס און גענומען בעטן:

— שיסט ניט, ברידערלעך!...איר זענט דאָך מיסטאָמע אויך קינדער פון אַרבעטער!... שיסט ניט אין אײַערע ברידער!... שיסט ניט!... איך באַשווער אײַך בײַ אײַערע מאַמעס!...

די סאָלדאַטן האָבן זיך איבערגעקוקט, זיך געקווענקלט פאַר אַ ווײַל און ענדלעך אײַנער נאָכן צווייטן גענומען אַרונטערשטעלן די ביקסן צו דער ערד. בעדפאָרד האָט געפּרוּווט עפּעס שרײַען צו זײ, אָבער זײַנע געשרײַען זענען פאַרטויבט געוואָרן פון עללאַס אויסרופן. זי האָט שוין מער ניט געוויינט. אַ שטאָלצע און טרוקענע האָט זי געהויבן איר שטימע אַלץ העכער און שאַרפער:

— הערט אים ניט, ברידער! — האָט זי, אַליין ניט וויסנדיק פונוואַנען עס האָט זיך גענומען צו איר אַזאַ קויעך, — געהאַלטן אין איין רופן. — ער איז אונדזער און אײַער סוינע!... פאַרשטייט, אַז פונקט אַזוי וואָלט מען באַגעגנט אײַערע ברידער, אײַך אַליין, ווען איר וואָלט נאָר געוואַגט צו פאָדערן אַ גרעסער שטיקל ברויט פאַר אײַערע קינדער!... ערשט הײַנט אינדערפרי האָב איך, איך אַליין, דאָס אויך ניט פאַרשטאַנען!...

זי האָט אַ ווײַז געטאָן מיט דער האַנט צו דער בורזשוי:

— ביז מײַן קינדס בלוט האָט מיר די אויגן געעפנט...

בעדפאָרד, אַז ער האָט דערזען ווי די סאָלדאַטן הערן זיך צו צו עללאַס רייד, — איז ער געבליבן שטיין ווי אַ פאַרלוירענער און גענומען רעדן עפּעס אינדערשטיל צו אַלסאָנען. מען האָט געקאָנט זען — ווי ער ציטערט מאַמעש אינגאַנצן...

די ארבעטער — אין אָנבליק פון די פאַרוואונדעטע און, אויפגעהײ־טערט פון עלאס דערפאַלג ביי די סאָלדאַטן — האָבן זיך א לאָז געטאָן קעגן די סקעבס מיט שטיינער. יענע — צעטומלטע און פאַרלוירענע — זענען אַנטלאָפן צוריק אין די פאַבריק־געביידעס, פונוואַנען זיי זענען פריער געהאט ארויסגעקומען. די שעריפס זענען געבליבן שטיין אָפּהענ־טיקע. אין דערוואַרטונג האָבן זיי נעבעכדיק געקוקט צו בעדפאָרדן און צו אַלסאָנען, ווי מיט האָפנונג, אז יענע זאָלן עפּעס טאָן. אַלסאָן אָבער האָט אַ וואונק געטאָן צו בעדפאָרדן, אז ער זאָל זיך אריינכאַפּן צו אים אין אַטאָמאָביל און דערביי עפּעס א מורמל געטאָן צום שאָפער. דער מאָ־טאָר האָט גלייך אָנגעהויבן זיין זיגגענדיקן געזשום. די מאַשין האָט זיך אויסגעדרייט און אָף גיך זיך אָפּגעטראָגן.

א שטורמישער „בו״־געשריי פון די ארבעטער האָט זיי פאַרפאָלגנדיק נאָכגעיאָגט.

די סאָלדאַטן זענען געשטאַנען פרידלעכע, געווישט דעם שווייס, פאַר־רויכערט סיגאַרעטלעך און אומבאַקוועם געשמייכלט צו עללאַן. די ארבע־טער האָבן זיי ארומגערינגלט און פריינטלעך גענומען שמועסן מיט זיי.

באַב איז אָנגעגאַנגען פון דער כורווע. ער האָט אומגלויבלעך גע־קוקט אף דעם פרידלעכן ארום, באַטראַכט זיינע כאַווײרים און — ווען ער האָט זיך דערוואוסט וואָס עס איז פאָרגעקומען — פריידיק צוגעגאַנגען צו עללאַן. ער האָט האַנאַעדיק געקוקט אף איר שטאָלץ־אויסגעגלייכטער פי־גור און אף איר צעפלאַמטן פּאָנים. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אז עפּעס איז זי גאָר אויסגעוואַקסן העכער און איז ווידער געוואָרן אַזוי שיין און יונג, ווי דעמלט, בעאײס ער האָט מיט איר נאָר־וואָס באַסענע געהאַט...

„אָפּאָנים״ — איז אים דורכן געדאַנק דורכגעלאָפן, — „אז דאָס לעבן, פונקט ווי אלץ, וואָס איז פאַרבונדן דערמיט, — קאָן דורכן קאַמף ווערן יונגער, שענער און אינטערעסאַנטער״...

ער איז צוגעטראָטן צו עללאַן, זי ארומגענומען און באַרואיקט:

— על, טײרע, — האָט ער איר פריילעך א זאָג געטאָן, — דזשאָני וועט זיין געזונט! ער איז בלויז לייכט פאַרוואונדעט אין ווייכן פלייש פון דער האַנט און וועט באַלד קאָנען אַהיימגיין מיט אונדז. אָבער דו...

ער האָט זיך פאַר א וויל א קווענקל געטאָן און צוגעגעבן:

— נו, איז דען נויטיק געווען, אז דו זאָלסט פריער זען דיין אײגן קינדס בלוט, אײדער זאָלסט קאָנען דערזען ווער די מערדער זענען?...

עללא האָט שעמעוודיק אָנגעלענט איר קאָפּ אף זיין אַקסל און — צו־זאַמען מיט אים — זיך א לאָז געטאָן צו דער כורווע, אַנטקעגן דזשאָנין, וועלכער איז שוין געשטאַנען אף דער גאַס א פאַרבאַנדאַזשירטער און מיט קינדערישער נאַאיווקייט זיך צוגעקוקט ווי די אַמבולאַנסן זענען מיט א וואָיעדיק געפּילדער אַוועקגעפאָרן...

* * * * *

צוזאַמען מיטן פלעגמאַטיש־צופאַלנדיקן אָוונט, האָט די גאַס גענומען אַזוי ווי אונטערדרימלען. א פײערדיק־רויטע, גרויסע זון, וואָס האָט זיך

געהאלטן אין זעצן איבערן קלײנעם בערגל, אף יענער זײט פאבריק, — איז געווען צעשפּאָלטן אין צווײען און אויסגעזען ווי א פײערדיקער צווילינג אפן שוים פונעם האָריזאָנט. דער הימל איז געווען צעצונדן און עס האָט זיך געקאָנט דאכטן, אז דאָס האָבן די פאבריק־קוימענס ווידער אָנגע־הויבן רויכערן און שיסן מיט פײער־צונגען אין די הימלען ארײַן.

עס איז שטיל געוואָרן. אָנגעלענט אף דער פארצאַמונג זענען גע־שטאַנען די פארבליבענע שעריפס מיט זײערע ביקסן און אונטערגעדרימלט.

די ארבעטער האָבן ווידער פארנומען זײערע פּאָזיציעס. ווער עס האָט ארומשפּאַצירט און ווער עס האָט זיך גאָר צוגעזעצט אפן ברעג פון דעם הילצערנעם טראָטואַרל. דאָ און דאָרט האָבן זיך פארמירט גרופּקעס און גענומען שפּילן אין קאָרטן. אנדערע האָבן זיך גענומען זינגען אין כאָר עפּעס א פרײלעך ליד. ערגעץ האָט אן ארבעטער געשפּילט אף א מויל־האַר־מאָניקע און צװײ יאַטן האָבן געטאַנצט. די ארומשטײענדיקע האָבן פרײלעך צוגעפּאַטשט מיט די הענט. עס איז געוואָרן לעבעדיק און עס איז ניט געווען צו דערקענען, אז ערשט מיט א שטיקל צײט צוריק איז דאָרט אָנגעגאַנגען א בלוטיקער געפעכט.

עס איז פינצטער געוואָרן. פון דער אָפענער פאבריק־זײט האָט אָנ־געהויבן יאָגן א קעלטלעך ווינטעלע. א טײל ארבעטער האָבן זיך פארנו־מען אהײם, צו זיך. די איבעריקע, די וואָס זענען געווען באַשטימט צו בלײַבן אף דער וואך איבער נאכט, האָבן זיך צוגעזעצט אפן טראָטואַרל און זיך אײַנגעווארעמט אין זײערע מאַנטלען. אימיצער האָט אויסגערופן:

— הערט, כעווריע, לאָמיר גאָר צעלײגן א שײַטער!...

דאָס איז גלײַך אונטערגעכאַפּט געוואָרן מיט פרײדיקע געשרײען:

— יאָ, א שײַטער!... לאָמיר צעלײגן א שײַטער!...

עטלעכע יאַטן האָבן זיך גלײַך א לאָז געטאָן ערגעץ און באַלד צו־ריקגעקומען מיט ברעטלעך, קעסטלעך און סטאַם שטיקער האָלץ. אינגיכן

האָבן זיך אינמיטן גאַס צעצונדן עטלע־כע לעבעדיקע פלאַקערס. ביסלעכווײַז האָבן זײ זיך צעברענט אלץ העכער און העלער און מיט א פרײלעך קנאַקערײַ זיך גענומען הויבן ארויף, צו דעם פינצטער־געוואָרענעם הימל.

די ארבעטער האָבן זיך ארומגע־זעצט ארום די העלע שײַטערס און זיך צונויפגערוקט גאָר נאָענט אײנער צום צווײטן. זײערע רויט־באַלויכטענע פּנימער האָבן געשײַנט מיט האָפנונג און לוסטיקײט.

אין דער נאכט האָט זיך צעקלונ־גען א פרײדיק געזאַנג...

דעם סױנעס טאָכטער

אַז מען האָט צום ערשטן מאָל אַ קוק געטאָן אָף דער צאַרטער, זעכצן־יעריקער לוסיל, האָט מען זיך בעאײַן אױפֿן ניט געקאָנט גלױבן, אַז איר פֿאָטער איז אַ געזונטער ברײט־פּלײצעקער ריז, — אַ פּאָליסמאַן.

ניט אירע גאָלדיק־דינע האָר, װאָס האָבן זיך פֿוכיק געכװאַליעט אָף איר קאָפּ, ניט איר שלאַנקער געבױ און איר שװימענדיקער גאַנג, האָבן עס מיט עפּעס אָנגעדײַט.

פֿונדעסטװעגן איז אין איר דאָך געװען עפּעס אַזעלכעס, װאָס האָט יאָ דערמאָנט אין פּאָליצײַאישעס, כאָטש עפּשער בלױז דאָס, װאָס בײַ זיך אין הײַ־סקול האָט זי זיך אָנגעשלאָסן אינעם טרעפֿיק־סקװאָד און געטאָן די אַרבעט װי אַן עכטער פּאָליסמאַן.

און זי איז געװען שטאָלץ דערמיט.

צו די כאַװערטעס, װעלכע פֿלעגן איר אַמאָל באַהאַלטענערהײט און אומדירעקט אַ שטאָך טאָן װעגן דעם, פֿלעגט זי זאָגן:

— איר װײסט ניט װאָס איר רעדט! װען ניט מײַן פֿאָטער און נאָך אַזעלכע װי ער, װאָלט קײנער ניט זיכער געװען מיטן לעבן!...

בײַ זיך אָבער האָט זי געשטיקט אַ מאָדנעם געפֿיל צום פֿאָטער: דאָס איז געװען אַזאַ פֿײַנלעכער שאָטן פֿון שרעק, װי בײַ קינדער, װאָס װאױנען שױן לאַנג לעבן אַ בעסוילעם און קאָנען זיך נאָך אַלץ ניט באַפֿרײַען פֿונעם ערשטן פּאַכעד־אײַנדרוק, אַז לעבן זײ, בישכײַנעס, געפֿינען זיך מײסים. לוסילן האָט פֿאַרפֿאָלגט דאָס, װאָס אַמאָל, װען זי איז נאָך געװען אַ קלײן קינד, האָט דער פֿאָטער אירער — אַז ער איז דאָס ערשטע מאָל אַהײמגעקומען אין זײַן פּאָליצײַאישן מונדיר — זי אַזאַ הױב געטאָן מיט זײַנע געזונטע הענט צו זיך איבערן קאָפּ, אַז די נעשאָמע איז בײַ איר דעמלט שיער ניט אײַנגעפֿאַלן פֿון גרױס שרעק...

פון דעמלט אָן האָט זי ניט געקאָנט פאַרטראָגן, ווען דער פאָטער אירער פלעגט טײַלמאָל, נאָכן אַהײמקומען, זיך אַוועקזעצן רײניקן זײַן רעוואָלווער און דערבײַ — באַרימעריש — געניזמען קאַלטבלוטיק דערצײלן ווי אַזוי ער האָט זיך הײַנט געיאָגט נאָך פאַרברעכער און אַמאָל אַפילע אימיצן אַוועקגעלײגט אַף קאַלט.

לוסיל האָט דעמלט געקוקט אַפן רעוואָלווער און איר האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז פונעם רעוואָלווער־פיסק שרײַט אַרויס צו איר אַ טויט־וואָרנונג און אַז אָט־אָט וועט ער אַרויסשפּײַען פון זיך אַ פײַערדיקע קויל, — גלײַך צו איר אין האַרצן אַרײַן.

דאָס איז אָבער געווען אַמאָל, ווען זי איז נאָך אַ קלײן קינד געווען. איצט, אַז זי איז שוין אַ דערוואַקסענע און גײט אין הײַ־סקול, ווײסט זי שוין, אַז עס איז ניט אַזוי שרעקלעך. דער פאָטער האָט איר שוין דערקלערט, אַז אָרדנונג און געזעץ איז דאָס וויכטיקסטע אין געזעל־שאַפט און, אויב עס וואָלט ניט געווען קײַן פּאָליצײַ, וואָלטן פאַרברעכנס געהערשט אַף יעדן טראָט.

לוסיל האָט דערפון געדרונגען, אַז אָרדנונג איז די הײַליקסטע זאַך אַפילע אין סקול. זי האָט זיך דעריבער אַרײַנגעוואָרפן אין איר טרעפּיק אַרבעט מיט אײַפער און שטרענגקײַט. אין די צווישן־פּעריאָדן, אַף איר פּאָסטן אינעם לאַנגן קאָרידאָר פון סקול, האָט זי גוט אַכטונג געגעבן, אַז די סטודענטן זאָלן גײן אין אײן ריכטונג; אַז קײנער זאָל זיך ניט אָפּשטעלן, אָדער פאַרפירן אַ טומל. מיט אַ שאַרף אויג האָט זי געקוקט אין דער ווײַט פונעם לאַנגן קאָרידאָר און, אויב זי האָט באַמערקט, אַז עפּעס איז ניט אין אָרדנונג, האָט זי זיך אַ הויב געטאָן אַף די פינגער־שפּיצן און דערבײַ אַ יאָג אַהין געטאָן איר קלינגעדיקע שטימע:

— הע', איר דאָרט, פאַרבלאָקירט ניט דעם דורכגאַנג!...

טײַלמאָל, נאָך אַזאַ באַמערקונג, האָט זיך צו איר דערטראָגן אַ שטילער אָפּלאַך און אַמאָל אויך אַ צוגעוואָרפן וואָרט:

— ס'אַ פעל דאָס איז!...דער „דיק" ליגט איר אין די בלוטן!...

לוסילן האָט דאָס געקרענקט, אָבער זי האָט זיך ניט־וויסנדיק גע־מאַכט. זי פלעגט בלויז וואַרטן אַף אַ געלעגנהײַט, אַז יענער זאָל זיך מיט עפּעס פאַרשולדיקן, קעדײַ זי זאָל אים קאָנען מאַכן אַ באַמערקונג און ראַפּאָרטירן וועגן אים.

אײַפערדיקער פון אַלעם האָט זי געזוכט צו פאַרטשעפּען דעם שוואַרץ־געקרויזטן סטודענט ווײַנשטײַן, — אַ באָכערל פונעם העכסטן קלאַס, וועמען די סטודענטן פלעגן רופן: „דער ציגײַנער". געזוכט האָט זי אים ניט דערפאַר, וואָס ער זאָל זי ווען עס איז האָבן באַלײדיקט מיט אַ וואָרט, אָדער אַזוי זיך ניט גוט אויפגעפירט, — נאָר דאַווקע פאַרקערט; ווײַל ער איז שטענדיק פאַרבײַ זײַן וועג שטיל און לײַטיש. טײַלמאָל פלעגט ער בלויז אַ וואָרף טאָן אַ ברענענדיק־שמײכלענדיקן בליק צו איר, אַז זי האָט דער־בײַ יעדעסמאָל דערפילט, ווי אַ פײַער וואָלט זי דורכגענומען. עפּעס איז ער, דער דאָזיקער „ציגײַנער" הוירבי, געווען אַזאַ מאָדנער. אַ שטילער

— גאָרניט צוגעפּאַסט צו זײַן אויסזען. ער, אײַנער פון די בעסטע שפּי־לער אינעם פוטבאָל־טים פון סקול, האָט מיט זײַנע ברייטע פּלײַצעס און געזונטע הענט איר אַזױפיל דערמאָנט אין איר אײגענעם פאָטער, אַז עס האָט זי אַזש פאַראינטריגירט. זי האָט אָבער קײנמאָל ניט געהאַט קײן געלעגנהײט זיך צו באַקאָנען מיט אים, װײל ער איז געװען אין אַ הע־כערן קלאַס און זיך דעריבער זעלטן באַגעגנט מיט איר. נו, און פאַר װאָרפן אַמאָל אַ שמײכל צו איר — קאָן מען דאָך זיכער ניט פאַרטשעפּען...

אָבער די געלעגנהײט איז פאָרט געקומען. אײנמאָל האָט זי באַמערקט, װי ער, דער „ציגײַנער" הױרבי, האָט אין אַ צװײטן עק קאָרידאָר פאַר־האַלטן אַ גרופּע סטודענטן און יעדן פון זײ דערלאַנגט עפּעס אַ צונױפגע־לײגט פּאַפּירל. אַז דאָס איז ער, הױרבי, האָט זי דערקאָנט לויט דער שװאַרץ־געקרױזלטער קושטשע האָר. צופרידן, װאָס זי האָט אים ענדלעך געפּאַקט, האָט זי זיך אַ הױב געטאָן אױף די שפּיץ פינגער און פונדער־װײטן אַ װאָרף געטאָן איר באַפעל צו אים:

— הײ, ניט געשטאַנען דאָרט, יונגערמאַן! ס'איז ניט דערלױבט!...

הױרבי איז צוגעגאַנגען, שאַרף אַ קוק געטאָן אױף לוסילן און זיך ברײט צעשמײכלט:

— אַ דאַנק, מײדעלע, פאַר דער אינפאָרמאַציע!...

זי האָט זיך אױסגעגלײכט און אַמביציעז באַפױלן:

— רעד ניט אַנטקעגן, יונגערמאַן, װאָרים עס קאָן דיר נאָך אַמאָל פאַרשאַטן!...

הױרבי האָט אַ שטילן פײף געטאָן:

— אַהאַ, אַזױ שטרענג ביסטו? און איך האָב געמײנט — אַ קלוגע...

זי האָט אַ שניט געטאָן:

— גענוג קלוג צו האַלטן אַן אױג אױף אומדיסציפּלינירטע...

ער האָט זיך שפּילעװדיק געריצט:

— אָ, דו דערשרעקסט דאָך מיך, מײדעלע, ערן װאָרט!...

לוסיל האָט מיט אַ געמאַכטער בײזקײט אַ באַפעל געטאָן:

— אײנו, לאָמיך נאָר זען דײַן פּראָגראַם־קאַרטל, זײ מוחל!...

הױרבי האָט װידער גוטמוטיק געלאַכט:

— אָ, איך האָב איצט קײן צײט ניט. איך טו נויטיקע אַרבעט...

זי האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— אינדרױסן... אױף דער גאַס... נאָך סקול... דאָרט װעסטו האָבן גענוג פּלאַץ און...

און שטילער צוגעגעבן:

— װילסט דאָך ניט, אַז איך זאָל איבער דיר באַקומען אַן אױסרײד...

— אָ, איך ענדיק שױן, — האָט הױרבי, אַן ערנסטער, אָבער דאָך צערטלעך, אַ זאָג געטאָן, אַז לוסיל האָט זיך אַזש גענומען רױטלען. — און עפּשער װילסטו אַלײן טאַקע אױך אַזאַ פּאַפּירל?...נישקאָשע, מעגסט עס איבערלײענען. עס װעט דיר צונוץ קומען!...

זי האָט אַ שעמעװדיקע גענומען אַ פּאַפּירל פון זײַן האַנט:

— וועגן וואס איז עס, אט־דאס־א?...

— וועסט דורכלייענען — וועסטו וויסן! — האט ער גלאט א זאג געטאן און סוידעסדיק צוגעגעבן, — עס דארף אבער זיין שא! פארשטייסט...מען דארף ניט וויסן ווער, וואס און ווען...

זי האט א שאקל געטאן מיטן קאפ און, — דערמאנענדיק זיך אפאנים אין אירע פליכטן, — אנגעשטרענגט א זאג געטאן:

— פונדעסטוועגן מארשיר ווייטער און הער אויף דאס אויסצוטיילן אין קארידאר, ווארים איך וועל זיין געצוואונגען צו ראפארטירן און...

הוירבי האט איר א לייכטן קנופ געטאן אין דער צעפלאמטער באק:

— א, וועסט עס ניט טאן, לוסיל. דו, אזא שיינע מויד, וועסט דאך ניט גיין ווערן קיין מאסער — און פארשיטן איינעם, וואס האט דיך טאקע גינציק אויך...

לוסילס פאנים האט זיך צעפלאמט. זי האט זיך פארשעמט און ניט געוואוסט וואס צו זאגן. צום גליק האט הוירבי זיך געטאן א דריי אוים און גענומען אוועקמארשירן. זי האט אים א וויל נאכגעקוקט מיט א מאדנער צופרידנקייט און דערביי געפילט, ווי איר הארץ קלאפט אויסערגעווינלעך־גיך. זי האט געכאפט א בליק אינעם פאפירל:

— הם... — האט זי צו זיך א מורמל געטאן. — מען רופט א סטרייק אין סקול?!...

זי האט ביז איינגעקנייטשט דאס פאפירל אין האנט, געזוכט א פלאץ וואו דאס אוועקצווארפן און דערביי, צו זיך, א ברום געטאן:

— מען וואלט, דאכט זיך, געדארפט מעלדן וועגן דעם...

און גלייך זיך דערשראקן:

„אבער...הוירבי...ער?"..

זי האט זיך צוגערוקט צום צווייטן גארד, וואס איז געשטאנען ניט וייט פון איר, אים אנגעוויזן אפן פאפירל און שטיל א פרעג געטאן:

— וואס דענקסטו וועגן אט־א־דעם־א, פרעדי?...

יענער האט א וויש געטאן דעם שטערן:

— די נ. ס. ל. איז גערעכט. מילכאמע איז...

— „ביי די ווער" — האט לוסיל איבערגעשלאגן יענעמס רייד, — וואס מיינט עס אזעלכעס, אט די נ. ס. ל.?...

— נאציאנאלע סטודענטן־ליג! — האט יענער קורץ אפגעהאקט.

— קאמוניסטן? — האט לוסיל האלב־פרעגנדיק א ברום געטאן.

— כ'ווייס ניט!

— ס'איז געשריבן אין זייער טאן...

— ווארים עס איז דען א כילעק ווי אזוי עס איז געשריבן?... אבי עס איז נאר ריכטיק...

— מיינט דאס, אז... דו וועסט אוודע אויך ארוים אין סטרייק... צוזאמען מיט זיי?!...

— הםם... — האט יענער געענטפערט, — אין דער לעצטער מילכאמע האט מיין פאטער פארלוירן א פוס און...

לוסיל האָט אַ זיפֿץ געטאָן און איבערגעפֿרעגט:

— און דעם סטרייק אָרגאַניזירט דער שוואַרצער הזירבי? ער טאָקע?

— איז דען אַ כּילעק וועך?...

לוסיל האָט געשוויגן. זי האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. באַלד האָט מען זי געבעטן פֿון איר פּאָסטן און זי איז אַריין אין איר קלאַס־ציי־מער. זי איז אָבער דאָרט געזעסן און קימאַט גאָרניט געהערט וואָס דער לערער האָט געזאָגט. זי האָט געטראַכט וועגן הזירבין. מיט אומגעדולד האָט זי געוואַרט אָפּן אָוונט, ווען זי וועט פֿאַרטיק ווערן. זי האָט זייער שטאַרק געוואָלט זען הזירבין און זיך דורכרעדן מיט אים. זי האָט גע־וואָלט הערן פֿון זיין אייגן מויל, נאָך וואָס מען דאַרף דאָס אַזעלכע זאַכן אַריינטראָגן אין סקול און צי וועט אַ סטרייק ביכלאַל עפּעס העלפֿן...

זי האָט אָבער הזירבין ניט געטראָפֿן. ווען זי איז אַרויס פֿון קלאַס, איז ער שוין ניט געווען. ער — ווי אין אַ העכערער קלאַס — האָט אָנגעה־הויבן און געענדיקט די לימודים מיט אַ גאַנצער שאָ פֿריער ווי זי.

אָן אומגעדולדיקע איז זי אַוועק אהיים און אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז אַף צומאָרגנס וועט זי אַוועק אין סקול מיט אַ שאָ פֿריער, קעדיי זיך צו קאָנען טרעפֿן מיט הזירבין און...

אַ שווייגנדיקע איז זי אַריין אין שטוב און זיך געפּלייסט אונטערצו־דריקן איר אויפֿרעגונג. איבעראַשט איז זי געוואָרן, ווען דער פֿאָטער אירער, באַלד ווי ער איז אַריינגעקומען פֿון זיין אַרבעט, האָט איר מיט־אַמאָל פּלוצלונג אַ פֿרעג געטאָן:

— פֿאַראַן עפּעס נייעס היינט ביי אייך אין סקול, לוסיל?...

אין אָנהויב האָט זי ניט פֿאַרשטאַנען וואוהין דער פֿאָטער האָט גע־צילט און וואָס ער האָט געמיינט. ער אָבער איז אָנגעגאַנגען:

— געהערט, אַז די סטודענטן קלייבן זיך ביי אייך אַרויסצוגיין אין סטרייק. איז דאָס עמעס?...

לוסיל האָט אַ רעגע אַ טראַכט געטאָן און פֿאַרלוירן אָפּגעענטפֿערט:

— עס זעט אויס אַזוי, פּאַ...

דער פֿאָטער האָט שאַרף אַ קוק געטאָן אין אירע אויגן אַריין:

— און דיך זאָל אַמאָל כאַלילע ניט פֿאַרגליסטן צוצושטיין צו דעם סטרייק! — האָט ער טרוקן אַ וואָרן געטאָן. — וואָרים מער וואָלט מיר ניט געפֿעלט, נאָר מען זאָל נאָך קאָנען זאָגן, אַז סאַרדזשענט סווינים טאָכ־טער איז געוואָרן אַ סטרייקערן און אַ רויטע...

לוסיל, כאָטש זי האָט אַליין ניט געוואוסט פֿאַרוואָס, — האָט אַ ציטער געטאָן און אָפּגעקערט דעם קאָפּ פֿון פֿאָטער. זי האָט אָבער אַלץ געהערט זיין שאַרף ברומען:

— אויסוואורפֿן!... נאָך ווינציק, וואָס זיי ווילן אונטערגראָבן אונ־דזער דעמאָקראַטיע, שלעפּן זיי נאָך אַריין די קינדער אין אַזעלכע זאַכן. קעגן מילכאָמע? — אָ־רייט!... איך בין אויך קעגן מילכאָמע. מיר אַלע זענען קעגן דעם. יאָ, מיר זענען גענוג רייך און דאַרפֿן ניט קיינעמס לאַנד. אָבער...אויב דעם דזשעפּ*), צי עפּעס אַן אַנדערן שוואַרץ־יאָר,

*) יאַפּאַן

וועט זיך אמאל פארגליסטן אנצופאלן אף אונדז, זאלן מיר בלייבן שטיין מיט פארלייגטע הענט, ווייל אזוי גלוסט זיך די רוטעץ? א, ניין!... ניט ביי זייער לעבן!...

לוסיל האט אויפגעהויבן די אויגן, — זיי זענען געווען פארטרערט. ווי א פארשולדיקטע האט זי געקוקט אפן פאטער און געטראכט:

„ער איז גערעכט, דער פאטער. ער"...

און אין א ווייל ארום:

„אבער מיט הוירבין וועט זי זיך פונדעסטוועגן יא דורכרעדן" — האט זי ביי זיך אין די געדאנקען אפגעמאכט. — „אדראבע, זאל ער אליין עס איר דערקלערן"...

* * * * *

די ערשטע ווערטער, וואס זי האט גערעדט צו הוירבין, נאכדעם ווי זי האט זיך געטראפן מיט אים, זענען געווען:

— פארוואס באליידיקסט דו מיך שטענדיק, הוירבי?...

א שמייכלענדיקער האט ער פארכידעשט א קוק געטאן אף איר:

— איך?...וועגן וואס רעדסטו, לוסיל?...ווען?...ווי אזוי?...

זי האט ארונטערגעלאזט אירע בליקן צו דער ערד:

— שטענדיק, ווען דו גייסט מיך נאר פארביי, ווארפסטו דאן צו אזא מאדנעם בליק מיט פאראכטונג, אז איך פיל ווי...דו האסט מיך עפשער פיינט, ווייל...מיין פאטער איז א...

ער האט זיך צעלאכט:

— דיין פאטער?...און איך האב אים אפילע ניט אינזינען...

— האסטו מיך, הייסט עס, גלאט אזוי פיינט, וואס דו רייצט מיך?...

הוירבי האט געשמייכלט:

— פארקערט, נארעלע, ווייל איך...אבער צו וואס רעדן פונקט איצט וועגן דעם?...גלויב מיר, לוסיל, אז ווען איך וואלט געוואוסט, אז דאס וועט דיר וויי טאן, וואלט איך ניט...איך האב גאר געמיינט, אז... נו, איך וועל דאס שוין מער ניט טאן, ערןווארט!... דו... וועסט דאך מיר אוודע מויכל זיין...א־יא?...

לוסיל איז געווען איבערפולט מיט פרייד און גליק. זי איז געווען צופרידן, וואס הוירבי — באטש אומדירעקט — האט זיך אנטשולדיקט פאר איר און קימאט צוגעגעבן, אז ער האט זי ליב. עס האט איר שוין האנאע געטאן, וואס זי האט נעכטן ניט ראפארטירט אף אים.

זי האט זיך אנגענומען מיט מוט און א זאג געטאן:

— איך ווייס, הוירבי, אז פיל סטודענטן האבן מיך פיינט; אז זיי באציען זיך צו מיר מיט אומצוטרוי...מיין פאטער איז אבער א פיינער מאן. ער פארהיט די שטאט פון רויבער און...

— יא, — האט הוירבי איראניש א שמייכל געטאן, — און ער שפאלט אויך אמאל די קעפ ביי סטרייקער...

לוסיל האט זיך ווי פארלוירן, אבער דאך א זאג געטאן:

— סטרייקער זענען דאך אויך פארברעכער. ניט אזוי?...

הזירבי האָט גוטמוטיק געלאַכט:

— ביסט נאָך גאָר אַ קינד, לוסיל! דו פאַרשטייסט נאָך גאָרניט! די קאַפּס דינען בלויז די רייכע און טוען וואָס יענע הייסן. פאַרן אַרבעטער, וואָס גייט אַרויס אין סטרייק פאַר אַ גרעסער שטיקל ברויט פאַר זיך און זיין פאַמיליע, האָבן זיי, די קאַפּס, בלויז קלאַפּס און...

לוסיל האָט געשוויגן. עפּעס האָט איר אַרומגעכאַפּט אַזאַ צעווייטיקטער פאַרדראָס, אַז זי האָט מער ניט געקאָנט דאָס מויל עפענען. זי איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט לעבן דער וואַנט און זיך אויפמערקזאַם איינגעהערט אין הזירבים ווייטערדיקע רייד:

— זעסטו, לוסיל, — האָט ער גערעדט צו איר, — ווען דו וואָלסט ניט געזען אַזאַ אַנגעבלאָזענע, וואָלט מען דיר נאָך עפּשער געקאָנט דערקלערן וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. דו אָבער, האָב איך מוירע, וועסט נאָך גלייך אַוועקלויפן און...

לוסיל האָט זיך שיר צעוויינט:

— אָ, גאָט!... אַזוי שלעכט בין איך דאָך נאָך ניט!...

— וועסטו עס דאַרפן באַווייזן. — האָט ער טרוקן אַ זאָג געטאָן.

זי האָט צושטימענדיק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— אָ־רייט, הזירבי, איך וועל עס באַווייזן! איך פאַרשטיי בלויז ניט צו וואָס דאַרפן מיר עס אַרויסגיין אין סטרייק קעגן מילכאָמע... וואָרים אימיצער וויל עס דען יאָ?...

ער האָט געשמייכלט:

— וועסט זיין איבעראַשט!...

— אָבער... — האָט זי זיך געדונגען, — קימאַט יעדן טאָג שרייבן די צייטונגען אַרטיקלען קעגן קריג. צו וואָס־זשע דאַרף מען נאָך סטרייקן?

הזירבי האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— נאַרעלע. מיט רייד און גוטע וואונטשן קאָן מען גאָרניט אויפטאָן! נאָכמער: אונטער אָט די דאָזיקע שרייבערייען ליגן טאַקע באַהאַלטן די עמעסע קאַוואָנעס, אָף אויפצובלאָזן אַ מילכאָמע ביי דער ערשטער געלעגנהייט. מיר — די סטודענטן־יוגנט — וועלכע וועלן געשיקט ווערן אין די מילכאָמעס, — דאַרפן דעריבער אָנזאָגן די מילכאָמע־צינדער, אַז עס וועט ניט גיין; אַז מער וועלן מיר זיך ניט לאָזן אַרייננאַרן און...

לוסיל איז געשטאַנען אַ שטילע, געבליצט מיט די אויגן און דערביי געשלונגען הזירבים יעדעס וואָרט. ביי זיך אין האַרצן איז זי אַפּילע יאָ מאַסקים געווען מיט אים. אָבער... אַז זי, לוסיל אַליין, זאָל נאָך אויך אַרויסגיין אין סטרייק און אָנטיילנעמען אין דער־אָ דעמאָנסטראַציע, — מיינט דאָך צו גיין קעגן איי[גענעם] פאָטער. און דאָס... ניט זי האָט עס געוואָלט און ניט זי האָט עס געקאָנט...

הזירבי איז דערוויל אַוועק אין זיין קלאַס. זיין פּעריאָד האָט זיך שוין באַלד געדאַרפט אָנהויבן. לוסיל איז געבליבן אַליין. זי איז געווען אומרואיק און באַזאָרגט. איר איז געגאַנגען אין איין זאַך:

„וואָס טוט מען?... ווי אַזוי וועט זי פאַרבלייבן אין איר קלאַס־צימער,

בעאיס אלע סטודענטן וועלן ארויס אף דער גאס? וואס וועט הזירבי גאר טראכטן וועגן איר? די סטודענטן וועלן דאך גערעכט זיין, אז דער קאפ איז איינגעזויגן אין אירע בלוטן, ווי א געיארשנטע שווינדזיכט"...

— עך, — האט זי צו זיך א מורמל געטאן, — ווען זי וואלט היינט באטש קראנק געווען!... דאס וואלט דאך זי געראטעוועט!... אט, ווען זי וואלט כאטש היינט באקומען א קאפ־ווייטיק!...

עס איז פאראיבער א שא. דער פעריאד פון לוסילס קלאס האט זיך שוין באלד געדארפט אנהויבן. אירע באווערטעס און כאוויירים פון קלאס האבן זיך שוין אנגעהויבן צוזאמענקלייבן צו דער דעמאנסטראציע, איינ־דרויסן. הזירבי און פיל אנדערע סטודענטן פון זיין קלאס־פעריאד, — האבן זיך שוין אנגעהויבן ארויסלאזן פון סקול און ביי דער טיר אנ־געפירט א קאמף מיט א גרופע סטודענטן פונעם פוטבאל־טים, וואס האט זיי געפרואווט פארהאלטן. דער פרינציפאל, — האט לוסיל געזען, — איז ארומגעלאפן און געווארנט מיט א הייזעריקן קאל:

— ווער עס וועט פארלאזן די קלאסן, אדער אזוי ניט קומען צו די לימודים, וועט סוספענדירט, אדער אויסגעשלאסן ווערן פון סקול!...

לוסיל האט זיך שטילינקערהייט אריינגעשלייכט אין קלאס־צימער.

אן אומרואיקייט — ווי ערעוו א געשלעג — איז געהאנגען אין דער לופט איבערן גאנצן קלאס. דער לערער איז געווען בלאס און צעטראגן. לוסיל האט געקוקט אף אים און ניט געקאנט באגרייפן, פארוואס ער איז אזוי אויפגערעגט. דער גלאק האט געקלונגען. די עטלעכע געקומענע סטודענטן האבן פארנומען זייערע פלעצער, אבער מען האט נאך אלץ ניט געלערנט. פונדרויסן האט זיך געגומען טראגן א טומל. עס האבן זיך מיטאמאל דערהערט הילכיקע אויסרופן:

— ארונטער מיט מילכאמעס און מילכאמע־צינדער!...

— ארונטער מיטן פאשיזם, וואס געדייעט מילכאמעס!...

יעדער אויסרוף איז באגלייט געווארן מיט א הורא־געשריי, וואס האט אנגעפילט דאס צימער און געמאכט אומעגלעך צו לערנען. דאס גערויש איז געווארן שטארקער. דער לערער, — האט לוסיל געזען, — האט גע־ווארפן זייטיקע בליקן צום פענצטער, — פונקט ווי ער וואלט זייער שטארק געוואלט א קוק טאן ווי עס קוקט אויס אונטן, אף דער גאס. סאף־קאל־סאף איז ער טאקע צוגעגאנגען צום פענצטער. די סטודענטן האבן זיך דערפילט פרייער און זענען אויך צוגעגאנגען.

לוסיל איז געשטאנען מיט איר שטערן הארט צוגעשפארט צו דער שויב פונעם פענצטער. געזען האט זי, ווי הזירבי איז געשטאנען אונטן, אף א קעסטל, און גערעדט צו די פארזאמלטע סטודענטן. געהערט האט זי, ווי זיינע ווערטער האבן זיך געגאסן עפעס אזוי פליסיק און פריי. זי האט געשלונגען יעדעס ווארט.

נאך האט זי געזען:

דער פרינציפאל — א צעדולטער און נאך מער איינגעקנייטשטער ווי טאמיד — איז ארומגעלאפן אפן טראטואר, לעבן אריינגאנג צו דער סקול,

געפּאָכעט מיט זײַנע טרוקן־אײַנגעדארטע הענט, ווי ער וואָלט געשוואומען, און געגעבן עפּעס אַ באַפעל צום „קאָסטאָדיען" פון סקול. יענער איז גלײַך אַרײַן אינעווײַניק און אין עטלעכע מינוטן ארום האָט לוסיל פון ווײַטן דערהערט דאָס וואָיען פון פּאָליצײַ־סירענעס און דערזען אַ צאָל פּאָליצײַ־קארס, וואָס האָבן זיך אימפּעטדיק געטראָגן אַהערצו, צו דער סקול.

דאָס הארץ בא לוסילן האָט גענומען האַסטיק קלאַפּן:

„זײַ פאָרן אַהער...עס וועט זײַן צאָרעס"...

און אײדער זי האָט נאָך באַוויזן זיך צו אָריענטירן, האָבן זיך שוין די פּאָליצײַ־קארס אָפּגעשטעלט. עטלעכע פּאָליסלײַט זענען ארונטערגעשפּרונגען און — מיט די קלאָבס אין די הענט — זיך האַסטיק אַ לאָז געטאָן צו די פארזאמלטע סטודענטן.

לוסיל האָט אַ ציטער געטאָן. אין געדאַנק איז איר דורכגעלאָפן:

„הורבי... אַפּאָנים, אַז ער איז טאַקע גערעכט געווען...די פּאָליצײַ איז טאַקע ניט בלויז אַזוי אָף צו כאַפּן פארברעכער, ווי אָף צו"...

טרערן האָבן זיך אַ שטעל געטאָן בײַ איר אין די אויגן און — ווי מיט אַ נעפּל — פארשטעלט אַלץ וואָס אונטן איז פאָרגעקומען. די פּאָליסלײַט — האָט זי בלויז געזען — האָבן געוואָרפן מיט די קלאָבס, זיך געיאָגט צווישן די סטודענטן און זײ גענומען פאַנאַנדערטרײַבן. אַלע פּאָליציאַנטן זענען בײַ איר איצט אויסגעקומען ווי פון אײן שטיק געגאָסן. בלויז אײַנער פון זײ האָט זיך באַזונדער אויסגעטײלט מיט זײַן גרויס. געזען האָט זי, ווי ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אָף הורבין, וועלכער האָט אַלץ גערעדט צו די סטודענטן., און האָט אים מיט גוואַלד אַ שלעפּ געטאָן פונעם קעסטל. לוסיל האָט מיט פארשטשעמעטע צײַן אַ היסטערישן קוויטש געטאָן:

— העי, בעסטיע, לאָז אים אָפּ!!!...

אינסטינקטיוו האָט זי אַ זוך געטאָן מיט אירע הענט ארום זיך, ווי אָף אָנצוכאַפּן עפּעס אַ זאַך אָף ארונטערצושלײדערן אָפּן פּאָליסמאַן. אָבער נאָך אײדער זי האָט באַוויזן זיך אַ באַוועג צו טאָן, — האָט יענער פּאָליסמאַן זיך מיטאַמאָל געטאָן אַ דרײ אויס מיטן פּאָנים אין איר זײַט און...

לוסיל האָט גלײַך אַרויסגעלאָזט עפּעס אַזאַ צעווײטיקט־פּײַנלעכן געשרײַ, אַרונטערגעלאָזט די אויגן און זיך שטיל פאַנאַנדערגעווײנט..............

....



דער אויפריס

(דעם באליבטן פירער פון די אידישע ארבעטער און פאלקס־מאסן פון אמעריקע, כאווער ווילאם ווינער — א מאטאנע.)

צו א פארוואָרפענעם פלאץ, ביים סאמע עק שטאָט, איז אין א פארטאָג צוגעפאָרן אן עסקאוואטאָר. באלד האָט ער אָנגעהויבן הודזשען, גרילצן און קנאקן — נאָר פארטויבט צו ווערן. די איינוואוינער פון די דערביי־איקע הייזלעך זענען ארויסגעלאָפן א קוק טאָן וואָס עס איז געשען, אָבער דער עסקאוואטאָר — ווי אן אויסטערליש־ריזיקער העלפאנט — איז שוין געשטאנען טיף איינגעגראָבן און געגריזשעט אונטער זיך די ערד און שטיינער...מיט זיין גרויסן, אייזערנעם נאָז־לעפל, האָט ער דאָס אויסגעגראָבענע ארויפגעוואָרפן אף גאָר־גרויסע, צוגעפאָרענע לאסט־אָטאָס, און דערביי אלץ געברומט און געסאָפעט...

צוליב וואָס דער עסקאוואטאָר גראָבט און וואָס מען קלויבט זיך דאָרט צו בויען, האָט קיינער ניט געוואוסט. עס האָט אויסגעזען, אז א גרויסע געביידע. איינער, אן עלטערער מאן פון געגנט, מיט א פאָנים ווי טאטוּ־אירט פון מאסן קנייטשן, האָט עפּעס ווי געקייט מיט זיינע בלוטלאָזע ליפּן און גערעדט צו די ארומשטייענדיקע מיט א פישטשענדיקער שטימע:

— ניט אַנדערש, נאָר די היינטיקע מענטשן זענען מעשוגע געוואָרן! וואָס איז, קנאַפּ הייזער זענען דען פאראן ליידיקע אין שטאָט?...

ער האָט אויסגעשפיגן אביסל געל־צעקייטן קיי־טאבאק און צוגעגעבן:

— פּכע, און דאָס נאָך אין קריזיס־צייט?!...

אימיצער האָט צוגעשטימט:

— יאָ, דערצו נאָך אין אַזאַ פארוואָרפענעם העק!...

דער עקסקאַוואַטאָר איז געשטאַנען טאַקע נאָר ווי א גוילעם א מאַשין און ווייטער געטאָן זיין אַרבעט: — געגריזשעט די ערד אונטער זיך סיי בייטאָג און סיי ביינאַכט. איינגיכן האָט מען דערביי אָנגעלייגט קופּעס מיט שטיינדלעך, צעמענט און זאַמד. עס זענען אָנגעפּאָרן מיש־קעסלען פאַר בעטאָן און אַרבעטער האָבן זיך געשטעלט בויען א פונדאַמענט.

קימאַט ווי איבער נאַכט האָבן פון דער ערד אָנגעהויבן אַרויסשפּראָצן שטאָלענע פיר־עקיקע סקעלעט־פאָרמען פון געביידעס. איינגיכן האָבן זיי זיך אָנגעטאָן אין ציגל און אָנגענומען דעם אויסזען פון הייזלעך מיט שאַרף־מעשופּעדיקע, געגלעזטע דעכער און מיט פיל צעקעסטלטע פענצטער אין די ווענט. מען האָט שוין איצט געקאָנט דערקענען, אז דאָס זענען פאַבריק־געביידעס.

אַף די אַרומיקע געסלעך האָט מען טאָג און נאַכט גערעדט וועגן די געביידעס. מען האָט געפּרואווט טרעפן וואָסערע פאַבריקן דאָס וועלן זיין און וואָס מען וועט דאָרט פּראָדוצירן; צי וועט מען צונעמען אַרבעטער און וויפל. עס זענען אָנגעגאַנגען געוועטן און קריגערייען. האָט אימיצער געזאָגט איין זאַך — האָט א צווייטער דאָס אויסגעלאַכט און גענומען באַ־ווייזן פונקט דאָס פאַרקערטע.

לעבן די פאַבריק־געביידעס זענען אויך אויסגעוואַקסן צוויי גרויסע וואוינונג־הייזער. אַלע צוזאַמען — אַרומגערינגלט מיט א הויכער, גע־מויערטער וואַנט, ווי אַרום א טפיסע. ס'איז געווען אויפפאַלנדיק. פרעגן וואָס און ווער — איז ניט געווען ביי וועמען. די מויערער און די אַנדערע אַרבעטער, אז מען האָט זיי געפרעגט וועגן עפּעס, האָבן זיי בלויז א הויב געטאָן מיט די אַקסלען און טרוקן א ברום געטאָן:

— וואָס ווייסן מיר?... מען הייסט בויען — בויען מיר!...

אָדער גאָר אַזוי:

— וואָרים ס'איז דען א בילעק?... א פאַבריק איז א פאַבריק!...

* * * * *

אויפן בערגל, לעבן דער פאַבריק־מויער, האָט מען פאַרלייגט אייזנבאַן־שינעס. רויט־געפאַרבטע וואַגאָנען האָבן — דורך א צעעפנטן אייזערנעם טויער פון פאַבריק־הויף, — געבראַכט צו פירן פאַרשיידנאַרטיקע מאַשי־נען, קעסלען און געשטעלן. אין א צווייטן טויער, וואָס צום קליינעם הויפל ביי די הייזער, האָבן גרויסע, פאַרמאַכטע לאַסט־אַטאָס, אַריינגעפירט מעבל און אַנדערע שטוב־זאַכן. באַלד זענען די פענצטער פון די דאָזיקע הייזער פאַרצויגן געוואָרן מיט פאַרשיידנקאָלירטע פאָרהאַנגען. אין די אָוונטן האָבן זיך דורך זיי דורכגעריסן מאַסן געצונדענע לעמפּלעך צו דער שטילער נאַכט און — נאָך מער פאַרשטאַרקט די סודעסדיקייט. די קרעמער פון גאַס, וועלכע האָבן געהאָפט צו פאַרגרעסערן זייער לייזונג דורך די נייע איינוואוינער, — זענען געבליבן אַנטוישט. גלייך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אז איינווייניק, אינעם שמאָלן הויפל, וואָס הינטער דער געמויערטער וואַנט, — זענען געעפנט געוואָרן ספּעציעלע קראָמען פאַר די אַרבעטער, קעדיי זיי זאָלן ניט אַרויסגיין קויפן אינדרויסן. יענע, וואָס

זענען אמאל יא ארויסגעקומען פון דארט, זענען פארבײ די גאס געאײלט און שטום — ווי מיט פארשלאָסענע מײלער. אויב עס איז אפילו יאָ גע־לונגען אימיצן אָפצושטעלן, האָט יענער — אז מען איז צו אים צוגע־שטאַנען מיט פראַגעס — גלײַבגילטיק און, טײלמאל אפילו מיט א מין טראַציק געלעכטערל, אָפגעענטפערט:

— לעבנס־עליקסיר מאַכן מיר דאָרט!...אזא מין טאַניק, וואָס פאַר־לענגערט דאָס לעבן, אויב מען טוט נאָר א שמעק דערצו!...

אָדער אזוי:

— פרעגט ווינציקער, — וועט פאַר אײַך געזונטער זײַן!...

די דאָזיקע ענטפערס האָבן מאַמעש פאַרביטערט די דערבײַאיקע אײַנ־וואוינער. זײ האָבן גענומען קוקן מיט כשאד אף די אינעווײניקסטע אר־בעטער און זײ אפילו אָנגעהויבן אויסמײַדן. ניט אײנמאל האָט געטראָפן, אז ווען אַן אײַנוואוינער פון פאַבריק־הויף איז ארויסגעקומען צו קויפן עפּעס א זאַך, וואָס האָט אין דער אײגענער קראָם אויסגעפעלט, האָבן דאָס די קרעמער ניט מיט גרויס כײשעק געוואָלט פאַרקויפן. אָפט האָט מען זײ אפילו ניט געוואָלט ענטפערן און זיך אָפגעקערט פון זײ. אז מען האָט אזעלכן דערזען אף דער גאַס, האָט מען אים נאָכגעטײַטלט און געמורמלט:

— אָט גײט א הינטערפלויטניק!...

די קינדער פון גאַס האָבן אפילו צוגעטראַכט א נאָמען פאַר זײ:

— די געסט פון יענער וועלט!...

וואָס מען טוט דאָרט, הינטער דער מויער, און וואָסערע סכּורעס מען אַרבעט דאָרט אויס, איז קײנעם נאָך אלץ ניט געלונגען אויסצוגעפינען. אין די אָוונטן זענען זיך דאָס ביסל אײַנוואוינער צוזאַמענגעקומען לעבן די קראָמען, און מיט פאַרדראָס געקוקט צו דער פינצטערער מויער־וואַנט, פון הינטער וועלכער עס האָבן געהײמניספול אריבערגעקוקט האַלב־באַלויכטענע פענצטער און עטלעכע הויכע ציגל־קוימענס, פון וועלכע עס האָבן ארויסגעזעצט שווערע, שוואַרץ־געקנוילטע רויך־וואָלקנס.

אָפטמאל, אין די שפּעטע, פינצטערע אָוונטן, האָבן זיך פון ווײַטן גנײַוויש דורכגעשניטן צוויי גרויסע, ברענענדיקע אויגן פון א לאָקאָמאָ־טיוו, וואָס האָט זיך געשלענגלט אף די געדרײטע שינעס און געשלעפּט הינטער זיך עטלעכע פראַכט־וואַגאָנען מיט רוי־מאַטעריאַלן פון דער דער־בײַאיקער סטאַנציע. באַלד איז ער אַרײַנגעקראָכן דורכן פאַרבאַרגענעם טויער, וואָס האָט זיך צעעפנט פאַר אים אף עטלעכע מינוטן, און איז דאָרט פאַרשוואונדן. שפּעטער אביסל האָט דער זעלביקער לאָקאָמאָטיוו ארויס־געשלעפּט פון אינעווײניק עטלעכע וואַגאָנען — אָנגעלאָדענע מיט גרויסע, אײַזערנע ציסטערנעס, הילצערנע פירעקיקע קאַסטנס, און לאַנגע קײַלעכיקע באַלאָנען, וואָס זענען אפּאָנים געווען אָנגעפילט מיט דער אומבאַוואוסטער און געהײמער סכּורע.

דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן אזוי שטיל, אז עס האָט זיך געדאַכט, ווי אפילו דער לאָקאָמאָטיוו וואָלט אײַנגעהאַלטן זײַן סאָפּען. אָפט אזוי גיך און אומגעריכט, אז עס איז קײנעם קײנמאל ניט געלונגען זיך נאָענט

צוצוכאפן און עפעס אויסגעפינען. דער טויער האט זיך געווײנטלעך גלײך צוריק פארמאכט. די מענטשן אינדרויסן, זענען אבער אלץ געבליבן זיצן, געקוקט מיט נײגיר און כשאד אף דער ציגל־וואנט, און זיך ניט אויפגעהערט וואונדערן. דערנאך, אז עס איז רעכט שפעט געווארן, האט אימיצער — אין אנטוישונג — א שפײ געטאן אין יענער ריכטונג און — פונקט ווי דאס וואלט געווען א סיגנאל — זענען אלע אוועק אהײם צו זיך שלאפן...

* * * * *

עס איז אנגעקומען דער זומער. די היץ האט געשטיקט און געבאקן. די קוימענס האבן קעסײדער געזעצט מיט רויך. וואגאנען זענען ארײנגעפארן און ארויסגעפארן. אף די געס'לעך האט מען זיך נאך אבער אלץ ניט דערוואוסט וואס און ווען.

די האפנונג, וואס פיל פון די מענטשן האבן געהאט, אז זומער, ווען די קינדער וועלן פרײ ווערן פון די שולן פאר זײערע וואקאציעס, וועט מען זיך דורך זײ פארט עפעס קאנען דערוויסן, — איז אויך צערונען געווארן. די קינדער — ווי באפרײטע באיעלעך פון די שטײגן — זענען ארומגעלאפן אינעם שמאלן הויפל, וואס האט אויסגעזען ווי א שפאלט צווישן בײדע הײזער, און זענען אפילע אף דער גאס גארניט ארויסגעקומען. דארט, אינעווײניק, האבן זײ זיך געשפילט און פרײגעלאזט זײער ענערגיע, וואס איז איבערן לערן־סעזאן אונטערדריקט געווען פון זײערע לערער. זײערע קוילעס האבן זיך אפט אריבערגעטראגן איבער דער מויער אין גאס ארויס. פיל קינדער זענען ארומגעלאפן האלב־נאקעטע און — אין צעריסענע באד־קאסטיומלעך — ארומגעטאנצט אונטערן שפריץ־באד, וואס די הויז־וועכטער האבן פון א גרויסער וואסער־רער פאר די הײסע טעג פארלײגט. אנדערע זענען ארומגעלאפן מיט זײערע שפילצײג־רעוואלווערלעך אין די הענט און זיך געשפילט אין גאזלאנים מיט פאליציאנטן. זײ האבן נאכגעטאן אלץ אזוי פינקטלעך, ווי זײ האבן אמאל וועגן דעם געלײענט אין די גאסן־צײטונגען, אדער געזען אף די בילדער, אינעם שכײנישן קינא־טעאטער:

— הער, יאלדאק, הענכער מיט די לאפקעס!...

— אהער דאס געלט, אדער דאס לעבן!...

די דאזיקע אויסרופן זענען באגלײט געווארן מיט פוסטע קנאלן פון זײערע שפילצײג־רעוואלווערלעך און מיט הילכיקע אויסגעשרײען:

— דערלאנג אים!... גיב אים צום שמעקן!...

— העלף!... פאליצײ!... מערדער!...

דער ברײטער, אײזערנער טויער, אין פראנט פון דער מויער, איז שטענדיק פארמאכט געווען. אויב אימיצער האט געדארפט ארײנגײן, האט זיך פאר א ווײל געעפנט א קלײן פארטקעלע און אים ארײנגעכאפט. דארט, אף דער אינעווײניקסטער זײט, האט מען יעדן ארײנגעקומענעם גרינטלעך באזוכט, צי ער טראגט ניט עפעס מיט זיך. פרעמדע מענטשן האבן כוץ דעם געמוזט אנווײזן וואוהין, צו וועמען און נאך וואס זײ גײען, און —

ערשט דערנאָך, אַז מען האָט זײ גוט דורכגעשטאָכן מיט די אויגן, — זײ קוים אַרײַנגעלאָזט.

אינעװײניק, צװישן די װאוינונג־הײַזער און דער פאַבריק־זאָנע, איז געװען אַ צװײטע, עטװאָס קלענערע װאַנט. אַהין, אין דער פאַבריק־זאָנע, האָט מען קײנעם ניט אַרײַנגעלאָזט. אַפילו די אַרבעטער האָבן געקאָנט אַרײַנגײן בלויז צו דער אַרבעט. אָבער אויך זײ האָבן זיך דעמלט געמוזט אָפּשטעלן בײַם בודקעלע, אָװעקגעבן בײַם פענצטערל דאָס קײלעכיקע מעש־בלעכל מיטן נומער, װאָס זײ האָבן באַקומען בײַם פאַרלאָזן די אַרבעט מיט אַן אָװנט פריער. פאַרן דאָזיקן נומער האָט מען דאָרט אַרויסגעקראָגן אַ גאַז־מאַסקע מיט אַן אָנװײַזונג װאוהין, אין װעלכער אָפּטײלונג, זיך צו מעלדן אַף דער אַרבעט און, ערשט דערנאָך, אַז מען האָט פאַרשריבן דעם נאָמען אין אַ גרויסן בוך אַרײַן און גרינטלעך באַזוכט, — אַרײַנגעלאָזט.

פאַר פרעמדע, דרויסנדיקע, איז יענער טויער געװען װי אונטער טויזנטער ריגלען און שלעסער. קײנער, אַפילו ניט די אַרבעטערס װײַבער און קינדער, האָבן דורך אים ניט געקאָנט דורכגײן. כאָטש די װאוינונג־הײַזער אַלײן זענען אויך געװען װי אַן אָפּגעשלאָסענע טפיסע — פאַרהאַקט און פאַרזיגלט פאַר דער דרויסנדיקער װעלט.

און בלויז װי אַ גרוס, אַז אינעװײניק, אין די הײַזער, איז פאַראַן לעבן, האָט זיך פון דאָרט טײלמאָל געהערט אַ לעבעדיקער טומל. גרילצנ־דיקע ראַדיאָס האָבן דורך די פענצטער אַרויסגעקװיטשעט מיט באַלאַשעס־דיקן דזשעז, דרײענדיק זיך דורך די געװאַשענע לײַלעכער, װאָס האָבן זיך — װי מײסים — געהוידעט אַף פאַרצויגענע שטריק.

פון אײן פענצטער האָט אַ שװאַכינקע סאָפּראַן־שטימע זיך געאָרגלט אַף רוסיש:

— האידאַ, טראָיקאַ! שנײ פּוכאָװער! אַ נאַכט אַ פראָסטיקע איז אין אַרום! אַ לעװאָנע פון בלאַסן זילבער...

פון אַ צװײט פענצטער האָט אַ כריפּעדיקער באַריטאָן אָפּגעענטפערט שוין אַף איטאַליעניש:

— פאַרלאָז מיך ניט, סאָרענטאָ, איך האָב דיך אַזוי ליב!...

פון אַ דריטן פּלאַץ האָט זיך געריסן אַ טענאָר, אַף ענגליש:

— בײ מיר ביסטו שײן. פּליז לעט מי עקספּלעין!...

און באַלד דערלעבן, בישבײנעס, — אַ כריפּעדיקער אַלט:

— די מוזיק גײט אַרום און אַרום, אָ־האָ־האָ־האָ, אָ־האָ־האָ... און קומט אַרויס דאָ־אַרום־עט...

דאָס געררויש האָט זיך צונויפגעגאָסן און צוזאַמענגעמישט אין אײן שװערן, דערװידערדיקן טומל...

* * * * *

עס איז געװען פאַרמיטאָגצײַט. דורך די צעעפנטע פענצטער האָט מען פון גאַס געקאָנט זען, װי פרויען האָבן זיך אַרומגעפאָרעט אין זײערע קיכן. זײ האָבן, אַפּאַנים, צוגעגרײט דעם איבערבײס פאַר זײערע מענער, װעלכע האָבן שוין באַלד געדאַרפט אַהײמקומען פון דער אַרבעט, פון דער

ערשטער וואַכטע. עס האָט זיך געטראָגן אַ געמיש פון רייכעס פון געפּרע־גלטע פלייש, פישן און זודיקער קאַווע. אַנדערע פרויען, ווידער, יענע וואָס האָבן שוין געהאַט אַרויסבאַגלייט זייערע מענער צו דער אַרבעט, אָף דער צווייטער וואַכטע, האָבן זיך שוין געהאַט פיל אויסגעצויגן אָף זייערע ווייך־געבעטע קאַנאַפּעס, ווער מיט אַ בילדער־צייטונג, אָדער מיט אַ ליבע־מאַיסע־ביכל אין האַנט, און נאַכלעסיק אונטערגעגענעצט.

עס איז אָנגעגאַנגען דער געווײנלעכער טומל. מיטאַמאָל האָט ערגעץ ביי אַ טיר אַ גלעקל הילכיק אַ ריס געטאָן. די באַלעבאַסטע פון שטוב האָט אויפגעציטערט. זי האָט געכאַפּט אַ קוק אָף איר האַנט־זייגערל און זיך געוואונדערט. געוואוסט האָט זי, אַז פאַר איר מאַן איז נאָך עטוואָס צו פרי אַהיימצוקומען. זי האָט דעריבער מיט אַ פריינטלעך־זיסער שטימע — אַנטקעגנגייענדיק צו דער טיר — אַ פרעג געטאָן:

— ווער איז עס דאָרט?...

— איך וויל זען מיסטער אָ׳קאָנאָר! דזשים אָ׳קאָנאָר! — האָט זיך פון יענער זייט טיר דערהערט אַ מענער־שטימע.

די פרוי האָט געעפנט די טיר:

— קומט אַריין, איך בעט אייך! — האָט זי פריינטלעך איינגעלאַדן דעם גאַסט. — אָקאָרשט מען זעט ווער דאָ זיין!...

אַ יונגערמאַן האָט זיך באַגריסט מיט איר און איז אַריבערגעטראָטן די שוועל. ער האָט פאַרגיטיקנדיק געשמייכלט און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ ווי אין אַ דאַנק. די פרוי האָט זיך אַביסל גערויטלט, פאַרבעטן דעם גאַסט אין צווייטן צימער אַריין און זיך אַנטשולדיקט:

— איר וועט מיר מוחל זיין, — האָט זי געזאָגט, — איך מוז נאָך אַריינגיין פאַר אַ וויל אין קיך. איך מוז צוגרייטן עסן פאַר דזשימין. עס פאַרדריסט מיך, וואָס איך קאָן אייך דערווייל ניט אויפנעמען ווי אַ גאַסט!

דער יונגערמאַן האָט אומגעלומפּערט אַ שמייכל געטאָן און זיך דער־פילט עפּעס אַזוי מאָדנע אומבאַקוועם. ער האָט זיך צוגעזעצט און שטיל אַ זאָג געטאָן:

— איר וועט מיר אַנטשולדיקן, מאַדאַם, אָבער... קיין אַנדערע צייט האָב איך ניט געקאָנט געפינען אַהערצוקומען... איך האָב געוואוסט, אַז דאָס איז די זיכערסטע צייט צו טרעפן דזשימין און...

און צוגעגעבן:

— איך בין דזשימס אַן אַלטער פריינט. אין איין שול געלערנט... איך... מיין נאָמען איז דזשעק. דזשעק ווינער...

די פרוי האָט אַ שמייכל געטאָן, אַרויסגענומען פון ערגעץ דזשימס אַ קעסטל ציגאַרן, אַוועקגעשטעלט לעבן דעם גאַסט און אים געבעטן אליין זיך מעכאַבעד זיין. אַליין איז זי אַריין צוריק אין קיך און זיך גענומען ווידער צו איר אַרבעט.

עטלעכע מינוטן שפּעטער איז דזשימי אָנגעלאָפן. ער איז — ווי זיין געוואוינשאַפט — אַריינגעקומען מיט אַ זינגענדיקן „העלאָ טייערע״ און געוואָלט צוגיין אַ קוש טאָן דער פרוי. זי האָט זיך פאַררויטלט, אָף גיך

צוגעלײגט א פינגער צו די ליפן, א װאונק געטאן דערבײ צום מאן, אנװײזנדיק צו דער צװײטער שטוב, און א זאג געטאן:

— א פרײנט דײנער װארט דארט אף דיר, דזשימי!...

דזשימי האט פון װײטן א קוק געטאן מיט פרעגנדיקע בליקן דורך דער טיר, צו זען װער דארט איז, און גלײך זיך געטאן א לאז אהין מיט זײנע אויסגעצויגענע אָרעמס:

— דזשין!...אויב דאס איז ניט דזשעק מיט די בײנער!...זע, װאס טוסטו דא?... כ'מײן...װאס עפּעס אזוי אומגעריכט?...

זײ האבן זיך געדריקט די הענט. דזשעק האט דרינגלעך א קוק געטאן אף דזשימין:

— איך בין געקומען, דזשים, אז זאלסט מיר העלפן. דו, האב איך געהערט, ביסט דא באס אין אן אפּטײלונג און...

דזשימי האט אים איבערגעשלאגן:

— דערויף האסטו געדארפט אפּגעבן דײנע יארן אף שטודירן?...

— יעפּ, ברודער, עס איז זײער פּאסקודנע!...

— און װײסטו כאטש װאסער פאבריק דאס איז, דזשעק?...

— מיר איז ניט קײן בילעק. איך מוז קריגן ארבעט, װארים...

דזשימי האט א צעשפּרײט געטאן די הענט:

— עמעס, דזשעק, איך בין דא טאקע א שטיקל פאָרמאן, אבער... איך קאן ניט אנשטעלן קײן ארבעטער. דאס...

דזשעק האט ארויפגעלײגט זײן האנט אף דזשימיס אקסל:

— װען איך װאלט געהאט אן אנדער אויסװעג, דזשימי, װאלט איך ניט אהערגעקומען. דו ביסט בײ מיר געבליבן די אײנציקע האפנונג און אויב דו זאגסט זיך אפּ מיר צו העלפן, קומט מיר פּאשעט אויס...

דזשימיס פרוי האט מיט באדויער געקוקט אפן גאסט. זי האט זיך גענומען רויטלען און מיטאמאל זיך אפּגערופן:

— װעסט מיר אנטשולדיקן, דזשימי, אבער עפּשער װאלסטו א קלונג געטאן צו פּוירקינסן און... ער װאלט עס זיכער געטאן פאר דיר, אויב ער זאל נאר דארפן...

— הערסטו, אט דאס איז עס דאך, טײערע, — האט דזשימי זיך א דרײ געטאן צו זײן פרוי. — אויב ער זאל נאר דארפן!...

ער האט זיך אבער גלײך א כאפּ געטאן:

— װעל...איך װעל א פּרואװו טאן...

ער איז צוגעגאנגען צום קלײנעם טישל, אף װעלכן עס איז געשטא־נען א טעלעפאן־אפּאראטל. ער האט זיך צוגעזעצט און מיט א פינגער גענומען אויסדרײען א נומער. א װײל איז ער געזעסן מיט פארגלאצטע אויגן צום סופיט און זיך אײנגעהערט אין טרײבל. באלד האט ער א שמײכל געטאן און זײן שטימע האט זיך צעקלונגען:

— העלא, פּוירקינס!...דאס רעדט א'קאנאר! יא, דזשים א'קאנאר! איך האב אנגעקלונגען, װײל...איר פארשטײט... עס האנדלט זיך װעגן מײנס א גוטן פרײנט...ער מוז קריגן ארבעט... יא, א װאוילער יאט...

פונעם זעלבן לידזשאַן־פּאָסט וואָס איך... יאָ... איך גאַראַנטיר...וואָס?... אים אַריבערשיקן צו אייך?... אָ־קעי!... דאָס איז פיין!... אַ גרויסן דאַנק אייך!... יאָ!... גוד־ביי!...

אַ שמייכלענדיקער איז ער אויפגעשטאַנען, פריינטלעך אַ קלאַפּ געטאָן דזשעקן איבער דער פּלייצע און פריילעך אַ זאָג געטאָן:

— ביזט אַ מאַזלדיקער יאַט, דזשעק, אַף מיין ערן וואָרט!... פּונקט אַף דיין גליק איז אין פּוירקינס דיוויזיע געשטאָרבן אַן אַרבעטער און פריי געמאַכט אַ פּלאַץ...

און דערזעענדיק, אַז דזשעק איז פאַרטראַכט, — צוגעגעבן:

— נו, מונטער זיך אויף, ברודער...מונטער זיך אויף!... וואָס שטייסטו נאָך אַזוי פאַרטרויערט?...עס איז שוין אַזוי גוט ווי דו וואָלסט געווען אַפן דזשאָב!... ווערסט נאָר דאַרפן זען צו מאַכן אַ גוטן איינדרוק אַף פּוירקינסן און...

דזשעק האָט זיך אויפגעשטעלט און זיך געקליבן צו גיין.

— אָ, איר וועט דאָך פאַרבלייבן מיט אונדז אַף מיטאָג?!... — האָט דזשימס פרוי היימיש און ליבלעך געבעטן און אַ זאָג געטאָן צום מאַן.

— דזשימי, בעט דיין פריינט, אַז ער זאָל בלייבן מיט אונדז אַף מיטאָג!

דזשעק — כאָטש עס איז קלאָר געווען, אַז ער איז אַביסל צעטראָגן און באַזאָרגט — האָט אַ שמייכל געטאָן און איז פאַרבליבן...

* * * * *

דער הויפּט־אָפיס פון פאַבריק האָט זיך געפונען אַף אַ באַגרינטן בערגל אינמיטן פאַבריק־הויף. דעם דירעקטאָרס צימער — וואָס אַפן דאַך־צענטער פון דער געביידע — איז געווען אַ גרויסער, פיין־מעבלירטער, און אַ קימאַט־דורכאויס־געגלעזטער, ווי אַ לייכט־טורעם אינמיטן יאַם. ריזיקע, געקעסטלטע פענצטער פון אויבן ביז אַרונטער — אין אַלע זייטן — צו קאָנען זען פון אינעווייניק, וואָס אינדרויסן, אין הויף, קומט פאָר. מיסטער הענרי פעין, דער דירעקטאָר פון פאַבריק, איז געזעסן אין זיין באַקוועמען פיינעם פאָטעל, ביים מאַסיוון שרייב־טיש, און אויפמערקזאַם אריינגעקוקט אין עפּעס אַ קאָמוניקאַציע. זיין מאָפּסן־פּנים — געקאַרבט מיט טיפע שריינטלעך — איז געווען גאָר ערנסט. ער האָט מיט אַ בלייפעדער געפּירט איבער ציפערן און — אַ צופרידענער, אַז די נאָכ־הענגענדיקע הויט פון זיינע צעקנייטשטע באַקן האָט אַזש געציטערט — געמורמלט צו זיך:

— יע־עס, אַ גאַנץ פיינע באַשטעלונג... וועדליק פאַר אַ לאַנד, וואָס האָט פריער ניט געוואָלט קויפן די סכוירע אין אויסלאַנד, איז עס פאַר אַן אָנהייב גאָרניט אַזוי שלעכט!...

ער האָט זיך אויפגעשטעלט און פריידיק געריבן איין האַנט אין דער צווייטער, קימאַט אויסשרייענדיק:

— און איך וועל נאָך באַווייזן פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז די ד.פּ. און ס. וועט בלייבן די איינציקע אַפן וועלט־מאַרק! די קאָנקורענטן וועל איך נאָך צערייבן ווי די וואַנצן!...

ער האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט אַ פויסט אין טיש און זיך פאַרגאַנגען אין געלעכטער. מיטאַמאָל האָט ער אַ קוועטש געטאָן אַ קנעפּל בײַ זיך אַפן טיש און — דורך אַ מיטאַמאָל־אויפגעלויכטענעם רונד אין עפּעס אַזאַ מאָדנע קעסטל, וואָס איז געשטאַנען לעבן אים — טרוקן אַ ברום געטאָן:

— מיסטער סוויני, איר וועט אַזוי גוט זײַן אַ מינוט!...

אין אַ ווײַל איז אין קאַבינעט אַרײַנגעגאַנגען אַ הויכער מאַן מיט אַ שאַרף־שפּיציקער נאָז און מיט פאַרבאַלעמטע אויגן:

— יעס, מיסטער פעין, — האָט ער זיך לײַכט אַ בויג געטאָן, — מיט וואָס קאָן איך דינען?...

— זיצט! — האָט מיסטער פעין אַ וויז געטאָן אַף אײנער פון די ווײך־געבעטע און באַניקלטע מאָדערניסטישע שטולן, וואָס בײַם שרײַבטיש.

— איר האָט עפּשער עפּעס נײַעס?...

סוויני האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אַף נײַן.

— און איך האָב יאָ. — האָט מיסטער פעין — ווי צו באַווײַזן, אַז ער איז קלוגער — כיטרע אַ לאַך געטאָן. — און וויכטיקע נײַעס אויך... עס זעט אויס, אַז מיר וועלן דאַרפן לאָזן לויפן דעם לעצטן פּלענט. איך האָב נעכטן געגעסן מיטן אַמבאַסאַדאָר פון „עקס צווײ" און באַקומען אַ גאַנץ היפּשע באַשטעלונג פון אים...

ער האָט אים געוויזן די קאָמוניקאַציע און געלאַכט:

— כע־כע־כע... דער אַמבאַסאַדאָר האָט נעבעך דיפּלאָמאַטיש אויסגע־מיטן מיר צו ענטפערן, פאַרוואָס זיי האָבן פּלוצלונג באַשלאָסן צו מאַכן די באַשטעלונג און איך... איך האָב אים נאָך געטאָן די גרעסטע טויווע, וואָס איך האָב זי אָנגענומען... נו, איצט זעט איר שוין? עס האָט טאַקע געקאָסט אַ מאַסע געלט, אָבער עס איז ווערט געווען!...

סוויני האָט אויפגעהויבן זײַנע אויגן:

— מעטיוז האָט טאַקע באַוויזן עפּעס אויפצוטאָן?...

— און נאָך ווי!... — האָט מיסטער פעין געלאַכט. — אַנדערש, מײַנט איר, וואָלט עס געווען אַזוי לײַכט זיי צו ברעכן?...

און באַטש ער איז געווען זיכער, אַז קײנער איז ניטאָ דערבײַ, שטי־לער אַביסל צוגעגעבן:

— אין פאַבריק בײַ זיי, די גרעסטע, האָט ער אינגאַנצן אָפּגעווישט, כע־כע־כע!... אין אַ צווייטער — האָט ער אָרגאַניזירט גאָרניט קײן שלעכטן סאַבאָטאַזש... אין אַנדערע צוויי — האַלט עס בײַ שאַרפע סטרייקס און...

סוויני האָט מיט אַ שמײכל געקוקט אַף זײַן שעף:

— אַזוי?!...

— יאָ, דער קערל מעטיוז איז אַ פײַאיקער יונג... ער איז ווערט אַלע געלטער. פון דאָרט וועלן מיר אים אַריבערשיקן אין „עקס נײַן" און... כע־כע־כע, איר האָט זיך ניט געוואָלט גלויבן, אַז עס וועט אַרבעטן...

סוויני האָט זיך ווי פאַרלוירן:

— איך האָב ניט געצווייפלט אין אײַערע פײַאיקײטן, מיסטער פעין. איך האָב נאָר גערעכנט, אַז מען טאָר דעם שטשור ניט טרויען. ער וועט

ארבעטן פאר יענעם, וואס וועט אים געבן מער געלט. און פונקט ווי ער קאן עפעס מאכן ביי זיי, אזוי קאן ער דאך עפעס מאכן ביי אונדז...

— וואס מיינט איר? — האט פעין א ציטער געטאן.

— איך מיין... — האט סוויני געשטאמלט, — אז... ביי אונדז קאן דאך אויך אויסברעכן א סטרייק און...

מיסטער פעין האט א מאך געטאן מיט דער האנט:

— נארישקייטן! מיר האבן אוועקגעשטעלט געגוג מענטשן, וואס זאלן דערויף אכטונג געבן. א סטרייק וועט ביי אונדז דערשטיקט ווערן, איידער ער וועט נאך אפילו געבוירן ווערן...

ער האט ארויסגענומען א זילבערנע ציגאר־פושקע פון קעשענע און אונטערגעטראגן סוויניען:

— און ווי געפעלט אייך די מאטאנע פונעם זעלביקן אמבאסאדאר?... אויסגעצייכנטער שטאף!...יא...ביי אונדז זעט מען גארניט אזעלכעס... פאררוּיבערט!...

סוויני האט גענומען א ציגאר, אנגעצונדן א שוועבעלע און זיך געבריט די פינגער, ווארטנדיק אנצוצינדן זיין שעפס ציגאר. מיסטער פעין האט זיך אבער ניט געאיילט. ער האט פריער צוגעלייגט דעם ציגאר צו דער נאז, ווי א פאר וואנצעס, און ליידנשאפטלעך אריינגעצויגן אין זיך דעם שמעקעדיקן גערוך. ער האט געזאגט:

— ניין, סוויני, ביי אונדז קאנען אזעלכע זאכן ניט געשען!...

ער האט פאררויבערט, זיך אויפגעשטעלט און גענומען ארומשפאנען איבערן צימער. מיטאמאל האט ער זיך אפגעשטעלט לעבן א פענצטער און ארויסגעקוקט. אינדרויסן, אפן הויף, פארביי דעם פענצטער, האבן גרופעס ארבעטער געשטופט קליינע וואגאנעטקעס, אנגעלאדענע מיט קאסטנס. מיסטער פעין האט אנגעוויזן אף זיי און געלאכט:

— אזעלכע זענען ניט קיין מאטעריאל פאר אגיטאטארס. זיי זענען גוט אויסגעהונגערט געווען, איידער מיר האבן זיי דורכגעזיפט און צוגענומען צו דער ארבעט...

און מיטאמאל:

— פונדעסטוועגן דארף מען האלטן אן אויג אף זיי און...יא, וואס זענען די באריכטן פון די אפטיילונגען?...

— דערווייל איז אלץ אין ארדנונג, מיסטער פעין! — האט סוויני א זאג געטאן און איז געבליבן שטיין, — ווארטן אף א מעגלעכן באפעל פון זיין שעף.

מיסטער פעין האט בלויז א מאך געטאן מיט דער האנט:

— גוט, דאס איז דערווייל אלץ!... געדענקט אבער, סוויני, טאמער מאכט זיך עפעס אין פאבריק, זאלט איר מיר גלייך באריכטן!...

סוויני האט זיך א בויג געטאן:

— איך האף, אז עס וועט ניט נויטיק זיין אייך צו באאומרואיקן.

— ניין. — אפילו וועגן דעם קלענסטן פארדאכט!...

— א־קעי, מיסטער פעין!...

ער איז ארויס.

מיסטער פעין האָט זיך פאר א ווײל ארומגעדרייט איבערן קאבינעט און ניט געוואוסט צו וואָס זיך צו נעמען. מיטאמאָל האָט זיך זיין בליק אָפּגעשטעלט אף דער ווײך־געבעטער קושעטקע און ער האָט גלײך דערפילט א פארלאנג זיך אויסצוציען. ער האָט אָבער זײער שטארק ניט געוואָלט, אז זײנע אָנגעשטעלטע זאָלן אים זען ליגן. געוואָלט האָט ער, אז אלע זאָלן זיין אונטערן אײנדרוק, אז ער — פון אינדערפרי, ווען ער קומט אין אָפיס, ביז שפעט אין אָוונט, ווען ער פארלאָזט אים — ארבעט ער אומאונטערבראָכן.

ער האָט דעריבער פארשלאָסן די טיר, ארײנגעלײגט די קאָמוניקאציע אין דער קאסע און פארהאַקט דאָס טירל. דערנאָך האָט ער זיך אויסגעצויגן אף דער קושעטקע און א צופרידענער פארמאכט די אויגן...

* * * * *

א באאומרואיקנדיקער קלאפ אין דער טיר האָט אויפגעוועקט מיסטער פעינען פון שלאָף. א צעשראָקענער האָט ער געעפנט די אויגן, ארונטער פון קושעטקע און געעפנט די טיר. סווינֿי און — הינטער אים — אײנער פון די ספּעציעלע אויפזעער, זענען ארײן ווי אָן אָטעם. סווינֿי האָט זיך אָוועקגעשטעלט שטײף און טרוקן. דער אויפזעער — א גראָבער און קורצער — האָט אינגאנצן געציטערט:

— הײנט פרי, סער, — האָט ער סאָפּענדיק ראַפּאָרטירט און אָנגעוויזן אף א פאַפּירל, וואָס ער האָט אין האנט געהאַלטן, — הײנט פרי האָט מען אין די פּאָסט־קעסטלעך געפונען ארײנגעלײגט אָט די דאָזיקע אויפרופן, וואָס רופן די ארבעטער צו קומען צו א מיטינג און זיך ארגאניזירן פאר א סטרײק. א צאָל פאַפּירלעך איז געווען אויסגעקלעפּט אף די ווענט פון די הײזער און...

מיסטער פעין איז געשטאַנען צעשפרײט מיט זײנע פיס און זיך באַ־הערשט, ניט ארויסצעווײזן זיין אויפרעגונג. ער האָט איבערגעשלאָגן:

— נו־נו?...

— איך האָב אַלעמען געהײסן ארויסנעמען די פאַפּירלעך פון די פּאָסט־קעסטלעך און מיר זײ איבערגעבן. — האָט דער אויפזעער ווײטער געשטאַמלט. — די הויז־וועכטער האָב איך באַפוילן ארונטערצוקראַצן און ארונטערוואַשן אלע פאַפּירלעך...איצט...איצט איז שוין ניט פארבליבן קײן שום זײכער פון זײ...

מיסטער פעין האָט נערוועז געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— ווער האָט די פאַפּירלעך ארײנגעלײגט אין די פּאָסט־קעסטלעך?

— איך ווײס ניט... — האָט דער אויפזעער געציטערט.

— און ווער האָט זײ אויסגעקלעפּט אף די ווענט?

— קײנער האָט עס ניט באַמערקט. ערשט הײנט אינדערפרי, ווען...

— אידיאָט! — האָט מיסטער פעין מיטאמאָל בײז אויסגעשריגן. — וואָס הײסט, מען האָט ניט באַמערקט?...נו, און... דערפאַר האָט מען דאָך אײך אָנגעשטעלט, אז איר זאָלט יאָ זען!...

— איך... — האָט דער אויפזעער געציטערט. — איך...

— וואָס דו? — האָט אים מיסטער פעין איבערגעשלאָגן און אים נאָך מער צעטומלט. — איך ווייס, אַז דו ביסט אַ גרויסער אייזל. ווייסטו דאָס?

— יעס סער! — האָט יענער זיך פאַרלוירן. — איך מיין...

— אַזוי־אַזוי... — האָט מיסטער פעין נערוועז אַרומגעשפּאַנט און אונטערגעברומט, — איז, הייסט עס, ניטאָ אַף וועמען זיך צו פאַרלאָזן?!...

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט:

— נו, און ווער איז אונטערגעשריבן אַף די דאָזיקע אויפרופן?...

— ניטאָ קיין נעמען, סער! — האָט דער אויפזעער אַף גיך אַ שלונג געטאָן. — בלויז אינעם נאָמען פון אַ גרופּע אַרבעטער...

— אָבער דאָס איז דאָך אומדערלאָזבאַר!... — האָט מיסטער פעין געשטורעמט. — אַ מיטינג גאָר!...

ער האָט ווידער גענומען אַרומשפּאַנען. ענדלעך האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און שאַרף אַ ברום געטאָן:

— פונדעסטוועגן וועט מען דאַרפן אימיצן צושיקן אַהינצו!... מען מוז אויסגעפינען ווער עס שטייט הינטער דעם!...

סווייני האָט זיך אַ בויג געטאָן:

— דאָס וועט באַזאָרגט ווערן, סער! כאָטש איך צווייפל, צי די, וואָס שטייען טאַקע הינטער דעם, וועלן זיך ביכלאַל באַווייזן צום מיטינג...

— טכוירן! — האָט מיסטער פעין אַ געשריי געטאָן. — שטינקענדיקע טכוירן, דער שוואַרץ־יאָר זאָל עס נעמען!...

און זיך שאַרף אַ דריי געטאָן:

— און אַזוי־אָ האָט מען עס געהיטן, צו אַלדע טייוול?!...אָבער די דאָזיקע פּאַפּירלעך האָט מען דאָך דאָ, אַף דער פאַבריק, זיכער ניט געדרוקט! מען האָט זיי דאָך געמוזט אַריינשמוגלען פון דרויסן!...פאַרוואָסזשע האָט מען קיינעם ניט געכאַפּט דערביי?...וואָס טוען די אויסוואַורפן, וועלכע זיצן ביים טויער?...

— זיי, — האָט סווייני אָנגעהויבן עפּעס זאָגן, נאָר איז גלייך איבערגעשלאָגן געוואָרן פון מיסטער פעינען:

— זאָלן זיי זיך אַלע גלייך מעלדן אין צאַל־אָפּיס נאָך זייערע געהאַלטן!...אַוועקשיקן זיי!...איר הערט, סווייני? — אַוועקשיקן!...אַזעלכע אייזלען דאַרף איך דאָ ניט!...

סווייני האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— יעס סער!...

— און אַף זייער אָרט, — האָט מיסטער פעין צוגעגעבן, — זאָלט איר אַוועקשטעלן אַ צאָל אָרנטלעכע מענער פון פאַבריק!...זעט אָבער, אַז דאָס זאָלן אַלץ זיין בלויז אַזעלכע, וואָס זענען געצייכנט ערשטע קלאַס; אַזעלכע, וואָס האָבן קיינמאָל ניט געהערט צו קיין יוניאָן און אויך ניט אַרעסטירט געווען פאַר קיין שום פאַרברעכן, — אַפילע ניט פאַר פאַרלעצן פּאָשעטע אָטאָמאָביל־פאַרקער־רעגולאַציעס!...און טאָמער וועט זיך אַזאַ זאַך נאָכאַמאָל איבערכאַזערן, דאַן...

סוויני און דער אויפזעער האָבן זיך געלאָזט צו דער טיר. מיסטער פעין האָט זיי פארהאלטן:

— דאָס פארדאַמטע פאַפּירל לאָזט מיר איבער! — האָט ער שארף א זאָג געטאָן און אָנגעוויזן, אז מען זאָל עס אוועקלייגן אפן טיש. — איך וויל כאַפּן א קוק אין דעם...

ער האָט ארויסגעלאָזט ביידע באַזוכער און הינטער זיי ווידער פאר־שלאָסן די טיר. דערנאָך האָט ער זיך צוגעזעצט צום שרייבטיש, אָנגע־זאָטלט אף דער נאָז די פענסנע און — א דערצאָרנטער — זיך גענומען אויפמערקזאַם טאַפּן די געדיכטע שורעלעך אפן פאַפּירל...

* * * * *

אין א בוידים־שטיבל, ערגעץ אף א זייטיקער געסל, ניט ווייט פון די פאַבריק־הייזער, איז פארגעקומען א זיצונג פונעם קאָמוניסטישן קעמערל פון דער געגנט. א צוויי צענדליק מענער און פרויען זענען געזעסן אונטער די מעשופּעדיקע דאַך־ווענט פונעם אָנגעלייטן צימערל, אויפמערקזאַם אויסגעהערט באַריכטן וועגן דער אָפּגעטאָנענער ארבעט פון דער פארגאַנגענער וואָך און אויפגענומען די אויפגאַבן פאַר דער לויפנ־דיקער. עס איז געווען א געשעפטמעסיקע שטילקייט. די ניט־זייער העלע באַלייכטונג אינעם שטיבל, האָט צוגעגעבן די פּנימער פון די פאַרזאַמלטע א באַזונדערע מאָדנע ערנסטקייט.

כאַווער דזשעק — א צעשוויצטער און מיט צעפּלאָשעטע האָר — האָט מיט שאַרפע הענט־באַוועגונגען דערציילט ווי אזוי זיין אויפגאַבע אין פאַבריק איז דערגאַנגען און ווי אזוי — איבער דעם פארשטאַרקטן נאָכקוקן פון די ספּעציעלע אויפזעער און שפּיאָנען — עס איז פאַר אים אומעגלעך געוואָרן אויפצוטאָן עפּעס מאַמאָשעסדיקס. ער האָט פאָרגעשלאָגן, אז אי־בער דער געשאַפּענער לאַגע און דעם געפאַר ארייִנצופאַלן, זאָל מען פאַר אַן אומבאַשטימטער צייט אָפּלייגן די אַגיטיר־און־אָרגאַניזיר־ארבעט פון די ארבעטער, ביז צו א גינסטיקערער צייט.

עס איז אַוועק א ליידנשאַפטלעך־הייסע דיסקוסיע איבער דעם באַריכט. עס האָבן זיך געהערט פארשידענע מיינונגען פאַר און קעגן און אפילע שאַרפע אויסרופן:

— אַזעלכע רייד פּאַסן ניט פאַר קיין קאָמוניסטן!...

— דאָס איז אָפּאָרטוניזם!...

אַנדערע, אָבער, האָבן געהאַלטן מיט דזשעקן. זיי האָבן געטייַנעט:

— עס איז לייכט צו רעדן, כאַווירים, ווען מען געפינט זיך איינ־דרויסן! אָט, זאָלן נאָר די דאָזיקע כאַווירים א פּרוּוו טאָן צו אַרבעטן אונטער די שטעכיקע בליקן פון באַהאַלטענע שפּיאָנען, און דעמלט...

דזשעק האָט אַלץ געבעטן:

— זאָל מען בלויז אף דערווייל...בלויז פאַר א קורצער צייט... אָט, ביז עס וועט זיך איינשטילן און...

אנטקעגן דעם איז שארף ארויסגעטראָטן א יונגע כאַווערטע. זי, אַנדזשעלינע האָט מען זי גערופן, — א שלאַנקע איטאַליענישע מיידל, מיט

שארפע שװארץ־ברענענדיקע אויגן און נאך שװארצערע האר, — האט ביז געװוּמען פארװארפן:

— װאס? אפליגן אונדזער אויפקלערונג־ארבעט?...נו, און דערװײל זאל מען דערלאזן אזוי רואיק צוגרייטן די גיפטיקע גאזן, װאס װעלן סאף־קאל־סאף באנוצט װערן קעגן אונדזערע אייגענע ברידער, קעגן די ארבעטער פונעם סאװיעטן־פארבאנד?...

דזשעק האט װידער גענומען בעטן:

— אז סיי־װי האט זיך דערװײל אפילו קיין איינציקער ארבעטער פון דער פאבריק ניט צוגעהערט צו אונדזערע אויפרופן. קיין איינציקער האט ניט געפרובירט אנקנופן פארבינדונגען, אדער אזוי אויסגעפינען עפעס. די עטלעכע, װאס זענען יא געקומען צו דער גרופענער פארזאמלונג, זענען זיכער געװען קאמפאניע־שפיאנען, די שפיר־הינט פון דער פאב־ריק...ס'איז בלויז א בעבענעמדיקע ריזיקע און...

עס איז װידער געװארן טומלדיק. אימיצער האט א געשריי געטאן:

— נעמט די פראגע צום אפשטימען, כאװער פארזיצער!...לאמיר עס איינמאל פאר אלעמאל אפפאטערן!...

פאר א װײל האט דער פארזיצער זיך אינדערשטיל בעראטן מיטן אר־גאנײזער. עס האט געהאלטן, אז מען זאל די פראגע דערװײל אפלייגן ביז צום קומענדיקן מיטינג, ביז עס װעט קלאר װערן װאס עס קאן און דארף געטאן װערן.

אנדזשעלינע איז אבער ניט אפגעטראטן:

— װאסער אפליגן גאר? — האט זי געשריגן. — קאמוניסטישע ארבעט טאר ניט אפגעלייגט װערן!... אונדזערע כאװײרים אין דער פאשיסטישער איטאליע און אין נאצי־דייטשלאנד, האבן אויך ניט אויפגעגעבן זייער ארבעט!...זיי ארבעטן אונטער שװערערע באדינגונגען און זענען אפילו מאקריװ זייערע לעבנס! די פארטיי װעט זיין גערעכט, אז זי װעט אונדז פאר אזא סארט ארבעט אינגאנצן אויסשליסן פון אירע רייען!... יא! ... אזא צעקראכנקייט!...

— װאס־זשע װעסטו פארלייגן, כאװערטע אנדזשעלינע? — האט אי־מיצער מיט איראניע א װארף געטאן צו איר. — װערטער קאסטן טאקע גארניט, אבער...

אנדזשעלינע האט זיך אויפגעשטעלט:

— איך זאג, כאװײרים, אז אויב דער כאװער דזשעק קאן גארניט אויפטאן, הייסט עס נאך ניט, אז קיינער קאן ניט... קאן זיין, אז די ארבעט איז טאקע אביסל צו שװער פאר איין מענטש... נו... דארף מען אריינשיקן אהין נאך אימיצן און...

דער ארגאנײזער האט געשמייכלט:

— דאס איז אויסגעשלאסן, כאװערטע אנדזשעלינע! — האט ער א זאג געטאן. — גענוג שװער איז אונדז אנגעקומען, איידער מיר האבן געפונען דעם כאװער דזשעק, װעלכער האט געהאט א פארבינדונג און...

אנדזשעלינע האט געדרייט מיטן קאפ און מיטאמאל א פרעג געטאן:

— װעט מיר עפּשער דערלויבט זײַן צו שטעלן אַ פּריװאַטע פראַגע דעם כאַװער דזשעק?...

דער פּאַרזיצער האָט געשמייכלט:

— אויב איר װעט נאָר ניט זײַן צופיל פּערזענלעך...

— איך װיל בלויז פרעגן, — האָט זי דרייסט אַ זאָג געטאָן, — צי דער כאַװער דזשעק איז, אַזוי צו זאָגן, אַ פּאַרהייראַטעטער, אָדער ניט?...

עס האָט זיך דערהערט אַ פאַרשטיקטער געלעכטער פון אַלע זײַטן. אימיצער האָט אַפילו שפּאַסיק אַ מורמל געטאָן:

— איך האָב מוירע, אַז כאַװערטע אַנדזשעלינע איז קוקו...

דער פּאַרזיצער האָט געקלאַפּט איבערן טיש און גערופן צו אָרדנונג. אַנדזשעלינע האָט געװאָרפן מיט די הענט און געפּאָדערט, אַז מען זאָל איר לאָזן דערקלערן, װאָס זי האָט געמיינט מיט איר פראַגע. ענדלעך איז שטיל געװאָרן.

— איך, — האָט זי אָנגעהויבן, — װיל זאָגן, אַז אויב עס איז טאַקע שװער פאַרן כאַװער דזשעק איינעם אַלײן אָנצוגײן מיט דער אויפגאַבע אין פאַבריק, און אויב מען קאָן מער קיינעם ניט אַרײַנשיקן, װאָס זאָל אים צוהעלפן, זע איך אָבער ניט אײַן, פאַרװאָס דער כאַװער דזשעק זאָל ניט כאַסענע האָבן און... האָבן װער עס זאָל אים העלפן. דאָס, בין איך זיכער, װאָלט אים די פאַבריק־פאַרװאַלטונג ניט פאַרװערט און...

אַלע האָבן זיך איבערגעקוקט מיט אַ שטיל שושקערײַ. קיינער האָט שוין אָבער מער ניט געלאַכט. דער פאָרשלאַג, אַנדזשעלינעס, האָט זיך אַרויסגעװיזן צו זײַן ניט אַזוי קרום, װי עס האָט זיך איינעם ערשטן מאָמענט אויסגעדאַכט. דער פּאַרזיצער האָט געביסן זײַן בלײַפעדער און געװאָרפן אַ פרעגנדיקן בליק צום אָרגאַנײַזער. יענער איז געזעסן מיט אַן אַרונטערגעלאָזטן קאָפּ און געשװיגן. מיטאַמאָל האָט ער זיך אויסגעגלײַכט און — װי צו זיך — אַ שמײכל געטאָן:

— הממם...אַ פּלאַן װאָלט עס דאַװקע יאָ געװען אַ גוטער. אָבער װאָס נעמט מען אַזאַ פרײַע כאַװערטע, װאָס זאָל װאָלונטירן פאַר אַזאַ אַרבעט?

קיינער האָט ניט געענטפערט. די פראַגע — האָט אויסגעזעזן — איז געבליבן הענגען פאַרשעמט און פאַרלוירן, װי עפּעס אַ פאַרבלאָנדזשעטער פויגל. ענדלעך האָט אַנדזשעלינע זיך אַ שטעל געטאָן:

— איך בין גרייט דערצו, כאַװײרים! — האָט זי גאַנץ ערנסט אויסגערופן און דערבײַ אָנגעװיזן מיט אַ האַנט אויף זיך. — יאָ, איך בין גרייט צו העלפן אין דער װיכטיקער אַרבעט, װאָס די פּאַרטײַ האָט אַרויפגעלייגט אויף אונדז און...

פאַרכידעשטע און איבעראַשטע האָבן אַלע געקוקט אויף אַנדזשעלינען. דער װאונדער איז געװען גרויס איבערהויפּט דערפאַר, װאָס זינט דזשעק איז צוגעשריבן געװאָרן צום דאָזיקן קעמערל, האָט קיינער קיינמאָל ניט באַמערקט, אַז אַנדזשעלינע זאָל װען עס איז האָבן אַפילו אַ פלירטעװע געטאָן מיט דזשעקן. ער אַלײן, כאַװער דזשעק, — פאַרכאַפּט פון דער אומגעריכטער סיטואַציע — האָט זיך אויך דערפילט עפּעס אַזוי מאָדנע

אומבאקוועם און זיך גענומען קווענקלען:

— אז איך... כאווירים... איך האלט נאך דערוויל ניט ביי באסענע האבן... איך...

דער פארזיצער האט שפאסיק צוגעװארפן:

— איר האט דא גארניט וואס צו זאגן, כאווער דזשעק! יעדנפאלס, אז די ארבעט וועט זיין אפגעטאן און דער שידעך וועט אייך דעמלט ניט געפעלן ווערן, וועט איר זיך קאנען אפגעטן און...

איבערן צימער האבן זיך א טראג געטאן פריילעכע אויסרופן און געלעכטערס. דער פארזיצער האט גערופן צו ארדנונג און גענומען דעם פארשלאג צום אפשטימען.

אלע פארזאמלטע האבן געשטימט דערפאר. אפילע דער כאווער דזשעק אליין, וועלכער איז פון אנהויב געווען ווי פריטשמעלעט און געפרואווט זיך אנטקעגנשטעלן, האט איצט, קעגן זיין ווילן, אויך גענומען אונ־טערשמייכלען. דערביי האט ער פון דער זייט געכאפט א שעמעוודיקן בליק אף אנדזשעלינעס פלאמיקע באקן און גליענדיקע אויגן, גענומען איין פארלעגנהייט דרייען די מיקלוימערשטע הערעלעך אף דער אויבערשטער ליפ און — א פארשעמטער — מיט דער צווייטער האנט אויך געשטימט פארן זעלביקן פארשלאג.

די פארזאמלטע כאווירים און כאווערטעס האבן אפלאדירט דעם אנגע־נומענעם פארשלאג און שפאסיק צוגעווארפן פארשידענע ווינטשעוואניעס דעם פארל. דער ארגאנייזער האט אפילע גוטברודעריש געקלאפט איבער די פלייצעס אנדזשעלינען און דזשעקן, און זיי געוואונטשן א שפאסיקן „מאזל־טאוו״. דער פארזיצער האט געשלאסן דעם מיטינג און די פאר־זאמלטע זענען זיך פאנאנדערגעגאנגען יעדער אין זיין זייט...

* * * * *

אין געריכט־הויז, וואו דזשעק און אנדזשעלינע האבן זיך רעגיסט־רירט פאר מאן און ווייב, איז אלץ צוגעגאנגען גלאטיק. אביסל איז אנדזשעלינע אפילע יא ביין געווען אף דזשעקן, בעאיס ער — נאכדעם ווי זיי האבן ארויסגעקראגן דאס רעגיסטראציע־קארטל — האט איר, טאקע אינעם געריכט־הויז, ארומגענומען און א קוש געטאן. זי האט זיך געררוילט און געשוויגן. אינדרויסן אבער, אף דער גאס, האט זי מיט א פינגער א דראָע געטאן צו דזשעקן און אים גאנץ ערנסט אנגעזאגט, אז ער זאל זיך ניט פארגעסן און אז מער זאל עס ניט פארקומען. דזשעק האט זיך פארשעמט און זיך אנטשולדיקט פאר איר. עס האט אים אבער זייער שטארק וויי געטאן. דער געדאנק, אז אנדזשעלינע איז זיין „געזעצלעך״ ווייב און דאך א פרעמדע, — האט אים פיינלעך געררייצט. ער האט מער ניט גערעדט צו איר, כאטש ער האט דערפילט, אז ער איז צו איר ניט אזוי גלייכגילטיק ווי עס האט זיך אים פריער געדאכט. א צע־פייניקטער האט ער אפגעמאכט מיט אנדזשעלינען ווען און וואו זיך צו טרעפן מיט איר, נאכדעם ווי ער וועט פארטיק ווערן מיט די צוגרייטונ־גען, אף אהיימצוברענגען זי צו זיך, אין פאבריק־הויז, וואו ער —

פונקט ווי אלע אנדערע פאבריק־ארבעטער — האט לויט די רעגולאציעס פון דער פאבריק־פארוואלטונג, געמוזט וואוינען.

אף צומארגנס איז ער די ערשטע זאך אוועק צום פארוואלטער פון פאבריק. ער האט אים געמאלדן וועגן זיין באסענע און געבעטן, אז מען זאל אים געבן א גרעסערע וואוינונג. וויל ביז דעמלט האט ער געהאט בלויז אן איינצל־צימער, אין דער אפטיילונג, וואו עס האבן געוווינטלעך געוואוינט אלע אומפארהייראטעטע יונגע ארבעטער.

דערנאך, אז ער האט דאס באזארגט, האט ער אויסמעבלירט די צוויי באקומענע צימערן און איז אוועק צו זיין פריינט דזשימי א׳קאנאר. מיט גרויס פאמפ האט ער אים דערציילט וועגן דער באסענע, זיך בארימט מיט דער שיינקייט פון זיין יונגער ווייב און איז אוועק זי אהיימצוברענגען.

דזשימי א׳קאנאר און נאך עטלעכע שכיינים, ארבעטער פון פאבריק, מיט וועלכע דזשעק האט איבער דער צייט באוויזן פריינט צו ווערן, האבן באגעגנט דאס יונגע פארל מיט בלומען און גליקס־וואונטשן. דערנאך זענען זיי אלע אריין צו דזשעקן אף אן אימפראוויזירטער סודעלע. דארט האט מען אויסגעטרונקען צו ביסלעך, פארביסן און ווידעראמאל אנגע־וואונטשן דעם פארל א גליקלעך צוזאמענלעבן.

דזשעק און אנדזשעלינע האבן זיך איינגעארדנט. גלייך אף צומארגנס האבן זיך ביי זיי אנגעהויבן די רוטינע טעג פון ארבעט. טרוקן און געשעפטמעסיק האט יעדער פון זיי געטאן זיין טייל און קימאט קיין איינ־ציק ווארט ניט אויסגערעדט איינער צום צווייטן. עמעס, פאר שכיינים האט אנדזשעלינע ארויסגעוויזן דזשעקן די גרעסטע צערטלעכקייטן. זי האט אים גערופן „דארלינג", געשטיפט מיט אים און ניט זעלטן אפילע אפ־געקוועטשט א ווארימען קוש אף זיין באק. די שכיינים זענען זיי מעקאנע געווען און צווישן זיך גערעדט וועגן זיי:

— אט א ליב פארל — נאר ווי פון גאט אליין געפארט!...

אין שטוב, אבער, אונטער פארמאכטע טירן, איז צווישן אנדזשעלי־נען און דזשעקן געשטאנען א צעטיילונג, אזוי ווי א וואנט פון שטאל. אין דער ארבעט האבן זיי אויך ניט געקאנט שטימען צווישן זיך. ער — ווייך און נאכגיביק, און זי — אגרעסיוו און אקטיוו. עס איז ניט געווען קיין שום זאך, וואס זאל פאר איר זיין צו שווער, אדער זי אפשרעקן. האט זי נאר גענומען אף זיך עפעס צו טאן, האט געמעגט דונערן און בליצן, — האט זי עס געמוזט דורכפירן. און געטאן האט זי יעדע זאך אזוי געשיקט און גלאטיק, אז דאס געניטסטע אויג פון א שפיאן האט איר אויך ניט געקאנט נאכפאלגן.

אינמיטן די נעכט האט זיך אנדזשעלינע געגאנוועט פון קארידאר צו קארידאר און שטילערהייט אריינגערוקט אין יעדן פאסט־קעסטל, אדער אונטער די טירן, א נייעם רוף צו די ארבעטער, אז זיי זאלן זיך אר־גאניזירן. טאג־טעגלעך איז דאס הויז מאמעש פארפלייצט געווארן פון די דאזיקע פאפירלעך.

דאך, ניט געקוקט אף דער ארבעט, זענען אלץ קיין מאמאשעסדיקע

רעזולטאַטן ניט געווען. צו די פאַרזאַמלונגען, וועלכע זענען גערופן געוואָרן ערגעץ מעבוץ דער פאַבריק, זענען די אַרבעטער ניט געקומען. די צוויי־דריי, וועלכע זענען יאָ געקומען, האָבן זיי, אַנדזשעלינע, אָדער דזשעק, דורך אַ באַהאַלטענעם פּלאַץ, דערקאָנט די שפּיר־הינט פון דער פאַבריק, וועלכע זענען אַוואַדע געקומען אויסגעפינען ווער דאָס איז עס פאַראַנטוואָרטלעך דערפאַר. אַנדזשעלינע איז געווען אומצופרידן. פון טאָג צו טאָג איז זי געוואָרן אַלץ אויפגערעגטער און אומגעדולדיקער. דאָ און דאָרט האָט זי אַפילע פּערזענלעך געפּרוּאווט פאַרפירן אַ שמועס מיט אימיצן פון די שכנים־אַרבעטער, אָבער עס האָט גאָרניט געהאָלפן. יענע פלעגן בלויז פלעגמאַטיש אַ הויב טאָן מיט די פּלייצעס און מיט אַ זיפצעלע אונטערגעמורמלט:

— יאָ, ס'איז טאַקע זייער שלעכט, אָבער...היינטיקע צייטן מוז מען ליגן איינגעלייגט און אָפּהיטן דאָס שטיקל ברויט...

אין אַזעלכע מאָמענטן איז אַנדזשעלינע גרייט געווען אויסצושרייען פון פאַרדראָס און ווייטיק. זי האָט דאַן געוואָלט אַוועקלויפן צו זיך אין קעמערל און דערקלערן, אַז זי קאָן ניט מער; אַז דער עלעמענט אין פאַבריק איז אַ שרעקעוודיקער און דעריבער...

אָבער דעמלט פלעגט דזשעק זי שוין בארואיקן און אָנווייזן, אַז עס דאַרף נעמען צייט מיט געדולד און אַז...

אַנדזשעלינע — כאָטש זי איז געווען אומגעדולדיק און געוואָלט זען רעזולטאַטן פון איר אַרבעט — האָט זיך נאָך פאַראַקשנטער אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט און אָפּט, אויס פאַרצווייפלונג, געטאָן אַלץ אַזוי אומ־פאָרזיכטיק, אַז עס איז בעעמעס געווען אַ געפאַר, אַז מען זאָל זי כאַפּן ביי דער האַנט, אין סאַמע מיטן טאָן עפּעס...

* * * * *

עס איז געווען אַ רעגנדיקער אָוונט אינדרויסן. רעגנדיק און קאַלט. די אַרבעט, וואָס אַנדזשעלינע מיט דזשעקן האָבן געהאַט דורכצופירן יענעם אָוונט, איז שוין געווען פאַרענדיקט. וואוהין צו גיין איז ניט גע־ווען. ביידע—אויסגעמידטע און צערעגטע פון דער אָנגעשטרענגטער אַרבעט — זענען געבליבן זיצן אין שטוב. אַנדזשעלינע — אין אַ ווייכן פאָטעל לעבן פענצטער — האָט אַריינגעקוקט אין אַ צייטונג. דזשעק איז געזעסן פונדערווייטנס און פון דער זייט געקוקט אָף איר מיט גליענדיק־פאַר־בענגטע בליקן. יענעם טאָג האָט ער ביי זיך געהאַט אָפּגעמאַכט, אַז היינט וועט ער איינמאָל פאַר אַלעמאָל זיך איינשטעלן און רעדן מיט אַנדזשעלינען אָפענע דיבורים. ער האָט שוין אַפילע געהאַט אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן ווי אַזוי איר צו זאָגן, אַז ער האָט זי ליב און...אַז עס איז, אָבער, גע־קומען דערצו, — איז דאָס לאָשן ביי אים ווי אָפּגענומען געוואָרן און ער האָט אַזש גענומען ציטערן. עס איז שטיל געווען אין שטוב. מיטאַמאָל האָט אַנדזשעלינע, וועלכע האָט צופעליק געכאַפּט אַ קוק דורכן פענצטער אינדרויסן אַרויס,— זיך פּלוצלונג אַ ווענד געטאָן צו דזשעקן:

— קאַפּס זענען דאָ אַפן הויף! איר האָט עפּעס? — פאַרניכטעט!...

דזשעק האָט אַ קוק געטאָן אויף איר:

— אַלץ איז אַרויסגעגעבן געוואָרן און...

— נו, און אײַער פּאַרטיי־ביכל?...

— ניטאָ...

אַנדזשעלינע האָט אַ שמייכל געטאָן. זי האָט אויף גיך אַ צעעפֿן געטאָן איינעם פֿון די בעטן און אַ וואונק געטאָן צו דזשעקן, אַז ער זאָל זיך אַוועקלייגן. אַליין האָט זי אויף גיך אַרונטערגעוואָרפֿן פֿון זיך דאָס קליידל, אַרויפֿגעכאַפּט אויף זיך אַ קימאָנאָ און — גלייך ווי גאָרניט — זיך צוריק אַוועקגעזעצט אויף איר פּלאַץ. מען האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר:

— ווער איז דאָרט? — האָט אַנדזשעלינע — ווי איבעראַשט, פֿון איר פּלאַץ אַ פֿרעג געטאָן.

— עפֿנט, פּאָליציי! — איז געקומען דער ענטפֿער פֿון יענער זייט.

— פּאָליציי? — האָט זי, קלומערשט פֿאַרכידעשט איבערגעפֿרעגט. — וואָס ווילט איר דען?...

— עפֿנט, וועט איר וויסן! — איז געקומען אַ גראָבער ענטפֿער.

זי האָט געעפֿנט אַ שמאָלן שפּאַלט אין דער טיר.

— מיר זענען באַפֿולמעכטיקט דורכצופֿירן אַן אונטערזוכונג בײַ אײַך.

— האָט אימיצער פֿאַרדומפּן אַ ברום געטאָן.

— האָט איר אַ דערלויבעניש?...

אַ פּאָליסמאַן האָט איר באַוויזן אַ פּאַפּירל.

אַנדזשעלינע האָט אַרײַנגעלאָזט די פּאָליציאַנטן און מיט געמאַכטער פֿאַרוואונדערונג זיי נאָכגעקוקט. זיי האָבן זיך גלייך צעוואָרפֿן איבער די צימערן און גענומען זוכן. זי און דזשעק האָבן צוגעקוקט. שפּעטער, אַז די פּאָליציאַנטן זענען פֿאַרטיק געוואָרן מיטן זוכן און גאָרניט געפֿונען, האָט דער עלטסטער זיך גענומען פֿאַרענטפֿערן:

— איר פֿאַרשטייט דאָך, מאַדאַם, אַז עס איז ניט מײַן שולד!...מען האָט געהייסן און...איך מוז אײַך אָבער זאָגן, אַז איר האָט דאָ בײַ זיך זייער שלעכטע שכנים...

אַנדזשעלינע האָט באַצוואונגען אַ שמייכל געטאָן:

— עס מאַכט ניט. זאָלן זיך שרעקן יענע, וואָס זענען זינדיק און האָבן וואָס צו באַהאַלטן. מיר דאָ, ווי איר האָט זיך איבערצייגט, זענען פֿרידלעכע מענטשן. מיר מאַכן ניט קיין שנאַפּס, אָדער...

דער פּאָליציי־עלטסטער האָט אַ לאַך געטאָן:

— ניין, מאַדאַם, ניט קיין שנאַפּס האָבן מיר געזוכט, נאָר...

ער האָט איר אַ וויז געטאָן אויף אַן אויפֿרוף. אַנדזשעלינע האָט אַזש אַ פֿייף געטאָן:

— אָ, דאָס?... נו, אויב אַזוי ווינטש איך אײַך דערפֿאָלג!...

זי האָט אַרויסבאַגלייט די פּאָליציאַנטן און מיט אַ שמייכל זיי געוואונטשן אַ גוטע נאַכט. בײַ זיך, אין געדאַנק, האָט זי אָבער געטראַכט, אַז וואָלט זי נאָר געקאָנט, וואָלט זי אויסגעשאָסן, אָדער כאָטש אויסגעשפּיגן אין זייערע מאָרדעס אַרײַן, אַבי אָפּצוקילן דעם פֿאַרדראָס...

אן אויפגערעגטע האט זי זיך דערנאך ארומגעדרייט איבערן צימער און ניט געוואוסט וואס צו טאן. פון גרויס קרענקונג האט זי אפילע פארגעסן, אז זי איז קימאט האלב־נאקעט. א מידע האט זי זיך צוריק אוועקגעזעצט אין איר שטול און צעוויינט געברומט:

— אף זיי פארדריסט מיך ניט אזויפיל. זיי זענען פארקויפטע נע־פאשעס, געדונגענע הינט און גלאט נידעריקע ברואים. דער באלעבאס צאלט און וויל דערפאר באקומען ארבעט. זיי אבער, די ארבעטער...זיי, וואס ווערן עקספלואטירט און אויסגעמארעט...זיי, וואס ווערן ביסלעכווייז פארסאמט פונעם קאנטאקט מיט אט־די סאמיקע שטאפן...א, פארוואס ווייסן זיי ניט זייערע אייגענע אינטערעסן?!...

דזשעק האט ביטער א שמייכל געטאן:

— יא, א טרויעריקער פאקט, אבער אזוי איז עס...

— וואס זשע קאן מען טאן?...ווי אזוי מאכט מען זיי פארשטיין?...

— מען דארף האבן געדולד. לאנגזאמע אויפקלערונג און...

זי האט נערווירט:

— א, געדולד...געדולד...

דזשעק האט צעוויינט געמורמלט:

— אזוי איז אלעמאל געווען...די עקספלואטירטע קנעכט האט מען אזוי איינגעוואוינט מוירע צו האבן, אז זיי האבן שוין באלד מוירע צו אטעמען. שטענדיק האט מען זיי קימאט מיט גוואלד געדארפט צווינגען זיך צו באפרייען...

— די לאזן זיך דאך אבער אפילע מיט גוואלד אויך ניט באפרייען!

— יא...

ער איז שטיל געווארן. שווייגנדיק האט ער געקוקט אף אנדזשעלינען און געטראכט וועגן עפעס. מיטאמאל — א צעווארעמטער פון איר אינטי־מען אויסזען — איז ער צוגעגאנגען צו איר פון הינטן, א גלעט געטאן אירע האר און קוים־קוים שטיל ארויסגעשטאמלט:

— אנ־דזשע־לי־נע...

זי האט זיך א צאפל געטאן, פלינק זיך אויסגעדרייט פון אונטער אים און — א צערוימלטע — ארייננגעלאפן צו זיך אין צימער...

* * * * *

טעג זענען פארבייגעגאנגען טרוקענע און ברויגעזע. אנדזשעלינע האט מיט קיין איינציק ווארט ניט פארגעווארפן דזשעקן וועגן דעם פאר־געקומענעס. ער אליין האט אויך געשוויגן און זיך ניט געקאנט מויכל זיין דערפאר. עס האט אים פארדראסן, פארוואס ער האט זיך לעבאטכילע ניט געשטעלט קעגן דעם פלאן פון גיין וואוינען צוזאמען מיט אנדזשע־לינען. עס איז אבער שוין געווען א פארפאלענע זאך און ער — ווי א באזיגטער — האט געשוויגן. שווייגנדיק האבן זיי ביידע אויסגעפלאנירט זייער ארבעט, זיך איינגעטיילט מיט איר און זי דורכגעפירט קימאט אן אן איבעריק־אויסגערעדטן ווארט צווישן זיך. עס האט אויסגעזען, אז דזשעקס לעצטע האנדלונג האט נאך טיפער געמאכט דעם ריס צווישן זיי.

אויבנאויפֿיק, אָבער, איז די שטוב געפֿירט געוואָרן אַזוי ווי אַלע אַנדערע אַרבעטער־שטיבער. אין דער צייט, וואָס דזשעק איז געווען ביי דער אַרבעט, האָט אַנדזשעלינע געראַמט די צימערן און צוגעגרייט שפּייז. געגעסן האָבן זיי זייער זעלטן צוזאַמען. ווען דזשעק איז אַהיימגעקומען פֿון דער אַרבעט, — איז אַנדזשעלינע שוין געווען אַן אָנגעגעסענע און בלויז געוואַרט ביז ער וועט פֿאַרטיק ווערן. אָפֿט פֿלעגן זיי אָפּילע ביידע צוזאַמען אַוועקגיין, מיקלויסערשט אין אַ טעאַטער, אָדער אַזוי אַ פּאַרוויי־לונג. אינדרויסן, אָבער, האָבן זיי זיך גלייך צעשיידט און יעדער פֿון זיי איז זיך אַוועק זיין וועג, מיט אַן אָפּמאַך דערביי, ווען און וואו צו טרעפֿן זיך, שפּעטער, קעדיי צוזאַמען אַהיימצוגיין...

אַזוי טאָג נאָך טאָג, ביז איינמאָל...

אין שטוב איז שטיל געווען. אַנדזשעלינע האָט זיך אַרומגעדרייט אַ פֿאַרטרױערטע און מעכאַניש צוגעגרייט דאָס עסן פֿאַר דזשעקן. אינגיכן האָט ער געדאַרפֿט אָנקומען פֿון דער אַרבעט. פֿאַרביגייענדיק האָט זי גע־כאַפּט אַ בליק אויף דזשעקס בילדל, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ טישל, און דערביי דערפֿילט אַ מאָדנע זיסע וואַרעמקייט. עפּעס האָט איר אַזוי מאָדנע פֿאַרקלעמט ביים האַרצן. זי האָט דערפֿילט, אַז זי איז רויט געוואָרן און זיך פֿאַרשעמט. זי האָט זיך שאַרף אָפּגעקערט פֿונעם בילדל און אַ מורמל געטאָן צו זיך:

— אַ גאַנץ פֿיינער יאָט, דזשעק... און מען קאָן אים ליב האָבן... אָבער...יעדנפֿאַלס — ניט איצט... זאָלן די באַווײַרים ניט מיינען, אַז... אַז איך בין ניט געווען שטאַרק גענוג... אַז בלויז דערפֿאַר, וואָס מיר זענען געווען צוזאַמען, — דעריבער...עפּשער דערנאָך, שפּעטער...

אונטערזינגענדיק עפּעס אַ פֿריילעכע מעלאָדיע, האָט זי געגרייט צום טיש, אַוועקגעשטעלט די צוגעגרייטע שפּייז און — אַליין זיך אַוועקגעזעצט אין איר פֿאָטעל — ווי טאָמיד ביים פֿענצטער — און גענומען לייענען די צייטונג. דזשעק איז אַנגעלאָפֿן.

אַ שווייגנדיקער — ווי אַלעמאָל — האָט ער זיך צוגעזעצט צום טיש און גענומען עסן. דערביי האָט ער אַ קוק געטאָן אויף אַנדזשעלינען און באַמערקט, אַז זי איז עפּעס מאָדנע אויפֿגערעגט. ער האָט איר אָבער ניט געוואָלט פֿרעגן וואָס עס איז געשען. מיטאַמאָל האָט זי — כאָטש זי האָט געוואוסט, אַז עס איז זינלאָז — אים אַ פֿרעג געטאָן:

— שוין געלייענט די צייטונג?...

ער האָט אויפֿגעהויבן די אויגן:

— וואָס איז דען?...

— פֿאַראַן נייעס, אַז די יאַפּאַנעזער האָבן ווידער געמאַכט אַ שאַרפֿן איבערפֿאַל אויף דער סאָוויעטישער גרענעץ־וואַך. דאָסמאָל זענען פֿאַראַן פֿיל געהרגעטע און פֿאַרוואונדעטע...

ער האָט געוויטיקט אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ:

— זיי האָבן זיך, ווייזט אויס, פֿאַרנומען אויף אַן עמעס...

— ס'וועט אַוודאי אויסברעכן אַ מילכאָמע...

— אזוי זעט אויס! זיי צילן זיך שוין לאנג דערויף...

— און ביי אונדז מאכט מען די גאזן פאר די יאפאנעזער?!...

ער האט א זיפץ געטאן:

— יא...

— און מיר האבן גארניט דערגרייכט?!...

ער האט א הויב געטאן מיט די אקסלען:

— איז עס דען אונדזער שולד, אנדזשעלינע?...

— עפשער יא! — האט זי טרוקן און שארף אפגעענטפערט. — עפשער האבן מיר אונדזער ארבעט ניט געטאן ווי עס דארף צו זיין?!...

— איך גלויב קוים. פארגעסט ניט, אז דאס, וואס מיר האבן יא באוויזן צו טאן, איז אויך געווען שווער און ריזיקאליש... פונדעסטוועגן האבן מיר דאך צוויי ארבעטער יא פאראינטערעסירט און...

— א, וואס זענען צוויי ארבעטער צווישן טויזנטער? — האט זי אומצופרידן א מאך געטאן מיט דער האנט און צוגעגעבן, — מיט אזא טעמפּ וועלן מיר דארפן האבן כאטש טויזנט יאר אף צו דערגרייכן עפעס...

— אבער עס טוט זיך פארט ניט אזוי לייכט ווי עס ווילט זיך...

זי האט געשוויגן. ער איז אנגעגאנגען:

— בלויז איין זאך וואלט געקאנט ברענגען גיכע רעזולטאטן...

זי האט מיט אומגעדולד א קוק געטאן אף אים:

— א שטייגער?...

— פארניכטונג קאן מען אפשטעלן בלויז דורך פארניכטונג...

זי איז אויפגעשפרונגען:

— וואס האט איר געזאגט?...ווייסט איר דען ניט, אז פאר אזעלכע רייד בלויז קומט שוין אויך אויסצושליסן פון דער פארטיי?

ער האט זיך גענומען פארענטפערן:

— איך האב ניט געזאגט, אז מען זאל דאס טאן. איך האב בלויז געזאגט, אז אויב אימיצער איז אזוי אומגעדולדיק און וויל גלייך אפן שטעל האבן דערפאלג, בלייבט פאר יענעם קיין אנדער אויסוועג ניט, ווי נאר אויפצורייסן און פארניכטן די מיטלען וואס שאפן פארניכטונג...

אנדזשעלינע האט מער ניט געענטפערט. זי האט בלויז ביי א קוק געטאן אף דזשעקן, ברויגעז זיך אוועקגעדרייט פון אים און פאראקשנט גענומען ארויסקוקן דורכן פענצטער. דזשעק האט נאך עפעס א מורמל געטאן, פארנומען דאס געפעס פונעם טיש און איז אריין אין קיך דאס אויסוואשן. ס'איז שטיל געווען...פון קיך האט זיך בלויז געהערט דאס פליושקען פון וואסער...אנדזשעלינע איז געשטאנען און ארויסגעקוקט. איר פאנים — באלויכטן פון דער פולער לעוואנע — איז געווען בלאס און מיד. זי האט שטאר געקוקט אף די שווייגנדיקע פאבריק־קוימענס, וואס האבן זיך געהויבן אנטקעגן איר, און געשוויגן... א צוג האט זיך פארבייגעשלעפט...דער פייף פונעם לאקאמאטיוו האט א גרילץ געטאן אין שטילן דרויסן און געשניטן דעם מויעך...אנדזשעלינע האט געביסן א ליפּ און אונטערגעמורמלט:

— ווידער א טראנספארט מיט גאזן?!... וועט עס גאר קיין סאף ניט נעמען דערצו?...

א צעווייטיקטע האט זי זיך אפגעקערט פונעם פענצטער, זיך צוריק אוועקגעזעצט אין איר פאטעל און איז אזוי געזעסן מיט פארמאכטע אויגן. א מידקייט — ווי א שווערער דרימל — האט זי באוועלטיקט. אירע געדאנקען זענען לויז געווארן. עפעס האט זיך ביי איר אין מויעך געפלאנטערט און געפלאנטערט. געדאכט האט זיך איר, אז זי זעט נאך אלץ פאר זיך דעם פארבייפארנדיקן צוג. די וואגאנען — אנגעלאדענע ביז איבערהויך מיט גרויסע ציסטערנעס, פול מיט גיפטיקע גאזן — טראגן זיך און טראגן זיך ווייטער און ווייטער... זי האט זיי נאכגעפאלגט. עס האט זיך איר אויסגעוויזן, אז זי געפינט זיך אפן שלאכטפעלד; אז זי הערט די פיינלעכע קרעכצן פון די פארסאמטע און אפשטארבנדיקע רויטארמייער... געדאכט האט זיך איר, אז זי הערט אפילע זייערע אויסרופן און געשרייען... אט, דאכט זיך, האט זי געזען, ווי איינער פון זיי, נאך גאר אזא יונגינקער און שיינער, האט אין אנגסטן אויסגעצויגן זיינע הענט צו איר און — דראענדיק מיט א פינגער פון וועלכן עס האט געטריפט דאס בלוט — געשריגן צו איר:

— אנדזשעלינע, באווערטע, וואס זיצסטו מיט פארלייגטע הענט?... וואס טוסטו גארניט אף אפצושטעלן אט־א־דאס־א?...

זי האט דערפילט, אז זי וויינט...

* * * * *

אנדזשעלינע האט זיך געגאנוועט איבער די בײנאכטיק־טונקעלע געסלעך פונעם קליינעם שטעטל, וואס ניט וייט פון פאבריק, און עס איז איר אויסגעקומען זייער מאדנע. שוין אזויפיל מאל איז זי געווען אינעם דאזיקן שטעטל, געקאנט קימאט יעדעס שטיינדעלע, אבער קיינמאל פריער האט עס איר נאך אזוי אויסטערליש־פרעמד ניט אויסגעזען. גאר מאדנע הייזער — שפיציקע, מיט מעשונעדיק־פארריסענע דעכלעך — האבן זיך געהוידעט ווי יונגע בוימלעך אין ווינט. די טראטוארן — פון קיילעכיקע קאלירטע שטיינער — האבן זיך געדרייט ווי א קארוסעלע. אפילע די מענטשן, די קרעמער פון שטעטל, זענען אויך געווען אנדערש ווי טאמיד. אלע — אזעלכע קליינינקע און געפאקטע, מיט קרומע אויגן און שארפע קינבאקן — ענלעך אף יאפאנעזער...

זי איז אריין אין א קרעמל און איינגעקויפט די עטלעכע קלייניקייטן, וואס זי האט נאך פון פריער געהאט אויפגעשריבן אף א פאפיר. זי האט זיך פארגרייט מיט עטלעכע גאר־גרויסע און גראבע וואורשטן, געקויפט עטלעכע קאנווערטן מיט שרייב־פאפיר און איז אריין אין א ביינעזישן רעסטאראן דערביי. דארט האט זי פארנומען פאר זיך א באזונדער צימערל אונטער א כופע פון קאלירטע גלאז, אף וועלכער עס זענען געווען איינגעפאסט בילדער פון מעגושעמדיקע שלאנגען און פיפערנאטערס. זי האט באשטעלט א גלאז קאווע און זיך גענומען שרייבן א בריף.

דעם באלעבאס פון רעסטאראן האט זי אינגאנצן ניט פארשטאנען.

עפּעס האָט ער גערעדט אין אַזאַ מאָדנע־פרעמדער און אומפאַרשטענדלעכער שפּראַך און איז געווען אַזוי מאָדנע אויפגערעגט. אַנדזשעלינע האָט אים צוגעוואָרפן אַ צען־דאָלאַרדיק פּאַפּירל פאַר דער קאַווע, אַפּילע ניט גע־וואַרט אַף קיין אויסגאָב און אַ צעשראָקענע אַרויסגעלאָפן אַף דער גאַס.

אינדרויסן, האָט אַנדזשעלינע געזען, איז דער הימל געווען אַזאַ אויסטערלישער, מיט רויט־בלויע פראַנדזן באַהאַנגען. אַ לעוואָנע — ווי אַ גרויסע, גרויע פלעדערמויז — איז געהאַנגען מיט בריי־צעשפּרייטע פליגל און מיט איר מאָרדע זיך געריסן צו איר. אַנדזשעלינע איז אַנט־לאָפן צום קליינעם, הילצערנעם וואָקזאַלעכל און בעשום אויפן ניט גע־קאָנט באַגרייפן, פאַרוואָס מען האָט עס גאָר מיטאַמאָל איבערגעפאַרבט מיט אַזאַ מאָדנער בלוטיקער פאַרב און באַפּוצט מיט די בילדער פון אַזויפיל גזיסעסדיקע אויגן. אוים מוירע צו קוקן דערויף, האָט זי זיך שאַרף אָפּגעקערט דערפון און איילנדיק זיך אַוועקגעלאָזט צום אָפענעם פּלאַץ, וואו עס זענען געווײַנטלעך געשטאַנען די פראַכט־צוגן...

זי האָט גלייך דערקאָנט דעם צוג וואָס זי האָט געדאַרפט. אַ לאַנגער איז ער געשטאַנען מיט מאַסן אָפענע פלאַטפאָרמע־וואַגאָנען — געלאָדענע מיט גרויסע קופּערנע ציסטערנעס און סיפאָנען. לויט די ווײַסע אויפ־שריפטן אַף זיי, האָט זי דערקאָנט, אַז די דאָזיקע סבוירע גייט פאַר דער פאַבריק, וואו מען וועט דערפון מאַכן די גיפטיקע גאַזן. זי האָט פאַר־האַלטן דעם אָטעם און זיך גענומען שטיל אונטערגאַנווענען. מיטאַמאָל האָט זי ניט ווײַט פון זיך דערהערט טריט. זי האָט זיך אַ צי געטאָן אַף צוריק, פלינק זיך אַריינגעכאַפּט אין אַ בלאָטיקן גראָבן דערלעבן און מיט אַ פאַרטײַעטן אָטעם געוואַרט. ווען זי האָט זיך איבערצײַגט, אַז דער וועכטער מיט דער גרויסער ביקס אין האַנט איז אַוועק אין אַן אַנדער זײַט, האָט זי — שטילינקערהײַט — זיך אַרויפגעכאַפּט אַף איינעם פון די וואַגאָנען. פלינק האָט זי זיך אַריינגערוקט צווישן צוויי ציסטערנעס און זיך אַוועקגעלייגט אַן איינגעגראָבענע, מיטן פּאָנים צוגעפּלאַטשט צו דעם דיל פון דער וואַגאָן־פלאַטפאָרמע...

זי האָט קימאַט ניט געאָטעמט. געפילט האָט זי בלויז, ווי איר האַרץ הוידעט זיך אין איר ווי אַן אומרו און ציילט די סעקונדן ווי אַ זייגער. מיט ברענענדיקן אומגעדולד האָט זי געוואַרט, אַז דער צוג זאָל זיך שוין אַמאָל פאַרנעמען אין וועג אַריין...

ענדלעך האָט זי דערהערט ווי דער לאָקאָמאָטיוו האָט אַ פּייף געטאָן און צוגעפאָרן. ער האָט אַ שטויס געטאָן די וואַגאָנען מיט אַזאַ קראַפט, אַז זי איז שיער אומגעפאַלן. די בופערן — האָט זי געהערט — האָבן אַ קלונג געטאָן עפּעס אַזוי פאַרשידנטאָניק און האַרמאָניש, ווי די קירכן־גלאָקן בעאײַס אַ כאַסענע־צערעמאָניע. פאַרשטאַנען האָט זי, אַז דאָס פאַרטשעפּעט מען אַוואָדע די קײַטלען פון די וואַגאָנען און אַז באַלד־באַלד...

דער צוג האָט גענומען פאָרן. אַנדזשעלינע האָט פאָרזיכטיק אַרויס־געהויבן איר קאָפּ פון צווישן די ציסטערנעס און געקוקט אין שוואַרצן כאַלאַל אַריין. ווײַט פאָראויס פון זיך — האָט זי געזען — האָבן פונעס

לויפנדיקן לאָקאָמאָטיוו זיך געשפרייט צווי שטעכיקע זילבער־סנאָפּעס ליכט און שפּיזלדיק זיך געשלענגלט איבער בערג און טאָלן... זי האָט גע־זען ווי דער צוג האָט זיך געדרייט איבער פעלדער, דורך געדרייטע וועגן, און סאָף־קאָל־סאָף זיך אַריינגעשניטן אינעם צעעפנטן טויער פון פאַבריק. אַלץ איז געווען אַזוי ווי טאָמיד. די קאַלטע מויער איז זיך געשטאַנען שטיל און רואיק. בלויז די טויערן האָבן געהאַט אָף זיך עפּעס אַזעלכע גרויסע און פעסטע גראַטעס, וועלכע זענען פריער קיינמאָל ניט געווען. אין געדאַנק איז איר דורכגעלאָפן:

„זיי האָבן זיך אַזוי געבאָפּט, אַז עפּעס גרייט זיך, האָבן זיי זיך געוואָלט באַוואָרענען און"...

זי האָט זיך צעשמייכלט פון האַנאַע:

— עס וועט זיי אָבער גאָרניט העלפן... איך...

מיטאַמאָל האָט זי אין דער זייט דערזען די צווי גרויסע מויערן אין וועלכע די אַרבעטער האָבן געוואוינט. זי האָט געזען די אויסגעלאָ־שענע פענצטער אין זיי און האָט אַ ציטער געטאָן:

„אומשולדיקע מענטשן!... וואָס וועט זיין מיט זיי?"...

אַ ווייל איז זי שטיל געווען. עס האָט איר פאַרקלעמט ביים האַרצן און זי האָט דערפילט ווי צו וויינען. באַלד אָבער האָט זי אַ סאַרקאַסטישן שמייכל געטאָן צו זיך:

— אומשולדיקע מענטשן?... נו, און דאָרט, אָף די פראָנטן, אין שפּאַניע, אָדער אָפן סאָוויעטישן, — זענען דען יענע רויט־אַרמייער ניט קיין אומשולדיקע מענטשן?...

זי האָט זיך באַרואיקט. אין איר מוח האָבן די געדאַנקען זיך ווייטער געוויקלט:

— און פאַרטראַכט זיך דען די בורזשואַזי, די קאַפּיטאַליסטן, וועגן די זעלביקע אומשולדיקע, וועלכע קומען אום טאָקע ביי זיי אין די פאַב־ריקן, ביי דער אַרבעט?... קימערט זיי דען עפּעס די צענדליקער טויזנט, וועלכע שטאַרבן אויס פון הונגער און נויט?... אַרט זיי דען עפּעס פאַר די אומשולדיקע לעבנס פון די מאַסן געפאַלענע, וואָס זיי שיקן אָף די שלאַכט־פעלדער — מילכאָמע צו האַלטן פאַר זייערטוועגן?...

זי האָט ביטער געלאַכט:

— איז אויב שוין יאָ טראַכטן וועגן ראַכמאָנעס,— זענען ביי מיר יענע רויט־אַרמייער פיל בילעכער!...

* * * * *

דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט. די צווי פּראָזשעקטאָר־לאָמפּן האָבן זיך ווילד אַ יאָג געטאָן איבערן גרויסן, ליידיקן הויף פון דער פאַבריק, אַריבערגעטאַנצט איבער די איינגעשלאָפענע פאַבריק־געביידעס און...

אַנדזשעלינע האָט פאָרזיכטיק אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זיך אַרומ־געקוקט. געזען האָט זי, אַז קיינער איז ניטאָ אַרום. פאַרשטאַנען האָט זי אָבער, אַז עס איז נאָך דערווייל אַביסעלע צו פרי אַרויסצוגיין פון איר באַהעלטעניש. זי איז דעריבער געבליבן ליגן אָף איר פּלאַץ צווישן

די ציסטערנעס און געוואַרט. דערווײַל האָט זי געזען, ווי דער לאָקאָמאָטיוו האָט זיך אויסגעשפּאַנט פון צוג, זיך גערוקט אַף פאָראויס און צוריק, זיך געדרייט און אויסגעדרייט, פאַרנומען אַן אַנדער צוג, וועלכער איז געשטאַנען אַ גרייטער מיט אָנגעלאָדענע באַלאָנען און — ווי אַ גרויסע ריזיקע שלאַנג — זיך גענומען שלעפּן פון הויף, אינדרויסן אַרויס.

אַ צעווײַטיקטע האָט אַנדזשעלינע נאָכגעקוקט דעם אַרויספאָרנדיקן צוג און געביסן אירע ליפּן פון פאַרדראָס:

— אַ שאָד, וואָס זי איז געקומען אַביסעלע צו שפּעט!...וויפל אומ־שולדיקע רויט־אַרמייער וועלן דאָס מוזן אומקומען פונעם דאָזיקן טראַנס־פּאָרט?... אָט, ווען זי קומט אָבער אַביסעלע פריער, אַביסעלע פריער...

זי האָט דערפילט ווי צום ווײַנען, אָבער מיט גוואַלד זיך באַהערשט. זי האָט מוירע געהאַט, אַז טאָמער דערהערט מען זי — וועט איר גאַנצע אַרבעט זײַן אומזיסט און...

ענדלעך איז אַרום איר אַלץ שטיל געוואָרן. איבער איר קאָפּ איז געהאַנגען אַ שווערער הימל מיט צעפּלאַטשיקטע שטערן, וואָס האָבן זיך צעגאָסן, זיך געמיניעט אין פאַרשידענע קאָלירן און פאַרמען און גע־צאַנקט ווי אויסגעײַיענדיקע לעכט. דער הימל האָט פאַר אַנדזשעלינען אויסגעזען אַזוי שווער — נאָר אַרונטערצופאַלן. אַ גליק, וואָס ער איז געלעגן אָנגעשפּאַרט אַף די פאַבריק־קוימענס, וואָס האָבן אים מיט זײַערע שפּיצן פאַרהאַלטן אַף זיך. פלינק און שטיל, ווי אַ קאַץ, איז זי אַרונ־טערגעשפּרונגען פון וואַגאָן אַף די שפּיץ־פינגער און — ווי אַ פאַרטײַעטע כאַיע — זיך אַוועקגעלײַגט וואַרטן אַן אויסגעצויגענע אַף דער ערד. זי האָט זיך אײַנגעהערט. קײַנער — האָט אויסגעזען — איז אַפן הויף ניט געווען. זי האָט גענומען קריכן אין פאָראויס אַף אַלע פיר און זיך אַלץ מער דערנעענטערט צו איר ציל...

אַ הונט איז אָנגעלאָפן. געווען איז ער עפּעס אַזוי גרויס — נאָר ווי אַ פערד, און זיך געקליבן אַ וואָרף טאָן אַף אַנדזשעלינען. זי האָט דרײַסט אַ קוק געטאָן דעם הונט אין מאָרדע אַרײַן און אַוועקגעלײַגט לעבן אים אַ וואורשט. דער הונט האָט אויסגעשטעלט זײַנע גרויסע, שאַרפע צײַ־נער, אַ כאַפּ געטאָן דעם וואורשט אין זײַן צעעפנטן פּיסק און אַף גיך גענומען שלינגען. דער וואורשט — ווי אַ לעבעדיקער שלאַנג — האָט זיך געוואָרט, אָבער דער הונט איז אים דאָך בײַגעקומען. אַנדזשעלינע האָט דערלאַנגט דעם הונט נאָך אַ וואורשט, גענומען אים לאַשטשענדיק גלעטן איבערן קאַרק, און זיך דערבײַ גענומען רוקן ווײַטער אַף פאָראויס...

לעבן אײַנעם פון די ברייטע פענצטער אין דער הויפּט־געבײַדע, איז זי געבליבן ליגן און פאַר עטלעכע מינוטן זיך קײַן ריר ניט געטאָן. דערנאָך האָט זי אַרויסגענומען פון איר האַנט־טעשל די גאַז־מאַסקע, וואָס זי — ווי אַלע אַרבעטער און זײַערע פאַמיליעס האָבן געהאַט בײַ זיך, קעדײַ צו האָבן מיט וואָס זיך צו באַשיצן אין פאַל פון אַן אומגליק. זי האָט אָנגעצויגן די מאַסקע אַף איר פּנים און זיך אויפגעשטעלט. מיט איר בריליאַנטן רינגל, וואָס דזשעק האָט איר געגעבן פאַר אַ באַסענע־מאַטאָנע,

האט זי א קריץ געטאן איבערן גלאז פונעם פענצטער און איינגעקארבט א גרויסן רונד. דערנאך האט זי אויפגעהויבן פון דער ערד א שטיין און א זעץ געטאן איבער דער שויב. גלאז האט זיך א שאט געטאן און הילכיק אפגעקלונגען אף דער צעמענטירטער שוועל. דער הונט האט נאך א בול געטאן און באלד איז אלץ ווידער שטיל געווארן.

אנדזשעלינע האט געווארט א ווייל און זיך דערוויל צוגעקוקט ווי דער הונט האט זיך ארומגעלעקט נאכן געשמאקן ביסן און — א רואיקער — זיך ארונטערגעלאזט אף די קניען לעבן דעם צעבראכענעם פענצטער. זי האט אים ווידער א גלעט געטאן און מיטאמאל אויפגעציטערט:

— דער הונט!... ער איז דאך זיכער אומשולדיק!... וואס טוט מען מיט אים?... געדארפט מיטנעמען און איבעריקע מאסקע פאר אים!...

און גלייך זיך אליין געגומען בארואיקן:

— מען קאן זיך ניט העלפן! אין מילכאמעס מוזן פאלן אומשולדיקע קארבאנעס...

זי האט זיך א באוועג געטאן, ווי אפצוטרייסלען פון זיך דעם געדאנק וועגן דעם הונט און גענומען אריינשלענגלען איר שלאנקן קערפער דורכן קליינעם, אויסגעבראכענעם לאך אין פענצטער.

שטיל און פארזיכטיק האט זי געטראטן אין דער פינצטער און מיט אירע הענט געטאפט ארום זיך, קעדיי צו געפינען דאס פלאץ וואס זי האט געוואלט. ענדלעך האט זי זיך אפגעשטעלט ביי א גרויסן קעסל. זי האט זיך ארונטערגעבויגן אף די קני, ארויסגענומען פונעם האנט־טעשל דאס פעקעלע שמאטעס, וואס זי האט געהאט דורכגעווייקט מיט בענזין, און אונטערגעלייגט אונטערן קעסל. פלינק האט זי דאס אונטערגעצונדן און אף גיך זיך צוריק ארויסגעכאפט אינדרויסן ארוים.

זי איז געלאפן אן אן אטעם און זיך אפילע ניט אומגעקוקט. געדאכט האט זיך איר, אז הינטער איר, אינגאנצן עטלעכע טריט אוועק, יאגן זיך נאך איר העל־גרינע וואלקנדלעך מיט גיפטיקע גאזן, וואס האבן זיך באפרייט פונעם קעסל; אז א פייער־פלאם — געמישט מיט שטיקנדיקן רויך — דרייט זיך ארויפצו, צום הימל ארויף, און וויל זי פארכאפן. זי איז געלאפן אן אן אפשטעל און זיך געוואלט וואס גיכער צוכאפן צום הויז. מיטאמאל האט זי פון הינטער זיך, פון דער פאבריק־געביידע, דערהערט א שטארקן קנאל. א שווערער דונער האט א זעץ געטאן און...

אנדזשעלינע איז א פאל געטאן צו דער ערד און — א פארצאפלטע — געעפנט די אויגן...

* * * * *

א דערשראקענע איז אנדזשעלינע געלעגן אף דער ערד, געווארפן מיט די הענט און היסטעריש געשריגן:

— ראטעוועט זיך!... די פאבריק!... ראטעוועט זיך!...

דזשעק איז געשטאנען איבער איר און זי פארבידושט אנגעקוקט:

— וואס איז געשען, אנדזשעלינע?... וואס איז געשען?...

זי האט געריבן די אויגן און ארויפגעקוקט צו דזשעקן:

— וואָס איז דאָס?...וואו בין איך?...וואָס טוט זיך מיט מיר?...

דזשעק האָט זי אויפגעהויבן פון דער ערד, זי איינגעזעצט אין איר שטול און געשמייכלט:

— געמוזט האָבן אַ שלעכטן כאָלעם, אַנדזשעלינע?!...

זי איז געזעסן אַ ביסל, געקוקט אויף דזשעקן מיט ברייט־צעעפנטע אויגן און מיטאמאָל זיך פאַנאַנדערגעוויינט:

— אָ, וואָסער שרעקלעכער כאָלעם!...וואָס וואָלט די פּאַרטיי געזאָגט, ווען...ווען דאָס וואָלט אויף דער וואָר געווען?!...

דזשעק האָט געגלעט אירע האָר און זיך געפּלייסט זי צו באַרואיקן. זי האָט געקוקט אויף אים מיט דאַנקבאַרע בליקן און שעמעוודיק־אומבאַהאָלפן געשמייכלט. אַ צעפּייניקטע האָט זי דזשעקן איבערדערציילט וואָס זי האָט דורכגעמאַכט אין איר שלאָף און האַנאָע געהאַט, וואָס עס האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין בלויז אַ כאָלעם. זי איז איצט צופרידן געווען, וואָס דזשעק איז געשטאַנען לעבן איר און זי געהאַלטן אַרומגענומען מיט זיינע קרעפטיקע הענט. ערשט איצט האָט זי דערפילט אַזאַ ליבע נאָענטקייט צו אים; אַזאַ זיסן פאַרלאַנג צו זיין לעבן אים און צו פילן, אַז ער איז איר כאַווער און פריינט; אַז ער איז איר געליבטער, איר מאַן...

זי האָט פאַרוואָרפן אירעביידע הענט אַרום זיין האַלדז, אַריינגעקוקט אין זיינע אויגן און פיעסטשענדיק אים גענומען אויסרעדן:

— ס'איז דאָך אַלץ איבער דיר, דזשעק! ווען דו וואָלסט פריער ניט געווען רעדן אַזעלכע רייד...

און גלייך איבערגעביטן דעם טאָן:

— אָבער אָנשטאָט רייד, לאָמיר זיך בעסער צוזאַמען אַ נעם טאָן אויף ס'ניי מיט מער ענערגיע און אַקשאָנעס צו דער אַרבעט, וואָס די פּאַרטיי, דער אַרבעטער־קלאַס, מאָנט ביי אונדז און...זאָגסטו מיר עס צו?...

דזשעק — אַ גליקלעכער פון אַנדזשעלינעס מיטאמאָליקער אינטימקייט און ליבלעכקייט — האָט מיט פרייד קימאַט אויסגעזונגען:

— יאָ, טייערע און געליבטע מיינע!...צוזאַמען, האַנט אין האַנט, וועלן מיר ביידע אָנגיין מיט אונדזער אַרבעט, ביז מיר וועלן אונדזער ציל דערגרייכן!...צוזאַמען — מיט ליבע איינער צום צווייטן — וועלן מיר דאָס גיכער באַווייזן!...די אַרבעטער וועלן דאָס מוזן דערזען און...

אַנדזשעלינע האָט זיך נאָך שטאַרקער ווי פריער איינגעקלאַמערט מיט אירע אָרעמס אין דזשעקן און אים אָפּגעפּרעסט אַ פייערדיקן קוש אויף זיינע גליענדיקע ליפּן.........
....

צו שפעט

ארום איז שטיל געווען. קיינער איז אף דער גאס שוין ניט געווען. עס האט זיך געקאנט דאכטן, אז אלע מענטשן זענען שוין געווען פעסט איינגעשלאפן.

סטיוו — אין א גאר לייכטן, קורצן און אפגעטראגן רעקל, האט געשטעלט איילנדיקע טריט אינעם נאר־וואס געפאלענעם שניי. שטילערהייט האט ער זיך אריינגע־כאפט אין טונקעלען קארידארל פונעם „בארדינג־הויז“, וואו ער האט געוואוינט. אף די פינגער־שפיצן זיך פארזיכטיק געטראגן איבער די ווייך־געבעטע סקריפנ־דיקע טרעפ, ארויפצו, צו זיין צימערל, און — ווי א גאנעוו — זיך היטנדיק ניט צו מאכן קיין שום גערויש, האט ער אויפגעשלאסן די טיר און זיך אריינגעכאפט.

ער האט גיך אוועקגעווארפן אפן טיש דאס פעקעלע, וואס ער האט געהאט מיט זיך, מיט ציטערדיק־נערוועזע פינגער דאס אויפגעריסן, באטראכט פאר א וויל און...

עטלעכע מינוטן זענען פארביי...

שטיל...

סטיוו האט איבלדיק א דריגע געטאן דעם שווערן קאפ זיינעם און צעצויגן דאס מויל אין דער גאנצער ברייט פונעם פאנים. דערנאך האט ער זייטיק א בליק געווארפן אפן קליינעם, אויסגעליידיקטן פלעשעלע, וואס ער האט אין האנט געהאלטן, האסטיק עס א שמיץ געטאן פון זיך און באלעקט מיט דער צונג די ליפן, פונקט ווי עס וואלט אף זיי פאר־בליבן צוגעקלעפט עפעס א פריקרע זאך...

אן ווילן האט ער זיך צוגעזעצט אף דער וויגנדיקער טאבורעטקע, וואס ער אליין האט מיט א שטיקל צייט צוריק געהאט צונויפגעקלאפט פון אן אלטן פרוכט־קעסטל, און זיך דערביי געהיטן, אז עס זאל ניט סקריפען. ער האט וועגן גארניט ניט געטראכט. ציללאז האט ער געקוקט בלויז אף דער נאקעט־גרויער וואנט, וואס אנטקעגן זיך, און מיט אן אפאטישער גלייכגילטיקייט געשוויגן...

פאר א וויל האט ער זיך צוגעהערט צו זיין אטעם, זיך ווידעראמאל באלעקט די ליפן און זיך גענומען כידעשן:

— וואס פאר א שווארץ יאר איז עס? — האט ער שטיל, ווי אין גע־דאנק, א מורמל געטאן. — דאכט זיך, איינגענומען עס אזוי פארזיכטיק, זיך געהיטן, אז די ליפן זאלן ניט איינגעשמירט ווערן, און דאך...

ער איז געווארן אומרואיק און מיטאמאל דערפילט א מאדנעם פאר־לאנג א קוק צו טאן אף א זייגער. ער האט אינמיסטן געוואלט זען, ווי לאנג, א שטייגער, דאס קאן געדויערן. דערמאנט האט ער זיך אבער, אז דאס קליינע האנט־זייגערל, וואס ער האט אמאל, מיט א צייט צוריק שוין, א מאטאנע געקראגן, און פון וועלכן ער האט זיך נאך ביז איצט ניט געקאנט אפגעוואוינען, — האט ער ערשט מיט עטלעכע וואכן צוריק פאר־זעצט. עמעס, ער האט דעמלט געהאט א צוזאג פאר א דזשאב און געהאפט דאס זייגערל צוריק אויסצולייזן. אבער פונעם זיכערן צוזאג, צוזאמען מיטן דזשאב, האט זיך — ווי שטענדיק — אויסגעלאזט א בוידעם און ער האט מער שוין ניט געהאט קיין מעגלעכקייט דאס אויסצולייזן.

א צעוויי־טיקטער האט ער ווידער עפעס א מורמל געטאן און — ווי צע־שראקן פון זיין אייגענעם געמורמל — זיך פארלוירן ארומגעקוקט.

אין שטיבל איז געווען שטיל און טונקל און קאלט. אליין אבער, האט ער נאך דערוויייל קיין באזונדערע קעלט גיט געפילט. ער האט בלויז דערשראקן א דריי געטאן דעם קאפ, געווארפן א צעוויי־טיקטן בליק אף דער האלב־צוגעפרוירענער שויב, אינעם פענצטער, און געזען דעם שניי, וואס איז שווער און געדיכט געפאלן אינדרויסן. ער האט א ציטער גע־טאן און זיך אפגעקערט. אים האט זיך געדאכט, אז די קעלט האט זיך אנגעהויבן אריינכאפן אין שטיבל, ווי עפעס א מאנסטער געקומען בארווע־סערהייט ארומשפאצירן איבערן צעשטשערבעטן דיל, ארומשפריייזן איבער די נאקעט־גרויע ווענט און זיך געגרייט אנצופאלן אף אים פון הינטן.

אינדרויסן האט זיך פארנומען אף אוונט. די גאס — האט ער געזען — האט אויסגעקוקט ליידיק און אויפגערעמט. ביי סטיוון איז אויסגעקו־מען, אז אלע מענטשן האבן זיך אוועדע באהאלטן אין זייערע שטיבלעך, אוים מוירע ארויסצוגיין אף דער ביטערער קעלט, וואס האט זיך ווי א מאגיפע צעלייגט איבער די גאסן.

צופעליק האט ער א שטיפן בליק געטאן אינעם צעבראכענעם שטיקל שפיגל־גלאז, וואס ער האט אמאל פון ערגעץ געהאט אהיימגעבראכט, און דאס געהאלטן ביי זיך אפן טישל, קעדיי צו האבן ביי וואס זיך צו גאלן. ער האט זיך שארף איינגעקוקט, אבער קיין שום באזונדערן אויסדרוק אפן פאנים נאך אלץ ניט געזען.

ער האט ביטער א שמייכל געטאן:

— הממם...און צו גלויבן, אז אין געציילטע מינוטן ארום...

ער האט צוגעדריקט זיין האנט צום בויך, זיך ווידער איינגעהערט אין זיין אייגענעם אטעם און זיך ניט געוואלט גלויבן, אז עס וועט טאקע אזוי, אן שום באזונדערע ווייטיקן, אנגיין ביזן סאף. נאך אלעמען, — האט ער געטראכט, — איז די גאנצע זאך גארניט אזוי שרעקלעך, ווי ער האט עס זיך פריער געהאט פארגעשטעלט...

קיין באזונדערע ווייטיקן האט ער טאקע ניט געפילט. בלויז צומאל האט אים דאקוטשעט עפעס אזא מאדנע אומאנגענעם און אומבאקוועם נאָיען, ווי פון א געוויינטלעכן בויך־ווייטיק. ער האט א טראכט געטאן:

„מיסטאמע דערפאר, וואס איך האב עס גענומען אפן ניכטערן מאגן, נאך גאנצע דריי טעג פאסטן. אנדערש״...

מיטאמאל — פונקט ווי דערפאר, וואס ער האט געטראכט וועגן דעם — האט ער דערפילט אין בויך א גיך־דורכלויפנדיקע בורזשענינע און אזא מאדנע דרייעניש. ער האט זיך אזש א דריי געטאן:

— אהא, עס הויבט זיך שוין אווארע אן און עס וועט שוין מיסטאמע לאנג ניט נעמען...

ער האט ארונטערגעלאזט דעם מידן קאפ אין זיינע אונטערגעשפארטע הענט אריין, זיך נעענטער צוגערוקט צום הינקענדיקן טישל, וואס איז געשטאנען הארט ביי דער וואנט, קעדיי עס זאל זיך ניט שאקלען, און גענומען שטאר קוקן אף דער ערד, לעבן זיינע פיס. ער האט ציללאז געציילט די שפאלטן צווישן די ברעטער. מיטאמאל האט ער זיך דערמאנט, אז ער וואלט גאר געדארפט פארענדיקן דאס בריוועלע, וואס ער האט נאך פריער, פאר אלעמען, געהאט אנגעהויבן צו שרייבן.

ער האט פארכידעשט געקוקט אפן האלב־פארשריבענעם שטיקל פאפיר און מאדנע: די האנטשריפט איז אים אויסגעקומען עפעס אזוי פארדעכטיק־פרעמד און אומבאקאנט. ווען ער וואלט ניט געווען גוט געדענקט, אז ער אליין האט עס ערשט מיט עטלעכע מינוטן צוריק געהאט געשריבן, וואלט ער, דאכט זיך, אפילו געקאנט שווערן, אז אימיצער האט אים אפגעטאן א שפיצל און דאס אים אינמיסטן אונטערגעווארפן.

— עס קאן דאך ניט זיין,— האט ער צווישן די ציין געזופט, — אז איך, נאך אזויפיל ליידן, זאל וועגן דעם אפילו קיין איינציק ווארט ניט דערמאנען אינעם בריף...

ער האט פארמאכט די אויגן. דורך זיינע, סטיוס, געדאנקען, האבן זיך ווי בעקיוון גענומען איבערראיען די בילדער פון זיין אייגענעם לעבן אין די לעצטע עטלעכע כאדאשים. אין איין מינוט האט ער אף פריש איבערגעלעבט דעם גאנצן הונגער און נויט מיט דער לאנגער ארבעטלאזיקייט; זיך דערמאנט אין די מאסן האפנונגען, אנטוישונגען און...

— און דערפאר האב איך דאס אזוי געהארעוועט מיין גאנצן לעבן?

— האט ער ביטער א לאך געטאן. — דערפאר בין איך דאס פרייוויליק אוועק אין דער ארמיי, זיך צו שלאגן פארן פאטערלאנד?...

ער האט פויל ארויסגענומען פון קעשענע די עטלעכע מעדאלן און קרייצן; די אויסצייכענונגען, וואס ער האט באקומען אין דער מילכאמע פאר זיין העלדישקייט און בראווקייט, און טראציק געקוקט אף זיי. ער האט אפגעהאקט א ברום געטאן:

— דעם־איט!... א גאנצן וועזן געמאט דערפון!... אין לאמבארד וויל מען אבער אף זיי אפילו קיין פעני ניט געבן, — כאטש נעם און גריזשע פון זיי שטיקערווייז...

הינטער דער טיר האבן זיך מיטאמאל דערהערט שטילע און דריבנע טריט. סטיוו האט דערשראקן א ציטער געטאן און זיך איינגעקארטשעט:

— המממ...נאך דאס פעלט מיר! — האט ער א מורמל געטאן, אזוי שטיל, אז ער אליין האט זיך קוים געקאנט הערן,— נאך דאס וואלט איך טאקע געדארפט האבן, אז גראד איצט זאל גאר אימיצער אריינקומען... מיך דערזען אזוי־א און...

ער האט זיך איינגעהערט אין די טריט און דערביי שפאטיש שטיל א לאך געטאן:

— בע־בע־בע, מען וואלט מיך מיסטאמע געכאפט אין שפיטאל אריין, עפשער נאך אפגעראטעוועט און דערנאך, בע־בע־בע, אוודע נאך געשטעלט צו א מישפעט דערפאר, וואס איך האב געוואלט אומברענגען א מענטשן, בע־בע־בע...א מענטשן...

ס׳איז צוריק שטיל געווארן. די טריט הינטער דער טיר זענען ווי פארשוואונדן. סטיוו האט זיך גענומען פארענדיקן דאס שרייבן, אבער ער איז גלייך געווארן אומגעדולדיק:

— פארוואס, צו אלדע טייוול, נעמט עס אזוי לאנג? — האט ער גע־מורמלט. — וועט שוין טאקע גאר קיין סאף ניט נעמען דערצו?...אז עס זאל זיך נאר ביז וואס־ווען קיין באראטע אין הארצן ניט אריינכאפן...

דער דאזיקער געדאנק — באטש סטיוו האט אים געוואלט פארטרייבן פון זיך — האט זיך שארף איינגעגריזשעט צו אים אין מויעך און אים קיין רו ניט געגעבן. ער האט זיך דערמאנט, ווי די גאנצע צייט, פאר די לעצטע זעקס באדאשים, זינט ער האט פארטראכט און זיך באשלאסן דערויף, — האט ער אלץ מוירע געהאט, אז אין דער לעצטער מינוט, נאכדעם ווי ער וועט שוין קימאט אלץ האבן איבערגעקומען, וועט ער נאך בארא‍טע קריגן און נעמען זוכן א וועג ווי אזוי צוריקצובאפן.

ער האט אפגעאטעמט און עפעס אזוי ווי צופרידן א שמייכל געטאן:

— נו, אז עס האלט שוין אזוי ווייט, וועט עס שוין גיין א גאנג...

דער אומגעדולד האט אים אבער נאך אלץ געפרעסן:

— זאל שוין אמאל א סאף נעמען! — האט ער מיט קאאס א זעץ גע־טאן זיין פויסט איבערן טישל, אז עס איז אזש א שפרונג געטאן. דאס פעקל צייטונגען, וואס ער האט פריער געהאט אהיימגעבראכט פון א פאפיר־קאן אין גאס, און געהאט אוועקגעלייגט לעבן זיך, אפן טישל, קעדיי — אויב ער וועט ווידער באשליסן אפצולייגן — צו האבן וואס צום לייענען, איז פונעם קלאפ ארונטערגעפאלן אף דער ערד, לעבן זיינע פיס. סטיוו האט גענומען נערווירן. ער האט בייז א שטויס געטאן מיטן פוס און זיי, די צייטונגען, אוועקגעשליידערט פון זיך. דאס פעקל איז זיך צעפאלן און אויסגעשפרייט. ער האט געכאפט א בליק און מיטאמאל דערזען צווישן די צייטונגען א בלאט פון יענער צייטונג, וועלכע ער האט קיינמאל אין האנט ניט געוואלט נעמען. ער האט קלאר געזען דעם קאפ פון אט דער צייטונג, וועלכער האט דרייסט — ווי מיט אן ארויסרוף — ארויפגעקוקט צו אים. סטיוו האט בייז און צעווייטיקט א ברום געטאן:

— דעם איט! פּאַרט זיך אַריינגעדרייט צו מיר אין די הענט!...

ער האָט זיך אַרומטערגעבויגן, בײַז אַ נעם געטאָן די צײַטונג אין האַנט אַרײַן, זי אײַנגעקנײַטשט אין דער פויסט און זי געוואָלט אַוועקשמײַסן פון זיך. ער האָט זיך אָבער גלײַך פאַרכאַפּט און גוטמוטיק אַ שמייכל געטאָן:

— אַ־קעי! כ׳וועל איר געבן אַ געלעגנהייט און זי דורכקוקן!... אַט, זאָל זי מיך, אַדראַבע, איצט מאַכן פאַר אַ רויטן...

טראַציק האָט ער אַ צעשפּרייט געטאָן די צײַטונג אַפן טיש אַנטקעגן זיך און מיט גלײַכגילט זי גענומען אויבנאויפיק דורכקוקן:

— כע־כע־כע,— האָט ער דערבײַ געלאַכט,— אָ, אַרבעטער פון אַלע לענדער פאַראייניקט אייך!... דעמאָנסטרירט! קעמפט! מאַכט רעוואָלוציעס! — כע־כע־כע, גאָ־דעם־פולס!...

מיטאַמאָל איז זײַן בליק געפאַלן אַף אַן אַרומגעלייניעטן קעסטעלע, אַף דער פעדערשטער זײַט, פון וועלכן עס האָבן מיט גרויסע בוכשטאַבן — ווי מיט אַ פעסטער שטימע — געשריגן פון זיך:

— אַרבעטלאָזע וועטעראַנען צווינגען שטאָט־רעגירונג צו באַנײַען די אָפּגעשטעלטע הילף און...

סטיוו — שוין אַ פאַראינטריגירטער — האָט זיך באַקוועמער אײַנגעזעצט און גענומען לייענען ווײַטער:

„צוליב דעם אָרגאַניזירטן ווידערשטאַנד״, — האָט זיך אים געדאַכט ער הערט אימיצן רעדן, — „צוליב דער שאַרפער פאָדערונג, וואָס די אַרבעטלאָזע וועטעראַנען פון מ. האָבן אַרויסגעשטעלט זײַער שטאָט־רעגירונג, איז זי געצוואונגען געווען צו באַנײַען די אָפּגעשטעלטע הילף און״...

סטיוו האָט ווידער אַ קוק געטאָן אַפן קאָפּ פון דער צײַטונג און — מיט אַפּאַטיע — אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— ווײַס איך וואָס?!... באַבקעס!... אַ קאָמוניסטישע צײַטונג... זי וויל אויפהעצן און אויפרעגן... אַט, אינמיסטן אַ קוק טאָן וואָס די אַנדערע צײַטונגען שרײַבן וועגן דעם...

ער האָט אויפגעהויבן אַ צווייטע צײַטונג פון דער ערד, זי אויסגעשפּרייט און גענומען זוכן אין איר. ערגעץ אין אַ זײַט האָט ער געפונען עטלעכע צוגעוואָרפענע קליינינקע שורעלעך און גענומען שלינגען מיט די אויגן דעם אינהאַלט:

„צערײַצטע וועטעראַנען״ — האָט ער געלייענט,— „אויפגעהעצטע פון רויטע און באָלשעוויקעס, האָבן — ווי אַ סטייע צעווילדעוועטע הינט — געמאַכט אַ ראַיאַט אין מ. און מיט דראָאונגען באַצוואונגען דער דאָרטיקער שטאָט־רעגירונג נאָכצוגעבן זײַערע ווילדע פאָדערונגען״...

סטיוו האָט אומצופרידן אַ ברום געטאָן:

— און די שטאָט־רעגירונג האָט זיך טאַקע דערשראָקן פאַר זיי?!...

ער האָט אַנטוישט אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ און ווײַטער געלייענט:

„די געשעענישן אין מ. באַווײַזן, אַז עס איז שוין צײַט אָפּצושטעלן די רויטע מאַגײַפע!... וואו איז געווען די פּאָליציי?... פאַרוואָס האָט זי

געשוויגן?...פארוואס האט זי ניט צעשאסן עטלעכע טומל־מאכער, קעדיי אנצויאגן א שרעק אף די איבעריקע?...מיט טרעמפס און פוילענצער, וועלכע ווילן ניט ארבעטן — מעגן דאס אפילו זיין וועטעראנען — דארף מען רעדן א גאנץ אנדערע שפראך!...

סטיוו האט צוגעמאכט די אויגן און זיך פארטראכט. אן אומבאקוועמער געפיל האט אים מיטאמאל ארומגענומען און ער האט עפעס אזוי ווי פארשעמט גענומען אונטערברומען:

— נו, דאס איז שוין אביסעלע איבערגעפעפערט!...מאל זיך, אז מענטשן ווילן שוין גאר ארבעטן, נאר...אט, א שטייגער — איך...

ער האט שטאר צעעפנט די אויגן, זיך ווידער איינגעגראבן אין דעם שטיקל נייעס און נאך אומצופרידענער געווארן:

— און אט־אזוי־א צו שרייבן וועגן וועטעראנען, איז אויך ניט ריכטיק! — צעווילדעוועטע הינט און טרעמפס — וועגן מענטשן, וועלכע האבן מאקריוו געווען זייערע לעבנס?...

אינסטינקטיוו האט ער ווידער א נעם געטאן די פרעמדע, רויטע צייטונג און אף ס'ניי גענומען אריינקוקן אין איר. ער האט גלייכגילטיק א קאלטן שמייכל געטאן:

— מאדנע: וואס מען זאל, פונדעסטוועגן, וועגן אט די רויטע ניט זאגן, אבער די בעזערע נעמען זיך פארט אן די קריוודע פון אונדזערס גלייכן!...אט, — האט ער זיך עפעס אזוי ווי דערפרייט, בעאיים ער האט געלייענט וייטער, — א שטייגער אט־דאס־א, וואס זיי שרייבן, אז די רייכע האבן אונדז אפגענארט; אז בעאיים מיר, וועטעראנען, זענען געלעגן אף די וייטע שלאכטפעלדער און אוועקגעגעבן אונדזערע לעבנס פאר פרעמדע געשעפטן, זענען זיי, די רייכע, נאך רייכער געווארן און...

— און זיי זענען עפשער גארניט אזוי אומגערעכט? — האט ער זיך גענומען באאיינפלוסן. — ווייל וואס האבן מיר דען, וועטעראנען, בעעמעס געהאט פון דער מילכאמע?...צו א שטייגער איך?...די גאנצע צייט — געהונגערט, געליטן און...געשוויגן...און אפילו איצט...אט, אפאנים, אז די רויטע זענען פארט גערעכט! דאס איז דאך טאקע, וואס יענע, די רייכע לייט, ווילן; אז מיר זאלן שווייגן. שוויגן ביים לעבן און...

— דעם איט!...און איך בין עס אזא נאר געווען!...אפגעטאן דער וועלט אף צו לעהאכעס און...

— נו, טאקע צוליב וואס? — האט ער שיער ניט אויסגעשריגן. — קיינער וועט עס זיך דאך צום הארצן ניט נעמען!...קיינער וועט דאך מיך אפילו ניט באדויערן!...עפשער וועט ערגעץ אין א ווינקל צייטונג ווערן אפגעדרוקט א מעלדונג, אז אן ארבעטלאזער וועטעראן איז באגאנגען זעלבסטמארד נאך דריי טעג הונגער...צו עפשער וועט ערגעץ אן עלטערע, סענטימענטאלע פרוי, בעאיסן לייענען די מעלדונג, בלויז א קאלטע טרער פונעם אלטן, צעקנייטשטן פאנים אפווישן און שוין...מער גארניט...

ער איז מיטאמאל טרויעריק געווארן און א זיפץ געטאן:

— און גלייך וועל איך זיין א פארגעסענער...אויסגעמעקט פון דעם

לעבן און פון דער וועלט, אז קיין האן וועט אפילע ניט א קרייע טאן!...

ער איז געבליבן זיצן שטיל און פארטראכט. דערמאנט האט ער זיך, ווי אמאל, מיט א צייט צוריק, האט ער זיך אנגעטראגן אין גאס אף א גרויסער לעוואיע. טויזנטער מענטשן — האט ער געזען — זענען נאכ־געגאנגען מיט פיל פאנען. ער, סטיוו, איז דעמלט פאשעט פארכאפט געוואָרן פון דער פייערלעכער אימפאזאנטקייט. ער געדענקט אפילע, — ער האט זיך דעמלט נאכגעפרעגט ווער דאס איז געשטארבן און איז געבליבן א געפלעפטער, ווען מען האט אים געזאגט:

— אן ארבעטער! ער איז געפאלן דורך די ברוטאלע הענט פון דער פאליציי, בעאיים ער — צוזאמען מיט נאך ארבעטער — איז ארויס קעמפן קעגן זיין באלעבאס פאר העכערע סכירעס...

דעמלט, — געדענקט סטיוו, — האט ער אליין עפעס בייז א ברום גע־טאן אונטער דער נאז און איז אוועק זיין וועג. געטראכט האט ער דעמלט, אז עס איז גאנץ גוט אזוי; זאלן זיי זיך ניט שפילן מיט פייער!...

איצט אבער, דאכט זיך סטיוון, וואלט ער שוין אזוי ניט געטראכט. איצט איז ער יענעם עפעס אזוי ווי מעקאנע. יאָ־יאָ, ער ווייסט, אז ווען ער, סטיוו, וואלט ניט געווען אזא פאכדן; ווען ער וואלט בעסער געווען ארויסגעגאנגען קעמפן אזוי ווי יענע וועטעראנען אין ס., — וואלט ער דאך, נו... און אויב ער וואלט אפילע געפאלן דערביי, וואלטן דאן פיל טויזנטער מענטשן צו דער לעוואיע געקומען, אים באדויערט ווי א העלד און... אזוי אבער, — פונקט ווי א הינטישער טויט...

סטיוו האט פארזונקען דעם קאפ און געביסן די פינגער:

— און עפשער נאך ערגער?!... ווארים אפילע א הונט טרעט דאך אויך ניט אפ אזוי־א...נאכמער: אפילע א שטשור בייסט זיך אויך איין מיט ציין און נעגל אינעם לעבן... נאר איך... — עך!...

ער האט א ביטערן שמייכל געטאן:

— אזוי נאריש אפצוטרעטן!...

ער האט נאכאמאל א קוק געטאן אף זיינע מעדאלן און — מיט קאאס — זיי א שמיץ געטאן פון זיך:

— אט מיט וואס מען האט עס מיך גענארט, צום טייוול!...

דערמאנט האט ער זיך, ווי רעילי, דער קעפטן פון זיין, סטיווס, לידזשאן־פאסט, האט אים שטענדיק געהאלטן אין איין פארזיסן די טעג מיט שיינע רייד וועגן די דאזיקע מעדאלן און אויסצייכענונגען. שטענדיק אים אנגעזאגט, אז ער זאל געדענקען ווער ער איז. אים געווארנט, אז וואס עס זאל נים געשען, זאל ער זיך האלטן אזוי ווי עס פאסט פאר א העלד און זיך ניט באווערן מיט די רויטע און פרעמדע...

סטיוו האט געדריקט די פויסטן:

— און ניט נאר ער, רעילי, — האט ער ווייטער געזומלט, — נאר אלע אזוי. אנהויבנדיק פון גענעראל ווילער, דעם קאמאנדיר פון זיין רעגימענט, און ענדיקנדיק מיט מיסטער פארדן, דעם באלעבאס פון דער פאבריק, וואו ער האט א צייט לאנג געארבעט. אלע, אלע האבן זיי די

זעלביקע רייד גערעדט. עפּעס נאָר ווי צוזאַמענגערעדט זיך... אַלע האָבן זיי אים געלערנט צו זײַן געדולדיק און קיינמאָל זיך ניט אַנטקעגנשטעלן דעם געזעץ און אָרדנונג... און מאָדנע: אַלע האָבן זיי אים צוגעזאָגט דערפאַר אַ גוט לעבן, דאָרט, אין די הימלען, אַף יענער וועלט...

ער איז שטיל געבליבן פאַר אַ ווײַל און מיטאַמאָל אַ ריס געטאָן:

— דעם־איט!... פאַרוואָס האָב איך זיך געלאָזט נאַרן? פאַרוואָס האָב איך געשוויגן און קיינמאָל זיי גאָרניט געזאָגט?...

געדאַכט האָט זיך איצט סטיוון, אַז ניט נאָר זאָגן וואָלט ער עס זיי געדאַרפט, נאָר ער וואָלט זיך גאָר געדאַרפט אַ וואָרף טאָן אַף זיי מיט די פינגער זײַנע און מיט די שאַרפע נעגל בײַ זיי די העלדזער איבעררײַסן. ער וואָלט, דאַכט זיך, כאָטש איצט געדאַרפט צונויפנעמען דעם גאַנצן קויעך און אַ געשריי טאָן אַזוי הויך, אַז עס זאָל אָפּציטערן אַף דער גאַנצער וועלט. אָט אַזוי־אָ:

— בעסטערדס! — וואָלט ער געדאַרפט אויסשרײַען, — אַ מאַגײַפע אַף אײַך!... ווערעמדיקע הינט וואָס איר זענט!... אָט אַזוי־אָ, מיטן גאַנצן קויעך אויסשרײַען. — איר האָט עס מיך צו דער דאָזיקער מאַדרײַגע געבראַכט!... איר האָט מיך בעקיוון געקרויִנט פאַר אַ פּאַטריאָט און העלד, כדי איך זאָל פאַרגעסן מײַנע אייגענע לײַדן, און ניט פילן ווי איך גיי אונטער!... איר האָט עס מיר אײַנגערעדט, אַז פאַר קיין העלד פּאַסט ניט אַנטקעגנצורעדן און...

ער האָט האַסטיק אַ הויב געטאָן דעם קאָפּ, פאַרדריקט זײַנע פויסטן און — פּונקט ווי אימיצער פון יענע וואָלט טאַקע געשטאַנען אַנטקעגן אים — מיטן גאַנצן קויעך אויסגעשריגן:

— נו, און פײַגערן ווי אַ הונט — פּאַסט יאָ?!...

פון אויפרעגונג האָט ער אַזש אינגאַנצן געציטערט. אין בויך — האָט ער דערפילט — האָט זיך אָנגעהויבן אַ ברענענדיקע בורזשענינע. דער קאָפּ איז בײַ אים מיטאַמאָל שווער געוואָרן און אין די שלײָפן האָט גענומען האַמערן ווי מיט שווערע און אָפּטע האַמערס. יעדער קלאַפּ איז באַגלייט געוואָרן מיט אַ מאָדנע דינעם צוויק און שאַרפן קניפּ. סטיוו האָט זיך געלאָסן אַרונטערגעלאָזט אַפן בענקל און שטיל געשעפּטשעט:

— וועל... עס זעט אויס, אַז איצט וועט עס שוין גיך קומען...

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און פאַרזונקען דעם קאָפּ אַפן טישל. אַרום אים איז געוואָרן אַזוי שטיל, אַז איבערן שטיבל האָט זיך אַזש דערהערט דאָס אינעווייניקסטע גערויש פון זײַנע געדערים. פאַר אַ ווײַל איז סטיוו געזעסן אַזוי באַוועגלאָז אָנגעשפּאַרט אָנעם טישל און זיך אײַנגעהערט צו זיך. מיטאַמאָל האָט ער זיך האַסטיק אַ שטעל געטאָן אַף די פיס, אַ צעשפּרייט געטאָן די הענט אין דער גאַנצער ברייט און — מיט אַ צעווייטיקטן געבריל, ווי אַ פאַרוואונדעטער לייב — אויסגערעוועט:

— וואָס האָב איך געטאָן?... וואָס האָב איך געטאָן?...

אַ כריפּעדיק געוויין האָט זיך ראַפּטאָוונע אַ ריס געטאָן פון סטיווס האַלדז, אָבער איז באַלד — ווי אַן איבערגעריסענע סטרונע — פאַרשטיקט

געוואָרן. מיטאמאָל האָט ער א פאררוק געטאָן זיינע פינגער אין די האָר אריין און — מיט א קרענקלעכן פארדראָס — זיי צעשויבערט:

— אָ, דעם־איט! — האָט ער אויסגעשריגן, — ווען איך האָב איצט באַטש א בוידעש, א וואָך, א טאָג, אָדער אפילו בלויז אן איינציקע שאָ נאָך, וואָלט איך איצט...

עס האָט אים מיטאמאָל פארפעלט אָטעם. ער האָט זיך צוריק ארונטערגעלאָזט אפן בענקל און שווער געסאָפּעט. ער האָט גענומען טראַכטן וועגן עפּעס. דערמאָנט האָט ער זיך, ווי ערשט מיט עטלעכע כאדאָשים צוריק, ווען ער האָט שוין געהאַט אויפגעגעבן די האָפנונג צו געפינען ווען עס איז ארבעט, האָט ער, אין א פריינטלעכן שמועס מיט רעילין, אים געזאָגט, אז אויב די וועטערראַנען וועלן גלייך ניט באַקומען דעם באַנוס אויסגעצאָלט, וועלן זיי מאַסנוויז געטריבן ווערן צו זעלבסטמאָרד. יענער האָט אים אָבער דאַן אויסגעלאַכט און געזאָגט, אז בלויז רויטע רעדן אזוי. און ווען ער, סטיוו, האָט אים גענומען איבערשפּארן, האָט יענער ווערעמדיק א שטאָך געטאָן:

— כ'האָב מוירע, סטיוו, — האָט ער עפּעס אזוי מאָדנע־פארדעכטיק געשמייכלט, — אז דו אליין ביסט מיר שוין אויך פארסאַמט געוואָרן פון דעם פארשאָלטענעם באָלשעוויזם...

סטיוו האָט דעמאָלט געשוויגן. ער האָט זיך געשעמט אָפּצוענטפערן. ער האָט ניט געקאָנט פארטראָגן, מען זאָל אָף אים זאָגן, אז ער איז א קאָמוניסט, אָדער טראַכט אפילו ווי א רויטער. ער, וועלכער האָט זיך אזוי העלדיש געשלאָגן אין פראַנקרייך; פארגאָסן זיין בלוט אין יענער זייט; ער — וועלכער האָט אזויפיל מעדאַלן...

איצט אָבער, — האָט סטיוו געפילט, — וואָלט דאָס אים שוין זיכער ניט געאַרט. וואָרים אויב קאָמוניזם איז דאָס, וואָס ער אליין האָט שוין אזויפיל מאָל ביי זיך אין הארצן געטראַכט, איז עס דאָך גאָרניט אזוי שרעקלעך... און אויב די רויטע שטעלן זיך איין פאר די ארבעטער...

ער האָט אפן קאָל א טראַכט געטאָן:

— און זיי זענען דאָך זיכער גערעכט מיט דעם, אז די רייכע זענען סאָנים פונעם פאָלק... און דאָס, וואָס די רויטע ווילן נאָך, אז אלע מענטשן זאָלן ארבעטן און שטענדיק האָבן ברויט צו דער זעט, איז דאָך אוודאי ריכטיק... קאָן זיין, אז ערשט טאַקע דערפאר, זענען זיי טאַקע, אָט די רויטע, די עמעסע פּאַטריאָטן...

ער האָט אומבאַקוועם א שמייכל געטאָן:

— ווי מאָדנע! — האָט ער ביטער געלאַכט אין זיך, — מיט א יאָר צוריק, מיט א בוידעש, א טאָג, און אפילו ערשט מיט אן איינציקער שאָ צוריק, וואָלט ער דאָך מוירע געהאַט אפילו צו טראַכטן אזוי און... אָבער,— האָט ער זיך אליין גלייך אָפּגעענטפערט, — צי האָב איך דען מיט א יאָר צוריק געטראַכט, אז מיר, דעם העלדישן סאָלדאַט, וועט נאָך אויסקומען אזוי־אָ צו פארענדיקן?...

וואָרים אָט, אפילו ערשט מיט א האַלבער שאָ צוריק בלויז, בעאַיס

ער האט געגומען שרייבן דאס לעצטע בריוועלע זיינס, האט ער דאך נאך אלץ געוואלט מאכן אזוי שטיל, אזוי איידל און אזוי ליטיש — קיינעם באלילע ניט צו באליידיקן. זיך געהיטן, אז אפילע נאכן טויט זאל מען אים באלילע ניט פארדעכטיקן אין קאמוניזם...

ערשט איצט זעט ער ווי נאריש דאס איז געווען. ערשט איצט פארשטייט ער, ווי פארברעכעריש עס איז ביכלאל געווען אט אזוי נאריש צו פארענדיקן. נו, וואלט דען טאקע ניט געווען פיל בעסער, ווען ער — פונקט ווי יענע וועטעראנען אין מ. — וואלט צוזאמען מיט נאך אנדערע ארויסגעגאנגען קעמפן און פאדערן וואס עס קומט אים?... וואלט דען ניט בעסער געווען ארויסצוזאגן אפן און פריי אלץ וואס ער פילט און אויסגיסן אלדאס ביטערקייט, וואס האט זיך ביי אים אין הארצן אנגעזאמלט?... אט, כאטש אפזידלען יענע זאטע, אנגעפרעסענע הינט, וועלכע זיצן אין זייערע רייכע פאלאצן בעאיס זיין אומקום און לאכן זיך נאך אויס פון די ליידן פון די הונגעריקע?...

סטיוו האט זיך אומבאקוועם א דריי געטאן אפן בענקל און ווידער דערפילט שניידנדיקע ווייטיקן און קראמפן אין בויך. דאסמאל — שוין פיל שטארקערע און פיינלעכערע ווי פריער. אים האט געגומען פארדריסן: דאווקע איצט, ווען ער האט עס באגומען און געוואלט לעבן... איצט, ווען ער וויל ארויסזאגן אלץ וואס ער פילט און דענקט... אבער וואס זאל ער טאן?...אט, נאך עפשער א מינוט בלויז, און איינציקע מינוט, און... ער וועט דאך שוין אפילע ניט קאנען טראכטן...

— עך! — האט ער זיך א כאפ געטאן, — ווען ער זאל נאר קאנען צוריקכאפן און זיך ראטעווען...

ווי אונטערגעזאגט פון אימיצן, האט ער אף גיך א פאררוק געטאן צוויי פינגער צו זיך אין מויל אריין און געגומען פרובירן זיך צווינגען צוריקצוגעבן דאס איינגענומענע.

„א”, — האט ער געטראכט דערביי, — „ווען דאס זאל מיר געלינגען צו טאן, וואלט איך אנגעהויבן א ניי לעבן... אינגאנצן א ניי לעבן”...

אבער עפעס נאר ווי אף צו לעהאכעס, האט זיך די קעל ביי אים ווי פארהאקט און קיין איינציקן טראפן ניט געוואלט צוריקגעבן. סטיוו האט זיך געגומען ערגערן: — אלעמאל איז דאך דאס אים אנגעקומען אזוי לייכט און... היינט אבער, דאווקע ווייל ער וויל עס אזוי שטארק; ווייל עס גייט אים פאשעט אין לעבן, — איז כאטש נעם א מעסער און צעטרייבער דעם בויך אף צוויין...

„אבער פארוואס טאקע ניט שרייען נאך הילף?” — איז אים אפן געדאנק געקומען. — „איצט, אז ער פארשטייט גאנץ אנדערש ווי פריער, וועט עס דאך ניט זיין קיין צייכן פון פאכדאנעס, נאר פארקערט: — פון העלדישקייט...אט, זאל טאקע אימיצער דערהערן און אריינלויפן... זאל מען טאקע רופן א דאקטאר!... זאל קומען די גיכע הילף!... זאל מען אים אפראטעווען!...מען קאן דאך דאס טאן!... היינטיקע צייטן איז דאך אלץ מעגלעך!...ער וועט דערנאך זאגן, אז ער האט נאר א טאעס געהאט;

אַז...נו, ער איז אַפילע גרייט צו גיין אין טפיסע דערפאַר, אַבי...

ער האָט אַ בליק געטאָן אינעם צעשטשערבעטן שפּיגעלע, וואָס אַנטקעגן זיך, אפן טישל, און איז אַזש אָפּגעשפּרונגען פון שרעק. דאָס פּאָנים זיינס — אַ מאַסקע — ניט צו דערקאָנען. די באַקן — בלאַסע—מיט טיפע איינגעפאַלענע לעכער איןביידע זייטן. די אויגן — בוילעטע — שאַרף־אויפגעלאָפענע און האַלב־איבערגעקערטע. אַזעלכע אויגן האָט ער, דאַכט זיך, אַמאָל געזען ביי אַ פערד, וואָס איז געפאַלן אין גאַס אונטער אַ שווערער מאַסע...אפילע די האָר אפן קאָפּ זענען ביי אים געווען פון עפּעס גאָר אַן אַנדער, מעשונעדיקער קאָליר. די אומגעגאָלטע באָרד — ווי עפּעס אַ מאָדנע באַרשט מיט שטעכיקע שאַרפע שפּיצן — האָט אויסגעזען אַזוי אויסערגעוויינלעך־ווילד — אַ שרעק...

סטיוו האָט פאַרשטשעמעט די ציין און צעוויייטיקט אַ רעווע געטאָן:

— גוט!...גוט אַזוי פאַר דיר, סטיוו! — האָט ער זיך ביטער געפּאַסעוועט. — אויב מען ווייסט ניט ווי אַזוי צו לעבן ווי אַ מענטש, מעג מען טאַקע אויסגיין ווי אַ פערד, ווי אַ נעווייילע!...

צעווילדעוועט־בייז האָט ער גענומען האַקן מיט זיינע פויסטן אינעם טישל אריין און מיטאַמאָל אויסגעשריגן:

— אָבער ווער זאָגט עס, אַז ווי אַ נעווייילע?...ניין!... איך שטאַרב נאָך ניט!...איך מוז נאָך לעבן!... איך מוז זיך נאָך אָפּרעכענען!... איך מוז דאָך כאָטש נאָך אַ וואָרט זאָגן!...

אַן אויפגערעגטער האָט ער אַ כאַפּ געטאָן דאָס האַלב־אָנגעשריבענע בריוועלע, האַסטיק דאָס צעריסן אף פּיצלעך און אַוועקגעשמיסן. ער האָט אַ נעם געטאָן די בלייפעדער און אף גיך גענומען שרייבן אַ צווייטס. די גאַנצע גאַל, די גאַנצע פּיין, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט ביי אים אין די לעצטע עטלעכע כאָדאָשים, האָט ער גיך — אין שאַרפע געהאַקטע ווערטער, ווי באָמבעס — גענומען אַרויסשליידערן מיט זיין ציטערדיקער האַנט...

מיטאַמאָל אָבער, אינמיטן שרייבן, האָט אים פאַרשווינדלט אין די אויגן און אַלץ אַרום אים איז עפּעס אַזוי מאָדנע טונקל געוואָרן. פאַר אַ ווייל האָט זיך סטיוון געדאַכט, אַז ער ווערט אינגאַנצן בלינד. דאָס גרימעניש אין בויך האָט אויך גענומען שניידן שאַרפער און שטאַרקער, און די ביטערקייט אין מויל איז געוואָרן גאָר אומדערטרעגלעך. פון גרויס ווייטיק האָט ער אַרויסגעלאָזט די בלייפעדער פון האַנט און געבליבן זיצן אַ שהערער און אָפּהענטיקער. דאָס קלאַפּעריי אין די שלייפן איז געוואָרן האַסטיקער און אָפטער, — נאָר ווי אויפצורייסן. ער האָט אָנגעהויבן שוידערן. אַ שוויס — אַ ווייל הייס און אַ ווייל קאַלט — האָט זיך אַ טראָג געטאָן איבער זיין גאַנצן קערפּער און ווי אָפּגעצוואָגן דאָס גאַנצע לייב. די אָדערן האָבן געצויגן און געשניטן ווי אַן עלעקטרישער שטראָם וואָלט דורך זיי דורכגעלאָזט געוואָרן. ער האָט פאַרביסן די ציין, איינגעצויגן דעם פּאַסיק אף זיך און מיטאַמאָל זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— פאַרוואָס־זשע זיץ איך עס אַזוי־אָ און טו גאָרניט?... באַלד וועט דאָך שוין עפּשער זיין צו שפּעט!...

ער האָט זיך אויפגעהויבן פונעם בענקל און גענומען גיין צו דער טיר. די פיס אָבער — ווי געקאָוועטע מיט שווערע קייטן — האָבן זיך געשלעפּט ווי צוויי קלעצער און ביי אים די קניען אַרונטערגעבויגן. סטיוו האָט זיך אָבער אַלץ ניט אָפּגעלאָזט. ער האָט זיך געצויגן אין פאַראויס מיטן גאַנצן קערפּער און אויסגעשטרעקט די הענט אין אַ צעוויי־טיקטן פאַרלאַנג וואָס גיכער די טיר צו דערגרייכן. אים האָט זיך עפּעס אַלץ אויסגעוויזן, אַז די טיר דערווייטערט זיך פון אים מיט יעדן טראַט וואָס ער טוט...עס האָט זיך אים אָנגעהויבן אויסדאַכטן, אַז דאָס שטיקל וועג פונעם טישל ביז אַהערצו, — איז אַ לאַנגער, אַן אומענדלעכער און אַ צעצויגענער, וואָס קאָן קיינמאָל ניט דערגרייכט ווערן...

סטיוו האָט זיך אָנגעשטרענגט, צונויפגענומען זיינע קויכעס און איילנדיקער גענומען שטעלן זיינע טריט, קעדיי וואָס־גיכער שוין צו זיין ביי דער טיר און וואָס־גיכער אויסצושרייען נאָך הילף. אָבער מאָדנע: וואָס נעענטער ער איז דערגאַנגען צו איר, אַלץ ווייטער האָט זי אויסגעוויזן צו זיין פון אים. אים איז אויסגעקומען, ווי זי, די טיר, וואָלט גאָר געשפּילט מיט אים עפּעס אַ מאָדנע בלוטיקע ברויגעז־שפּיל און לאָזט זיך בעשום־אויפן ניט דערגרייכן...

ער האָט זיך אָבער ענדלעך פּאָרט דערשלעפּט. מיטן גאַנצן קערפּער האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אָף דער טיר, אָנגעכאַפּט מיט די ציטערדיקע הענט די קליאַמקע, גענומען רייסן, אָבער בעשום־אויפן די טיר ניט געקאָנט עפענען. זיין אייגענער קערפּער, וואָס איז מיט דער גאַנצער שווער־קייט געווען אָנגעלענט אָף איר, האָט זי פאַרבאַריקאַדירט...סטיוו האָט דאָס אָבער ניט פאַרשטאַנען און ווייטער געריסן. אין הארצן ביי אים — האָט ער דערפילט — האָט זיך עפּעס ווי אָפּגעריסן. עפּעס אַזאַ מאָדנע פאַרדראָס, האָט — ווי אָף אַן אָנגעצויגענער סטרונע — אַ קיצל געטאָן, אַז ער האָט אַזש דערפילט ווי צו וויינען. ער האָט ברייט צעעפנט דאָס מויל און גענומען צעווייטיקט שרייען. זיין שטימע, אָבער, איז ביי אים — ווי ביי אַ פיש — פאַרגליווערט געוואָרן אין קעל און אינגאַנצן זיך ניט אַרויסגעטראָגן. סטיוו האָט זיך איינגעהערט אין זיין אייגענעם דערשטיקטן געשריי און זיך געכידעשט. געפילט האָט ער, אַז אָט שרייט ער אַזוי הויך און שטאַרק, אַז מען קאָן זיין קאָל, דאַכט זיך, הערן אַזש אינעם צווייטן עק וועלט. ער האָט אַפילו געפילט ווי זיינע ליפּן באַוועגן זיך, אָבער קיין איינציקן קלאַנג ניט געקאָנט הערן. מיטן געדאַנק בלויז האָט ער באַנומען, ווי זיין שטימע ציטערט און צעטראָגט אַזאַ פיינלעך געשריי:

— ראַטעוועט!...ראַ־טע־וועט!...ראַ־אַ־אַ־טע־ע־וועַ־ע־עט!...

מיטאַמאָל האָבן זיינע קניען זיך אָנגעהויבן אונטערברעכן און — ער האָט זיך אָנגעהויבן אַרונטערלאָזן. דערביי האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז אונטער אים צעעפנט זיך עפּעס אַ טיפער גרוב, אַן אומענדלעכער אָפּגרונט, וואוהין ער ווערט אַרונטערגעצויגן פון עפּעס אַן אומגעזעענער האַנט. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די ווענט אַרום אים, און אַלץ אין שטוב הויבט זיך אָן צונויפצורוקן אַלץ ענגער און נעענטער

צו אים, רינגלט אים אַרום פון אַלע זײַטן און הויבט אים אָן אָט־אָט צוזאַמענצודריקן...

ער איז געשטאַנען אַף זײַנע קניען און זיך נאָך אַלץ ניט געוואָלט אונטערגעבן. ער האָט נאָך אַלץ געהאָפּט, אַז אָט־אָט וועט אימיצער פאָרט פאַרבײַגיין און דערהערן; אַז מיטאַמאָל וועט די טיר זיך אַ צעפּראַל טאָן און...מען וועט אים נאָך אָפּראַטעווען... נאָך אַלעמען איז עס דאָך ניט געווען אַזאַ שטאַרקער, שנעל־ווירקנדיקער סאַם...אַפילו צו קויפן עפּעס אַ ריכטיקן סאַם האָט ער דאָך אויך ניט געהאַט קיין געלט און...אָ, דאָס איז גוט...יאָ, מען וועט אים נאָך אָפּראַטעווען, זיכער אָפּראַטעווען...

פּלוצלונג איז ער שווער אַ פאַל געטאָן צו דער ערד און איז אַזוי געבליבן ליגן אַן אויסגעצויגענער. אַרום אים האָט זיך — ווי עפּעס אַ גרויסע, צעלײַגטע כאַיע — געשפּרײַט און געוויגט דער גרויער דיל. די ווענט — ווי שווערע שטײַנער — האָבן, דאַכט זיך, אָנגעהויבן פאַלן אַף אים פון אַלע זײַטן און אים געזוכט צו פאַרדעקן. סטיוו האָט זיך געדרייט, געקאָרטשעט און געציטערט. ער האָט געפּרואווט אויפהויבן די הענט, קעדיי זיך צו באַשיצן, אָבער זיי זענען צוריקגעפאַלן פלאַך צו דער ערד ווי שווערע קלעצער. קעגן זײַן ווילן האָבן זיך זײַנע אויגן צוגעמאַכט און ער האָט מער גאָרניט געקאָנט זען. בלויז אין מויעך בײַ אים האָט זיך געפּלאָנטערט עפּעס אַ ווײַטער, פאַרנעפּלטער געדאַנק:

— עך, ווען איך האָב כאָטש נאָך אַ טאָג, אַ שאָ, אָדער אַפילו כאָטש בלויז עטלעכע מינוטן!...

פאַר דער טיר, אינדרויסן, האָבן זיך, דאַכט זיך, דערהערט טריט. ווײַט ערגעץ בײַ סטיוון אין פלאַכן געדאַנק, — האָט אַ שטילע האָפנונג אַ שמײַכל געטאָן. ער האָט זיך צונויפגענומען און זיך אײַנגעהערט. גלײַך איז אָבער אַלץ ווידער שטיל געוואָרן. אַ גרויער שאָטן האָט זיך ווילד צעטאַנצט איבערן אָנגעוואָרפענעם באַרג צײַטונגען. דורכן פענצטער האָט — מיט אַ קאַלטער גלײַכגילטיקייט — אַרײַנגעקוקט אַן אומשולדיקער, ווײַס־פּוכיקער, פאַלנדיקער שניי...........................

....

דעצעמבער בלומען

(סעריע: „אונטערוועגנס”)

ליטן קאלענדאר איז טאקע געווען אינמיטן דעצעמבער, אבער אינדרויסן איז געווען גאנץ ווארעם. אן עמעס־קאווקאזער ווינטער־טאג, מיט א שפילעוודיק־בלענדנדיקער זון־שיין, גרין־באפוצטע בוימער און שפראצנדיקע גראזן. דורך די האלב־צעעפנטע פענצטער פונעם וואגאן, וואס אף דער באן צווישן טיפליס און באטום, האט פון די ארומיקע פעלדער זיך ארייגעטראגן דערפרישנדיקע מיאטע־רייכעס און בלומען־דופט...

געפארן בין איך מיט א כאווער קיין אדעס, וואוהין מיר האבן געדארפט צושטעלן צוויי קוישן מיט וויכטיקער רעוואלוציאנערער ליטעראטור.

די רייזע איז דאן געווען פארבונדן מיט געפאר. אף א שטרעקע פון דער אייזנבאן אין גרוזיע, לעבן וועלכער עס האבן זיך געצויגן די נאפטרערן פון באקו ביז באטום, האט די ענגלישע אקופאציע געהערשט מיט אן אייזערנער האנט. די שיפן ווידער, וואס פון באטום קיין אדעס, זענען ביז נאווראסיסק און אנאפא, געווען אונטער דער הערשאפט פון דעניקינס באנדעס. די קלענצטע שטראף דעמלט פאר א באלשעוויק, אדער אפילע אזא, אף וועמען עס איז בלויז געפאלן א כשאד, איז געווען — הענגען...

דער צוג האט זיך געשלעפט פאמעלעך און אפגעשטעלט זיך ביי א סטאנציע, וואו עס האט זיך פארענדיקט די „אפיציעל־פרייע” גרוזינישע טעריטאריע און עס האט זיך אנגעהויבן די טעריטאריע פון דער ענגלישער אקופאציע. קיין פאסאזשירן — אויסער איך און מיין כאווער — זענען אינעם וואגאן ניט געווען. (די גרוזינער — אפאנים אין פראטעסט קעגן דער אקופאציע — האבן זיך ניט געוואלט באנוצן מיט דער באן, וואס מען האט בא זיי פארנומען). אין וואגאן האט דעריבער געהערשט א שרעקעוודיק־טויטע שטילקייט...

אינדרויסן, אפן פעראָן, לעבן דער צוגעהאַקטער טיר פונעם אָפּאַ־טיש־שטילן וואָקזאַל, זענען געשטאַנען — ווי פון בראָנז־אויסגעגאָסענע — צוויי ריזיק־גרויסע און געזונטע ברוין־הויטיקע „זולוס", (אַפריקאַנער קאָלאָניאַל־מיליטער), מיט קאָלירטע טיורבאַנען — געוויקלט אַרום זייערע קעפּ. די ביקסן אין זייערע הענט, האָבן — אַנטקעגן זייער ריזיקער גרויס — אויסגעזען ווי פּאַשעטע קינדער־ביקסלעך. געשטאַנען זענען די צוויי „זולוס" שטיל און אומבאַוועגלעך, פּונקט ווי זיי וואָלטן אָפּגעהיט עפּעס אַ טעמפּל, ניט צו לאָזן פאַרשוועכן די הייליקע שטילקייט, וואָס האָט אַלץ אַרום צוגעדעקט ווי אַ פרימאָרגן־ראָסע. די בילעט־קאַסע פון דער סטאַנציע — ווי אַף אַלע ווייטערדיקע סטאַנציעס אינעם אָקופּאַציע־פּאַס — איז געווען פאַרהאַקט און פאַרשלאָסן.

אַ מינוט איידער דער צוג איז אָפּגעפאָרן פון וואָקזאַל, זענען פון אַ צווייטן וואַגאָן אַריינגעגאַנגען צו אונדז צוויי פיין־געקליידעטע ציווילע פּאַסאַזשירן. לויטן אויסזען האָט מען זיי געקאָנט אָננעמען פאַר רוסישע סאָכרים. איינער — אַן עלטערער — מיט גרויע, גלאַט־פאַרקעמטע האָר און מיט אַ קליין לאָפּעטע־בערדל, און דער צווייטער — אַ מיטליעריקער — מיט אַ פּאָר שטייף־צעפּלאַשעטע קעצישע וואָנצעס און מיט אַן אַרויפגעקעמט שטייף „יאָזשיקל" אפן קאָפּ. זיי האָבן זיך צוגעזעצט ביי אַ פענצטער אַנטקעגן אונדז און לאַכנדיק גערעדט צווישן זיך.

באַלד איז אין וואַגאָן אַריין אַ מיידל. געווען איז זי אָנגעטאָן אין אַן ענגליש־מיליטערישן כאַקי־יוניפאָרם און אַף אַ רימענדל איבער דער ברוסט געטראָגן עפּעס אַזאַ מאָדנע געלט־פּושקעלע, פון וועלכער עס האָבן זיך אַרויסגעזען זילבערנע מאַטביייעס. אין אַ צובראָכענעם רוסיש, געמישט מיט ענגלישע ווערטער, האָט זי זיך אַ ווענד געטאָן צו אונדז:

— קופּיטע טיקעטי, דזשענטלמען! פּעי פאָר יור בילעטס, גאָספּאָדאַ!...

מיר האָבן באַצאָלט פאַר די עטלעכע סטאַנציעס וואָס ביז באַטום, און באַקומען צוויי בילעטן — צוזאַמען מיט אַ צוגעוואָרפענעם דאַנק:

— איי ספּאַסיבאָ יו, דזשענטלמען!...

זי איז אַוועק צו די צוויי רוסן, איינגעמאָנט ביי זיי געלט פאַר זייערע בילעטן און איז — פּונקט מיט אַזאַ צוגעוואָרפענעם דאַנק — אַוועק אין אַ ווייטערדיקן וואַגאָן.

מיר, איך און מיין כאַווער, זענען געזעסן פאַרטראַכט. עס האָט זיך געוואָלט וואָס גיכער שוין זיין אין באַטום, אָדער בעסער: — אין אָדעס, און צושטעלן די צוויי קוישן ליטעראַטור, וואָס דער פּאַרטיי־קאָמיטעט פון סקאָראָפּאַדסקים מעדינע האָט באַשטעלט.

אַף אַ ווייטערדיקער סטאַנציע, ניט ווייט פון באַטום, האָט אַ גרוזינישער אינגל פאָרגעלייגט פרישע בלומען דורכן וואַגאָן־פענצטער. מיין כאַווער האָט ביי אים געקויפט אַ בוקעט פרישע רויטע רויזן. ער האָט זיי אַריינגעשטעלט אין אַן אויסגעליידיקטער קאָנסערוון־פּושקע און דאָס אַוועקגעשטעלט אפן טיש־ברעטל, וואָס לעבן פענצטער. ער איז אַזוי באַגייסטערט געווען פון די בלומען, אַז ער האָט זיינע אויגן ניט אַרונטערגענומען

פון זיי. ער האָט זיך געשפּיגלט אין זיי, געגלעט מיט זײַנע פינגער די צאַרטינקע בלעטלעך, אַרײַנגעאָטעמט אין זיך זייער גערוך, און קעסיידער אָנגעקוואָלן. מיטאמאָל האָט ער פריידיק אַ זאָג געטאָן צו מיר:

— ווי מיינסטו, מישאַ, וועט דאָס־אָ ניט זיין אַן עמעס־פיינע מאַטאָנע פאַר מיינע אין אָדעס?...

איך בין מאַסקים געווען:

— ריכטיק, גרישאַ, קיין שענערע מאַטאָנע אינמיטן דעצעמבער קאָן מען אַפילע ניט צוטראַכטן...

מיין באַוער איז אָבער מיטאמאָל פאַרזאָרגט געוואָרן:

— עס זאָל מיר אָבער באַטש געלינגען זיי צו דערפירן קיין אָדעס אַזוי פריש און לעבעדיק ווי זיי זענען איצט...

— יאָ, — האָב איך מעכאַניש צוגעוואָרפן, — וואָס ווייטער ווערט אַלץ קעלטער! אין אָדעס מוז שוין איצט אַוודע ליגן אַ טיפער שניי און...

איך האָב נאָך ניט באַוויזן פאַרענדיקן מיינע רייד, ווי עס האָט זיך מיטאמאָל דערהערט אַ ברייטער געלעכטער מיט אַ רוסישן אויסרוף:

— זיי וועלן קאַליע ווערן! יעי־יעי, זיי וועלן פאַרשטינקען ווערן!...

איך האָב זיך אומגעקוקט. דער מאַן מיטן „יאַזשיקל" האָט געלאַכט:

— און אַז איר זאָלט אַפילע יאָ באַוויזן צו דערפירן די בלומען קיין אָדעס, וועלן זיי אָבער דאָרט גלייך פאַרשטינקען ווערן פונעם קנאָבל מיט די ציבעלעס, וואָס די אָדעסער זשידעס פרעסן דאָרט, בע־בע־בע!...

— אַ־כאַ־כאַ, גוט געזאָגט, סטעפּאַן מיכאַילאָוויטש, גוט געזאָגט! — האָט דער צווייטער זיך ציניש צעלאַכט,— אַרײַנגעטראָפן אין פינטל!...

איך בין ווי פריטשמעלעט געוואָרן פון דער כוצפּע. אַפן מאָמענט האָב איך דערפילט אַ באַגער אָנצוזידלען די צוויי כוליגאַנעס, אָבער איך האָב זיך באַהערשט און געשוויגן. מיין באַוער, אָבער, האָט זיך, ווייזט אויס, ניט געקאָנט קאָנטראָלירן. ניט געקוקט דערויף, וואָס איך האָב אים צו־ריקגעהאַלטן, האָט ער זיך אויסגעדרייט צו זיי און אַ שטאָך געטאָן:

— אויב זיי וועלן נאָר ניט פאַרשטינקען ווערן דערפון וואָס זיי זע־נען איצט צוזאַמען מיט אייך אין איין וואַגאָן, — וועט זיי שוין קיין שום קנאָבל מיט קיין ציבעלעס אויך ניט פאַרשאַטן!...

ווי אַ שוועבעלע צו אַ פאַס פולווער, אַזוי האָבן די דאָזיקע ווערטער זײַנע אויפגעריסן יענע צוויי לייט. דער וואָס מיטן „יאַזשיקל" האָט זיך ראַפּטאָוונע אַ ריס געטאָן פון זיין געזעס און — ווי אַ שטורעם — זיך אַ וואָרף געטאָן גלייך אַנטקעגן אונדז מיט געשרייען:

— עך, איר זשידעס פאַרשאָלטענע!... ווי האָט איר געוואַגט?!...

ער האָט זיך געוואָרפן, זיך געריסן אין פאַראויס און געזאָטן פון ניכפּע. דער אַנדערער, דער גרויער, האָט אים פאַרהאַלטן און צוריקגע־זעצט. יענער האָט אָבער אַלץ געזידלט מיט רוסישע קלאָלעס:

— אין אייערע מאַמעס לייבער אַריין, קריסט־פאַרקויפער!... איך...

עס האָט אויסגעזען, אַז ער וועט פּלאַצן פון קאַאַס.

אין וואַגאָן איז ווידער אַריין די ענגלישע בילעט־פאַרקויפערן און —

ער איז דעריבער אנטשוויגן געוואָרן. זי האָט פאַרבײַשפּאַצירט, געוואָרפן א בליק אַרום, צי עס זענען אַמאָל ניט צוגעקומען קײַן נײַע פּאַסאַזשירן און איז — אָן אונטערטאַנצנדיקע — אַוועק ווײַטער. אַזוי גיך ווי זי איז נאָר אַרויס פון וואַגאָן, האָט דאָס „יאָזשיקל״ זיך ווידער צעקאָכט און — קריצנדיק מיט די צײַן — אונדז גענומען דראָען:

— אײַער גליק, זשידיוגעס, וואָס מיר געפינען זיך אַף ענגלישער טעריטאָריע, אַנדערש...נאָר נישקאָשע, מירן זיך נאָך טרעפן! און אויב איר אַליין וועט מיר אַפילו ניט קומען אונטער דער האַנט, וועל איך דער־פאַר אַנדערע צען זשידעס אויסשיסן!...בײַ גאָט!...צען זשידעס וועל איך דערפאַר דערשטיקן מיט מײַנע אײגענע הענט!...

איך האָב געשוויגן. מײַן באַוועגער, אָבער, — ניט:

— כוליגאַן! —האָט ער איבלדיק צו אים א וואָרף געטאָן. — א שאָד וואָס ביסט ניט ערגעץ אין יענער זײַט,— וואָלסט שוין פאַרשפּאַרט שיסן!...

דאָס „יאָזשיקל״, אַז ער האָט דערהערט די דאָזיקע באַמערקונג, איז גאָר אויפגעזאָטן געוואָרן און — א הײזעריקער —גענומען שיפּען:

— קאָמוניסטן! באָלשעוויקעס! אין אײַער פאַרשאָלטענע מאַמעס לײַבער אַרײַן!...כ׳וועל אײַך אויסשיסן!...ווי די הינט וועל איך אײַך...

מיר האָבן קאַלט געשמײכלט און איבערגעגאַנגען אין צווײַטן וואַגאָן...

* * * * *

אין באַטום איז אונדז אויסגעקומען צו וואַרטן פאַר דער שיף איבער א טאָג. דער באַטומער וועטער איז, ווי געווײַנטלעך, געווען א פײַנער. אפן יאַם־ברעג האָט געבלאָזן א מילד ווינטעלע, און מאַסן שטאָטישע אײַנוואוינער האָבן, אָדער שפּאַצירט, אָדער זיך געפּליעסקעט אינעם שפּילעוודיקן וואַסער. די ברײטע גאַס, בײַם סאַמע ברעג יאַם, איז געווען געדיכט מיט מענטשן. די האָטעלן און רעסטאָראַנען, אַף דער צווײטער זײַט גאַס, זענען געווען איבערגעפּאַקט. באַטום איז דעמלט געווען א האַנדל־צענטער. אַהין זענען זיך אָנגעפאָרן מאַסן סאָכרים און ספּעקוליאַנטן, ניט נאָר פון דער מענ־שעוויסטישער גרוזיע, צי פון דער דעניקינ׳שער שוואַרץ־יאַם־באַזע, אָדער פון סקאָראָפּאַדסקים העטמאַנישער אוקראַאינע, נאָר אַפילו ספּעקוליאַנט־לעך און זעקל־סאָכרים פון די ווײַטסטע סאָוויעטישע טעריטאָריעס.

די רעסטאָראַנען אפן ברעג זענען געווען די בירזשעס, וואו די ספּעק־קוליאַנטן האָבן זיך געטראָפן און דורכגעפירט זײערע געשעפטן. דאָרט האָט טאָמיד גערוישט ווי אין בינשטאָקן. דאָרט האָט מען געהאַנדלט, גע־קויפט, פאַרקויפט און געביטן צווישן זיך די פאַרשידנאַרטיקסטע אַרטיק־לען, סכוירעס און געלט. מען האָט גערעדט אַף אַלע לעשוינעס:

— איך זאָג אײַך, אין אָדעס שטײען מאַראַנצן מיט גאָלד צוגלײַך!...

— נעכטן האָט מען פאַר קעראָסין געצאָלט אַריבער הונדערט רובל א פוד האָרטאָם!...

— אַלזאָ, וויפל וועט איר בײַ מיר לײזן א קילאָ אַספּירין?...

— עט, וואָס קאָן איך טאָן מיט שטײנדלעך בלויז?... אָט, ווען איר האָט אַביסל ציגנד־מאַשינקעס, אָדער קאָרטן, וואָלט געווען א געשעפט...

— אײ, א שאָד! ערשט נעכטן האָב איך פארקויפט מײנע פונטן!...
— צוקער? — זאָגט נאָר מיר! אָפילו צען וואַגאָנען! ניט ווײט פון דאַנען! אין קוטאאיס... בלויז עטלעכע שאָ מיט דער באַן!...
— אויב מיט קערענקעס — איז מיט פופציק פּראָצענט ביליקער!...
— דעם העטמאַנס געלט איז ראיעל ווי קערענקעס, — זאָל איך אַזוי לעבן מיט אײך אינאײנעם!...
— מויכל!... איר זאָגט מיר בעסער, וואו איך קאָן קריגן עטלעכע שטאָף ספּירט... כ'פאָר הײנט קײן מאָסקווע... איך האָב שוין אָפילו מײנע בויך־בלעכן און...
— מיט די גרוזינישע שמאַטקעס קאָנט איר זיך, זײט מויכל, גוט אונטערוואַשן...
בײ אַנדערע טישלעך זענען געזעסן רוסישע אָפיצירן, באַהאַנגען מיט געווער, קרײצן, מעדאַלן און אַנדערע טראַלדן, פּונקט ווי אין די צארישע צײטן. זײ האָבן געזופט ווײן, אָדער קאָניאַק, און געשמועסט:
— נעכטן, — האָט אײנער פון זײ זיך געקלאָגט אָפן קאָל, — האָבן זיך אונדזערע ווידער באַמאַכט, צו אַלדע טײוול! וואָס וועט זײן דער סאָף?
— איך האָב געהערט אין דער סטאַווקע, אַז ס'איז אָנגעקומען פריי־שע אַמוניציע און...
— נאָך צװײ כאַדאָשים און מיר וועלן פון די סוואָלאַטשעס מאַכן א סאָף, ערן וואָרט!...
— און אַלע זשידעס צוזאַמען מיט זײ! — האָט א שיקערע שטימע זיך ברײט צעשלוקעכצט. — אַלע אָן אן אויסנאַם!...
— אַז מען ווײסט דאָך סײ ווי ניט וואו עס ענדיקט זיך דער זשיד, און וואו עס הויבט זיך אָן דער קאָמוניסט. אַלץ אײן טײוול!...
— ניט געזאָרגט! פּאָטערל דעניקין וועט שוין אויספּאַסן דערויף!
— אָט, לאָמיר נאָר פאַראײניקן אונדזער פראָנט מיט...
— וואָס קאָן דאָ העלפן פראַנקרײך, אָדער אָפילו ענגלאַנד, אַז זײ, די פויערים־פּאַרטיזאַנען...
קײן פּלאַץ אָפ צוזעצן זיך עסן — איז ניט געווען צו קריגן. מען האָט געדאַרפט וואַרטן, אַז אימיצער זאָל זיך אויפשטעלן און פרײ מאַכן א פּלאַץ. ערשט דאַן איז מען עס באַפאַלן פון אַלע זײטן און זיך שיער אָפילו צעשלאָגן איבער דעם. איך און מײן באַוועך זענען געשטאַנען א שטיק צײט, אײדער מיר האָבן זיך דערוואַרט. מיט פרײד האָבן מיר זיך צוגעכאַפּט צו א טישל, ערגעץ אין א ווינקל, און — הונגעריקע — גע־נומען קוקן אין דער שפּײז־קאַרטע, צו זען וואָס מען קאָן באַשטעלן.
דער קעלנער איז צוגעקומען און זיך פרעגעריש פאַרנויגט. איך האָב אויפגעהויבן מײן קאָפּ צו אים און...
מײנע בליקן זענען מיטאַמאָל געבליבן פאַרשטײפט. איבער דעם קעל־נערס אַקסלען האָב איך, אַנטקעגן, דערזען א גרופּע אָפיצירן. אײנער פון זײ, וועלכער האָט שאַרף געקוקט אָף מיר, איז מיר אויסגעקומען זײער קענטלעך. איך האָב זיך אָבער ניט געקאָנט דערמאָנען וואו ערגעץ

איך האָב אים געזען. געדאַכט האָט זיך מיר, אַז דעם דאָזיקן אָפיציר האָב איך מיסטאָמע אָנגעטראָפן אָפן פראָנט, בעת איך בין נאָך געווען אין מיליטער־דינסט. איך האָב אָבער ניט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס מײַן כאַווער, וועלכער איז קײנמאָל קײן סאָלדאַט ניט געווען, האָט אויך — פּונקט ווי איך — פאַרבידעשט געקוקט אָף אים. מיטאַמאָל איז מײַן כאַווער בלאַס געוואָרן און שטיל אַ שעפּטשע געטאָן אין מײַן זײַט:

— זע נאָר, מישאַ, ס'איז דאָך ער, דער „יאָזשיקל", וואָס אינעם וואַגאָן... זע, ער איז דאָך גאָר אַ...

איך האָב אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— יאָ, זעט אויס אַ דעניקינעץ, אַ ווײַס־גוואַרדײַער...

מײַן כאַווער האָט טרויעריק אַ מורמל געטאָן:

— איז דאָך, הײסט עס, גאָר־גאָר פּאַסקודנע...

איך האָב פּונדעסטוועגן געפּרובירט לאַכן:

— כאַפּט אים דער טײַוול... וואָס האָבן מיר מוירע פאַר אים?...

דער קעלנער איז אַוועק ברענגען אונדזער באַשטעלטע שפּײַז און מיר האָבן דערווײַל קעגן ווילן געוואָרפן זײַטיקע בליקן צום אָפיציר. דאָס „יאָזשיקל", האָבן מיר געזען, האָט אויך ניט אַרונטערגענומען זײַנע אויגן פון אונדז. געקוקט — נאָר ווי אײַנצושלינגען. דאָס עסן איז אונדז שוין, פאַרשטײט זיך, ניט אײַנגעגאַנגען און מיר האָבן באַשלאָסן צו פאַרענדיקן דעם מיטאָג אין אַ צווײטן רעסטאָראַן. מיר האָבן באַצאָלט און זיך גענומען אַרויסשאַרן. אָבער ווי מיר האָבן זיך ניט געפּלײסט אויסצומײַדן דעם אָפיציר, האָט ער — בעת מיר זענען אים פאַרבײַ — ווערעמדיק און סאַרקאַסטיש אַ וואָרף געטאָן צו אונדז:

— האָבן מיר זיך, הײסט עס, ווידער באַגעגנט, האַ?... נו, מירן זיך אַוודע נאָכאַמאָל באַגעגענען!... דעמלט, האָף איך, שוין אין אַ פּיל באַקוועמערן פּלאַץ ווי דאָ. און דאַן, באָלשעוויסטישע הינט, וועל איך...

מיר האָבן זיך געמאַכט מיקלוימערשט ניט הערנדיק און... זענען אַרויס פון רעסטאָראַן...

* * * * *

מיר האָבן זיך אויפגעזעצט אָף דער שיף. אונדזער קאַיוטע איז געווען פאַר דרײַ פּערזאָן. איך און מײַן כאַווער האָבן פאַרנומען אונדזערע נומערירטע בעטלעך, אַוועקגעשטעלט אונדזערע זאַכן און אַרויס אָפן דעק, צו זען ווי די שיף גײט אָפּ. אין אָוונט, אַז עס איז שוין רעכט טונקל געווען און די שיף האָט זיך גענומען וואַרפן, זענען מיר צוריק אַרײַן אין קאַיוטע זיך אַוועקצולײגן. אָפן דריטן בעטל זענען געלעגן עטלעכע וואַליזעס און פּעקלעך, אָבער קײנער איז נאָך דערויף ניט געשלאָפן. אָף מײַן כאַווערס פּנים האָב איך באַמערקט אַ מאָדנעם אומרו. איך האָב אים געוואָלט עפּעס פרעגן, אָבער ער איז מיר פאַרלאָפן די רײד:

— נו,— האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט אַן אַפּאַטישער נאָטקע אין זײַן שטימע, — אַבי מיר זענען שוין אָפּגעפאָרן פון באַטום און פאָטער גע־וואָרן פונעם הינטישן ווײַס־גוואַרדײַער!...

איך האָב גלייך דערפילט, אז ער מיינט ניט דאָס וואָס ער זאָגט, נאָר איך האָב אים ניט געוואָלט איבערפרעגן. מיט א געמאכטער פריילעכקייט האָב איך א זאָג געטאָן:

— יאָ, אַפּאַנים, סאַליט, אז דער בייזער כאַלעם איז שוין פארביי! איצט קאָנען מיר שוין פריי אָפּאָטעמען...

סאַליט האָט גאָרניט געענטפערט. שטום האָט ער צו מיר א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, ווי אף א גוטער נאכט, און — א שווייגנדיקער — זיך אוועקגעלייגט אף זיין געלעגער.

איך האָב זיך אויסגעצויגן פלאך אף מיין בעטל און בין גלייך פעסט אנטשלאָפן געוואָרן. איך האָב מער ניט געפילט דאָס טרייסלען און זיך אפילע קיין איינציק מאָל ניט איבערגעוועקט. מיטאמאָל האָב איך אין מיין שלאָף דערפילט א האנט אף זיך. א דערשראָקענער האָב איך זיך אויפגעכאפּט און געעפנט מיינע אויגן. לעבן מיר איז געשטאַנען מיין כאַווער סאַליט. ער האָט געהאלטן א פינגער ביי זיך אף די ליפּן און — א צעשראָקענער — שטיל א שעפּטשע געטאָן צו מיר:

— זע, מישאַ, עס איז דאָך געשען!...ער...

איך האָב א קוק געטאָן אף סאַליטס פּאָנים און לעכאַטכילע געמיינט, אז ער איז געווירט פון זינען. זיינע בליקן האָבן אָנגעוואָרפן א פּאכעד אף מיר. ער האָט א וויז געטאָן אפן דריטן בעטל און שוין גאַנץ שטיל א פליסטער געטאָן:

— זעסט?... ער, דאָס „יאָזשיקל״, איז דאָ, צוזאמען מיט אונדז אין איין קאיוטע, און...

איך האָב ניט געגלויבט מיינע אויערן. גערעכנט האָב איך, אז דאָס כאָלעמט זיך מיר אזוי. איך האָב זיך דעריבער א דריי געטאָן צום קיילעכיקן פאָרט־לאָך, וואָס איז געווען גלייך לעבן מיין זייט, האָב א קוק געטאָן דורכן פענצטערל און, אפן ווייטן האָריזאָנט־יאַם געזען א רויטע, אויפגייענדיקע זון — ווי אין בלוט. איך האָב זיך אָבער נאָך אלץ ניט געגלויבט, אז איך בין וואך. איך האָב זיך אפילע א קנופּ געטאָן אין זייט... ערשט איך טו א קוק אף יענעם בעטל און דערזע:

דאָס „יאָזשיקל״ — אין צעבראַסטעטן, אַפיצירישן אַנטועכץ — איז געלעגן צעוואַליעט איבער דער ברייט פונעם בעטל און — ווי א געשאָכטענער — אריבערגעהאנגען מיטן קאָפּ איבערן ברעג...

איך האָב שיער אויסגעשריגן פון איבעראַשונג, אָבער דאָך זיך באַהערשט. איך האָב געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער קיין איינציק וואָרט ניט געפונען. סאַליט האָט שטום און צעשראָקן געקוקט אף מיר, ווי ער וואָלט געוואַרט וואָס איך וועל זאָגן.

— וואָס־זשע, — האָב איך ענדלעך א שעפּטשע געטאָן, — מען מוז גלייך אַנטלויפן, איידער ער כאפּט זיך אויף. אַנטלויפן, — אז ער זאָל אפילע ניט וויסן, צו מיר געפינען זיך גאָר אף דער שיף...

איך האָב א וואונק געטאָן סאַליטן און מיר האָבן זיך גלייך גענומען אָנטאָן. געטאָן האָבן מיר דאָס אזוי פאָרזיכטיק און שטיל, אז עס

האָט זיך אַזש געהערט דאָס אייגענע פאַרשטאַרקטע אָטעמען. מיר זענען קיי־מאַט שוין באַלד געווען פאַרטיק. מיטאָמאָל אָבער האָט דאָס „יאָזשיקל“ זיך אַ דריי געטאָן אַפֿן געלעגער, אַ מורמל געטאָן אונטער דער נאָז עפּעס אומפאַרשטענדלעכעס, און — נאָך איידער מיר האָבן באַוויזן זיך צוריק אַרונטערצוכאַפּן אונטער די קאָלדרעס — זיך אויפגעזעצט. ער האָט גע־ריבן די אויגן און — מיט אַ קאָל, וואָס האָט אויסגעזען צו זיין פאַר־שיקערט — אַ זאָג געטאָן גלאַט אין דער וועלט אַריין:

— אַ גוטינקן מאָרגנדל אייך, מיינע הערשאַפטן!... עס איז שוין, ווייזט אויס, גרויסער טאָג...אַפּאָנים, אַז מיר זענען שוין גאַנץ היפּש־לעך אָפּגעפאָרן...נו, גאָט צו דאַנקען: באַלד־באַלד וועלן מיר שוין זיין אין דער באַזע און...

ער האָט פרייליך־צופרידן געריבן איין האַנט אין דער צווייטער, אַ גענעץ געטאָן, און מיטאָמאָל זיך אויסגעדרייט מיט זיינע קלעפּיק־פאַר־שלאָפענע אויגן צו אונדזער זייט:

— איר וועט דאָך מיר אַנטשולדיקן, מיינע הערשאַפטן, — האָט ער אַ פאַרשלאָפענער געמורמלט, — וואָס איך האָב זיך נעכטן ניט באַקאַנט מיט אייך...איר פאַרשטייט...מיר, די אָפיצירן, וועלכע פאָרן צו דער באַזע, האָבן געפּראַוועט אַ שטיקל סימכע...מיר האָבן ביז שפּעט אין דער נאַכט געהוליעט אינעם רעסטאָראַן אויבן, און דעריבער...אָבער עס איז דאָך קיינמאָל ניט צו שפּעט אַף צו באַקאַנען זיך...ניט אַזוי עפּשער, מיינע ליבע הערשאַפטן?...אַלזאָ, מיט וועמען האָב איך די ערע?...איך, פון מיין זייט, האָב דעם קאָוועד זיך פאָרצושטעלן: — סטעפּאַן מיכאַילאָוויטש קורנאָסאָוו; קאַפּיטאַן פון זיין מאַיעסטעטס אַרמיי... נו, און ווער... איך מיין...מיט וועמען האָב איך די ערע?...

אַפֿן קערפּער, האָב איך דערפילט, האָט מיר אַרויסגעזעצט אַ דיקער שווייס און פאַר די אויגן איז מיר אַזש פינצטער געוואָרן. מיר האָבן זיך געמאַכט דרימלענדיק און גאָרניט געענטפערט. דאָס „יאָזשיקל“ האָט ווייטער געמורמלט:

— איר וועט מיר אַנטשולדיקן, מיינע הערשאַפטן!...אָט וועל איך זיך נאָר אַביסעלע אין אָרדנונג מאַכן און זיך עטוואָס אַרומוואַשן, וועלן מיר צוזאַמען אַרויפגיין אין רעסטאָראַן טיי טרינקען...איר, מיינע הערשאַפטן, וועט היינט זיין מיינע געערטע געסט און...

ער האָט ניט פאַרענדיקט זיינע רייד. ער האָט אַ צי געטאָן ביי דעם קייטעלע פונעם לעמפּל, וואָס איבער זיך, אַ וויש געטאָן זיינע אָנגעדראָ־לענע אויגן און זיך מיטאָמאָל גיפטיק פאַנאַנדערגעלאַכט:

— אַך־כאַ־כאַ! — האָט ער, פונקט ווי ער אַליין וואָלט ניט געגלויבט זיינע אויגן, געגוזמעט וואָרפן זיינע בליקן דאָ אַף מיר און דאָ אַף מיין באַוועך, — אַזוי־אַזוי... הייסט עס, אַז מיר האָבן זיך טאַקע ווידעראַמאָל באַגעגנט?!... אַך־כאַ־כאַ!... נו...

און גלייך איבערגעגאַנגען אין אַ שטורעם:

— אַ, איר פאַרט מיר נאָך?!... נו, איצט פאַרשטיי איך שוין! איר

זענט אוודע באַלשעוויסטישע שפּיאָנען און...איר האָט מיסטאָמע געזוכט אַ געלעגנהייט מיך צו דערמאָרדן און...

ער האָט גענומען שיפּען מיט גאַל:

— עס איז אייך אָבער ניט געלונגען!... איצט האָב איך אייך אין מיינע הענט!...איצט וועל איך אייך שוין פּונדעווען מיט עמעס־הייסער טיי, אַך־כאַ־כאַ!...יאָ, מיט עמעס־הייסער...

סאַליט, האָב איך געזען, איז געלעגן אַ פאַרלוירענער. איך אָבער האָב זיך אָנגעשטרענגט און קאַלטבלוטיק געענטפערט:

— אַ גרויסן דאַנק פאַר דער טיי, הער קאַפּיטאַן!...מיר האָבן אָן אייגענעם טשייניק! מיר וועלן זיך אַריינברענגען אָקריפּ און...

— אָקריפּ?— האָט דאָס „יאָזשיקל" ווידער גיפטיק געשניטן. — צו וואָס אָקריפּ?... אָט, וועל איך אייך שוין באַזאָרגן מיט אַזאַ אָקריפּ אין נאָוואָראָסיסק, אָדער אַנאַפּאַ, אַז איר...

אין זיינע רייד האָט זיך געפילט אַ סאַרפּעדיקער גיפט און ביטערע גאַל. קלאָר איז געווען, אַז ער שפּאַסט ניט. אין געדאַנק האָבן זיך שוין גענומען זען אויסגעשטעלטע טליעס און אַנטקעגנגעצויגענע ביקס־רערן גלייך אין פּנים אַריין. אין מויעך האָט גענומען זשומען. דאָס בלוט האָט זיך האַסטיק אַ יאָג געטאָן. די אָדערן זענען געוואָרן אָנגעבלאָזן ווי שטריק. אין אַ רעגע בלויז זענען דורכן מויעך דורכגעלאָפן מאַסן געדאַנקען וועגן פּלענער וואָס צו טאָן און ווי אַזוי זיך צו ראַטעווען. אַ ווייל האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס בעסטע איז, זיך גלייך אַרויפצוואַרפן אַפן פאַרהאַסטן „יאָזשיקל", אים דערשטיקן און אַרויסוואַרפן שטיקלעכווייז דורכן פאָרט־לאָך, גלייך אין יאַם אַריין. איין זאַך איז קלאָר געווען: מיר — אָדער ער. עס איז געווען פאַרשטענדלעך, אַז לענגער פאַרבלייבן אין קאַיוטע מיט אים איז אוממעגלעך; אַז מען דאַרף שוין אַרויסלויפן. און — אַליין ניט־וויסנדיק ווי אַזוי איך האָב עס באַוויזן — האָב איך גאַנץ קאַלטבלוטיק אַ זאָג געטאָן צו מיין באַווער:

— נו קום גרישאַ, טיי טרינקען!...אַפן קאַפּיטאַנס טיי וועלן מיר דאַרפן צו לאַנג וואַרטן!...

צעווייטיקטע, מיט געלאָסענע טריט, זענען מיר אַרויס פון קאַיוטע.

* * * * *

אינדרויסן, אַפן דעק, האָב איך ערשט דערפילט ווי מיינע פיס ציטערן אונטער מיר און ווי דער גאַנצער קערפּער איז באַגאָסן מיט קאַלטן שווייס. איך האָב אַ קוק געטאָן אַף סאַליטן — ער איז געווען אויסערגעוויינלעך בלאַס, געציטערט ווי אַ בלאַט און צעשראָקן געמורמלט צו מיר:

— אַ ביטערער אייסעק, מישאַ!— האָט ער קאָנוואַלסיוו אַ זאָג געטאָן צו מיר.— כ'האָב מוירע, אַז קיין אָדעס וועלן מיר שוין ניט דערפאָרן...

איך האָב געשוויגן. געפילט האָב איך, אַז אַזוי זעט עס טאַקע אויס. געוואוסט האָב איך, אַז דאָס איינציקע, וואָס דערוואַרט אונדז, — איז אַ שטריק אַפן האַלדז און דער ערשטער לאַמפּן־סלופּ ערגעץ אַף אַ גאַס אין נאָוואָראָסיסק, אָדער אַנאַפּאַ...איך האָב פאַרשטאַנען, אַז עס איז גענוג

בלויז אן איינציק וואָרט פונעם ווײס־גוואַרדײאישן אָפיציר, אז...

מיר זענען געווען פאַרצווייפלט, כאָטש נעמען און אַרונטערשפּרינגען אין יאַם אַרײַן. און וואָלט די שיף, צו אַלדע טײַוול, זיך כאָטש פאַר א ווײַל בלויז געדאַרפט אָפּשטעלן אף איר וועג ערגעץ אין א גרוזינישן פּאָרט, וואָלטן מיר שוין ווי ניט איז געקאָנט געפינען א וועג ווי אַנט־רונען צו ווערן. אָבער דער ערשטער אָפּשטעל איז געווען אין נאָוואָראָסיסק, און דעריבער האָט זיך קײן שום רעטונג ניט געזען פאַר אונדז...

דערשלאָגענע האָבן מיר זיך אַוועקגעשטעלט ערגעץ אין א ווינקל אפן דעק. וועגן טײ טרינקען האָבן מיר שוין ניט געטראַכט אַפילע. און ביז נאָוואָראָסיסק איז אינגאַנצן געבליבן א קנאַפּער מעסלעס רײַזע...

אין מויעך האָט געצוקט. די שלײַפן האָבן געברענט. דער קאָפּ האָט געהאַמערט. אין סאַליטס בליקן האָט זיך געזען א וואַנזיניקע שרעק. איך אַלײן — לויט סאַליטס קוק אף מיר — האָב מיסטאָמע אויך ניט פיל בעסער אויסגעזען.

די שיף איז געשוואומען גלאַטיק און שטיל. דער יאַם איז געוואָרן רואיק און דאָס וואַסער — דורכזיכטיק ווי גלאָז. די פּאַסאַזשירן אַרום אונדז האָבן זאָרגלאָז אַרומשפּאַצירט און פרײַלעך געלאַכט. זײער געלעכ־טער האָט געשניטן אין די געהירן ווי מיט טעמפּע פײַלן. די צײַט איז געווען קורץ און מען האָט געדאַרפט וואָס גיכער עפּעס אויסטראַכטן, קעדײ זיך צו ראַטעווען. אָבער נאָר ווי אף צו לעהאַכעס איז דער געדאַנק גע־ווען לײדיק ווי א זאַק מיט ווינט און עס האָט זיך ניט געזען קײן שום מעגלעכקײַט זיך אַרויסצודרייען פון דער דראָענדיקער געפאַר.

פאַר א ווײַל האָב איך אַפילע א טראַכט געטאָן, אז אזוי ווי איך האָב אַמאָל געהאַט דערפאַרונג מיט טעאַטער, זאָל איך זיך און סאַליטן פאַר־גרימירן, קעדײ דאָס „יאַזשיקל" זאָל אונדז ניט דערקאָנען. איך האָב אָבער גלײַך אַלײן אויסגעלאַכט מײַן אײַנפאַל, פּאַשעט דערפאַר, ווײַל איך האָב קײן גרים ניט געהאַט. סאַליט האָט אַפּאָנים אויך געטראַכט וועגן דער אײגענער קונץ. מיטאַמאָל האָט ער א זאָג געטאָן צו מיר:

— עפּשער, מישא, זאָלן מיר זיך גאָר בײַטן מיטן אָנטועכץ?...

איך האָב צעווײטיקט געשמײכלט:

— וועסט דען קאָנען אַרײַנקריכן אין מײַנע קלײדער?...

ער האָט זיך פאַרשעמט און באַלד צוגעגעבן:

— איך מײן... עפּשער זיך בײַטן מיט אימיצן אַנדערש... אונדזערע קאָסטיומען זענען נאָך גאַנץ נישקאָשעדיק און... די מאַטראָזן וואָלטן זײ צוגעכאַפּט מיט בײדע הענט...

איך האָב מיטאַמאָל אויפגעלויכטן:

— מאַטראָזן? — האָב איך שיער אויסגעשריגן, פּונקט ווי איך וואָלט זיך נאָר־וואָס געווען דערוואוסט פון סאַליטן, אז עס עקזיסטירן גאָר ביק־לאַל אַזעלכע באַשעפענישן אף דער וועלט. — דאָס איז דאָך א טײַערער אײַנפאַל, גרישאַ... א גאָלדענער אײַנפאַל!...

מיר האָבן זיך א לאָז געטאָן צו דער נאָז פון שיף, נאָענט צו דער

קאבינע, וואו די מאטראַזן געפינען זיך. ארום איז אַנגעגאנגען אַן אינטענסיווע ארבעט. יאטן זענען ארומגעלאָפן פארפּאַרעט. איינער האָט געריייניקט. א צווייטער האָט געוואַשן דעם דעק. א דריטער האָט געפּאָלירט דאָס מעשווארג. קיינער האָט זיך אַפילע ניט אומגעקוקט אַף אונדז.

— לאָז מיך נאָר אליין פאר א וויל, גרישאַ! — האָב איך שארף א זאָג געטאָן צו מיין כאווער. — אליין וועט מיר זיין לייכטער אויסצופּרובירן א זאַך, וואָס איז מיר נאָר־וואָס איינגעפאלן...

ער האָט טרויעריק געקוקט אַף מיר:

— איך האָב מוירע אַליין, מישאַ! איך...

איך האָב זיך ניט גערעכנט מיט זיין געבעט. איך בין אַזוי געווען איבערפולט מיט האָפנונג, אַז מיין איינפאל וועט זיך מיר איינגעבן און מיר וועלן זיך דורכדעם קאָנען ראַטעווען, אַז איך האָב בלויז געזאָגט:

— איך מוז זיין אַליין! וויל אויב עס געראָט מיר ניט, זאָלסטו זיך כאָטש אַליין קאָנען ראַטעווען...

איך האָב געלאָזט שטיין סאַליטן א פארצווייפלטן הינטער מיר און א לאָז געטאָן זיך גיין ווייטער, צו דער סאַמע נאָז פון שיף. איבערן וועג זענען געשטאַנען עטלעכע יאַטן, וואָס האָבן געוואַשן און געדוימט. איך האָב זיך איינגעקוקט אין זיי און אין מיין געדאנק געוואויגן און גע־מאָסטן זייערע כאראַקטערן און שטימונגען, לויט דעם אויסזען פון זייערע פּענימער. איך האָב ביי זיך ספּעקולירט צו וועמען פון זיי איך זאָל זיך ווענדן. דערביי האָב איך אַלץ נאָכגעטראַכט, ווי אַזוי איך זאָל אָנהויבן צו רעדן. צו זיך אַליין האָב איך אַזוי געזאָגט:

— זיי זענען טאַקע מאַטראָזן, עקספּלואַטירטע כעווירע, אָבער צווישן זיי זענען זיכער אויך פאַראַן אומבאַוואוסטזיניקע. נו, און וואָס וועט זיין, אויב איך וועל צום שלימאַזל גראַד אַנטרעפן אַף א דעניקינעץ, א שוואַרץ־מיעניק, און ער — אַנשטאָט צו העלפן — וועט גאָר פאַרקערט...

— צוריקגעשמועסט אָבער, — האָב איך זיך גלייך אויסגערעדט, — וואָס האָב איך דען צו פאַרלירן?...אַז דער טויט שטייט דאָך שוין סיי־ווי פאר די אויגן...אַזוי איז דאָך כאָטש דאָ א שטיקל האָפנונג, אַז...

אָבער ווי אַזוי הויבט מען פאַרט אָן רעדן?...וואָס זאָגט מען?...

מיטאַמאָל איז מיר איינגעפאלן א געדאנק און איך האָב זיך אַזוי דערפרייט פונעם איינפאל, אַז איך האָב שיער אויסגעשריגן:

— איך האָב עס געפאַקט!...איך האָב עס!...

געפילט האָב איך, אַז איך שמייכל...

איך בין דערגאַנגען צום סאַמע שפּיץ פון דער שיף. איך האָב זיך אַוועקגעשטעלט לעבן דעם באַריער פון שיף און מיקלוימערשט גאַנץ ערנסט געקוקט אין יאַם אַריין. לעבן מיר איז אַף די קני געשטאַנען א געזונטער מאַטראָז און דאָרט איינגעלייגט א גראָבן שטריק אין א גרויסער בייגל... איך האָב — שטיל, ווי צו זיך אַליין — געגומען אונטערזינגען:

— ניין, קיינער וועט אונדז ניט באַפרייען, קיין צאַר, קיין גאָט און ניט קיין העלד...

ארום איז שטיל געווען. די נאָז פון שיף האָט שטיל געשניטן דאָס רואיקע וואַסער. אַ לייכטינקער ווינטעלע האָט שטיל געפּייפט אַף די באָרט־שטאַנגען. דער מאַטראָז האָט פאַרגעזעצט זיין אַרבעט און זיך אַפילע ניט אומגעקוקט אַף מיר. איך האָב ווייטער געזונגען:

— מיט אונדזער אייגענע קלייזייען, באַפרייען וועלן מיר די וועלט!...

דאָ האָב איך מיטאַמאָל דערהערט הינטער זיך, ווי אין אַ ווייטן ווי־דערקאָל, די מעלאָדיע פאַר די ווייטערדיקע ווערטער פונעם זעלבן ליד:

— דאָס איז שוין טאַראַ־ראַ־ראַם טאַראַראַ־ראַ־ראַ־ראַם...

איך בין מוטיקער, אָבער נאָך אַלץ גאַנץ שטיל, אָנגעגאַנגען:

— מיט דעם אינטער־נאַ־אַ־ציאָ־נאַל...

דערביי האָב איך זיך שוין דירעקט איינגעקוקט אינעם מאַטראָז. זיין איינגעשמירט פּנים מיט די בלישטשענדיקע אויגן, האָבן געלויכטן מיט ערלעכקייט. מיין האַרץ איז איבערפולט געוואָרן מיט האָפנונג און פרייד. איך האָב שוין מער גאָרניט געטראַכט אַפילע, צוגעגאַנגען צו אים און שטילערהייט אַ פרעג געטאָן:

— דו קענסט, ווייזט אויס, דאָס דאָזיקע ליד אַזוי גוט, פּונקט ווי איך, לאַנדסמאַן! ניט עמעס?...

דער מאַטראָז האָט אַ צופרידענעם שמייכל געטאָן:

— ווייזט אויס אַזוי...

איך האָב זיך צוגעבויגן נענטער צו אים:

— איז עס בלויז אַ צופאַל, אָדער... מען זינגט עס טאַקע דאָ, אַף דער דאָזיקער שיף, אויך?...

— מען זינגט עס אַף אַלע שיפן! — האָט ער פּאַשעט געענטפערט. — אַף דער גאַנצער וועלט...

— האָב איך, הייסט עס, יאָ גוט אָנגעטראָפן?! — האָב איך ווייטער אַ זאָג געטאָן. — ביסטו, זעט אויס, טאַקע אַן אייגענער...

— עס ווענדט זיך וועמענס! — האָט ער פאַרשנדיק אַ קוק געטאָן אַף מיר. — נו, און דו?...

— ווי דו זעסט! — האָב איך פעסט אָפּגעענטפערט און געקוקט אין דערוואַרטונג אַף אים.

ער האָט געטאָן זיין אַרבעט ווי פריער. דערביי האָט ער זיך עטלעכע מאָל פאָרזיכטיק ארומגעקוקט ארום זיך און דערנאָך — צו מיר:

— ביסט, זעט אויס, אַ איד?!...

— אָ־הום...

— נו, אויב אַזוי, האָב איך קיין מורע ניט. — האָט ער דרייסט אַ בליק געטאָן אַף מיר מיט זיינע ברוינע אויגן און ווייסע ציין. — כאָטש צוריקגעשמועסט, זענען ביי אייך פאַראַן גענוג שוואַרץ־מיידיקע הינט... דו, אָבער, זעסט אויס...

איך האָב זיך פאַרטראַכט. ער האָט מיטאַמאָל אַ זאָג געטאָן צו מיר:

— איך דערקען, אַז דו ווילסט מיר עפּעס זאָגן! נו, רייד!... קאָנסט רעדן גאַנץ פריי צו מיר...

— הער־זשע, כאווערן — האָב איך מיטאמאל אָפּגעהאַרציק אים א זאָג געטאָן. — איך ווייס ניט ווער דו ביסט און צו מעג איך זיך דיר אַנגעטרויען. אָבער...אַז דו האָסט אויפגעכאפּט דאָס דאָזיקע ליד אונדזערס, צוזאַמען מיט מיר, מעג איך, דאַכט זיך. איז הער־זשע, כאווער: איך בין אין א קלעם און...אויב דו וועסט ניט העלפן, קומט מיר אויס...

איך האָב א ווייז געטאָן מיט דער האַנט איבערן באַרט. ער האָט צעעפנט זיינע אויגן:

— וואוהין פאָרסטו? — האָט ער שטייף א פרעג געטאָן.

— דאַרפן דאַרף איך קיין אָדעס. — האָב איך גיך אָפּגעענטפערט, — איך האָב אָבער מורע, אַז ווייטער ווי אַנאַפּאַ וועט עס ניט גיין...

ער האָט פאַרשטענדלעך א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— מען האָט דיר נאָכשפּיאָנירט?...

איך האָב אין קורצן דערציילט וואָס עס איז געשען און פאַרענדיקט:

— איצט, אויב דו, כאווער, וועסט ניט ראַטעווען, וועלן מיר מוזן פאַרענדיקן מיט זיך, אבי ניט אריינצופאַלן אין זייערע לאַפּעס...

דער מאַטראָז האָט זיך פלינק א הויב געטאָן אף זיינע פיס:

— וואַרט דאָ צו א וויילן — האָט ער מיר צוגעוואָרפן. — איך וועל גלייך צוריקקומען!...

ער איז אַוועק. איך בין געבליבן שטיין און מיין האַרץ איז מיר איבער א נייס שיער איינגעפאַלן פון שרעקעוודיקער דערוואַרטונג:

„עפּשער איז ער א ווייסער?" — האָב איך א טראַכט געטאָן ביי זיך. — „עפּשער איז ער עס איצט גאָר אַוועקגעלאָפן זען, אַז מען זאָל מיך גלייך אַרעסטירן, איידער איך באַוויז נאָך אפילו אין יאָם צו שפּרינגען?"...

„אָבער" — האָב איך גלייך גענומען אָפּשלאָגן די אַטאַקע פונעם דאָזיקן פאַרדאַכט, — „זיינע בליקן זענען דאָך אַזעלכע כאַווערישע; זיינע רייד — אַזעלכע ערלעכע, אַזעלכע וואַרימע...און ווייטער, האָב איך דאָך סיי־ווי קיין אַנדער ברייַרע ניט. אַזוי האָב איך דאָך כאָטש א האָפנונג"...

באַלד איז דער מאַטראָז, צוזאַמען מיט א צווייטן, צוריקגעקומען:

— דאָס איז כאַווער מאַטוועי! — האָט ער א זאָג געטאָן צו מיר. — ער איז...אָבער דאָס איז איצט ניט וויכטיק... זאָג בעסער: ביסט דאָ, זאָגסטו, מיט נאָך א כאַווער!...נו, און וואו איז דער באַגאַזש?...

— אין קאַיוטע! — האָב איך שוין מיט מער גלויבן א זאָג געטאָן, כאָטש אין האַרצן ביי מיר האָט זיך נאָך אַלץ געצאַפּלט א שווערער אַנגסט. — אין קאַיוטע. און דאָס איז איצט טאַקע דאָס וויכטיקסטע...

— עפּעס וויכטיקע זאַכן אין די קוישן? — האָט שוין מאַטוועי, קיימאַט באַפעלעריש, א פרעג געטאָן, ווי ער וואָלט ניט וועלן, אַז איך זאָל פיל טראַכטן. — עס לויענט זיך אַרויסצוקריגן זיי?...

— או־הום... — האָב איך געציטערט. — דאָרט האָבן מיר דאָך אַלץ, וואָס מיר דאַרפן צושטעלן קיין אָדעס...

מאַטוועי האָט אַרויפגעלייגט זיין וואַרימע האַנט אף מיין אַקסל, אַז איך האָב גלייך דערפילט א זיסן ציטער און צוטרוי. ערשט איצט האָב

איך א קוק געטאָן גלײַך אין זײַנע בלויע אויגן אַרײַן און דערזען דאָס פול־בלוטיקע, געזונט־רויטע פּנים זײַנס, וואָס האָט אַזוי בארואיקנדיק געשמײכלט צו מיר. ער האָט געזאָגט:

— דאַרפסט גאָרניט מוירע האָבן, כאַווער! ס'וועט שוין זײַן רעכט! איך און פּאַוועל וועלן עס שוין באַוואָרענען! דו זײ דאָ באַלד נאָך צוועלף אַ זײגער, ווען אונדזער וואַכטע בײַט זיך! מיר וועלן דאַן אַלץ באַזאָרגן. דו קאָנסט אַפילו דערווײַל, אַרום עטלעכע מינוטן פאַר צוועלף, אָנשפּײַען דעם ווײַסן בוליגאַן אין ד' אויגן אַרײַן און אים נאָך אַרײַנזאָגן עפּעס אויך. און דאַן... זײַ־זשע דאָ מיט דײַן כאַווער גלײַך נאָך צוועלף!...

* * * * *

צוועלף אַ זײגער, צו דער מינוט, בין איך מיט סאַליטן שוין געווען אויפן פּלאַץ, וואו די מאַטראָזן האָבן געהײסן. די עטלעכע מינוטן, וואָס אונדז איז אויסגעקומען צו וואַרטן ביז דער שיף־גלאָק וועט אָפּקלינגען פאַר וואַכטע־בײַטונג, האָבן פאַר אונדז אויסגעזען ווי לאַנגע, לאַנגע יאָרן. סאַליט האָט אַלץ ניט געוואָלט גלויבן און געקוקט אויף מיר מיט אַזאַ קוק, פּונקט ווי ער וואָלט געטראַכט, אַז איך רײד פון היץ, אָדער אַז איך האָב עס אין פאַרצווייפלטער שרעק אַלײן גאָר אויסגעטראַכט. ענדלעך האָט דער שיף־גלאָק געקלונגען. די פּאַסאַזשירן, האָבן מיר געזען פונווײַטן, האָבן זיך געאײַלט צו די שפּײַז־זאַלן און זיך אַפילו ניט אומגעקוקט צו אונדז. באַלד זענען צוגעקומען אונדזערע מאַטראָזן:

— קומט, כאַווײרים! — האָט מאַטוועי שטיל אַ זאָג געטאָן, ווײַזנדיק מיט די אויגן די ריכטונג וואוהין. — גײט אונדז נאָך!...

זײ האָבן אונדז אַרײַנגעפירט צו זיך אין מאַטראָזן־קאַיוטע. דאָס איז געווען אַ לאַנגע, אָבער זײער שמאָלע און נידעריקע קאַמער, מיט בעטלעך אײנס איבערן אַנדערן, בײַ די זײַטיקע ווענט. אינמיטן קאַמער, בײַ אַ ברעט, וואָס האָט זיך אַרונטערגעלאָזט פונעם סופיט, דורך לעבער — געפּאַסטע אויף קײלעכיקע דרענגלעך — זענען שוין געהאַט געזעסן עטלעכע אויסגעשמירטע יאַטן, מאַטראָזן, און זיך געגרײט צום עסן. שוואַרצע שטיקער ברויט זענען געלעגן אָפּגעשניטן אין אַ קופּערנער טאַץ. מאַטוועי האָט עפּעס אַ זאָג געטאָן צו אימיצן, יענער האָט דאָס איבערגעגעבן ווײַטער און באַלד האָבן די מאַטראָזן זיך ענגער צונויפגערוקט, מאַכנדיק אַ פּלאַץ פאַר מיר מיט סאַליטן:

— זעצט זיך! — האָט מאַטוועי אַ זאָג געטאָן צו אונדז. — איר זײַט דאָך אַוודע הונגעריק... אָט, איר וועט פריער אָפּעסן און דאַן...

מען האָט אונדז דערלאַנגט הילצערנע לעפל און שיסעלעך שפּײַז מיט אײַנגעקרישלטע שטיקלעך פלײש, און מער קײן וואָרט ניט אויסגערעדט.

כאָטש מיר זענען טאַקע געווען גוט הונגעריק, איז אונדז אָבער די שפּײַז אין האַלדז ניט געקראָכן. דער אומגעדולד איז געקראָכן אין האַרצן און געגרימלט אין בויך. אָבער אָפּזאָגן זיך פונעם עסן האָבן מיר ניט געקאָנט און דעריבער דאָס געשטופּט איבער גוואַלד אין זיך. באַלד נאָכן עסן אָט מאַטוועי אַ פרעג געטאָן:

— קאַיוטע, זאָגט איר, נומער פיר, צווייטע קלאַס, אַ־יאָ?... נו, און כוץ די קוישן האָט איר דאָרט מער גאָרניט?...

— קליי ניקייטן.— האָב איך מעכאַניש אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— עס לוינט אַפילו ניט זיך איינצושטעלן איבער זיי...

מאַטוועי האָט מיט פאַרוואורף אַ קוק געטאָן אויף מיר:

— גאַרישקייטן! צו וואָס פאַרלירן זאַכן אומזיסט?...

מיר האָבן אָנגעגעבן סימאָנים, געזאָגט וואו די זאַכן שטייען אין קאַיוטע און וואָס עס געפינט זיך אין זיי. מאַטוועי האָט זיך צוגעהערט און געציילט אויף די פינגער וויפל פעקלעך. באַלד האָט ער אַ וואונק געטאָן צו צוויי יאַטן, אַז זיי זאָלן מיטגיין מיט אים, אונדז געהייסן זיך פילן היימיש ביז ער וועט צוריקקומען און איז אַוועק.

אין וויניקער ווי פינף מינוטן אַרום זענען אונדזערע קוישן שוין געווען מיט אונדז, אין מאַטראָזן־קאַיוטע. איך האָב אָפּגעאָטעמט און דערפילט ווי אַ שווערע מאַסע וואָלט מיר אַרונטער פון די פּלייצעס.

מאַטוועי האָט פאַרקייטלט די טיר פון אינעווייניק, געהייסן אַרויפהייבן דעם טיש־ברעט צום סופיט און אונדז געבעטן דערציילן וואָס עס איז פאַרגעקומען און ווי אַזוי מיר זענען אַריינגעפאַלן. בעווערע האָבן זיך אַרומגעזעצט אויף די בעטלעך און בענק, און איך האָב דערציילט. אַז איך האָב געענדיקט, האָט מאַטוועי אונדז אָנגעוויזן אויף צוויי מאַטראָזן־בעטלעך, אונדז געהייסן זיך אַביסל צולייגן, און אונדז באַרואיקט, אַז אַלץ וועט זיין אין אָרדנונג און אַז מיר דאַרפן זיך פאַר גאָרניט שרעקן.

פאַרנאַכט, אַזוי גיך ווי מען האָט אָפּגעגעסן און בלויז אַ צען מינוטן איידער די וואַכטע האָט זיך געדאַרפט שטעלן צו דער אַרבעט, איז מאַטוועי מיט פּאַוולען צוגעגאַנגען צו אונדז און אַ זאָג געטאָן:

— קומט!...

זיי האָבן אונדז צוגעפירט צום סאַמע שפּיץ פונעם זעלביקן שטיבל און אַ וויז געטאָן צום דיל. מאַטוועי האָט גערעדט:

— נו, איצט וועלן מיר אייך דאַרפן באַהאַלטן. מאָרגן פאַרטאָג קומען מיר אָן קיין נאָוואָראָסיסק. און אויב עס זאָל זיך זיי פאַרגליסטן אַ זוך צו טאָן, איז גלייכער, אַז...

פּאַוועל האָט זיך דערווייל אַרונטערגעבויגן צום דיל, אָנגענומען עפּעס אַן אייזערנעם רינג, אויפגעהויבן אַ פיר־עקיק דעקל־טירל און דערביי אַ זאָג געטאָן צו אונדז:

— אַהערצו, ברידערלעך, וועט איר זיך אַרונטערלאָזן!...

און אַליין, פלינק ווי אַ קאַץ, איז ער אַרונטערגעשפּרונגען אינעם אויפגעדעקטן, פינצטערן לאָך, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַן עפענונג צום אָפּגרונט. פון דאָרט האָט אַרויסגעזעצט אַזאַ שוואַרצע פינצטערניש, אַז מען האָט ניט געזען וואָס דאָרט איז. מיר האָבן גאָרניט גערעדט. שווייגנדיק האָבן מיר זיך אַוועקגעזעצט ביים ברעג פונעם לאָך, אַריינגעלאָזט די פיס מיט פאָרזיכט, אַזוי ווי מען פּרובירט געוויינטלעך אַ וואַסער, און דערביי שטום געקוקט מאַטוועיען אין פּנים אַריין.

— העי, פאוועל, צינד דאָרט אָן דאָס לעמפּל! — האָט מאַטווײ מיט־אַמאָל אַ באַפֿעל געטאָן אין ליוק אַרײַן. — זײ קאָנען דאָך אַזוי, אין דער פֿינצטער, ניט אַרײַנקריכן!...

באַלד איז דער ליוק באַגאָסן געוואָרן מיט עפּעס אַ גרויער, מאַטער ליכט. ס'האָט אויסגעזען, ווי טויזנטער שאָטנס וואָלטן זיך דאָרט אַרומ־געיאָגט. מיר זענען אַרונטער אײנער נאָכן אַנדערן. דער ליוק, וואָס האָט זיך געפֿונען פּונקט אונטער דער מאַטראַזן־קאַיוטע, איז געווען פֿיל קלענער און נידעריקער. בײַם שפּיץ האָבן זיך געזען צוויי קופּעס גרויסע, שווערע קײטן, וואָס זענען געלעגן שאַרף פֿאַנאַנדערגעטײלט אין בײדע זײַטן. אין דער אַנדערער, דער ברײטערער זײַט, זענען געווען אָנגעשטעלט אַ מאַסע קאַסטנס, קעסטלעך און זעק.

— דאָס זענען די אַנקער־קײטן! — האָט פּאַוועל אונדז באַרואיקט.

— און דאָס־אָ, — האָט ער אָנגעוויזן אויף די קאַסטנס און זעק, — דאָס איז אַביסל סכוירע, וואָס מיר, מאַטראָזן, פֿירן אויף צו פֿאַרקויפֿן... איר פֿאַרשטײט, — האָט ער, ווי צו פֿאַרענטפֿערן זיך פֿאַר אונדז, אומבאַקוועם צוגעגעבן, — מען פֿאַרדינט אַ קרענק, מאַכט מען פֿאַר זיך אַזויאַרום אַ זײַטיקע פּאַר קערבלעך...

אין אַ ווײַל אַרום האָט זיך מאַטווײ אַרונטערגעלאָזט אין ליוק. ער האָט געהאַלטן אַ קרוג וואַסער אין אײן האַנט און — אין דער צווײטער — טעלעכע קאָלדרעס. ער האָט דאָס אַוועקגעשטעלט אויף דער ערד לעבן אונדז און אַרונטערגענומען אונדזערע קוישן, וועלכע אימיצער האָט אים פֿון אויבן אַרונטערדערלאַנגט. דערנאָך האָט ער זיך אַרומגעקוקט, אַ רײַב געטאָן אײן האַנט אין דער צווײטער און צופֿרידן אַ זאָג געטאָן:

— נו, אַ מאַקע וועט זײ אײַנפֿאַלן, אַז איר זײַט דאָ באַהאַלטן! דאָ וועט איר זײַן אָפּגעהיט! קײנער קומט ניט אַהער אויסער אונדז!...

ער האָט זיך אַ קראַץ געטאָן אין קאָפּ און גלײַך צוגעגעבן:

— פֿונדעסטוועגן דאַרף מען אײַך אַביסעלע פֿאַרקאַמאַפֿלאַזשן. וואָרים טאָמער וועט זיך אימיצן ױאָ פֿאַרוועלן אַרײַנרוקן אַהערצו זײַן כאַזעריש שניוק, זאָל ער...

ער האָט אַ וואונק געטאָן צו פּאַוועלן און — צוזאַמען מיט אים — גענומען אַוועקרוקן עטלעכע קאַסטנס אָן אַ זײַט. צווישן די קאַסטנס, אויף דער ערד, האָט ער אַוועקגעלײגט די קאָלדרעס, אַוועקגעשטעלט אונדזערע קוישן און די קרוג וואַסער. מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט. זײ האָבן דאַן איבער אונדז, אויף צוויי קאַסטנס אַרויף, פֿאַרלײגט עטלעכע ברעטער, און אויף זײ, אויף די ברעטער, אָנגעשטעלט קעסטלעך און זעק. זײ האָבן איבער־געלאָזט בלויז אַ קלײנעם שפּאַלט, עטוואָס גרעסער פֿון אַ פֿויסט. אַז מיר זענען שוין געווען באַזאָרגט, האָט מאַטווײ שמײכלענדיק אַ זאָג געטאָן:

— ס'וועט אײַך, באַווײַרים, אַוודאי ניט זײַן אַזוי איבעריק באַקוועם דאָ, אָבער דערפֿאַר וועט איר זײַן זיכערער און...

און שוין בײַם אַוועקגײן, האָט ער אַרײַנגערוקט צו אונדז זײַן דיקע מוסקולירטע האַנט און — אַ פּאַטש טוענדיק מיט איר — צוגעגעבן:

— זייט רואיק און שטיל! זאָל אייך דאָ גאָרניט אָנגיין וואָס אויבן טוט זיך! איר זאָלט זיך ניט שרעקן, טאָמער וועט אימיצער אַפילו יאָ אַריינשמעקן אהערצו! מיר וועלן אייך שוין פאַרהיטן! און אויב מען זאָל אייך אַפילו געפינען דאָ, וועלן מיר דאַן...אָבער צו וואָס זאָלן מיר גאָר איצט טראַכטן וועגן דעם?...אז קיינער וועט ניט אַהערקומען! עסן וועלן מיר אייך ברענגען אין צייט...געדענקט בלויז, אַז איר זייט אין גוטע און זיכערע באַוואַרישע הענט!...

מאַטוועי און פּאַוועל זענען אַוועק. באַלד האָט זיך געהערט ווי איבער אונדזערע קעפּ האָט דאָס דעקל־טירל זיך צוגעמאַכט און טריט האָבן זיך גענומען טראָגן ערגעץ אין אַן אומבאַשטימטער ריכטונג, ווייט פון אונדז. דאָס קליינע לעמפּל, וואָס איז געזעסן אין אַ דראָטן שטייגל, ווי עפּעס אַ געפאַנגענער פויגל, איז געבליבן ברענען ערגעץ אינעם ווינקל, צוזאַוואַרפנדיק שווערע שאָטנס דורך די שפּאַלטן, וואָס צווישן די קאַסטנס. מיר האָבן גאָרניט געקאָנט זען — בלויז די דאָזיקע שאָטנס...

* * * * *

איבער אונדז האָט געטומלט. דאָס פּליעסקען פון די כוואַליעס אַף די ווענט, אינדרויסן, אַרום אונדז, האָט פאַרטויבנדיק געררוישט. ס'האָט זיך געדאַכט, ווי אויסטערלישע קראָקאָדילן וואָלטן געריעוועט. שאָען האָבן זיך געצויגן ווי פּעגירעס. עס האָט זיך גאָרניט געקאָנט גלויבן, אַז צייט זאָל קאָנען אַזוי פּאַמעלעך קריכן. איך האָב געהאַלטן אין איין קוקן אַף מיין זייגערל און אַפילו ניט געוואוסט צי עס גייט נאָך. דער פאַר־טויבנדיקער געזשום פונעם וואַסער אַרום די ווענט, האָט דערשטיקט דעם זייגערס אָטעם. מיט סאַליטן האָב איך קיין וואָרט ניט אויסגערעדט. איבער דער שווייגעניש און דעם דריקנדיקן אומגעדולד, האָט זיך געדאַכט, אַז עס זענען שוין פאַרביי לאַנגע וואָכן, זינט מען האָט אונדז אין ליוק אַריינגעזעצט. די טריט איבער אונדזערע קעפּ, וואָס האָבן זיך פון צייט צו צייט פאַרבייגעטראָגן, האָבן אין אונדזער ליוק אָפּגעהילכט ווי דאָס ווייטע שיסן פון שווערער אַרטילעריע. אין קאָפּ האָט געזשומעט, — נאָר פאַרטויבט צו ווערן. אין האַרצן האָט געטיאַקעט פונעם קלענסטן גע־רויש. אין די ווינקלען פונעם ליוק האָט עפּעס געשיפּעט און געגריי־זשעט. אין מויעך האָט געדריקט — נאָר אויסצושרייען...

— אָ, וואָלט מען כאָטש געמעגט אַ פּאַפּיראָס פאַררויכערן!...

פּונקט ווי פאַרוואָרפענע אַף אַן איינזאַמען אינדזל נאָך אַ שיף־ברוך, ווען זיי דערזען אַ שיף אָנקומען, — אַזוי האָבן מיר מיט פרייד אויפגענו־מען דאָס אַרונטערגעבראַכטע עסן, וואָס מען האָט אונדז דורך דער שפּאַרע דערלאַנגט. און כאָטש מיר האָבן בעאַיים דעם קיין מענטשלעך פּאָנים ניט געזען, — האָט עס דאָך אויסגעזען פאַר אונדז ווי אַ דערלייזונג...

און אָט איז איבער אונדז ביסלעכווייז שטילער געוואָרן. פאַרשטאַנען האָבן מיר, אַז אַף דער שיף מוז מען שוין אַוואַדע שלאָפן. מיר אַליין האָבן זיך געפּלייסט ניט אַנטשלאָפן צו ווערן. אָבער שפּעטער אין דער נאַכט, צי איבער אונדזער מידקייט און אָנשטרענגונג, אָדער איבער דער־

פאַרשטיקטער לופט אין ליוק, — זענען מיר, איך און סאָליט, זיצנדיק אָנגעשפּאַרט אָן אַ קאַסטן, איינער נאָבן אַנדערן פאַרט איינגעשלאָפן.

געשלאָפן זענען מיר אָבער אומרואיק. יעדע ווייל האָט איינער פון אונדז זיך אויפגעכאַפּט און איבערגעוועקט דעם צווייטן. יעדער טראָט פון אַ פוס איבער אונדז, האָט זיך געדאַכט, ווי אַ באַטאַליאָן סאָלדאַטן וואָלט פאַרביימאַרשירט. מיר האָבן זיך איינגעהערט און — כאָטש עס איז זיכער געווען, אַז די שיף איז נאָך ניט אָנגעקומען קיין נאָוואָראָסיסק, — האָט זיך אונדז דאָך אויסגעוויזן, אַז מען זוכט אונדז שוין...

מיטאַמאָל, ס'האָט שוין דעמלט אַוודע געמוזט טאָגן, האָט זיך דערהערט ווי דאָס דעקל־טירל איבער אונדז האָט זיך אָן עפן געטאָן. ס'האָט עפּעס אַ קליק געטאָן און...דאָס לעמפּל האָט זיך פאַרלאָשן. עס האָט אָנגעהויבן ווערן שטילער. די כוואַליעס אינדרויסן, האָבן אָנגעהויבן שוין שטילער פּאַטשן איבער די ווענט. טריט האָבן זיך איילנדיק געיאָגט איבער אונדז. עפּעס האָט גערוישט און געהודיעט. מיר זענען געזעסן מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס און געקוקט אין דער פינצטער מיט אָפענע אויגן. טויזנטער שוואַרצע שאָטנס — ווי פרייגעלאָזטע מאַכנעס טייוואָלים — האָבן זיך אַ יאָג געטאָן פון אַלע פאַרבאָרגענע ווינקעלעך אינעם ליוק, און האָבן, דאַכט זיך, ארומגעשוועבט אין שוואַרצן כאַלאַל. יעדער ליכטיקער פלעק, וואָס איז אַריינגעדרונגען דורך די קייטן־לעכער, האָט זיך אָפּגעשטעלט אָף אַ קאַסטן און — פון אונדזער באַהעלטעניש אַרויס — אויסגעזען ווי אַ מעשונעדיק־ווילדער מאָנסטער. די בלוטן, האָט זיך געפילט, האָבן אָנגעהויבן ווי גליווערן. דאָס האַרץ האָט אָנגעהויבן שטאַרקער צו פּאָמפּען. דאָס וואַסער אינדרויסן, איז אינגאַנצן שטיל געוואָרן. פאַר אונדז איז קלאָר געווען, אַז די שיף האָט זיך אָפּגעשטעלט.

באַלד האָבן זיך פון ערגעץ, ווי פון פּעסער אַרויס, אַ טראָג געטאָן מאָדנע שטימעס. ערגעץ האָט מען מאַרשירט. מאַטאָרן האָבן גענומען שיפּען מיט פּאַרע. מאַשינען און הויב־שטאַנגען האָבן גענומען ברומען און הודזשען. פערד האָבן ערגעץ אין דער ווייט געהירזשעט. דאָס אַלץ האָט זיך אויסגעמישט אין אַזאַ שווערן און געדיכטן מישמאַש, אַז עס האָט דעם מויעך שיער געשפּאָלטן.

די צייט האָט זיך געצויגן אומבאַשטימט לאַנג. שאָען, עפּשער יאָרן, אָדער גאָר אייביקייטן, האָבן זיך געדרייט פאַר די פינצטערע אויגן. די פינצטערניש איז געווען שניידנדיק און שמערצלעך. אין דער שוואַרצקייט האָבן זיך געזען שוועבנדיקע טליעס מיט העננגדיקע קערפּערס, אויסדאַמפּנדיק פון זיך פיאָלעטע און בלוי־רויטע וואָלקנדלעך לעבן. געדאַכט האָט זיך, אַז מען זעט זיך אַליין אויך הענגען אָף די דאָזיקע טליעס. מיט פאַרמאַכטע אויגן איז געווען נאָך ערגער. די שרעק האָט פאַרפאָלגט, אַז עס האָט אַזש פאַרכאַפּט ביים האַרצן. עס האָט זיך געפילט ווי אויסצושרייען. מען האָט געדאַרפט פאַרבייסן די ליפּן, קעדיי ניט אויסצושרייען און אויסגעבן זיך...

איך האָב אָנגענומען סאָליטס האַנט אין מיינער און זי געדריקט,

באַטש איך אַליין האָב געפּילט, אַז עס וואַרפּט זיך מיר אַ צאָן אין אַ צאָן. אָ, וויפל וואָלט איך דעמלט אַוועקגעגעבן, אַז איך זאָל באַטש אַף אַ רעגע קאָנען אַ קוק טאָן אַף מיין אייגן זייגערל, אָדער אַף סאַליטס פּנים...

מיטאַמאָל האָבן זיך ניט ווייט איבער אונדזערע קעפּ דערהערט איילנדיקע און האַסטיקע מיליטערישע טריט. עס האָט זיך קלאָר דערהערט דעם „יאָזשיקלס" באַקאַנטע און פאַרהאַסטע שטימע:

— עס איז דאָך אָבער ניט מעגלעך, אַז די פאַרשאָלטענע זשידעס־באָלשעוויקעס זאָלן האָבן אינמיטן נאַכט ווי אַפּן הימל אַרויף!...

— ניט אַנדערש, נאָר זיי האָבן זיך אין וואַסער אַריינגעוואָרפן. — האָט אַ צווייטע, שוין אַזמבאַקאַנטע שטימע געענטפערט. — זיי, די באָלשעוויקעס, זענען פּייניק אַף אַלעם!...

— אָבער, — האָט דאָס „יאָזשיקל" זיך געדונגען, — זייער באַגאַזש און... אינמיטן טאָג איז עס דאָך פון קאַיוטע פאַרשוואונדן!...

— האָט איר, סטעפאַן מיכאַילאָוויטש, זיי געדאַרפט בעסער נאָכקוקן, אויב איר זייט זיכער געווען, אַז דאָס זענען שפּיאָנען־באָלשעוויקעס! — האָט די צווייטע שטימע פאַרגעוואָרפן. — איצט, זעט אויס, איז פאַרפאַלן!

— מען דאַרף נאָך זוכן! — האָט דעם „יאָזשיקלס" שטימע זיך ווי געבעטן. — מען וועט דאַרפן איבערקערן די שיף מיטן קאָפּ אַרונטער!... מען וועט זיי מוזן געפינען!...

די דאָזיקע רייד, אַזעלכע ווייטע און טרוקענע, האָבן אַזוי געשניטן אין מויעך, אַז עס האָט זיך געדאַכט, ווי שאַרפע מעסערס וואָלטן אים אַף שטיקער צעקאַרדאַשעט. און פון דער הויך האָט זיך אַלץ געטראָגן דעם „יאָזשיקלס" פאַרדאַמטע שטימע:

— איך וועל עס אָבער ניט אויפגעבן!...ביז אַנאַפּאַ וועל איך זיי נאָכפאָרן!... זיי וועלן דאָך אַמאָל מוזן אַרויסקריכן פון ערגעץ און...

באַלד האָט זיך דערהערט, ווי די טיר פון דער מאַטראָזן־קאַיוטע, איבער אונדז, האָט זיך אָן עפן געטאָן. טריט האָבן זיך אַ שאָט געטאָן איבער אונדזערע קעפּ. איך האָב זיך איינגעקוועטשעט אין זיך אַריין און זיך געהיטן אַפילע צו אָטעמען. איצט האָט זיך שוין גאַנץ קלאָר געהערט דעם „יאָזשיקלס" שנײַדנדיקע רייד:

— זייט איר זיכער, באָטסמאַן, אַז קיין פרעמדער איז ניטאָ צווישן אייערע מאַטראָזן?...

— זיכער! — האָט זיך געהערט אַן ענטפער, מיסטאָמע פון יענעם.

— און דאָ וואָס איז אַזעלכעס?...

— דאָ איז דער ליוק פון די אַנקער־קייטן...

— קאָן מען אַ קוק טאָן אַהינצו?...

דעם באָטסמאַנס שטימע האָט געלאַכט:

— איר קאָנט דאָ געפינען שווערע קייטן און...גרויסע שטשורעס...

— גוט! עפנט סיי־ווי די טיר! — האָט זיך דערהערט אַ באַפעל.

ביי אונדז זענען די אָטעמס ווי אָפּגעשטאָרבן. איך האָב שטאַרקער געדריקט סאַליטס האַנט און, מיט דער צווייטער, צוגעהאַלטן מיין אייגן

מזיל, אז איך זאל אמאל ניט אויסשרייען. איך בין געווען אזוי צע־טומלט, אז איך האב אפילו ניט געהערט ווי דאס דעקל־טירל האט זיך געעפנט. איך האב בלויז באמערקט א פאס גרויע ליכט, וואס איז ארייג־געפאלן פונדערהויך און באלד נאכדעם אן אנטוישטע באמערקונג:

— ניין, אייער הויך־וואויל־געבוירנקייטן קיינער איז דארט ניטא!... בלויז אנגעווארפענע קאסטנס און אנקער־קייטן!...

דאס טירל האט דאן א קלאפ געטאן איבער אונדז און די טריט זע־נען אוועק ווייטער. פונווייטן האט זיך נאך געהערט א בייזער געברום:

— פארשאלטענע זשידעס!...סיידן זיי האבן זיך טאקע אין וואסער ארייגעווארפן!...

דער שיף־קוימען האט מיטאמאל א שארפן און לאנגן ברום געטאן. עס האבן זיך דערהערט איילנדיק־שווערע טריט און א טומל. אונדז איז קלאר געווען, אז די שיף גרייט זיך שוין אפצופארן פון נאווראסיסק. עס האט זיך דערהערט דאס רוישן פון שטריק און קלינגען פון קייטן. באלד נאכדעם — דאס גוט־באקאנטע און אין הארצן־שוין־איינגעבאקענע פאטשן פון די כוואליעס איבער די ווענט פונעם ליוק, וואס האט אונדז אזוי שטארק דערפרייט, אז איך און סאליט האבן זיך אזש ארומגענומען און זיך צעקושט...

* * * * *

אינדערשטיל, אז מען האט אפילו ניט געהערט ווי דאס דעקל־טירל איבער אונדז האט זיך געעפנט, — האט זיך דאס לעמפל ביי אונדז אין ליוק ווידער אנגעצונדן. און כאטש דאס איז געווען א גאנץ טונקעלע ליכט, האט עס אבער פאר אונדזערע מידע, אפגעשוואכטע אויגן, אויסגע־זען ווי די שענסטע אילומינאציע, און האט אריינגעטראגן אזא שטארקע פרייד אין די הערצער, פונקט ווי מיר וואלטן מיטאמאל זעעוודיק געווארן נאך א לאנגער בלינדקייט. אינגיכן האט זיך פון איבער די קאסטנס דער־הערט מאטוועס שעפטשענדיקע שטימע:

— נו, כאווירים, די ערגסטע העלפט זייט איר שוין איבערגעקומען! שוין ארויס פון נאווראסיסק!...אבער פארזיכטיק דארף מען נאך זיין. א פאטראל ווייס־גווארדייער — צוזאמען מיט אייער פריינטל, דעם אפיציר — זענען פארבליבן אף דער שיף און נישטערן ארום אין יעדן ווינקל. אט איצט זענען זיי אין די באגאזש־טריומען און... זייט זשע דעריבער נאך אביסעלע געדולדיק... נאך עטלעכע שא ביז אנאפא און דאן...

ער איז אוועק. עטלעכע מינוטן שפעטער האט מען אונדז אריינגעדער־לאנגט הייסע טיי מיט ברויט. מיר האבן זיך אבער דערצו ניט צוגערירט, כאטש ביים הארצן האט זייער שטארק געקלעמט דער הונגער...

קיין באזונדערע שרעק האט זיך שוין, וואס אן עמעס, גיט געפילט. אבער דער אומגעדולד האט נאך אלץ שטארק געפרעסט. עס האט זיך גע־וואלט אביסעלע אויפשטעלן, זיך אויסציען און אויסגלייכן די איינגעזע־סענע, צעווייטיקטע ביינער, וואס זענען איבער דער צייט, דאכט זיך, ווי פאראליזירט געווארן. אבער רירן זיך — איז ניט געווען וואו. כוץ דעם

איז טאַקע געווען אַ געפאַר, אַז דעם „יאָזשיקל" זאָל זיך נאָך אַמאָל ניט פאַרגליסטן זיך ווידער אומקערן און באַפן אַ קוק צו אונדז אין ליוק אַריין. מיר זענען דעריבער געבליבן זיצן — ווי פריער — איינגעגזורעט צווישן די קאַסטנס און זעק און געוואַרט און געוואַרט...

אַ צייט שפּעטער איז דאָס לעמפּל ווידער פאַרלאָשן געוואָרן און ס'איז צוריק אַנגעלאָפן אַ שווערע, געדיכטע פינצטערניש, מיט שווערע שאָטנס, וואָס האָבן אין די אויגן געשניטן. עס האָט שוין אָבער ניט אַזוי גע־שראָקן ווי פריער. די רוישנדיקע כוואַליעס אַרום די ווענט פונעם ליוק האָבן זיך ביסלעכווייז איינגאַנצן איינגעשטילט. די שיף האָט אָנגעהויבן גיין שטילער און גלאַטער. באַלד, האָט זיך געפילט, האָט זי זיך איינ־גאַנצן אָפּגעשטעלט. ווידער האָט זיך דערהערט דאָס שיפּען פון פּאַרע, דאָס הודזשען פון מאָטאָרן און פון הויב־שטאַנגען. ווידער האָט פונעם ברעג דערטראָגן אַ הירזשערײַ פון פערד צוזאַמען מיט אָפּגעהאַקטע באַפע־לערישע שטימעס. מיר זענען געזעסן שטיל, און מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס זיך צוגעהערט צו די רעגלמעסיק־מאַרשירנדיקע טריט. מיר האָבן זיך געקנייפּט דאָס לײַב, קעדײַ ניט אַוועקצוכאַלעשן. איך האָב געהאַלטן סאַליטס האַנט און געפילט, אַז זי איז קאַלט ווי בײַ אַ טויטן...

שטיל, קימאַט אין זיך, האָב איך אַ שעפּטשע געטאָן:

— מיר זענען אין אַנאַפּאַ!...

מיט גרויס מאַטערניש האָבן מיר זיך קוים דערוואַרט, אַז דער קוי־מען זאָל ענדלעך אַרויסלאָזן דעם וואַרנונג־פײַף צום אָפּפאָר. מיט פרייד האָבן מיר אויפגעכאַפּט דעם אָפּקלאַנג פון די איילנדיק־אַרונטערלויפנ־דיקע טריט און דאָס זשומען פונעם וואַסער אין יענער זײַט וואַנט. די כוואַליעס אינדרויסן, האָבן, דאַכט זיך, געזונגען און דערצײַלט, אַז מיר זענען שוין אַרויס אין אָפענעם יאַם. און איידער מיר האָבן נאָך באַוויזן אַ טראַכט צו טאָן ווי ווײַט מיר זענען שוין פון ברעג, זענען צו אונדז אַריין פּאַוועל און מאַטוועי. אַף גיך האָבן זײ גענומען אַוועק־רוקן די קאַסטנס פון אַרום אונדז און אונדז געהייסן זיך אויפשטעלן. מיר, אָבער, האָבן זיך אַפילו ניט געקאָנט קיין באַוועג טאָן. ווי שווערע קלעצער זענען אונדזערע קערפּערס געלעגן און זיך ניט אונטערגעגעבן דעם ווילן. מאַטוועי און פּאַוועל זענען געשטאַנען איבער אונדז, געקוקט און געלאַכט. מאַטוועי האָט אַ זאָג געטאָן:

— וואָס־זשע זיצט איר?... איר מעגט זיך שוין אויפהויבן!... מיר זענען שוין אַרויס פון אַנאַפּאַ און... די הינט זענען שוין אַוועק!...

— אַז עס איז שוין ניטאָ פאַר וואָס זיך צו שרעקן! — האָט פּאַוועל צוגעגעבן. — הויבט זיך אויף און קומט!...

און זעענדיק, אַז מיר באַוועגן זיך נאָך אַלץ ניט, האָבן זײ אונדז אַ כאַפּ געטאָן אונטער זײערע שטאַרקע אָרעמס, אונדז אויפגעשטעלט אַף די פיס און גוטמוטיק אויסגעלאַכט:

— שעמען מעגט איר זיך, באַווײַרים!... איצט, אַז איר זענט שוין אַלץ איבערגעקומען!?...

מער האָב איך גאָרניט געהערט. אין די אויערן האָט מיר אָנגעהויבן זשומען און רוישן. פאַר די אויגן האָט גענומען בלענדן און שווינדלען. אין קאָפּ האָט גענומען האַמערן און מישן. אַלץ: — מאַטווײ, פּאַווועל, דאָס „יאָזשיקל", קאַסטנס, זעק, קייטן, שטשורעס, מײַז, טליעס, ווײס־גוואַרדײ־ער, — האָט זיך צוזאַמענגעמישט אין מײַן געדאַנק. איך האָב דערפילט, ווי כ'פאַל אין עפּעס אַ טיפן אָפּגרונט און כ'טרינק זיך. די כוואַליעס, האָב איך געזען, האָבן מיך אַ כאַפּ געטאָן, געשליידערט אין אַלע זײַטן און באַלד מיך גענומען שלעפּן אַף אַרונטער, טיפער אין יאַם אַרײַן... מײַן גאַנצער קערפּער, האָב איך געפילט, איז נאַס געוואָרן... וואָסער האָט מײַן פּנים פאַרשווענקט...

מיטאַמאָל האָב איך דערפילט אַ שאַרפן ווײטיק אין מײַנע שלייפן. איך האָב אויסגעשריגן פון שרעק און... געעפנט די אויגן...

איך בין געלעגן אַף אַ בעטל אין דער מאַטראָזן־קאַיוטע. אַרום מיר האָב איך געזען, האָבן זיך מאַטראָזן אַרומגעפּאַרעט. מאַטווײ האָט מיט באַדויער געשמייכלט צו מיר:

— אָ, אַזוי זיך אָפּצולאָזן, כאָווער, איז דאָך...

— שעם זיך! — האָט אַן אַנדער מאַטראָז צוגעוואָרפן. — דײַן כאָווער איז שוין מער העלד פון דיר... ער...

איך האָב אַ קוק געטאָן אַף סאַליטן — ער איז געווען אויסערגעוויינ־לעך בלאַס. זײַנע האָר — צעפּלאָשעט און גרוי. ער האָט אויסגעזען עפּשער מיט גאַנצע דרײַסיק יאָר עלטער. אַ דערשלאָגענער האָט ער געקוקט אַף מיר און מיט אַ שוואַכער שטימע אַ זאָג געטאָן:

— אָ, מישאַ, ווען איך זאָל ניט ווייסן אַף זיכער, אַז דאָס ביסטו, וואָלט איך געגלויבט, אַז איך זע דאָס גאָר דײַן פאָטער!...

איך האָב אומבאַקוועם אַ שמייכל געטאָן און גאָרניט געענטפערט...

* * * * *

אין אָדעס, פאַרן אַרונטערגיין פון שיף, האָבן מיר זיך צעקושט מיט מאַטווײען און פּאַווועלן, און געדריקט די הענט בײַ די איבעריקע מאַטראָזן. זיי האָבן אונדז אַרויסבאַגלייט. מאַטווײ האָט אַפילו פאַרגע־לייגט מיטצושיקן מיט אונדז אַ צווייטן יאַטן, וואָס זאָלן אונדז העלפן, אויב מיר זאָלן זיך אָנשלאָגן אין עפּעס אַ געפאַר. מיר האָבן זיך אָבער אָפּגעזאָגט דערפון. מאַטווײ האָט דאַן אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— נו גוט, אויב אַזוי, איז גייט זשע זיך געזונטערהייט, כאַווײרים, און האָט אין דער צוקונפט מער גליק!...

איך האָב אַ לאַך געטאָן:

— און דאָס, וואָס מיר האָבן אײַך געפונען אַף דער שיף, איז דען ווינציק גליק?... וואָס וואָלטן מיר געקאָנט טאָן אָן אײַך?...

— דאָס איז ריכטיק! — האָט סאַליט צוגעשטימט, — וואו וואָלטן מיר שוין איצט געווען אָנגעשפּאַרט, ווען ניט איר?!...

פּאַווועל האָט אַ זאָג געטאָן:

— אונדזערע יאַטן געפינען זיך אומעטום, אַף אַלע שיפן!...

און באַלד — שטיל, ווי פאַרבענגט, אָבער גאַנץ ערנסט — צוגעגעבן ווי צו זיך אַלײַן:

— נאָך אַלעמען, איז עס דאָך גאָר דער „אינטערנאַציאָנאַל” ווען עס קומט דער דאַנק...

— יאָ־יאָ, — האָט מאַטווײ צוגעשטימט, — דער „אינטערנאַציאָנאַל” האָט דאָסמאָל — ווי אַלעמאָל — געדינט דעם ציל, צוליב וועלכן ער איז געשאַפן געוואָרן... ער האָט צוזאַמענגעפירט און פאַראייניקט...

איך און סאַליט זענען מאַסקים געווען.

מיר האָבן זיך ווידעראַמאָל געזעגנט מיט די מאַטראָזן און אַרויס אַפן פאָרט. אַף דער גאַס איז געווען אַ שאַרפער, טרוקענער פראָסט און אַ בלענדנדיקער שנײַ האָט זיך געשפּרייט אַרום און אַרום. מיר האָבן גע־דונגען אַ שליטן, אַרויפגעשטעלט די קוישן און... געהײַסן פאָרן. דער שליטן האָט זיך האַסטיק אַ יאָג געטאָן איבער דעם גלאַטן שנײַ און די גלעקלעך בײַ די פערד האָבן פרײַלעך און מונטער אונטערגעקלונגען. איך האָב אַ קוק געטאָן אַף סאַליטן, — זײַנע בלאַסע באַקן האָבן פונעם פראָסט אָנגעהויבן צוריקבאַקומען דעם לעבעדיק־רויטלעכן אויסזען. ער אַלײַן איז נאָך אָבער אַלץ געווען ווי צעטראָגן און פאַרוואָלקנט. איך האָב גאָרניט גערעדט. מיטאַמאָל האָט ער אַ דרײ געטאָן זײַן קאָפּ צו מיר און ווי אין איבעראַשונג אויסגערופן:

— הער נאָר, מישאַ...די בלומען!...מיר האָבן דאָך זײ פאַרגעסן אַרויסצונעמען פון קאַיוטע!...

און גלײַך, טרויעריקער נאָך, אַ מורמל געטאָן:

— אַ שאָד...אָזאַ פײַנע מאַטאָנע...

איך האָב זיך פאַנאַנדערגעלאַכט:

— אָ, נעם זיך ניט צום האַרצן!... זײ מוזן שוין סײ־ווי זײַן פון לאַנג אָפּגעשטאָרבן און פאַרוועלקט... דעצעמבער...

* * * * *

די קוישן האָבן מיר בעשאָלעם צוגעשטעלט צום פּלאַץ.........

....

טשעקיסטישער יוישער

(סעריע: „אונטערוועגנס”)

דאוויד יאַקאָוולעוויטש באָרניק, האָט אַן אויפגערעגטער זיך אַרומגעדרייט איבער דער פאַבריק און געהאַט אָפּגעמאַכט בא זיך:

„זאָל נאָר די מילכאָמע זיך ענדיקן! זאָל נאָר א שאָלעם גֵעשלאָסן ווערן, — וועט ער גלייך שלאָגן קאַפּאָרעס מיטן שוטעף זיי־נעם. דאַן וועט ער אים באַווייזן, ווער אָן וועמען עס קאָן זיך ניט באַגיין!”...

עס האָט אים געקרענקט ביזן ביין, וואָס יענער, שאַפּיראָ, דער שוטעף זיינער, האָט אים בא יעדער געלעגנהייט געפלעגט האַלטן אין איין פאָרוואַרפן:

— ווען ניט איך, — וואָלסטו נאָך איצט געווען א גאָרניש, א גאַסן־בייסטרוק; וואָלסט זיך — אָדער אַרומגעוואַלגערט אפן פאָרט און אַרויסגעגאַנוועט שטיקער קאָקאָ־ניס און סאַלע פון די זעק, אָדער וואָלסט זיך עפּשער גאָר געוואַלגערט ערגעץ אף א פראָנט און... ווער ווייסט, צי ווערים וואָלטן שוין פון לאַנג דיין לייב ניט געהאַט צעפרעסן!...

דאַוויד האָט אויפגערעגט א דריי געטאָן א שפּיץ פון דער גרויסער, שוואַרצער וואָנ־צע, וואָס איז פיל גרעסער געווען ווי לויט זיינע יאָרן און אים דעריבער געגעבן דעם אויסזען פון אַוואַדע א צען יאָר עלטער ווי אין דער עמעסן. ער האָט אַרויפגעקאַטשעט די אַרבל פונעם העמד און איז צוגעגאַנגען צו אײנעם פון זיינע אַרבעטער:

— העי, פּעטקע, ניט אַזוי!...זעסט דו דען ניט, אַז די דאָזיקע שרויף דאַרף מען שניידן פאַרקערט, אין דער לינקער זייט?... פאַרשטאַנען?... עס דאַרף זיך שרויפן אין דער לינקער זייט!...

פּעטקע, א הויכער, געזונטער באָכער, האָט גלייך ניט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס דאַרף די שרויף עפּעס מיטאַמאָל גאָר געשניטן ווערן פאַרקערט. געוואוסט האָט ער אָבער, אַז אויב דאַוויד יאַקאָוולעוויטש זאָגט אַזוי, דאַרף מיסטאָמע זיין אַזוי...

דאַוויד איז פון אים אַוועק צו א צווייטן:

— פימקא, א פימקאן דיר האב איך שוין וויפל מאל געזאגט, און געלערנט, אז א לעבל פאר א שרויף דארף מען בויערן מיט א מילימע־טער קלענער ווי די שרויף!... מען דארף דאך לאזן א פלאץ פאר שנײדן דעם גווינט!...און דו, דו פארגעסט זיך! אלעמאל פארגעסטו זיך!...

פימקע האט זיך א כאפ געטאן און גענומען קראצן דעם קאפ:

— פראווילנא, כאזיאאין!... עמעס, דאוויד יאקאװלעוויטש!...

פון אים איז דאוויד אוועק צו א דריטן:

— וואס איז בײ דיר די טאקארניע, א נײ־מאשין, צי וואס?...וואס יאגסטו זי אזוי?...וועסט דאך נאך דאס מעסער צעשיסן!...

דאוויד האט זיך געפילט צופרידן, וואס ער האט מענטשן, מיט וועמען ער קאן זיך שאפן. עס איז אים בלויז ניט אײנגעגאנגען שאפירא, דער שותף זײנער...

„עך", — האט ער געטראכט, — „וואלט נאר ניט אונטערגעקומען די מילכאמע, וואלט ער אפילע ניט געטראכט ארײנצוציען אין שותפעס מיט אזא...נאר וואס דען? אז יענער איז געקומען צו אים און...

— קום, דאוויד, — האט יענער מיט זײנע זיסע רײד געהאט געזאגט צו אים, — דו ביסט א גוטער מעכאניקער און איך האב געלט! איך וועל קויפן מאשינען, דו וועסט מיך פארשרײבן פאר א געהילף־מעכאניק און...

פארשטאנען האט דאוויד, אז שאפירא האט דאס געטאן קעדײ מען זאל אים, שאפיראן, ניט צונעמען אין מיליטער און אוועקשיקן ערגעץ אפן פראנט. דאוויד האט געוואוסט, אז יענער איז אנגעשטאפט מיט געלט, האט עטלעכע קראמען און פירט נאך אנדערע געשעפטן אין זײט. ער וואלט זיך אפילע געקאנט אויסקויפן פון צו גײן דינען. נאר וואס דען? אין א מעכאנישער פאבריק האט ער זיך געפילט זיכערער און דעריבער...

דאוויד האט שאפיראס פארשלאג אנגענומען, אבער אינגיכן כאראטע געהאט. אים האט ניט פארדראסן דאס, וואס יענער איז א גלײכער שותף און נעמט א העלפט פון די פארדינסטן...געארט האט אים בלויז, וואס יענער מײנט, אז ער האט אים, דאווידן, גליקלעך געמאכט. אט־וואס!...

„א כאזער", — האט דאוויד געטראכט, — „איך האב אים גערא‌טעוועט, און ער פיסקעוועט נאך"...

דאווידן האט אויך געקרענקט, וואס יענער, שאפירא, פלעגט גאנצע טעג זיך ניט באווײזן אין פאבריק, נאר ארײנפאלן בלויז אין די שא־באסים, ווען מען האט געדארפט געבן סכירעס די ארבעטער. ער האט זיך דאן אוועקגעזעצט אויבן־אן בײם שרײב־טיש, ווי דער אײנציקער באלעבאס, און אויסגעטײלט לויט דאווידס אויסגעשטעלטן צעטל די סכירעס. און אזוי ווי ער איז נאר פארטיק געווארן דערמיט, האט ער זיך אוועקגע־זעצט צום טעלעפאן און גאנצע שאען געהאלטן אין טעלעפאנירן. דא — צו א מעקלער, דא — צו א קוינע, אדער אזוי צו עפעס א שווארץ יאר, און דא, אין פאבריק, געפירט זײנע פריוואטע געשעפטן...

געווען איז דאוויד א פאשעטער מענטש. פאליטיקע און פיזיקע, ווי ער אלײן פלעגט וועגן זיך זאגן, האט ער פארשטאנען ווי א קינד. און

קיין וואונדער ניט: צו צוועלף יאר איז ער שוין געשטאנען אין א סלע־סארניע און געהארעוועט. דאס האט אים אבער ניט געארט. ער האט זיך דערפאר דארט אויסגעלערנט אזא ארבעט, וואס קיינער אין שטאט, א בוץ אים, ווייסט ניט ווי אזוי מען קריכט אריין אין דעם...

דארט, אין יענעם ווארשטאט, האט געהאט געארבעט אן אמעריקאנער מעכאניקער. פון יענעם האט דאוויד זיך אויסגעלערנט צו שמעלצן און צו לייטן אייזן אף עלעקטרע און אף אצעטילין־שטורקאצן. שפעטער, בעאייס יענער האט זיך געקליבן אוועקצופארן צוריק קיין אמעריקע, האט דאוויד אפגעקויפט ביי אים זיינע מאכשירים, און איז אזויארום פארבליבן דער איינציקער אין שטאט, וואס האט געוואוסט ווי צו באגיין זיך מיט זיי...

דעמלט האט ער, דאוויד, זיך ארומגעטראגן מיטן געדאנק צו עפע־נען פאר זיך אליין א ווארשטאט. דערוויל, ביז ער וועט אנזאמלען געלט דערפאר, האט ער געהאט געננג ארבעט ביי אנדערע באלעבאטים, וועלכע האבן אים ארומגעשיקט איבערן פארט מיט זיין אצעטילין־שטורקאץ, צו פאררעכטן דארט די אנגעקומענע צעשעדיקטע שיפן. דערוויל האט זיך עס אונטערגערוקט שאפירא און אים צוגעזאגט גאלדענע גליקן:

— וואס וועסטו זיך עס ארומשלעפן איבערן פארט ווי א שנארער? — האט ער מיט אזא איידלקייט גערעדט צו אים. — קום, לאמיר פארלייגן א גרויסע פאבריק, מיט מענטשן און מאשינען! זאלן זיי ארבעטן פאר דיר! דו זאג נאר וויפל געלט דו דארפסט און וואסערע מאשינען און...

איצט, אז מען רעדט אין שטאט וועגן דער פאבריק אדער וועגן דעם אצעטילין־שטורקאץ, קאן מען נאר אים, שאפיראן. וועגן אים, דאווידן, ווייסט קיינער אפילע ניט. שאפירא איז געננג ביטרע געווען. דאוויד האט געוואוסט, אז אומעטום האט יענער זיך פארגעשטעלט ווי דער גאנצער אינזשיניר, דער ספעציאליסט, און אז ער, דאוויד, איז בלויז...

שאפירא וואלט אפילע געווען אינגאנצן פארלייקנט, אז ער, דאוויד, איז א שותף צו דער פאבריק. א גליק בלויז, וואס אף די שילדן איי־בערן טויער און אף די פענצטער, ווי אויך אין די אויפשריפטן אף די קאנווערטן, שרייב־פאפיר און רעכנונג־בלאנקען, האט זיך געזאגט:

„מעכאנישע פאבריק פון שאפירא און בארניק”...

אנדערש וואלט אויסגעקומען, אז ער, דאוויד, זאל נעמען און זיך באטש שטעלן קניען פאר אט דעם דאזיקן פאסקודניאק...

אבער אויך דאס האט דאווידן שוין ניט אזויפיל געארט. פארדראסן האט אים מער ווי אלץ דאס, וואס שאפירא האט זיך די לעצטע צייטן צו־געזעצט צו אים און אים דאקוטשעט:

— דאוויד יאקאוולעוויטש, — האט ער אים קעסיידער געיאדעט, — עס וואלט שוין, בלעבן, צייט געווען, אז דו זאלסט אימיצן פון די יאטן אויסלערנען ווי צו באגיין זיך מיטן אצעטילין־שטורקאץ! כ'וויס...מען איז דאך נאר א מענטש... ווער וויס וואס מארגן קאן זיך טרעפן...קאנסט נאך באלילע קראנק ווערן און...טאמער דארף מען פונקט עפעס, איז גיי און שלעפ דיך באטש קראנקערהייט ארונטער פונעם בעט...

דאַווידן האָט דאָס פאַרדראָסן. ער האָט בוישעד געווען, אַז שאַפּיראָ טראַגט עפּעס אונטערן אַרבל... געפעלט האָט ער, אַז יענער וויל פּאַשעט אויסנאַרן פון אים דעם סאָד, קעדיי דערנאָך...

און ער האָט דאָס בעשום אויפן ניט געוואָלט נאָכגעבן.

שאַפּיראָ איז דעריבער אַרומגעגאַנגען בייז און געמרוקעט אונטער דער נאָז. דאַוויד האָט אַפילע געהערט, אַז ער, שאַפּיראָ, האַלט זיך ביים זען מיט אַן אַדוואָקאַט, קעדיי אויסצוגעפינען, צי ער קאָן אים, דאַווידן, צווינגען דורכן געריכט, אַז ער זאָל מוזן אימיצן אויסלערנען אָט די דאָזיקע אַרבעט. דאַוויד האָט דעריבער פעסט באַשלאָסן ביי זיך:

„אַפילע דורך קאַטאָרגע וועט ער מיך ניט קאָנען באַצווינגען”...

שאַפּיראָ האָט צו אים גערעדט מיט גוטן און מיט בייזן. און יעדעס־מאָל, זעענדיק, אַז ער קאָן גאָרניט אויפטאָן, בייז אויסגעשפּיגן:

— טפו, צו אַלדע רוכעס!...און איך האָב עס ראַכמאָנעס געהאַט אַף אַזעלכן!...פון דער בלאָטע אַרויסגענומען, פאַר אַ מענטשן געמאַכט!...

דאַוויד האָט זיך ניט געוואָלט קריגן. ער האָט בלויז געהאָפט, אַז די מילכאָמע זאָל זיך ענדיקן און — מיט דעם — אויך דער קאָנטראַקט פון זייער שוטפעס, קעדיי צו קאָנען פּאָטער ווערן פון שאַפּיראָן. אַדראַבע, — האָט ער געטראַכט,— לאָמיר זען, צי כ'וועל פאַרפאַלן ווערן אָן אים...

* * * * *

און אָט איז אָנגעקומען די רעוואָלוציע...דאַוויד האָט געהאָפט, אַז איצט וועט די מילכאָמע זיך אָט־אָט ענדיקן. אָבער די צייטווייליקע רעגי־רונג, צוזאַמען מיט קערענסקין, האָבן ניט געוואָלט קיין שאָלעם. דאַוויד איז אַרומגעגאַנגען אָן אויפגערעגטער און צעטראָגענער.

דערווייל, איידער מען האָט זיך אַרומגעקוקט, האָבן זיך איבער דער שטאָט גענומען טראָגן שיסערייען. אין פּאָרט, ערגעץ וויט, האָבן קאַנאָנען געקראַכט. געשמועסט האָט מען, אַז דאָסמאָל וועלן שוין די באָלשעוויקעס קומען אַף אַן עמעס. מען האָט שוין אַפילע געזען ווי די פּעטליוראַווצעס עוואַקואירן זיך. אין די טעג איז די פאַבריק ביי שאַפּיראָן און באָרניקן געשטאַנען ליידיק. מען האָט ניט געאַרבעט...

אין שטאָט האָט מען גערעדט, אַז דאָרט וואו די באָלשעוויקעס קומען נאָר אַריין, — פאַרנעמען זיי גלייך די פאַבריקן, קאָנפיסקירן די מאַשינען און אַרעסטירן די באַלעבאַטים. אַנדערע האָבן דערציילט, אַז ס'איז ניט אַזוי: אַז די באַלעבאַטים, וואָס זענען אַליין גוטע באַלמעלאָכעס, אָדער פירער, ווערן איבערגעלאָזט אַף זייערע פּלעצער ווי אויפזעער, און באַ־קומען גאָר אַ פיינעם געהאַלט. מען האָט בלויז געזאָגט, אַז יענע, וואָס ווייסן עפּעס אַ וויכטיקן סאָד, האָבן עפּעס אַן אויסבעסערונג, אָדער גאָר אַ דערפינדונג,— ווערן געצוואונגען דאָס איבערצוגעבן און אויסלערנען אַנדערע אַרבעטער און סטודענטן...

דאַוויד איז געווען באַאומרואיקט. אים האָט געצויגן אין פאַבריק אַריין. ער איז געזעסן איינער אַליין אין זיין קאָנטאָר, וואָס פון פאָרנט פון פאַבריק, און ניט אויפגעהערט צו טראַכטן:

„און וואָס וועט זײַן, אויב זיי וועלן אים טאַקע צווינגען צו לערנען אַנדערע ווי צו אַרבעטן אויף אַצעטילין־שטורקאָץ?"...

אין קאַנטאָר איז מיטאַמאָל אַרײַנגעלאָפֿן שאַפּיראָ:

— האָסט געהערט, דאַוויד, — האָט ער, אָנשטאָט אַ באַגריסונג, אים אַ זאָג געטאָן. — מען זאָגט, אַז מאָרגן, אָדער איבערמאָרגן קומען די גדולים אין שטאָט אַרײַן!...וואָס וועלן מיר טאָן?...זיי וועלן דאָך זיכער צונעמען די פֿאַבריקן!...

דאַוויד האָט געשוויגן. קוקנדיק אויף שאַפּיראָן, איז ער געווען ניט נאָר גרייט איבערצוגעבן די באַלשעוויקעס די פֿאַבריק מיט די מאַשינען, נאָר אַפֿילו אַ טעל מאַכן פֿון אַלעם...אַלעמען, — האָט ער געטראַכט בײַ זיך, — זאָל עס אָנקומען, נאָר ניט אים, דעם ספּעקוליאַנט שאַפּיראָן...

שאַפּיראָ האָט דערווײַל אַ שטילן הוסטעלע געטאָן. ער האָט זיך אומ־געקוקט, ווי ער וואָלט געזוכט זיך צו איבערצײַגן, אַז עס איז קיינער ניטאָ אין קאַנטאָר. דערנאָך האָט ער זיך נעענטער צוגעבויגן צו דאַווידן און שטיל אים אַ זאָג געטאָן:

— הער, דאַוויד!...זיי וועלן אַוודאי קומען, די אויסוואורפֿן!...זיי וועלן צונעמען די פֿאַבריק...אונדזער האָב און גוטס, סיידן...

דאַוויד האָט שווײַגנדיק אים געקוקט אין די אויגן אַרײַן.

— זעסטו...— האָט שאַפּיראָ ווײַטער גערעדט, — עס איז פֿאַראַן אַן אויסוועג...יאָ, מען קאָן זיך נאָך ראַטעווען!...

דאַוויד איז געזעסן גלײַכגילטיק. שאַפּיראָ איז אויש געשפּרונגען:

— מענטשן! זעט נאָר ווי קאַלט דאָס איז! עס אַרט דאָך אים אַפֿילו גאָרניט פֿאַרן געלט, וואָס איך האָב אין געשעפֿט אַרײַנגעלייגט!...

דאַוויד האָט געשמײכלט. זײַנע וואָנצעס האָבן זיך אויש געהויבן.

— הער מיך אויס! — האָט שאַפּיראָ גענומען דראָען מיט אַ פֿינגער אויף דאַווידן. — די אײַנציקע האָפֿנונג איז דאָס, וואָס זיי וועלן מיסטאָמע דאָ לאַנג ניט בלײַבן...מען וועט זיי, מיט גאָטס הילף, באַלד פֿאַרטרײַבן. מיר דאַרפֿן דעריבער זען עפּעס טאָן פֿאַר די פּאָר טעג. זאָלן מיר אָבער אַלץ איבערלאָזן אַזוי־אָ, וועלן זיי עס צונעמען און אַוועקפֿירן צו זיך, קיין מאָסקווע! אָבער ...— האָט שאַפּיראָ, כאַפּנדיק נאָכאַמאָל אַ קוק אַרום זיך, אַ פֿינטל געטאָן מיט אַן אויג און שטילער צוגעגעבן. — פֿאַרשטייסט... נו, צעבראָכענע מאַשינען נעמען זיי ניט!...

דאַוויד האָט זיך אויפֿגעשטעלט:

— וואָס מיינט איר?...

— איך מיין, — האָט שאַפּיראָ קאַלט געענטפֿערט, — אַז מען דאַרף די מאַשינען פֿאַנאַנדערנעמען! אַפֿילו טיילווײַז צעברעכן!...יאָ־יאָ, קוק מיך ניט אָן אַזוי! איך זאָג: — אַפֿילו צעברעכן, אַבי מײַנע מאַשינען זאָלן צו זיי ניט אָנקומען!...

דאַוויד האָט שטעכיק אַ לאַך געטאָן:

— איך האָב דאָך אויך עפּעס וואָס צו זאָגן!...ניין?...

— ס'איז מײַנע מאַשינען! — האָט שאַפּיראָ געקוויטשעט, קלאַפּנדיק

זיך מיט דער האַנט איבער דער ברוסט. — עס איז מײַן געלט!...

— ס׳איז אָבער מײַן פּראַצע און מײַן װיסן! — האָט דאַװיד גענומען ציטערן. — און איך װעל קײַן מאַשינען ניט לאָזן צעברעכן!... פאַר אײַך זענען זײ עפּשער בלויז טויטע שטיקער אײַזן, פאַר מיר, אָבער, זענען זײ װי לעבעדיקע באַשעפעניש!... איך װעל זײ ניט לאָזן אָנרירן!...

שאַפּיראָ האָט גענומען װילד אַרומלויפן. באַלד האָט ער זיך װידער אָפּגעשטעלט, גענומען קלאַפּן אין טיש און געשריגן:

— גוט! זײ זענען אויך דײַנע! אָבער עפּעס מוז מען דאָך טאָן מיט זײ!... עפּעס מוז מען דאָך טאָן!...

— איך װעל גאָרניט לאָזן טאָן! — האָט דאַװיד געציטערט.

— ביסט משוגע? — האָט שאַפּיראָ געשיפּעט. — זײ װעלן דאָך אונדז אומגליקלעך מאַכן! װעסט דאָך דאַרפן אָנטאָן אַ טאָרבע און גײן איבער די הײַזער!... מען מוז און מען קאָן זיך נאָך ראַטעװען!... מען קאָן עס מאַכן אַזוי, זײ זאָלן בלויז מײנען, אַז די מאַשינען טויגן ניט...

ער האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און גענומען בעטן:

— גײ, דאַװיד, טו זיך אַ נעם צו דער אַרבעט! נעם פאַנאַנדער די מאַשינען!...װאָרים אויב דו װעסט עס ניט טאָן, — האָט ער געשריגן, — װעל איך זײ מיט מײַנע אײגענע הענט צעשמעטערן!... הערסט?...

ער האָט זיך גלײַך אַ לאָז געטאָן אין פאַבריק אַרײַן און צוגעלאָפן צו אַ טאַקאַרני־געשטעל. ער האָט האַסטיק אַרונטערגעריסן דעם טראַנסמיסיע־פּאַס פון פלי־ראָד, אַ כאַפּ געטאָן אַ גרויסן פּראַנצוזישן שליסל, װאָס איז אים אונטער דער האַנט געקומען, און גענומען װילד קנאַקן איבערן ראָד. בײַ דאַװידן אין האַרצן האָט זיך עפּעס װי אָפּגעריסן. ער האָט געפילט, װי די קלעפּ װאָלטן גאָר געפאַלן אַף זײַן אײגענעם קאָפּ. ער איז פלינק אונטערגעלאָפן צו שאַפּיראָן און אים אַ כאַפּ געטאָן בײַ דער האַנט:

— ניט! ניטע!... איר זײַט משוגע!... לאָזט אָפּ!... דאָס איז דאָך גוס־אײַזן!... עס װעט דאָך צעפּלאַצט װערן!...

שאַפּיראָ האָט זיך אַרויסגעריסן פון אים. זײַנע אויגן זענען געװען װילד, װי בײַ אײנעם, װאָס איז פּלוצים משוגע געװאָרן. מיט דער צװײטער האַנט האָט ער אַ כאַפּ געטאָן אַ גרויסן האַמער און אין װילדער רעציכע גענומען האַקן מיט בײדע קײלים איבערן מאַשינען־געשטעל. די קלעפּ האָבן טויב און שאַרף אָפּגעהילכט איבער דער פאַבריק און זיך אַזוי װי צונויפגעקײַטלט מיטן האַרמאַטן־קנאַל, װאָס האָט זיך געטראָגן פון ערגעץ אינדערװײַט, װי פון עם צװײטן זײַט יאַם. דאַװיד האָט אים מיט טרערן געבעטן:

— לאָזט אָפּ, איסאַק גריגאָריעװיטש! איר װעט דאָך צעברעכן!...

— איך װעל זײ בעסער מיט מײַנע אײגענע הענט צעשמעטערן, — האָט שאַפּיראָ געװאָיעט, — אײדער זײ, די פאַרשאָלטענע באָלשעװיקעס, זאָלן עס פאַר מײַנע אויגן צונעמען!... איך װעל זײ... סײדן... דו אַלײן...

װי אַן אויסגעמידטער נאָך אַ פאַרלוירענעם געראַנגל, — האָט דאַװיד צעװײַטיקט אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ. ער האָט אַרונטערגעװאָרפן פון זיך דאָס רעקל, װי אַ היפּנאָטיזירטער אַרויסגענומען די קײלים פון שאַפּיראָס

הענט און — הילגלאָז, ווי עס וואָלט אים גאָרניט אָנגעגאַנגען — גענומען איינס נאָך דאָס אַנדערע ארונטערשרויפּן די שלעסער, מיטרעס, געשטעלן, האַקנס, הויבערס, צאַפּנס און רעדער פון די מאַשינען. ער האָט געאַרבעט שווער און זיך באַגאָסן מיט אַ שווייס. ביסלעכווייז האָט ער זיך אינגאַנצן פאַרגעסן. ער איז אַזוי פאַרכאַפּט געוואָרן פון זיין אייגענעם אַרבעט־טעמפּ, אַז ער האָט — אומבאַוואוסט פאַר זיך אַליין — גענומען פלינקער פאַנאַנ־דערשרויפן אַלע צענעמבאַרע טיילן פון די מאַשין־געשטעלן.

אין אַ שטיקל צייט אַרום זענען איבער דער פאַבריק — ווי צעקאַליע־טשעטע, מאָדנע באַיעס — געשטאַנען די צענומענע טאָקאַרניעס, עגבערס, שלייפערס, פאָלירערס, זעגן, שטאַמפּן און אַנדערע מאַשין־געשטעלן. אַרום זיי, אויף דער ערד, האָבן זיך — ווי אָפּגעשניטענע אייווערים פון לעבעדיקע באַשעפענישן — געוואַלגערט אין אומאָרדנונג די אָפּגעשרויפטע טיילן: שרויפּן, מיטרעס, קעפּלעך, האַקנס, רעדער, רודערס און שלעסער. עס האָט אויסגעזען ווי נאָך אַ גרויסן כורבן...בלויז אין איינזאַמע קאַוואַדלע — פון איין שטיק אַ געגאָסענע — איז פאַרבליבן שטיין אין אַ ווינקל פון פאַבריק, אויף אַ קלאָץ, — גאַנץ און אומצענעמבאַר...

שאַפּיראָ איז אַוועק. באַלד האָט ער געבראַכט מיט זיך פיר טאַטערן, מיט לאָפּעטעס און גראָב־אייזנס. ער האָט זיי אָנגעוויזן אויף אַ פּלאַץ אינעם ווינקל הויף, לעבן דער הינטערשטער טיר פון פאַבריק, און געזאָגט:

— אָבער מאַכט עס גיך!...היינט מוז עס זיין פאַרענדיקט!...

די טאַטערן האָבן גענומען גראָבן אַ גרוב און שאַפּיראָ האָט זיך אַרומגעדרייט אַרום זיי און קאָמאַנדעוועט. דאַוויד איז געשטאַנען לעבן אַ וואַנט און זיך קימאַט אינגאַנצן ניט באַוועגט. עס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט זיינע געדאַנקען פאַרלוירן...

דער גרוב איז פאַרטיק געוואָרן. די טאַטערן האָבן גענומען שלעפּן די מאַשין־טיילן און זיי אָנגעהויבן אַרונטערלאָזן אין גרוב אַריין...

מיטאַמאָל האָט דאַוויד זיך אַ ריס געטאָן פון זיין פּלאַץ. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן שטיקער פּאַק־פּאַפּיר מיט שמאַטעס און זיי גענומען אַריינוואַרפן אין גרוב, ווי אַן אויסבעטונג פאַר די מאַשינען. דערנאָך האָט ער גע־נומען אַ שמאַטע, געטונקען אין אַ בלעך מיט צעגאָסענעם כאַזער־פעטס און דערמיט באַשמירט די מאַשין־טיילן. די טאַטערן האָבן אַרונטערגעלאָזט די שטיקער, פאַרדעקט מיט ברעטער, און גענומען פאַרשיטן דעם גרוב. דאַוויד איז ווידער געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט און מיט שטאַר־אָנגעלאָפענע אויגן זיך צוגעקוקט. זיין פּנים איז געווען פאַרפינצטערט, שוואַרץ, און אָנגעגאָסן מיט טרויער. עס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט דאָ געווען אַן אייגענע מאַמע באַגראָבן...

* * * * *

די שיסערייען אין שטאָט האָט זיך פאַרשטאַרקט. די הייזער האָבן זיך געשאָקלט ווי אין אַן ערד־ציטערניש. בירגער האָבן זיך אין די קעלערס באַהאַלטן. ריזיקאַלישע באָכערים האָבן זיך ביי די טויערן געשטעלט און פאָרזיכטיק די קעפּ אויף די גאַסן אַרויסגערוקט. קלאַנגען האָבן זיך

געשפּרייט צוזאַמען מיט דער מוירע און — האָבן זיך געביטן מיט יעדן באַוועג פון די זייגער־ווייזערס. פרויען האָבן געציטערט און די הענט געבראָכן. ספּעקוליאַנטלעך, מיט אָנגעהאַנגענע קוישלעך ברויט אַף זיך, האָבן זיך גערוקט אַף אַלע פיר איבער די טראָטוארן און אויסגעביטן זייער סכוירע אַף מאַסן פּאַפּירלעך. עס האָט געהערשט אַ שווערער אומרו און אַ צאַפּלדיקער אומגעדולד...

ביסלעכווייז האָט זיך דאָס שיסעריי פּאַרט איינגעשטילט, זיך דערווייטערט און אינגאַנצן אַנטשטומט געוואָרן. טויערן האָבן זיך צעעפנט און מענטשן האָבן זיך אַף די גאַסן אַרויסגעלאָזט. איבער די גאַסן האָבן — ווי יאַמטעוו־פייערן — רויטע פאָנען מיט גאָלדענע אויפשריפטן זיך זיגעריש צעווייעט. רויטע רייטער, אַף אויסגעצערטע, ביינערדיקע פערד, זענען — שטאָלצע — איבער די סקווערן געריטן. אויסגעמוטשעטע, אָפּגעברענטע, אָבער פריילעך־האָפערדיקע רויט־אַרמייער, האָבן איבער די גאַסן אַרוממאַרשירט. מאַסן אַרבעטער — אין יאָמטעוו־קליידער — זענען געשטאַנען מיט ברייט־צעעפנטע אויגן און אויסגעגלייכטע פּלייצעס אַף די גאַסן־טראָטוארן, און הילכיק באַגריסט די פאַרבײמאַרשירנדיקע... יעדע ווײל האָט זיך פון אַן אַנדער זייט אַ טראָג געטאָן אַ נייער הוראַ־געשריי...

אַף די גאַס־ראָגן האָט מען גרויסע מעלדונגען פון דער נייער מאַכט צעהאַנגען. גרופּעס מענטשן האָבן זיך צו זיי אַ לאָז געטאָן. עס איז געוואָרן אַ שטופּעריי. אַלע האָבן זיך אָפּאָנים געוואָלט וואָס־גיכער אָנזעטיקן מיט די נייע רייד פון דער נייער רעגירונג. ערגעץ ביי אַ ראָג גאַס, האָט אימיצער אַף אַ קאָל פאָרגעלייענט:

— צו די בירגער פון שטאָט! — האָט זיך זיין שטימע צעטראָגן אפן גאַנצן ארום. — צו אַלע אַרבעטער!... די באָלשעוויסטישע, ציטווייליקע שטאָט־רעגירונג, רופט אַלעמען זיך צו שטעלן אַף זיין פּאָסטן!... יעדער צו זיין אַרבעט!... די סאָוועטישע מאַכט וועט באַלוינען די, וועלכע וועלן ווי געהעריק דערפילן זייערע פליכטן!... יענע, אָבער, וואָס וועלן פּרובירן צו סאַבאָטאַזשירן, — וועלן שטרענג באַשטראָפט ווערן! בירגער, צעשטערט ניט קיין פאָלקס־פאַרמעגן!... אַרבעטער, היט די פאַבריקן און מאַשינען! געדענקט, אַז אַלץ איז איצט אייערס!... זעט, אַז די בורזשואַזיע זאָל ניט צעברעכן אייער איינגנטום!... באַריכטעט גלייך וועגן אַלע סאַבאָטאַזש־און־צעשטער־פאַלן אין שטאָטישן רעוואָלוציאָנערן שטאַב!...

אַרבעטער־פּענימער האָבן געלויכטן פון פרייד און האָפנונג. פאַרדעכטיקע פיגורלעך האָבן זיך איינגעהויקערטע פאַרביי־געגאַנוועט. מיט די קאַפּעלושלעך איבער די אויערן, אַז מען זאָל זיי ניט דערקענען, האָבן זיי איילנדיק פאַרבײשפּאַצירט און זיך ניט אָפּגעשטעלט. דאַוויד האָט — אַ טרויעריקער — אַרומגעבלאָנדזשעט איבער די גאַסן. זיינע אויגן זענען געווען אויפגעבלאָזן ווי ביי אַ פיבער־קראַנקן. זיינע שוואַרצע, גרויסע וואָגצעס, זענען ביי אים — ווי ביי אַ צעווילדעוועטן קאָטער — געווען צעפּלאָשעט און צעשויבערט. אים האָט זיך אַלץ אויסגעוויזן, אַז אַלע קוקן אַף אים, טייטלען מיט די פינגער און סוידען זיך וועגן די באַגראָבענע

מאשינען... ער האט אינגאנצן געציטערט... אים האט עפעס אזוי שטארק געצויגן אין פאבריק אריין... ער האט אינדערגיך איינגעקויפט עטלעכע צייטונגען, שטיל — ווי א גאנעוו — זיך גענומען שארן ביי די ווענט און אזוי זיך קוים אריבערגעכאפט אין פאבריק אריין...

דאוויד האט זיך אוועקגעזעצט אין קאנטאר,ביים שרייבטיש. ער האט צעוויקלט די צייטונגען און גענומען אריינקוקן אין זיי. ער האט געלייענט די מעלדונגען און אויפרופן פון דער רעגירונג, און געציטערט, בעתער ער האט דערזען, וואס-פאר־א שטרענגע שטראף עס דערווארט אים, אויב מען זאל נאר אויסגעפינען...

מיטאמאל האט דער טעלעפאן א קלונג געטאן. דאוויד האט זיך דער־שראקן. ער איז געווען זיכער, אז דאס מוז זיין פון דארט, פון דעם באלשעוויסטישן שטאב. מיט ציטערדיקע הענט האט ער א נעם געטאן דאס טעלעפאן-טרייבל. שאפירא האט גערעדט צו אים:

— הער, דאוויד, — האט זיך געהערט פון יענער זייט טעלעפאן, — אויב אימיצער פון זיי וועט אריינקומען, — זאלסטו דאן גארניט רעדן! האלט ס'מויל!... געדענק, אז זיי זענען אהערגעקומען אף עטלעכע טעג בלויז!... אזוי רעדט מען אין שטאט!...

דאוויד האט עפעס א ברום געטאן און זיך גענומען ווידער אריינקוקן אין צייטונג. די שורעס האבן מאמעש געברענט זיינע אויגן:

„טויט־שטראף פאר די, וואס וועלן צעברעכן, אדער באהאלטן מאשי־נען, אדער זייערע טיילן!" — האבן די ווערטער אים געבויערט פונקט ווי אן עגבער און זיך געדרייט פאר זיינע אויגן ווי פייערדיקע טראנספאראנטן.

— די סאוויעטן־מאכט וועט אן שום ראכמאנעס אויסראטן יענע עלעמענטן, וואס וועלן דורך צעשטערונג זוכן אויסצומארען די ארבעטער און שטערן די סאוויעטן־מאכט אין איר אויפבוי־ארבעט!"...

דאוויד האט גענומען קאנוואולסיוו פיבערן. מוראשקעלעך — האט ער געפילט — זענען אים איבער דער הויט געקראכן. א גליענדיק פייער האט אים אין ברוסט געברענט און אים די האר אין קאפ געשטאכן. א צע־רודערטער האט ער גענומען ארומשפאנען איבער דער קאנטאר. אים האט זיך מיטאמאל גענומען אויסווייזן, ווי אויסגעשטעלטע ביקס־רערן האלטן געשטאנען אויסגעשטעלט גלייך אנטקעגן זיין קאפ. ער האט געציטערט. מיטאמאל האט ער זיך א כאפ געטאן און זיך געלאזט זוכן א לאפעטע. אין דער מינוט איז ער גרייט געווען זיך נעמען מיט די אייגענע הענט צוריק אויסגראבן די באהאלטענע מאשין־טיילן און זיי צוריקשטעלן אף זייערע פריערדיקע פלעצער. ער האט צעווייטיקט געברומט:

— כאפט אים דער טייוול, דעם ספעקוליאנט!...צוליב אים לוינט זיך מיר ניט מיטן לעבן צו באצאלן!... זאלן מוירע האבן די, וואס האבן בכלאל מוירע צו ארבעטן!...

דער טעלעפאן האט ווידער א קלונג געטאן:

— ווער רעדט? — האט דאוויד אומגעדולדיק און דערשראקן א פרעג געטאן אין טרייבל אריין.

שאַפּיראָ האָט ווידער געשריגן:

— הער, דאַוויד, איך האָב זיך נאַר־וואָס דערוואוסט, אַז מאָרגן פרי גייען זיי צוריק אַוועק! הורא!...פּעטליורע קומט ווידער צוריק! אָבער...

— האָט ער דאָרט, אין יענער זייט טעלעפאָן, מיטאַמאָל אַרונטערגעלאָזט זיין שטימע, — טאָמער קומט דערווייל אימיצער פון זיי אַריין, — זאָלסטו קיין איינציק וואָרט ניט רעדן!...הערסט? — דו ווייסט פון גאָרניט!...

דאַוויד האָט נאָך רעכט ניט באַוויזן אַוועקצולייגן דאָס טרייבל פון זיין האַנט, ווי דאָס גלעקל ביי דער אַריינגאַנג־טיר פון קאָנטאָר האָט מוירעדיק אַ שאַרפן קלונג געטאָן. ביי דאַווידן אין האַרצן האָט זיך עפּעס אַ ריס געטאָן. דער קלונג האָט אים דאַסמאָל אַזוי צעטומלט, אַז עס האָט אים אַזש געגומען שווינדלען אין די אויגן. ער האָט געקוקט צו דער טיר און קימאַט גאָרניט געזען. ערשט אין אַ וויל אַרום, האָט ער דאָרט, אין טיר, ווי דורך אַ נעבל, דערזען צוויי יונגעלייט. ביידע — אין לעדערנע קורטקעס און מיט רעוואָלווערן אַף לעדער־רימענס איבער זייערע אַקסלען פאַרוואָרפן. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין דער טיר, באַטראַכט די שילד, וואָס אַפן פענצטער, ווי צום איבערצייגן זיך, צי דאָס־אָ איז טאַקע דאָס פּלאַץ, וואָס זיי זוכן. איינער האָט פונוויטן אַ פרעג געטאָן ביי דאַווידן:

— איז בירגער שאַפּיראָ פאַראַן דאָ?...

— ניין!...— האָט דאַוויד מיט ציטערניש אין קערפּער און אין דער שטימע, שוואַך אָפּגעענטפערט. — ער...ער איז איצט ניטאָ..

ער איז מיטאַמאָל בלאַס געוואָרן. לויטן אָנטאָן פון די יונגעלייט, לויט די שטערנדלעך אַף די היטלען, און לויט די אויסגעניי̈טע סערפּן און העמערלעך אַף זייערע אַרבל, — האָט ער גלייך דערקאַנט, אַז דאָס זענען זיי, די באָלשעוויקעס...

— און ווער זייט איר, בירגער? — האָט איינער אים אַ פרעג געטאָן.

— איך...איך בין באַרניק...אַ שותף פון פאַבריק...

— אויך גוט! — האָבן ביידע יונגעלייט ווי אינאיינעם צופרידן אַ זאָג געטאָן. — מיר זענען פאַראינטערעסירט דורכצוקוקן די פאַבריק און פאַרשרייבן דעם אינווענטאַר. איר פאַרשטייט דאָך אַוודע, אַז די מאַשינען זענען פון איצטער אָן דעם פאָלקס פאַרמעגן?!...איר וועט דעריבער אַזוי גוט זיין און אונדז אַריינפירן ווייזן די פאַבריק!...

דאַוויד האָט זיך שווער און פויל אויפגעהויבן פון זיין פּלאַץ. ער האָט זיך געלאָזט אין פאָראויס און געעפנט די טיר, וואָס האָט געפירט פון קאָנטאָר צו דער פאַבריק:

— ביטע! — האָט ער אַ זאָג געטאָן, — אָבער היט זיך — אַ טרעפּל!

די צוויי יונגעלייט האָבן זיך פאָרזיכטיק אַרונטערגעלאָזט פון דעם טרעפּל און געבליבן שטיין פאַר אַ וויל — געטראָפן פון דער מיטאַמאָליקער פינצטערניש, וואָס האָט פון אינעווייניק — איבער די צוגעמאַכטע לאָדנס — אין די אויגן אַ זעץ געטאָן:

— איז ניט פאַראַן קיין שום ליכט דאָ ביי אייך? — האָט איינער פון די יונגעלייט אַ פרעג געטאָן, — צינדט זשע אָן!...

דאַוויד האָט אַ קוועטש געטאָן אַן עלעקטריש קנעפּל.

די מיטאַמאָל־באַלויכטענע פאַבריק האָט אַ וואָרף געטאָן פון זיך מיט אַ טרויעריקער פּוסטקייט. די מאַשינען — צענומענע, אָן רעדער און אָן קעפּ — האָבן אויסגעזען ווי צעקאַליעטשעטע מאַכנעס נאָך אַ שלאַכט...

— או־הום!...— האָט איינער פון די באַזוכער פאַרשנדיק אַ ברום געטאָן און צוגעגעבן, — נו, און וואו זענען די מאַשין־טיילן?...

דאַוויד האָט אַ ציטער געטאָן:

— צעבראָכן!...איר פאַרשטייט...— האָט ער גענומען מורמלען, — די דאָזיקע מאַשינען שטייען שוין דאָ אַזוי אַ צייט לאַנג... נאָך פון פאַר אָנהויב מילכאָמע...איר פאַרשטייט... די גרענעצן זענען פאַרמאַכט... קיין טיילן — ניט פון אַמעריקע און ניט פון דייטשלאַנד — ניט געווען צו באַקומען...מיר האָבן דערפאַר שוין אַ לאַנגע צייט ניט געאַרבעט אַף זיי...איצט...עפּשער, ווען די גרענעצן וועלן זיך עפענען...

די באַכערים האָבן שמייכלענדיקע זיך איבערגעקוקט און — ביידע צוזאַמען, קימאַט אין איין אָטעם, אַ ברום געטאָן:

— או־הום...אַזוי?!...

דער ערשטער האָט ווידער אַ פרעג געטאָן:

— טאָ ווי זשע קומט עס,— בירגער באָרניק, דאַכט זיך, — וואָס עס איז ניט פאַרבליבן קיין פּיצל פון די צעבראָכענע טיילן?... איז עס דען מעגלעך, אַז אַ גאַנצער ראָד, אָדער אַ קאָפּ, זאָל מיטאַמאָל זיך עס האָבן אַזוי אויסגעריבן ביזן ביין?... אָדער קאָן עפּשער זיין, אַז זיי זאָלן גאָר האָבן אינמיטן דער נאַכט דורך די פענצטער ארויסגעפּלויגן?...

דאַוויד האָט ארונטערגעלאָזט דעם קאָפּ און געשוויגן.

די יאַטן האָבן זיך פלינק אַ דריי געטאָן און זיך געלאָזט צוריק צו דער קאָנטאָר־טיר. איינער האָט אַ זאָג געטאָן צום צווייטן:

— ווי עס זעט אויס, וועלן מיר מיסטאָמע דערוויייל דאַרפן פאַרנעמען דעם בירגער באָרניק...אַ שאָד, וואָס דער צווייטער איז ניטאָ...

דאַוויד האָט מיטאַמאָל דערפילט ווי אין האַלדז איז אים עפּעס ענג געוואָרן. עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז עפּעס איז אים דאָרט, אינעווייניק, געבליבן שטעקן... ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער ניט געוואוסט וואָס און ווי אַזוי. מיטאַמאָל האָט דער טעלעפאָן ווידער אַ קלונג געטאָן. דאַוויד האָט געקוקט אַף די באַכערים און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. פאַרשטאַנען האָט ער, אַז דאָס מוז אַוודע זיין שאַפּיראָ. איינער פון די יאַטן האָט אַ נעם געטאָן דאָס טרייבל צום אויער און דערביי אַ וואונק געטאָן דאַווידן, אַז ער זאָל רעדן. דאַוויד האָט געפאָלגט:

— ווער רעדט עס?— האָט ער מעכאַניש־שווער— קוקנדיק אַפן באַכער, וואָס איז געשטאַנען לעבן אים— געפרעגט אין טעלעפאָן אריין.

— ס'איז איך, שאַפּיראָ!—איז געקומען אַ גרילצנדיקער ענטפער.

— וואָס איז ווידער? — האָט דאַוויד צעשראָקן אַ פרעג געטאָן.

— הער, דאַוויד, — האָט שאַפּיראָס שטימע פון יענער זייט געגרילצט דורכן טעלעפאָן־טרייבל, אַז עס האָט אַזש מיט טעמפּקייט אָפּגעהילכט איבער

דער קאַנטאָר. — זאָלסט וויסן זיין, אַז אויב אימיצער קומט אַריין, טאָ זאָלסטו זיך אַמאָל באַלילע ניט אַרויסכאַפּן מיט אַ וואָרט וועגן די רעדער און טיילן. הערסט?...וואָרים אַז זיי וועלן קומען און ניט געפינען, וועלן זיי אַוועקגיין...מען זאָגט, אַז מאָרגן, אָדער העכסטנס איבערמאָרגן, וועלן זיי אינגאַנצן אַנטלויפן פון שטאָט. מיר וועלן אינגיכן פּאָטער ווערן פון זיי! דאַרפסט גאָרניט ציטערן!... און הער: טאָמער דערוויס איך זיך, אַז דו האָסט באַלילע אַ וואָרט געלאָזט פאַלן — מעגסטו זיך אָפּגעזעגענען מיטן לעבן!... פאַרגעס ניט ווער עס קומט אין שטאָט אַריין נאָך זיי!...

דער באָבער, וואָס האָט געהאַלטן דאָס טרייבל ביים אויער, האָט גע־שמייכלט און אָפּן וואונק געוויזן דאַווידן, אַז ער זאָל שאַפּיראָן הייסן גלייך אַהערקומען. אָן טירוצים אַהערקומען. דאַווידן האָט געשטיקט:

— הערט, שאַפּיראָ,— האָט ער געשטאַמלט אין טעלעפאָן אַריין. — איך... איך קאָן שוין ניט מער!... איך... אויב איר וועט גלייך ניט אַהערקומען, האָב איך מוירע, אַז איך...

שאַפּיראָ האָט פון יענער זייט טעלעפאָן גענומען זידלען דאַווידן. ער האָט געשריגן, אַז ער האָט קיין צייט ניט; אַז דאַוויד זאָל ניט מיינען, אַז דאָס זענען זיינע איינציקע געשעפטן; אַז ער האָט נאָך אַנדערע אַרבעט צו באַזאָרגן; אַז ער דאַרף גרעסערע פאַרמעגנס באַהאַלטן פון די פאַרשאָל־טענע מעכאַבלים און אַז ער, דאַוויד, איז אַליין ניט קליין אַזאַ קליינינקייט צו באַזאָרגן... סיידן ער וויל עפּשער, אַז פּעטליורע, אָדער ווער עס וועט ביכלאַל אַריינקומען נאָך די באָלשעוויקעס, זאָל אים דערפאַר...

דאַוויד האָט אין פאַרלעגנהייט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט דערמיט וועלן באַווייזן די יונגעלייט, אַז ער האָט שוין מער ניט וואָס צו רעדן; אַז עס וועט שוין סיי־ווי ניט העלפן. דערזעענדיק, אָבער, די דראָענדיק־באַפעלערישע בליקן ביי דיביידע באָבערים און זייער שטומען שמייכל, האָט ער ווייטער אַריינגערעדט אין טעלעפאָן אַריין:

— ווי איך ווילט זיך, שאַפּיראָ!... איך זאָג אייך אָבער גאַנץ אָפן, אַז אויב איר קומט ניט גלייך אַריבער...

— גוט! — האָט שאַפּיראָ פון יענער זייט ביז אַ ברום געטאָן און אַוועקגעהאַנגען דאָס טרייבל.

דער יונגערמאַן האָט זיך צעשמייכלט:

— אַזוי־אַזוי?!...נו־נו, ווי עס זעט אויס, בירגער באָרניק, איז עס גאָרניט אַזויפיל אייער שולד, ווי איך האָב לעכאַטכילע גערעכנט!... עס זעט אויס, אַז איר זייט אונטער אַ שלעכטן איינפלוס פון אַ צווייטן. יאָ... אָבער...אינגאַנצן אומשולדיק זייט איר אויך ניט!..איר האָט, פאַרשטייט איר מיך, צוגעהאָלפן צו אַ פאַרברעכן קעגן דער אַרבעטער־רעגירונג... אָבער אויב איר ווילט זיך העלפן,— וועלן מיר אייך געבן אַ געלעגנהייט! גייט עס?...ווייזט זשע וואו איר האָט באַהאַלטן די מאַשין־טיילן און...

דאַוויד האָט אַ שווייגנדיקער זיי אַרויסגעפירט אָפן הויף און אַ ווייז געטאָן צום פריש־פאַרשאָטענעם פלאַץ.

איינער פון די יונגעלייט האָט זיך אַרונטערגעבויגן, אַ גראָב געטאָן

מיטן קנאַפּל אינעם ווײכן פּלאַץ אין דער ערד און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ ווי א באַשטעטיקונג. צו דאַווידן האָט ער ווידער א זאָג געטאָן:

— איר זײט א מעכאַניקער?...

— או־הום...

— און דער צווייטער?...

— נײן!... ער איז בלויז דער פינאַנסירער!...

— טאָ זאָגט־זשע מיר, איך בעט אײך, ווי אזוי האָט איר, א מעכאַ־ניקער, זיך דערלויבט צו טאָן אזא זאַך?...צי ווייסט איר דען ניט, אז די טײלן וועלן פאַרזשאַווערט ווערן אין דער ערד, קאַליע ווערן?...

— איך האָב עס, ערן וואָרט, ניט געוואָלט! — האָט דאַוויד קימאַט גענומען וויינען און דערבײ געפילט ווי בלוט וואָלט זיך פון זײן הארצן געגאָסן. — גלויבט מיר, אז איך האָב עס ניט געוואָלט!... ער האָט מיך געצוואונגען!... ער האָט געוואָלט צעברעכן... מיט שווערע האַמערס האָט ער געקנאַקט איבער זײ... איך, קעדײ ווי ניט איז אָפּצוראַטעווען די טײלן, האָב זײ מיט פעטס ארומגעשמירט, מיט פּאַפּיר ארומגעוויקלט...

די יונגעלײט האָבן זיך גענומען דורכרעדן אינדערשטיל צווישן זיך און זיך בעראַטן וואָס צו טאָן. אָבער איידער זײ האָבן נאָך באַוויזן צו פאַרענדיקן זײערע רייד און קומען צו וועלכן עס איז באַשלוס, — האָט דאָס טיר־גלעקל אין קאַנטאָר א קלונג געטאָן און אַפן כריפּעדיקן דיל האָבן זיך דערהערט איילנדיק־האַרטע טריט. די יונגעלײט האָבן פלינק זיך א שפּאַר געטאָן צו דער וואַנט, ווי זײ וואָלטן וועלן ארײנקריכן אין איר. אײנער האָט דערבײ א וויז געטאָן דאַווידן מיט א פינגער, אז ער זאָל שווײגן, און אינדערשטיל אים א פרעג געטאָן:

— ס'איז ער, שאַפּיראָ?... זײן גאַנג?...

דאַוויד האָט א באַשטעטיק געטאָן מיטן קאָפּ.

אײנער האָט ארויסגענומען זײן רעוואָלווער און אָנגעשטעלטערהייט אים געהאַלטן גלײך צו דער טיר. שאַפּיראָ האָט זיך האַסטיק געטראָגן און, נאָך פון יענער זײט, אין קאַנטאָר, זיך ניכפּעדיק געוואָרפן:

— ביסט משוגע געוואָרן, דאַוויד, צי וואָס?... א מענטש האָט עס א כוצפּע מיך אהערצושלעפּן פאַר גאָרניט!...אינגל, וואָס דו ביסטן! — איז ער מיטאַמאָל איבערגעגאַנגען אַף דו, — וואָס האָט דיך אזוי געביסן?...

דאַוויד — א בלאַסער און פאַרכאַלעשטער — איז לויטן באַפעל פון די יונגעלײט אַנטקעגנגעגאַנגען שאַפּיראָן. די צײן בײ אים האָבן געקלאַפּט ווי אין קאַדאַכעס. א שווײס — האָט ער דערפילט — האָט באַדעקט זײן קערפּער. ער האָט געשוויגן. שאַפּיראָ האָט זיך אַלץ געוואָרפן:

— אינגל בלײבט אינגל!... עפּשער דיר דאָס נעזעלע אָפּווישן?... דאָס איז דאָך אזא...

שאַפּיראָ האָט ניט באַוויזן צו פאַרענדיקן די לעצטע פראַזע. ער איז געבליבן שטײן מיט אן אָפן מויל, אין וועלכן עס האָט זיך געבאַלבעט א צאַפּלדיקע צונג, און האָט מיט אויסגעגלאָצטע אויגן געקוקט אַף די צוויי פרעמדע מענטשן, וואָס זענען — ווי אים האָט זיך אויסגעדאַכט — ווי

פון דער וואַנט אַרויסגעקראָכן. ער האָט אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ און פּוירע געהאַט אַ קוק צו טאָן אויף זיי. ער האָט שוין באַגריפן וואָס דאָס איז. דער גאַנצער קוראַזש זיינער, די גאַנצע העלדישקייט זיינע, איז פון אים סיסטעמאַל אַנטרונען געוואָרן... ער האָט געשוויגן בעת זיי האָבן גערעדט צו אים, געשוויגן בעת זיי האָבן אים באַפוילן אַרויסצוזאָגן אַלץ פון זיינע קעשענעס, און געשוויגן בעת איינער פון זיי האָט גענומען די שליסלען, פאַרשלאָסן די טירן פון פאַבריק, אַרויסגעלייגט אַ פּריף־וואַקס־כסימע און זיי ביידן, אים מיט דאַווידן, אַוועקגעפירט...

* * * * *

שפּעטער און בערניק זענען געזעסן איינער לעבן צווייטן, אַ קאַמער לעבן אַ קאַמער. געהערט האָבן זיי, אַז זיי געפינען זיך אין טשעקאַ. זיי האָבן אויך געהערט, אַז אינגיכן דאַרף זיך אָנהויבן די אויספאָרשונג.

דעם ערשטן האָט מען אַרויסגערופן דאַווידן.

איינער פון די יונגעלייט, וואָס האָבן געמאַכט דעם רעוויז אין דער פאַבריק, איז געזעסן ביי אַ גרויסן שרייב־טיש. ער האָט דאַווידן באַגעגנט מיט אַ פריינטלעכן גוט־מאָרגן און אים געבעטן זיצן:

— בירגער בערניק! — האָט ער איידל און וויך גערעדט צו אים. — אייער גאַנץ־שווערן פאַרברעכן קאָנט איר זיך נאָך פאַרלייכטערן! ערשטנס, דערפאַר, וואָס איך אַליין האָב ביי־געוואוינט אַ טייל פון אייער אַקציע און זיך איבערצייגט, אַז איר זייט באַווירקט געוואָרן פון אַ צווייטן; אַז איר זייט, אַזוי צו זאָגן, אַ קאָרבן פון אומשטענדן. די צווייטע אורזאַך איז דאָס, וואָס איר זייט אַ ספּעציאַליסט, אַ מעכאַניקער. און מיר זענען אייך גרייט צו העלפן, אויב... אויב איר אַליין ווילט זיך נאָר העלפן... איך וועל אייך דעריבער מאַכן אַ פאָרשלאַג און וועל אייך געבן פיר און צוואַנציק שעה זיך צו באַטראַכטן און באַשליסן! מיט איין וואָרט: מיר זענען גרייט צו שליכטן מיט אייך דעם גאַנצן איניען, אויב איר וועט אָננעמען איינס פון די ביידע פאָרשלאָגן: אָדער איר נעמט אָן אַ שטעלע פון פאַרוואַלטער איבער אונדזער (אייער געוועזענער), מעכאַנישער פאַבריק, און וועט טאָן אַלץ וואָס די רעגירונג וועט באַפעלן — דערפאַר וועט איר פון דער אַרבעטער־רעגירונג באַקומען אַ רעגולערן געהאַלט און גוטע שפּייז; אָדער — צווייי: — איר וועט באַקומען די פאַבריק אינגאַנצן אויף אייער אייגענעם נאָמען, זיין אייער אייגענער באַלעבאָס, אַפילו קאָנען אָננעמען פּריוואַטע באַשטעלונגען אַזוי ווי פריער און ביכלאַל טאָן ווי איך געפעלט. אָבער דערפאַר וועט איר דאַרפן אָפּגעבן די פאַבריק און אייער וויסן פאַר האַלבע טעג צו דער רעגירונג און לערנען אונדזער שול־יוגנט, — מעכאַניקער־סטודענטן, אַלץ וואָס איר ווייסט און קענט! אין דאָזיקן פאַל, וועלן מיר, די רעגירונג, צו אייך גאַרניט זיין פאַרפליכטעט! איר קאָנט, נאַטירלעך, זיך אויסקלויבן דאָס ערשטע, אָדער דאָס צווייטע... נעמט איר אָבער ניט אָן קיין איינעם פון די ביידע פאָרשלאָגן, דאַן... דאַן, בירגער בערניק, וועט איר זיך אַליין באַשולדיקן אין די פאָלגן!...

דאַוויד האָט געשוויגן. מען האָט אים צוריקגעפירט אין זיין צעל...

מיט שאַפּיראָן האָט מען שוין גאַנץ אַנדערש גערעדט:

— בירגער שאַפּיראָ! — האָט דער אייגענער יונגערמאַן אים שטרענג געזאָגט, — לויט די מעלדונגען פון דער רעגירונג, ווייסט איר אַוודאי, אַז פאַר אייער פאַרברעכן קומט טויט־שטראָף! מיר זענען אָבער ניט קיין ראַצבים און ווילן ניט קיין אומזיסטיק בלוט... איר וועט זיך, דעריבער, קאָנען אויסקויפן פון דער שווערער שטראָף מיט אַ געוויסער סומע געלט, וואָס מיר דאַרפן פאַר די שטאָטישע שולן, קיכן און נאָך אַנדערע נויטיקע אינסטיטוציעס... איר פאַרשטייט?...די פריערדיקע בורזשואַזע רעגירונג האָט די דאָזיקע אינסטיטוציעס — אָדער אינגאַנצן באַרויבט, אָדער אין בעסטן פאַל — פאַרנאַכלעסיקט. אַרבעטער־קינדער גייען איצט אַרום איבער די גאַסן הונגעריק און נאַקעט. די שולן זענען אומבאַהייצט. אין די קיכן קאָכט מען וואַסער. מיר קאָנען אַזאַ זאַך ניט דערלאָזן. מיר דאַרפן האָבן געלט פאַר זיי, אַף אָפּצוקויפן שפּייז ביי די ספּעקולאַנטן אייערע. איר, די שטאָטישע בורזשואַזיע, וועט דאַרפן צושטעלן דאָס געלט!...

שאַפּיראָ האָט געשוויגן. געטראַכט האָט ער, אַז דאָס וויל מען עס אים בעקיוון אָפּשרעקן, קעדיי ער אַליין זאָל זיך אַרויסכאַפּן מיט געלט:

„אָבער ניט ביי מיר!“ — האָט ער ווייטער געטראַכט, — „עס וועט זיי פריער גוט נימעס ווערן צו רעדן, איידער“...

— אַלזאָ, — האָט יענער אים ניט געלאָזט לאַנג טראַכטן און באַלד אַ פרעג געטאָן. — וויפל האָט עס ביי אייך די ווערט?...וויפל זייט איר גרייט צו באַצאָלן פאַר אייער אייגן לעבן?... זאָגט, נו, האָט עס ביי אייך די ווערט, נו... אַזעלכע פינף מיליאָן רובל?...

שאַפּיראָ האָט מיט געמאַכטן מוט אַ לאַך געטאָן:

— כאַ־כאַ!... פינף מיליאָן?!... איר מאַכט בוזיעק פון מיר, צי וואָס?... איך האָב אין מיין גאַנצן לעבן נאָך אַזאַ סומע ניט געזען...ווי קומט איר גאָר ביכלאַל צו רעדן מיט מיר וועגן מיליאָנען?...

ער האָט גענומען נאָך שטאַרקער לאַכן און קימאַט זיך פאַרגאַנגען. ער האָט זיך אָבער גלייך אָנגעגעגנט מיט די שאַרפע בליקן און ערנסטן פּאָנים פונעם יונגנמאַן און — שוין אויפהערנדיק לאַכן — צוגעגעבן:

— אָבער...בלויז קעדיי איך צו באַווייזן, אַז איך זאָג זיך ניט אָפּ פון געבן צדאָקע פאַר אַזעלכע נויטיקע שטאָט־זאַכן און קעדיי, ווי איר זאָגט, צו שליכטן דעם דאָזיקן זייער ניט־אָנגענעמען איניען, וועל איך זיך אָנשטרענגען און אייך געבן אַ פופציק טויזנט קאַרבאָוואַנצעס...נו, מילע, אַז איר האַלט מיך ביים האַלדז — נעמט! מער — האָב איך ניט!...

דער יונגערמאַן איז רויט געוואָרן פון שאַפּיראָס בוזפּעדיקע רייד. ער האָט מיט איינגעהאַלטענעם קאַאַס געביסן זיין ליפּ:

— אַזוי, הער שאַפּיראָ? מער, זאָגט איר, האָט איר ניט?...

— זיכער! — האָט שאַפּיראָ, טראַכטנדיק, אַז עס גייט אַף אַ וועג, — פּעסט אַ זאָג געטאָן. — פונוואַנען קומט צו מיר אַזויפיל געלט?...

דער יונגערמאַן האָט אַרויסגענומען פון שופלאָד אַ בויגן פּאַפּיר, דאָס געלאָסן אויסגעשפּרייט מיטן פּאָנים צו שאַפּיראָן, און מיט אַ בליי־

פעדער געגומען טיטלען דערויף פון שורע צו שורע:

— נו, בירגער שאפירא, דא, זעט איר, איז פארשריבן, אז בלויז אינעם לעצטן יאר אליין, ווען געלט האט נאך עפעס א ווערט געהאט, האט איר דורכגעפירט טראנסאקציעס אף צענדליקער מיליאנען רובל... בלויז צוקער, לעמאשל,— האט איר פארקויפט הונדערט מיט פיר און אכציק וואגאנען...דערפון האט איר, קימאט גענוי און לויט די פרייזן, וועלכע איר האט באצאלט און באקומען, פארדינט אזוי: פונעם צוקער — אכט מיליאן רובל; פונעם רייז — דריי מיליאן, און פון די שיך — אריבער פינף מיט א האלבן. און דאס איז בלויז וועגן די סכוירעס, וועגן וועלכע מיר האבן גענויע ציפערן. מיר ווייסן אבער, אז איר האט אויך געהאט עטלעכע וואגאנען מיט בראנפן און ווין; א וואגאן מיט קארטן; וואגאנען מיט לייוונט, בינין, יאד, און נאך אנדערע מעדיקאמענטן... וועגן די דאזיקע ארטיקלען האבן מיר אבער, צום באדויערן, ניט קיין גענויען בעזשבן און מיר וועלן דעריבער וועגן זיי ניט רעדן. עס איז קלאר, אז איר האט אין זיי פארדינט, אדער בעסער געזאגט: — אויסגעזויגן פונעם ארבעטער־פאלק, גאך שווערע מיליאנען רובל!...דעריבער וועלן מיר אייך ניט גלויבן, ווען איר זאגט, אז איר האט ניט קיין געלט! נו, און וואס שייך דעם סארט געלט אליין, וועט מיר דערלויבט זיין, בירגער שאפירא, אייך אנצייגן, אז מיר זענען ניט קיין פעטליורישע באנדעס, און אויך ניט קיין סקאראפאדסקישע העטמאנצעס, אז מיר זאלן נעמען זיערע פאפירלעך... איר אליין וועט דאך איצט אזא געלט ניט וועלן נעמען! מירן אייך טאן א טויווע, אז מיר וועלן נעמען א טייל אין קערענקעס...

שאפירא איז געבליבן זיצן צעטומלט — נאר ווי אין באלאשעס צו פאלן. אים האט שוין אזוי ניט געארט די גרויסע סומע וואס מען וויל. סיי־ווי,— האט ער געטראכט,— וועט ער געבן א מאקע. אים האט בלויז געבידעשט, פונוואנען זיי ווייסן עס אזוי גענוי וויפל וואגאנען ער האט געהאט און וויפל ער האט פארדינט. ער האט זיך גענומען דרייען:

— מאדנע!...ביי מענטשן, וואס האבן קיינמאל קיין געלט ניט געזען און ווייסן ניט ווי מען פארדינט עס — פליט עס מיט גאנצע מיליאנען! אבער דאסמאל זייט איר זיך טויע, מיין הער! עס קאן זיין, אז איר האט געהערט וועגן א שאפירא, וואס האט געהאט צוקער און שיך, אבער דאס איז זיכער ניט איך! עפעטער אימיצער אנדערש, א גרעסערער גזיר פון מיר! וואס שייך מיר, קאנט איר טאן מיט מיר וואס איר ווילט! איר קאנט מיך אפילו דערשיסן, ווי איר האט עס ליב צו טאן, אבער מער ווי פופציק, העכסטנס פינף און זיבעציק טויזנט, און דאס — קוים א העלפט אין קערענקעס — קאן איך ניט געבן!...די ברירע איז אייערע...

דער יונגערמאן האט פארביסן די ליפן און גארניט געענטפערט. ער האט בלויז א וואונק געטאן צום סאלדאט, וועלכער איז געשטאנען ביי דער טיר און יענער האט שאפיראן צוריק אוועקגעפירט אין זיין צעל.

עס איז געווארן נאכט. שאפירא האט זיך ארומגעדרייט א צעוויטיקטער פון וואנט צו וואנט, ביי זיך, אינעם קליינעם צימערל. זיינע טריט האבן

אָפּגעהילכט טויב און טרוקן און אים דעם מויעך געלעבערט. ער האָט באַצוואונגען געשמייכלט צו זיך:

— הםם...גיב זיי געלט...מיליאָנען גרייט זיי אָן!...אַנדערש ניט געוואוינט געוואָרן, די אויסוואורפן! אָבער מאַקעס וועל איך זיי געבן... איך וועל האַרעווען און זיי וועלן קומען צום גרייטן! נישקאָשע, עס וועט זיי אינגיכן פאַרמיעסט ווערן!...און אויב זיי וועלן ניט נעמען וואָס איך גיב, — וועלן זיי גאָרניט קריגן!...אפילו קיין קאָפּיקע ניט!...

א מידער איז ער אַוועקגעפאַלן אויף דער האַרטער, אומגעבעטער באַנק. ער האָט זיך געדרייט אויפן טרוקענעם געלעגער און ניט געקאָנט איינשלאָפן. עפּעס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז עס בייסט אים. יעדע ווייל האָט ער זיך אויפגעזעצט און געטראַכט. ער האָט אליין ניט געוואוסט, צי האָט עס אים טאַקע געביסן, אָדער עס האָט זיך אים בלויז אויסגעדאַכט. ערשט פאַרטאָג, ווען ער איז א מידער קוים איינגעשלאָפן, האָט מען אים אויפגע־וועקט. א יונגער סאָלדאַטל אין אַן אָפּגעטראָגן העמדל און מיט א רויטן שטערן אויפן היטל, — האָט אים דערלאַנגט א גרויסע באַרשט מיט א בעזים, אַן עמער וואַסער מיט א שמאַטע, און אים געהייסן, אַז ער זאָל זיך גלייך נעמען צום וואַשן דעם דיל אין טפיסע־אָפּטייל...

לעכאַטכילע האָט שאַפּיראָ אפילו גערעכנט, אַז דאָס איז בלויז אַזאַ שפּאַס, און ער האָט געשמייכלט. ווען ער האָט אָבער דערזען, אַז דאָס איז ערנסט, האָט ער שוין גענומען פּראָטעסטירן. ער האָט געשריגן:

— וואָס בין איך דאָ ביי אייך, א קרימינאַלניק, וואָס איר ווילט מיר איינטיילן קאַטאָרגע?...איך וועל דאָס ניט פאַרשווייגן!...איך...

דער סאָלדאַטל האָט גוטמוטיק געשמייכלט:

— מאַך ניט קיין פוילע שטיק!...טו וואָס מען הייסט דיך!...

שאַפּיראָ האָט א פאַררוק געטאָן א האַנט צו זיך אין קעשענע און דערביי א וואונק געטאָן מיט אַן אויג צום סאָלדאַטל:

— און וי ברודערל,— האָט ער אים א זאָג געטאָן,—אַז דו זאָלסט עס טאָן פאַר מיר?..כ'וועל דיר דערפאַר געבן א גאַנצן פינפערל...

דער סאָלדאַט האָט א שטופּ געטאָן די באַרשט אין שאַפּיראָס אויסגע־צויגענער האַנט אריין און שוין גאַנץ שטרענג א זאָג געטאָן:

— נעם זיך, בורזשויטשיק, צו דער אַרבעט! עס ווערט שפּעט!...

שאַפּיראָ האָט אומגעלומפּערט און לויז געהאַלטן די באַרשט און זיך נאָך אַלץ קיין ריר ניט געטאָן. מיטאַמאָל האָט ער גענומען פאָדערן, אַז מען זאָל אים גלייך צושיקן דעם עלטסטן:

— איך מוז אים גלייך זען! — האָט ער שאַרף א זאָג געטאָן. — איך וויל זיך שוין דורכרעדן מיט אים!...

דער יונגערמאַן איז צוגעקומען:

— וואָס הערט זיך, בירגער שאַפּיראָ? — האָט ער אים נאָך פונוויטן א פרעג געטאָן. — וואָס־זשע, איר האָט שוין צוגעגרייט דאָס געלט?...

שאַפּיראָ האָט אָבער דערויף ניט געענטפערט. אַנשטאָט דעם האָט ער גאָר איבער א נייס גענומען שרייען, אַז ער איז ניט קיין אַרעסטאַנט; אַז

ער איז ניט אין קאַטאַרגע און, אַז אויב מען וועט אים אַזוי באַהאַנדלען, וועט ער אַפּילו קיין צעבראָכענע קאָפּיקע ניט געבן...

דער יונגערמאַן האָט באַצוואונגען זיין געלעכטער, האָט זיך אַ דריי געטאָן צום רויט־אַרמייער און אים אַ זאָג געטאָן:

— באַווער פּעטראָוו, אַז דער בירגער שאַפּיראָ וועט פּאַרטיק ווערן מיט וואַשן דעם דיל, — זאָלט איר אים אָוועקשטעלן וואַשן די פענצטער! זאָגט דערביי אָן דער באַוואַרטע פּאַסקע, אַז זי קאָן אַהיימגיין זיך אָפּרוען! און יאָ...עסן זאָלט איר געבן דעם בירגער, ווען ער וועט האָבן געענדיקט די אַרבעט!...איר ווייסט דאָך, אַז מיר גיבן ניט קיין עסן אומזיסט!...

דער רויט־אַרמייער האָט אַ שמייכל געטאָן און סאַלוטירט. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם בעזים אין האַנט, פלינק זיך אַ נעם געטאָן אויסקערן, באַווייזנדיק שאַפּיראָן ווי אַזוי מען דאַרף אַרבעטן:

— זעסט, בורזשויטשיקל, ווי מען דאַרף עס טאָן? — האָט ער אַ זאָג געטאָן צו שאַפּיראָן. — אַזוי, לעבעדיקן!...וועסט דאָס אָפּפּאַטערן און נאָך האָבן צייט צו רוען!...מיר האָבן ביכלאַל פיינט, אַז מען פוילט זיך...

שאַפּיראָ האָט זיך אַרומגעדרייט מיט נאַריש־אַרונטערגעהאַנגענע הענט, ער האָט לעפיש און אומגעלומפּערט געאַרבעט און דערביי געפילט, אַז עס ווערט אים שלעכט. ער האָט זיך אָבער באַהערשט און געטראַכט:

„נאָר ניט אונטערגעבן זיך... נאָר ניט אַרויספּלאַצן”...

דער סאָלדאַט האָט אַלץ אונטערגעמונטערט:

— לעבעדיק, בורזשויטשיק, לעבעדיק!...מען זאָגט, אַז איר האָט ניט ליב צו אַרבעטן. אַ־נו־קאַ, באַוויז, אַז דאָס איז ניט עמעס!...

שאַפּיראָ האָט געגלעט מיטן בעזים איבערן דיל, צעיאָגט אַ שטויב איבער דער שטוב און זיך באַגאָסן מיט שוויס. אין בויך האָט אים גע־גומען גרימען און דרייען. ער האָט זיך דערפילט הונגעריק. מיטאַמאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אַרויסגענומען אַ פּאַפּירל פון קעשענע, דער־לאַנגט דעם סאָלדאַט און געבעטן, אַז ער זאָל אים ברענגען אַ גלאָז טיי מיט עפּעס אַ געבעקס. דער סאָלדאַט האָט געלאַכט:

— אָ, דאָס טאָר מען ניט, בורזשוי לעבן!... פריער מוז מען אָפּ־אַרבעטן!... נאָך דער אַרבעט וועסטו קריגן דיין כיילעק ברויט מיט טיי! אַ שאָד בלויז, וואָס וועסט דאַרפן קויפן אייגענעם צוקער, אָדער טרינקען מיט סאַכאַרין...מיר האָבן נאָך ניט געפונען די באַהאַלטענע סכוירעס...

שאַפּיראָ האָט געקוקט אויף אים און איז שיער פון זיינע פיס געפאַלן. ער האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין, ווי אַזוי אַ סאָלדאַט, אַ פּאַשטעטער כאַמולע, זאָל זיך דאָס אָפּזאָגן פון אַ פּאָר קערבלעך און זאָל אַזוי געטריי פאָלגן נאַטשאַלסטווע. ער האָט אַפילו געפּרוּווט פאַרטאָפּלען די סומע. געטראַכט, אַז דאָס וועט אים עפּשער רירן... יענער איז אָבער געשטאַנען שטייף און אים אַלץ אונטערגעאיילט. שפּעטער, אַרום פאַרמיטיק, אַז שאַפּיראָ איז שוין קימאַט געווען אַרויס פון די קויכעס, האָט ער זיך ווידער גענומען בעטן, אַז מען זאָל אים צושיקן דעם עלטסטן:

— איך קאָן מער ניט אַרבעטן! — האָט ער זיך גענומען קלאָגן, ווען

יענער איז צוגעקומען. — איך האב קיינמאל אין מיין לעבן ניט געאר־בעט!... עס איז שווער און שמוציק און...

יענער האט געשמייכלט:

— דארף מען זיך צוגעוואוינען!... שפעקולירן וועט איר שוין אוודע ניט קאנען, טא לערנט זיך ארבעטן!... עס וועט אייך צו נוץ קומען!...

א גאנצן טאג האט שאפירא — א צעשוויצטער — געהארעוועט און אפילו קיין העלפט פון דער אויפגאבע ניט געמאכט. פעטראוו, דער סאלדאט, וואס איז געווען מיט אים, האט גוטמוטיק געלאכט:

— ווי אזוי זאל ער קאנען ארבעטן, אז יעדע רעגע ווישט ער די הענט מיט א זיידן טיכעלע און רייניקט זיך די נעגל מיט א פיילעכל?!...

אין אוונט האט מען שאפיראן דערלאנגט א טעפעלע טיי מיט א שטיק שווארצן ברויט. די טיי איז געווען ביטער. קיין סאכארין איז אויך ניט געווען. שאפירא האט געזופט די טיי און זיך געקרומט. פעטראוו, זיין „לייב־וועכטער", האט זיך פאשעט דערבארעמט אף אים. ער האט ארויסגע־נומען פון זיין הויזן־קעשענע א שטיקל ניט־זייער־ריינעם צוקער, האט עס אפגערייניקט מיטן ארבל פונעם העמדל און דערלאנגט שאפיראן:

— און ביי אונדז שמועסט מען, — האט ער געזאגט, — אז דו ביסט א צוקער־באראן... ס'איז עמעס?... דו האסט אוודע טאמיד געטרונקען טיי מיט צען שטיקלעך צוקער... ס'מוז אוודע זייער גוט זיין, אי?...

שאפירא האט געשוויגן. דער סאלדאט איז אנגעגאנגען:

— און וויפל וואגאנען צוקער האסטו איצט באהאלטענע?... א סאך מיסטאמע?... אט זעסטו, בורזשויטשיקל, דאס באווייזט, אז מען קאן זיך זיין רייך, האבן פיל צוקער, און אליין מוזן טרינקען ביטערע טיי...

שאפירא האט באטראכט דאס שטיקל צוקער און דערפילט אן עקל, ווי צום באלעשן. ער איז אבער געווען אזוי מיד און הונגעריק, אז... ניט געקוקט אף דער ברודיקייט פונעם צוקער און דער זויערקייט פונעם ברויט, — האט ער דאס פונדעסטוועגן געגעסן מיט א גייציקן אפעטיט.

די נאכט איז שוין שאפירא בעסער געשלאפן. ער האט אפילו ניט געפילט ווי זי איז פארביי. דאסמאל האט ער שוין אפילו דאס בייסעניש ניט געפילט מער. ער איז געשלאפן ווי א געהארגעטער.

פארטאג — נאכן אויפוועקן — האט מען אים דערלאנגט א האק, אים ארויסגעפירט אינדרויסן, אפן גרויסן הויף ארוים, אנגעוויזן אים אף א קופע האלץ און אים געהייסן שפאלטן אף קלעצלעך. שאפירא האט שוין מער ניט גערעדט. אומגעלומפערט האט ער געהויבן די שווערע האק און געהאקט די קלעצער. ער האט געארבעט שווער און פאמעלעך. עטלעכע מאל זענען אפגעשפאלטענע שטיקער האלץ געפלויגן אינדערהויך און — ארונ־טערפאלנדיק — אים אליין אויך שיער צעשעדיקט. ער האט זיך קעסיידער ארומגעקוקט ארום הויף און בעאיים דעם געטראכט, אז ווען די מויער וואלט ניט געווען אזוי הויך און אויב עס וואלטן זיך נאר ניט ארומגע־דרייט אזויפיל באוואפנטע שאמרים, — סאלדאטן מיט ביקסן, — וואלט ער שוין א פרואוו געטאן צו אנטלויפן. אזוי אבער...

ער האט פארביסן די ליפן און געהאקט דאס האלץ מיט אימפעטדיי־קער רוגזע, ווי ער וואלט מיט יעדן קנאק זיך פארמאסטן אף די קעפ פון יענע וועלכע האבן אים דא ארייגגעזעצט. אין גדאנק האט ער גע־האלטן אין איין שילטן און זידלען. ער האט קעסיידער געווישט דעם שווייס פונעם פאנים און אלע ווייל געבעטן ביים סאלדאט, אז ער זאל אים פירן פאר אטרונק, אדער פאר עפעס אנדערש. ער האט, ווייזט אויס, אזויארום געוואלט ווי ניט איז איבערקומען דעם טאג און אויסמיידן די ארבעט. אבער ווען דער סאלדאט האט אים געמאלדן, אז עס וועט אים ניט העלפן; אז ער וועט סיי־ווי מוזן פארטיק מאכן די ארבעט, איידער מען וועט אים לאזן רוען, — האט ער, שאפירא, מיטאמאל א ווארף געטאן די האק אן דער ערד און געהייסן, אז מען זאל אים ווידער צושיקן דעם עלטסטן:

— הער, באוועד, — האט שאפירא, וויסנדיק שוין, אז אזוי באגריסן זיי זיך דא איינער מיטן צווייטן, א זאג געטאן צו יענעם, בעת ער איז צוגעקומען, — לאזט מיך אפ אהיים! באפרייט מיך און איך וועל שוין ווי עס איז צונויפקראצן א האלבן מיליאן רובל...

— ביי אונדז דינגט מען זיך ניט, בירגער שאפירא! — האט יענער אים אויסגערעדט, — עס וועט אייך קאסטן פינף מיליאן!...

— איך האב אבער ניט מער! — האט שאפירא נעבעכדיק געבעטן.

יענער האט א מאך געטאן מיט דער האנט:

— ווען מיר וואלטן געהאט דעם מינדסטן צווייפל, אז איר האט ניט, וואלטן מיר עס ביי אייך ניט געפאדערט. מיר נעמען ניט ביי מענטשן וואס האבן ניט! און איר, אויב איר וועט עס לענגער פארציען, וועלן מיר ביי אייך קאנפיסקירן אייער גאנצן פארמעגן!...איך גלויב, אז דאס וועט אייך טייערער קאסטן...טא צו וואס נאך מאכן פוילע שטיק?...

שאפירא האט זיך בייז אוועקגעדרייט:

— טוט וואס איר ווילט!... אויב אירווילט ניט נעמען קיין האלבן מיליאן, וועט איר גארניט קריגן!...האלט מיך דא! זאלצט מיך איין!... טוט מיט מיר וואס איר קאנט! — איך האב ניט מער!...

דער יונגערמאן, אוועקגייענדיק, האט שטרענג א ווארן געטאן:

— הערט, איר, אויב איר וועט מיך נאכאמאל רופן אומזיסט, וועט איר עס האבן צו באדויערן! איך וועל מער ניט רעדן מיט אייך, איידער איך וועל ניט זען די פינף מיליאן רובל פון אייך!...

שאפירא האט ארונטערגעלאזט דעם קאפ און עפעס אונטערגעמורמלט. ער האט געהאקט דאס האלץ מיט ביטערער פאראקשנטקייט און באשלאסן ביי זיך, אז ער וועט זיך בעשום אופן ניט אונטערגעבן...

פארנאכט, בעת ער איז פארבייגעגאנגען א שפיגל, וואס איז גע־האנגען אין קארידאר, אף דער וואנט, האט ער צופעליק געכאפט א קוק אין דעם און דערזען זיין אויסגעמוטשעט־פארשווארצטן פאנים. ער האט זיך פאשעט דערשראקן און מוירע באקומען צו קוקן מער. די אומגעלומ־פערט־צעוואקסענע באָרד, די שווארצע רינגען אונטער זיינע איינגעפאלענע און אויסגעלאשענע אויגן, האבן אים צעטומלט. מיט פאמעלעכע טריט,

טראכטנדיק, איז ער אריין צו זיך אין צעל. אים האט זיך אויסגעדאכט, ווי אין הארצן ביי אים וואלט זיך עפעס אפגעריסן, בעאיים דער שליסל האט זיך א דריי געטאן מיט א טויבן קלונג אינעם שלאס פון דער טיר. ער האט אומגעדולדיק און גיך גענומען ארומשפאנען און — מיטאמאל — האסטיק זיך א ווארף געטאן צו דער טיר מיט א ווילדן געשריי:

— לאזט מיך ארויס! — האט ער, אן איינגעקלאמערטער מיט די פינגער אין די גראטעס, צעווילדעוועט געשריגן. — לאזט מיך אהיים!...איך וועל אייך געבן וויפל איר ווילט, אבי לאזט מיך ארויס פון געהענעם!...

דער יונגערמאן האט געשעפטמעסיק געשמייכלט:

— וואס־זשע, בירגער שאפירא, פארט צום סיכל געקומען?...

— לאזט מיך ארויס! — האט שאפירא געציטערט, — מארגן וועל איך אייך צושיקן די פארלאנגטע פינף מיליאן רובל און...

דער יונגערמאן האט זיך שיער ניט צעלאכט:

— מארגן?...און וואו איז די גאראנטיע, אז איר וועט באצאלן?...

— וואס הייסט? — האט זיך שאפירא א באליידיקטער געווארפן, — אז איך זאג — מיין איך עס!...איך גיב אייך דערויף מיין ערןווארט!...

— א, — האט דער יונגערמאן ווייטער געשמייכלט, — ס'א טייערע זאך! אן ערן ווארט איז טאקע זייער א גוטע גאראנטיע!...איך רעכן אבער, אז אפן ספעקוליאנטישן מארק קאן מען אזא זאך קויפן פאר פיל ביליקער ווי פינף מיליאן רובל...וואס, עפשער ניט אזוי?... איר, בירגער שאפירא, — האט ער איראניש צוגעווארפן, — איר דארפט עס אוודאי וויסן...

שאפירא האט אפאנים פארשטאנען דעם שטאך און דעריבער געשוויגן. יענער האט פארגעזעצט:

— נו, אדראבע, זאגט אליין: וואו איז די גאראנטיע, אז איר, — אויב מיר זאלן אייך ארויסלאזן פריי, — וועט ביינאכט ניט צונויפנעמען אייער גאנצע געלט, וועט ניט דינגען א שבוץ, אדער א מאטאר־שיפל, און זיך ניט אריבערכאפן קיין קאנסטאנטינאפאל, גאלאץ, אדער ערגעץ אין אן אנדער אויסלאנד?...

— וואס רעדט איר? — האט שאפירא קימאט אויסגעשריגן און זיינע אויגן האבן דערביי עפעס אזוי מאדנע אויפגעגלאנצט. ווי עס האט אויסגעזען, האט ער מיסטאמע א טראכט געטאן, אז דאס איז גאר א טייערער איינפאל, א גוטער געדאנק...אז ביז זיי, די באלשעוויקעס, וועלן זיך אפטראגן פון שטאט, וועט ער זיך דערווייל טאקע מעגן אריבערכאפן ערגעץ אין אויסלאנד און דארט פארברענגען, ביז...און קעדיי צו פארדעקן זיין אויפרעגונג, האט ער גענומען רעדן גיך און געווארפן מיט די הענט, — אז איך וועל אייך אפילע אונטערשרייבן א פאפיר און...

— עט, — האט יענער אים איבערגעשלאגן, — וואס טויגן אונדז אייערע פאפירן?...מיר האבן זיי געזונט!...מיט אייערע פאפירן וועלן מיר ניט קאנען שפייזן די אויסגעהונגערטע שטאטישע קינדער!...

— איך האב אבער ניט קיין גרייטע געלט ביי זיך! — האט שאפירא ארגומענטירט. — עס וועט דארפן נעמען עטלעכע טעג, ביז...

— מיר קאָנען אייך אָבער גאָרניט העלפן! — האָט דער יונגערמאַן אַ צעשפּרייט געטאָן די הענט.

— טאָ ווי אַזוי וועט די קאָץ קומען איבערן וואַסער?...

דער יונגערמאַן האָט אַ פּיר געטאָן מיט דער האַנט איבערן שטערן און פאַרדעקט זײַנע אויגן. ער האָט מאַשמאָעס באַטראַכט וואָס צו טאָן. מיטאַמאָל האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן און געזאָגט:

— עס איז דאָ אַן אויסוועג!... מיר קאָנען אייך אַרויסלאָזן!... בלויז מיט איין באַדינג: מיר זאָלן מיטשיקן מיט אייך עטלעכע סאָלדאַטן, וואָס זאָלן אויפּפּאַסן, אַז אײַער אונטערשריפט און ערן־וואָרט זאָל אויסגעפירט ווערן. עס פאַרשטייט זיך, אַז איבער דער צײַט, וואָס די סאָלדאַטן וועלן דאַרפן זײַן מיט אייך, אין אײַער היים, וועט איר זיי דאַרפן באַזאָרגן מיט אַלע נויטיקייטן!... איר וועט, פאַרשטייט זיך, זיי מוזן אויסהאַלטן מיט עסן, קליידונג און...נו, איז דאָס אָנגענעמבאַר פאַר אייך?...

שאַפּיראָ האָט גאָרניט געענטפערט. ער האָט געטראַכט וועגן עפּעס. דער יונגערמאַן האָט עס אָנגענומען פאַר אַ צושטימונג און פאָרגעזעצט:

— געוויינטלעך טוען מיר ניט אַזעלכע זאַכן. מיר וועלן דאָס אָבער דאַסמאָל אויספּרובירן אויף אייך און זען ווי דאָס וועט אַרבעטן. איר וועט אָבער מוזן באַהאַנדלען אונדזערע יאַטן אויפן בעסטן אופן!... איר מוזט פאַרשטיין, אַז דאָס זענען רויט־אַרמייער און ניט קיין צאַרישע סאָלדאַטן! קיין שום קלאָגעס און פאַרענטפערס וועלן מיר ניט אָננעמען!...

שאַפּיראָ האָט געוואָלט עפּעס ענטפערן. ווי עס האָט אויסגעזען, האָט ער אַוודאי כאַראָטע געקראָגן. אין האַרצן בײַ אים האָט מיסטאָמע אַ צופּ געטאָן אַ פאַרדראָסיקער ווייטיק און עס איז אים געוואָרן אַ שאָד זיך צו געזעגענען מיט פינף מיליאָן רובל. אַז ער האָט אָבער געכאַפּט אַ בליק אויף זײַנע צעשפּאָלטענע הענט מיט די צעקנייטשטע און אויסגעבראָדיקטע מאַנזשעטן פונעם העמד, האָט ער — פאַרבייסנדיק מיט די ליפּן — צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און אונטערגעשריבן דעם אָפּמאַך.

מען האָט שאַפּיראָן אַרויסגעלאָזט. אויפן וועג, אַהיימגייענדיק מיט אַ וואַך פון פינף סאָלדאַטן, האָט ער זיי מעכאַבעד געווען מיט פּאַפּיראָסן. יעדן פון זיי האָט ער געקויפט צו צוויי פּעקלעך, דערפאַר, וואָס זיי, די סאָלדאַטן, זענען אים — ווי ער האָט געזאָגט — גלייך געפעלן געוואָרן. ער האָט זיי אַפילו אַרײַנגענומען אין אַ טראַקטיר און זיי געוואָלט מעכאַבעד זײַן מיט אַ טרונק בראַנפן. ער האָט געהייסן אָנגיסן צו גלעזער און גאַנץ ברייטלעך אַ זאָג געטאָן צו זיי:

— טרינקט, ברידער! גיסט אַרײַן וויפל נאָר איר ווילט אַליין!...

די סאָלדאַטן האָבן ניט געטרונקען. איינער האָט דערקלערט:

— דאָס, בורזשויטשיק, טאָרן מיר ניט!... מיר זענען, פאַרשטייסטו מיך, אַנטי־אַלקאָהאָליקער!...אַט־וואָס!...

אַ צווייטער האָט צוגעגעבן:

— פאַרשטייסטו, כאַזיאַין, באָלשעוויקעס זענען קעגן פאַרשיקערן די מויכעס!...יאָ, מיר האָבן גענוג טייער באַצאָלט דערפאַר!...

שאַפּיראָ האָט פאַרכידעשט אַ קוק געטאָן אָף זײ און געהויבן מיט די אַקסלען. ער האָט גלײך איבערגעקערט אין זיך אַרײַן אַ גלאָז קאָניאַק מיט אַזאַ האַסט, פּונקט ווי ער וואָלט וועלן אַפּלעשן אַ סרײפע, וואָס האָט זיך דאָרט, בײַ אים אין האַרצן, מיטאַמאָל צעברענט...

* * * * *

אינדערהײם האָט שאַפּיראָ אַלץ געטראַפן קימאַט אַזוי ווי ער האָט עס איבערגעלאָזט. די אַלע מאַיסעס וואָס ער האָט געהערט דערצײלן אין דער טשעקאַ, פון נײַ־אָנגעקומענע אַרעסטירטע, — אַז איבער דער צײַט וואָס מען געפינט זיך אַרעסטירט, מאַכן די באָלשעוויקעס אָן אַ כורבן אין די הײמען און פאַרנעמען יעדעס פּיצל, — האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר ניט עמעס. בלויז צווײ פון זײַנע צימערן זענען איבערגעגעבן געוואָרן צו אַ פרעמדן פאַרפאָלק, וואָס איז — בעאײם שאַפּיראָס אהײמקומען — געווען בײַ דער אַרבעט. שאַפּיראָ האָט זיך מאַמעש ניט געוואָלט גלויבן, ווען זײַן פרוי האָט אים געזאָגט, אַז די סאָלדאַטן, וואָס האָבן געמאַכט די זוכונג אין הויז, האָבן גאָרניט געטשעפּעט, גאָרניט פאַרנומען און...

שאַפּיראָ האָט פרײער אָפּגעאָטעמט. ער האָט אײַנגעאָרדנט די געבראַכטע געסט און זײ געהײסן זיך לײגן אָפּרוען. אַלײן האָט ער זיך געוואָלט נעמען אַרומרײניקן פונעם פאַרוואַקסענעם שמוץ און שטויב, וואָס איז געלעגן אָף אים ווי אַ קאָרע. די סאָלדאַטן האָבן אים אָבער ניט געלאָזט אַלײן. זײ האָבן אויסגעטײלט אײנעם פון זיך און יענער איז נאָכגע־גאַנגען שאַפּיראָן אָף טריט און שריט. ער האָט זיך גלײך אַרומגעוואַשן, אָנגעגאָלט און אָנגעטאָן פרישע וועש. ער האָט זיך דערפילט פריש און געהויבן. אָבער ניט געקוקט אָף דעם אַלעם, האָט ער נאָך אַלץ געפילט אַ בײסעניש איבערן קערפּער און זיך געהאַלטן אין אײן קראַצן:

— וואָסער פאַרלאָזן פלאַץ איר האָט עס דאָרט, צו אַלדע טײוול!...—

האָט ער מיט פאַרוואָרף אַ זאָג געטאָן צום סאָלדאַט, וואָס האָט אים גע־היטן. — פונוואַנען האָט איר עס באַוויזן אין עטלעכע טעג אָנצוקלויבן אַזויפיל שמוץ און לײז?..

דער סאָלדאַט האָט איראָניש אָפּגעענטפערט:

— דאָס איז אײנע פון אײַערע בורזשואַזע ירושעס!... דאָס האָט זי אונדז איבערגעלאָזט אַזאַ פאַרלויזיקט פלאַץ!...מיר וועלן ערשט האָבן אַ שפּאָר שטיקל אַרבעט דאָס אויסצורײניקן!...אָבער נישקאָשע, מיר וועלן זיך ספּראַווען!...מיר האָבן שוין גרעסערע לײז בײַגעקומען!...

דערבײַ האָט דער סאָלדאַט אַלײן זיך אויך אַ קראַץ געטאָן:

— טאַקע גוט, וואָס איר האָט מיך דערמאָנט וועגן דעם. — האָט ער אַ זאָג געטאָן צו שאַפּיראָן. — איך אַלײן דאַרף אויך אַ רײן העמד! מײנס, ווי איר זעט, איז שוין אָף פּיצלעך צעפאַלן...איר פאַרשטײט, איך האָב זיך אַ לאַנגע צײַט געוואַלגערט אָפן פראָנט, זיך געשלאָגן מיט די ווײסע, צו אַלדע טײוול, ביז דאָס העמד איז מיר אָפן לײב צעפאַלן געוואָרן...

שאַפּיראָ האָט זיך געמאַכט ניט הערנדיק. דער סאָלדאַט האָט צו אים אַ שמײכל געטאָן:

— עס וועט זיך אייך אָבער לויענען צו האַלטן דעם אָפּמאַך!...וואָרים צו וואָס זאָל איך איבער אַ קלייניקייט פּאַרלוזיקן אייער הויז?...

שאַפּיראָ האָט דערלאַנגט דעם סאָלדאַט עטלעכע פּאַפּירלעך און — מיט פאַרשטשעמעטע ציין — צוגעוואָרפן:

— קויף זיך צוויי העמדער! דאַרפסט קיין אויסגאַב ניט ברענגען!...

דער סאָלדאַט האָט איבערגעגעבן די וואַכטע צו אַ צווייטן פון די יאַטן און אַליין — אַ פריילעכער — זיך געלאָזט אפן מאַרק צו קויפן העמדער. אַ ווייל שפּעטער האָט דער צווייטער סאָלדאַט, וועלכער איז געבליבן מיט שאַפּיראָן — דערזעענדיק יענעמס אויסגעגלאַנצטע שיך — אַ קוק געטאָן אף זיינע אייגענע שטיוול און זיך גענומען באַקלאָגן, אַז זיי זענען ביי אים צעריסן און אַז מען קאָן זיי שוין אפילו ניט אויספאַריכטן:

— אַ לאַטע אף אַ לאַטע ליגן שוין ביי מיר אף די טשאַבאָטעס!...עס איז פּאָשעט אַ באָרפע פאַר אַ רויט־אַרמייער אַזוי אַרומצוגיין!...עפשער ניט אַזוי?...זעט איר, וואָלט איך ניט געדאַרפט זיין דאָ, מיט אייך, וואָלט איך היינט אַוואַדע אַרויסגעקראָגן אַ פּאָר נייע שטיוול!...אָט, פונקט היינט, גיט מען אַרויס ביי אונדז אין ראָטע נייע שטיוול...

שאַפּיראָ האָט זיך אַ קראַץ געטאָן אין קאַרק. דאָסמאָל שוין ניט פון בייסעניש, נאָר פון פאַרדראָס...ער האָט אַרויסגענומען אַ פּאַפּירענעם הונדערטער פון קעשענע און מיט פאַרוואָרף דערלאַנגט דעם סאָלדאַט:

— נאָ, אָט האָסטו אף שטיוול און הער מיך אויף צו באַוויינען!...

דער סאָלדאַט האָט מיט גרינגשעצונג באַטראַכט דאָס פּאַפּירל און זיך גענומען דינגען:

— וואָז וועל איך עס קאָנען קריגן אַ פּאָר שטיוול דערפאַר? אַז איר האָט מיט אייערע שפּעקולאַציעס אָנגעמאַכט אַזאַ יאָקרעס?!...

ער האָט צוריקגעגעבן דאָס געלט און ברוגעז אַ זאָג געטאָן:

— אַז איך וויל ניט קיין געלט! גיט מיר שטיוול און פאַרטיק!...

שאַפּיראָ האָט פאַרביסן די ליפּן און געגעבן נאָך אַ הונדערטער.

אַזוי איז אַוועק קעסיידער, איינס נאָכן אַנדערן. יעדע וויל האָט אַן אַנדערער פון דער גרופּע געפאָדערט עפּעס אַנדערש. דער וואָס האָט ערשט נעכטן באַקומען אף אַ העמד, — האָט אף צומאָרגנס געבעטן אף שטיוול. יענער וואָס האָט באַקומען אף שטיוול, — האָט געבעטן אף אַ העמד, אָדער אף הויזן...שאַפּיראָ האָט זיך געוואָרפן, געברומט, אָבער פאָרט געמוזט געבן געלט אף אַלץ וואָס זיי האָבן געדאַרפט. און יאַטן האָבן געפאָדערט העמדער, הויזן, שטיוול, אָנזטשעס, טאַבאַק און אפילו געלט אף צו גיין אין באָד אַריין. אפן דריטן טאָג האָט שאַפּיראָ זיך געכאַפּט, אַז די קונץ, וואָס ער האָט געוואָלט מאַכן מיט די באָלשעוויקעס, איז אים ניט געראָטן. ער האָט דערפילט, אַז די האָפנונג אָפּצוציען אַביסל צייט מיט איינצאָלן דאָס געלט ביז די באָלשעוויקעס וועלן זיך עוואַקואירן און אַוועקגיין, — וועט זיך ניט איינגעבן. פאַר אים איז קלאָר געוואָרן, אַז אויב ער וועט זיך ניט אונטערהיילן און אַריינטראָגן די געפאָדערטע סומע, וועט ער ניט נאָר ניט אָפּראַטעווען די פינף מיליאָן רובל, נאָר עס וועט אים נאָך

טײערער קאָסטן... ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט וואָסערע פּרײַזן מען דאַרף איצט צאָלן פאַר קלײדונג, און אַז די פּרײַזן וואַקסן פון טאָג צו טאָג... ער האָט זיך דעריבער אונטערגעאײַלט, צונויפגענומען די פינף מיליאָן רובל און געהײסן די סאָלדאַטן זיך אָפּפירן אין טשעקאַ.

דאָס געלט און די סאָלדאַטן־שמירע האָט מען בײַ שאַפּיראָן צוגענו־מען. מען האָט אים פאַרשריבן אין די ביכער און דערבײַ מיטן האַרבן וואָרט אָנגעזאָגט, ער זאָל ניט מײנען, אַז די איצטיקע געלט־שטראָף וועט אים שוין דערלויבן ווײַטער אָנצוגײן מיט ספּעקולאַציעס; אַז אויב מען וועט אים נאָר כאַפּן ווען עס איז דערבײַ, וועט ער זיך שוין אַזוי לײַכט ניט אַרויסדרײען. שאַפּיראָ האָט אַלץ אויסגעהערט און געשוויגן. ער איז אַרויסגעגאַנגען מיט אַ געבויגענעם קאָפּ און אין האַרצן געזידלט:

— אויסוואורפן, געהאַרגעט זאָלן זײ ווערן!... ניט בעבינעם זאָגט מען, אַז זײ זענען ערגער פונעם באַנדיט מאַכנאָ אַפּילו. עמעס, יענער בארויבט טאַקע און דערהאַרגעט אַמאָל אויך, אָבער פאַר געלט קאָן מען זיך אויסקויפן און ווײַטער האַנדלען... די דאָזיקע מאַמזײרים אָבער, די באָלשעוויקעס, בײַ זײ העלפט דאָך אַפּילו קײן געלט אויך ניט!...

אַף דער גאַס, אַזוי גיך ווי שאַפּיראָ האָט נאָר דערפילט די דרויסנדיקע פרײַע לופט, האָט ער זיך צעשמײכלט און אַ ברום געטאָן צו זיך:

— כאַפּט זײ דער טײַוול מיטן געלט צוזאַמען!...נאָך אַלע זאַכן איז עס פונדעסטוועגן ווערט, אַבי איך בין נאָר לעבן געבליבן!...

געטראַכט האָט ער, אַז ווען די באָלשעוויקעס זאָלן אַפּילו זײַן מיט טויזנטער קעפּ, וועלן זײ אים ניט קאָנען פאַרווערן צו האַנדלען. און איך, אַזוי לאַנג ווי איך וועל נאָר לעבן,— האָט ער געמורמלט צו זיך, — וועל איך האַנדלען! דאָס געלט, וואָס זײ האָבן צוגענומען בײַ מיר,—וועל איך נאָך אָפּנעמען מיט פּראָצענט! יאָ, נאָך מאָרגן וועט מען מיר איבער דעם מוזן צאָלן צווײ מאָל אַזויפיל פאַרן צוקער, רײַז און אַנדערע סכוירעס!... אָ, איך וועל זיך די פינף מיליאָן רובל אָפּנעמען מיט פּראָצענטן!...

* * * * *

דאָס לעבן אין שטאָט האָט זיך צו ביסלעך אָנגעהויבן צוריק אײַנ־שטעלן. די טראַמווײען, וואָס זענען שוין לאַנג ניט געהאַט געגאַנגען, האָבן אַף עטלעכע שאָ אין טאָג ווידער אָנגעהויבן צו קורסירן און פרײלעך גרילצן איבער די שינעס פון די הויפּט־גאַסן. עס האָבן זיך שוין באַוויזן דראָשקעס און וועגענער. די עלעקטרישע גאַסן־באַלויכטונג האָט זיך אין די אָוונטן ווידער אָנגעצונדן. עטלעכע פאַבריק־קוימענס האָבן דאָ און דאָרט ווידער אָנגעהויבן רויכערן. סירענעס האָבן פרײלעך געפּײַפט און גערופן די אַרבעטער צו דער אַרבעט. שיפן אַפן יאַם און לאָקאָמאָטיוון בײַם וואָקזאַל האָבן אָנגעהויבן צו פּײַפן און הודזשען. אַרבעטער זענען געלאָפן פון און צו דער אַרבעט. פרויען האָבן געטראָגן פּעקלעך שפּײַז־פּראָדוקטן, וואָס זײערע מענער האָבן אין די פאַבריקן אַרויסגעקראָגן...

קראָמען — קימאַט אינגאַנצן אָן סכוירעס — האָבן זיך געעפנט און די סאָכרים — בײַ די קראָם־טירן — האָבן זיך אינדערשטיל דורכגערעדט

צווישן זיך. אפן מארק־פלאץ האבן זיך ביגנייזע — ווי שטשורעס פון די נארעס — ארויסגערוקט גרופקעס טונקעלע פארשוינען, ספעקוליאנטלעך, און שטילערהייט אונטערגעהאנדלט. פון הינטער דער פאלע האט איינער ביים צווייטן געקויפט עטלעכע פונטלעך צוקער, א פעקעלע טיי, א זעקעלע מעל, א פלעשעלע אויל, אדער אנדערע שפייז־פראדוקטן, וואס זיי האבן ערגעץ געהאט באגראבן. יענע, וואס האבן עס אפגעקויפט, האבן עס גלייך פארקויפט א דריטן מיט גרויס רייווח. פאטרולן האבן זיך ארומגעדרייט און — אפט, אויב זיי האבן אימיצן געכאפט ביים האנדלען — אים ערגעץ אוועקגעפירט. אף די ווענט האבן זיך באוויזן מעלדונגען, אז מען וועט קיינעם ניט שטערן האנדלען — אויב זיי וועלן האלטן די סכוירעס אפן אויסגעשטעלט און פארקויפן זיי פאר צוגענגלעכע פרייזן...

עס איז קלאר געווען, אז די נייע מאכט, די באלשעוויסטישע, האט זיך באפעסטיקט און אנגעהויבן איינשטעלן רו און ארדנונג...

ארבעטער־פעני־מער האבן געלויכטן מיט האפנונג אף בעסערע צייטן. ספעקוליאנטלעך און אנדערע ניט־ארבעטנדיקע עלעמענטן זענען ארום־געגאנגען פארטרויערטע און, מיט שטילע קלאלעס אף זייערע ציטערדיקע ליפן, — אונטערגעמורמלט...

אין שאפירא און בארניקס מעכאנישער פאבריק האט מען שוין גע־האט אויסגעגראבן די באהאלטענע מאשין־טיילן. זיי זענען שוין געווען ארומגערייניקט און צוגעשרויפט צו זייערע פלעצער. טייל מאשינען האבן שוין אפילו געהילכט און גערוישט. האמערס האבן זשומעדיק געקנאקט און פיילן האבן געהודזשעט. דאוויד בארניק — אביסל א געעלטערטער — איז געווען אנגעטאן אין א ווייסן פארטוך, האט זיך ארומגעדרייט איבער דער פאבריק און געגעבן באפעלן צו א גרופע שול־באכערים און מייד־לעך, אנווייזנדיק זיי וואס און ווי אזוי צו טאן...

— אט דיי־א שרויף, באווערל, דארף מען שניידן אף צוריק!...

— א לעכל פאר א שרויף בויערט מען אביסל קלענער!...

— אזוי טאר מען ניט יאגן קיין טאקארניע!... דאס איז דיר ניט קיין ניי־מאשין!...מען קאן נאך דאס מעסער צעזעצן!...

א יונגער באכערל, א סטודענט־מעכאניקער, האט זיך ארומגעפאר־קעט מיט דעם אצעטילין־שטורקאץ, וואס איז ביז איצט געווען א זאך, צו וועלכער קיינער האט זיך ניט געטארט צורירן. דאוויד אליין — אין א פאר גרויסע, שווארצע ברילן־גלעזער — האט געהאלטן די צוויי שטורקאץ־רערלעך, און געוויזן דעם באכער ווי אזוי צו שפריצן דאס פייער דורך די שטאלענע שפיציקע פינגער...

אין פאבריק האט געקלונגען יוגנט־פרייד און געלעכטער...

אין די ערשטע פאר טעג האט שאפירא אינגאנצן ווי פארגעסן אין דער געוועזענער פאבריק זיינער. ער האט געהאט גענוג צו טאן מיט זיך. ערשט עטלעכע טעג שפעטער, אז ער איז שוין געווען אביסל בארואיקט, האט ער באשלאסן אהינצוגיין. ער האט געוואלט זען וואס עס איז געשען מיט דאווידן. ווארים פונעם צווייטן טאג אן וואס ער איז געווען אין דער

טשעקא, איז דאוויד אזוי ווי פארלוירן געוואָרן פון אים. געהערט האָט ער בלויז, אַז יענער איז ווידער צוריק אין פאַבריק...דאָס האָט אים שטאַרק געקרענקט און...

— אָ, — האָט ער זיך וויפל מאָל געזאָגט,— ווען איך קאָן זיך עס אריינכאַפּן כאָטש פאר א מינוט בלויז אין פאַבריק אריין, וואָלט איך!... אז ניט מיר, — טאָ זאָל עס...

אוים מוירע, אז מען זאָל אים ניט זען אריינגיין אהין, — איז ער געגאַנגען — ניט ווי טאָמיד, ווען ער איז געווען באַלעבאָס — דורך דער קאָנצעלאַריע־טיר, נאָר דורכן זייטיקן געסל און דורך דעם הויף. אַפן וועג האָט זיך אים אלץ געדאַכט, אז מען גייט אים נאָך און מען שפּיאָנירט אים. ער האָט זיך דעריבער יעדע ווייל אומגעקוקט אין שרעק, צי איז טאַקע קיינער הינטער אים ניטאָ. ביים טויער האָט אים אימיצער, אַן אומבאַקאַנטער מאַן, אָפּגעשטעלט און געפרעגט וואוהין ער גייט.

— אין פאַבריק! — האָט שאַפּיראָ דרייסט אָפּגעענטפערט.

— האָט איר א דערלויבעניש? — האָט יענער — מיט אן אָנגעפּעלצטער שטימע, פונקט ווי ער אליין איז געווען — שטרענג געפרעגט.

שאַפּיראָ האָט פאַרכידעשט געקוקט אַפן אומבאַקאַנטן מאַן:

— שויטע! — האָט ער אים א זאָג געטאָן, — לאָז אריין!... פון וועמען דאַרף איך א דערלויבעניש, אז איך...איך בין דער באַלעבאָס...

דער מאַן האָט זיך מיט כויזעק פאַנאַנדערגעלאַכט:

— א באַלעבאָס?!...וואָסער סאָרט כאַיע איז דאָס?...

— און ווער ביסטו דאָס צו פרעגן אַף א דערלויבעניש?... — האָט שאַפּיראָ — א צערייצטער — איבערגעפרעגט.

— איך? — האָט דער מאַן ווידער געלאַכט, — איך בין א שוטעף פון פאַבריק און...איך היט אָפּ מיין אייגנס...

שאַפּיראָ האָט שוין מער גאָרניט געקאָנט הערן. די מאַשינען האָבן מיטאַמאָל גענומען זשומען און אים שיער פאַרטויבט. אין קאָפּ ביי אים האָט גענומען רוישן. פאַרביי די אויגן האָבן פייער־פונקען געגליט. א צעטומלטער, מיט אויסגעגלאָצטע בליקן, האָט ער זיך גענומען רוקן אַף הינטערוויילעכץ, צוריק צו דער גאַס צו, גלייך ער וואָלט מוירע געהאַט, אז אויב ער וועט זיך נאָר אויסדרייען, וועט מען אים נאָכשיסן...

„אויסוואַורפן!” — האָט ער געטראַכט ביי זיך, — „ביי מיר, אין מיין פאַבריק, בין איך שוין אויך ניט קיין באַלעבאָס מער?!...אָפילע בלויז אריינגיין א קוק טאָן — שוין אויך ניט?!”..

ער האָט באַשלאָסן צו פּרובירן זיך אריינכאַפּן דורך דער קאָנטאָר:

„דאָרט וועט מען אַוודע ניט כוישעד זיין און”...

ניט ווייט פון דער טיר איז שאַפּיראָ מיטאַמאָל געבליבן שטיין ווי א פאַרטשמעלעטער, מיט אן אויפגעהויבענעם פוס אינמיטן גאַנג, אַקוראַט ווי א פּאַראַליז וואָלט אים מיטאַמאָל געטראָפן. די אויגן — ברייט־אָפן — האָבן געגאַפט אַפן גרויסן פראָנט־פענצטער פון קאָנטאָר, ביי וועלכן עס איז געשטאַנען עפּעס א באָכער אַף א לייטער און דאָרט געאַרבעט...

געזען האָט ער, שאַפּיראָ, אַז אַפּן פענצטער זענען שוין ניטאָ די אַמאָליקע גאָלדענע בוכשטאַבן, וואָס האָבן אַמאָל אַזוי רייך און שטאָלץ אַרונטערגעגלאַנצט פונעם גלאָז, ווי זיי וואָלטן מיט הויכע קולעס גע־לאָזט וויסן, אַז די פאַבריק איז זײַנע: שאַפּיראָס און באַרניקס. געזען האָט ער איצט גאָר אַנדערע בוכשטאַבן, באַשיידענערע און פּראָסטערע, מיט באַשעטער ווײַסער פאַרב, וואָס האָבן געלאָזט וויסן אַ נײַע געשיכטע:

„ערשטע שטאַטישע מעכאַנישע מעלובע־פאַבריק, אונטערן אויפזיכט פונעם מעכאַניקער דאַוויד באַרניקן”...

שאַפּיראָ האָט געפּרובירט אַרײַנגיין, אָבער אויך דאָרט האָט מען אים געפרעגט אַף אַ דערלויבעניש און אָן דעם אים ניט געוואָלט אַרײַנלאָזן. ער איז געבליבן שטיין אַפּהענטיק. עס האָט אים אַזוי פאַרדראָסן, אַז ער האָט אַזש גענומען ציטערן:

— אַזוי?!...— האָט ער שטיל אַ מורמל געטאָן, — הייסט עס...

פאַר אים איז מיטאַמאָל אַלץ קלאָר געוואָרן. ער איז מיד צוגעפאַלן צו דער וואַנט און זיך פעסט אָנגעהאַלטן, אַז ער זאָל ניט אומפאַלן. ער האָט צוגעמאַכט די אויגן און זיך געפּלייסט אַרויסצורופן אין געדאַנק דעם אויסזען פונעם אַמאָליקן אויפשריפט. ער האָט געוואָלט ווידעראַמאָל זען די גאָלדענע בוכשטאַבן און אַזוי־אַרום כאָטש אַרויסרופן אַף אַ ווײַל אין זײַן געדאַנק די צײַט, ווען דאָס איז נאָך זײַנס געווען...

ער האָט אָבער גאָרניט געקאָנט זען. שוואַרצע רעדער האָבן זיך גע־דרייט פאַר די אויגן. שטילערהייט, ווי ער וואָלט מורע געהאַט, אַז מען וועט אים דערהערן, האָט ער — אַ נערוועזער — געמורמלט:

— אָט אַ טשעקיסטישער יושער, דער טײַוול זאָל זיי נעמען!... מיך, וואָס איך האָב אַ פאַרמעגן אַרײַנגעלייגט אין פאַבריק, האָט מען פאַרטריבן, און אים, דעם גאָרניט, וועלכער פאַרמאָגט גאָרניט, — האָט מען דאָס אַלץ איבערגעגעבן און...

מיטאַמאָל האָט ער בייז אויסגעשפּיגן און — אַ דערשלאָגענער — זיך פאַרנומען אין וועג אַרײַן. בײַ אים אין האַרצן האָט געגליט אַ שטאַרקער קאַאַס און ער האָט זיך אַפילו ניט געקאָנט אָפּגעבן קיין רעכנונג, צי איז דאָס געווען אַ קאַאַס אַף דער טשעקאַ, וואָס האָט בײַ אים די פאַבריק צוגענומען, אָדער עפּשער גאָר אַף דאַווידן, וועלכער האָט זיך אַזוי לײַכט אונטערגעגעבן און...

פון ערגעץ האָט אַ פאַבריק־קוימען אַ פײַף געטאָן צו מיטאָג־אָפּרו. דער פײַף איז געווען שאַרף און שנײַדנדיק. שאַפּיראָ האָט אַ קוק געטאָן אַרויפצו. אים האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס פײַפערײַ פונעם קוימען האָט זיך גאָר געריצט מיט אים און אים עפּעס אַזוי ווי אָנגעזאָגט:

— פיו־הו־הו!...האָסט שוין אָפּגעלעבט דײַן צײַט!...איצט איז אַ צײַט אַ נײַע!...אַ צײַט — פון אַ נײַעם, אַ טשעקיסטישן יושער!.......

....



„דער גענעראַל”

סעריע: „אונטערוועגנס”

(דעם אנדענק פון מיין פאָטער)

זיין נאָמען — מאָרדכע־יאָסעף. אונטער די אויגן, אָבער, פלעגט מען אים רופן: „דער גענעראַל”. זיין ארבעט — א מייסטער אין א זייף־פאַבריק. און כאָטש ער איז געווען אַן ארבעטער בא יענעם, האָט ער זיך פונדעסטוועגן געהאלטן פאר אַן איידעלעם אידן... פאָרט א מייסטער — האָט ער זיך געהאלטן ריין, לייטיש און מיט אַן איינגע־האלטענעם גאַנג. נאָך דער ארבעט פלעגט ער זיך ארומוואשן און זיך איבערטאָן אין זיינע שאַבעסדיקע קליידער, — אז מען האָט ניט געקאָנט דערקאָנען ווער און וואָס ער איז.

געווען איז ער א הויכער, ברייט־ביינ־קער איד, מיט א קיילעכיק־שיין פּאָנים, פון וועלכן עס האָבן ארויסגעשיינט א פּאָר קלוגע, לעבעדיק־ברוינע אויגן; און וואָס איז געווען באַזוימט מיט א ברייטער, שווארצער באָרד — א געוועבטע פון איינצלט־געשלענגלטע האָר. זיין גאַנג — א געלאַסן־געמאָסטענער — האָט דערציילט וועגן געזעצטקייט און קילן געמיט. ער איז געווען גוטמוטיק און פריינטלעך. זעלטן ער זאָל זיך ווען האָבן געבייזערט אף אימיצן... און טאָמער איז ער אַמאָל פאָרט בייז געוואָרן, האָט עס אָנגעהאלטן ביי אים בלויז א מינוט. גלייך פלעגט ער דאַן א שמייכל טאָן, צענומען ביידע עקן באָרד אין די זייטן און — צי

יענער איז געווען גערעכט אדער אומגערעכט — אים גלייך איבערגעבעטן.

זיין בעסטער פארגעניגן איז געווען — כעווּרעס. שטענדיק איז ער געווען פארקאכט אין קאלישע זאכן. אט איז ער געווען סעקרעטאר אין לינאס־האצעדעק, אט — א קאסירער אין ביקור־כוילים, א פרעזעס אין האכנאסעס קאלע, אדער אזוי סטאם א מיטגליד אין אנדערע כעווּרעס... אליין איז ער שטענדיק גרייט געווען צו טאן א טויווע יעדן איינעם, וואס האט נאר געבעטן. און אויב ער אליין האט איבער עפעס אן אורזאך ניט געקאנט צופרידנשטעלן די באקאשע, האט ער געזען, אז אימיץ אנדערש זאל עס טאן. מיט ליידיקן האט ער קיינעם ניט אוועקגעלאזט.

מענטשן האבן אים דערפאר ליב געהאט און קאווד אפגעגעבן. דער איינציקער מענטש, וואס איז געווען אומצופרידן מיט אים, איז געווען טאקע די אייגענע ווייב זיינע:

— דו ביסט א גאי, — פלעגט זי אפט טיינען צו אים, — פאשעט א מעשומעד, אן אפיקוירעס און...אלץ וואס אין דער קארט!...

די דאזיקע טיינעס האט זי אנגעהויבן נאך מיט יארן צוריק, נאך א צייט פאר דער ערשטער רעוואלוציע אין רוסלאנד. געווען איז עס, ווען דער עלטסטער זון זייערער האט איינמאל אהיימגעבראכט עפעס א ביכל. די רויטע טאוולען און דער אויפשריפט דערויף, — האבן איר זייער געשראקן. געהערט האט זי, אז פאר אזא ביכל, אויב מען פאקט עס נאר ביי אימיצן, גייט מען זיצן אין כאדגאדיע אריין, אדער מען ווערט גאר פארשיקט קיין סיביר. אזא אומקאווּעד האט זי ניט געוואלט האבן. זי וואלט זיך געווען א מאיסע אפגעטאן. געגוג צאאר האט זי שוין געהאט דערפון, וואס דער זון איז ניט געווארן א ראוו — ווי זי האט עס געוואלט — נאר א פראסטער באלמעלאכע. זי האט דעריבער בעשום אויפן ניט געוואלטליידן, אז דער זון זאל דאס דאזיקע „טרייף־פאסל" האלטן אין שטוב און עס לייענען. זי האט געהאלטן אין איין שרייען, אז אויב מען וועט דאס־א ביכל גלייך ניט ארויסווארפן פון הויז, וועט זי זיך דאס לעבן נעמען...

דער מאן פלעגט זיך אבער אין גוטן מוט אויסלאכן:

— מען מעג אזא ביכל אויך לייענען!...עס איז פונקט אזוי קאשער ווי דיין הייליקער טייטש־כומעש!...

זי, אז זי האט דאס דערהערט, האט בייז א שפיי געטאן:

— וואלסט כאטש געזאגט לעהאוודל, דו מעשומעד איינער!?...

מארדכע־יאסעף האט א שמייכל געטאן:

— אז דו רופסט מיך שוין איצט מעשומעד, היינט וואס וועסטו נאך זאגן, אז איך וועל זיך טאקע אוועקזעצן איבערלייענען דאס ביכל?...

— וועל איך זיך געטן מיט דיר! — האט זי ערנסט אפגעענטפערט.

— איך וועל מיט קיין מעשומעד־צו־לעהאכעס ניט וואוינען!...

ער איז זיך פארגאנגען אין שפאסיקן געלעכטער:

— וואס זשע, נארישע אידענע, וועסטו מיר דא אפטאן?... וועל איך נעמען, זיך לאזן רעדן א שידעך מיט א יונגער מיידל און...

און צענעמענדיק די באָרד איןביידע זייטן, — צוגעגעבן:

— מיט אזא באָרד וועל איך נאָך אוואדע טאָן דעם בעסטן שידעך!...

זי האָט א מאַך געטאָן מיט דער האנט און — א שווייגנדיקע — אוועק אין קיך צו איר ארבעט.

מאָרדכע־יאָסעף האָט גענומען ביים זון דאָס ביכל און דאָס גענומען איבערלייענען. דאָס, קאָן מען זאָגן, איז טאַקע געווען זיין ערשטע אויפ־קלערונג. פון דעמלט אָן האָט ער שוין אָנגעהויבן קוקן גאנץ אנדערש אפן לעבן און אין געדאנק אפילע גענומען זידלען זיין באלעבאָס, בא וועמען ער האָט שוין שיינע יאָרן געאַרבעט...

— א וואָרעם, א פיאווקע, איז ער! אַן עקספּלאָטאַר — טאַקע נאָר ווי אין ביכל שטייט!... א גאנעוו — כאָטש ער טראָגט אַן אטלעסענע קאַפּאָטע און פאָרט דריי מאָל אין יאָר צום רעבן!...

מיט האנאָע האָט ער זיך אָנגעהויבן צוקוקן צו די אַרבעטער פון דער דערביי־איקער שטולן־פאבריק, וועלכע האָבן אינדרויסן, לעבן דעם פארמאכטן טויער פון דער פאבריק, זיך געהיצט וועגן דעם סטרייק, וואָס זיי האָבן דערקלערט. ער האָט זיי באוואונדערט, ווי זיי שלאָגן זיך פאר דעם שטיקל ברויט וואָס עס קומט זיי. באוואונדערט, — ווי זיי זענען זיך דאָס מויסער־נעפעש פאר דער וועלט און פאר פרייהייט. מיט ווייטיק אין הארצן האָט ער געהערט דערציילן, ווי זיי ווערן דערפאר פארשיקט אין טפיסעס, קיין סיביר און... גאנץ אָפט אפילע אף טליעס...

אין דער פאבריק וואו ער אליין האָט געאַרבעט, האָט מען נאָך וועגן קיין סטרייקס, אָדער ענלעכע זאכן, ניט געהערט. מען האָט מוירע געהאט פארן באלעבאָס נאָך מער ווי פאר גאָט. ער אליין פלעגט אמאָל, אין די אָוונט־שאָען נאָך דער ארבעט, פרובירן א רייד טאָן מיט די אנדערע ארבע־טער, — אויך אזעלכע פאָשעטע אידן ווי ער — און געטייַנעט צו זיי:

— א שאָד, ברידער, וואָס איך אליין בין שוין מער קיין יונגערמאן ניט. אנדערש, זאָג איך אייך אָפן, וואָלט איך אוועק און זיך אויך פארשריבן אין זייערע פארטייעס!... איך וואָלט מיטגעגאנגען און טאַקע מיטגעהאָלפן ארונטערצוּוואַרפן דעם יאָך פון די פלייצעס!... ווייל וואָס איז דען א באַ־לעבאָס, אויב ניט קיין פאָשעטער עקספּלאָטאַר? און דאָס מיינט, אַז אָקסן־בלוט האָט ער און ניט פון קיין מענטשן!... א פיאווקע, וואָס מען קריגט באַם פעלדשער פאר א פערטעלע...לעבט נאָר אף פרעמדער פראצע!...

צייטנווייז פלעגט ער בא זיך אין הארצן יענע מעקאַנע זיין:

— זיי, די יונגוואַרג, זענען גליקלעכער פון מיר!...זיי האָבן נאָך וואָס צו לעבן!...זיי וועלן זיך נאָך דערשלאָגן צו זייערס און...

באגריפן האָט ער, אז מען דאַרף טאַקע יאָ אביסעלע איבערמאכן די וועלט; אז זי איז ווייט ניט יוישערדיק און אָן גערעכטיקייט; געפילט — אז מען דאַרף זיך טאַקע באפרייען פון די באלעבאַטים, ווייל זיי לעבן נאָר פון פרעמדער פראצע. ער האָט אפילע אָנגעהויבן פארשטיין, אז אליין קאָן מען דאָס טאַקע ניט טאָן און אז בלויז צוזאמען, אלע אינאיינעם...

— וואָרים וואָס האָט מען דען פונעם בעסטן באלעבאָס אפילע, ווען מען ארבעט אים אפילע געטריי קימאַט דאָס גאנצע לעבן? — האָט ער גענומען

אינדערשטיל איינטייניגען מיט די אַרבעטער אין פאַבריק. — אז מען ווערט נאָר אביסעלע עלטער, ווערט מען ארויסגעוואָרפן ווי אַן אַלט פערד...

א סימען האָט ער געהאַט: — טאַקע דער באַלעבאָס בא וועמען ער האָט פריער געהאַט געאַרבעט א לאַנגע צייט... דאָרט, אין יענער פאַבריק, האָט ער זיך שוין געהאַט אַזוי איינגעלעבט, אז זי, די פאַבריק אַליין, האָט אים שוין אָנגעהויבן אויסצוזען ווי אַן אייגענע. דער באַלעבאָס — אויבנאויף א גאַנץ לייטישער איד, וועלכער איז דריי מאָל אין יאָר געפאָרן צום רעבן, — האָט יעדעסמאָל געהאַלטן דראָשעס פאַר די אַרבעטער. ער האָט זיי דער־ציילט, אז דאָס אידישע פאָלק איז אַן אויסדערוויילטס און א הייליקס; אז די אידן דאַרפן ניט נאָכגיין אין די גאָאישע וועגן; אז זיי דאַרפן לעבן צווישן זיך אין אַכדעס, איינער פאַרן צווייטן אַוועקגעבן דאָס אייגענע לעבן און בעטן גאָט, אז ער זאָל שוין אַמאָל אויסלייזן פון גאָלעס און צוריק־פירן קיין ערעץ־איסראָעל, וואו יעדער איד וועט לעבן אונטער זיין אייגענעם ווייגאָרטן און טייטלבוים... ער, דער באַלעבאָס, האָט דעריבער געהייסן אַלע זיינע אַרבעטער, אז זיי זאָלן קויפן שקאָלים אין דער ציאָניסטישער אָרגאַניזאַציע, וואָס קויפט שוין דערווייל אויס דאָס לאַנד פון די ווילדע טאַטערן און אישמעאיילים... מאָרדכע־יאָסעף — ווי די אַנדערע אַרבעטער פון פאַבריק — האָט נאָך אָט־דער־א דראָשע טאַקע איינגעצאָלט פאַר א שעקל און געוואָרן א ציאָניסט. דער איינציקער, וואָס האָט דערפון ניט געוואָלט הערן, איז געווען דער בוכהאַלטער, ברעסלער, — א ליטוואַק מיט א גלאַט געגאָלטן פּאָנים און שווערע ברילן...

ער, ברעסלער, אז מען האָט אים דערנאָך געפרעגט פאַרוואָס, פלעגט פאַרשנדיק אַריבערקוקן איבער די גלעזער און שאַרף אָפּענטפערן:

— וואָס דאַרפן מיר טראַכטן וועגן ערעץ־איסראָעל, וואָס געפינט זיך ערגעץ אין דער ווייטער מידבאָר?... אַמער זאָלן מיר בעסער אויסקעמפן, אז דאָ זאָל זיין ווי ערעץ־איסראָעל און פּאַטער]...

פון זינט מאָרדכע־יאָסעף האָט געקויפט אָט־דעם שעקל, האָט ער אָנ־געהויבן גיין דאַווענען אין דער ציאָניסטישער שול, — דאָרט, וואו דער באַלעבאָס זיינער האָט געדאַוונט. יענער האָט אים דערפאַר אַמאָל מעכאַבעד געווען מיט אַן אַליע און ער, מאָרדכע־יאָסעף, האָט זיך אָנגעהויבן צו פילן נעענטער צום באַלעבאָס. ער האָט גענומען אַרבעטן געטרייער; געטאָן אַזעלכע זאַכן, וואָס האָבן זיך ביכלאַל ניט אָנגעהערט צו אים, ווייל ער איז געווען דער מייסטער און געדאַרפט בלויז קאָכן דעם זייף. אָבער ניט געקוקט דערויף, האָט ער אָף זיינע פּלייצעס געשלעפּט די צוויי־הונדערט־פונטיקע שטיסן זייף און — אויב ער האָט נאָר געקאָנט אָפּרייסן א ביסל צייט צווישן איין קאָך און צווייטן — זיך אַוועקגעשטעלט איבער אַן אויס־געליידיקטן ביילעוו־פאַס, אַריינגערוקט דעם קאָפּ זיינעם אין נעווײלעדיקן געשטאַנק און מיט א שאַרפער גראַצקע צוזיפּגעקראַצט דאָס צוגעקלעפּטע איבערבלייבעכץ פון די זייטן. ער האָט ביכלאַל גענומען צוזאַמענקלייבן יעדעס פּיצל אָפּפאַל, וואָס האָט זיך נאָר אָף דער ערד געוואַלגערט. קעדיי צו ראַטעווען דעם באַלעבאָס פאַרמעגן...

אָבער וואָס האָט ער, מאָרדכע־יאָסעף אַליין, באַקומען דערפאַר?...

קיינמאָל האָט ער אַזוי פיל נישט געאַרבעט. בלויז טיילמאָל, האָט ער אַרויסגעקראָגן אַביסל מער ווי די אַנדערע אַרבעטער די געוויינטלעכע כּוידעשלעכע פּאַרציע זייף, אַביסל מער סאָדע, בלעכן און עטלעכע קלעפּקעס פון די צעפּאַלענע, ווערטלאָזע קאַליפּאָניע־פּעסלעך — אָף צו באַהייצן...

עמעס, כּוץ דעם — אַמאָל אויך אַ שמייכל פונעם באַלעבאָס, אַ צוגע־וואָרפענעם, פונקט ווי מען וואַרפט צו אַ נעדאָווע אַ מיעסן, אָפּשטויסנדיקן קאַליקע. ער פלעגט דערביי אַמאָל מיקלוזיפערשט אויך אַ זאָג טאָן:

— דו דאַרפסט ניט קראַצן קיין פּעסער, מאָרדכע!... דאָס איז ניט פאַר דיר!... דו דאַרפסט שטיין באַם שטאַרץ און קאָכן זייף!... פאַר דער אַרבעט האָב איך פּראָסטע אַרבעטער, וואָס קאָסטן ביליקער ווי דו און...

אַמאָל האָט מאָרדכע־יאָסעף געמיינט, אַז דאָס זאָגט אים דער באַלעבאָס דערפאַר, ווייל ער וויל טאַקע ניט, אַז ער זאָל זיך דערנידעריקן מיט אַזאַ פּראָסטער אַרבעט. שפּעטער, אָבער, האָט ער זיך געכאַפּט, אַז דאָס האָט ער נאָר גערעדט אַזוי מיטן מויל... אין דער עמעסן, האָט ער געזען, איז יענער גאָר צופרידן געווען, וואָס ער ווייזט אַ ביישפּיל פאַר די אַנדערע אַרבעטער ווי אַזוי מען דאַרף געטריי זיין...

נאָך מער: ער האָט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז פון יעדן פּיצעלע ביילעוו, וואָס ער קראַצט אויס פון אַ פאַס, וואַקסט צו אַ שטיק שמאַלץ דעם באַלעבאָס אָפּן בויך; אַז פון יעדן גראָשן, וואָס ער שפּאָרט אים איין, זאַמלט יענער אָן נאָך מער אַשירעס, וואָס ער וועט דעם קומענדיקן זומער, פונקט ווי אַלע פריערדיקע זומערס, אויסגעבן אָף נעקייוועס, דאָרט, אין די דייטשישע וואַרעם־בעדער, וואוהין ער פאָרט זיך שמאַלץ צאַפּן...

יאָ, די געטריישאַפט זיינע האָט זיך גוט באַצאָלט!...

שפּעטער האָט זיך פון ערגעץ אונטערגערוקט דער לאַנגער איטשע, מיט דער גרויסער, געלער באָרד. יענער איז געווען אַביסעלע אינגער פון אים, געקאָנט מער אריינאַרבעטן און טאַקע אונטערכאַנפענען אויך. דער באַלעבאָס, וועלכער פלעגט שטענדיק האַלטן דראָשעס וועגן אַבדעס ביי אידן, האָט אַוועקגעשטעלט דעם געלן איטשען אָף זיין, מאָרדכע־יאָסעפס פּלאַץ, און אים געשיקט טאָן די שמוציקע אַרבעט... דערביי האָט ער אים, פריער, פאַרשטייט זיך, אריינגערופן צו זיך אין קאַנטאָר, געהאַלטן פאַר אים אַ גאַנצע דראָשע און...ארונטערגענומען עטלעכע רובל פון זיין געהאַלט:

— פאַרשטייסט דאָך אַליין, — האָט ער אים גאַנץ טרוקן אַ זאָג געטאָן, — אַז פאַר קראַצן פּעסער קאָן איך דיר ניט צאָלן ווי פאַר קאָכן זייף!...

דאָס האָט מאָרדכע־יאָסעפן אַזאַ שטאַרקן ברי געטאָן, אַז דאָרט, טאַקע אין קאַנטאָר, האָט ער אַרויסגענומען פון זיין קעשענע דעם שעקל, וואָס ער האָט ניט לאַנג צוריק געקויפט, אים צעריסן אָף פּיץ־פּיצלעך און אַ וואַרף געטאָן דעם באַלעבאָס גלייך אין פּנים אריין מיט אַ געשריי:

— גאָטס גאַנעוו!... און דאָס איז פאַר מיין געטריישאַפט?!...

און ער איז אַוועק זיך זוכן אַן אַנדערע שטעלע...

— צו אַלדע רוכעס! — פלעגט ער פון דעמלט אָן רעדן, — כּעווורע

זענען טאקע גערעכט: אליין קאן מען זיך טאקע ניט באווארענען!... מיט געטריישאפט, אדער כניפעס, דערגרייכט מען ערגעץ ניט!... אט, ווען די ארבעטער זאלן זיין אכדעס צווישן זיך, אנשטאט וואס מיטן באלעבאס, וואלט דאך דעמלט די וועלט גאר אן אנדער פאנים געהאט!...

ער האט זיך דערמאנט אין ברעסלערס רייד און געגארט אים צו זען. און ווען ער האט אמאל געהאט א פריין אוונט, האט ער אים אפגעווארט, בעאיים ער איז ארויס פון דער ארבעט. יענער האט אים דאן באגעגנט מיט א בריימן גוטן אוונט, געקוקט מיט פריינטלעכן צוטרוי דורך די שווערע ברילן אין די אויגן אריין און פארפירט א שמועס... ער האט עפעס אזוי מארדנע ליב באקומען צו הערן ווי יענער רעדט וועגן דער וועלט, וועגן די באלעבאטים, פאליטיק און וועגן קיסער אפילע... ער האט מאמעש האנאע געהאט, ווען ברעסלער, דער ליטוואק, האט גענומען אויסמאלן פאר אים א בילד, וועגן דער צייט, ווען עס וועט שוין זיין גאר אנדערש; ווען איבער די מענטשלעכע מויכעס וועלן שוין ניט הערשן, ניט קיין באלעבאס, ניט קיין קיסער און אפילע ניט קיין שום גאט...

וועגן גאט, אז דער ליטוואק האט גערעדט, איז עס מארדכע־יאסעפן געווען אביסעלע פריקרע. ער פלעגט דאן אזוי טיינען צו אים:

— זעט איר, פאני ברעסלער, אז איר רעדט וועגן מענטשן, ארט עס מיך ניט!... איך פארשטיי, אז זיי זענען ניט בעסער פון מיר און דארפן דעריבער ניט זיין קיין גאנצע שישקעס בא זיך. אבער אז איר פארטשעפעט גאט אליין, — דאס, זעט איר, זאלט איר מיר שוין מויכל זיין, איז ווי מען זאגט עס — א קאפעלע ניט אזוי דאסיק!...

ברעסלער האט געלאכט:

— איר זענט א קינד, מארדכע!... און ווי, א שטייגער, אז איך וועל אייך גאר זאגן, אז עס איז גאר ביכלאל ניטא אזא זאך ווי גאט?...

— איי וועט מען אייך אבער שמייסן דערפאר, פאני ברעסלער! — האט דאן מארדכע־יאסעף אומבאקוועם געשמייכלט און א פרעג געטאן, — און פונוואנען, זאגט מיר, זייט איר דאס אזוי זיכער, וואס איר רעדט?...

— איר זייט א קינד. — האט אים ברעסלער איבערגעשלאגן, — גוט נו, לאמיר אננעמען, אז ס'איז יא פאראן א גאט, — נו, איז ער דען אייערער, אדער מיינער?... ער איז דאך גאר זייערער, די באלעבאטימס און גווירימס גאט!... ווארים איר זעט דען ניט אליין? — אלץ פאר זייערטוועגן!...

מארדכע־יאסעף איז געבליבן שטיין, — ניט וויסנדיק וואס צו ענטפערן. ער האט בלויז שטום א קוועטש געטאן מיט די ליפן און א שאקל געטאן מיט דער האנט, ווי איינער רעדט: — ס'רעדט זיך נאר אזוי...

ברעסלער האט זיך, ווייזט אויס, געפילט ניצאכנדיק. ער האט געלאכט און מיטאמאל שפאסיק א זאג געטאן:

— אט, אפילע אייך העלפט ער ניט, — כאטש איר טראגט אזא גרויסע בארד פאר זיינעטוועגן...

— פאר זיינעטוועגן? — האט מארדכע־יאסעף געשטאמלט, — כ'מיין...

— טא צוליב וואס דען טראגט איר זי, אויב ניט...

מאָרדכע־יאָסעף האָט אים מיט שטוינונג אָנגעקוקט:

— סטייטש?... און ווי וואָלט איך עס אויסגעזען אָן איר?...

— פונקט ווי איך און נאָך אנדערע מענטשן אָן בערד! —האָט אים דער ליטוואַק קאַלט געענטפערט, זיך געזעגנט און איז אַוועק זיין וועג...

מאָרדכע־יאָסעף איז געבליבן שטיין אַליין. ער האָט אַ טאַפּ געטאָן די באָרד, זי צעגלעט, צענומען אין ביידע זייטן און אַ ברום געטאָן:

— אייסעך וואָס אַ ליטוואַק קאָן זיך אַ זאָג טאָן!...

און גלייך אַ טראַכט געטאָן:

„און עפּשער איז עס גאָרניט אַזוי קרום?... אַ באָרד מאַכט דאָך טאַקע אויסזען פיל עלטער און"...

ער האָט זיך אָבער גלייך גענומען באַשטרייטן:

— עט, וואָס צו גאָט איז צו גאָט און וואָס צו לייט איז צו לייט!...

* * * * *

פון דעמלט אָן האָט מאָרדכע־יאָסעף ליב באַקומען צו רעדן מיט זיין זון וועגן פאַרשידענע זאַכן. טיילמאָל האָט ער אַפילע געשפּאַסט:

— וואָס הערט זיך עפּעס? קלייבסט זיך טאַקע מאַכן די רעוואָלוציע?... גייסט זיך טאַקע נעמען צו ניקאָלייקען און אים גאָר אַרונטערוואַרפן פונעם בענקל?... נאַרעלע, קלוגערע פון דיר האָבן עס ניט געקאָנט באַווייזן...

ער האָט דאָס אָבער ניט געמיינט. דערמיט האָט ער בלויז געוואָלט פּראָוואָצירן דעם זון, אַז ער זאָל זיך אַוועקזעצן און אים דערציילן ווער, וואָס און ווען. יענער האָט אָבער קיינמאָל קיין צייט ניט געהאַט צו אים. ער פלעגט בלויז אַ מאַך טאָן מיט דער האַנט און איילנדיק ענטפערן:

— יאָ־יאָ, טאַקע איך און נאָך אַזעלכע ווי איך וועלן עס מאַכן און קיין האָן וועט אַפילע ניט אַ קריי טאָן! און אויב אַפילע יאָ, — אַרט עס אונדז אויך ווינציק! זאָלן אַלע הענער קרייען, זאָלן אַלע הינט בילן, מיר וועלן זיך פאָרט אונדזערס דערשלאָגן!...דו אָבער, טאַטע, — האָט ער שוין מיט פאָרוואורף פאַרענדיקט, — פונקט אַזאַ שקלאַף ווי אַלע אַנדערע אַרבעטער, — דאַרפסט ניט אָפּלאַכן פון אונדז, נאָר פאַרקערט...

נאָך אַזעלכע רייד האָט זיך מאָרדכע־יאָסעף געוויינטלעך פאַרשעמט. ער האָט גענומען שלינגען עפּעס אַזאַ אומגעזעענע זאַך, וואָס האָט זיך אים ווי אין האַלדז געשטעלט. עס האָט אים האַנאָע געטאָן, וואָס דער זון האַלט אים פאַר אַן אייגענעם. דאָס וואָרט „שקלאַף" האָט אים געשמייכלט ווי עפּעס אַ גרויסער טיטל. ער האָט זיך גענומען פאַרענטפערן:

— וואָרים איך מיין עס דען?... אַדראַבע, זאָל אייך גאָט העלפן איר זאָלט מאַצליעך זיין!... כ'מיין...איך וועל דאָך אויך געניסן דערפון...

ער האָט גענומען די בלאַט־צייטונג, איז אַריין אין דער צווייטער שטוב, גענומען לייענען און דערביי, זיצנדיק אַזוי, שווער איינגעשלאָפן...

* * * * *

איינמאָל, אַ פרייטיק אָוונט, איז מאָרדכע־יאָסעף — אָן אויסגעפּוצטער ווי שטענדיק אין די שאַבעסדיקע קליידער — אַוועק מיט זיין געמאָסטענעם גאַנג אין 'שול אַריין דאַוונען... פון דער דערביייאיקער ברייטער גאַס, האָט

זיך געהערט עפּעס א ווייט, הילכיק געזאנג, וואָס האָט זיך פריידיק צעטראָגן ווי פון טויזנטער העלדזער. מאָרדכע־יאָסעף האָט זיך אָפּגעשטעלט און זיך איינגעהערט. די לידער — אזעלכע באַקאַנטע און נאָענטע, — אָבער דאָך זיך ניט געקאָנט דערמאָנען, ווען און וואו ער האָט זיי געהערט. דאָס האָט אים פאראינטריגירט. א גאנצע צייט באַם דאווגען איז ער געשטאנען און אלץ געטראַכט וועגן די לידער. ענדלעך האָט ער זיך דאָך געכאַפּט:

„אָ, דאָס זענען דאָך די זעלביקע לידער, וואָס ער האָט אָפט געהערט דעם זון זיינעם אויסברומען און״...

ער האָט זיך אפילע דערמאָנט, אז די דאָזיקע לידער דערציילן וועגן א צייט, ווען עס וועט ניט זיין קיין האר און קיין קנעכט; קיין רייכער און קיין אָרימער; קיין איד און קיין קריסט... אלע מענטשן וועלן זיין גלייך איינער מיטן אנדערן... אלע וועלן ארבעטן און...

א צופרידענער שמייכל האָט זיך צעשפּילט איבער זיין פּאָנים און ער האָט זיך בעשום אויפן ניט געקאָנט באפרייען פון די געדאנקען, קעדיי ווי עס דארף צו זיין פארענדיקן דאָס דאווגען. ער האָט זיך אָנגעכמורעט און א טראַכט געטאָן:

„צי האָבן כעוורע שוין טאקע גאָר קיין מוירע ניט, וואָס זיי זינגען די דאָזיקע לידער אזוי פראנק און פריי איבער די גאסן?״...

און ער האָט זיך דערמאָנט נאָך א זאך:

ערשט היינט אינדערפרי האָבן כעוורע גערופן אן אלגעמיינעם סטרייק אין שטאָט און אלעמען ארונטערגענומען פון דער ארבעט. מען האָט אויס־געליידיקט די פאבריקן און מארשירט איבער די גאסן מיט פענער און פאָדערונגען פאר ברויט און פרייהייט... אים אליין האָט מען דאן אויך ארונטערגענומען פון דער ארבעט און ער איז זיך גלייך אוועק אהיים...אין אָוונט האָט מען דערציילט, אז קאָזאקן האָבן עטלעכע מאָל געשאָסן און אז פיל פון די סטרייקער ליגן שוין ערגעץ אין מאָרג דערמאָרדעטע...

מאָרדכע־יאָסעף האָט דאן ניט געקאָנט באגרייפן איין זאך:

„ווי אזוי האָט דאָס ניט אָפּגעשראָקן די אנדערע, די לעבן־געבליבענע, אז זיי זאָלן זיך ניט צעלויפן, נאָר גיין ווייטער אין פייער אריין?״...

ער האָט זיך איצט דערמאנט, אז די לעצטע עטלעכע וואָכן זענען שוין ביכלאל געווען אומרואיקע און שווערע. מען האָט קלאָר געפילט, אז עפּעס גרייט זיך...אָט, דער זון איז פארפאלן געוואָרן אף גאנצע טעג און נעכט... און איצט... איצט מוז ער מיסטאָמע — צוזאמען מיט אלעמען — זיין דאָרט, אף די גאסן, און... ווער ווייסט...

זיין הארץ האָט מיטאמאָל גענומען שטארק ציטערן...נאָך קיינמאָל האָט ער אזוי ניט מוירע געהאט, אז עס זאָל כאָלילע עפּעס ניט טרעפן מיטן זון, ווי איצט...אהיימגייענדיק פון שול, האָט ער זיך דעריבער אָפּגעשטעלט בא יעדן גאסן־ראָג, אריינגעקוקט אין גאס אריין און זיך איינגעהערט...

מיטאמאָל, אז ער איז שוין געווען לעבן סאמע הויז, האָט ער דער־זען, ווי פון דעם זייטיקן געסל אַנטקעגן, האָבן קאָזאקן, ווי ווילדע, זיך אף קליינע, גרויע פערד אָנגעטראָגן. פון די שוימיקע פּיסקעס — סיי בא

די קאָזאַקן און סיי באַ די פערד — האָט זיך אַ דורשטיקע ווילדקייט אין דער נאַכטיקער גרויקייט אַריינגעגאָסן. מאָרדכע־יאָסעף האָט זיך איילנדיק אין טויער אַריינגעכאַפּט און — צאַפּלדיק — זיך גענומען איינהערן. ניט ווייט אין גאַס האָבן אָפּגעהילכט עטלעכע שאָסן. אַ גרילצנדיקער פייף האָט די לופט צעפּאַסעוועט. פון ערגעץ האָבן זיך געטראָגן אויסרופן:

— הוראַ!...זאָל לעבן די פרייהייט!...זאָל לעבן די רעוואָלוציע!...

— נידער מיטן צאַר און זעלבסטהערשונג!...נידער!...

די געשרייען זענען פאַרטויבט און פאַרדעקט געוואָרן פון שיסערייען. פאַלנדיקע גלאָז פון צעזעצטע גאַסן־לאַמטערנעס, האָבן — ווי פאַלשע מאַטבייעס — טויב אָפּגעקלונגען אויף שטיינערנעם ברוק. צאַנקנדיקע גאַז־לאַמפּן האָבן גוזמעסדיק אויסגעהויכט דאָס לעצטע ביסל לעבן פון זיך און איבערגעגעבן זייערע נעשאָמעס אין די שווערע לאַפּעס פון דער טעהאָמיקער פינצערניש... דורך די טויער־גראַטעס האָט מאָרדכע־יאָסעף געזען, ווי די קאָזאַקן האָבן זיך גניוויש געדרייט דורך די געסלעך, געשפּרונגען איבער פאַרבאַריקאַדירטע דורכגאַנגען, זיך געדרוקט לעבן די ווענט און געהאַלטן זייערע ביקסן גרייט צום פייערן. עטלעכע זאַלפּן האָבן — פייל און בויגנדיק — דורכגעדונערט דורכן שוואַרצן כאַלאַל און באַפאַרבט די שווערע פינצטערניש מיט בליצנדיקע פייערן און גרויען רויך. מאָרדכע־יאָסעף איז געשטאַנען און געציטערט. אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די גאַנצע גאַס ווערט מאַמעש מיט רויטן בלוט באַוואַשן...

אַ שטיק נאַכט נאָכדעם האָט ער ניט געקאָנט שלאָפן. ער איז געלעגן אין בעט און שווייגנדיק געוואַרט אויף זון. צאַפּלדיק זיך האָט ער די מוירע אויסגעציטערט באַ יעדן לייזיקן טויער־סקריפּ. קאָנוואַלסיוו האָט ער זיך געוואָרפן אינעם אומהיימלעך־קאַלטן בעט און אַלץ געזוכט צו פאַרטרייבן די אימע, וואָס האָט אים באַוועלטיקט. און וואָלט עס נאָר ניט געווען שאַבעס, וואָלט ער אַרונטער פונעם בעט, וואָלט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ און וואָלט מיט אַ הייסן פּאַפּיראָס די אומגעדולדיק־קאַלטע ליפּן דערוואַרעמט. אָבער איצט, שאַבעס...איז ער געלעגן אינדערפינצטער און...מיט ברייט־צעעפנטע אויגן געקוקט אויף שווימענדיקן, פיאָלעטעווען פינטעלע, וואָס איז געשטאַנען ווי אַ קאַלטער גאַזלען אויף דער סטעליע און זיך געדרייט איבער אים אין עפּעס אַזאַ איילינקן געווירבל. מיט יעדער רעגע איז דאָס פינטל געוואָרן גרעסער, אָט זיך צעוואַקסן אין אַ רינגל, אָט זיך געשפּאָלטן אין צווייען, זיך ווידער פאָרמירט אין רינגלעך, זיך ווידער געשפּאָלטן, און איז אַזוי אַ געוואָרן אַלץ מער און גרעסער. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז אָט־אָט און אָט די גאַנצע מאַכנע פינטלעך און רינגען וועלן אים אַליין אויך פאַרכאַפּן אינעם קישעף־געדריי. די רינגען, וואָס האָבן געשוועבט פאַר זיינע אויגן, האָבן זיך גלייך איבערפאָרמירט אין אָן אַ שיער שפּיצן. און די שפּיצן — אַלע אַזעלכע שאַרפע און דינע — האָבן זיך אַרונטערגעלאָזט צו אים, אַז עס האָט זיך אים אויסגעוויזן — אָט־אָט און זיי וועלן אים צום האַרצן דערגרייכן:

— מיריעם! — האָט ער גענומען שטיל רופן צום צווייטן בעט, קעדיי זיך היימלעכער צו מאַכן, — מיריעם, ער איז דאָך נאָך ניטאָ! הערסטו?...

די ביקסן זענען שוין לאנג פארשטומט געווארן און ער, ער איז נאך ניטא... אז ס'זאל נאר כאלילע ניט האבן עפעס געשען מיט אים!...וואס זאגסטו?...

— וואס וויים איך? — האט דער ווייבס ציטערדיקע שטימע פון אונטער דער צודעק אפגעענטפערט. — וואס קאן איך וויסן?...

ער האט אין אומבאהאלפנקייט געגומען שטאמלען:

— געמיינט...דו...א מאמעס הארץ...אז דו פילסט בעסער...

— א, גאט וועט אוודע העלפן! — האט זי א קרעכץ געטאן און איז זיך גלייך פארגאנגען אין א כליפעדיק געוויין.

מארדכע־יאסעף האט זיך אומגעדולדיק א דריי געטאן אין בעט, בעסער אנגעטאן די באפעדערטע יארמלקע און אינדערשטיל גענומען מורמלען א קאפיטל טילים. אבער עפעס נאר ווי אף צו לעהאכעס האט ער קימאט קיין איינציקווארט אפילע ניט געקאנט געדענקען. עפעס נאר ווי דער גאנצער זיקארן זיינער וואלט אים מיטאמאל געווען פארלאזן. ער האט איבערגעכאזערט די זעלביקע ווערטער צו עטלעכע מאל, ביז עס איז אים נימעס געווארן און אויפגעהערט. ער האט זיך גענומען איינהערן אין דער נאכטיקער שטילקייט און אלץ געפרובירט אויפכאפן יעדן מינדסטן שארך פון דרויסן. מיטאמאל האט זיך דערהערט א ניט־ווייטער שאס, וואס האט די שטילקייט אזוי ווי אין צווייען צעשניטן. איבער די סקריפעדיקע טרעפ האט זיך גלייך דערהערט דאס הילכיקע גערויש פון לויפנדיקע טריט, — פונקט ווי פיל סאלדאטן וואלטן זיך געיאגט איבער זיי...

מארדכע־יאסעף האט איינגעהאלטן דעם אטעם און געווארט. גלייך איז אריינגעלאפן דער זון:

— טאטע! — האט ער אין איין אטעם א זאג געטאן און זיך גלייך אויסגעצויגן אף דער הוילער ערד, — טו א כאפ עפעס אף זיך, דעק מיך איבער מיט עפעס א שווארצער זאך, אדער מיט דיין טאלעס, און זעץ זיך צו לעבן מיר!...איך...פארשטייסט...אויב מען קומט — בין איך געשטארבן...

דער פאטער איז א דערשראקענער ארונטער פונעם בעט, א כאפ געטאן אף זיך זיין כאלאט, איבערגעדעקט דעם זון מיט זיין אלטן טאלעס און — פארגעסנדיק אפילע אז עס איז שאבעס — צוגעווארפן צו דער וויב:

— מיריעם, גיב אהער לעכט!...גיכער!...

זי האט זיך געקווענקלט פאר א וויל און זיך אלץ ניט גערירט. דאס מעכאלעל־שאבעס זיין איז געווען אביסל צו פיל פאר איר. מארדכע־יאסעף האט דאן אליין א כאפ געטאן צוויי לייכטער פונעם טיש, און באלד האבן צוויי שטיקלעך לעכט שוין געברענט צוקאפנס באם איבערגעדעקטן זון...

דער פאטער האט זיך ארומגעדרייט א טרויעריק־נערוועזער און אפילע קיין איינציק ווארט ניט אויסגערעדט. זיין וויב איז געזעסן אף א נידעריק בענקעלע איבערן זון און — אליין ניט וויסנדיק פארוואס — שטילערהייט געכליפעט אין די הענט אריין. זי האט בינלאל ניט פארשטאנען וואס עס איז געשען און נאכוואס דער זון האט זיך גאר איינגאנצן אוועקגעלייגט...

אין שטוב איז שטיל געווען. אלעמענס אטעמס — נאר ווי אפגעשטעלט. עס האט זיך געקאנט דאכטן, אז דער טויט שוועבט עס טאקע ארום איבערן

צימער און גרייט זיך אימיצן צו דערשטיקן... און אינדרויסן, אף די טרעפ, האט זיך געהערט דאס שווערע טרעטן פון לויפנדיקע פיס און דאס עפענען און צומאכן פון טירן. באלד האט זיך אויך די טיר פון זייער צימער א צעעפן געטאן און אף דער שוועל האבן זיך באוויזן צוויי סאלדאטן. זיי האבן זיך צעטומלטע ארומגעקוקט און, ווייזט אויס, געוואלט עפעס זאגן. אבער אזוי גיך ווי זיי האבן נאר דערזען דעם איבערגעדעקטן קערפער און די דערביי זיצנדיקע, וויינענדיקע פרוי, — האבן זיי זיך ווי פארלוירן, ארונטערגעכאפט זייערע היטלען פון די קעפ און — ציילעמענדיק זיך — גענומען שטיל און אף די שפיץ פינגער זיך הינטערווײלעכץ ארויסרוקן פון שטוב...

* * * * *

מארדכע־יאסעף האט טיף אפגעאטעמט. א ווײלע שפעטער איז ער שטיל און פארזיכטיק צוגעגאנגען צו דער טיר און זי פארשלאסן. דערנאך האט ער זיך אומגעקוקט צום ליגנדיקן זון און זיך קוים באהערשט פון לאכן. עס איז אים געפעלן געווארן אט דער גליקלעכער איינפאל. ער האט געוואלט אויפדעקן דעם זון און אים נעמען אויספרעגן וואס עס איז געשען, אבער יענער האט א שטומען וואונק געטאן און דערנאך געשעפטשעט:

— נאך ניט איצט... אביסל שפעטער... ווארים זיי קאנען נאך עפשער כאראטע קריגן און זיך אומקערן... בעסער נאך צוווארטן...פארשטייסט... איך... איך האב נאר וואס אוועקגעלייגט די „באיע"...

דער פאטער האט פארשטאנען און געשאקלט מיטן קאפ. געוואוסט האט ער, אז די „באיע" איז דאס דער פריסטאוו פון דעם פאליציי־אפטייל, וואס אין דעם געגנט וואו זיי האבן געוואוינט. די „באיע" איז געווען באוואוסט פאר א שרעקלעכן און בלוט־דורשטיקן מענטשן. געוואוסט האט מען אויך, אז ער פלעגט זיך בלוטיק נוקעם זיין אין אלעמען, וועלכע זענען נאר צו אים אריינגעפאלן. מיט א ברענענדיקן ציגאר פלעגט ער דורכלעכערן די שטערנס בא די ארעסטירטע, געשפיגן אין פאנים די געפאנגענע און זיי אנגעטאן נאך אנדערע מינים יעסורים און פייניקונגען... ניט איינער וואס איז אריינגעפאלן צו אים אין די לאפעס אריין, פלעגט דערנאך, ביינאכט, אויסהויכן זיין נעשאמע אף א שטריק, וועלכן ער האט ביגנייווע צוגעבונדן צום געגראטעטן פענצטערל פון דער נאסער, ברודיקער קאמער. מארדכע־יאסעף האט געוואוסט, אז אויך זיין אייגענער זון האט שוין עטלעכע מאל געהאט דעם אומגליק צו פארזוכן דעם טאאם פון דער „באיעס" באהאנדלונג. דאס לעצטע מאל האט יענער זיך אזוי איזדיעקעוועט איבער אים, אז ער האט זיך געגעבן א שוואוע בא דער ערשטער געלעגנהייט זיך אפצערעכענען מיט אים און...אפאנים, אז ער האט איצט אוואדע ווארט געהאלטן...

מארדכע־יאסעף האט דאס גאנץ גוט באגרייפט, אבער בעשום אופן ניט געקאנט פארשטיין, צי דאס האט גאר ביכלאל געלוינט. ער האט געטראכט:

„ועט מען דען איצט ניט אוועקשטעלן א צווייטן אף יענעמס פלאץ?... און עפשער טאקע נאך א פיל ערגערן הונט? — אזא, וואס וועט נאך מיט מער הארצלאזיקייט פייניקן און נעקאמע נעמען?"...

געפילט האט ער דעריבער, אז עפעס אנדערש וואלט מען געדארפט טאן.

עפּעס אַזעלכעס, וואָס זאָל שוין אָף שטענדיק אײַנשפּאָרן דאָס דאַרפן אָפּזיצן אַזעלכע צאַפּלדיקע נעכט בײַ אַ „טויטן” זון...

אַ מידער האָט ער צוגעמאַכט די אויגן און זיך געװומען דערמאָנען װעגן אַן אַנדערער, ענלעכער נאַכט, װאָס אים איז אַמאָל אויסגעקומען, װי איצט, צו זיצן בײַ אַ טויטן, — טאַקע בײַ אַן עמעס־געשטאָרבענעם...

דערמאָנט האָט ער זיך, װי מיט יאָרן צוריק, װען ער, מאָרדכע־יאָסעף, איז נאָך געװען אַ יונגערמאַן, איז ער געװען פאַרשריבן אין דער לינאַס־האַצעדעק און איז געגאַנגען זיצן באַ געשטאָרבענע. ער געדענקט: ער איז אַזוי איינמאָל — פּונקט װי הײַנט, אין אַ פרײַטיק צו נאַכט — געזעסן אין אַ מיליטערישן לאַזאַרעט, בײַ אַ אידישן מעס. דאָרט, אינעם מײסים־שטיבל, איז — װי געװײנטלעך — שטיל געװען. שטילער װי אָף אַ בעסוילעם אפילע. פון הינטער דער אָפּצאַמונג, פון דער אָפּטײלונג, װאָס פאַר ניט־אידישע מײסים, האָט זיך געטראָגן עפּעס אַזאַ מאָדנע שװערע פינצטערניש און אַ פײַנלעכע שרעק, װאָס האָט אויסגעזען אַזוי װי דאָס װענטל װאָלט געװײנט. ער איז אָבער ניט געװען קײן פּאַכדן און האָט זיך געמאַכט ניט־װיסנדיק. ער האָט דאַן — װי שטענדיק — אַרײַנגעקוקט אין אַ כומעשל, אָדער עפּעס אַזוי אַ מאַיסע־ביכל, װאָס ער פלעגט מיטנעמען מיט זיך און אפילע ניט געטראַכט װאו ער געפינט זיך... מיטאַמאָל האָט זיך פון יענער זײַט, פון הינטערן װענטל, דערהערט עפּעס אַזאַ טויבע רײַבונג מיט אַן אָפּקלאַנג װי פון אַ לײדיקן פאַס אַרוים... אָבער כאָטש ער אַלײן איז אויך דעמלט ניט דערשראָקן געװאָרן, האָט ער אָבער ניט געװאַגט און ניט געקאָנט אַרײַנגײן אַהינצו, קעדײ אַ קוק צו טאָן װאָס דאָס איז און פונװאַנען דאָס גערויש איז געקומען. ער האָט פּאָשעט ניט געװאָלט מעכאַלעל שאַבעס זײַן און נעמען דעם לאָמפּ אין האַנט אַרײַן. אָבער שפּעטער אַ װײַל, אַז דאָס גערויש האָט זיך װידעראַמאָל און אָבעראַמאָל איבערגעכאַזערט, האָט ער װעגן דעם געלאָזט װיסן דעם סאָלדאַט, װעלכער איז געשטאַנען אָף דער װאַך אינדרויסן, אַרום דעם מאָרג. יענער האָט דורך אַ פײַף אַרויסגערופן דעם עלטסטן פון קאַראַאול און יענער איז גלײַך אָנגעלאָפן. אַ ציטערדיקער האָט ער גענומען דעם לאָמפּ און — מיט אַ נערװעזער אײַנגעהאַלטנקײט — טאַקע צוזאַמען מיט אים, מאָרדכע־יאָסעפן, אַרײַנגעגאַנגען אַ קוק טאָן. גלײַך נאָכן ערשטן טראָט אין יענער זײַט, זענען זײ בײדע געבליבן שטײן װי פאַרשטמעלעטע... דערזען האָבן זײ, װי צװישן די מײסים, װאָס זענען געלעגן אויסגעלײגטע אָף דער ערד אײנער לעבן דעם אַנדערן, איז זיך געזעסן אַ יונגער „מעס”, זיך געריבן די אויגן און דאָס אַזוי טרוקן און כריפּעדיק אונטערגעהוסט. ׂמאָרדכע־יאָסעף האָט גלײַך געלאָזט װיסן װעגן דעם אין דער קאַנטאָר פונעם ׳אַזאַרעט. מען האָט גלײַך אַרויסגענומען דעם „מעס” פונעם טויטן־שטיבל ׂון אים צוריק אַרויפגעטראָגן אין זײַן פּאַלאַטע... װי עס האָט זיך שפּעטער רויסגעװיזן, איז עס דער דאָזיקער „מעס” יענעם טאָג געהאַט אַרײַנגעפאַלן ׳ן דער הינער־פלעט, װאָס איז דורך אַ פאַרזען אָנגענומען געװאָרן אַלס ׂר טויט און מען האָט אים אַרונטערגעטראָגן... מאָרדכע־יאָסעף האָט פאַר ׳ראַטעװען אַ מענטשלעך לעבן דאַן באַקומען אַ מעדאַל. דער דאָקטאָר האָט

געזאָגט, אז ווען ניט ער, מאָרדכע־יאָסעף, וואָלט דער „מעס" זיכער געווען אויסגעגאנגען פון בלויזער שרעק דאָרט, אונטן, אינעם קיל־שטיבל. דער געראטעוועטער, וואָס האָט זיך דערנאָך דערדינט צו אן אָפיצירן־טיטל, איז מיט יאָרן שפעטער געוואָרן דער פריסטאוו פון געגנט — די זעלביקע „באיע". און כאָטש ער איז געווען א הונט, אן אנטיסעמיט, און טאָמיד, בא יעדער געלעגנהייט, געשריגן, אז מען דארף אלע אידן אויסשעכטן, — האָט ער אָבער, ווען ער האָט נאָר באגעגנט זיין רעטער, אים דערמאָנט אין דער פאסירונג און אים מעכאבעד געווען מיט וואָס ער האָט נאָר געקאָנט. דערביי, אז ער איז שוין גוט שיקער געווען, איז ער זיך געקראָכן קושן מיט אים, דעם אידן, און א פארשיקערטער געשלוקעבצט:

— דו... מאָרדקע יאָסעק... ביסט א טייערער זשידעק... זעסטו... אלע אידן דארף מען קוילן... נאָר דיך... דו ביסט גאָר אן אנדערער סאָרט...

„געדארפט אים לאָזן דעמלט אויסגיין ווי א הונט", — האָט זיך איצט מאָרדכע־יאָסעף א כאפ געטאָן, — „וואָלט געווען מיט א קעלעוו ווייניקער און איך וואָלט איצט עפשער פארשפאָרט זיצן בא מיין „טויטן" זון"...

דערמאָנט זיך אין דעם, האָט מאָרדכע־יאָסעף א שמייכל געטאָן:

— א מאָדנע צופאל!... באשערט געווען, אז איך זאָל אָפראטעווען די „באיע" פון טויט, קעדיי מיין אייגענער זון זאָל דערנאָך ביי אים צונעמען דאָס לעבן, וועלכעס איך האָב אים אמאָל געשענקט...

א שווערע נאכט האָט זיך צעלייגט אף מאָרדכע־יאָסעפן, וועלכער איז אלץ געזעסן פארטיפט אין גרויע געדאנקען לעבן איבערגעדעקטן קערפער. ערשט אינעם רויטלעכן פרימאָרגן האָט ער אָפגעדעקט דעם טאלעס פונעם זון, ארויפגעוואָרפן אף אים דער מוטערס עפעס אן אלטע קליידל, איינגעהילט אים אין א שווערער פאטשיילע און אים גענומען צוגרייטן אין וועג אריין... גערעדט האָבן זיי ביידע גאָרניט צווישן זיך. ערשט שפעטער, אז יענער איז שוין געשטאנען בא דער טיר אוועקצוגיין, האָט ער שטיל צוגעוואָרפן:

— זאָרג זיך ניט, טאטע!... אלץ וועט זיין אין אָרדנונג!... איך וועל צוריקקומען, אזוי גיך ווי עס וועט זיך נאָר האָבן איינגעשטילט און...

דער פאָטער האָט גיך פארשלונגען די טרערן און גאָרניט געענטפערט. א וויל שפעטער, אז די טיר האָט זיך צוגעמאכט און פארדעקט הינטער זיך דעם זונס אוועקגעגאנגענע פיגור, האָט ער, מאָרדכע־יאָסעף, זיך מיד א וואָרף געטאָן אפן בעט און זיך שטיל פאנאנדערגעוויינט. אין שול איז ער שוין יענעם שאבעס ניט געגאנגען דאוונען...

* * * * *

זונטיק אינדערפרי האָבן די קראָמען זיך ניט געעפנט... די בעקערייען האָבן אפילו קיין ברויט ניט געבאקן... די פאבריק־קוימענס האָבן זיך ניט גערויכערט און די סירענעס האָבן קיינעם צו דער ארבעט ניט געוועקט... אף די גאסן האָט זיך ניט געהערט דאָס געוויינטלעכע טעגלעכע זשומעריי... קיין פערד האָבן ניט געהירזשעט און קיין פאָדקאָווע־קלאפעריי האָט ניט אָפגעהילכט איבערן ברוק... קיין טראמוויי־וואגאָנען האָבן ניט געגרילצט און קיינעם ניט אויפגערעגט... בלינדע לאמטערנעס האָבן — נאקעטע און נארישע — געקוקט

איבער די הוילע גאסן און נאך שווערער געמאכט די פינצטערניש. סאלדאטישע טריט האבן רעגלמעסיק־מאנאטאן אויסגעקלאפט לעוואיע־מארשן אף די נאקעטע טראטוארן. א פרעמדע זון האט זיך ווי מיט גוואלד געריסן דורך די געדיכטע וואלקנס און זיך ניט געקאנט דורכרייסן. א טויט־שרעק האט איינגעהילט די מענטשן, וועלכע זענען געווען ווי באהאלטן אונטער שלאס און ריגל... פון צייט צו צייט האט א צעשראקן־נייגעריק אויג געפרובירט כאפן א בליק אף דער גאס ארויס פון הינטער א פארצויגענער פארהאנג און זיך באהאלטן...

דער אוילעם האט אנגעהויבן צו הונגערן...

מארדכע־יאסעף האט זיך ארומגעדרייט איבערן צימער און געטראכט:

„זיצן אזוי, אן שפייז און אן ברויט, איז אויך קיין טאכלעס ניט...מען דארף זען עפעס צו טאן”...

ער איז ארונטער אפן הויף און זיך דורכגערעדט מיט עטלעכע שכיינים, אז מען דארף זען קריגן מעל און אויסבאקן ברויט. ער האט פארגעשלאגן, גיין צו פאן פאזנאנסקי, דעם מעל־סוחער. יענע אבער, האבן געטיינעט:

— פאן פאזנאנסקי?...אט דער כאזער?...ער וועט ניט געבן!...

— וואס ארט איך?...— איז ער באשטאנען, — קומט!...ער וועט וויינען און געבן!...לאזט עס צו מיר!...איך וועל רעדן צו אים!...

סטאך, דער סטרוזש, האט אויפגעשלאסן דעם טויער פאר זיי און ער, מארדכע־יאסעף, האט דער ערשטער ארויסגעשטעלט א פוס אין גאס:

— עט, ס'איז גארניט אזוי שרעקלעך ווי עס זעט אויס פון אינעווייניק!...

— האט ער א זאג געטאן, קעדיי צו בארואיקן די שרעקעוודיקע אידן, וועלכע זענען נאך אלץ געשטאנען אין טויער און מוירע געהאט ארויסצוגיין.

צום מעל־סוחער פאזנאנסקי איז זיי אבער שווער געווען צוצוקומען... טיר און טויער — פארשלאסן...דער שווייצאר, וואס האט געעפנט פאר זיי די טיר, האט זיי אין זאל ניט געוואלט ארייגלאזן...מארדכע־יאסעף האט אבער גענומען אזוי הויך שרייען אף אים, אז פאן פאזנאנסקי האט עס דערהערט אין די אינעווייניקסטע צימערן און איז געקומען צו לויפן:

— וואס איז דא דער טומל, אידעלעך? — האט ער, ווי ער אליין וואלט קיין איד ניט געווען, איראניש א שניט געטאן, — וואס וועט איר זאגן גוטס?...

מארדכע־יאסעף האט אים געזאגט וועגן וואס מען איז געקומען, אבער יענער האט אפילו ניט געוואלט הערן פון גאר. ער האט זיך גאר גענומען בייזערן; אנגערופן די אידן שנארערס און טויגעניכטסן און...

אז מארדכע־יאסעף האט געזען עס העלפט ניט, האט ער זיך גענומען רעדן צו פאזנאנסקין הארבערע רייד:

— נו, און וואס, א שטייגער, וועט איר זאגן, אז דער אוילעם — געטריבן פון הונגער — וועט פארנעמען דעם סקלאד און אליין נעמען מעל?...

פאן פאזנאנסקי איז רעכט בייז געווארן און גענומען שרייען:

— פאר אזעלכע רייד וועל איך אייך!...די פאליציי!...

— הונגער שרעקט זיך ניט פאר פאליציי! — האט מארדכע־יאסעף שארף א שניט געטאן און גלייך צוגעגעבן, — עמעס, קיין ברויט, אדער מעל האט טאקע קיינער ניט פון די שכיינים, אבער...קעראסין אין די לאמפן איז נאך

פאַראַן גענוג...און אויב...ב'ווים...פּאָליציי...איז ווייסט איר דאָך, אַז מיט קעראָסין קאָן מען, דאַכט זיך, באַגיסן דעם גרעסטן מעל־סקלאַד...

פאַן פּאָזנאַנסקי האָט אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ, צוגערופן אַ מעשאָרעס און אים באַפוילן אַרויסצוגעבן די אידן טעלעכע זעק מעל...

מאָרדכע־יאָסעף האָט דער ערשטער אַ כאַפּ געטאָן זיין זאַק מעל אַף די אַקסלען און...אַף דער גאַס האָט ער אַ זאָג געטאָן צו די אַנדערע אידן:

— נו, איצט זעט איר שוין וואָסער שפּראַך מען דאַרף נוצן צו זיי?!...

אַ שאָ שפּעטער זענען טעלעכע בעקער־אַרבעטער שוין געשטאַנען אין דער בעקעריי, וואָס אַף יענעם הויף און צוגעגרייט ברויט. איבער דער גאַס האָט מען געלאָזט וויסן וועגן דעם און מענטשן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן נאָך ברויט. מאָרדכע־יאָסעף האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן אַ טישל אינמיטן הויף, פאַרשריבן די נעמען און יעדן פון זיי — לויט דער צאָל מיילער אין שטוב, — אַרויסגעגעבן קווויטלעך אַף ברויט, אַף איבערצוקומען אַ טאָג...

אַזוי האָט דאָס זיך איבערגעכאַזערט עטלעכע טעג קעסיידער. יעדן טאָג האָט מאָרדכע־יאָסעף געקראָגן מעל ביי אַ צווייטן מעל־סוחר און געבאַקן ברויט. שכנים זענען געווען צופרידן און פרויען האָבן מאַמעש געבענטשט מאָרדכע־יאָסעפן פאַר זיין גליקלעכן איינפאַל. דער פּאָליציי איז דאָס אָבער אַפּאַנים שוין גאָרניט געפעלן. זיי האָבן, מאַשמאָעס, באַגריפן, אַז זאַטע מענטשן וועלן ניט אויפגעבן קיין סטרייק אַזוי גיך ווי אויסגעהונגערטע און זיי האָבן מאָרדכע־יאָסעפן פאַרנומען...דאָרט האָט מען אים אויסגעפרעגט פאַרשידענע פראַגעס און...ווער ווייסט ווי ער וואָלט אָפּגעשניטן, ווען דאָרט, אין פּאָליציי טאַקע, וואָלט זיך ניט געפונען קיין מיליץ־יושער פאַר אים... דער געהילף־פּריסטאַוו, וועלכער האָט איצט פאַרנומען דאָס פּלאַץ פון דער געהאַרגעטער „באַיע", האָט זיך פּאַשעט פאַנאַנדערגעלאַכט:

— גייט שוין, טיפּשים, מאָרדקע יאָסעק איז ניט קיין סטרייקער!...ער איז גאָר אַן אַנדער סאָרט זשידעק!...ער...דער „גענעראל"...

ער האָט אים טאַקע אַרויסגעלאָזט, אָבער דערביי מיט אַ גאַנץ שטרענגן וואָרט אים אָנגעזאָגט, ער זאָל מער ניט וואַגן צו טאָן אַזעלכע זאַכן, ווייל אַנדערש וועט ער פאַרשיקט ווערן קיין סיביר, אָדער עפּשער נאָך ערגער...

מאָרדכע־יאָסעף איז אָבער ווייטער אָנגעגאַנגען מיט דער אַרבעט פון שאַפן מעל און באַקן ברויט, ביז... דער גענעראַל־סטרייק איז דערשטיקט געוואָרן און פּאָליציי מיט קאָזאַקן האָבן באַלאַגערט די באַזיגטע גאַסן...

די מעל־סאָחרים האָבן זיך, ווייזט אויס, ווידער דערפילט טאַקעפעדיק און זיך באַקלאָגט אין פּאָליציי, אַז מען האָט בא זיי צוגענומען דאָס מעל דורך סטראַשונקעס און...עס האָט אויסגעזען, אַז דאַסמאָל וועט מען שוין אים, מאָרדכע־יאָסעפן, אַרעסטירן טאַקע אַף אַן עמעס און ווער ווייסט ווי אַזוי ער וועט דאַסמאָל אָפּשניידן...

ער האָט דעריבער ניט געמאַכט קיין לאַנגע געשיכטעס, פאַרנומען דאָס פּעקל מיטן פּלעקל און — אַן באַזונדערע צוגרייטונגען, אין מיטן נאַכט — ייד אַריבערגעשוואַרצט די גרענעץ, אַפן וועג צום זון, קיין אַמעריקע...

* * * * *

צו אַ ליכטיקן מאָרגן

סעריע:
„פון אַ פרעמדן ווינקל”

(די העלדישע וואָלונטירן, די קעמפער
פאַר דער שפּאַנישער פרייהייט,
— אַ מאָטאָנע.)

וועגן דער שיינקייט פון גרוזינישע פרויען טראָגט זיך אַ שעם איבער דער גאַנצער וועלט, ווייט אַריבער די גרענעצן פון גרוזיע. דאָרט אָבער, אין לאַנד גופא, רעדט מען ניט וועגן דעם, ווייל מען האַלט, אַז עס זענען בּיכלל ניט פאַראַן קיין מיעסע פרויען, סיידן זיי זענען סתּם פאַרזעענישן. אָבער אַן אויסנאַם איז געווען בּענוגייע דער פּופּצן־יעריקער נינאָ, יוסף דעם טעפּיך־הענדלערס טאָכטער... וועגן איר האָט מען אין לאַנד געשמועסט, אַז זי איז אַיין שיינקייט אין דער וועלט...

כאָטש נינאָ איז קיינמאָל אין איר לעבן ניט אַוועק ווייטער פון שטעטל באַרזשאָם, וואָס איז געווען עטלעכע וויאָרסט פון איר דערפל, איז איר נאָמען דאָך באַוואוסט געווען ווייט־ווייט פונעם פלאַץ, וואו זי איז געבוירן און אויפגעהאָדעוועט געוואָרן... פון דער פלאַכער קאָרעליע — וואָס בּיים שוואַרצן יאַם אין מאַירעוו, ביז די קאַכעטינער בערג, וואָס אין מיזרעך, — האָט קינד און קייט געוואוסט, אַז נינאָ פאַרמאָגט הימל־בלויע אויגן, וועלכע כאָלעמען ווי די פאַרטאָגעדיקע נעפּלען אף די אַרומיקע בערג־שפּיצן, און אַז זי פאַרמאָגט אַ קאָפּ מיט פייערדיק־בראָנזענע האָר, וואָס גליט ווי די קאַווקאַזער זון בּעאַייסן זעצן זיך. מען האָט דערציילט, אַז איר געלעכטער איז אַזוי קלינגענדיק־לויטער, נאָר ווי אַ פרישער וואַסערפאַל ערגעץ צווישן די שפּאַלטן פון די גאָר הויכע בערג, וואָס רייצט יעדן פאַרבייגייער צוצופאַלן מיטן מויל און לעשן דעם דורשט...

איר פאָטער, יוסף דער טעפּיך־הענדלער, איז געווען אָרים ווי די נאַכט. נינאָ האָט דעריבער קיינמאָל ניט געוואוסט דעם טאַם ווי עס פילט זיך מיט אַ פאָר שיך אף די אייגענע פיס. דאָס אַלטע שוואַרצע קליידל, וואָס זי האָט געטראָגן, איז עפּעס אַזוי ווי מיטגעוואַקסן מיט איר קערפּער פון קינדווייז אָן. דערפאַר, אָבער, האָט זי יעדן טאָג באַפּוצט אירע האָר מיט פרישע, לעבעדיקע בלומען־קראַנצן, וואָס די דאָרף־יונגען פלעגן איר

ברענגען מאטאָנעס, און באַצירט איר פּאָנים און קערפּער מיט א געזונטער ברוינקייט פון דער געטריי־באַקנדיקער קאַווקאַזער זון.

אז עס איז ערגעץ פאראן א גרויסע וועלט, מיט שטעט און שיינע הייזער, האָט נינאַ בלויז געהערט דערציילן. נינאַ אליין האָט אַמאָל געהאט געגלויבט, אַז די וועלט הויבט זיך גאָר אָן באַם טייך „קורא", וואָס לויפט פאַרביי דעם דערפל, און ענדיקט זיך ערגעץ באַ דער באַן־סטאַנציע אינעם שטעטל באַרזשאָם, פונוואַנען זי הערט דאָס לאַנגע, אויסגעצויגן־בענגלעכע פייפן פון די פאַרבייפאָרנדיקע לאָקאָמאָטיוון אינמיטן די שטיל־גרויע נעכט. אַז ווייטער, אַרונטערצו מיט דער „קורא", געפינט זיך די גרויסע שטאָט טביליסי*), וואו די מיידלעך גייען אָנגעטאָן שיינע געבלימלטע קליידלעך און אין גלאַנציקע שיך מיט זאָקן, — האָט זי געהערט פונעם שיינעם יונג מיכאָ, וועלכער איז אליין שוין עטלעכע מאָל געווען אין שטאָט, וואו ער האָט געדינט פאַר אַ פערד־יונג אין די הויפן פון רייכע קניאַזן.

פיל שיינע זאַכן האָט מיכאָ איר דערציילט וועגן אָט דער שטאָט. פון אים האָט זי זיך עס דערוואוסט, אַז דאָרט זענען פאַראַן פיל שיינע גערטנער און טאַנץ־זאַלן, וואו אין די אָוונטן שפּילן מיליטערישע אָרקעסטערס און יונגע פּאָרלעך טאַנצן זאַרגלאַז און פריילעך...

זי איז מעקאַנע געווען מיכאָן, וואָס ער דאַרף אינגיכן אָנקומען פאַר אַ פערד־יונג אינעם הויף פון דעם זייער רייכן קניאַז באַדזשי לאַמטאַדזע. געוואוסט האָט זי, אַז דער דאָזיקער קניאַז פאַרמאָגט זייער פיל שטעט מיט דערפער און איז אויך דער לאַנד־באַזיצער פון דעם דאָרף, וואו זי האָט געלעבט. נינאַ האָט זיך געטראַכט, אַז עס דאַרף אַוואַדע זיין גאָר אַ גרויס גליק צו קאָנען דינען בײַ אָט דעם דאָזיקן קניאַז. געהאָפט האָט זי, אַז ווען זי אליין וועט עלטער ווערן, וועט זי עפשער אויך קאָנען אָנקומען פאַר אַ דינסט צום קניאַז באַדזשי לאַמטאַדזע און אַזויאַרום אויך קאָנען געניסן פונעם גוטן און פריילעכן שטאָטישן לעבן...

ניט איינמאָל האָט זי דעריבער זיך געבעטן בײַ איר פאָטער יוסופן, אַז ער זאָל זי מיטנעמען אין שטאָט אריין, בעת ער וועט זיך פאַרנעמען אהינצו, צו פאַרקויפן טעפּיכער. ער אָבער האָט טאָמיד אָפּגעענטפערט:

— אָ, אַז וועסט עלטער ווערן, עפשער דעמלט...

יוסוף אליין האָט גאָר געהאָפט, אַז אָט, זאָל נאָר נינאַ אלט ווערן אַ זעכצן יאָר, וועט ער זי שוין באַשטאַטן פאַר עפּעס אַ קניאַז און דורך דעם אליין אויך אַוואַדע געהאָלפן ווערן, קעדיי ניט דאַרפן זיך מער אַרומשלעפּן מיט טעפּיכער צום פאַרקויפן. ניט בעכינעם, — האָט ער זיך געזאָגט, — איז זי דאָך עפּעס די שענסטע מיידל אין לאַנד. דערווייל אָבער...

איינגנטלעך איז יוסוף גאָרניט געווען קיין טעפּיך־הענדלער. געווען איז ער גאָר אַ פּאָשעטער אָרעמער „גלעד"2), וואָס האָט געוואוינט אַף באַדזשי לאַמטאַדזעס אַ פּיצל לאַנד און דערפאַר אים יעדעס יאָר אָפּגעצאָלט מיט אַ בוידעש האָרעוואַניע אַף זיינע פעלדער. און אַזוי ווי קיין ברויט צו דער זעט האָט ער קיינמאָל ניט געהאַט, האָט ער — איידער ער איז אַוועק צום קניאַז

*) דערקלערונג פון די פרעמד־ווערטער — אף זייט 295

אָפּצואַרבעטן פאַרן פיצל פעלד — צונויפגענומען ביי די דאָרף־פּויערטעס די ביליקע טעפּיכער, וואָס זיי האָבן אויסגעוועבט, און זיי מיטגענומען אין שטאָט אַריין מיט זיך, קעדיי צו פאַרדינען עטלעכע „מאַנעטים״3).

געוויינטלעך פלעגט אָבער יוסוף אַלעמאָל אַהיימקומען פון שטאָט אָן א גראָשן געלט. ניט נאָר פלעגט ער דאָרט, אין שטאָט, איבערלאָזן זיין אייגן געלט, נאָר ער פלעגט נאָך אויך פאַרשיקערן א טייל פונעם געלט, וואָס ער האָט געדאַרפט אומקערן די פּויערטעס פאַר זייער סכוירע. טאָמיד איז ער דעריבער געווען בייז און אויפגערעגט, און גאַנץ אָפט אויסגעלאָזט זיין ביטער האַרץ צו נינאָן. אַליין, קעדיי אָפּצוצאָלן די פּויערטעס פאַר זייערע טעפּיכער, האָט ער, יוסוף, געמוזט אָפּאַרבעטן ביי זיי אָף די פיצלעך פעלדער. אַזוי־אַרום האָט ער קיינמאָל קיין פרייע מינוט ניט געהאַט אָף צו באַאַרבעטן זיין אייגן פיצל פעלד. נינאָ האָט דעריבער שטענדיק געמוזט אַליין האָרעווען שווער און ביטער, אַז דאָס שטיקל שטיינערדיקע פעלד זאָל כאָטש אַרויסגעבן פון זיך דאָס ביסל קוקורוזע און גרינצייג, וואָס איז געווען נויטיק זיי ביים לעבן צו דערהאַלטן.

אַז יוסוף איז געווען אין הויז, איז נינאָ טאָמיד אַרומגעגאַנגען א שטילע — ווי א שאָטן, פּונקט ווי זי וואָלט גאָר קיין לעבעדיקן אָטעם ניט געהאַט. איר קלענצטער שאָרך האָט יוסופן אויפגערעגט און ער האָט איר דערפאַר צעפּאַסעוועט דאָס לייב. דערפאַר אָבער, אַז יוסוף איז אַוועק אין „דוכאַן״4) פונעם דערבייאיקן שטעטל, אָדער אין שטאָט אַריין אָף אַר־בעט און מיט טעפּיכער, — איז נינאָ גלייך געוואָרן גאָר א נייער מענטש. אירע אויגן האָבן זיך ווידער אָנגעצונדן מיט די בליציקע פייערלעך און די באָרוועסע פיס האָבן גענומען אונטערטאַנצן ווי פון זיך אַליין...

אין אַזעלכע פרייע אָוונטן איז נינאָ אַרויס פונעם פאַרבוישעכטן און איינגעבויגן־קרומען שטיבל, וואָס איז געשטאַנען אָף הילצערנע פיסלעך איבער א זומפּ, און איז אַוועק אָפן פרייען פעלד, הינטערן דאָרף. דאָרט האָט זי זיך געטראָפן מיטן יונג מיכאָן און מיט נאָך אַנדערע יונגען און מיידלעך. מען האָט צוזאַמען געטאַנצט, געזונגען פריילעכע לידער, געשטיפט און געלאַכט. אָפּטמאָל האָט אימיצער פון דער כעווערע געבראַכט א טשערקעסישע „בעשמעטקע״5) מיט ווייכע שעפּסענע שטיוועלעך, א צווייטער — א פּאָר קינדזשאַלן, און נינאָ — אין איבערגעטאָנענע אין דעם — האָט זיך אַוועקגעלאָזט טאַנצן א ברענענדיקע „לעזגינקע״6)...

און אָף טאַנצן איז נינאָ געווען איינע אין דאָרף. איר פלינקקייט, גראַציע און ברען, האָט קיינער ניט געקאָנט איבערשטייגן. אָנגעהויבן האָט זי געוויינטלעך אַזוי שטיל, ווי א נאָר־וואָס געבוירן ווינטעלע. מיט אַיין האַנט אויסגעצויגן האָריזאָנטאַל פון זיך און מיט דער צווייטער —— אויך אין דער זעלבער ריכטונג, אַנטקעגן דער ברוסט, — האָט זי זיך א לאָז געטאָן שוועבן אָף די שפּיצן פינגער, אַזוי שטיל, אַז מען האָט נאָר געהערט בלויז דעם שטילן געפליסטער פון איר קערפּערס ריטמישע באַוועגונגען. ביסלעכווייז איז זי אַריין אין אַזאַ דערהויבענעם עקסטאַז און זיך גענומען טראָגן ווי א ווילדער וויכער אַרום און אַרום, מאַכנדיק דערביי

פאַרשידענע קונציקע פיגורן מיט די בלאַנקע קינדזשאַלן. די יונגען און די מיידלעך — אויסגעשטעלטע אין אַ צעצויגענעם רונד אַרום — האָבן צוגעזונגען „שאַמילס טפּילע“[7], אָדער אַן אַנדער לעזגינקע, און אַלע צוזאַמען — צופּאַטשנדיק מיט די הענט צום טאַקט, ווי אין אַ כאָר — צוגעוואָרפן ריטמישע דערמוטיקונגען:

— „טאַשי־טאַשי, נינאָ!...טאַשי־טאַשי“[8]!...

באַלד האָט זיך קעגן נינאָן אַוועקגעלאָזט דער יונג מיכאָ אין טאַנץ. אויך ער איז געווען זייער לייכט אף די פיס און עס האָט זיך פאַרפלאָכטן אַ רייצנדיקער טאָפּל־טאַנץ. עס האָט אויסגעזען, אַז מיכאָ האָט געזוכט צוצוקומען וואָס נעענטער צו נינאָן, קעדיי זי אַרומצוכאַפּן, אָבער זי האָט אַלץ געפּאָכעט מיט די קינדזשאַלן און אים מיקלוימערשט ניט צו־געלאָזט צו זיך. סאָף־קאָל־סאָף, אַז עס איז אים פּאָרט געלונגען זיך צוצוכאַפּן צו איר, האָט ער זי פעסט אַ נעם געטאָן אין זיינע געזונטע אָרעמס, זי אַריבערגעוואָרפן צו זיך איבער דער האַנט ווי אַ בויגן, און זיך איינגעזויגן אין אירע ליפּן מיט אַ ליידנשאַפטלעך־הייסן קוש. די יונגען און מיידלעך האָבן דערפון שטאַרק אַנגעקוואָלן און צוגעוואָרפן שטיפערישע אויסרופן:

— „וואַשאַ“ פאַר נינאָן און מיכאָן!... „וואַשאַ“ פאַר באָסן־קאַלע![9]...

און מען איז אַלע צוזאַמען אַוועק אין אַ שטורמישן קאַראַהאָד...

* * * * *

ניט ווייט פון נינאָס הייזל, אין אַ פּיצל אַלטער בודקע, וואָס איז מיט איין זייט שוין טיילווייז געווען איינגעזונקען אינעם זומפּ, האָט געוואוינט אַן אַלטע צעקנייטשטע פּוילעטע מיטן אויסטערלישן נאָמען סאַבאַטאָ. וועגן דער דאָזיקער אַלטער פלעגן די דאָרפס־לייט זאָגן, אַז זי איז אַ מעכאַשייפע. איר אויסזען איז טאַקע געווען עפּעס אַזוי אויסטערליש, אַז עס איז גאָר קיין וואונדער ניט געווען, וואָס מען האָט זי גאָר אויסגעמיטן. איר שפּיציק קעפּעלע — ווי אַ מעשונעדיק־שוואַרצער רעטעך, און דאָס פּיצל דאַרע פּענימל — אַ צעשטשערבעטעס פון מאָסן שטופּלען און קנייטשן — האָט מאַמעש אויס־געגאָסן אַ מוירע אף יעדן. אירע אַש־קאָלירטע, שיטערע האָר, זענען טאָמיד געווען ווילד צעפּלאָשעט, ווי זיי וואָלטן זיך געקליבן אָט־אָט אַרויסצופליען פונעם שפּיציקן שאַרבן. אירע שטעכיק־גרויע קאַצן־אויגן זענען געווען ווי אַריבערגעדעקט מיט גאָר לאַנגע, אַריבערגעהאַנגענע ברעמען, וואָס האָבן דערמאָנט אין די וואָנצעס פון עפּעס גאָר אַן אויסטערלישן וואָרעם. דאָס אַנטוועכץ אירס — שטענדיק אין שוואַרצן — וואָס האָט איינגעהילט איר געבויגן־ביינערדיק קערפּערל, האָט אַרויסגערופן אַ מאָדנע אומהיימלעכקייט. ווער זי איז, ווי אַלט און פונוואַנען זי איז געקומען, — האָט קיינער אין דאָרף ניט געוואוסט. אַלטע לייט פלעגן דערציילן, אַז אַמאָל, נאָך מיט לאַנגע יאָרן צוריק, איז זי, — פּונקט אַזוי אַלט און צעקנייטשט, — אָנגעקומען מיט אַ פּעקעלע אף די פּלייצעס און מיט אַ שטעקן אין האַנט, און איינע אַליין זיך באַזעצט אין דער דאָזיקער בודקע. די דאָזיקע אַלטע האָט ניט געהאַט ניט קיין מאַן און ניט קיין פריינט, ניט קיין קינד און ניט קיין

רינד. קיינער האָט אַפילע ניט געוואוסט, צי זי איז אַן אַלמאָנע, אָדער גאָר אַן אַלטע מויד. שטענדיק פלעגט זי זיצן איינע אַליין ביי זיך אפן איינגעבויגענעם גאַניקל פון דער כורווע און דאָרט, — מיט אירע לאַנגע ביינערדיקע פינגער, — געוועבט פיינע, זיידענע טעפּיכער, וואָס זי פלעגט דערנאָך פאַרקויפן צו אַ פרעמדן גייער, וועלכער איז איינמאָל אין יאָר געקומען אין דאָרף דאָס אָפּצוקויפן...

די דאָזיקע אַלטע סאַבאַטאָ האָט געקאָנט דערציילן זייער שיינע מאַיסעלעך. נינאָ פלעגט דעריבער שטענדיק ליב האָבן צו זיצן לעבן איר, זיך צוקוקן ווי זי וועבט די טעפּיכער און דערביי אויסהערן אירע מאַיסעלעך. זי, נינאָ, האָט ניט מוירע געהאַט פאַר דער אַלטער, ווי די אַנדערע יונגע מיידלעך פונעם דאָרף. פאַרקערט: לעבן איר האָט זי זיך טאָמיד געפילט פריי און אויפגעלעבט. זי האָט איר אָפילע גערופן באָבע און אויסדערציילט פאַר איר אַלע אירע סוידעס. מיט אויסגעהונגערטע בליקן האָט זי געקוקט אין דער אַלטערס אָנצאַניק־צעקוואַטשעטן מויל, פּונקט ווי זי וואָלט מוירע געהאַט צו פאַרלירן אַפילע אַן איינציק וואָרט פון איר דערציילן...

נינאָ האָט ליב געהאַט סאַבאַטאָס מאַיסעלעך. עפּעס האָבן זיי, די מאַיסעלעך, זי איבערגעטראָגן אין גאָר אַנדערע וועלטן. אין וועלטן, וואו יונגע העלדישע פּרינצן פאַרליבן זיך אין שיינע מיידלעך, באַשענקען זיי מיט שיינע קליידער און בריליאַנטן, און באַזעצן זיי אין זייערע רייכע שלעסער און פּאַלאַצן...

יעדעסמאָל האָט סאַבאַטאָ דערציילט נינאָן עפּעס אַן אַנדער מאַיסעלע. איינמאָל איז עס געווען וועגן דער יונגער, שיינער, פּרינצעסן טאַמאַראָ, דעם פּרינץ גודאַלס טאָכטער; ווי אַזוי אינעם טאָג פון איר, טאַמאַראַס, כאַסענע מיטן העלדישן פּרינץ סינאָדאַי, האָט זיך אין איר פאַרליבט דער „דעמאָן" 10), וועלכער איז געווען פאַרשטעלט פאַר אַ שיינעם ריטער; ווי אַזוי ער, דער „דעמאָן", — קעדיי פּאָטער צו ווערן פון זיין קאָנקורענט — האָט געלאָזט דערהאַרגענען טאַמאַראַס כאָסן און זי אַליין, טאַמאַראָן, דערנאָך אַזוי לאַנג פאַרפאָלגט מיט זיין ליבע, ביז זי איז אויך אומגעקומען... און פון דעמלט אָן, — האָט סאַבאַטאָ טאָמיד סוידעסדיק צוגעגעבן, — איז פאַרבליבן אַזאַ טאָג אין יאָר, וואָס איז אַ טרויער־טאָג נאָך דער אומגעקומענער טאַמאַראָ. אין יענעם טאָג גייען אַלע פאָלקס־לייט אַוועק צום „טאַמאַראָ־בערגל", לייגן אַוועק אָף טאַמאַראָס קייווער פיל קראַנצן פון לעבעדיקע בלומען און באַוויינען איר יונג־אומגעקומענעם לעבן...

אַ צווייטמאָל האָט די אַלטע סאַבאַטאָ דערציילט נינאָן אַ מאַיסעלע וועגן דער וואונדערשיינער באַרג־מיידל קאַטאָ, דער טאָכטער פונעם אַלטן יעגער גרעגאָר, וועלכע האָט צוזאַמען מיט איר פּאָטער געוואוינט אין אַ געצעלט אָף יענער זייט „קאַזבעק"11). דער דאָזיקער יעגער האָט אַזוי שטאַרק ליב געהאַט זיין טאָכטער קאַטאָ, אַז ער האָט זי געוואָלט האָבן פאַר אַן אייגן ווייב... שפּעטער, ווען קאַטאָס כאָסן, דער שיינער פישער־יונג וואַנאָ, איז געקומען זי אַהיימנעמען צו זיך פאַר אַ ווייב, האָט עס דעם יעגער גרעגאָר שטאַרק פאַרדראָסן. ער האָט זיי ביידן אָנגעטרונקען מיט יונגן ברויזנדיקן

„מאדזשאַרי"12) און אין אָוונט זיי ביידן באַלייגט שלאָפן אויף א פעל פון א ווילדן שוואַרצן „בוייוואַל"13), וואָס ער אַליין האָט טאַקע יענעם טאָג געהאַט געפאַנגען. שפּעטער אָבער, איינמיטן נאַכט, ווען דאָס יונגע פּאָרל איז שוין געהאַט גליקלעך און געשמאַק געשלאָפן איינער אין צווייטנס אָרעמס, האָט ער, דער יעגער גרעגאָר, זיך שטילינקערהייט אונטערגעגאַנווערט צו זייער געלעגער און זיי ביידן צעשניטן מיט זיין אייגענעם יאַגד־מעסער...

נינאַ — כאָטש זי האָט אויפגעשווידערט פון די מאַיסעלעך — האָט זי אָבער דאָך געוואָלט הערן נאָך און נאָך. מער פון אַלעם האָט זי ליב געהאַט צו הערן דאָס מאַיסעלע וועגן דער גאָלדענער סאַנדראַ. עס איז איר געפעלן געוואָרן, וואָס יענע איז געווען אַזאַ קלוגע, געוואוסט די סודעס פון אַלע מינים גראָזן און קרייטעכער, און געקאָנט אויפקאָכן פון זיי פאַרשידענע קישעף־געטראַנקען. נינאַ איז סאַנדראַן מקנא געווען, וואָס יענע איז געווען א קישעף־מיידל, געקאָנט באַשאַפן פאַר זיך אַלץ וואָס זי אַליין האָט נאָר געוואָלט, דורך אן איינציקן שפּרוך, און אַפילו געקאָנט פליען ווי א פויגל אין דער לופטן... נינאַן האָט אָבער וויי געטאָן דאָס האַרץ פאַר סאַנדראַן, ווען די אַלטע האָט איר דערציילט, אַז דער אַלטער קניאַז אַרבעק, סאַנדראַס מאַן, מיט וועמען איר פאָטער האָט זי איבער געוואַלד כאַסענע געמאַכט,— האָט זי איינמאָל געטראָפן אין די אָרעמס פון איר יונגן געליבטן, דעם פּאַסטעך אַראַמיאַן, און דערפאַר זי פאַרשלאָסן איינע אַליין אין א שטוב מיט פאַרגראַטעוועטע פענצטער, אין איינעם פון זיינע שלעסער, אויף א גאַנץ הויכן פעלדז... סאַנדראַ, — האָט די אַלטע ווייטער דערציילט, — האָט מער ניט געקאָנט קריגן אירע קישעף־גראָזן, ניט געהאַט קיין קישעף־געטראַנקען ביי זיך און דעריבער מער ניט געקאָנט פליען... און אינדרויסן, אונטן, האָט אויף איר געוואַרט איר געליבטער אַראַמיאַן... קיין וועג, אָבער, ווי אַזוי אַרונטערצוקומען צו אים, איז ניט געווען...סאַנדראַ האָט געוויינט אָן אָן אויפהער...מיטאַמאָל איז איר איינגעפאַלן א געדאַנק: ניט לאַנג געטראַכט, האָט זי אָפּגעשוירן אירע גאָלדענע צעפּ, פאַרפלאָכטן פון די לאַנגע האָר א גראָבן שטריק און — דורך אים, ווי דורך א לייטער, — זיך אַרונטערגעלאָזט פונעם פענצטער צו איר געליבטן אַרונטער... ער אָבער, אַראַמיאַן, אַזוי גיך ווי ער האָט נאָר דערזען סאַנדראַן אָן אירע גאָלדענע האָר, האָט ער זיך אָפּגעקערט פון איר און איז אַוועק...סאַנדראַ איז געבליבן שטיין איינזאַם אַליין און אויסגעבראָכן אין א יאָמער־געוויין...שפּעטער איז זי צוריק אַרויפגעקראָכן אויפן הויכן פעלדז און — אויס פאַרצווייפלונג — זיך אַרונטערגעוואָרפן אין טיפן אָפּגרונט אַריין... און פון דעמלט אָן, — האָט סאַבאַטאַ שטילער פאַרענדיקט,— בלאָנדזשעט סאַנדראַ אַרום יעדע נאַכט צווישן די פינצטערע פעלדז־שפּאַלטן, אין די הויכע בערג. מיט אירע ציטערדיקע סקעלעטן־הענט האַלט זי די אָפּגעשניטענע האָר לעבן איר נאַקעטן שאַרבן און זי רופט אין דער שוואַרצער נאַכט אַריין מיט א גרוילעך געבעט:

— אָ, אַראַמיאַן, געליבטער, קום צוריק צו מיר!...קום צוריק!...

נינאַ האָט שטילערהייט באַדויערט די אומגליקלעך־אומגעקומענע מיידלעך,

אָבער ביי זיך אינעם האַרצן האָט זי געטראָגן אַ טיפע בענקשאַפט און אַ שטאַרקע קינאָה. זי האָט געוואָלט זיין אַזוי ווי די גאָלדענע סאַנדראַ און וויסן אַלע מיניס קישעף, קענדיי אויך, אַזוי ווי יענע, צו קאָנען פליען. די אַלטע סאַבאַטאַ האָט איר איבערגעגעבן די נעמען פון פאַרשידענע גראָזן און קרייטעכער און איר פאַרטרויעט דעם סאָד ווי אַזוי צו מאַכן די קי־שעף־געטראַנקען. זי האָט איר אויך אויסגעלערנט ווי אַזוי צו מאַכן פון פאַרשידענע בלומען די פיינסטע זאַלבן און פאַרפיומען, אַף צו שמירן איר שיינעם יונגן קערפּער, קעדיי צו געפעלן ווערן די קניאַזן און די פּרינצן, וועלכע וועלן זיך אַמאָל זיכער פאַרליבן אין איר...

נינאַ איז געווען פול מיט פרייד. אין די ביינאַכטן, ווען יוסוף, איר פאָטער, איז אַוועק אין „דוכאַן”, האָט זי געקאָכט די קרייטעכער אַפן „מאַנגאַל”14), וואָס לעבן דעם הויז, און דערנאָך גענומען אויספּרובירן אַף זיך די קישעף־געטראַנקען. זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַפן טישל, אינמיטן שטוב, צעשפּרייט אירע הענט ווי פליגל און זיך אַוועקגעלאָזט פליען אינדערלופט. זי איז אָבער שטענדיק אַרונטערגעפאַלן צו דער ערד ווי אַ שווערער שטיין און אָפטמאָל זיך דערביי אַזוי צעשעדיקט, אַז זי האָט זיך דערנאָך ניט געקאָנט קיין ריר טאָן פאַר עטלעכע טעג...

דאָס האָט אָבער נינאַן ניט אַנטוישט. זי האָט געגלויבט, אַז זי האָט אַוודע די קישעף־טראַנקען ניט גוט צוגעגרייט און געהאָפט, אַז ווען זי וועט זיך פאַרט אויסלערנען ווי אַזוי דאָס צו מאַכן, וועט זי — פּונקט ווי סאַנדראַ — זיך קאָנען אויפהויבן און אַוועקפליען...

די אַלטע סאַבאַטאַ האָט נינאַן געטרייסט און איר אויסגעלערנט נאָך אַנדערע זאַכן. זי האָט איר פאַרטרויט, אַז דורך קישעף קאָן זי אַפילע זען דאָס געשטאַלט פון איר צוקונפטיקן באַשערטן. דערצו, אָבער, — האָט זי איר געזאָגט, — דאַרף זי האָבן אַ שפּיגל מיט צוויי שוואַרצע לעכט און — אינמיטן נאַכט, איינע אַליין אין אַן אַבסאָלוט־פינצטערער שטוב — זיך אַוועקזעצן אַן איבערגעדעקטע מיט אַ שוואַרצן טוך, זאָגן אַזאַ קישעף־שפּרוך און אַריינקוקן אַזוי לאַנג אין שפּיגל, ביז זי וועט אים דאָרט דערזען.

און כאָטש דער בלויזער געדאַנק, צו בלייבן איינע אַליין אין אַ פינצטע־רער שטוב אינמיטן נאַכט, האָט אַף נינאַן אָנגעוואָרפן אַ שווערן פּאַכעד, האָט עס איר דאָך שטאַרק פאַראינטריגירט. זי האָט זייער שטאַרק געוואָלט וויסן און זען, צו דער יונג מיכאָ, וועמען זי האָט אַזוי האַרציק ליב, איז עס טאַקע איר באַשערטער פונעם הימל, אָדער... עפּשער איז עס אַזוי ווי די אַלטע סאַבאַטאַ האָט איר געזאָגט, אַז ערגעץ וואו זיצט אַ יונגער שיינער קניאַז, וואָס וועט נאָך קומען און זיך פאַרליבן אין איר?...

נינאַ האָט זיך דעריבער גלייך גענומען פאַרגרייטן מיט אַלע נויטיקע זאַכן פאַר דעם שפּיגל־קישעף. ביי אַ שכיינע האָט זי געליען אַ שפּיגעלע, ביים דיאַק פונעם קלויסטערל אויסגעבעטן צוויי שטיקלעך לעכט, און זיי אַרומגעשמירט מיט שוואַרצער סאַזשע פונעם „מאַנגאַל”. ביינאַכט, אַז זי איז געבליבן איינע אַליין אין שטוב, האָט זי די לעכט אַריינגעשטעלט אין צוויי ערדערנע טעפּעלעך — אָנגעפילטע מיט זאַמד, און זיי אַוועקגעשטעלט אַפן

טישל, אין ביידע זייטן פונעם שפיגעלע... עטלעכע מינוטן פאר האלב־נאכט האָט זי אָנגעצונדן די לעכט און פארלאָשן דאָס לעמפל, זיך אוועקגעזעצט אף א טאבורעטקע לעבן דעם צוגעגרייטן טישל, אריבערגעוואָרפן איבערן קאָפּ א שווארצן טוך, וואָס האָט אויך ארומגעהילט דעם שפיגל מיט די לעכט און — מיט גרויס אומגעדולד — גענומען שטאר קוקן אף איין פונקט אין שפיגל אנטקעגן זיך...

מיט אן איינגעהאלטענעם אָטעם און ציטערדיקן הארץ האָט נינאָ פאר לאנגע מינוטן געהאלטן אירע בליקן אָנגעצילט אפן זעלביקן פונקט... ארום איר איז געווען א טויטע שטילקייט און א געדיכטע פינצטערניש. די צוויי קליינע צאַפּלדיקע פלעמלעך פון די שווארצע לעכטלעך, האָבן דאן אויסגעזען ווי זיי וואָלטן געהאנגען אין עפּעס א גאָר ווייטער הוילקייט און געצאַנקט אין ערגעץ א שווארצער פוסטקייט. די שווארצקייט פון אונטער דער דעק, האָט אף נינאָ אָנגעהורבעט א שווערן פּאַבעד. עפּעס האָט עס פאר איר אויסגעזען אזוי גרויליק, אז עס האָט איר אזש ביים הארצן פארקלעמט. אירע אויגן האָבן אָנגעהויבן שמערצלעך צו שטעכן, אז זי האָט זיי קוים געקאָנט אָפּן האלטן. טרערן האָבן שארף געברענט אין די וויעס און עס האָט זיך אָנגעהויבן א שווינדלעניש... מאָדנע פייערדיקע פונקען האָבן זיך גענומען דרייען און הויבן ווי פייערדיקע רעדער... נינאָ האָט זיך אָבער דאך ניט אונטערגעגעבן. מיט איבער־געוואלד־אויפּגעריסענע אויגן האָט זי אקשאָנעסדיק געגאָפט אין שווארצן פונקען געדריי ארײן. די דאָזיקע פונקען האָבן זיך געמיניעט און איבערפאָרמירט און מיטאמאָל גאָר אָנגענומען דעם אויסזען פון אויסטערלישע מענטשלעכע פּנימער, וואָס האָבן זיך אין איילעניש פארבייגעטראָגן. אָט זענען זיי, דאכט זיך, פארבייגעלאָפן פון רעכטס אף לינקס, פון ארויף אף ארונטער, פון פאָראויס אף צוריק און דערביי זיך אפילו אף קיין איין אויגנבליק זיך ניט אָפּגעשטעלט, אז נינאָ זאל זיך באַטש רעכט קאָנען איינקוקן אין זיי. ענדלעך האָט זי דערזען ווי פונעם דאָזיקן פונקענדיקן מענטשן־געווירבל האָט זיך גענומען אויסשיילן א געשטאלט פון א באָכער, וועמעס אויסזען עס האָט זיך קעסיידער און אומאויפהערלעך געביטן... אָט האָט ער אויסגעזען ווי נינאָ אליין און אָט — גאָר ווי דער יונג מיכאָ... געזען האָט זי, ווי ער איז געשטאַנען גלייך אנטקעגן איר און געקוקט גלייך אין אירע אויגן ארײן, אז זי איז אזש פארציטערט געוואָרן. אליין ניט וויסנדיק פארוואָס, האָט זי — ווי א פארכאלעשטע — זיך דערנענטערט צום שפּיגל־גלאָז, זיך צוגעבויגן צום יונגן פּאָנים, ווי צוצורירן זיך מיט אירע ליפּן צו זיינע און...

אז יוסף, איר פאָטער, איז שפּעט ביינאכט אהיימגעקומען פון דעם „דוכאן", האָט ער נינאָן געפונען א פארכאלעשטע אף דער ערד, לעבן דעם טישל. די לעכט — פארלאָשענע — זענען געלעגן לעבן איר. נינאָ אליין, אז זי איז ענדלעך געקומען צו זיך פון דעם כאלאָשעס, האָט פון שרעק ניט געקאָנט קיין וואָרט אויסרעדן פאר א שטיק צייט...

* * * * *

זינגט נינאַ האָט דורכגעפירט דעם שפּיגל־קישעף אַף זיך — האָט זי שוין געוואוסט אַף זיכער, אַז איר צוקונפטיקער באַשערטער איז טאַקע דער שיינער יונג מיכאַ, וועמען זי האָט עס אַזוי שטאַרק ליב. איר האַרץ האָט עס איר געזאָגט ווען זי האָט נאָר אַ טראַכט געטאָן וועגן אים; איר פּאָנים האָט גענומען פלאַמען ווען זי האָט אים נאָר דערזען און איר צונג האָט זיך גענומען פּלאָנטערן, ווען זי האָט נאָר געדאַרפט רעדן צו אים. אַ פרייד האָט זי באַוועלטיקט — נאָר צום טאַנצן...

בלויז איין זאַך האָט אַף נינאַן אויסגעגאָסן אַ שאַרפן טרויער. עס האָט זי צעווייטיקט, וואָס — ווי מען האָט אָנגעהויבן שמועסן אין דאָרף — מען וועט אינגיכן פאַרנעמען די דאָרפס־יונגען און זיי אַוועקשיקן אַף מילכאָמע. זי האָט מוירע באַקומען, אַז אויב מען זאָל מיכאַן טאַקע פאַרנעמען אַפן פראָנט, וועט ער שוין קיינמאָל ניט צוריקקומען און זי וועט אים שוין קיינמאָל מער ניט קאָנען זען. זי האָט אָבער דאָס אַפן געדאַנק אפילע ניט געוואָלט לאָזן און בלויז געלעבט אין שטילער שרעק, ביז...

עס איז טאַקע געשען. מען האָט מיכאַן צוגענומען... אין אַ טאָג־צוויי אַרום האָט ער זיך שוין געדאַרפט צושטעלן אַף אַוועקגעשיקט צו ווערן... נינאַ איז געווען אַ צעבראָכענע...

אין אָוונט פאַר מיכאַס אַוועקגיין האָט נינאַ פאַרבראַכט מיט אים אַ שטיק צייט צוזאַמען. זיי זענען ביידע אַוועק הינטערן דאָרף און דאָרט — צעלייגט אינעם טיפן גראָז, איינער לעבן אַנדערן — זיך האַרציק געזעגנט. געווען איז דעמלט אַ וואונדערשיינער פרילינג־אָוונט. פון דער ערד האָבן זיך געטראָגן פרישע און געשמאַקע רייכעס פון ניי־געבוירענע גראָזן און פעלד־בלומען, ווי אַנזאָגנדיק, אַז אַ נייע וועלט האַלט זיך אין שאַפן... פייער־פליגעלעך האָבן מיליאָנענווייז אַרומגעשוועבט אין דער טונקלקייט, איבער דעם רואיקן אויבערפלאַך, און אָנגעפילט די דאָזיקע וועלט מיט אַ זיכערער רואיקייט... גרילן האָבן פון די טיפע גראָזן אַרויס אומאויפהערלעך געגרילצט מיט פריילעכע צוואַונטשונגען... אינעם זומפ, ניט ווייט דערביי, האָבן זשאַבעס געזונגען אין כאָר זייערע אָוונטיקע מאָנאָטאָנע לידער און דערביי אויסגעגאָסן אַ ליבע בענקשאַפט אַפן גאַנצן אַרום... אַ גרויסע, קיילעכיקע לעוואָנע האָט זיך באַזעצט ערגעץ אַף אַ ווייטן באַרג־שפּיץ און פון דאָרט אויסגעזען ווי עפּעס אַ גרויסער, שמייכלענדיקער זילבערנער קאָפּ אַף אַ ריזיקן שוואַרצן קערפּער... נינאַ האָט געהאַלטן מיכאַס האַנט אין אירער... אירע בריסטן האָבן זיך געהויבן פון גרויס אויפרעגונג און זי האָט זיך פריידיק־שטיל געפּיעסטשעט:

— אַ, מיכיקאַ, ווי גוט עס איז צו זיין צוזאַמען מיט דיר!...

זשעדנע האָט זי אַריינגעאָטעמט אין זיך דעם דערפרישנדיק־שמעקעדיקן רייעך פון דער אָוונט־לופט און מיטאַמאָל זיך שטיל צעכליפּעט:

— דו גייסט דאָך אָבער אַוועק און...

מיכאַ האָט געגלעט אירע האָר און געפּרואווט זי באַרואיקן:

— אָבער, נינאַ, טייערע, איך וועל דאָך צוריקקומען!...איך...

ער האָט איר אַ קוש געטאָן און צוגעגעבן:

— דערווײַל, נינאַ, וועל איך אַליין אויך בענגען נאָך דיר...

זי — אַ פריידיקע פון זײַנע זיסע רייד — האָט געשמאָלצט:

— ווי זשע וועט זײַן?...אָן דיר, מיכיקאָ...אָן דיר...

ער האָט ניט געענטפערט. ער האָט זי בלויז שטאַרקער אַ ציִ געטאָן צו זיך און זי צוגעדריקט צו זײַן ברוסט. זי האָט פאַרפלאָכטן אירע הענט אַרום זײַן האַלדז, אים היים געקושט און זיך קאָנוואָולסיוו געצאַפּלט:

— מיכאָ, מיכיקאָ טײַערער, לעבן מײַנס!...איך וועל דאָ, אָן דיר, זײַער אומרואיק זײַן!...מיר וועט אַזוי טרויעריק זײַן אָן דיר!...די זון וועט דאָ עפּשער שײַנען, אָבער קיין טאָג וועט עס ניט זײַן!...אָ, מיכיקאָ מײַנער!...

און מיטאַמאָל:

— ווייסטו גאָר וואָס, מיכיקאָ?... ביז דו וועסט צוריקקומען, וועל איך דערווײַל אַוועק אין שטאָט!...איך וועל זיך פאַרדינגען פאַר אַ דינסט צו עפּעס אַ קניאַז און...אַז דו וועסט קומען...

מיכאָ, פּונקט ווי ער וואָלט פּלוצלונג געביסן געוואָרן פון אַ שלאַנג, האָט זיך שאַרף אַ כאַפּ געטאָן:

— זאָלסט עס ניט טאָן, נינאָ! זאָלסט עס ניט וואַגן צו טאָן!...

און באַלד שטילער:

— ניין, נינאַ. ניט גוט איז פאַר אַ יונגער שיינער מיידל צו זײַן אַ דינסט בײַ די קניאַזן און... ניין... גאָרניט גוט!...

נינאָ האָט ניט פאַרשטאַנען מיכאָס רייד און דעריבער גענומען קוקן מיט פאַרכידעשטע בליקן אַף אים. מיכאָ האָט זי דאַן אײַנגעלייגט צו זיך אין שויס, מיט איר פּנים צו זײַנס, געגלעט אירע האָר און שטילערהייט איר גענומען דערקלערן:

— זעסטו, נינאַ, אונדז שיקן זיי אַף מילכאָמעס, אונדזערע שוועסטער און קאַלעס נעמען זיי פאַר דינסטן, באַליידיקן זיי און...

נינאָ האָט נײַגעריק געקוקט אַף מיכאָן. ער איז אָנגעגאַנגען:

— און יענע, וועלכע לאָזן זיך ניט פאַרנאַרן פון זייערע שמייכלדיקע צוזאָגן; פון שיינע קליידער, טײַערע צירונג, אָדער אַנדערע נאַרעריען, — יענע ווערן פּאַשעט באַצוואונגען דורך מאַכט און...

נינאָ האָט מיטאַמאָל נאַאיוו אַ פרעג געטאָן:

— באַצוואונגען?... נו, און די מיידלעך אַליין האָבן דען גאָרניט וואָס צו זאָגן וועגן זיך?...

מיכאָ האָט ביטער געשמייכלט:

— אָ, ליבינקע, וואָס קאָנען דען די מיידלעך זאָגן, אַז זיי געפינען זיך בײַ די קניאַזן אין די לאַפּעס, ווי בײַ די מאָנסטערס אין די פּיסקעס? יאָ, די קניאַזן ווייסן שוין ווי אַרײַנצונאַרן אַ מיידל אין זייערע נעצן!...

— און איך וואָלט זיך אַנטקעגנגעשטעלט! — האָט זיך נינאָ מיטאַמאָל געטאָן אַ זעץ אויף און דרייסט אויסגערופן. — איך וואָלט זיך אײַנגעביסן מיט מײַנע ציין אין יענעמס לײַב און...

— וואָלסטו דאַן גאָר געווען אַ פאַרלוירענע! יאָ, דו און דײַן פאָטער!... יאָ־יאָ, דער קניאַז וואָלט איך דאַן גלײַך אַרונטערגעטריבן פון

דעם פיצל ערד און...דערנאך וואלסטו געדארפט קומען און פאלן פארן קניאז אף די קניען, בעטן ביי אים, אז ער זאל דיר מוחל זיין און... וואלסט צופרידן געווען ווען ער ענטפערט דיר באטש א גוטווארט...אבער צו וואס גאר איצט טראכטן וועגן דעם, ווען איך... ווען איך האב דיך אזוי שטארק ליב און...אז איך וועל צוריקקומען...

נינא האט זיך שטארקער געטוליעט צו מיכאן און — ווי צו פארגעסן זיך אין דער שרעק, וואס זיינע פריערדיקע רייד האבן אנגעווארפן אף איר — שטיל געשעפטשעט:

— און איך, מיכיקא, האב דיך אויך ליב...שטארק ליב...דו ביסט דאך מיין באשערטער...יא, איך ווייס עס...

נאאיוו, מיט קינדערישער אומשולד, האט זי מיכאן דערציילט וועגן דעם שפיגל־קישעף, וואס סאבאטא האט איר אויסגעלערנט מאכן און אז זי האט אים טאקע געזען אינעם שפיגל. מיכא האט עס אויסגעהערט און זיך גוטמוטיק צעלאכט:

— נארישקייטן, נינא, דארפסט אזעלכע זאכן ניט גלויבן!...

זי האט זיך אלץ געפיעסטשעט:

— אבער מיכא, פארוואס ניט גלויבן?...אט האב איך דאך אליין דיך געזען אינעם שפיגל!...ערן ווארט!...עטלעכע מאל דיך געזען!...

ער האט זיך נאך שטארקער צעלאכט:

— עס איז בלויז אן איינרעדעניש. — האט ער זי מעוואטל געמאכט. — האסט זיך מיסטאמע אנגעשטרענגט פון צופיל איינקוקן זיך און... דעריבער געמיינט, אז דו זעסט מיך!... דו האסט אוודע געמוזט זען דיין אייגענע אפשפיגלונג און...

נינא האט שארף א קוק געטאן אף מיכאן:

— ווארים דו...דו גלויבסט דען ניט אין קיין קישעף?...

מיכא האט געשמייכלט:

— אמאל האב איך טאקע אויך געגלויבט. היינט אבער...

ער האט נינאן דערציילט, אז זינט ער איז געקומען אין שטאט אר־בעטן, האט ער זיך דארט דערוואוסט פיל אזעלכע זאכן, וועגן וועלכע ער האט פריער קיין שום באגריף ניט געהאט אפילו און אז...

— פארשטייסט, — האט ער מיטאמאל שארף א זאג געטאן, — דאס־א האבן די פריצים בעקיוון אזוי צוגעטראכט פאר אונדז, פאשעטע ארבע־טער־מענטשן, קעדיי מיר זאלן גלויבן, אז עס זענען פאראן טייוואלים און געטער, וועלכע האבן אונדז געמאכט פאר ארימעלייט און זיי — פאר רייכע...דאס האבן די רייכע געטאן, קעדיי מיר זאלן זיך ניט אנטקעגנ־שטעלן קעגן זיי און אפנעמען ביי זיי אלץ, וואס זיי האבן ביי אונדז צו־גענומען; וואס איז אונדזערס און וואס עס קומט אונדז...

נינא האט זיך א דערשראקענע א רוק אפ געטאן פון מיכאן:

— און דו...דו גלויבסט שוין אפילו אין גאט אויך ניט?!...

ער האט זי צוריק צוגעצויגן צו זיך און ארומגענומען:

— א, נינא, לאמיר איצט מער ניט רעדן וועגן דעם! זעסטו, ווען

איך װעל צוריקקומען, װעל איך דיך מיטנעמען מיט זיך אין שטאָט אַרײַן און... דאָרט װעסטו זיך לערנען װי איך האָב זיך געלערנט און זיך דערװיסן פיל זאַכן װאָס דו װײסט נאָך איצט ניט. און דאַן...

שטיל, װי ער װאָלט זיך געהיטן, אַז אַפילו די גראָזן אין פעלד זאָלן ניט דערהערן זײַנע רײד, האָט ער נינאָן דערצײלט, אַז דאָרט, אין שטאָט, האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אין אַזאַ פאַרבאַנד פון „גלעכן" און „מושאָס" 15), און דאָרט זיך אויסגעלערנט אָט די אַלע זאַכן. בעסאַד האָט ער איר פאַרטרויעט, אַז אָט דער דאָזיקער פאַרבאַנד לערנט די אַרבעטער זיך צו באַפרײַען פון אָט די אַלע אײַנגערעדטע נאַרישקײטן און גרײט זײ צו פאַר אַ מעכטיקן אַרויסטריט אין קאַמף קעגן אַלע קניאַזן און אונטערדריקער, קעדײ צוריק אָפּצונעמען בײַ זײ די פאַרמעגנס און די ערד, װאָס זײ האָבן דורך שװינדל בײַם אַרבעטער־פאָלק אויסגענאַרט:

— און דאַן, — האָט ער, װי ער װאָלט איר אַ מאַיסעלע דערצײלט, געלאַסן צוגעגעבן, — דאַן װעלן מיר, דאָס אַרבעטער־פאָלק, שוין מער ניט דאַרפן לײדן קײן הונגער און קײן נויט... מיר װעלן דאַן געניסן פון אַלעם, װאָס אונדזערע אײגענע הענט װעלן נאָר האָבן געשאַפן... מיר װעלן דאַן גײן פאַראויס צו אַ ליכטיקן מאָרגן, װאָו עס װעט הערשן נאָר גליק און פרײד פאַר אַלע מענטשן־קינדער...

נינאַ האָט זיך צוגעהערט מיט פאַרכאַפּטן אָטעם און — װי זי װאָלט זיך געפונען אין עפּעס אַן אַנדער װעלט — פאַרבענקט איבערגעפרעגט:

— אָ, מיכיקאָ, איז דען אַזאַ זאַך גאָר מעגלעך?...

מיכאָ האָט גוטמוטיק געלאַכט:

— יאָ, נינאָ, אַזוי װעט עס זײַן, אויב... אויב מיר װעלן זיך נאָר שלאָגן דערפאַר!... און שלאָגן זיך איז דאָס פאָלק גרײט. עס דאַרף נאָר קומען דער מענטש, װאָס זאָל אין דער ריכטיקער צײט אַ רוף טאָן דערצו; אַ מענטש — אַ פירער!... דאַן װעט דער שקלאַף, יעדער שקלאַף, זײַן גרײט זיך צו װאַרפן אין קאַמף, פאַר לעבן, פאַר גליק, פאַר ברויט!...

— װאָ! — האָט נינאָ — מיט אַ פרײדיקן כידעש, װי אַ קינד מיט אַ צוגעזאָגטער שפּילצײַג, — היסלײַװעסדיק אויסגעשריגן, — הײסט עס, אַז מיר װעלן נאָך אַמאָל האָבן „פורי" 16) צו דער זעט אויך?...

ער אַלײן איז אויך אָנגעצונדן געװאָרן מיט פרײד:

— יאָ, נינאָ, — האָט ער קימאַט אויסגעזונגען, — ניט נאָר „פורי" װעלן מיר דעמלט האָבן, נאָר אַלץ װאָס איז אויף דער װעלט פאַראַן!... װעסט דאַן ניט דאַרפן אַרומגײן אַזוי נאַקעט און באָרװעס װי איצט!...

מיט ברײט־צעעפנטע אויגן האָט נינאָ געקוקט אויף מיכאָס פּנים, װאָס האָט — אַ באַלויכטנס פון דער זילבער־בלאַסער לעװאָנע — אויסגעזען פאַר איר װי דאָס פּנים פון עפּעס אַ הײליקן, װעמען זי האָט פיל מאָל געזען אויף אַן איקאָנע אינעם גרויסן קלויסטער פונעם שטעטל. זײַנע רײד — אַזעלכע צוזאָגנדיקע — האָבן זיך צעװיקלט פאַר נינאָן װי אַ זײער שײן מאַיסעלע. אַ מאַיסעלע — װאָס אַפילו די אַלטע סאַבאַטאַ װאָלט ניט געקאָנט צוטראַכטן... נינאָ איז פון די דאָזיקע רײד מיכאָס אַזוי פאַרכאַפּט געװאָרן,

אַז זי האָט בעאַיס דעם אַפילע פאַרגעסן, אַז דאָס איז די לעצטע נאַכט, וואָס זי האָט אים לעבן זיך און אַז מאָרגן־איבערמאָרגן וועט ער שוין זיין ערגעץ גאַנץ ווייט אַפן פראָנט...טרערן האָבן זיך איר אַזש געשטעלט אין די אויגן פון גרויס פרייד. און מיכאַ... ער איז אַלץ אָנגעגאַנגען מיט דעם שײנעם מאַיסעלע ווײטער און ווײטער:

— יאָ, נינאָ, — האָט ער קימאַט אויסגעזונגען, — אַלץ וועלן מיר, דאָס ארבעטער־פאָלק, דעמלט האָבן!...אַלץ איז דאָך אונדזערס!... מיר האָבן דאָך דאָס אַלץ באַשאַפן!...אונדזערע טאַטעס האָבן דאָך די ערד צעאַקערט!...אונדזערע מאַמעס האָבן דאָך דעם פלאַקס געשפּינט, אונדזערע שוועסטער האָבן די טעפּיכער געוועבט און אונדזערע ברידער האָבן אַלע הײַזער געבויט!...אַלץ איז דאָך אונדזערס!...אַלץ!...

נינאָ האָט זיך פעסטער צוגעטוליעט צו מיכאַן, אים געהאַלדזט און היים געקושט. זי איז געווען אַזוי צופרידן און גליקלעך, אַז זי איז אַזוי גרייט געווען צו בלײַבן ליגן אין מיכאָס אָרעמס ביז יענער גאָלדענער צייט, וועגן וועלכער ער האָט איר מיט אַזאַ וואַרעמקײט דערציילט; זיין מיט אים, ביז עס וועט אָנקומען יענער גליקלעכער טאָג...

* * * * *

מיכאַ איז אַוועק אין מיליטער. נינאָ איז געזעסן אין איר איינזאַם שטיבל, געבענקט נאָך מיכאַן און געציילט די טעג אין האָפנונג, אַז די מילכאָמע זאָל זיך וואָס גיכער ענדיקן און אַז ער זאָל צוריקקומען... אָבער ווי אַף צו לעהאַכעס, האָבן זיך די טעג דאַווקע געצויגן לאַנגע און פּייניקלעכע. זיי, די טעג, זענען פאַר נינאָן אויסגעקומען עפּעס אַזעלכע פאַרמאַכטע און אומבאַוועגלעכע, פּונקט ווי זייד־ווערים־קאָקאָנס. די וואָכן — ווי אויסגעבריטע ווערים פון די קאָקאָנס אַרויס — זענען געקראָכן עפּעס אַזוי פּאַמעלעך און דערווידערדיק...דער אומגעדולד ביי נינאָן האָט זיך איינגעגעסן אַלץ פּײנלעכער און טיפער...

אויפגעלעבט האָט נינאָ בלויז דאַן, ווען זי האָט דערהאַלטן אַ בריף פון מיכאַן. זי איז דאַן געלאָפן מיטן בריף איבערן דאָרף און געקלאַפּט אין טירן. יעדן, וואָס האָט נאָר געקאָנט, האָט זי געבעטן איבערליינען און מיט אַ זשעדנער פרייד — ווי אַ נאָר־וואָס־געבוירן קעלבל די ערשטע טראָפּנס מילך — אַזוי האָט זי געשלונגען די געהערטע ווערטער. שפּעטער, אַז זי איז אַהיימגעקומען, האָט זי ערשט אַף איר געלעגער אויסגעקושט יעדעס פּיצל פּאַפּיר פונעם בריף, ווי דאָס וואָלט געווען מיכאַ אַליין...

דערווייל האָבן זיך אומרואיקע טעג איבערן לאַנד געשטעלט. אינעם דאָרף האָט מען דערציילט, אַז אין די גרויסע שטעט זענען די „מושאָס" און „גלעכן" אַרויס אַף די גאַסן און געפּאָדערט אָפּצושטעלן די מילכאָמע. מען האָט איבערגעגעבן, אַז אַפילע די פרויען, מיט זײערע זויג־קינדער ביי די בריסטן, זענען אויך אַרויס און האָבן מיט געשרייען געפּאָדערט ברויט און פרײַהייט...בעסאָד־סוידעס האָט מען זיך געשושקעט, אַז די סאָלדאַטן אַף די פראָנטן זענען געוואָרן אומרואיק און גענומען פּאָדערן, אַז מען זאָל זיי אַהיימלאָזן... נינאָ האָט זיך דערמאָנט וועגן מיכאָס רייד

אין יענער נאכט פאר זײַן אװעקגײן, און געזען אין דעם א צײכן, אז ער װעט אװדע גאר אינגיכן אהײמקומען...

„אָט", — האָט זי זיך געטראַכט, — „האָט דאָך איר מיכאָ דאָס טאַקע אַלץ פֿאָראױסגעזאָגט און"....

מיט א פארשטארקטער האפנונג האט זי זיך דעריבער גענומען װארטן אף מיכאס אהײמקומען...

און אָט, אײנמאל אין א פרימארגן, קימאט א יאר נאך מיכאס אװעקגײן, איז אין דארף אנגעקומען א ידיע, אז מען האט דעם צאר געצװאונגען זיך אפצוזאגן פונעם טראן און אז עס איז געשאפן געװארן א נײַע רעגירונג. צװישן זיך האט מען געשמועסט, אז די דאזיקע נײַע רעגירונג װעט אױסטײלן ערד צו די ארימע ערדלאזע „גלעבן"; אז מען װעט שױן מער ניט דארפן צאלן קײן צינזן, אדער הארעװען בײַ די קניאזן קימאט פאר גארניט און זײַן פארשקלאפט דאס גאנצע לעבן...דאס גאנצע דארף האט זיך געפרײט אין א פרײדיקער, האפנונגספולער דערװארטונג.

די אלע האפנונגען האבן זיך אבער אױסגעלאזט מיט גארניט. די נײַע רעגירונג — האט נינא געהערט, װי די פױערים באקלאגן זיך — האט פארן פאלק גארניט געטאן, נאר געהײסן װארטן און װארטן...

— אָט, שפעטער, װען אין לאנד װעט זיך אײנשטילן און... מען טאר דאך ניט אױפרײַצן די לאנד־באזיצער....

װעגן אפשטעלן די מילכאמע איז אױך קײן שום פרײלעכע נײַעס ניט געװען. די נײַע רעגירונג האט געלאזט װיסן, אז מען מוז זי דערפירן צו א זיגרײַכן סאף...די האפנונג, אז מיכא װעט אינגיכן אהײמקומען, איז בײַ נינאן אינגאנצן צערונען געװארן...

אבער דאס פאלק, אז עס האט זיך שױן באפרײט פונעם צאר, האט שױן מער ניט געװאלט מילכאמע האלטן. די סאלדאטן האבן זיך מאסנװײַז גענומען אהײמלאזן פון די פראנטן און — צוזאמען מיטן פאלק — ארױסגעטראטן אין קאמף קעגן די נײַע פירער, װעלכע האבן געװאלט גײן אין די פיס־טריט פונעם צאריזם. די נײַע רעגירונג האט געמוזט אפטרעטן. בלױז דא, אין גרוזיע, האט זיך די נײַע הערשער אײַנגעגעבן צו פארבלײַבן. זײ האבן זיך דאן אפגעריסן פונעם גאנצן לאנד, זיך דערקלערט פאר א זעלבסטשטענדיקע מעדינע און װײַטער אנגעגאנגען מיט זײער פראס צום הארעפאשנעם פאלק...

און פון מיכאן איז אלץ קײן ידיע נים געװען.

מיטאמאל, אײנמאל אין א שטאק פינצטערער נאכט, האט אימיצער אינדערשטיל אנגעקלאפט אין נינאס טיר. זי איז ארױסגעלאפן א קוק טאן װער דאס איז. מיכא — אין אפגעריסענע קלײדער און מיט א היטל איבער די אױגן — האט זי א באפ געטאן אין זײַנע ארעמס, זי שטארק אױסגעקושט און שטיל, קױם װאס זי האט געהערט, איר א זאג געטאן:

— איך מוז נאך אװעקגײן, נינא טײַערע!...דער קאמף איז נאך ניט געענדיקט!...די הערשער װילן זיך נאך אזױ לײַכט ניט שײדן מיט זײער פארבאפטער מאכט און פארמעגנס! אָט, אז מיר װעלן זײ באקעמפן און אף

זייער פלאץ אוועקשטעלן א רעגירונג אן אייגענע, א רעגירונג פון און פארן פאלק, אזוי ווי דארט, דאן...

און נאך איידער נינא האט באוויזן איבערצופרעגן מיכאן וואס ער מיינט מיט זיינע רייד, האט ער זיך געטאן א דריי אוים פון אירע אָרעמס און איז ווייטער פארפאלן געווארן אין דער פינצטערער נאכט ארײַן...

עס איז אוועק א צייט. צומאל האט נינא דערהאלטן א געהיימען גרוס פון מיכאן. ער האט איר געלאזט וויסן, אז ער שלאגט זיך אף יענעם זייט „קאזבעק״ מיט די רעשטלעך פון די פריצים און אפיצירן, וועלכע ווילן ווייטער פירן דאס לאנד אף די אלטע וועגן. אין יעדן גרוס האט ער איר צוגעזאגט, אז גאר אינגיכן וועט ער צוריקקומען און דאן...

נינא איז גאנצע נעכט געזעסן אף איר געלעגער און באוואשן איר פאנים מיט הייסע טרערן. אין הארצן האט זי געוואונטשן דעם טויט אלע מיכאס סאנים, איבער וועמען ער דארף עס זיין אזוי פארוואגלט אין די ווילדע נעכט. זי האט געבענקט נאך מיכאן. שטארק געבענקט. און אָפט, קעדיי ווי ניט אָנצוזעטיקן איר בענקשאפט נאך אים, האט זי — כאטש זי האט שוין געטראכט, אז עס מוז זיין — ווי מיכא האט איר געזאגט — נאר אן איינרעדעניש — ווידער אָנגעצונדן די שווארצע לעכט, זיך אוועקגעזעצט אן איינגעדעקטע ביים קישעף־שפיגל און געגומען ארײַנקוקן אין אים אזוי לאנג, ביז זי האט פאר אירע מידע און האלב־פארשלאפענע אויגן ווידער ארויסגערופן מיכאס געשטאלט פאר זיך...

און איינמאל, בעאיים זי איז אזוי געזעסן ביים שפיגל אן איינגעדעק־טע מיטן שווארצן טוך און געווארט ביז זי וועט ארויפצווינגען אף זיך דעם צושטאנד צו דערזען מיכאן פאר זיך, איז איר פאָטער פלוצלונג אָנגעקומען. א צערייצטער האט ער א ריס געטאן די דעק פון איר קאפ ארונטער און זיך צעשריגן:

— הער נאר אוים, מויד, ביסט מיר שוין אביסל צו ווייט פארקראכן מיט דער מעכאשייפעס, סאבאטאס נארישקייטן!...וואס איז? וועמען האסטו דאס געזוכט דארט, אינעם שפיגל?...

נינא — א צעטומלטע — האט צאפלדיק גענומען שטאמלען:

— איך...פאָטער...אים...מיכאן...מיין צוקונפטיקן באשערטן...

יוסוף האט ציניש געלאכט:

— אים? דעם אָפגעריסענעם פערד־יונג?...דעם פארעטער?!...

נינא האט ארונטערגעלאזט דעם קאפ:

— ער איז ניט קיין פארעטער און...איך האב אים ליב...

— נארישקייטן! — האט דער פאָטער א שניט געטאן. — ליב, אָדער ניט ליב, דו וועסט מיט אים סײ־ווי ניט כאסענע האבן!...

און גלייך שוין אביסל שטילער און ווייכער צוגעגעבן:

— זעסטו, נינא, און איך האב א בעסערן כאסן פאר דיר ווי דער שפיגל דיינער!...א רייכערן און...א קניאז...

נינא האט געשוויגן. פאר א וויל, האט עס אויסגעזען, האט בײַ איר אין הארצן א טיאָבקע געטאן א מאָדנע געפיל, אז עפשער זענען טאקע

סאבאטאס נעוויעס מעקויעם געווארן און זי וועט נאך האבן א קניאז פאר א מאן. גלייך אבער איז איר באפאלן א שרעק:

„נו, און וואס־זשע וועט דעמלט זיין מיט מיכאן?... זי האט דאך אים אזוי שטארק ליב און״...

זי האט אבער גארניט געזאגט דעם פאטער. ווי א געהארכזאם הינטל האט זי בלויז געקוקט אין זיינע אויגן אריין, אין דערווארטונג, וואס ער וועט איר ווייטער זאגן.

— יא, טאכטער, — איז ער אנגעגאנגען, — שוין עטלעכע מאל האט אט דער קניאז געשיקט שעליכים צו מיר, אז ער וויל דיך פאר א ווייב און איז גרייט צו באצאלן דערפאר מיט געלט, פעלד און געצעלט. איצט האט ער געלאזט זיין, אז ער וויל איך זאל דיך אריבערברענגען און...

נינא האט אלץ געשוויגן. דער פאטער — עפשער צום ערשטן מאל אין זיין לעבן — איז צוגעגאנגען נעענטער צו איר, זי גענומען צערטלען און דערביי זיך געקלאגט:

— עס איז שלעכט, נינא!... איבער דער מילכאמע און רעוואלוציע קויפט מען ניט קיין טעפיכער און... די קוקורוזע פון אונדזער פיצל פעלד איז ווייט ניט גענוג פאר אונדז... די איינציקע הילף איז איצט ער, באדזשי לאמטאדזע...

נינא, ביים דערהערן אט דעם נאמען, איז אזש אויפגעשפרונגען:

— באדזשי לאמטאדזע?... ער?... ער איז דאך אן אלטער מאן!...

יוסוף האט געלאכט:

— וואס זשע פאר אן אומגליק איז עס פאר דיר, נארעלע?!... פארקערט: וועט ער דאך פריער אפשטארבן און דו וועסט פארבלייבן נאך אים א רייכע אלמאנע!... דו וועסט דאן קאנען באסענע האבן מיט וועמען דו אליין וועסט נאר וועלן, — אפילע מיט „דיין״ מיכאן!...

יוסופס רייד האבן נינאן אויפגעשוידערט. זי איז צוגעפאלן צו זיינע פיס, געקושט זיינע הענט און — א צעבראכענע — געוויינט:

— א, פאטערל, טו עס ניט!... איך בעט דיך, מאך מיך ניט אזוי אומגליקלעך!...

יוסוף, ווייזט אויס, גערירט פון איר געוויין, האט גענומען בעטן:

— וואס זשע זאל איך טאן, נינא?... מיר זענען דאך ארים ווי די נאכט!... קיין פעלדער, וואס זאלן אונדז מיט גענוג ברויט באזארגן, — האבן מיר ניט!... איך אליין ווער פון טאג צו טאג אלץ עלטער און שוואכער!... באלד וועל איך שוין אינגאנצן ניט קאנען ארבעטן!... מיין פארמעגן — די הענט — פארלאזן מיך שוין!... און דו, נינא, אזא אויצער ווי דו, קאנסט דאך אונדז ביידן ראטעווען, גליקלעך מאכן!...

נינא איז געזעסן אף דער ערד מיט אן ארונטערגעלאזטן קאפ. דעם פאטערס געבעט האט איר פארקלעמט ביים הארצן. א צעפייניקטע האט זי געהערט זיינע רייד, אז נאך מיט א צייט צוריק, בעאיים ער איז געווען אין שטאט מיט טעפיכער, האט דער קניאז באדזשי לאמטאדזע געשיקט נאך אים און אים אזוי געזאגט:

— יוסוף, איך האב געהערט, אז דו האסט א זייער שיינע טאכטער! איך וויל זי נעמען פאר א ווייב! איך וועל דיר דערפאר געבן פיל געלט און פעלדער! דיין טאכטער וועל איך שענקען די שענסטע קליידער! איך וועל זי באצירן מיט די טייערסטע איידלשטיינער און זי באזעצן אין מיין שלאס! דינער און דינסטן וועלן זי באדינען און אף די הענט טראגן! זי וועט זיין ביי מיר א פרינצעסן און...

נינא האט איינגעגראבן איר פּנים אין די הענט אריין און שטיל געכליפּעט. אפן מאמענט האט זי אפילו ניט באגריפן פארוואס זי וויינט. צי דערפאר, וואס זי האט זיך דערמאנט אין די טרויעריקע מאיסעלעך, סאבאטאס, וועגן די אומגליקלעכע מיידלעך, וואס האבן כאסענע געהאט מיט קניאזן, אדער גאר דערפאר, וואס זי האט זיך דערמאנט אין מיכאס רייד, אז זיי, די קניאזן, זענען מאנסטערס און שלעכטע...

זי האט אבער קיין איינציק ווארט ניט אויסגערעדט צום פאטער. זי האט גאנץ גוט געוואוסט, אז ער — אויב ער האט זיך נאר עפּעס גענומען אין קאפּ אריין, — וועט ער שוין זיינס אויספירן. דער פאטער האט אויך מער קיין ווארט ניט גערעדט. ער האט בלויז א וויי געטאן מיט דער האנט צו איר געלעגער און טרוקן א ברום געטאן:

— שלאפן! מארגן פארנעמען מיר זיך אין שטאט אריין!...

* * * * *

א גאנצע נאכט האט נינא געוויינט אף איר געלעגער. פיינלעכע בילדער האבן פון אירע אויגן ניט אפּגעטראטן די גאנצע צייט. אט האט זיך איר געדאכט, אז עפּעס אן אלט פארזעעניש שטייט איבער איר מיט א לאנגער בייטש און פאסעוועט איר לייב; און אט — זויגט עס זיך גאר איין מיט א פּאר קוואטשעדיק־פארפוילטע ליפּן אין אירע און שטיקט זי מיט איבלדיקע קושן. אזוי, אין געדריקטער פּיין, האט נינא זיך געמוטשעט ביזן סאמע פארטאג...

גאנץ פרי, עס איז נאך רעכט פינצטער געווען, האט יוסוף נינאן אויפגעוועקט. ער האט זי איינגעזעצט אינעם הילצערנעם זאטעלע אפן קליינינקן „אישאקל"17), אנגעהאנגען א זעקעלע ברויט פון איין זייט, א „טשורעקל"18) ווין — אף דער צווייטער און זיך פארנומען מיטן שטויביקזאמדיקן וועג, אין דער ריכטונג צו דער שטאט.

איבערן גאנצן וועג, דעם גאנצן טאג, האט נינא קיין איינציק ווארט אפילו ניט אויסגערעדט צום פאטער. שטום האט זי געקוקט אף די הויכע בערג אין דער ווייט, אף די גרינע גערטנער, וואס ביים זייט וועג, און אפן טייכל, וואס האט זיך איילנדיק געיאגט אין דער צווייטער זייט. אין מויעך ביי איר האט זיך געדרייוולט א געדאנק:

„עך, ווען זי וואלט, אזוי ווי סאנדרא, געוואוסט דעם סאד ווי אזוי צו מאכן די קישעף־געטראנקען אף צום פליען, וואלט זי זיך אט איצט מיטאמאל אזוי א הויב אויף געטאן פונעם זאטעלע און...וואלט גלייך אוועקגעפלויגן צו איר מיכאן"...

אינגיכן איז צוגעפאלן א גרויע נאכט... דער וועג איז מיטאמאל

עפּעס ווי נאָר אונטער דער ערד איינגעזונקען. בלויז אינדערוויַיט, פון צווישן די פינצטערע טעראסער האָבן צעדריבלט־מאַטע שטראַלן פון דער באַלויכטענער שטאָט זיך ארויסגעהויבן דורך דעם פינצטערן נאַכט־נעפּל ארויס. יוסף האָט זיך אָפּגעשטעלט און אָנגעקלאַפּט אין עפּעס א טירל פון א הילצערנעם פּלויט. באַלד האָבן זיי געשפּאַנט איבער א גרויסן, שטאָק־פינצטערן הויף. פון דער זייט האָט זיך געהערט דאָס אומרואיקע הירזשען פון פערד, דאָס גענעצן פון אייזלען און די שווערע טריט פון אומגעזעענע מענטשן. אנטקעגן, אַפּאַנים אינעם אַנדערן עק הויף, האָבן — ווי פון שוואַרצן הימל ארונטער — ארויסגעלויכטן עטלעכע שוואַכלעך־באַלויכטענע, פאַרהאַנגענע פענצטערלעך. זיי זענען צוגעגאַנגען.

יוסף האָט געעפנט א טיר און נינאָ האָט דערזען פאַר זיך א גאַנץ גרויסע שטוב, אין וועלכער עס האָט — צוזאַמענגעמישטערהייט — געשוועבט א שווערע פּאַרע פון געקעכטס, א געדיכטער רויך פון טאַבאַק און טומל־דיקע רייד פון מענטשן. זיי זענען אריין.

אין שטוב איז געווען גאַנץ טונקל. א קליין פלעמל פון א לעמפּל, וואָס האָט זיך געהוידעט אף א דראָט פונעם באַלקן אינמיטן שטוב, — האָט צעוואָרפן שוואַכע ליכט־בליקן אף די מענטשן, וועלכע זענען געזעסן ביי טישלעך, געגעסן און וויין געטרונקען... די שיין פונעם לעמפּל איז צו דער ערד ניט דערגאַנגען...דאָרט איז געווען שוואַרץ און אומהיימלעך... נינאָן איז אַזש א פּאַכעד באַפאַלן. דאָס ערשטע מאָל אין איר לעבן, וואָס זי האָט זיך געפונען אין א „דוכאַן". זי איז געגאַנגען א ציטערדיקע און געטאַפּט דעם דיל מיט אירע טריט, פּונקט ווי זי וואָלט מוירע געהאַט, אַז אָט־אָט וועט זי זיך אָנשטויסן אין א גרוב און אריינפאַלן... ענדלעך האָט זי זיך — א מידע — אַוועקגעזעצט ביי א טישל אין טאַמע ווינקל, וואו יוסף האָט זיך אויך געהאַט אַוועקגעזעצט.

באַלד איז אפן טישל לעבן זיי שוין געשטאַנען א שיסל מיט א ברוין־געקאָכטן שאָפּן־קעפּל, א טעלער מיט „פּורי" און א „טשורעקל" מיט וויין. עס זענען צוגעקומען עטלעכע אָנגעפּעלצטע מענטשן צום טישל. איינער פון זיי, האָט נינאָ געזען, האָט זיך ארומגעכאַפּט מיט יוסופן און מיט איבעראַשונג אויסגעשריגן:

— „גאַאומאַרדזשאָבא, קאַצאָ"![19] — האָט ער אים גוטברודעריש א קלאַפּ געטאָן איבער דער פּלייצע. — וואָס טוסטו דאָ, יוסוף?... וואָסערע ווינטן האָבן עס דיך מיטאַמאָל אהערגעבראַכט?...

און גלייך צוגעגעבן:

— נו, ווער וועט דאָס איצט, אין אַזעלכע אומרואיקע צייטן, קויפן דיינע טעפּיכער ביי דיר?!...

יוסוף האָט זיך באַגריסט מיט יענעם און אינדערשטיל אים עפּעס א זאָג געטאָן, וואָס נינאָ האָט אַפילע ניט דערהערט. געזען האָט זי בלויז, ווי יענער האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט און ציניש אויסגערופן:

— נו, אַזוי איז גאָר עפּעס אַנדערש!...דאָס, זעסטו, איז היינט נאָך אויך גוטע סכוירע!...דערויף זענען אַלעמאָל פאַראַן באַלאָנים!...

נינא — אן אויסגעהונגערטע — האט זײַערנע געשלונגען שטיקלעך פלײש פונעם שאפּן־קעפל און אפּגעלעקט די פּעטע בײנדלעך. אירע אויגן האבן זיך גענומען קלעפּן צום אײַנשלאפן, אבער די מענטשן ארום דעם טישל, אז זײ האבן זיך דערוואוסט וועגן וואס יוסף איז געקומען מיט זײַן שײַנער טאכטער, זענען שוין ניט אפּגעטראטן און זיך אוועקגעלאזט אין א לעבעדיקן שמועס:

— ווער זשע, — האט אים אײנער א פרעג געטאן, — גײט עס זײַן דער אײדעם דײַנער?...

און אז יוסף האט געענטפערט, איז ערשט אוועק א שטורעם:

— באדזשי לאמטאדזע?!.. אט דער אלטער גזיעף?!...

— און דו גײסט זי טאקע פארקנאסן מיט אים?...

אן אנדערער האט זיך גאר צעקאכט און אזש אויסגעשפּיגן:

— „מאמאדזארלי"! 20) — האט ער זיך געקאכט, — נו, אט אזא אויוער־באטל!...ניט אנדערש, נאר די שענסטע מײדל פון לאנד וויל ער, א מאגײפע א שווערע אף אים!...

אײנער, א יונגערמאן, האט דראענדיק א סוויסטשע געטאן מיט דער באלעגאלישער בײטש, וואס ער האט געהאלטן און אויסגעברומט:

— עך, וואלט מען אים דערפאר געדארפט ארײַנפּיצקען, אז ער!...

— וואס זשע, — האט אן אנדערער זיך ארײַנגעמישט, — וועט מען טאקע ארײַנפּיצקען!... יא־יא, מען וועט אים אפּצאלן פאר אלצדינג!...עס איז שוין ניט אזוי ווײַט ווי געווען!...

דער ערשטער, יוסופס פרײַנט, איז אויפגעשפּרונגען און מיט דער האנט גענומען קלאפּן אין טיש ארײַן:

— שווײַגט, פערד!...וואס האט איר זיך אזוי צעהירזשעט?!...

און צו יוסופן:

— כ'מײן... ע...וואסער מעציע האסטו דאס טאקע איצט געכאפּט אין א קניאז?...הײַנטיקע צײַטן איז עס פון די גאר קלײנע גליקן סײַ־ווי...אט, הײַנט־מארגן וועט מען זיך א נעם טאן צו זײ און... עס וועט שוין דאן גארניט זײַן אזא איבעס צו זײַן א קניאזס א װײַב...

נינא האט געהערט די רײד מיט איבער־גוואלד־אויפגעריסענע אויגן און געטראכט בײַ זיך:

„איז מיבא, הײסט עס, טאקע גערעכט געווען...מען וועט זיך טאקע א נעם טאן צו זײ און"..

מיט האפענונגספולע בליקן האט זי א קוק געטאן אפן פאטער, אין דערווארטונג, אז אט וועט ער זי א נעם טאן און צוריק אהײמפירן אין דארף ארײַן. ער, אבער, האט בלויז אפּאטיש א מאך געטאן מיט דער האנט און — א פארשיקערטער — געמורמלט:

— און איך זאג — נארישקײטן!... יא...נארישקײטן!... די וועלט וועט שטענדיק בלײַבן ווי געווען!... קניאזן וועלן בלײַבן קניאזן און מיר — ארימעלײַט!...און אז עס מאכט זיך א געלעגנהײט פאר אונדז, דארפן מיר זיך אנכאפּן מיט בײדע הענט און...

א צעוויטיקטע איז נינאַ — זיצנדיק אזוי אף דער האַרטער באַנק — מיד איינגעשלאָפֿן...

* * * * *

פֿאַרטאָג, ווען יוסף מיט נינאַן האָבן גענומען קלעטערן אַף דער שמאָלער סטעזשקע, וואָס האָט זיך געצויגן אַפֿן דאַוויד־באַרג, צו באַדזשי לאַמטאַדזעס שלאָס, איז נאָך דער גאַנצער באַרג געלעגן אין שאָטן. בלויז גאָר אינדערהויך, אַף די גאָר הויכע באַרג־פּלייצעס, האָבן זיך אַרומגע־יאָגט גאָלדיק־שטיפֿערישע זון־פּלעקן, געטונקען די שפּיצן פֿון די גאָר הויכע בוימער מיט ליכט און באַגאָסן דעם דאַך פֿון קניאַזס שלאָס מיט פֿייער. עטלעכע יונגע פֿאַסטעכער, אין רויטע, אָפּגעריסענע פּלודערן און מיט באָרוועסע פֿיס, האָבן געפֿירט עטלעכע סטאַדעס אַף פּאַשע, איבער דעם ראַכוועסדיקן, טיף־באַגרינטן באַרג־רוקן. די בעהיימעס — פּעטע און גאָר גרויסע — זענען געגאַנגען ווי פֿאַרשלאָפֿן, אויסמזאַוקענדיק פֿאַרבענגטע גענעצן צום יונגן טאָג... ערגעץ דערביי, אין א באַרג־שפּאַלט, האָט א וואַסערפֿאַל זיך פֿריילעך געגאָסן איבער גרויסע קיזל־שטיינער, פֿאַנאַנ־דערשפּרייטנדיק א הילכיקן קלאַנג ווי מיט זילבער־גלעקלעך...פֿייגעלעך זענען געפֿלויגן סווישטשענדיק פֿון בוים צו בוים און מיט געפֿילדער זיך געיאָגט נאָך צופּעליקע שפּייז־קערנער...פֿון הינטער דער געמויער־טער וואַנט, וואָס האָט אַרומגערינגלט דעם הויף פֿונעם שלאָס, האָט זיך געהערט דאָס קרייען פֿון הענער, ווי אין אַנזאָג וועגן מאַכט און צופֿרי־דנקייט...א צאָל פֿאַראָבקעס — יונגע מענער און פֿרויען — האָבן זיך געטאָפּטשעט מיט זייערע באָרוועסע פֿיס איבער די מעשופּעדיק־צעאַקערטע פֿעלדער אַפֿן באַרג־רוקן, געשפּרונגען אריבער די אויסגעלייגטע בייטן און דערביי, פֿון זייערע סערפּן און קאָסעס אַרונטער, צעוואָרפֿן מאָסן גלאַנציקע שטראַל־שפּיזלען, אָפּגעשפּיגלטע און אויפֿגעכאַפּטע פֿון דער נאָר־וואָס אויפֿגעגאַנגענער זון...

נינאַ האָט באַזאָרגט געקוקט אַפֿן שיינעם אַרום און איר האַרץ האָט גענומען ציטערן, פּונקט ווי מען וואָלט זי געפֿירט צו א טפֿיסע, פֿונ־וואַנען זי וועט זיך שוין קיינמאָל ניט קאָנען אַרויסרייסן. געפֿילט האָט זי, אַז אויב זי וועט נאָר אַריבערטרעטן דעם אַריינגאַנג אַהינצו, וועט זי שוין זיין א פֿאַרפֿאַלענע. די שטילע האָפֿנונג, אַז מיכאַ זאָל קומען מיט „גלעכן" און „מושאַס", און זי באַפֿרייען נאָך איידער דער אַלטער באַדזשי וועט אַף איר זיין האַנט לייגן, — איז ביי איר אינגאַנצן פֿאַר־טונקלט געוואָרן. אירע געדאַנקען זענען אַוועק ווייט־ווייט, דאָרט, ערגעץ אַף יענער זייט „קאַזבעק", צו מיכאַן...

מיטאַמאָל האָט יוסף איבערגעשלאָגן אירע טראַכטונגען:

— און אָט, נינאַ, — האָט ער איר א זאָג געטאָן, — אָט דאָס אַלץ וועט אינגיכן זיין דיינס...

און — ווי ער וואָלט וועלן אַלץ אַרומנעמען — האָט ער ברייט א צעפֿיר געטאָן מיט זיינע הענט אַרום זיך, אָנגעוויזן אַפֿן שלאָס, וועלכער האָט זיך געהויבן אַפֿן באַרג־רוקן, און שוין העכער צוגעגעבן:

— און אַט־אַ־דאָס־אַ, טאָכטער, וועט זײַן דײַן נײַע הײם!... אַ־יאָ, נינאָ, עס איז פיל שענער פון אונדזער אײַנגעפאַלענער כאַטקע, דאָרט, אין דאָרף בײַ אונדז?...

נינאָ האָט אויסגעפּלאַצט אין אַ געוויין.

באַלד זענען זײַ געשטאַנען פאַרן גרויסן שווערן טויער פון שלאָס. אַ קלײן טירל האָט זיך אַ צעעפן געטאָן און זײַ עפּעס אַזוי ווי אַרײַנגעכאַפּט אין הויף אַרײַן. אין אַ ווײַל אַרום האָט מען זײַ אַרײַנגעפירט אין אַ גרויסן זאַל, וואָס איז געווען באַהאַנגען מיט קאָלירטע זײַדענע טעפּיכער איבער די ווענט און מיט קרישטאָלענע זשיראַנדאָלן, אַרונטערגעהאַנגענע פון די הויכע געוועלבטע סופיטן אַרונטער. אונטער די פיס — ווײַכע, פאַרביקע פליושענע טעפּיכער, אין וועלכע די טריט זענען ווי אין טיפן גראָז פאַרזונקען...אַזעלכע טעפּיכער האָט נינאָ נאָך קײנמאָל אין איר לעבן ניט געזען און אַוואַדע ניט באַטראַכט. זײַ זענען געווען גאָר אַנדערע ווי יענע, וועלכע מען האָט בײַ זײַ אין דאָרף געוועבט. נינאָ איז אַזוי פאַרכאַפּט געוואָרן פון אָט דער רײַכקײט, די גלעטנדיקע קאָלירן האָבן עס אַזוי געמאַניעט אירע בליקן, אַז זי האָט אַזש דערפילט אַ זיסע פאַרשײַקערטקײט. עפּעס האָט זיך אין איר צעשפּילט אַזאַ מאָדנער פאַרלאַנג, זיך אַוועקצולײגן אויף די דאָזיקע ווײַכע טעפּיכער און זיך צעקאַטשען אין זײַ, ווי אַ יונגער לאָשעק, אַזוי ווי זי פלעגט עס טאָן אינדערהײם, אין טיפן גראָז, הינטערן דאָרף. זי האָט אָבער גלײַך דערפילט איר פאָטערס שווערע האַנט אויף זיך, זיך דערמאָנט וואו זי איז און נאָכוואָס זי איז געקומען און...דערשטיקט איר עקסטאַז...

אין אַ ווײַטערדיקן צימער, וואוהין מען האָט שפּעטער אַרײַנגעפירט נינאָן מיטן פאָטער, האָט זײַ אויפגענומען דער קניאַז, כאַדזשי לאָמטאַדזע אַלײן, וועלכער איז ברײט געזעסן אויף אַ ווײך־געבעטעטער שטול מיט אַ הויכן ווענטל. מיט זײַנע בײַנערדיקע פינגער האָט ער געדרײט די געפאַרבטע נאָכהענגענדיקע וואָנצעס, און מיט מאָדנע פרעסעריש־זשעדנע בליקן דורכגענומען נינאָס באָרוועסן און האַלב־נאַקעטן שלאַנקן קערפּער. צוויי דינער, וועלכע האָבן זײַ אַרײַנגעפירט, האָבן נינאָן איצט אַרומגעדרײט איבערן צימער אויף אַרום און אַרום, כּדי דער קניאַז זאָל זי קאָנען גוט באַטראַכטן פון אַלע זײַטן. יוסף איז געשטאַנען אַנטקעגן דעם קניאַז און — אויפכאַפּנדיק, אַפּאָנים, יענעמס צופרידענע בליקן — שטום צוגעוואונקען, ווי ער וואָלט געזאָגט:

— נו, וואָס זאָגסטו עפּעס, קניאַז, צו מײַן סכוירע? אַ־יאָ גוט?...

דער קניאַז, ווי ער וואָלט פאַרשטאַנען, האָט ציניש צוגעוואָרפן:

— וואָ!...דײַן מײדל, יוסף, איז דאָך פיל שענער ווי איך האָב עס זיך אַפילו געהאַט פאָרגעשטעלט, כע־כע־כע!...

און צו איר:

— הער זשע, נינאָ, קאַלע מײַנע, אויב דו וועסט נאָר זײַן גוט צו מיר און מיך ליב האָבן, וועט דיר גאָרניט פעלן בײַ מיר, כע־כע־כע...

ער האָט געגעבן אַ צײכן די באַדינער און יענע האָבן זי צוגעפירט

געענגטער צו אים. ער האט אויסגעצויגן זיין ביינערדיקע האנט און מיט א פאדיסטישער האנאַע א קנופּ געטאָן גינאַן אין דער צעפּלאָמטער באָק:

— זעט אויס, בע־בע־בע, — האט ער ציניש א לאַך געטאָן, — אַז דו ביסט א גאַנץ וואוילע מויד, גינאַ!... איך וועל דיך ליב האָבן, זייער שטאַרק ליב האָבן, אויב דו, בע־בע־בע...

ער האט ביטערע א פּינטל געטאָן מיט אַן אויג צו איר און זיך נאָך שטאַרקער צעלאַכט. גינאַ האט ניט געקוקט אף אים. זי האט מיטאַמאָל דערפילט עפּעס אַזאַ אויסטערליש־שווערן עקל צו אים און צו זיין געלעכ־טער, אַז זי האט אַזש אויפגעציטערט און זיך איינגעקאַרטשעט, ווי צום באַשיצן זיך פון אים...זיין באַריר איז איר אויסגעקומען עפּעס אַזוי קאַלט און גליטשיק און גלאַט, — פּונקט ווי דער באַריר פון עפּעס א קאַלטער און גליטשיק־גלאַטער שלאַנג...

מיט א געבויגענעם קאָפּ און צובראָכענעם געמיט האט גינאַ זיך גע־לאָזט פירן פון די צוויי באַדינער אין א צווייטן, דערבייאיקן צימער אַריין. דאָרט האָבן עטלעכע דינסטן זי גלייך גענומען אויסריבטן און צוגרייטן צום איבערטאָן אין נייע קליידער. פיינע קישעף־זאַלבן און פּאַרפיומען, וועגן וועלכע זי האט אַמאָל געהערט פון דער אַלטער סאַבאַטאַ, זענען באַ־שמירט געוואָרן אף איר קערפּער און פאַרשמעקט דאָס גאַנצע צימער אַרום. טייערע דורכזיכטיקע קליידער פון שיפאָן און טיולן, מיט אויסגעהאַפטענע בלומען אף די זוימען און איבער די בריסטן, — האָבן די דינסטן אַרויפגעצויגן אף גינאַס פרישׂ־געוואַשענעם און אויסגעזאַלבטן קערפּער. גינאַ האט געקוקט אף זיך אין לאַנגן שפּיגל און זיך עפּעס אַזוי ווי ניט דערקאַנט. זי איז עפּעס אַזוי ווי אויסגעוואַקסן, העכער און נאָך שלאַנקער געוואָרן... זי האט זיך מיטאַמאָל דערפילט אַזוי לייכט, אַזוי פאַרשיקערט, אַז זי האט זיך אַזש פאַרלוירן און זיך אָנגעהויבן וואַקלען. פאַר א וויל האט זי צוגעמאַכט די אויגן, איינגעאָטעמט טיף, מיט האַנאַע, און זיך פריידיק איבערגעגעבן דעם צאַרטן געקיצל פונעם גלעטנדיקן זיידנס אף איר לייב. גלייך אָבער האט זי זיך א דערמאָן געטאָן אין איר מיכאַן, אויפגעציטערט און זיך שטיל פאַנאַנדערגעוויינט...

ביינאַכט, ווען זי איז געבליבן איינע אַליין אין איר צימער, האט זי זיך צומאָל פאַרגעסן און זיך אַפילו פאַרשפּילט מיט די נייע קליידער. זי האט זיי געצערטלט אַזוי ווי נאָענטע פריינט, נאָך וועמען זי האט גע־בענקט א גאַנץ לעבן. ביטאָג אָבער, אַזוי גיך ווי זי האט זיך נאָר דער־זען אין שפּיגל, אָדער דערהערט באַדזשי לאַמטאַדזעס פאַרבייגייענדיקע טריט, אַזוי האט זי גלייך אָנגעהויבן ציטערן און זיך איינגעצויגן אין זיך, פּונקט ווי זי וואָלט וועלן אַרונטערוואַרפן די קליידער פון זיך. דעמאָלט האט גינאַן אַרומגעכאַפּט א מוירע, אַז זי איז שוין א פאַרפאַלענע און אַז מיכאַ — אויב ער זאָל אַפילו צוריקקומען — וועט שוין זיין צו שפּעט זי אַרויסצוראַטעווען. טיילמאָל, ווען די באַדינער האָבן צוגע־בראַכט פאַר איר פרישע פּאַרפיומען מיט נייע קליידער, האט זי פאַר שאָען לאַנג זיך ניט צוגערירט צו זיי... א געפיל האט זיך ביי איר געשאַפן,

אַז אַט די אַלע קליידער און פּאַרפּיומען, זענען — ווי מיכאַ וואָלט זיכער געוועזן געזאָגט — אַזאַ סאַם פאַר איר, קעדיי זי זאָל ניט פילן דעם טובלען גערוך פונעם אַלטן, איבלדיקן קניאַז, און אַז זי זאָל זיך דעריבער לאָזן לייכטער פאַנגען אין זיינע לאַפּעס אַריין...

שווערע טעג האָבן זיך דאַן אָנגעהויבן פאַר נינאָן. טאָג־טעגלעך איז דער קניאַז צוגעשטאַנען צו איר מיט פאָדערונגען, אַז זי זאָל גיכער באַשטימען דעם טאָג פון דער כאַסענע. צום אָנהויב האָט נינאַ אַפילע אָפּגעענטפערט מיט שווייגן, אָדער געוויינען. שפּעטער, אָבער, האָט זי זיך געכאַפּט, אַז מיט אָט דעם וועג וועט זי גאָרניט גרייכן און אָנשטאָט דעם זיך גענומען לאַשטשענדיק בעטן:

— אָט, זאָל נאָר דער קניאַז האָבן נאָך אַביסעלע געדולד!... זאָל ער נאָך איבערוואַרטן אַ שטיקל צייט...זאָל ער איר געבן אַ געלעגנהייט זיך אַביסעלע מער צוגעוואוינען צו אים; לאָזן, אַז זי זאָל אים אַביסל מער ליב קריגן און דאַן...

און אין האַרצן ביי זיך האָט זי דערווייל געוואַרעמט איר איינציקע, כאָטש גאַנץ שוואַכע האָפענונג:

„אָפּציען אַביסל. עפּשער וועט דערווייל מיכאַ אָנקומען און"...

די טעג זענען פאַר נינאָן געווען קנוילן פון פיין און ליידן...

* * * * *

דער קניאַז האָט געוואַרט אַף נינאָס וואָרט און — קעדיי זיך איינצו־קויפן ביי איר אין ליבשאַפט און זי פאַרט געווינען מיט איר גוטן ווילן — איר קעסיידער צוגעשיקט נייע מאַטאָנעס. טאָג־טעגלעך האָט מען פאַר נינאָן געבראַכט נייע טייערע קליידער מיט פּראַכטפולע צירונג; שמעקעדיקע פּאַרפיומען און צאַרטע זאַלבן; בריליאַנטענע רינגען און גינגאָלדענע אָרעם־בענדער. דינער און דינסטן זענען געשטאַנען גרייט אַף אויסצופּילן יעדן מינדסטן וואונטש נינאָס, אַזוי גיך ווי זי האָט עס נאָר פאַרן מויל געבראַכט. זי אָבער האָט אַלץ געהאַלטן אין איין אָפּציען:

— אָט, נאָך אַביסעלע... נאָך אַ וואָך...נאָך עטלעכע טעג...

סאָף־קאָל־סאָף איז דאָס אויך געוואָרן אוממעגלעך. דער קניאַז איז געוואָרן צודרינגלעכער און זי האָט שוין מער ניט געקאָנט געפינען קיין אויסרייד, פאַרוואָס ער זאָל נאָך אָפּוואַרטן. זי האָט זיך פּאַשעט מער ניט געקאָנט קיין אָרט געפינען. אין איר האַרץ האָט זיך פאַרגאַנוועט אַ שרעק, אַז עפּשער איז מיכאַ שוין גאָר באַלילע געפאַלן ערגעץ אַף יענער זייט „קאַזבעק" און וועט שוין עפּשער קיינמאָל ניט קומען זי צו באַפרייען. זי האָט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אַנטלויפן...

דאָס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן פאַר אוממעגלעך. אַף יעדן טריט און שריט אירן האָט מען זי געהיטן. צוויי באַוואָפנטע באַדינער זענען ניט אָפּגעטראָטן פון איר און זי פון זייערע אויגן ניט אָפּגעלאָזט. דאָס — מיקלוימערשט דערפאַר, אַז איר זאָל באַלילע קיין שלעכטס ניט געשען... נינאַ האָט דערפילט, אַז זי איז באַזיגט...

דער קניאַז איז דערווייל נאָך אומגעדולדיקער געוואָרן. איינמאָל איז

ער גאר צוגעשטאנען צו נינאן און שוין גאנץ שטרענג א זאג געטאן:

— מער, נינא, וועט עס ניט אפגעלייגט ווערן!... שוין צייט, אז...

און ער אליין האט באשטימט דעם טאג פון דער כאסענע.

גלייך אף צומארגנס האבן זיך אנגעהויבן די צוגרייטונגען. קוכערס האבן געשטאפט די בעסטע גענדז. פאסטעכער האבן געבראכט די פעטסטע שעפסלעך. קעלטערער האבן איבערגעקליבן און געמישט די עלטסטע און בעסטע ווינען. דער גאנצער הויף איז צוליב דער קומענדיקער כאסענע געווארן אויסגעפוצט מיט בלומען און פלאנצן...

באלד האבן זיך אנגעהויבן געסט צוזאמענפארן. קניאזן, אפיצירן, און סטאם איידלליט, זענען אנגעקומען מאסנווייז און עס האט זיך אנ־געהויבן א קעסיידערדיקע הוליאנקע. דינער און דינסטן זענען קעסיידער ארומגעלאפן פארפארעטע און באדינט די געסט. זעלטענע ווינען און טייערע ליקערן האבן זיך מאמעש געגאסן ווי וואסער. טאסטן האבן זיך צוזאמענגעמישט מיטן געקלאנג פון גלעזער און שטורעמדיקע „וואשאס" האבן פארהילכט דעם שלאס. פריילעכע לידער און געזאנגען האבן זיך צעטראגן איבער דער גאנצער ברייט פונעם דאוויד בארג...

נינא אליין האט זיך נאך דערווייל ניט באוויזן פאר די געסט. דער קניאז, וויל ער האט געוואלט איבערראשן זיינע געסט מיט נינאס שיינקייט, האט זי ניט געוואלט ארויספירן פריער, פארן אוונט פון דער כאסענע. זי האט זיך דעריבער ארומגעדרייט אין איר צימער, אלץ ניט אויפגעהערט וויינען און די אויגן זיך אויסגעקוקט:

— עפשער, עפשער קומט ער פארט, מיכא...

איינגנטלעך, וואס מיכא וואלט געקאנט טאן פאר איר, אט דא, צווישן די באוואפנטע באדינער, האט נינא אליין ניט געוואוסט. זי האט בלויז געפילט אזא גליענדיקע האפנונג, אז עפשער — אויב ער וועט נאר קומען — וועלן נאך מעקויעם ווערן די רייד פון די פורמאנעס אינעם „דוכאן", אז איינגיבן, גאר־גאר איינגיבן...

אבער די טעג זענען פארבליבן געציילטע און...

מיטאמאל, בלויז א טאג פאר דער כאסענע, אינדערזעלביקער צייט, וואס אויבן, אינעם שלאס, איז אנגעגאנגען די שיקערע הוליאנקע, — האבן אונטן, אין שטאט, די „מושאס" און „גלעבן" זיך א הויב געטאן. זיי — ווייל זיי האבן שוין מער ניט געקאנט איבערטראגן דעם פאראט פון זייערע באהערשער — האבן געווארפן זייער ארבעט אף די פאבריקן און פעלדער און זענען ארוים אף די גאסן מיט גליענדיקע אויסרופן:

— ארונטער!...

— מיר ווילן ברויט און פרייהייט!...

— גיט אונדז אפ אונדזער ערד!...

— זאל לעבן!... זאל לעבן!...

באלד, אבער, האבן זיך קעגן זיי א יאג געטאן מאכנעס באוואפנטע נאציאנאל־גווארדייער און געעפנט פייער אף זיי. דאס פאלק איז דאן אוועק צום ארסענאל, פארכאפט געווער און זיך אנטקעגנגעשטעלט. עס האט זיך

פאַרוויקלט א בלוטיקער געפעכט: — ווער — וועמען...צייטנווייז איז דאָס שיסערײַ פאַרטויבט געוואָרן פון הילכיקע אויסרופן:

— נידער!...פאַר ברויט און פרייהייט!...זאָל לעבן!...

יעדע ווײַל האָט אן אַנדער צאַד באַקומען די איבערהאַנט.

ביסלעכווײַז האָבן די קעמפנדיקע מאַכנעס זיך גענומען רוקן אַלץ העכער און העכער. צום אָוונט זענען שוין די שלאַכטן איבערגעטראָגן געוואָרן אף די בערג אַרום דער שטאָט, און זיך אויסגעשפּרייט ביז צום סאַמע שלאָס באַדזשי לאַמטאַדזעס...

אין אַנזיכט פון די נאָענטע שלאַכטן, זענען די אַנגעפּאַרענע געסט געוואָרן פאַרצווייפלט. אַנטלויפן איז ניט געווען וואוהין און דורך וואַנען. זיי האָבן דעריבער גענומען די ביקסן, וואָס דער קניאַז האָט זיי געהייסן אַרויסגעבן, און האָבן זיך צעשטעלט ביי די לעכער פון דער מויער, — גרייט, אויב די רעוואָלוציאָנערן וועלן זיך נאָר צורוקן נעענטער — צו עפענען א פײַער אין זײַערע רוקנס. דער קניאַז אַליין האָט זיך נערוועז אַרומגעפּאַרעט, געקוקט דורך זײַנע פעלד־גלעזער און געהאַלטן אין איין באַרואיקן זײַנע געסט:

— נאָר ניט פאַרצווייפלט, פרײַנט! די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע וועט די דאָזיקע אויסוואורפן פאַרטרייבן!...עס וועט זיך אײַנשטילן און...

דער קאָפּ אינדרויסן האָט, אָבער, ניט אויפגעהערט. פאַרקערט: ער האָט זיך נאָך פאַרשטאַרקט פון מינוט צו מינוט. צייטנווייז האָט עס אפילע אויסגעזען, אז די רעוואָלוציאָנערן קאָנען ניט בײַשטיין דעם שווערן דרוק פון די גוואַרדײַער און וועלן מוזן אָפּטרעטן. מיטאַמאָל, אָבער, אין סאַמע קריזיס־מאָמענט, האָט זיך איבערן באַרג א טראָג געטאָן א הילכיקער אויסרוף, וואָס האָט אַזש דערגרייכט אין שלאָס אַרײַן:

— האַלט זיך פעסט, ברידער!...„אַמבאַנאַקאַ"21) מיכאַ קומט אָן מיט זײַן אַרמײַ!... האַלט זיך פעסט!...

הילכיקע „וואַשאַ" געשרייען האָבן באַגעגנט די מעלדונג.

די דאָזיקע אויסרופן האָבן גאָר אָנגעוואָרפן א פּאַניק אפן קניאַז מיט זײַנע געסט. אין גרויס שרעק האָבן זיי אַרויסגעקוקט דורך די לעכער, אהינצו, פונוואַנען עס האָט געהאַלטן אין אָנקומען א גרויסע מאַכנע רעוואָלוציאָנערע קעמפער, מיט רויטע פאָנען און מיט הילכיקן געזאַנג, און זיך גלײַך צעוואַלגערט איבערן באַרג, אַנטקעגן די גוואַרדײַער...

אויך נינאַ, בײַ זיך אין צימער, האָט דערהערט די פרײַדנס־אויסרופן און גלײַך אויפגעלעבט. זי האָט אַרויסגעקוקט דורך איר פענצטער, געזען די רויטע, ווײַענדיקע פענער און איר האַרץ האָט זיך גענומען צאַפּלען פון פרייד, וואָס מיכאַ איז ענדלעך געקומען אין צײַט. אירע בריסטן האָבן זיך געהויבן פון פרײַדיקער אויפרעגונג:

— אָ, ווען זי קאָן דורך עפּעס א וועג לאָזן וויסן מיכאַן, אז זי איז בײַ באַדזשי לאַמטאַדזען אין פּאַלאַץ און וואַרט אף אים...

זי האָט זיך אָבער ניט געקאָנט דערטראַכטן צו גאָר...

מיטאַמאָל האָט זי זיך א כאַפּ געטאָן:

„אָט, דער רויטער שאַל, וואָס זי טראָגט אַף זיך! דאָס איז דאָך די זעלביקע קאָליר, וואָס מיכאָס מענטשן טראָגן! א צייכן געבן און"...

זי איז אַרויסגעלאָפן אַפן הויף אַרויס, אָבער ערשט דאָרט זיך געכאַפּט, אַז דאָס איז אַן אומזיסטע האָפנונג. די כאַיאַלעס, מיכאָס, זענען צו ווייט און... דער טויער פונעם שלאָס איז פעסט פאַרשלאָסן און באַוואַכט! אַלע דינער אינעם הויף זענען געווען באַוואָפנט און בלויז געוואַרט אַפן קניאַזס באַפעל צו עפענען פייער אַף די רעוואָלוציאָנערן, אויב זיי וועלן נאָר צוקומען נעענטער. נינאָ איז געווען פאַרצווייפלט.

עס זענען פאַרבײַ לאַנגע פּײַנלעכע שאָען פאַר נינאָן. די נאַכט האָט זיך געצויגן מיט אומענדלעכער באַגלייטונג פון שיסערייען און אויסרופן אַפן באַרג. דער קניאַז האָט געפאָדערט, אַז זי זאָל אַרײַנגיין צו זיך אין צימער, אָבער זי האָט אַפילע ניט געוואָלט הערן דערפון. פאַר איר האָט עס אויסגעזען ווי א פאַרשאָלטענע שפּיל פונעם טייוול...

אַרום פאַרטאָג איז זי שוין געווען אויסגעשעפּט און אַנטמוטיקט. דער אומגעדולד האָט זי מאַמעש שיער פון זינען געריסן. זי האָט זיך נערוועז אַרומגעדרייט איבערן הויף און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. די דינער האָבן געקוקט אַף איר מיט באַוואונדערונג און באַדויער...

און פאַר נינאָן איז קלאָר געווען איין זאַך:

אויב עס זאָל נאָר פון ערגעץ אָנקומען הילף פאַר מיכאָן מיט זײַנע מענטשן, וואָלטן זיי זיכער באַקומען די אויבערהאַנט איבער די גוואַרדייער און אַלץ וואָלט זיך גלייך פאַרענדיקט. אָבער פונוואַנען זאָל אַזאַ הילף קומען?... אַז אַלע „גלעכן" און „מושאַס" זענען, דאַכט זיך, שוין אַפן פראָנט, אַף די בערג, פאַרוויקלט אין דעם קאַמף...

מיטאַמאָל איז איר אײַנגעפאַלן א געדאַנק:

„אַלע „מושאַס"? — ניין!...זיי, די באַדינער, זענען דאָך אויך ניט מער ווי „מושאַס" — שקלאַפן...אויך זיי ווילן זיך דאָך אַוודע באַפרייען און וואַרטן בלויז — ווי מיכאָ האָט איר אַמאָל געזאָגט — אַף אימיצן, וואָס זאָל זיי א רוף טאָן און דערמוטיקן"...

נינאָ האָט א שמייכל געטאָן. זי האָט זיך געוואונדערט, פאַרוואָס עס איז איר ביז איצט אַף די געדאַנקען ניט געקומען. זי האָט דעריבער שוין מער ניט געטראַכט גאָר. זי האָט בלויז פלינק א ריס געטאָן פון זיך דעם רויטן שאַל, א פאָכע געטאָן מיט אים אין דער לופטן און — אַליין ניט וויסנדיק פונוואַנען עס האָט זיך דערנומען צו איר — מיט א גוואַלדיקער שטימע א שניט געטאָן:

— העי!...ברידער „גלעכן" און „מושאַס"!...וואָס שטייט איר דאָ מיט געווער, גרייט צו פאַרטיידיקן אייער בלוט־זויגער, אין דער צייט, וואָס אײַערע ברידער פאַרגיסן זייער בלוט צו פאַרטיידיקן זיך, אײַך און אונדז אַלעמען?!...קומט!...ווער ס'איז מיטן פאָלק — איז אַהער צו מיר!... קומט, ברידער, אין קאַמף פאַר א ליכטיקערן מאָרגן פאַר אונדזערטוועגן!... פאַר ברויט און פרײַהייט!...פאַר ערד און גליק!...

ווי א מאַגנעט אַזוי האָבן אירע פײַערדיקע אויסרופן א צי געטאָן

צו זיך אַלע באַדינער, וועלכע האָבן זיך מיט געהויבן געווער אַ שטעל געטאָן אַרום איר מיט ברויזנדיקע אויסרופן:

— פאַר ברויט און פרייהייט!...פאַר ערד און גליק!...

אַלץ איז געקומען אַזוי אומגעריכט, אַז דער קניאַז מיט זײַנע געסט זענען געבליבן שטײן אַזוי ווי פריטשמעלעטע... פאַר אַ ווײַל האָבן זײ אַפילו גערעכנט, אַז דאָס איז בלויז אַזאַ קינדערישער שפּאַס פון דער יונגער, שטיפערישער נינאָן און — זײ האָבן זיך אַפילו פונעם אָרט ניט גערירט. שפּעטער אַ ווײַל, ווען זײ האָבן זיך שוין יאָ געכאַפּט, אַז עס איז ערנסט, איז שוין צו שפּעט געווען. נינאָ מיט דער דינערשאַפט האָבן זײ אַלעמען אַנטוואָפנט און, אונטער אַ וואַך פון עטלעכע געזונטע יאַטן, זײ אַרײַנגעטריבן אין אַ פערד־שטאַל און זײ דאָרט פאַרשפּאַרט.

פאַרטיק געוואָרן מיט דעם, האָט ערשט נינאָ מיט דער דינערשאַפט זיך אַ לאָז געטאָן צום טויער, אים ברייט צעעפנט און מיט הילכיקע אויסרופן זיך אַרויסגעלאָזט אינדרויסן אַרויס:

— „וואַשאַ"!...פאַר ברויט און ערד!...„וואַשאַ"!...

די נאַציאָנאַל־גוואַרדײַער, אַז זײ האָבן מיטאַמאָל דערהערט די הילכיקע געשרייען און דערזען די נײַע מאַכנע הינטער זיך, האָבן זיך אײַנגאַנצן פאַרלוירן און גענומען זוכן אַ וועג וואו אָפּצוטרעטן...

די שלאַכט האָט זיך דערווײַל צעפלאַקערט שטאַרקער און אינטענסיווער. צווישן נינאָן מיט איר גרופּע און מיכאָן מיט זײַן אַרמײ, איז מיט יעדער מינוט געוואָרן אַלץ אַ קלענערער שטעך. זײ האָבן זיך אַזוי גערוקט אַלץ נענטער און נענטער אײנער צום אַנדערן, ביז...

די רעגירונג־גוואַרדיע איז ענדלעך צעשלאָגן און פאַרטריבן געוואָרן. די רעוואָלוציאָנערן האָבן געזיגט. צום אָנהײב האָט זיך שוין דאָס שיסערײַ אינגאַנצן אײַנגעשטילט. אף די בערג האָבן זיך פאַקעלן צעצונדן און אַף די דעכער, אונטן אין שטאָט, האָבן זיך מאַסן רויטע פענער אַרויפגעהויבן. פענער — פון פרייד און זיג און פון פרייהייט...

פרײדיקע קולעס האָבן זיך געטראָגן דורך דער גאַנצער נאַכט:

— „וואַשאַ"!...זאָל לעבן אונדזער פרייהייט!...זאָל לעבן!...

* * * * *

אין אָנערקענונג פאַר דעם גרויסן אויפטו, נינאָס, האָט די נײַע רעגירונג פון „מזשאַס" און „גלעכן" — די רעגירונג פונעם האָרעפּאַשנעם פאָלק, איר איבערגעגעבן כאַדזשי לאַמטאַדזעס שלאָס אין די הענט אַרײַן. זי האָט געדאַרפט פאַרוואַלטן די היים, וואָס מען האָט דאָרט אײַנגעאָרדנט פאַר די יעסוימים פון די אויפגעשטאַנענע, וועלכע זענען געפאַלן אין קאַמף פאַר אָפּנעמען די באַרויבטע לעבנס...

מיט מוטערלעכער זאָרגפעליקייט, אַזאַ ווי זי אַלײן האָט קײנמאָל אין איר קינדהייט ניט געהאַט, האָט זי אויפגעפאַסט, אַז די קינדער זאָלן צערטלעך באַדינט ווערן און אַז עס זאָל זײ גאָרניט פעלן...

און עס האָט זײ גאָרניט געפעלט! מאַסן קי, וואָס זענען פאַרבליבן אינעם הויף, האָבן צוגעשטעלט גוטע מילך פאַר די קינדער. די הינער

— פרישע אייער און זיסע פלייש. די דינער און דינסטן, װעלכע האבן פריער באדינט דעם אלטן קניאז, האבן זיך איצט ארומגעפארעט ארום די קינדער. קינדיש געלעכטער און געזאנג האט פאר גאנצע טעג מאמעש פארקלונגען דעם שלאס־גארטן אפן דאװיד־בארג...

נינא אליין — א פריידיקע און באפרייטע — האט זיך ארומגעדרייט איבער די גראמע צימערן פונעם שלאס און אויפגעפאסט אף אלעם. זי — אין א פאשעטן, אבער גאנץ שיינעם קליידל און אין באקװעמע שיך — האט געפילט נאר װי צום צעטאנצן זיך פון גרויס פרייד...

אין די אװנטן, אז מיכא — אנגעטאן אין א מיליטערישן, לאנגן מאנטל, און מיט א רויטן שטערן אפן הויכן שפיציקן היטל — איז געקומען צו איר, האט זי אים ארומגעפירט איבער די לופטיקע שלאף־צימערן און אים געװיזן די צופרידן־זאטע און רויק־שלאפנדיקע קינדער אין זייערע בעטלעך. דערנאך האט זי מיט אים אװעקשפאצירט איבער די שטילע, זייטיקע סטעזשקעס פונעם אוראלטן גארטן. דארט האבן זיי זיך ביידע, װי אמאל, אינדערהיים, אין דארף, אװעקגעזעצט אין טיפן גראז, אדער אף א באנק אין אן אלייע. זי האט זיך מיט ליבשאפט געטוליעט צו אים און שטיל געשעפטשעט:

— א, מיכיקא, װאסער װאונדער־מאיסעלע די רעװאלוציע איז!... אזא מאיסעלע װאלט אפילו די אלטע סאבאטא ניט געקאנט צוטראכטן!...

מיכא האט געקושט נינאן אין נאקן און געענטפערט:

— יא, נינא, די רעװאלוציע איז א װאונדער־מאיסעלע! א מאיסעלע װעגן באפרייאונג און װעגן א ניי לעבן!... אבער דער װעג אונדזערער איז נאך װייט ניט פארענדיקט!...סאנים ליגן באהאלטן און לויערן!...זיי מוז מען געפינען און אנטװאפענען!...ערשט דערנאך, שפעטער, װארט אף אונדז א שיינער, א ליכטיקער מארגן!...

ער האט זי מיטאמאל א נעם געטאן אין זיינע ארעמס און געזאגט:

— װילסטו, נינא, צוזאמען מיט מיר אים אנטקעגנגיין?...

נינא האט אפגעװישט א פריידן־טרער פון אירע אויגן און — א גליקלעכע — זיך איבערגעגעבן אין מיכאס גליענדיקע ארעמס אריין...



מוישעלע בוימל

כאַטש מיסטער מאָריס בוימל, דער קאָנ־טראַקטאָר, איז שוין געווען אריבער די פערציק, האָט מען אים פונדעסטוועגן אין די אייגענע קרייזן גערופן פּראָסט — מוישעלע. געווען איז דאָס אפּאָנים דערפאַר, ווייל ער איז געווען אַ רויט־בעקלדיקער און נידעריק־אויסגעקײַלעכיקטער, ווי אַ ליאַל־קע, און מיטן דאָזיקן אויסזען ארויסגערופן אַ מין היימישע צוגעלאָזנקייט...

געשעמט האָט מוישעלע פאַר זייער אַ קלוגעטשקן מענטשעלע. מיט פּראָס־טע מענטשן, ארבעטער, אָדער לאַנדסלייט, פלעגט ער זיין צוגעלאָזן און אָפנהאַרציק. מיט יעדן געווען אף „דו״ און אַלעמען גוטברודעריש גע־קלאַפּט איבער די פּלייצעס מיט אַ פריינטלעך פּעטשעלע:

— נישקאָשע, ביסט אָ־רייט אין אַמעריקע!...

מיט מענטשן פון אייגענעם פאַך אָבער, מיט קאָנטראַקטאָרס, אַזעלכע ווי ער, איז ער שוין געווען גאַנץ אַנדערש: פאַרבאָרגן און סוידעסדיק. קיינער האָט קיינמאָל אפילע ניט געוואוסט ווי עס דערגייט אים. איינער האָט געזאָגט, אַז ער איז אַ גרויסער גוויר און אַ צווייטער — אַז ער מאַכט בלויז אַזאַ אָנשטעל. יעדנפאַלס האָט מען אף אים קיינמאָל ניט געקאָנט דערקענען, צי האָט ער היינט געהאַט אַ גוטן טאָג, אָדער — פאַרקערט — גאָר אַ שלעכטן...

דערויף האָט זיך מוישעלע געהאַט זיין אייגן קונצעלע:

אַז עס איז אים אַמאָל געגאַנגען שלעכט און ער האָט געהאַט אַגמעס־נעפעש, פלעגט ער דאַווקע קומען צום שאַפּ אין זיין טײַערן אָטאָמאָביל און איז פאַרבייגעגאַנגען די גאַס מיט אַ האָפערדיקן טראָט. ווען ער האָט אָבער געמאַכט גוטע געשעפטן און פאַרדינט אַ טאָלער, פלעגט ער — פאַרקערט — אָנקומען מיט דער סאַבוויי און איז געגאַנגען ווי אַ דערשלאָגענער, מיטן קאָפּ איינגעגראָבן אינעם מאַנטל־קאָלנער...

פאר גוטע פריינט און פארן ווייב האט ער געהאט אזא דערקלערונג:

— פארשטייט איר מיך, — פלעגט ער זאגן, — די מאיסע איז אזוי: אויב איך האב א גוטן טאג, איז דאך מיר גוט און כ'האב האנאע, ארט מיך דעמלט ניט, אז מיינע סאנים וועלן מיינען אז מיר איז שלעכט און וועלן — אוים נעקאמע — אויך א קאפעלע האנאע האבן. דערפאר אבער, אז איך האב א שלעכטן טאג און האב קרענקונג, וויל איך, אז מיינע סאנים זאלן מיינען מיר איז גוט און זאלן — אוים קינע — דאווקע פלאצן...

פאר דעם דאזיקן מוישעלע האט דער קריזיס קימאט ווי ניט עקזיס־טירט. ער האט אים פאשעט אויסגעלאכט. טאמער האט אמאל אימיצער פון זיינע באקאנטע זיך באקלאגט פאר אים אף דער שלעכטער צייט, האט ער, מוישעלע, זיך ברייט צעשמייכלט און א גלעט געטאן מיט דער האנט דאס גלאנציקע פליכל, ווי צום איבערצייגן זיך, צי זענען אים שוין עפשער צוריק אויסגעוואקסן די האר אפן קאפ, פונעם טאניק וואס דער בארבער האט אים אנומלטן פארקויפט פאר פינף און זיבעציק סענט. געלאכן און געזיפט, פונקט ווי יעדעס וארט ארויסצורעדן וואלט אים אליין געקאסט ווער ווייסט וויפל, האט ער יענעם גלייך מעוואטל געמאכט:

— אייסעך וואס!... ס'טזעך בלויז איינגערעדט א לונג און לעבער אף דער נאז!...

טאמער האט יענער אים איבערגעשפארט און אנגעוויזן, אז אט ארבעט ער שוין ניט א שטיק צייט און אז עס ווערט אים פאשעט ערגער פון טאג צו טאג, — האט מוישעלע ווידער א גלעט געטאן דאס פליכל און יענעם גענומען וואשנע אויסלאכן:

— אזי ביסטו א שטיק גלאמפ, ווי איך בין א איד!...וואלסט גאר, כ'לעבן, געדארפט איבערלייענען פרוידן!...

און טאקע גלייך צוגעגעבן:

— נו, האסט אים אמאל געלייענט?...ווייסט באטש וואס ער זאגט?...

ער האט געווארט וואס יענער וועט ענטפערן און אויסגעזונגען:

— שטייט אוף, זאגט ער, יעדן אינדערפרי, שפייט אוים דריי מאל און זאגט צו זיך אליין: ס'גייט מיר בעסער, בעסער און בעסער!... טו דאס, וועסטו דערנאך זען, אז וועסט דעם קריזיס אפילע ניט פילן מער! פונקט ווי מיט דער האנט צוגענומען!...

מוישעלע האט אלעמאל ליב געהאט זיך צו פאררופן מיט א ווערטל פון עפעס גאר א גרויסן מענטשן, באטש ער אליין איז קיינמאל ניט זיכער געווען, צי דאס ווערטל האט געזאגט שפינאזא, אדער עפשער גאר דאקטאר ערליך. ער האט זיך אבער קיינמאל ניט אפגעשטעלט פאר דער דאזיקער אומזיכערקייט. און אויב אימיצער האט אים אמאל געמאכט א באמערקונג, אז דאס דאזיקע ווערטל האט געזאגט אן אנדערער, און ניט יענער, אף וועמען ער האט זיך פאררופן, האט זיך מוישעלע פאשעט צעביביקעט:

— בע־בע־בע, דאס איז יא א שיינע מאיסע! מיר גייט ער דערציילן ווער עס האט דאס געזאגט!... שויטע!... איך האב דאך דאס געוואוסט, ווען איך בין נאך געווען א מיידל!...דאס איז יא, ווי מען זאגט: די

אייער ווילן גאָר לערנען די הינער, כע־כע־כע!...שוין שיינע יאָרן!...

מוישעלע איז דעמלט אפילו גרייט געווען זיך צו וועטן מיט יענעם, אַז ער איז גערעכט און יענער האָט געמוזט נאָכגעבן. טאָמער האָט אײַ־מיצער אַמאָל יאָ אָנגענומען זיין אַרויסרוף און געוואָלט איינשטעלן געלט אין געוועט, — האָט מוישעלע — מאַיסע מעצענאַט — בלויז אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און, מיט אַ ברייטן שמייכל אַפן פּאָנים, אַ זאָג געטאָן:

— גיי שוין, גיי!...וואָזהין קריכסטו מיט דיינע קרומע פיס?..וואָרים אַזויפיל געלט האָסטו דאָס, וואָס דו וואַרפסט זיך אַזוי מיט דעם?... גיי, טראָג עס בעסער אַוועק צו דיין ווייב, וועסטו מער מיצוו האָבן!...

און צו די אַרומיקע האָט ער דערביי אַ פּינטל געטאָן מיט אַן אויג:

— נו יאָ, אָט גיי איך שוין צונעמען ביי אים זיינע פאַרהאָרעוועטע פּאָר גראָשן!...איך האָב שוין גאָרניט קיין אַנדערע אַרבעט!...

אַלע, סיי זיינע באַקאַנטע און סיי זיינע אַרבעטער, האָבן שוין גוט געוואוסט, אַז מיט אים, מיט מוישעלען, קאָן מען זיך ניט שפּאַרן. ער וועט סיי־ווי־סיי אַלעמאָל בלייבן דער גערעכטער. בוץ דעם האָט זיך טאַקע קיינער ניט געוואָלט איינרייסן מיט אים:

— עס איז סיי־ווי אַן אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט! — האָט מען צווישן זיך גערעדט און אַנטוישטע אַ מאַך געטאָן מיט די הענט דערויף...

* * * * *

מוישעלע בוימל האָט געהאַט אַ שעם פאַר אַ פיינעם מענטשן און פאַר אַ גוטן באַלעבאָס. וועגן אים פלעגן זיינע באַקאַנטע אַזוי זאָגן:

— אַ טייערער מענטש, אָט דער מוישעלע!...טאַקע אַ באַלעבאָס, אָבער פונדעסטוועגן...

— זעט אויס, אַז מען איז געבוירן מיט אַ גוט האַרץ, — מוז מען שוין בלייבן אַזוי...

— יאָ, די טראַדיציע פונעם בונד איז, אַפּאָנים, געבליבן שטאַרק איינגעוואָרצלט ביי אים...

אַלע האָבן געהאַלטן אַ וועלט פון אים.

בלויז איין זאַך האָט מען אים ניט געקאָנט מוחל זיין. יעדן האָט פאַרדראָסן, פאַרוואָס ער, מוישעלע, וויל בעשום אופן ניט אַרויפנעמען קיין אייגענעם מענטשן צו דער אַרבעט ביי זיך אין שאַפּ. וועגן דעם איז ער געווען איינגעשפּאַרט און עס האָט אים ניט געאַרט וואָס מען וועט זאָגן וועגן אים. טאָמער איז אַמאָל זיינס אַ פריינט געקומען צו אים אין שאַפּ בעטן אַרבעט, האָט מוישעלע אים גלייך אַ זאָג געטאָן:

— סאָרי, ברודערל, ס'איז קעגן מיינע פּרינציפּן!...

און גלייך גוטמוטיק צוגעגעבן:

— עס אַרט דיך אַוודע וואָס מיר זענען נאָך גוטע פריינט?...

דערפאַר אָבער האָט מען געשמועסט, אַז מוישעלע האָט נאָך קיינמאָל ניט אַוועקגעשיקט קיין מענטשן וואָס האָבן שוין יאָ געאַרבעט ביי אים. און דאָס איז קימאַט עמעס געווען. ער אַליין פלעגט זיך באַרימען דערמיט און אפילו געהאַט אַ פאַרטיק ווערטל דערפאַר:

— צו וואָס זאָל איך אָפּזאָגן מענטשן?... אָט האָט אַמאָל געזאָגט דער באַוואוסטער פילאָזאָף אַריסטאָטל, אַז עס איז בעסער מיט אַן אַלטע האַנט צו פאַרשפּילן, איידער מיט אַ נייער צו געווינען...

און זיך פאַנאַנדערגעלאַכט:

— בוץ דעם, קאָן טאַקע אַן אַלטע האַנט אַרויסשיסן מער אַרבעט ווי אַנדערע צען נייען...

און ביי אים האָט מען טאַקע אַרויסגעשאָסן. דערויף האָט ער שוין גוט אַכטונג געגעבן, סיי מיט זיין שטילן אַרומגיין איבערן שאָפּ און זיך צוקוקן און סיי מיט זיינע זיסינקע ריידעלעך. ער איז ניט אָפּגעטראָטן פון שאָפּ אָף קיין איינציקער מינוט און אָפט ווי אַ שאָטן געשטאַנען הינטער די פּלייצעס פון זיינע אַרבעטער. ער פלעגט געלאַסן שפּאַצירן פון מאַשין צו מאַשין, זיך אָפּגעשטעלט אָף אַ דריי־פיר טריט הינטער אַן אַרבעטער און געכאַפּט אַ בליק, צו די אַרבעט גייט ביי אים צו ווי געהעריק. פונדעסטוועגן, כאָטש ער האָט געזען, אַז עפּעס אַן אַרבעטער איז ניט אַזוי פלינק ווי ער וואָלט עס װעלן, האָט ער דאָך קיין וואָרט ניט אויסגערעדט, כאָטש ער האָט עס זייער געוואָלט. דערויף האָט ער געהאַט אַזאַ געדאַנק:

„זאָל יענער בעסער איבערטראַכטן וואָס איך האָב אינזינען, איידער איך זאָל דאַרפן קלערן וואָס יענער דענקט וועגן מיינע רייד"...

אין אַזעלכע פאַלן פלעגט ער בלויז פון וייטן, און מיקלוימערשט גלאַט אין דער וועלט אַריין, שטילינקערהייט אַ מאָדנע הוסטעלע טאָן:

— פּכו־הו־עפּן...

דאָס דאָזיקע הוסטעלע איז שוין ביי די אַרבעטער זיינע גוט באַרימט געווען. יעדער איינער פון זיי האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז אויב אַזאַ הוסטעלע איז שוין כאָלילע געפאַלן אין זיין טעריטאָריע, איז עס דער סיגנאַל, אָדער ווי מוישעלע אַליין פלעגט עס אָנרופן: — „פּיערשי וואָנאָק דאָ אָפּיסאָ". דער אַרבעטער האָט דעמלט באַגריפן, אַז עפּעס איז מיט אים ניט אַזוי שטאַרק אין אָרדנונג און — אוים מוירע — ערשט געוומען שטאַרקער אונטערשיסן...

טאָמער האָט דאָס זיך געטראָפן אַ צווייטמאָל, איז דאָס הוסטעלע שוין געוואָרן אַ פיל שטאַרקערס. צום דריטן מאָל, אָבער, האָט שוין מוישעלע מער ניט געהוסט. ער האָט בלויז פיין אַריינגערופן דעם אַרבעטער צו זיך, אינעם אָפּגעצאַמטן ווינקלדיקן אָפיסל, איידל אים געבעטן זיצן, און אַליין — נעמענדיק אַ בלייפעדער מיט אַ שטיקל פּאַפּיר אין האַנט — גענומען מאַכן פאַר אים אַ רעכנונג ווי פאַרן אייגענעם ווייב:

— זע אינמיסטן, פריינט גאָלדמאַן, — האָט ער אַ זאָג געטאָן אין אַזאַ טאָן, ווי צו באַווייזן מיט דעם, אַז ער איז אַ בעריע צו געדענקען יעדנעמס נאָמען, — אָט, טו אַדראַבע אַליין אַ קוק אָפּן בעזשבון! נעם דעם בלייפעדער אין דער האַנט אַריין און...

דער אַרבעטער האָט אים צעשראָקן אָנגעקוקט און קיין איינציק וואָרט ניט אויסגערעדט. מוישעלע איז אָנגעגאַנגען:

— איינגאַנצן האָבן מיר אַן אַכט־שעהיקן אַרבעטס־טאָג. אַ יאָ?... נו,

איז אַ קראַנץ אַהין און אַ שפּײַ אַהער, אַ טרונק וואַסער, אַ סיגאַרעטל און נאָך אַזעלכע פּערזענלעכע באַדערפֿענישן, — נעמען אַרונטער פֿונעם טאָג לעבאַל־האַפּאַבעס ניט ווינציקער ווי אַ האַלבע שאָ. האָבן מיר שוין, הײַסט עס, אין בעסטן פֿאַל, ניט מער ווי זיבן מיט אַ האַלבע. דאָס איז דיר אײַנמאָל אַוועק. איצט ווײַטער: פֿאַר אַ טאָג אַרבעט באַקומסטו בײַ מיר אַזוי גרויס ווי פֿינף טאָלער. אַ יאָ ריכטיק?...נו, לאָמיר פֿאַר אַ ווײַל אָננעמען, אַז דו מאַכסט מיר אַזוי גרויס ווי גאַנצע צען שטיקלעך אַרבעט אַ טאָג. הײַסט עס, אַז יעדעס שטיקל אַרבעט קאָסט מיך אַקוראַט צו פֿופֿציק סענט. ריכטיק אַזוי?... הײַנט וויפֿל, רעכנסטו, קריג איך עס אײַנגאַנצן פֿונעם דזשאָבער פֿאַר אַ שטיקל אַרבעט?...דאַרפֿסט ניט טרעפֿן און דאַרפֿסט ניט נעמען מײַן וואָרט דערויף! טו אַליין אַ קוק אין בוך! איצט וואו זענען מײַנע אויסגאַבן פֿאַר דירע־געלט, מאַשינען און נאָך אַנדערע זאַכן?...

דערבײַ האָט מוישעלע צוגערוקט דאָס בוך נעענטער צום אַרבעטער, אָבער עס ניט אויפֿגעעפֿנט. ער האָט גאָר שאַרף אַ קוק געטאָן אין יענעמס צעטומלטע אויגן אַרײַן און זיך מיקלוימערשט גענומען צוריקציִען:

— איך זאָג ניט, אַז דו ביסט מיך אויסן כאָלילע צו באַגאַנווענען, אָדער צו באַשווינדלען. כאָלילע!... איך מײַן בלויז צו באַמערקן, אַז דו ביזט אַביסעלע צו סלאַו און אַז עס קומט מיר אויס צו דערלײַגן צו דיר. גאָר אַזוי ווי איך האָב אַ פּאָליסי קײַנעם פֿונעם שאָפּ ניט אַוועקצושיקן, בלײַבט דעריבער די פֿראַגע, וואָס קאָן מען פֿאָרט טאָן אין אַזאַ סיטואַציע? אַדראַבע, זאָג טאַקע דו אַליין!... איך פֿאַרלאָז זיך אָף דיר!...

נאָך אַזעלכע רייד, איז דער אַרבעטער געבליבן זיצן אַ צעטומלטער און נערווירטער. געוואוסט האָט ער, אַז ניט נאָר מאַכט ער ניט קײַן צען שטיקלעך אַרבעט אַ טאָג, נאָר קײַנער אין פֿאַך מאַכט עס ניט. דאָס העכסטע, וואָס דער פֿלינקסטער באַלמעלאָכע האָט יאָ געמאַכט, איז קוים אַכט מיט אַ האַלב, סײַדן...בלויז בײַ אַ גוטן טאָג, ווען די מאַשין מאַכט ניט קײַן שום מעשוגענע קונצן און אַליין פֿילט מען זיך אויך אויסגערוט, — קאָן מען עפּשער אַרויסהאַקן מיט נאָך אַ האַלב שטיקל מער. אָבער וואָס האָט גענוצט דאָס טראַכטן, אַז אַרויסזאָגן האָט מען עס ניט געקאָנט. ער איז דעריבער געווײַנטלעך געבליבן זיצן אַ שווײַגנדיקער און זיך אײַנגעהערט אין מוישעלעס רייד.

מוישעלע, ווידער, אַז ער האָט דערזען יענעמס פֿאַרלוירנקײַט, האָט ער אַרויסגענומען דאָס שאַכטעלע סיגאַרעטן, אין וועלכן ער פֿלעגט טאָמיד האָבן צוויי סאָרטן — צעטײַלט אַזוי קונציק — אַז ווען ער האָט עס אימיצן צוגעטראָגן, האָט יענער שטענדיק געמוזט אָנטרעפֿן דאַווקע אָף די ביליקערע. ער האָט פֿרײַנטלעך אַ זאָג געטאָן:

— נעם אַ רויך!...סײַ־ווי זיצסטו דערווײַל און טוסט גאָרניט!...

און באַלד. אַזוי גיך ווי דאָס ערשטע ביסל רויך האָט זיך צעטראָגן אינדערהויך, האָט מוישעלע — מיקלוימערשט אומדרײַסט, קעדיי צו מאַכן אָפֿן אַרבעטער דעם אײַנדרוק, אַז עס איז אים גאָר שווער צו רעדן וועגן אַזעלכע זאַכן — צוגעגעבן:

— עך־עך־ע, ברודערל, האָבן מיר דאָס א פאַרשאָלטענע אָרדנונג, — דעם קאַפּיטאַליזם, אַז אַנציַנדן זאָל ער זיך!... וואָרים אַז אָך און אַז ווי איז צו אונדזער גאַנצער באַפּ־לאָפּ סיסטעם, אַז איך, מאָטשעלע בוימל, זאָל גאָר דאַרפֿן רעדן וועגן אַזעלכע זאַכן מיט מײַנעם אַן אַרבעטער; אַז איך זאָל גאָר דאַרפֿן בעטן בײַ אים, אַז ער זאָל זיך אַביסעלע אונטער־איילן מיט דער אַרבעט, אָדער געפֿינען אַזוי עפּעס אַן אַנדער מיטל, אַז איך זאָל ניט דאַרפֿן דערלייגן צו אים...

ער האָט ווידער אַ צי געטאָן פֿונעם סיגאַרעטל און פֿאַרענדיקט:

— איך וועל דיר זאָגן דעם עמעס, פֿרײַנט גאָלדמאַן. איך ווייס, אַז ניט אַלע מענטשן זענען אַלצאַיינס שנעל! מײַלע, ווי זאָגט מען עס דאָרט, בא צוועלף מענטשן אויב מען פֿאַרדינט ניט אין אײנעם, איז נאָך עפּשער אַ האַלבע צאָרע...אָבער דערלייגן?... דאָס, זעסטו, ווייסט איין גאָט אין הימל און די ביכער אָט דאָ, אַז איך קאָן ניט און האָב ניט פֿונוואַנען, אַפֿילו בײַ מײַן בעסטן ווילן...

ער האָט שאַרף אַ קוק געטאָן אָפֿן אַרבעטער און, אויב ער האָט נאָר באַמערקט, אַז יענער האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און וויל אָפּענטפֿערן, — אים גלייך איבערגעשלאָגן:

— איך בין ביכלאַל ניט דער מענטש צו רעדן וועגן אַזעלכע זאַכן. איך וואָלט, זעסטו, גיכער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, איידער אימיצן אַוועק־צושיקן. וואָרים וואָס איז אימיצער שולדיק, אַז ער קאָן ניט אַרבעטן אַזוי שנעל ווי די אַנדערע?...און ווי האָט עס אַמאָל געזאָגט אונדזער אייגענער קאַרל מאַרקס, אַלאַוו האַשאָלעם? — „יעדער לויט זײַנע פֿײַאיקייטן און אַלעמען לויט זײַערע באַדערפֿעניש”...אָבער גיי, מאַך, אַז מיר האָבן אַזאַ פֿאַרשאָל־טענעם קאַפּיטאַליזם! נו, טאַקע אַזוי: וואָס זאָל אַ מענטש ווי דו, נעבעך, טאָן, אַז דו פֿאַרמאָגסט ניט אַזאַ ענערגיע, ווי — לאָמיר זאָגן — מאַשקאָוויטש, וועלכער מאַכט מער פֿון דיר?... וואָס איז, דער שוואַכער דאַרף דען ניט עסן אַזוי־פֿיל ווי ער?...מיר דאַכט זיך גאָר, אַז פֿונקט פֿאַרקערט... ערשט ווײַל דו ביסט שוואַך, דאַרפֿסטו ערשט באַקומען מער! נאָר ווידער די איי־גענע מאַיסע: — קאַפּיטאַליזם, אַז פֿאַרשאָלטן זאָל ער ווערן!...

מאָטשעלע האָט זיך מיטאַמאָל אויפֿגעשטעלט פֿון זײַן פּלאַץ, פֿרײַנטלעך יענעם אַ קלאַפּ געטאָן איבער דער פּלייצע און אַ מורמל געטאָן:

— עס זעט אויס, אַז מיר ביידע וועלן דאַרפֿן צו ביסלעך מאַקריוו זײַן און...איך גלויב, אַז מען קאָן געפֿינען אַן אויסוועג!... מען וועט דאַרפֿן זען, אַז די פּוטער זאָל זײַן גאַנץ און די קאַץ — זאַט!...

דער אַרבעטער — אַן אָפּגעגאָסענער מיט שווייס — האָט געשוויגן. ער, מאָטשעלע, האָט אים אַרויסבאַגלייט פֿון אָפֿיס און שטיל צוגעגעבן:

— איך מיין...אויב דו קאָנסט בעשום אופֿן ניט אַרויפֿהייבן די פּראָדוקציע, וועסטו מוזן געפֿינען עפּעס אַן אַנדער אויסוועג צו ליידן די פּראָגע...יעדנפֿאַלס, זאָל עס בלײַבן צווישן אונדז!...קיינער דאַרף עס ניט וויסן... פֿאַרשטייסט...פּאַרוואָס זאָל אַרויס אַ שעם אָף דיר, אַז...נו, דו ביסט סלאָו און...זעסטו, אין אַ שאָפּ, וואו עס אַרבעטן מער מענטשן און

טאקע ביי א בורזשוי דערצו, וואָלט ניט געווען קיין אומגליק, אז דו...

דער אַרבעטער איז א וואַקלענדיקער צוריק אריין אין שאפּ און זיך אוועקגעזעצט צו זיין מאשין. מוישעלעס רייד זענען געלעגן ווי בייטשן אף זיינע פּלייצעס און ער האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט. אליין ניט ווינדיק ווי אזוי, האָט ער גענומען יאָגן די קישקעס פון זיך און ניט נאָר אָפּגעאַרבעט פאר די פארלוירענע פּאָר מינוטן, וואָס ער איז געזעסן אין אָפיס, נאָר אָפּגעצאָלט מיט פּראָצענט... אין אָוונט האָט ער זיך גע־וואונדערט, ווי אזוי עס איז גאָר מעגלעך געווען, אז ער זאָל יענעם טאָג האָבן געמאַכט גאַנצע ניין שטיקלעך אַרבעט...

דערפאר האָט זיך מוישעלע אף צומאָרגנס פארבייגעשלייכט לעבן אים און צוגעוואָרפן א גוטמוטיק שמייבעלע:

— וועסט נאָך זיין א־רייט אין אַמעריקע, גאָלדמאַן! וועסט נאָך זיין אָ־רייט!... נו, איצט זעסטו שוין, אז אויב מען וויל — קאָן מען?!...

* * * * *

אָט אזוי האָט זיך מוישעלע בוימל געפירט די גאַנצע צייט און אַלץ איז געגאַנגען גלאַטיק. אז עס איז אָבער באשערט אן אומגליק, פלעגט מוישעלע זאָגן, קומט עס צו דיר גלייך אין שטוב אריין און דו דאַרפסט נאָך באצאָלן פאר די הויצאָעס. האָט זיך געדאַרפט טרעפן, אז דער דזשאָ־בער, וועלכער איז אַגעוו געווען זיין אייגענער שווער, — האָט מוישעלען געגעבן א גרויסן קאָנטראַקט, צוליב וואָס ער האָט געדאַרפט אריינשטעלן נאָך מאַשינען און אריינגעמען נייע מענטשן. און פאר נייע מענטשן האָט מוישעלע מוירע געהאַט מער ווי פאר פּריינט... ער האָט דעריבער געזיפּט און איבערגעזיפּט, צוגענומען בלויז אָזעלכע אַרבעטער, וועמען די אַלטע הענט האָבן רעקאָמאַנדירט און...

די ערשטע עטלעכע טעג האָט ער מיט די נייע אַרבעטער קיין געשעפטן ניט געהאַט. ער האָט אפילע אויסגעמיטן אן איבעריק מאָל אריינצוגיין אין שאפּ, אָדער פארבייצוגיין די מאַשינען. ער האָט זיך פריער געוואָלט ארומקוקן, זיך באַקאָנען און זען מיט וועמען ער האָט צו טאָן:

— אָט, — האָט ער געמורמלט צו זיך, — זאָלן זיי זיך נאָר איינגע־וואוינען מיטן פּלאַץ, וועלן מיר דעמלט זען ווער און וואָס...

אפן דריטן טאָג, אָבער, האָט ער שוין ניט אויסגעהאַלטן און פון הינטער אן אַרבעטערס פּלייצע געלאָזט הערן זיין באַוואוסטע הוסטעלע:

— פּכו־הו־עפּ!...

און עס האָט זיך אָנגעהויבן די אַלטע באַסענע:

— צען שטיקלעך!... איך דערלייג!... אָט, קוק אליין אריין אין די ביכער, זע און...

אָבער דער נייער אַרבעטער, וועמען ער האָט אריינגערופן צו זיך אין אָפיס, האָט שאַרף א קוק געטאָן אף אים און קאַלטבלוטיק געשמייכלט:

— עט, ווער דאַרף עס גאָר וויסן אייערע כעזשבוינעס?!... אויב עס לוינט זיך אייך ניט, — דאַן פארמאַכט דעם שאַפּ און גייט אַרבעטן צו יענעם!...מיר וועלן פון איצט אָן מאַכן דעם יוניאָן־לימיט און...

מוישעלע, אז ער האָט דערהערט דעם דאָזיקן ענטפער, איז ער אַזש בלאַס געוואָרן און גענומען ציטערן. אַזעלכע ענטפערס איז ער ניט געוואוינט געווען צו הערן. אַ פאַרלוירענער האָט ער אַ קוק געטאָן יענעם אין די אויגן אַריין און זיך דערשראָקן פאַר די מאָדנע פייערלעך אין זיי. פאַר אים איז גלייך קלאָר געוואָרן, אַז ער איז אַריינגעפאַלן און אַז ער וועט שוין דאַרפן געפינען אַ מיטל, ווי פּאַטער צו ווערן פונעם דאָזיקן אַרבעטער. ער האָט אים אָבער דערווייל גאָרניט געזאָגט. ער האָט זיך נאָר בלויז גענומען אַרומדרייען איבערן אָפּיסל, ווי ער וואָלט געטראַכט וואָס צו טאָן. מיטאָמאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט לעבן יענעם, זיך גענומען קלאַפּן מיט אַ פויסט אין האַרצן אַריין און אויסגעשריגן:

— מיינט נאָר ניט, פריינט גרינבלאַט, אַז איר האָט דאָ צו טאָן מיט עפּעס אַ באָסעלע אָן עקספּלואַטאַטאָר!...איך...איך אַליין בין אַ געוועזענער בונדאָוועץ און...

דער אַרבעטער האָט מוישעלען אָפּגעמאָסטן פון אויבן ביז אַרונטער און סאַרקאַסטיש געלאַכט:

— מען ווייסט עס, באָס לעבן! מען דערקענט עס! יעדנפאַלס, וועט איך אייער זכות מער ניט העלפן! איר מעגט אַפילו זיין גאָט אַליין!...

מוישעלע האָט שוין, זעט אויס, מער ניט געקאָנט איבערטראָגן די כוצפּע און — אָן אויפגערעגטער — זיך צעשריגן:

— וועל... אויב עס געפעלט אייך ניט צו אַרבעטן ביי מיר, מיסטער גרינבלאַט, קאָנט איר זיך שוין גיין געזונטערהייט פון דאַנען און מער ניט אַריינקומען!...

יענער האָט אים אָנגעקוקט און ווידער געלאַכט:

— כאָלילע!... פאַרוואָס זאָל עס מיר ניט געפעלן?... אַרבעטן ביי אַ געוועזענעם בונדאָוועץ איז דאָך עפּעס אַ גרויסע זכיע!...נאָר איין זאַך: מען וועט דאַרפן האַלטן אַן אויג אויף אייך און... אַנדערש, זעט איר, געפעלט איר מיר שוין דאַווקע יאָ!...

— אָבער איר געפעלט מיר ניט! — האָט מוישעלע אויסגעפּלאַצט. — איך וויל אייך ניט!... איר הערט?... איך וויל אייך אַפילו מער ניט האָבן דאָ, ביי זיך אין מיין שאַפּ!...

גרינבלאַט האָט געשמייכלט:

— אָ, עסט זיך ניט אָפּ דאָס האַרץ, מיסטער בוימל!...עס איז אַוואַדע ניט געזונט פאַר אייך!... איר וועט עפּשער ביכלאַל דאַרפן האָבן אַ געזונט האַרץ, ווען דער שאַפּ וועט היינט־מאָרגן אַרונטער אין סטרייק!... וואָרים, אויב מיר האַלטן שוין דערביי, וויל איך אייך מעלדן, אַז אַזוי ווי מיר האָבן דאָ געפונען די באַדינגונגען ניט אַזעלכע ווי זיי וואָלטן געדאַרפט זיין, — האָט דער גאַנצער שאַפּ באַשלאָסן אייך אַרויסצושטעלן אַ צעטל מיט פאָדערונגען און אויב איר וועט ניט נאָכגעבן — אַרויס אין סטרייק!...

מוישעלע איז געבליבן שטיין ווי אַ פריטשמעלעטער און — פונקט ווי ער וואָלט זיך ניט געוואָלט גלויבן, אַז ער האָט טאַקע ריכטיק געהערט, האָט ער — אין פאַרצווייפלונג — אויף אַ קאָל אויסגעשריגן:

— וואס?... ביי מיר אין שאפ א סטרייק?... וואס רעדט איר?... ווי איז עס גאר מעגלעך אזא זאך ביי מיר?...ווי איז עס גאר מעגלעך?...

די הילצערנע פארצאמונג פונעם אפיסל האט א וויבריר געטאן פון זיין אויסגעשריי און — אין א פארטוזיבטן ווידערקאל, ווי מיט כוזעק — איבערגעכאזערט:

— מעגלעך!... מעגלעך!...

מוישעלע האט פארמאכט די אויגן און פארביסן די ליפן. ער איז עפעס אזוי ווי צוריק אריינגעפאלן אין זיין שטול און געבליבן זיצן מיט אן ארונטערגעהאנגענעם קאפ. ער האט אינגאנצן געציטערט. עס האט אויסגעזען, ווי ער וואלט באגריפן, אז דאסמאל איז א סטרייק טאקע יא מעגלעך און אז עס וועט אים שוין אפילו ניט העלפן דער זכות וואס ער אליין איז אמאל געווען...

ניטא קיין מזל

א מאדנע זאך געווען מיט אט דעם זשוואווען מוישעלע בוימל. אזוי, אינדרויסן, צווישן מענטשן, איז ער דאך, דאכט זיך, געווען א רירעוודיק אידעלע און א גאנצער כאכעם, — אבער אין שטוב, ביי זיך, איז ער געווען גארניט צום דערקאנען. א פארלוירענער — פונקט ווי ער וואלט דארט געלעבט אף אימיצנס בעסעד — איז ער ביי זיך אין הויז געגאנגען אף די שפיץ־פינגער און זעלטן ווען א ווארט אויסגערעדט. און אפילו פריער, איידער ער האט געדארפט אריינגיין צו זיך אין שטוב, האט זיין הארץ שוין אנגעהויבן ציטערן, פונקט ווי ער וואלט זיך באלד געדארפט שטעלן פאר א שטרענגן אויספארשער און ענטפערן אף א באשולדיקונג אין עפעס א גאנץ ערנסטן פארברעכן...

אזוי פלעגט מוישעלע פילן, ווען ער פלעגט יונגערהייט דארפן רעדן צו א „קנעפל”... אזוי האט ער געפלעגט ציטערן אמאל, בעאיס ער איז נאך געווען אין „בונד” און דערזען לעבן זיך א פאליציאנט. אזוי פילט ער נאך אפילו איצט, ווען עס קומט אים אויס ארויפצוגיין נאך געלט פאר ארבעט צו טוירנער ענד סאנס, דעם שווער זיינעם — דעם דזשאבער, און דארף דארט אינאיינוועג אפגעבן א פולן באריכט, וואס זייער טאכטער טאניעטשקע מאכט און צו ער באהאנדלט זי ווי עס דארף צו זיין...

טאמיד, ווען ער איז אין אוונט אהיימגעקומען פונעם שאפ, האט ער זיך פריער אפגעשטעלט אין קארידאר, הינטער דער טיר, ווי איינצוזהערן זיך, צו אין שטוב איז אלץ אין ארדנונג און צו מעג ער אריינגיין. מיט איין האנט האט ער דאן ארונטערגעכאפט דאס קאפעליושל פונעם קאפ, מיט דער צווייטער — ארויסגענומען א טיכעלע פון קעשענע און — א דער־שלאגענער — געווישט דעם ארויסגעשלאגענעם שווייס פונעם פליכל. דערביי האט ער מיטן מינדסטן פינגערל — פון דער האנט, אין וועלכער ער האט געהאלטן דאס קאפעליושל — געטאן א לייכט קוועטשעלע אינעם

גלעקל־קנעפל פון דער טיר. געטאָן דאָס אַזוי לייכט, ווי ער וואָלט מיטן קלונג מוירע געהאַט איבערצוּוואַוועקן זיין טאַניעטשקען, וועלבע האָט שוין זיין קלונגעלע געקאַנט דערקענען צווישן טויזנטער.

ווען ער איז אַריין אין שטוב, האָט ער קודעם־קאָל אַ פאַרשולדיקט שמייכעלע געטאָן, זיך פונוויטנס צוגעבויגן מיט זיינע ליפּן צו טאַניע־טשקען, וועלכע איז געגאַנגען אים אַריינלאָזן און — ניט צוּרירנדיק זיך אַפילע מיט זיינע הענט צו איר, ווי אַפן שפּיץ־מעסער — איר דערלאַנגט אַ פיצינקע שאַרף קושעלע אָף דער אָנגערוזשטער, פּוכקער באַק. דערנאָך איז ער נאָך פאַר אַ וויל געבליבן שטיין אַפן פלאַץ, פּונקט ווי ער וואָלט דאָס נעמלעכע קושעלע נאָך געדאַרפט אַרונטערשלינגען און פאַרדייען.

טאַניעטשקע האָט גאָרניט געענטפערט. אַ טרוקענע האָט זי זיך טאַ־מיד אָפּגעקערט פון מוישעלען, מיט אַזאַ מינעלע, — פונקט ווי זי וואָלט דערוואַרט אימיצן אַנדערש און זיך אַנטוישט ווען זי האָט גאָר אים גע־זען אַריינקומען... מיט דריבנע טריטעלעך איז זי צוריק אַוועק צו דער סאָפע, וואו זי איז ביז זיין אַריינקומען געלעגן מיט עפּעס אַ ראָמאַן אין האַנט און אונטערגעדרימלט. בעאַיים איר גאַנג האָט דאָס זיידנס פון איר נעגליזשע שטאַרק געשורשעט און זיך צוזאַמענגעגאָסן מיט איר געאַיידלט־צוגעוואָרפענעם געגעצל. אירע ברייטע היפטן האָבן זיך רייצנדיק אונטער־געוויגט און זי האָט זיך פויל אַרונטערגעלאָזט אָף דער סאָפע.

מוישעלע איז איר געלאָסן נאָכגעגאַנגען. פון הינטן האָט ער מיט זיינע אויסגעשפּיצטע בליקן זשעדנע געשלונגען די אויסגעקייקלעכיקטע ליניעס, טאַניעטשקעס, און ווי אין אירע פלייצעס אַריין — רייבנדיק איין האַנט אין דער צווייטער — בניפעדיק אַ פרעג געטאָן:

— נו, ווי פילט איר זיך עפּעס היינט, טאַניעטשקע?...

זי, ווי זי וואָלט אים די גרעסטע טויווע געטאָן און גליקלעך געמאַכט מיט איר ענטפערן, האָט טרוקן צוגעוואָרפן:

— אַזוי ווי איר זעט. אַ דאַנק אייך!...

עס איז געווען זייער מאָדנע, וואָס אָט דער מוישעלע, וועלכער איז אין גאַס, צווישן מענטשן, געווען היימיש מיט אַלעמען און מיט יעדן אָף „דו", — איז מיט דער אייגענער ווייב געווען אַזוי פרעמד און גערעדט צו איר בעלאַשן „איר". דעם עמעס געזאָגט, האָט אַפילע מוישעלע אַליין ניט געוואוסט פאַרוואָס דאָס איז אַזוי:

„עפּשער דערפאַר", — פלעגט ער טראַכטן, — „וואָס זי איז דעם רייכן טוירנערס אַ טאָכטער, אַ געבילדעטע דאַמע און"...

און כאָטש ער האָט שוין עטלעכע מאָל אָפּגעמאַכט ביי זיך, איבערצוגיין מיט איר אָף „דו", ווייל נאָך אַלעמען איז ער דאָך שוין פאַרהייראַט מיט טאַניעטשקען באַלד אַרום דריי יאָר און עס וואָלט שוין, כלעבן, צייט געווען, אַז מען זאָל זיין היימיש... אָבער שטענדיק, אַזוי ווי ער איז נאָר אָהיימגעקומען און דערזען טאַניעטשקען מיט איר רונדיק־פולן קערפּער, אַזוי האָט ער גלייך באַקומען קאַלטע פיס און — ווי ער וואָלט זיך דערשראָקן פאַר עפּעס — ווידער אַ זאָג געטאָן אַפן אַלטן שטייגער:

— נו, ווי פילט איר זיך עפּעס היינט, טאַניעטשקע?...

איינמאָל האָט ער זיך אַפילו פאַרנומען צו פאַרלייגן אַ מין בריק, קעדיי צו דערנענטערן דעם איבערגאַנג אַף „דו״... ער האָט געפּרובירט רעדן צו איר אין דער אומבאַשטימטער פּערזאָן, בעלאַשן „מען״, ווי ניט זי וואָלט ער עס געמיינט. דאָס האָט אָבער טאַניעטשקע בעשום אויפן ניט געוואָלט פאַרליידן... זי האָט דעמלט, געדענקט ער, זיך שטאַרק צעשריגן אַף אים, אַז עס האָט אים אַזש אַ שניט געטאָן אין דער זיבעטער ריפּ:

— ווענמען מיינט „מען״ עס מיטן „מען״, וואָס „מען״ בורטשעט עס אַזוי־אָ?...

דערנאָך איז זי גאָר ברוגעז געוואָרן מיט אים אַף אַ גאַנצן כוידעש. מוישעלען האָט שוין פאַרדראָסן דער גאַנצער איסעק און ער איז צוריק איבערגעגאַנגען אַף „איר״, ווי פריער...

פיל מאָל האָט מוישעלע זיך געפּרוואווט דערטראַכטן, פאַרוואָס ער ווערט שטענדיק אַזאַ פאַרציטערטער ווען ער דערזעט זי נאָר. ער האָט זיך דאָס אָבער קיינמאָל ניט געקאָנט דערקלערן. געוואוסט האָט ער בלויז איין זאַך:

— ס׳איז מיין אייגענע שולד!...אַזוי ווי מען שטעלט נאָר אַוועק דעם ערשטן טראָט, אַזוי מוז מען שוין אָנגיין דאָס גאַנצע לעבן...אַ סוואָרע,— האָט ער געטראַכט, — אַז פּראָפעסאָר איינשטיין איז טאַקע גערעכט געווען מיט זיין ווערטל, אַז „אַ פאַלק סאָלדאַטן קאָן דעם מענטשן ניט אָנטאָן אַזויפיל שלעכטס, וויפל דער מענטש טוט זיך אַליין״...

מיט וואָס, אָבער, עס איז זיין אייגענע שולד, האָט ער ניט געקאָנט באַגרייפן. פאַר אים איז גאָר אויסגעקומען פאַרקערט: אַז שולדיק איז זי, טאַניעטשקע. אָט פילט ער דאָך, אַז איר פרעמד־האַלטונג און איר גאַנצער אויסזען רופט עס אַרויס ביי אים דעם דאָזיקן דערעך־ערעץ און אפשר צו איר, און ער קאָן זיך גאַרניט העלפן...

זי, טאַניעטשקע, איז געווען אַ שטאַלטנע און געזונטע פרוי. אַ בלאָנדע און אַ הויכע — עפּשער מיט גאַנצע צוויי קעפּ העכער פון מוישעלען. און כאָטש זי איז געווען יונגער פון אים מיט גאַנצע פופצן יאָר, האָט זי — מיט איר האַלטונג — געמאַכט דעם איינדרוק פון זיינס אַ לערערן. מוישעלען — כאָטש ער האָט געליטן דערפון — איז עס פונדעסטוועגן גאַנץ ליב געווען. ער האָט זיך בלויז געמוטשעט מיט טראַכטונגען:

— כ׳מיין,— פלעגט ער זיך זאָגן, — וואָס וואָלט מיר דען געפעלט, ווען טאַניעטשקע וואָלט געווען אַ מענטש?...פאַרנאָסע, גאָט צו דאַנקען — ניט צו פאַרזינדיקן!...בלויז אָט דאָס שטיקעלע מאַזל, צו האָבן אַ ווייב, — אַ ווייב — קעדאָס מוישע וועאיסראָעל...

אָפט האָט זיך מוישעלען געדאַכט, אַז ווען זי, טאַניעטשקע, זאָל גאָר געווען האָבן אַן אייגן קינד, אַ „בעיבי״, וואָלט אַוודע אַלץ מיטאַמאָל גאָר אַנדערש געוואָרן... דאָס וואָלט זי דערנענטערט און...

ער האָט אָבער גאַנץ גוט געוואוסט, אַז אָט די דאָזיקע האָפנונג איז אַן אומזיסטיקע. זי, טאַניעטשקע, האָט בעשום אויפן ניט געוואָלט האָבן קיין קינד. זי פלעגט אַזוי זאָגן:

קינדער איז עפשער אן איניען פאר קאבצאָנים און פראָסטע מענטשן, אָבער ניט פאר קיין איידעלע פרויען!... פארוואָס זאָל איך באַגראָבן מיינע יונגע יאָרן מיט האָדעווען קינדער?!...

און מיט שטילער איראָניע — צוגעגעבן:

— איר אליין וואָלט דאָך אויך ניט געוואָלט האָבן קיין צעקנייטשטע אידענע פאר א ווייב... ניט עמעס עפשער?...

מוישעלע האָט דאַן געקוקט אף טאַניעטשקען און ביי אים אין הארצן האָט זיך צעברענט א העליש פייער. עפעס האָט זיך אים געוואָלט אָפּענט־פערן דערויף. אָפּענטפערן אזוי, אז זי זאָל עס האָבן צו געדענקען:

— ווארים אזוי, משטיינס געזאָגט, זייט איר מיר דען יאָ א ווייב?...

געזאָגט האָט ער עס אָבער ניט. פאר אזעלכע רייד וואָלט זי זיכער ברוגעז געוואָרן און עס וואָלט אים דערנאָך אוודע געקאָסט א פעטע מאָט־בייע, אז זי זאָל ניט לויפן צום טאַטן אירן זיך באַקלאָגן אף אים...

אין הארצן ביי זיך פלעגט ער אָפט טראַכטן, אז פאר דעם געלט, וואָס זי, טאַניעטשקע, קאָסט אים, וואָלט ער געקאָנט האָבן צען ווייבער, אז „עס זאָל אים פּאַשעט רינען איבערן מויל” און ניט דארפן אויסקוקן, אז איר זאָל אמאָל איינפאלן צו זיין גוט צו אים...

איר, אָבער, האָט מוישעלע גאָרניט געזאָגט. ער האָט גאַנץ גוט גע־וואוסט, אז עס וועט סיי־ווי גאָרניט העלפן. אז יענע פירט זיך דאָך לויט דער לעצטער מאָדע און לויט די ראָמאַנען, אז ברענען זאָלן זיי!... פאר יעדער לאַסקע, וואָס זי שענקט אים איינמאָל אין א יוזיוול און שלאָפט ניט אין איר באַזונדערן שלאָף־צימער, מוז ער איר קויפן א מאַטאָנע. אמאָל — א ניי קלייד, א טייערן פוטער־מאַנטל, אָדער גאָר א בריליאַנטן רינגל. דאָס אלץ וואָלט אים אָבער ניט געאַרט. מילע נו, קאָסט אים די ווייב נאָך אביסל מער... אָבער אָט דאָס, וואָס עס פאלט אים שטענדיק אויס באַקאָס, — אָט דאָס פארדריסט אים ביזן ביין. פאר א כזידעש צייט נאָכדעם, הערט זי ניט אויף ארומצוזיין און אים באַקלאָגן:

— נו, איצט, ברוט איינער, האָט איר מיך שוין זיכער אומגליקלעך געמאַכט... ווער ווייסט, צו איך בין דאָסמאָל כאָלילע ניט אריינגעפאַלן...

טיילמאָל פלעגט זי אים גאָר נעמען גריזשען און יאָדען:

— נאָר פראָסטע כאַמולעס נוצן אזוי אויס א ווייב... פיינע, איידעלע מענער, האַלטן זייערע פרויען פאר א צירונג — נאָר צו קוקן אף זיי...

אויף דערויף האָט מוישעלע קיינמאָל קיין וואָרט ניט געענטפערט. ער איז שוין אזוי צוגעוואוינט געוואָרן פאר די קנאַפּע דריי יאָר... עמעס, דאָס ערשטע יאָר נאָך דער כאַסענע איז עס אים יאָ געווען שווער ארונ־טערצושלינגען און ער האָט זיך געפּרובירט אנטקעגנשטעלן...זי האָט אים אָבער גלייך געלאָזט וויסן, אז אויב זי וועט נאָכאַמאָל הערן אזעלכע רייד פון אים, וועט זי איינגאַנצן אַוועקגיין... מוישעלע האָט געוואוסט מיט וואָס דאָס שמעקט. איר טאַטל, א בראַנד אים אין די ביינער, וואָלט אים גלייך אויפגעהערט צו געבן ארבעט, אז ער וואָלט געמוזט אויפגעבן דעם שאַפּ און אליין ווידער גיין זוכן א דזשאָב באַ יענעם...

— אָבער פאַרוואָס איז זי, טאַניעטשקע, אַזוי פרעמד צו מיר? — האָט ער זיך טאָמיד געמוטשעט מיט פראַגעס. — דאַכט זיך, איך באַהאַנדל זי ווי אַ פּרינצעסן און זי... ניט אַנדערש, נאָר ס'איז יאָ פאַראַן אַ שטיקל עמעס אין דעם וואָס מענטשן מורמלען, אַז...

אַז עפּעס איז ניט גלאַטיק מיט טאַניעטשקען, האָט מוישעלע געהאַט אַ כשאַד נאָך איידער ער האָט באַטעגע געהאַט מיט איר. ניט בעכינעם, — האָט ער נאָך דעמלט געטראַכט, — האָט דער גרויסער דזשאַבער, מיסטער טוירנער ענד סאָנס, דער טאַטע אירער, אים, מוישעלען, גענומען פאַר אַן איידים, אים געגעבן דעם פעטן נאַדן, געעפנט אים אַ שאָפּ און גיט אים אַרבעט נאָך ביז היינט צו טאָג...

מוישעלע דערמאָנט זיך, ווי יענער, דער שווער זיינער, מיסטער טוירנער ענד סאָנס, האָט אים איינמאָל — בעאַיים ער האָט נאָך געאַרבעט באַ יענעמס אַ מאַנופעקטשורער — געהאַט אַרויפגערופן צו זיך אינעם אָפיס און אים אַזוי געזאָגט:

— יונגערמאַן, איר געפעלט מיר!... איר זעט אויס צו זיין אַ קלוגער באָכער און אַ פיינער מאַן!... מיר האָבן אַ שיינע טאָכטער, טאַניעטשקע הייסט זי... איז אויב איר ווילט און וועט איר נאָר געפעלן ווערן, — וועלן מיר אייך עפענען אַ שאָפּ און... ס'וועט אייך גאַרניט פעלן...

— יאָ, — האָט מוישעלע געמורמלט צו זיך, בעאַיים ער האָט זיך נאָר דערמאָנט אין דעם, — אָט, דער גאַרניט פעלן, האָט עס אים דעמלט טאַקע אַריינגעמאַניעט... ער האָט אַזוי שטאַרק געוואָלט פּאַטער ווערן פונעם שאָפּ, אַז — ניט איבערטראַכטנדיק אפילו פאַר אַ מינוט — האָט ער זיך גלייך אָנגעכאַפּט אינעם פאָרשלאַג און...

ער איז טאַניעטשקען געפעלן. אַ סימען: — שוין באַלד דריי יאָר...

— וואָס קומט אים, אָבער, אַרויס דערפון? — האָט ער ניט איינמאָל זיך געקלאָגט און געגעסן. — אַלוואַי וואָלט ער דעמלט ניט געווען אַזוי היים צוגעפאַלן... אַלוואַי וואָלט זי, טאַניעטשקע, אָפּגעלאָזט דעם שידעך, בעאַיים זי...

מוישעלע דערמאָנט זיך, ווי אַמאָל, בלויז עטלעכע וואָכן פאַר דער כאַסענע איז עס געווען, האָט טאַניעטשקע טאַקע שיער אָפּגעלאָזט דעם שי־דעך מיט אים... געווען איז עס דערפאַר, וואָס ער, בעאַיים ער איז אַמאָל געווען צו גאַסט באַ די טוירנערס אין הויז, האָט איינגעטונקען אַ שטיקל קיכל אינעם בראַנפן, וואָס מען האָט אים מעכאַבעד געווען... טאַניעטשקע האָט אים אויסגעכויזעקט און זיך אויפגעהויבן פונעם טיש... אַ גליק, וואָס דאָס טאַטל אירס, דער אַלטער טוירנער, האָט זיך אַריינגעמישט און געבעטן, אַז זי זאָל אים געבן אַ שאַנס זיך אויסצומענטשלען:

— ער איז דאָך אַ פּראָסטער אַרבעטזורער! — האָט דער אַלטער דעמלט אַ זאָג געטאָן צו טאַניעטשקען, — פונוואַנען זאָל ער דאָס האָבן בעסערע מאַניערן?... קיינער ווערט ניט געבוירן מיט זיי!... זעסטו, טאַניעטשקע, אַז דו וועסט אים נאָר אַריינגעמען אין דיינע הענט אַריין, וועסטו אים גאָר גיך אויסמענטשלען און...

— יאָ, אַ פֿיינעם לייט האָט זי געמאַכט פֿון מיר! — האָט מוישעלע, בעת ער האָט זיך דערמאָנט אין דעם, אונטערגעזיפֿצט און געכאַפּט אַ זייטיקן בליק אויף טאַניעטשקען. — שוין איינמאָל אַ לייט!...

פֿונדעסטוועגן, ווען ער טוט נאָר אַ קוק אויף טאַניעטשקען, נעמט אים אַזוי שווינדלען אין קאָפּ, הייבט זיין בלוט אָן אַזוי צו זידן, אַז ער איז גרייט צוצוגיין צו איר, פֿאַלן פֿאַר איר אויף די קני און בעטן:

— פֿאַרוואָס מוטשעסטו מיך אַזוי, טאַניעטשקע?... וואָרים עס פֿעלט דיר דען באַלד עפּעס בײַ מיר, אָדער בין איך עס דען אַזאַ פֿאַרזעעניש, וואָס דו קאָנסט מיך ניט פֿאַרלײַדן, צי וואָס?...

ער באַהערשט זיך אָבער גלייך און טוט עס ניט. ער ווייסט גאַנץ גוט, אַז מיט דער דאָזיקער שטאָלצער באַס־יעכידקע טוירנערס, וועט קיין שום בעטן ניט העלפֿן. ער וועט זיך שוין, ווייזט אויס, אַזוי דאַרפֿן אָפּמו־טשען דאָס גאַנצע לעבן זײַנס, סײַדן... יאָ, סײַדן עס וועט געשען עפּעס אַ נעס און...

איינמאָל האָט עס טאַקע שיער אויסגעזען ווי עפּעס אַ נעס וואָלט גע־שען. עס האָט שוין אַפֿילו געהאַלטן, אַז ער זאָל אָט־אָט טאַקע געהאָלפֿן ווערן... און ווען ניט יענער פֿאַרדאַמטער קאָמוניסט, וואָס האָט זיך צו אים אין שאַפּ אַרײַנגעכאַפּט און מיטגעבראַכט טראָבל פֿאַר אים, איז ווער ווייסט וואו ער וואָלט שוין איצט געהאַלטן מיט טאַניעטשקען...

געווען איז עס, דערמאָנט ער זיך, אַזוי:

איינמאָל אין אָוונט, ווען ער איז אַהיימגעקומען פֿון שאַפּ, האָט טאַניעטשקע — צום ערשטן מאָל זינט זייער באַקאַנטשאַפֿט — אים מיטאַמאָל גאָר אַנדערש ווי טאָמיד אויפֿגענומען. זי האָט אים אַפֿילו — בעת זי האָט פֿאַר אים די טיר געעפֿנט — אַליין אַ קוש געגעבן. דערנאָך האָט זי אים אונטערן אָרעם צוגעפֿירט צו דער סאָפֿע, זיך אַוועקגעזעצט לעבן אים און עפּעס אַזוי ליבלעך־וואַרעם, אַז ער איז אַזש צעטומלט געוואָרן, — מיט אַ בײַנעוודיק שמייכעלע אים אַ זאָג געטאָן:

— איך האָב זיך באַרעכנט, מאָריס, אַז איך בין ביז איצט געווען זייער אומגערעכט קעגן אײַך. איך טראַכט, אַז אויב איך בין יאָ אײַער ווײַב, דאַרף איך זײַן אײַער ווײַב ווי עס דאַרף צו זײַן און... מאָרגן וועל איך הייסן אַרויסנעמען דאָס בעט פֿון מײַן באַזונדערן שלאָף־צימער...

מוישעלע איז דאַן אַזוי איבעראַשט געוואָרן פֿון אירע רייד, אַז ער האָט אַזש פֿון גרויס פֿרייד קיין אײנציק וואָרט ניט געקאָנט אויסרעדן. ער האָט געקוקט אויף טאַניעטשקען מיט שטילן אומגלויבן און זײַן האַרץ האָט בעת דעם זיך פֿאַנאַנדערגעוואַקסן. און טאַניעטשקע, זי האָט דאַן פֿאַרוואָרפֿן אירע פּוכקע הענט אַרום זײַן האַלדז, געגלעט זײַן קאַרק מיט אירע הייסע פֿינגער און — ווי אַ צעפּיעסטשעט קינד — אַ זאָג געטאָן:

— און קעדײַ צו פֿײַערן אונדזער דערגייענטערונג, וואָלט, גלויב איך, גאַרניט קרום געווען, אַז איר... כ'מיין דו... זאָלסט מיר קויפֿן עפּעס אַ שיינע מאַטאָנע, און...

מוישעלע האָט געקוקט אויף איר אין דערוואַרטונג. אַ שווערער שווייס

האט אים אזש ארויסגעזעצט אפן שטערן. טאניעטשקע האט ארונטערגעלאזט די אויגן און שטיל צוגעגעבן:

— און ווי, טייערער, אז דו זאלסט מיר קויפן אן אטאמאביל?...

מוישעלע האט ניט פארשטאנען:

— אן אטאמאביל?... ווארים מיר האבן דען ניט קיין אטאמא...

זי האט אים אבער ניט געלאזט פארענדיקן. קינדלענדיק זיך, האט זי אים אנגעוויזן, אז יענער אטאמאביל, — א שווארצער און גרויסער פאמיליע־סעדאן, — מעג טאקע זיין גאנץ שיין פאר אים, א געשעפטסמאן, אבער פאר איר, מיסטער מאריס בוימלס פרוי און טוירנערס טאכטער...

— דארפסט דאך אליין פארשטיין, מאריס, — האט זי אים אויסגע־רעדט, — אז פאר מיר פאסט ניט זיך צו שלעפן אין אזא ריזיקער מאשין! אלע מיינע פריינט און באקאנטע האבן ספעציעלע נעטע קופעס און...

מוישעלע האט איר אפילו געפרואווט באווייזן, אז פון זיינע לעצטע פארדינסטן וועט בעשום אופן ניט טראגן אף צו קויפן א צווייטע מאשין און נאך אויסהאלטן זי... נאך מער: ער איז אפילו גרייט געווען איר צו באווייזן די ביכער, ווי ער פלעגט עס טאן מיט זיינע ארבעטער... זי האט זיך אבער גלייך אנגעברוגעזט און בייז צוגעווארפן:

— ווארים ווער וויל עס ארייננקוקן אין די ביכער?... יעדנפאלס, אויב מען האט ליב די ווייב און מען וויל זי זאל זיין צופרידן, קאן מען זיך שטענדיק אן אייצע געבן!... ביפראט איצט, ווען פא האט דיר געגעבן א נייעם, גרויסן קאנטראקט און...

מיט זיסינקע רייד האט זי מוישעלען גענומען באווייזן, אז אויב ער זאל פון יעדן ארבעטער זיינעם ארונטערנעמען אפילו נאר צו בלויזע איינציקע דאלאר פון דער וואך, וואלט שוין אויך גענוג געווען ניט נאר אף צו קויפן דעם אטאמאביל, נאר אפילו אים אויסצוהאלטן...

— פארשטייסט דאך, — האט זי צוגעגעבן, —ביי זיי וועט עס זיך אפילו ניט אנזען און פאר מיר וועט עס מיינען...

און זיך מיטאמאל פאנאנדערגעלאכט:

— דו אליין האסט מיר אנומלטן געזאגט וועגן טאלסטאיס עפעס א בארימטן ווערטל: „פון דער וועלט צו איינציקע פעדימלעך — און פארן נויטבאדערפטיקן ווערט א העמדל”!...

מוישעלע האט זיך ארומגעדרייט איבערן צימער א נערוועזער און ניט געוואוסט וואס צו טאן. טאניעטשקע האט אים נאכגעקוקט און מיטאמאל גאנץ שארף א פרעג געטאן:

— וואס־זשע, מאריס, בלייבן מיר פריינט פון היינט אן, אדער...

מוישעלע האט א ציטער געטאן. ער איז צוגעגאנגען צו איר:

— א־רייט, טאניעטשקע „דארלינג”, — האט ער פארזיכטיק א מורמל געטאן, — איך...

ער האט זיך צוגעזעצט לעבן איר, ארויסגענומען דאס טשעק־ביכל פון קעשענע, אויסגעשריבן און איר דערלאנגט:

— א־רייט, אט האסטו דערווייל א טשעק אף פינף הונדערט דאלאר!...

דאָס וועט זײַן גענוג אף האַנט־געלט און...זאָל דיר וואויל באַקומען!...

זי האָט אים קאָקעטיש אויסגעשטעלט די ליפּן:

— אַזוי, זעסטו, „סוויטהאַרט״, האָב איך דיך ליב און...

זי האָט זיך אויפגעהויבן פון דער סאָפע און מיט איר וויגנדיקן גאַנג זיך אַ לאָז געטאָן צו מוישעלעס שלאָף־צימער. ער איז געבליבן זיצן אפן פּלאַץ, איר נאָכגעקוקט מיט זשעדנע בליקן און געווישט דעם שווייס, וואָס האָט זיך, ווי פון אַ קוואַל, אַ צעגאָס־געטאָן איבערן פּאַנים...

— עך, — האָט ער דערבײַ געמורמלט צו זיך, — ווען זי זאָל מיך טאָמיד אַזוי באַהאַנדלען, וואָלט דאָך מיר גאָרניט געפעלט! גאָרניט...

ער איז זיך פאַרגאַנגען אין טראַכטונגען. אין מויעך בײַ אים האָבן זיך געפּלאָנטערט פאַנטאַזיעס און פּלענער, וועלכע האָבן זיך געביטן איינס נאָכן אַנדערן. מיטאַמאָל האָט זיך פונעם שלאָף־צימער אַרויס דערהערט טאַניעטשקעס קלינגענדיקער אויסרוף:

— אָ־רײַט, מאָריס, קאָנסט שוין אַרײַנגײן שלאָפן!...דאָס בעט איז שוין פאַרטיק!...

מיט אומזיכערע טריט, אָבער דאָך מיט אַ צופרידנקײַט — עפּשער צום ערשטן מאָל פאַר די קנאַפּע דרײַ יאָר — איז ער אַרײַנגעגאַנגען צו זיך אין שלאָף־צימער...

* * * * *

ווײַזט אויס, אַז מוישעלען איז ניט באַשערט געווען לאַנג קײן גליק צו האָבן. באַלד אף צומאָרגנס נאָכן אויפבליץ פון גליק בײַ זיך אין־דערהיים, מיט טאַניעטשקען, האָט ער אין שאַפּ געהאַט דעם ערשטן שאַרפן צוזאַמענשטויס מיטן נײַעם אַרבעטער. צום ערשטן מאָל זינט ער האָט אַן אײגענעם שאַפּ, איז אים אויסגעקומען צו הערן אַ דראָאונג וועגן אַ סטרײַק. און אַז די דראָאונג איז געווען ניט סתּם רייד, האָט ער גאַנץ גוט גע־פילט. בלויז אײן טאָג שפּעטער האָט מען אָפּגעשטעלט דעם שאַפּ און...

אַ פאַרצוגטער און צעבראָכענער איז ער יענעם אָוונט אַהיימגעגאַנגען און קימאַט ניט געוואוסט אף וואָסער וועלט ער איז.

בײַ דער טיר האָט טאַניעטשקע אים אָנגעגענגט מיט אַ זיס שמײכעלע און אים אַנטקעגנגעטראָגן אירע פעטע ליפּן... מוישעלע איז אָבער גע־בליבן שטײן אַן אָפּהענטיקער און ניט געוואָגט דעם קוש אָנצונעמען...

דאָס בילד פונעם סטרײַק האָט זיך געשטעלט פאַר זײַנע אויגן און אים קלאָר געמאַכט, אַז ווינציקסטנס פאַר אַ שטיקל צײַט זענען זײַנע פּלענער און האָפענונגען צעשמעטערט געוואָרן און ער וועט מוזן צוריקציִען דעם טשעק, וואָס ער האָט ערשט נעכטן געגעבן טאַניעטשקען, אף צו האָבן מיט וואָס דעם סטרײַק צו באַקעמפן...ער האָט אָבער זײַער שטאַרק מוירע געהאַט איר אָנצוזאָגן וועגן דעם. סאָף־קאָל־סאָף האָט ער דאָך צוזאַמענגענומען דעם גאַנצן מוט זײַנעם און מיט קנאַקנדיקע צײַן גענומען אויסשטאַמלען:

— סאָרי, טאַניעטשקע...עס זעט אויס...אין שאַפּ... איר פאַרשטײט דאָך...איך וואָלט זײַער ניט וועלן...אָבער...זײַ...

זי האָט אַ דערשטוינטע אים אָנגעקוקט:

— וואָס איז דען געשען?...מאָרים, וועגן וואָס רעדסטו?...

ער האָט צעשפּרייט זײַנע הענט אין הילפלאָזער פאַרצווייפלונג:

— זיי...אין שאַפ...זיי זענען ארויס...אין סטרייק און... כ'האָב מוירע, אַז...איר פאַרשטייט...בלויז פאַר אַ שטיקל צייט... ביז עס וועט זיך סעטלען און...דעם טשעק...מוזן צוריקגעבן...

זי האָט געקוקט אַף מוישעלען מיט צעגליטע אויגן און מיטאַמאָל, מיט פאַרוואורף און כויזעק, אויסגעפּלאַצט:

— אַוואדע, אַז איר רעדט מיט זיי וועגן סאָשעליזם און באַרימט זיך, אַז איר אַליין זענט אויך געווען אַ סטרייקער!...גייט, איך וויל אײַך ניט קאָנען אַפילע!...שמעגעגע בלײַבט שמעגעגע!...

זי האָט זיך אַ שאַרפן דריי געטאָן און אַנטלאָפן צו זיך אין שלאָף־צימער...מוישעלע איז מיט אַ געזונקענעם קאָפּ געבליבן זיצן אַף דער סאָפע און...עס האָט אים אַזש פאַרקלעמט ביים האַרצן:

— דאַווקע פּונקט איצט, ווען איך האָב שיער אָנגעהויבן צו לעבן! — האָט ער געמורמלט צו זיך. — פּונקט ווען דאָס גליק איז שוין ביי מיר אַזוי נאָענט געווען, האָט געדאַרפט קומען דער טייוול און...

מוישעלע האָט אַ ביטערן שמייכל געטאָן און זיך שטיל פאַנאַנדערגע־ווייִנט. פונדרויסן האָט דורכן פענצטער אַרייַנגעקוקט אַ טרויעריק־בלאַסע און גלייכגילטיק־קאַלטע לעוואָנע...

אין קלעם

צוויי צאָרעס פאַראַמאָל, איז אַפילע פאַרן גוטמוטיקן און געדולדיקן מוישעלע בוימל אויך צו שווער געווען איבערצוטראָגן. אָבער העלפן האָט ער זיך ניט געקאָנט. געמיינט האָט ער, אַז ווען ער וועט אהיימקומען און דערציילן זיין טאַניעטשקען, אַז די אַרבעטער פון שאַפּ זענען ארויס אין סטרייק, וועט זי אָן אַ וואָרט אַפילע צוריקגעבן דעם טשעק, וואָס ער האָט איר געגעבן אַף צו קויפן דעם נייעם אָטאָמאָביל, צום סאָף...

— ערגער ווי אַ פרעמדע מיך באַהאַנדלט! — האָט ער זיך געקלאָגט פאַר זיך אַליין. — אַפילע ניט געלאָזט רעדן צו זיך, די פּריצטע...

אַ טרויעריקער און דערשלאָגענער איז ער געבליבן זיצן אַף דער סאָפע, וואו זי, טאַניעטשקע, איז נאָר־וואָס געזעסן, איידער זי איז — אַ ברויגעזע — אַוועק צו זיך, אין איר באַזונדערן שלאָף־צימער, און דערביי צוגעוואָרפן אַ כויזעק־באַמערקונג אַף זיין חשבון. אַ צעווייטיקטער האָט מוישעלע געפירט מיט דער האַנט איבער דעם פּלאַץ, פונוואַנען — ווי אים האָט זיך אויסגעוויזן — עס האָט זיך נאָך געטראָגן אַ גערוך פונעם פאַרפיום, וואָס זי האָט פון איר וואָרעמען, שלאַנקן קערפּער איבערגעלאָזט, און דאָס אײַנגעאָטעמט אין זיך מיט אַ ליידנשאַפטלעכן דורשט...

אַ פאַרדראָסיקער ווייטיק איז אים באַפאַלן און — ווי אַ גאַזלען אינ־מיטן נאַכט און אַף אַן אײַנזאַמען וועג — געהאַלטן געפאַנגען. ניטאָ קיין

שום אויסוועג פאר דיר: — „גיב אהער דאס געלט, אדער דיין לעבן!”...

און לעבן האט זיך מוישעלען אזוי שטארק געוואלט!... ווארים ווען, משטיינס געזאגט, האט ער דען יא געוואוסט פון א לעבן?... אז זינט דער באסטע מיט טאניעטשקען, ווען ער האט יא געהאט אלע מעגלעכקייטן צו לעבן — ניט...נו, און קינדוויי...

מוישעלע האט זיך דערמאנט, אז בעת ער איז נאך געווען א קליין אינגל, האט אים די שטיף־מאמע זיינע — א בייזע — ארויסגעטריבן פון שטוב און אים מאמעש אף די אויגן ניט געלאזט:

— אזא גרויס באשריגעניש, — האט זי געשריגן, — האט זיך, צו אלדע שווארץ יאר, אנגעזעצט אף מיין קאפ, פרעסט מיין ברויט און זויפט מיין בלוט!...אזא געזונטער יונג איז ניט קראנק צו גיין ארבעטן און אהיימברענגען אף פארנאסע אין שטוב אריין!...

„יא”, — האט מוישעלע, באדויערנדיק זיך אליין, געשאקלט מיטן קאפ. — „איר, דער שטיף־מוטער, איז עס לייכט געווען צו זאגן, אז ער זאל גיין ארבעטן...אז סאבאקל איז אין גאנצן שטעטל ניט געווען וואו א גראשן צו פארדינען... זי האט אבער ניט געוואלט וויסן פון גאר. אים ארויסגעטריבן און פארטיק...און אינגאנצן איז ער דעמלט אלט געווען קוים צען יאר, ווען ער האט זיך פארדונגען צו מיילעך דעם שניידער”...

— פונקט אזוי איז אויך טאניעטשקע! — האט ער זיך געמוטשעט.

— אויך ביי איר גילט ניט קיין שום פארענטפער, אז מען קאן ניט... אומראכמאנעסדיק פאדערט זי דאס פונטעלע פלייש און... דאס איז דיר אן אייגענע וויב, צו אלדע צארעס!...

ביי מוישעלען האט זיך צעשפילט א שטארקער האס אפן שווער זיינעם. ער האט איצט געוואוסט איין זאך: אז אין אלע זיינע צארעס איז שולדיק דאס טאטל אירס, מיסטער טורנער ענד סאנס, דער דזשאבבער זיינער... ער, א בראנד אים אין די ביינער, האט דאס אים אזוי פארשלייערט מיט דער באס־יעבידקע זיינער און אים אריינגעפירט אין אט דער צארע...

— ווארים אינדערעמעסן, ווי קום איך עס גאר צו אזא? — האט ער זיך געגריזשעט. — אז זי איז דאך גאר אזא גרויסארטיקע דאמע!...

ער האט פארצווייפלט א שאקל געטאן מיטן קאפ:

— גערעכט איז טאקע געווען נאפאלעאן באנאפארט, א געזונט אין אים! — האט ער געמורמלט צו זיך, — נאכדעם ווי ער האט פארלוירן די מילכאמע ביי מאסקווע, האט ער גאנץ קלוג געזאגט: „קאבצן, קריך ניט אין די הויבע פענצטער — וועסטו זיי פארשפארן צו פוצן”...יא, ער האט גאנץ גוט געוואוסט וואס ער האט געזאגט!...

מוישעלע האט זיך פארטראכט פאר א וויל. עפעס איז ער ניט זיכער געווען ביי זיך, צי דאס האט טאקע געזאגט נאפאלעאן און צי טאקע אט פונקט אזוי־א. ער האט זיך אבער גלייך א כאפ געטאן און — ווי טאמיד אין אזא פאל — זיך א זאג געטאן:

— ווארים עס איז דען א כילעק ווער עס האט דאס געזאגט?...אבי דאס פאסט זיך צו מיין לעבן...צוגעטראפן — ווי אין פינטל!...

ער האָט אַרויסגענומען אַ סיגאַרעטל און אָנגעצונדן אַ שוועבעלע צום פאַררויכערן. אין דער סומנער שטילקייט פון דער נאַכט, האָט דאָס שוועבעלע אויפגעבליצט מיט אַ מאָדנעם זשום. מוישעלע האָט זיך אויסגעוויזן, ווי אימיצער, עפּעס אַן אומגעזעענער פריינט זיינער, וואָלט אים גאָר עפּעס אַזוי ווי אַ מורמל געטאָן אין אויער אריין:

— אַ געטן!...

געקומען איז דאָס אַזוי אומגעריכט, — אַז מוישעלע האָט זיך אַזש פּאַשעט דערשראָקן דערפון. ער האָט בעקיוון אויסגעלאָשן דאָס שוועבעלע און אָנגעצונדן אַ צווייטס. ווידער האָט דאָס שוועבעלע אַזאַ קנאַק געטאָן און — ווי פריער — אונטערגעזשומעט:

— אַ געטן!...

מוישעלע האָט אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ:

„אַ געטן?״ — האָט ער אַ טראַכט געטאָן, — „דאָס וואָלט עפּשער געווען גאָרניט אַזאַ קרומע זאַך?... וואָרים וואָסער ווייב איז זי עס מיר דען גאָר אינגאַנצן?״...

— אָבער, — האָט ער זיך גלייך גענומען אָפּוואַרפן פונעם דאָזיקן געדאַנק, — וואָס וועט זי זאָגן, טאַניעטשקע?...

מוישעלע האָט געוואוסט אַף זיכער, אַז זי, טאַניעטשקע, וואָלט דאָס אַזוי לייכט ניט גענומען. זי וואָלט אים אַוודע אָנגעקלאָגט און אים געצוואונגען איר צו צאָלן אַזאַ אַלימאַני, וואָס וואָלט אים פּאַשעט געמאַכט פאַר אַ קאַבצן...יאָ, ער געדענקט נאָך גאַנץ גוט, ווי זי האָט אַמאָל, ביי אַ געלעגנהייט, מיקלוימערשט אין שפּאַס אַ זאָג געטאָן:

— ווען מיר זאָל אַמאָל אויסקומען זיך צו געטן מיט אייך, וואָלט איר פריער באַצאָלט דערפאַר גאַנץ שווערע קופּער און ערשט דערנאָך וואָלט איר ביי מיר פאַרפוילט געוואָרן אין טפיסע...

מוישעלע האָט גענומען אַרומשפּאַנען איבערן צימער:

— יאָ, — האָט ער געמורמלט צו זיך, — דאָס ביסל געלט, וואָס איך האָב אָפּגעשפּאָרט אין די פאַר יאָר, וואָלט זי באַ מיר צוגענומען און... זי וואָלט אַרומגעגאַנגען, געפרעסן, געטרונקען און געלעבט אַ כאַזערישן טאָג פאַר מיין געלט!... אָבער צוריקגעשמועסט, — האָט ער זיך גענומען מאַכן קוראַזש, — פרעסט זי דען איצט ניט מיין בלוט און פליייש?...

— אָבער איצט, — האָט ער זיך אַליין אָפּגעענטפערט, — מאַכט עס ניט אויס! טוירגנער ענד סאָנס, דאָס טאַטל אירס, אַ בראַנד אים אין די ביינער, גיט דאָך מיר אַרבעט צוליב איר... אויב איך זאָל זיך אָבער געטן מיט איר, וועט ער מיר זיכער מער קיין אַרבעט ניט געבן און מיר וועט פּאַשעט אויסקומען צו גיין זוכן אַרבעט ביי יענעם. און דאָס, דאָס ווייסט איין גאָט אין הימל — קאָן איך שוין ניט טאָן... און דאָס שוין עפּשער ניט אַזויפיל צוליב זיך, ווי צוליב מענטשן...

ער איז אַרומגעגאַנגען אַ פאַרצווייפלטער:

— אַפּאָנים, — האָט ער אַלץ געמורמלט, — אַז איך וועל שוין אַזוי מוזן אָפּפינצטערן מיין ביסל יאָרן מיט טאַניעטשקען און...

מיטאמאל האט זיך מוישעלע א כאפ געטאן און באשלאסן ארויפצוגיין צום טאטן אירן און זיך דורכרעדן מיט אים:

— אדראבע, — האט ער זיך געזאגט, — זאל ער מיר אן אייצע געבן וואס צו טאן אין דער צארע, וואס ער האט מיך ארייגעפירט!... יא!... ווארים אפילע דער סטרייק אין שאפ איז דאך אויך איבער אים, דעם אלטן... ווען ער גיט מיר איצט ניט דעם נייעם גרויסן קאנטראקט, וואלט איך פארשפארט אריינצונעמען נייע ארבעטער און זיך איינהאנדלען דעם „טראבל־מאכער". יעדנפאלס, מאכט טאקע ניט אויס אים צו בעטן, אז ער זאל פאשעט העלפן ארויסקריכן דערפון...ווארים יענער איז דאך אזא גרויסער פאליטישן און קאן זיך מיט דער גאנצער וועלט...

אפגעמאכט ביי זיך ארויפצוגיין צום שווער, האט מוישעלע זיך גאנץ פרי אויפגעהויבן פון דער סאפע, וואו ער איז די גאנצע נאכט קימאט אף איין פלאץ אפגעזעסן ווי א פארווירטער. ער האט זיך ארומגעוואשן, אפראזירט, אנגעטאן א פרישן קראוואט און זיך געלאזט אין וועג אריין.

ווי געוויינטלעך אין טעג פון הארץ־קלעמעניש, — האט ער גענומען דעם אטאמאביל און זיך קודעם אוועקגעלאזט אין דער ריכטונג פונעם שאפ, קעדיי צו כאפן א קוק וואס עס הערט זיך דארט:

— עס קאן דאך גראד זיין, — האט ער זיך געפרואווט מאכן הארץ, — אז די בעוורע האבן זיך איבער נאכט ארומגעזעצן און איבערגערעכנט, אז עס לוינט זיך זיי ניט צו סטרייקן... נו, און צום אלטן וועט ער דאך ניט פארשפעטיקן אביסל שפעטער... ווארים ווי האט עס אמאל געזאגט דער בארימטער און גרויסער לינקאלן? — „זאג ניט האפ, ביז דו ביסט נאך ניט אריבערגעשפרונגען"...

מיט אט דער האפנונג, אז די ארבעטער האבן זיך אין דער לעצטער מינוט פארט ארומגעזעצן און ניט ארויס אין סטרייק, איז זיך מוישעלע ברייטלעך צוגעפארן צו דער גאס, וואו דער שאפ זיינער האט זיך געפונען. ביים ראג, אבער, האט ער זיך ווי דערשראקן און אפגעשטעלט די מאשין. ער האט אריינגערוקט דאס פאנים אינעם מאנטל־קאלנער און מיט א ברעג פונעם אויג געכאפט א קוק צום הויז צו. דארט, אין פראנט פונעם אריינגאנג, — האט מוישעלע דערזען, — האבן זיך ארומגעדרייט א צאל מענטשן מיט קארטאנענע פלאקאטן אף זיך. מוישעלע האט זיי גלייך דערקאנט. דאס זענען געווען זיינע ארבעטער. אלע — וועלכע ער האט די גאנצע צייט געהאלטן פאר אייגענע און געטריי... ער האט זיך א צאפל געטאן, נאך טיפער אריינגערוקט דעם קאפ אינעם קאלנער און פונוויטן גענומען לייענען די אויפשריפטן אף די פלאקאטן. ער האט געזען:

— ביי אונדז אין שאפ איז קאטארגע!...

— מיר ווילן א מעגלעכקייט צו עקזיסטירן!...

— מיר פאדערן א גרעסער שטיקל ברויט!...מיט דער פארגאנגענהייט פון אונדזער באס — קאנען מיר ניט שפייזן אונדזערע קינדער!...

מוישעלע האט א מאדנע קרומען שמייכל געטאן. די ווערטער אף די פלאקאטן — האבן אים ווי מיט מעסערס א שניט געטאן איבערן לייב. ער

האט זיך דערמאנט, ווי ער אליין איז אמאל ארומגעגאנגען מיט פונקט אזעלכע פלאקאטן אף זיך, בעאיס ער האט געארבעט אינעם גרויסן שאפ בא הערי פיזנערן... יא, אפילו דאס ווארט קאטארגע איז אויך געווען אויפגעשריבן אף יענע פלאקאטן... נאך מער: מוישעלע האט זיך אפילו דערמאנט, ווי די ארבעטער אף דער בירזשע פלעגן שטענדיק רעדן וועגן יענעם שאפ מיט אנטריסיקונג:

— בא הערי פיזנערן אין שאפ, — האט מען זיך געקלאגט, — איז אזא „ספיד־אפ", פונקט ווי אף קאטארגע!... אן עמעס יאטקע, וואו מען קוילעט די בעהיימעס אף שטיקן!... מען ארבעט דארט אזוי שווער, ביז מען פאלט אינגאנצן אוועק אן קויכעס און...

מוישעלע געדענקט אפילו די וויצן, וואס זענען ארומגעגאנגען:

— בא הערי פיזנערן אין שאפ, — פלעגט מען אין שפאס זאגן, — דרייט זיך טאמיד ארום א דאקטאר מיט א נוירס. און אז אימיצער פון די ארבעטער פאלט אוועק אין כאלאשעס, לויפט גלייך אונטער די נוירס, שפריצט אים אריין עפעס אונטער דער הויט און ער שיסט ווייטער...

— און טאמער פאלט אימיצער אינגאנצן אוועק בא דער ארבעט, — האט א צווייטער צוגעווארפן, — שטייט אונטן טאמיד גרייט אן אמבולאנס, וואס פירט אים גלייך אוועק אפן בעסוילעם!...

יא, מוישעלע האט גוט געדענקט, ווי ער אליין איז עס אמאל גוט אויסגעריסן געווארן דארט, בא הערי פיזנערן אין שאפ:

— אבער אזוי איז שוין די וועלט און דאס לעבן! — האט ער זיך געגומען טרייסטן, קעדיי זיך צו באפרייען פון דער אנגעיאגטער שווערקייט. — אמאל בין איך אויסגעריסן געווארן בא יענעם און געאקערט די ערד מיט דער נאז, אבער היינט, אז איך געפין זיך אפן פערד, טא זאלן די אנדערע אקערן די ערד!...

ער האט זיך ברייט צעשמייכלט:

— ווארים ווי האט עס אמאל געזאגט דער גרויסער גריכישער פילאזאף ביסמארק? — „קאלזמאן דו געפינסט זיך אין שפאן — דארפסט דו קריגן מיט דער בייטש, כאפסט דו זיך אבער סאף־קאל־סאף אליין ארויף אף דער קעלניע — דארפסט דו דערלאנגען מיט דער בייטש!"...

ער האט האנאעדיק געשאקלט מיטן קאפ:

— גאלדענע ווערטער! — האט ער געמורמלט. — גאלדענע ריידן!... סיי־ווי, כאפן און נאכגעבן די סטרייקער — טאר מען ניט און מען דארף ניט!... יעדנפאלס דארף מען קוידעם זען וואס דער אלטער האט צו זאגן און ערשט דערנאך...

ער האט א יאג געטאן די מאשין פאראויס, צום שווערס אפיס...

* * * * *

פארלוירן, מיט א ציטערדיק הארץ, איז מוישעלע בוימל געשטאנען הינטער דער אפיס־טיר פון טוירנער ענד סאנס, דעם שווער זיינעם, און ווי א צעשראקן אינגל מוירע געהאט אריינצוגיין. אלעמאל אזוי, ווען עס איז אים נאר אויסגעקומען אריינצוגיין צו יענעם, — איז אים מיטאמאל

באַפאַלן אַזאַ מוירע, אַז אַ שווייס האָט אַזש אַרויסגעזעצט אַף זיין ליב. דאַסמאָל, אָבער, ווייל ער האָט זיך געפונען אין אַ קלעם און געקומען זיך האַלטן אָן אייצע מיטן שווער וועגן טאַניעטשקען און וועגן מטרייק ביי אים אין שאַפּ, — האָט ער זיך ווי ניט איז אָנגעטאָן אַ קויעך און איז אַף די שפּיץ־פינגער פאָרט אַריינגעגאַנגען.

די טעלעפאָן־מיידל, וועלכע איז געזעסן אינעווייניק, לעבן דער טיר, האָט מוישעלען — ווי שטענדיק — באַוואָרפן מיט אַ שעלמיש שמייכעלע און אים געהייסן אַ ווייל צוואַרטן, ביז זי וועט אָנפרעגן צי ער קאָן איצט אַריינגיין. דאַן האָט זי עפּעס אַ מורמל געטאָן אין טעלעפאָן־טרייבל אַריין, אויסגעזונגען אַ צעצויגענעם „יעס סער” ווי די קיי־גומי ביי איר אין מויל און אַפּאַטיש אָנגעוויזן מוישעלען ער זאָל אַריינגיין.

אַז מוישעלע האָט געעפנט די צווייטע טיר, וואָס צום פּריוואַטן אָפיס, טוירנערס, איז יענער, דער אַלטער, געזעסן — ווי שטענדיק — מיט זיין האַרטן קאַפּעליוש אַפן קאָפּ און דיקטירט אַ בריף צו זיין סעקרעטאַרקע. דערזעענדיק מוישעלען, האָט ער אַ מאָדנעם הוסט געטאָן, צוגעוואונקען דער מיידל, אַז זי זאָל אַרויסגיין און — אַזוי ווי זי האָט נאָר צוגעמאַכט די טיר הינטער זיך — ברייטלעך אויסגעצויגן:

— ני, וואוס עסטע זוגן גיטס, צאַצקע מאהנע?...וואַהטער געלט?...

מוישעלע האָט גיך אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אַף ניין און מיט דער־רעד־ערעץ זיך פאַרזיכטיק צוגעזעצט אַף אַ ברעג בענקל. דערביי האָט ער אינסטינקטיוו זיך אַ כאַפּ געטאָן צום קאַפּעליושל, אָבער גלייך זיך דער־מאָנט, אַז אין שווערס געגנוואַרט טאָר מען ניט זיצן אין בלויזן קאָפּ. שוין ניט איינמאָל האָט ער דערפאַר געכאַפּט אַ ווייסטן סאָף פונעם שווער:

— שטיק פּאָקראַקע! — האָט יענער זיך צעשריגן אַף אים, ווען ער האָט אַמאָל אַל־פּי־טאָעס פאַרגעסן און אַרונטערגענומען דעם קאַפּעליוש, — וואוס אי דו בא מיר, אַ טשוירטש, צי וואָס?...

מוישעלע האָט געוואוסט, אַז די פרומקייט איז בלויז אַזאַ אָנשטעל; אַז דער עמעס איז גאָר דאָס, וואָס דאָרט, ביים שווער אונטערן קאַפּעליוש, איז עפּעס געווען ניט אַזוי גלאַטיק...

ער האָט דעריבער, אַף צו פאַרווישן דעם טאָעס, זיך בלויז אַ קראַץ געטאָן אין פּליכל און קווענקלענדיק זיך גענומען אויסשטאַמלען:

— איך... איך בין געקומען... ע...מיסטער טוירנער... זיך האַלטן ע...אָן אייצע מיט אייך...

דער אַלטער האָט אים שאַרף דורכגעשפּיזלט:

— וואוע?... שאָין וואַהטער טראָבל?...

און גלייך טאַקע צוגעגעבן:

— אָן אייצע — מעכעטאַיסע!...דוס — עניטאַים!...

לויט דעם טאָן פון זיינע רייד איז קלאָר געווען, אַז ער האָט זייער פיל האַנאָע געהאַט, וואָס מוישעלע איז געקומען צו אים נאָך אָן אייצע. ער האָט זיך ברייט צעלייגט אַפן אָנלען פון זיין שטול, אַרויסגענומען אַ ציגאַר פונעם קעסטעלע, פאַררויכערט און וואַזשנע אויסגעצויגן:

— ניי, לאָמאַ העירן, צאַצקע מאַהנע, וואָס די האָסט צי זוגן!...

מוישעלע האָט זיך אומבאַקוועם א דריי געטאָן. ער האָט געוואָלט אַנ־הויבן דערציילן וועגן די לעצטע באַהאַנדלונגען טאַניעטשקעס, אָבער זיך גלייך צוריקגעכאַפּט. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז איינמאָל, ווען ער איז געקומען צום אַלטן און זיך באַקלאָגט אף טאַניעטשקעס באַהאַנדלונג, האָט ער, דער אַלטער, אים פּאַשעט אַרויסגעטריבן פון אָפיס:

— גאַי, שלוג זעך קאָפּ אין וואַנט ציזאַמען מיט איר! — האָט ער מאַמעש געשפּיגן מיט שוים אף די ליפּן. — יאַך מיש מעך ניש צישן מאַן אין וואַב... סי דאַן אייגענער קאָפּ־וואַיטיק!...

דערהויפּט האָט מוישעלע סטאַם מוירע געקראָגן, אַז ווען זי, טאַ־ניעטשקע, וועט זיך דערוויסן, אַז ער איז זי געגאַנגען פאַרמאַסערן פאַרן פאַטער, וועט זי אים דערפאַר ערשט אף אָן עמעס געבן די לעבער אין דער האַנט אריין. ער האָט דעריבער געגומען דערציילן וועגן דעם סטרייק ביי אים אין שאַפּ. ער האָט גענוי דערציילט וועגן דעם נייעם אַרבעטער, וועל־כער האָט געבראַכט אף אים די צאָרעס; וועגן דער פּיקעט־ליין, וואָס ער האָט נאָר־וואָס געזען און וועגן די פּלאַקאַטן מיט די ביטערע אויפשריפטן. דער אַלטער טוירנער האָט אים אויסגעהערט מיט זיינע קליינע פאַרזשמו־רעטע אויגעלעך און דערביי — רויכערנדיק זיין ציגאַר — אַרויסגעלאָזט גראָבע קנוילן רויך דורך זיינע פורשקענדיקע נאָז־לעכער. אַז מוישעלע האָט געענדיקט, האָט יענער זיך אויפגעשטעלט, גענומען אַרומשפּרייזן מיט זיינע קורצע פיס איבערן אָפיס און זיך מיטאַמאָל צעשריגן:

— אַי, וואָס עט איצטער זאָן?...ד'אָסט דאָך מעך פושעט אימגליק־לעך געמאַכט!... די באַיערס וואַרטן אף די גודס אין דו נאַדיר גור א סטרייק אינמיצקע דערינען!...

מוישעלע איז געבליבן זיצן געפּלעפּט און אַזש גענומען ציטערן:

— וואָס בין איך דען שולדיק, מיסטער בוימל?...איך...

— אין די ס'טזעך אַלעמאָל באַרימט, אַז די וואַיסט ווי צי האַנדלען מיט די לאַיטע!...— האָט דער אַלטער גיפטיק געבוזיזעקט. — געהאַלטן אין איין זוגן, אַז בא דיר עט קאַינמול קאַ סטרייק ניש זאַן!...

מוישעלע האָט פאַרצווייפלט א הויב געטאָן מיט די אַקסלען:

— אַ סטרייק איז אַ גאָט זאַך און מען קאָן קיין באַכעם ניט זיין!... וואָרים ווי האָט עס אַמאָל געזאָגט אונדזער מוישע ראַביינו? — א מענטש טראַכט און גאָט לאַכט!... דעריבער בין איך עס דאָך טאַקע געקומען צו אייך, אַז איר, אַ קלוגער מענטש, מיט עקספּירנס און קאָנעקשאָנס, זאָלט מיר געבן אָן אייצע און זען וואָס מען קאָן טאָן...

דעם אַלטן איז, אַפּאָנים, געפעלן מוישעלעס געפּאַלנקייט. ער האָט זיך געפילט געשמייכלט פון זיינע קאָמפּלימענטן און איז ווייכער געוואָרן. ער האָט פאַרשנדיק א קוק געטאָן אף מוישעלען און א פרעג געטאָן:

— איז וואָס, אַ שטייגער, ווילסטע זאָל עך טין פאַ דיר?... וואָס, לעמאָשל, קאָן עך דען טין?...

מוישעלע האָט אַרונטערגעלאָזט די אויגן און א טראַכט געטאָן:

„אזא אלטער פארך! ווי דאס שפּילט די ראָלע פון א ווייצידקאַסבאָ!"...

ער האָט צוריק אויפגעהויבן די בליקן און כניפעדיק געשמייכלט:

— אז איר זאָלט נאָר װעלן, מיסטער טוירנער, טאָ לאָם איך שוין אזא יאָר האָבן ווי איר קאָנט!...וואָס, איך ווייס דען ניט?...

דער אלטער האָט ענדלעך א שמייכל געטאָן:

— ני גיט! אָ־רייט!...כ'על א קיק טין וואוס מע קאן טין! דערווייל עטן דארפן זען קריגן אביסל באלמעלוכעס אין שטילערהייט פארטיק מאכן די ארבעט!...די, אָבער, זאָלסט דערוואל ניש ציגאין נזענט צ'ם שאפּ!...עך אליין על שאַין אלץ אַטענדן!...

מוישעלע האָט זיך אויפגעהויבן, באדאנקט און — ווי פון פייער — קוים אנטרונען געוואָרן פון שווערס אָפּיס...

* * * * *

מיט א דערשלאָגן געמיט האָט זיך מוישעלע פאר א שטיק צייט ארומ־געשלעפּט איבער די גאסן און ניט געוואוסט וואו זיך אהינצוטאָן. זיין געוואוינשאפט צו שטיין אין שאפּ און באלעבאטעווען, האָט אים שטארק געפעלט. אין זיין דערשלאָגנקייט און אומרו האָט ער אפילע פארגעסן, אז ער האָט נאָך אפילע קיין פרישטיק ניט געהאט. ער האָט געקויפט א צייטונג, זיך אריינגעזעצט אין אָטאָמאָביל, מעכאניש געבלעטערט די זייטן, און ענדלעך מיט קאאס אװעקגעשמיסן די צייטונג פון זיך.

מעכאניש האָט ער געלאָזט די מאשין אין גאנג און זיך פארנומען פאָרן אין פאָראויס. וואוהין — האָט ער אליין ניט געוואוסט. אין קאָפּ ביי אים האָט געזשומעט. ער האָט געהאט א ווילן זיך נאכאמאל צוכאפּן צום שאפּ און כאָטש פונווייטן א קוק טאָן צי מען פיקעט נאָך דאָרט. ער האָט זיך, אָבער, דערמאָנט אין דער וואָרנונג, וואָס דער שווער האָט אים געגעבן און ער איז דעריבער אוועק אין א צווייטער ריכטונג.

ער איז געפאָרן, נערוועז געבלאָזן מיט דער סירענע און עטלעכע מאָל שיער ניט אריבערגעפאָרן די רויטע וואָרנונג־סיגנאלן ביי די גאסן־ראָגן. די פּיין, וואָס ער איז אליין, א פארלאָזענער, האָט אים געגרימלט אין בויך. ער האָט מיטאמאָל דערפילט שטארקע קראמפּן און זיך דערמאָנט, אז ער איז הונגעריק.

ער איז צוגעפאָרן צו א רעסטאָראן, אָפּגעשטעלט די מאשין און איז קימאט אריינגעלאָפן. מעכאניש איז ער א לויף דורך געטאָן דעם שפּייז־צעטל און באשטעלט עפּעס. ער האָט, אָבער, מער ווי א שנאפּס מיט פאר־בייסן ניט געקאָנט פארנעמען. ער האָט זיך עפּעס קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען. ער האָט באצאָלט דעם קעלנער און איז ארויס אף דער גאס.

אינדרויסן האָט דערווייל אָנגעהויבן גיין א קליין רעגנדל. די שווער־קייט פון די נידעריקע וואָלקנס האָט טונקל געמאכט די גאסן. מוישעלע איז געזעסן אין דער מאשין און פארגלייכט דעם אומעט פון זיין הארצן מיטן אומעט פון דרויסן. אים איז מיטאמאָל באפאלן א שווערע מידקייט. א מידקייט אזא — נאָר אנטשלאָפן צו ווערן. ער האָט מיט גוואלד אויפ־געריסן די אויגן און א קרומען שמייכל געטאָן:

„אָבער וואוהין זשע גייט מען שלאָפֿן?״ — האָט ער אַ טראַכט געטאָן, — „אַז אין שטוב איז אַ געהענעם און די ווייב — נאָר ווי אַ פרעמדע״...

ער האָט פאַרביסן די ליפּן און — ווי אין באַדויער אַף זיך אַליין, — איראָניש־ביטער אַ שמייכל געטאָן:

— און מענטשן זענען נאָך מיך מעקאַנע!... — האָט ער זיך אַ זאָג געטאָן, — גייען נאָך אַרויס אין סטרייק און...

ער האָט גענומען פילאָזאָפירן:

— עך, ווען מענטשן וואָלטן אָבער געהאַט אַ ביסל „קאָנסידערײשאָן״ איינער פאַרן צווייטן, — האָט ער געמורמלט, — וואָלט דאָך די וועלט גאָר אַן אַנדער פּאָנים געהאַט... וואָרים ווי האָט עס אַמאָל געזאָגט דער גרויסער פילאָזאָף שאָפּען? — „מישפּעט ניט קיין מענטשן, ביז דו געפינסט זיך ניט אין זיין שקורע״, אָדער גאָר ווי אונדזער אייגענער שאָלעם־אַליינעם האָט געשריבן: „קיינער ווייסט ניט וועמען דער שוך קוועטשט״...

ביז און אויפגערעגט האָט ער אַ לאָז געטאָן די מאַשין און זיך גלייך פאַרנומען אין אַ צווייטער, אומבאַשטימטער ריכטונג.

ער איז פאַרביײגעפאָרן אַ מאָווי טעאַטער. אינסטינקטיוו האָט ער פאַר־פּאַמעלעכט דעם גאַנג פון דער מאַשין און אַ טראַכט געטאָן:

„עפשער אַריינגיין?״...

קיין גרויסער טעאַטער־גייער איז ער, מוישעלע, קיינמאָל ניט געווען. ספּעציעל נאָך פון זינט יענעם טרויעריקן אָוונט אָן, ווען ער — בעת ער איז געזעסן אין אַ טעאַטער — האָט, קאָן ער זיך שווערן, גאַנץ אומ־ווילנדיק אַ באַריר געטאָן די האַנט פון אַ פרעמדער יונגער פרוי, וועלכע איז געזעסן לעבן אים און... זי האָט דעמלט, געדענקט ער, געמאַכט אַזאַ גוואַלד, אַז ער וואָלט גליקלעך געווען, ווען עס עפנט זיך אונטער אים אַ גרוב, אַז ער זאָל איינזינקען... גלייך איז אָנגעלאָפן אַ יוניפאָרמירטער באַבער, אים, מוישעלען, אַוועקגעפירט אין מענעדזשערס אָפיס און גע־וואָלט רופן אַ פּאָליסמאַן אים צו אַרעסטירן... צום גליק האָט זיך דער מענעדזשער גלייך אַריינגעמישט און...

— יאָ, — האָט מוישעלע אַ זיפץ געטאָן, בעת ער האָט זיך דער־מאָנט וועגן דעם, — אַ גאַנץ שווערע מאַטבייע האָט עס דעמלט אָפּגעקאָסט, אַז די פרוי זאָל ניט מאַכן קיין לייטיש געלעכטער!... איי עס האָט זיך דערנאָך טאַקע אַרויסגעוויזן, אַז די זעלבע פרוי אַליין איז גאַרניט געווען קיין צו גרויסע צנוע, אָבער אַ שיין פּאָנים וואָלט ער עס געהאַט, ווען מען דערוויסט זיך דערוויילן וועגן דעם...

דערווייל איז עס אָבער געווען אַ גוטע לעקציע, — האָט ער זיך אָפט געזאָגט, — עס האָט באַשטעטיקט דעם גרויסן היינעס ווערטל: — „אַז דו וועסט ניט עסן קיין קנאָבל — וועט זיך דיר ניט פילן פון מויל״...

סיי־ווי, איבער אָט דער געשעעניש גייט ער שוין ניט אַליין אין קיין טעאַטער, כאָטש ער אַליין גלויבט, אַז אויב מען האָט אַ באַרשלאָגן געמיט איז דאָרט דאָס בעסטע פּלאַץ זיך צו פאַרגעסן און... אויסשלאָפן...

מוישעלע איז דעריבער אַוועק ווייטער. דערנאָך האָט ער אַוועקגעשטעלט

די מאַשין ערגעץ און אַליין זיך גענומען אַרומבלאָנקען איבער די גאַסן, אַרום שאַפּ. ער האָט אַליין ניט געוואוסט וואָס מיט זיך צו טאָן. דער אומ־געדולד האָט אים מאַמעש געפּייניקט. זיינע הענט, וואָס זענען געוואוינט געווען זיך אַרומצופּאָרען, זענען געהאַנגען ביי אים לעפּיש און איבעריק. ער האָט געדריבערט איין סיגאַרעטל נאָכן אַנדערן און געמורמלט:

— אָט אַ לאַגע! מען זאָל זיך ניט קאָנען קיין אייצע געבן וואָס צו טאָן מיט זיך! וואָלט כאָטש געווען מיט וועמען אַ קערטל צו מאַכן!...

„אָבער אויך דאָס וואָלט ניט געטויגט", — האָט ער אין געדאַנק זיך אַ זאָג געטאָן. —„וואָרים ווי האָט עס דאָרט דער גרויסער פּושקין געזאָגט: — „מיט אַ שווערן קאָפּ איז בלויז גוט ניס צו קנאַקן"!...

ענדלעך האָט דער טאָג זיך דערנעענטערט צום פאַרענדיקן. מאָישעלע האָט גענומען טראַכטן וועגן אַהיימגיין. ער האָט זיך אָבער גלייך באַרעכנט, אַז אייגנטלעך האָט ער גאָר קיין היים ניט און אַז יעדנפאַלס איז נאָך צו פרי דערפאַר. ער איז געווען צעבראָכן...

מיטאַמאָל איז מאָישעלע דערגאַנגען צום אַריינגאַנג פון אַ געריכט־הויז. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, געכאַפּט אַ קוק אינעם גרויסן, העל־באַלויכטענעם קאָרידאָר, געזען ווי מענטשן יאָגן זיך אַרויף און אַראָפּ, און עס איז אים איינגעפאַלן אַ געדאַנק:

„זיך גאָר אַריינכאַפּן און זען ווי מען מישפּעט מענטשן!"...

אַ טראַכט געטאָן וועגן דעם און עס איז אים גלייך געפעלן געוואָרן. ער האָט טאָמיד געהאַט אַ שוואַכקייט צו לאָדענישן און מישפּאָטים. אַפילע אין צייטונג איז שטענדיק געווען זיין באַליבסטע זאַך צו לייענען וועגן מישפּאָטים איבער גאַנאָווים און מערדער, אָדער אַפילע אַזוי וועגן סטאַם לאָדענישן צווישן באַרימטע פּאָר־פעלקער איבער זייערע געטן...

ער איז אַריין אין קאָרידאָר, אָבער גלייך זיך דערשראָקן פון דער אָנגעבלאָזענער פּרעמדקייט און זיך צוריקגעהאַלטן. עס האָט אים אויס־געפעלט קוראַזש אַרויפצוגיין און ער האָט זיך דעריבער גענומען זוכן אַ באַרעכטיקונג דערפאַר:

— דאַכט זיך, — האָט ער זיך מיטאַמאָל פריידיק אַ כאַפּ געטאָן, — אַז דער גרויסער וואַשינגטאָן, צי גאָר היינע, האָט אַמאָל געזאָגט גאָר אַ פיין ווערטל: — „אויב דו ווילסט וויסן ווי דיין אייגן לעבן צו בויען, — גיי דאַן אָף די פּלעצער, וואו לעבנס ווערן צעבראָכן!"...

— יעדנפאַלס, — האָט שוין מאָישעלע פון זיין זייט אויך צוגעגעבן, — איז אַ געריכט — פּונקט ווי אַ טעאַטער און מען קאָן זיך דאָרט גאַנץ גוט פאַרווײַלן. ספּעציעל מוז עס זיין ריכטיק, בעאַיים דאָס אייגענע לעבן איז צעבראָכן און מען קאָן זיך ניט קיין אָרט געפינען...

ער האָט זיך פאַרשפּיליעט דעם ראָק אָף אַלע קנעפּלעך, אַרונטערגע־נומען דאָס קאַפּעליושל פון קאָפּ און — געלאַסן, מיט געמאָסטענע טריט, זיך באַלעבאַטיש גענומען הויבן אָף די טרעפּ, מאַרמלשטיינערנע טרעפּ, אַרויף, צום געריכט־זאַל...

* * * * *

אין געיעג פון זיך

בעאיים מוישעלע בוימל איז געגאנגען איבער די ברייטע מארמלשטיי־נערנע טרעפ פונעם געריכט־קארידאר, וואס איז געווען באגאסן מיט א בלענדנדיק־ווייסער ליכטיקייט ווי צו א כאסענע, — האט ער גלייך גענומען כאראטע האבן פארוואס ער איז ביכלאל אהערגעקומען. און כאטש ביי אים אפן הארצן איז געווען זייער שטארק אנגעזאליעט, סיי איבערן סטרייק ביי זיך אין שאפ און סיי איבער טאניעטשקעס, זיין ווייבס, באהאנדלונג און ער האט זיך ניט געקאנט קיין ארט געפינען איבער אט־דער קרענקונג, — האט ער אלץ ניט געקאנט באשטימען ביי זיך, צי ער זאל ארויפגיין, אדער ניט. אים האט מיטאמאל גענומען שרעקן די שטייפע געריכט־אטמא־ספערע. ער האט זיך דערמאנט אין דער שוועריקייט, וואס איז אים געהאט באפאלן ערשט ניט לאנג צוריק, בעאיים ער איז דארט געווען, אף אפצו־געבן דעם באריכט וועגן זיינע פארדינסטן און אפצאלן דעם איינקומפט־שטייער פארן יאר... ער האט מאמעש גענומען ציטערן, ווען ער האט זיך דערמאנט, ווי דער טשינאווניק איז אים דעמלט געקראכן אין די ביינער אריין מיט פראגעס און אים געזוכט צו פאקן ביי א ליגן. ער, מוישעלע, האט איבער דעם געדארפט אנקומען צו זיין לאיער, וועלכער האט ביי אים דערפאר אויסגעצאפט א פינף־און־צוואנציקער קימאט פאר גארניט...

„אז די דאזיקע לייט לעבן דאך נאר פון יענעמס אומגליק". — האט מוישעלע א טראכט געטאן און — ווי געווייינטלעך — פארענדיקט מיט א ווערטל, וואס עפעס א בארימטער מענטש זאל האבן געזאגט. — „ניט בע־בינעם האט קארל מארקס געשריבן אין זיין קאפיטאל, אז די וועלט איז א קראנקע און דעריבער זעצן זיך אן אף איר די זלידנע פליגן"...

— אבער צו וואס בין איך עס גאר איינגאנצן אהערגעקומען? — האט ער זיך גענומען יאדען. — נייטיק געדארפט קריכן מיט א געזונטן קאפ אין א קראנקן בעט אריין?!...

א מוירע איז אים באפאלן, אז ער, — כאטש ער איז געקומען אהער, אין געריכט, בלויז צו אנטלויפן פון זיך — וועט נאך דא שלעכט אפשניידן. מען וועט זיך נאך עפשער צוטשעפען צו אים וועגן עפעס און...

— געדארפט געדענקען דעם „באל־שעם־טאווס" ריד, — האט ער זיך גענומען אויסרעדן, — אז מען גייט ניט נאך יערושע — פארשפארט מען צאלן קוואורע־געלט!...

מוישעלע האט זיך שוין געוואלט פארנעמען אף צוריק און אוועקגיין. אנטלויפן — ווי ער האט געטראכט — וואו דער שווארצער פעפער וואקסט. ער האט זיך אבער טייקעף צעלאכט פון זיין שרעק און זיך דערמאנט, אז אייגנטלעך האט ער ניט וואו צו גיין און אז ער אליין גייט זיך דא ניט לאדן מיט קיינעם, נאר בלויז צוקוקן זיך צו פרעמדע לאדענישן, קעדיי אביסל צו פארגעסן זיך אין די אייגענע צארעס...

ער האט דעריבער אנגעצויגן אף זיך א וואזשנע מינע און גענומען גיין מיט אזא אנשטעל, ווי צו באווייזן פאר אלעמען, אז ער, דער באקאנ־

טער קאָנטראַקטאָר מיסטער מוישעלע בוימל, מוירנער ענד סאָנס אַן איידים, איז אַהערגעקומען מיט זיין אייגענעם גוטן ווילן און אַז ער האָט גאַראַנטירט צו טאָן מיט די, וועלכע מען ברענגט אַהער מיט גוואַלד. מיט אַזאַ גאַנג האָט ער, מוישעלע, געוויינטלעך געפלעגט אַריינגיין אין שוויץ־באָד. וואָס אַף דער עוועניו, אין די נעכט, ווען זיין מאַניעטשקע פלעגט אים אינדערהיים אָפּשפּילן א ווילדע כאַסענע און אים מאַמעש געגעבן די לעבער אין די הענט אריין...

אַז מוישעלע איז אַריינגעקומען אין געריכט־זאַל, איז די מעסיע דאָרט שוין אָנגעגאַנגען. דער ריכטער, האָט ער געזען, אין א שוואַרצן כאַלאַט און מיט בלויע ברילן, — האָט זיך שטאַרק געבייזערט אַף עפּעס אַן אַלטן מאַן, וועלכער איז — א באַוואַכטער פון א פאַליסמאַן — געשטאַנען קעגן אים, און מיט א טרוקן־מעכאַנישער שטימע צוגעוואָרפן:

— זעכציק טעג אין אַרבעט־הויז!...

מוישעלע האָט געקוקט אַף דעם אַלטן מאַן, געזען, ווי ער — א צופרידענער און קימאַט אומטערטאַנצנדיקער — איז זיך אַוועק, באַגלייט פונעם פאַליסמאַן, וועלכער האָט אים אַריינגעפירט אין דעם זייטיקן צימערל, לעבן דעם ריכטערס פּלאַטפאָרמע. מוישעלע האָט אונטערגעשמייכלט:

— משטיינס געזאָגט, וואָסערע פארגעניגנס מען קאָן שוין האָבן פונעם צוקוקן זיך צו אַזעלכענע זאַכן!... אַבי מענטשן זאָגן, אַז...

פאַרן ריכטער איז שוין געשטאַנען א צווייטער באַשולדיקטער. דאָסמאָל — א יונגערמאַן. יענער, — האָט מוישעלע געזען, — האָט זיך געהאַלטן כוצפּעדיק און שאַרף געענטפערט אַף די פראַגעס. ער האָט בייז געוואָרפן מיט די הענט און דערביי מיט קאַאַס אַלץ געטייטלט אַפן פאַליטסמאַן, וועלכער האָט אים צוגעפירט. און יעדעסמאָל, ווען יענער האָט זיך נאָר צוליב דעם אויסגעדרייט אין זיין זייט, האָט מוישעלע געזען זיין מאָרנעם בליציקן קוק, וואָס האָט, דאַכט זיך, געקאָנט דורכשפּיזלען א מענטשן. דאָס האָט אָבער לאַנג ניט געדויערט. באַלד האָט זיך ווידער א טראַג געטאָן דעם ריכטערס מעכאַנישער אויסרוף:

— פאַרהאַלטן פאַר דער גרענד־דזשורי!...

צוויי פאַליסליים האָבן א נעם געטאָן דעם יונגנמאַן און אים גענומען אַרויספירן. ער, האָט אויסגעזען, האָט אינעם גאַנג געהאַלט עפּעס זאָגן דעם ריכטער, אָבער זיינע שאָמרים האָבן אים דערביי אַזאַ שלעפּ געטאָן, אַז ער איז אָנטשטומט געוואָרן אינמיטן די אָנגעהויבענע רייד. פאַרן ריכטער איז שוין געשטאַנען אַן אַנדערער...

אַזוי האָט עס זיך איבערגעכאַזערט איינס נאָכן אַנדערן. מוישעלע האָט ביסלעכווייז באַקומען אַן אינטערעס אין די לאָדענישן און האָט זיך אַפילע אָנגעהויבן פאַרוויילן דערביי. ער האָט זיך צוגעקוקט צו די פאַרשידענע מענטשן, וואָס מען האָט צוגעפירט צום ריכטער און כאָטש ער האָט קיינמאָל אַף קלאָר ניט געוואוסט פאַרוואָס איטיצער ווערט געמישפּעט, האָט ער אָבער דערפאַר יעדעסמאָל קלאָר געהערט דעם ריכטערס שאַרפן פּסאַק:

— פאַרהאַלטן אַף הונדערט דאָלאַר בעיל!...

— דריי כאָדאָשים אין אַרבעט־הויז!...

מוישעלע האט געזען, אז יעדעסמאל, בעאיים מען האט אוועקגעפירט א פארמישפעטן אין זייטיקן צימערל, האבן זיך א צאל באזוכער אויפגעשטעלט פון זייערע פלעצער און זענען שטיל ארויס אין קארידאר. פארשטאנען האט ער, אז דאס זענען אוודע פריינט פון די פארמישפעטע. ביסלעכווייז איז געווארן גאנץ ליידיקלעך אין זאל. מוישעלע האט זיך מיטאמאל געכאפט, אז כוץ אים זענען פארבליבן בלויז עטלעכע מענטשן און ער האט זיך דערפילט זייער אומבאקוועם. ער האט באשלאסן ביי זיך, אז נאכן קומענדיקן מישפעט וועט ער שוין אויך ארויסגיין...

דערווייל האט מען פונעם זייטיקן טירל אריינגעפירט א יונגע, פיין־געקליידעטע מיידל. געווען איז זי אנגעטאן אין א פיינעם פוטער־מאנטל און אין א צוואנגע היטעלע מיט א קליינעם טיולענעם וואואל, וואס איז אריבערגעהאנגען אף א העלפט פון איר ליכטיק־צארטן פאנים און עטוואס אונטערגעשאטנט אירע בלוי־סאמעטענע אויגן. זי, — האט מוישעלע געזען, — האט זיך עפעס ווי פארלוירן ביים אריינקומען און שעמעוודיק איינגעהאלטן איר שווימענדיקן גאנג. דערביי, צוגייענדיק צום ריכטערס טיש, האט זי מיט ביטערקייט און פאראכטונג געקוקט אף דעם פאליסמאן אין ציווילן, וועלכער האט זי געפירט ביים ארעם, און נערוועז געביסן א ווינקל פון איר פולער, בלוטיק־רויטער ליפ...

מוישעלע האט מיט אויפגעריסענע בליקן אפגעמאסטן די מיידל פון זיין פלאץ און א טראכט געטאן:

„און וועמען האט זי דאס געשאסן?... עפעס זעט זי דאך גארניט אויס ווי קיין פארברעכער און אוודע ניט ווי קיין היימלאזער שיקער?!”...

דער ריכטער האט, אפאנים, אויך אזוי געטראכט. מוישעלע האט געזען, ווי יענער האט מיט א צוריקגעהאלטענעם שמייכעלע א קוק געטאן אף דער מיידל, גענומען דרייען זיינע וואנצעלעך און — מיט ארונטערגעלאזטע בליקן צום טיש — זיך איינגעהערט אין דער באשולדיקונג, וואס דער פאליסמאן אין ציווילן האט פארגעטראגן.

מוישעלע האט שארפער אנגעשפיצט זיינע אויערן און זיך גענומען אויפמערקזאמער איינהערן אין יענעמס דערציילן. ער האט געהערט ווי יענער האט איבערגעגעבן, אז ער האט פריער באגעגנט די מיידל אף דער גאס; אז זי האט צו אים צוגעווארפן אן ארויסרופנדיקן שמייכל און ער האט אנגענומען די איינלאדונג... דערנאך, — האט מוישעלע געזען, האט יענער ארויסגענומען א געלט־פאפירל פון קעשענע, דאס אוועקגעלייגט אפן טיש, לעבן דעם ריכטער, און צוגעגעבן:

— דאס, אייער בעקאוועדיקייט, זענען די זעלביקע פינף דאלאר וואס זי האט גענומען ביי מירן...זיי זענען געצייכנטע און...

מוישעלע האט מיטאמאל דערפילט א שווערן האס צום דאזיקן פאליסמאן. ער האט אים ניט געגלויבט. אים איז פארגעקומען, אז דאס איז בלויז אזא בילבל און אז...

פארוואס אייגנטלעך א בילבל, האט מוישעלע זיך אליין ניט געקאנט דערקלערן. ער האט געגלויבט, אז די מיידל איז זיכער אומשולדיק.

זי, — האָט ער געזען, — האָט דאָך אויסגעזען אזוי איידל, אָרנטלעך און נאַאיוו — נאַאיווער אַפילע פון די טויזנטער אָרנטלעכע מיידלעך, וועלכע ער האָט אין לעבן באַגעגנט... אין זיינע אויגן האָט זי גאָר אויסגעזען אומשולדיקער פון זיין אייגענער טאַניעטשקען אַפילע. ער וואָלט געווען גרייט צו שווערן, אַז זי, די מיידל, איז אַ פּאָשעטע אָפּיס־אַרבעטערן, וואָס פּוצט זיך עפּשער טאַקע אַביסעלע צו פיל, אָבער בעשום אויפן ניט מער אָדער פאַרשייטער ווי די אַנדערע אַמעריקאַנער אַרבעטער־מיידלעך, וועלכע טוען זיך אָן אין אַ פּראָסטן מיטוואָך ווי צו אַן אייגענער כאַסענע...

ביי מוישעלען אין האַרצן האָט זיך צעשפּילט אַ וואַרימער ראַכמאָנעס צו דער מיידל. ס'האָט אים שוין געאַרט, צי וועט דעם פּאָליסמאַן געלינגען צו באַווייזן, אַז זי איז שולדיק... ער אַליין איז גרייט געווען צו וועטן זיך, אַז זי איז עס ניט...

— יעדנפאַלס,—האָט ער זיך געזאָגט, — אַרבעט זי מיסטאָמע ערגעץ פאַר אַ צוועלף־דרייצן דאָלאַר אַ וואָך און... לעבן, עסן, קליידן זיך — ווילט זיך...וואָרים ווי האָט עס אַמאָל געזאָגט דער גרויסער סאָציאַליסט לאַסאַל? — „מען זאָל ניט געפּרואווט ווערן, צו וואָס מען קאָן געטריבן ווערן, ווען די קישקע נעמט מאָנען"...און כאָטש אזוי, איז זי פונדעסטוועגן נאָך אַלץ בעסער און אָרנטלעכער אַפילע פון טאַניעטשקען און איר גלייכן...וואָרים יענע — אַי זיי נעמען געלט ביי די מענער, אַי זיי צאַפּן ביי זיי דאָס בלוט טראָפּנווייז...

מוישעלען האָט איבערהויפּט שטאַרק פאַרדראָסן אָפן פּאָליסמאַן, ווען יענער האָט דערציילט דעם ריכטער, אַז ערשט נאָכדעם ווי זי האָט זיך אים איבערגעגעבן, האָט ער זי אַרעסטירט און אַהערגעבראַכט:

— אָט אַ שטשור! — האָט מוישעלע פון גרויס קאַאַס שיער אָפן קאָל אויסגעשריגן. — אויב דאָס איז טאַקע ריכטיק, ביסטו ערשט דער עמעסער אויסוואורף!...אויסגענוצט איר צוטרוי און...זי פאַראַטן!...

איצט איז שוין מוישעלע אינגאַנצן געווען אָף דער מיידלס זייט. ער האָט געזען, ווי זי האָט זיך אזוי פרום געציילעמט און זיך געשוואוירן, אַז עס איז אַ ליגן, און מען האָט איר געמעגט גלויבן... ער איז דעריבער געווען פאַרבידעשט, ווען ער האָט געזען, אַז דער ריכטער האָט איר ניט געגלויבט. ער האָט אַזש גענומען ציטערן, בעאַיס דער ריכטער האָט — ווי געוויינטלעך — טרוקן צוגעוואָרפן:

— פאַרהאַלטן פאַר אַ מעדיציניִשער אונטערזוכונג ביז מאָרגן פרי!... פופציק דאָלאַר בעיל!...

די מיידל האָט זיך צעוויינט און — ווי אַ געבונדן קעלבל — זיך געלאָזט פירן פונעם פּאָליסמאַן צום זייטיקן צימערל...

מוישעלע איז אַרויס אין קאָרידאָר. ער איז געווען צעווייטיקט און אַנטוישט. עס האָט אים ווי געטאָן פאַר דער מיידל, פּונקט ווי מען וואָלט דאָס זיין אייגענע שוועסטער, זיין אייגענע קאַלע פאַרהאַלטן...

— און וואָז וועט זי, אַזאַ איידעלע און צאַרטע, זיך אַרומוואַלגערן איבער נאַכט אין אַ שמוציק־קאַלטער צעל פון טפיסע? — האָט ער גענומען

מורמלען צו זיך. — ווי וועט זי עס גאָר קאָנען איבערטראָגן?.. אָט, ווען עס געפינט זיך אימיצער און נעמט זי דערוויַיל ארויס!...

מיטאמאל איז ער געבליבן שטיין און א שמייכל געטאָן צו זיך:

— און פארוואס טאקע זאל איך אליין עס ניט טאָן? — האט ער גע־רעדט צו זיך אליין. — אי איך וועל טאקע טאָן א טזיווע א שיינער מיידל, און איך פערזענלעך וועל דערביי אויך גארניט אָנווערן...

און ווי צו באַרעכטיקן דעם דאָזיקן איינפאל, צוגעגעבן:

— ווארים ווי האט עס אמאל געשריבן אונדזער הייליקע געמאָרע? — „אל דעאטייפט אטפוך"... וואס מיינט, אז אויב דו וועסט זיך איינשטעלן פאר יענעם, וועט יענער זיך איינשטעלן פאר דיר...

אין צען מינוטן ארום האט מוישעלע שוין געהאט אויסגעשריבן די נויטיקע פאפירן אינעם געריכט, איינגעלייגט די געפאָדערטע פופציק דאָלאר, — א פארזיכערונג, אז ער וועט די מיידל צוריקברענגען צומאָרגנס גאנץ פרי, און — צום גרויסן בידעש פון דער מיידל, וועלכע מען האט ארויסגעפירט פונעם צימערל און איבערגעגעבן צו אים אין די הענט ארײַן — זי ארויסגעפירט אף דער פרייער גאס ארויס...

* * * * *

ווען מוישעלע בוימל איז ארויס אף דער גאס — צוזאמען מיט דער מיידל, וועלכע ער האט נאָר־וואס אויסגעלייזט פונעם געריכט־הויז — האט ער אליין נאך ניט געהאט קיין שום באגריף וואס צו טאָן מיט איר און וואוהין זי צו נעמען. פריער, בעאיס ער האט זי ארויסגענומען פונעם געריכט, איז אים אפילע ניט איינגעפאלן צו טראכטן, אז ער וועט דארפן האלטן אן אויג אף איר די גאנצע נאכט, קעדיי צו קאָנען זי צושטעלן צוריק אף צומאָרגנס, אזוי ווי ער האט אונטערגעשריבן. געוואוסט האט ער איין זאך: אז וואלט עס זיך בלויז געהאנדלט נאָר אין די פופציק דאָלאר, וואס ער האט איינגעלייגט פאר איר, וואלט עס אים עפשער טאקע גאָרניט געאַרט, און ער וואלט זי אוואדע געלאָזט גיין וואו זי וויל נאָר אליין. אָבער דער געדאנק וועגן דער פאראנטוואָרטלעכקייט, וואס וואלט אף אים געוואָרפן געוואָרן ווער ווייסט אין וואסער מאָס, — האט אים גענומען שרעקן און ער האט זיך ניט געקאָנט קיין אייצע געבן. ער האט געוואָלט רעדן מיט דער מיידל וועגן דעם, אָבער בעשום אויפן ניט געקאָנט גע־פינען קיין ווערטער ווי אָנצוהויבן. זי איז געגאנגען לעבן אים און געשוויגן, פונקט ווי זי וואלט זיך נאך אלץ ניט געגלויבט, אז עס איז טאקע עמעס וואס זי איז פריי און — מער ווי א צוגעוואָרפענעם, שטילן דאנק — קיין וואָרט ניט אויסגערעדט. עס האט אויסגעזען, אז אויך זי האט געטראכט, ווער עס איז אָט דער נידעריק־אויסגעקיילעכיקטער מאָן, וועמען זי האט ביז מיט א צען מינוטן צוריק נאך קיינמאל ניט געזען אפילע, און וואס ער קלויבט זיך ביכלאל צו טאָן מיט איר. ענדלעך איז זי, ווייזט אויס, געקומען צו זיך פון דער איבערראשונג און — שטיל, מיט א מין איינגעהאלטענער שעמעוודיקייט — א פרעג געטאָן:

— מעג איך עפשער פרעגן אייער נאָמען, סער?...

מוישעלע האט א קוק געטאן אף איר און זיך צעשמייכלט:

— מיין נאמען? — האט ער א זאג געטאן און — ווי זיין שטייגער — פארענדיקט מיט א ווערטל, — דער בארימטער פאעט שעקספיר האט אמאל געזאגט: — „וואס איז דען אין א נאמען?"...

ער האט אפילע יא געוואלט אפענטפערן פראסט און פאשעט אזוי ווי דער עמעס איז, אבער מאיסע סאטן האט עס אים עפעס אזוי ווי א קיצל געטאן, אז ער זאל זיך דאווקע פארשטעלן פאר איר אלס א גרויסער און וויכטיקער פערזענלעכקייט. ער האט דעריבער אנגעצויגן אפן פאנים א וואזשנע מינע און — ווי באליידיקט — א ברום געטאן:

— א, איר מוזט אוודע זיין ניט קיין היגע?!...איך...

די מיידל האט זיך גענומען אנטשולדיקן:

— א, איר וועט דאך מיר מויכל זיין, סער... איך...ע...

— צ'א־רייט! — האט ער א שמייכל געטאן. — וועט איר מיך איצט קאנען!...מיין נאמען איז בארים גאלד!...איך בין אין פאליטיק און, האב ליב מענטשן טויווס צו טאן... אייך וועל איך אויך ניט לאזן פאלן!...

די מיידל האט זיך גענומען ביינדלען:

— א, איך בין זייער צופרידן אייך צו קאנען, מיסטער גאלד!...

מוישעלע האט אנגענומען די מיידל ביים ארעם און זי צוגעפירט צו זיין אטאמאביל, וואס ער האט פריער געלאזט שטיין ניט ווייט פונעם גער־ריכט־הויז. ער האט געלאסן אויפגעשלאסן די טיר און איידל פארבעטן זי אריינצוגיין. זי האט זיך אריינגעזעצט און שוויגנדיק געווארט ביז ער האט פארנומען זיין פלאץ לעבן רעדל. דאן האט ער ארויסגענומען זיין סיגארעט־פושקעלע און — שוין ניט ווי געוויינטלעך בעאיסן מע־כאבעד זיין אימיצן פון די „טראמבעניקעס", ווי ער האט אין געדאנק אנגערופן אלע, וואס בעטן סיגארעטלעך — איר אונטערגעטראגן פונעם בעסערן סארט, וואס ער האט געוויינטלעך געהאלטן בלויז פאר זיך. דער־נאך האט ער אנגעצונדן א שוועבעלע, איר אונטערגעטראגן פייער, און דערביי מיט זשעדנע בליקן אריינגעקוקט אין אירע בלויע אויגן ארין... נאכן פאררויכערן האט ער זיך מיטאמאל צעלאכט:

— און איך, בע־בע, איך אליין ווייס נאך אויך ניט אייער נאמען, כאטש איך האב פריער אונטערגעשריבן די פאפירן און...

די מיידל האט זיך ווי א פארשולדיקטע א כאפ געטאן:

— א, איר וועט דאך מיר מויכל זיין, מיסטער גאלד!... איך ... איך בין אזוי צעטראגן...מיין נאמען...נו, רופט מיך פאשעט — קידי...

— קידי? — האט ער אומגלויבלעך איבערגעפרעגט, — און אין די פאפירן איז, דאכט זיך, גאר געווען...

זי האט אומבאקוועם זיך גענומען פארענטפערן:

— יא... אבער קידי איז מיין פארצויגענער נאמען!... אזוי רופן מיך מיינע פריינט און... פאר אייך וועל איך דאך ניט לייקענען... איר זייט געווען אזוי גוט צו מיר און... איך בין גרייט צו טאן אלץ, וואס איר וועט נאר פארלאנגען פון מיר און...

ער האָט צופרידן אַ פּאַרצי געטאָן די ברעמען:

— טאַקע אַלץ?...

— יאָ, אַלץ וואָס איר וועט נאָר באַפעלן, סער!...

מוישעלע האָט זי איידל אָנגענומען ביי דער געהענטשקעטער האַנט, זי געגלעט און דערביי גלייך דערפילט אַ שטאַרקע היץ איבערן קערפּער. ער האָט געגומען מורמלען:

— אַזוי איז גוט, קידי!...דערפאַר האָב איך אייך טאַקע ליב!...

ער האָט אָפּגעפּרייכט, אַרונטערגענומען דאָס קאַפּעליושל פונעם קאָפּ און זיך אַ קראַץ געטאָן, ווי ער וואָלט געטראַכט וואָס איר צו זאָגן:

— וועל...— האָט ער ענדלעך אויסגעצויגן, — וואָס טו איך איצט מיט אייך, קידי?...ביז מאָרגן פרי, ווען איך וועל אייך דאַרפן צושטעלן אין געריכט, האָבן מיר פאַר זיך נאָך אַ גאַנצע נאַכט און...

און באַמערקנדיק, אַז זי האָט פאַרזאָרגט אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ, האָט ער פאַרוואָרפן אַ האַנט אַרום אירע אַקסלען און זי געטרייסט:

— זאָרגט זיך נים, קידי!...מאָרגן גאַנץ פרי וועל איך טעלעפאָנירן דעם ריכטער מעקוק און זען וואָס מען קאָן טאָן פאַר אייך!...ער איז מיינער אַ פריינט און...דערווייל אָבער... דערווייל זייט איר דאָך מיסטאָמע הונגעריק?! — האָט ער אַזש אַ שמייכל געטאָן פון צופרידנקייט, וואָס אים איז איינגעפאַלן אַזאַ גוטער געדאַנק מיט וואָס אָנצוהויבן. — נו, וועלן מיר קוידעם־קאָל צופאַרן ערגעץ עפּעס אַ קיי טאָן און דערנאָך...

ער האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, אָבער גלייך זיך אַ כאַפּ געטאָן און זיך געגומען פאַרענטפערן פאַר איר:

— איר וועט דאָך נים ביי זיין, וואָס איך נעם אייך מיט זיך?!... גלויבט מיר, אַז איך טו דאָס נים ווייל איך טרוי אייך נים, נאָר...

זי האָט אים איבערגעשלאָגן:

— ס'איז אָ־קעי, מיסטער גאָלד! איך בין צופרידן צו גיין מיט אייך וואו איר וועט נאָר פאַרלאַנגען!...איך בין אייך אַזוי דאַנקבאַר!...

זי האָט געקוקט אויף אים מיט אירע גלעטנדיקע בליקן, אַז ער איז אַזש צעפלאַמט געוואָרן...מיטאַמאָל האָט ער זי אַרומגענומען און גאַנץ פריילעך אַ זאָג געטאָן צו איר:

— ווייסטו גאָר וואָס, קידי, — רוף מיך פּראָסט באָריס און לאָמיר זיין גוטע פריינט!...נו, איז גיט עפּס?...

זי האָט אים אַ פלינקן קוש געטאָן:

— אָ־קעי, באָריס, „דאַרלינג"!...

אַ באַרוישטער האָט מוישעלע זי שטאַרקער אַ צי געטאָן צו זיך און זי געגומען היים קושן. זי האָט זיך געטוליעט אין זיינע אָרעמס און אים אָפּגעצאָלט מיט לאַשטשענדיקן ריין. ענדלעך האָט מוישעלע זי אָפּגעלאָזט און — אַן אויפגעהייטערטער — זי אַ פרעג געטאָן:

— איז פאָרן מיר?...

— או־הום, — האָט זי פּאָשעט און אָפּגעהאַרציק אַ מורמל געטאָן, — איז פאָרן מיר!...

מױשעלע האָט געלאָזט לױפֿן די מאַשין און גענומען פֿאָרן. דערבײַ האָט ער בײַ זיך אין די געדאַנקען אױסגערעכנט װאוהין זיך צו פֿאַרנעמען, אַז קײן באַקאַנטע זאָלן אים אַמאָל ניט באַגעגענען:

„יאָ", — האָט ער געטראַכט, — „מער װאָלט מיר טאַקע ניט געפֿעלט, נאָר מען זאָל מיך נאָך זען מיט איר און אָפּדערצײלן טאַניעטשקען, צי גאָר איר טאַטל... װאָרים װי האָט עס אַמאָל געזאָגט דער גרױסער פֿילאָזאָף יוליוס צעזאַר?" — האָט ער אין געדאַנק פֿאַרענדיקט מיט אַ װערטל, — „אַ בײזע צונג קאָן מיט אײן װאָרט אַ װעלט כאָרעװ מאַכן"...

ער האָט זיך פֿאַרנומען צו יענער זײט שטאָט, װאו די גאַנץ רײכע האָטעלן און נאַכט־קלובן האָבן זיך מאַסנװײז געפֿונען...

* * * * *

אַ גאַנצע נאַכט איז מױשעלע געװען װי פֿאַרשיקערט פֿון גליק. דער שײנער, געמיטלעך־פֿאַרפּוצטער האָטעל־צימער, װאו ער איז פֿאַרפֿאָרן מיט קידין, האָט אױף אים אַזױ גוט געװירקט, אַז ער האָט אַפֿילע פֿאַרגעסן אין אַלע זײַנע פּערזענלעכע צאָרעס. ער האָט פֿאַרגעסן אינעם סטרײַק בײַ זיך אין שאָפּ און אַפֿילע אין דער ביטערער טאַניעטשקען, דער װײַב זײַנער. װי אַ באַפֿרײטער אַרעסטאַנט נאָך אַ לאַנג־יאָריקער געפֿאַנגענשאַפֿט, אַזױ האָט ער אָן שום רעכנונג װילד און לײדנשאַפֿטלעך געזופּט קידיס ליבע, װאָס זי האָט אים ברײטהאַרציק צוגעטראָגן. זי, קידי, — האָט ער שױן געזען, — איז געװען אַ טײַער מײדל. אױס דאַנקבאַרקײט צו אים, װאָס ער האָט זי אױסגעלײזט און זיך אַזױ פֿאַראינטערעסירט מיט איר, האָט זי זיך אים איבערגעגעבן מיט איר גאַנצן װעזן אַזױ נעשאָמעדיק־געטרײַ, װאָס ער האָט אין זײַן גאַנצן לעבן אַפֿילע אין כאָלעם אױך ניט געזען:

— זײַ צו מיר װי צו אַן אײגענער געליבטער! — האָט זי אים אַלץ געהאַלטן אין אײן פֿאַרזיסן די מינוטן, — װי צו אַן אײגענער פֿרױ!...

בלױז צומאָל איז זי פֿאַר אַ װײל געװאָרן טרױעריק און פֿאַרטראַכט. זי האָט זיך אָפּאָנים דערמאָנט, אַז אינדערפֿרי װעט זי זײַן צוריק אין גערי‍כט און, װער װײסט, װאָס עס דערװאַרט זי דאָרט. מױשעלע האָט זי אָבער ניט געלאָזט זאָרגן. צוזאַמען מיט זײַנע הײסע און לײדנשאַפֿטלעכע קושן, האָט ער זי געטרײסט און באַרואיקט:

— פֿאַרשטײסט, — האָט ער מיט אָנשטעל זי פֿאַרזיכערט, — אַז באָרים גאָלד זאָגט עפּעס צו, איז עס פּונקט װי אײבערעהעם לינקאָלן האָט געפֿלעגט זאָגן: — גײסט װי אױף אַן אײזערנער בריק!...

אינדערפֿרי — אָנגעזעטיקט פֿון קידיס לאַסקעס דורך דער גאַנצער נאַכט — האָט מױשעלע זיך צוגעזעצט צום טעלעפֿאָן, װאָס בײַ זיך אין האָטעל־צימער, אױסגעדרײט דעם נומער און ברײטלעך אַרײנגערעדט:

— העלאָ!... איז דאָס דזשאָדזש מעקוק?... אַ גוטן מאָרגן!... דאָס רעדט באָרים גאָלד!... יאָ!... װאָס מאַכסטו עפּעס גוטס, סילװעסטער?... איך? — פֿײַן!... אַ דאַנק!... הער, איך דאַרף דײַנס אַ טױװעלע!...

ער האָט גערעדט גיך. דערצײלט, אַז עס האַנדלט זיך װעגן זײַנס אַ גוטן פֿרײַנט און אַז ער װעט ניט אָננעמען קײן גײן פֿאַר אַן ענטפֿער...

אז ער האט ענדלעך פארענדיקט דאס רעדן, איז ער צוריק צוגעגאנגען צו קידין, האט איר ווידער א קוש געטאן אין די בריענדיקע ליפן און מיטן זעלביקן אָנשטעל איר א זאָג געטאָן:

— נו, איצט, קידי, איז שוין אלץ אָ־קעי!... דארפסט זיך שוין מער נײַט שרעקן!... דזשאָדזש מעקוק וועט אָפּרופן אין קארט און...

ער האט א שמײכל געטאן צו זיך, טראכטנדיק:

„א גליק, וואס בײַ די טעלעפאָנען איז נאך איצט ניט אײַנגעפירט קײַן טעלעוויזיע. אנדערש"...

קידי האט אָנגענומען מוישעלעס שמײכל פאר א גוטן סימען. מיט פרײד איז זי ארויפגעפאלן אף זײַן האלדז ארויף און מיט הײסע קושן פארשטיקט זײַנע ווײטערדיקע רײד:

— אָ, באָריס, „דארלינג"! — האט זי שיער געוויינט פון פרײד, — איך וועל עס דיר קײנמאל ניט פארגעסן. קײנמאל ניט!...איך...ווען דו וועסט זיך נאר פארבענקען נאך מיר...

מוישעלע האט זיך, וואס אן עמעס, דערפילט אביסל אומבאקוועם. עס האט אים גענומען פארדריסן פארוואס ער האט געשפילט אזא בלוטיקע שפיל מיט דער מײדל און אויפגעבלאזן בײַ איר פאלשע האפנונגען. ער האט זיך דערפילט זײער מאָדנע און פאר א וויל אפילע גרײט געווען איר אויסצוזאָגן, אז דאס האט ער גאר טעלעפאָנירט צו זיך אינעם לײדיקן שאפּ ארײַן. ער האט זיך אָבער גלײך בארעכנט, אז עס לוינט זיך ניט, און אז ער וועט איר דערמיט סײ־ווי גארניט העלפן. ער האט דעריבער ווײַטער אָנגעהאלטן דעם אָנשטעל ווי פריער.

שפּעטער, אז ער איז ענדלעך אָנגעקומען מיט איר אין געריכט־זאל, האט ער זי ווידער בארויקט און צוגעזאָגט צו וואַרטן אף איר. אָבער אזוי גיך ווי מען האט זי נאר איבערגענומען בײַ אים און זי אָפּגעפירט אינעם זײַטיקן צימערל, וואו זי האט געדארפט וואַרטן אף איר ווײַטערדיקן גורל, — האט ער, מוישעלע, גלײַך אָפּגענומען זײַנע פופציק דאָלאר, וואס ער האט מיט אן אָוונט פריער אײַנגעלײגט פאר איר און — ווי פון פײַער ארויס — זיך אף גיך אָפּגעטראָגן...

* * * * *

מוישעלע בוימל איז ארויס פון געריכט־הויז און געלאָפן איבער דער גאס מיט אזא איספּעט, פונקט ווי ער וואלט מוירע געהאט, אז קידי יאָגט זיך נאך אים און וויל אים אויסזידלען דערפאר, וואס ער האט זי אזוי אָפּגענארט. ערשט זיצנדיק בײַ זיך אין אָטאָמאָביל, האט ער זיך עטוואס בארויקט און מיטאמאל דערפילט די גאנצע מידקײט פון דער פארגאנגענער נאכט. ער איז געווען אזוי אויסגעשעפּט, אז ער האט אפילע ניט געקאָנט א הויב טאָן די האנט אף צו לאָזן לויפן די מאשין און אוועקפארן פונעם פלאץ. מיט דער דלאָניע האט ער פויל איבערגעפּאטשט א פאראקשנט גענעצל, וואס האט זיך איבער גוואלד געריסן פונעם מויל ארויס, און דערבײַ א טראכט געטאָן:

„עד, וואלט איך נאר איצט ניט געווען געהאט אף זיך דעם סטרײַק

אין שאפ, וואלט איך — כאטש טאניעטשקע איז אזוי אָנגעדראָדלט — גלייך אהיימגעפאָרן און זיך אוועקגעלייגט שלאָפן אף גאנצע פיר און צוואנציק שטונדן נאָכאנאנד. אָבער אָט, דער פארשאָלטענער סטרייק"...

זיך דערמאָנט אינעם סטרייק, וואָס ער האָט געהאט ווי פארגעסן זינט דעם נעכטיקן אָוונט אָן, — האָט ער זיך אויך געכאפט, אז אייגנטלעך האָט ער גאָר היינט אינדערפרי געדארפט זיין ביים שווער זיינעם, מיסטער טוירנער ענד סאָנס, צו הערן וואָס יענער האָט אויפגעטאָן מיט זיין צוזאָג, זיך צו זען מיט וועמען מען דארף און מאכן א סאָף פונעם סטרייק...

מוישעלע האָט זיך דעריבער אָנגעשטרענגט, מיט גוואלד אויפגעריסן די האלב־פארשלאָפענע אויגן און א לאָז געטאָן די מאשין אין גאנג. די פרישע מארגן־לופט, וואָס האָט ווינטלדיק ארייגעשטראָמט דורך די צעעפנטע פענצטערלעך פון דער יאָגנדיקער מאשין, האָט אים אביסל אויפגעפרישט און ווי אויסגעניכטערט. ער האָט מיטאמאָל דערפילט די גאנצע מיעסקייט פון זיין האנדלונג בעגויגיע קידין, און זיך אפילו געגומען אויסמוסערן דערפאר:

— ניט געדארפט אזוי האנדלען!...געדארפט שטיין מיט איר און זען איר צו העלפן!... וואָרים ווי האָט עס אמאָל געזאָגט אונדזער גרויסער שאָלעם אַליינעם? — האָט ער, ווי זיין שטייגער, גלייך צוגעפאסט א ווערטל, —„אין ברונעם פונוואנען מען טרינקט וואסער, טאָר מען ניט שפייען"...

געטראכט האָט ער זיך, אז וואָלט ער ניט געווען ארייגעשפיגן אין אָט־דעם ברונעם, וואָלט ער דאָך געקאָנט טרינקען און טרינקען אָן אן אויפהער... פארשטאנען האָט ער, אז וואָלט ער זי ניט געווען אזוי מיעס פאראָטן, וואָלט ער דאָך אין איר געקאָנט האָבן א שטענדיקע טרייסט אפן גאנצן לעבן...אזוי אָבער...

— אָבער וואָס בין איך שולדיק? — האָט ער זיך גענומען טרייסטן און געזוכט זיך צו בארעכטיקן מיט א צווייט ווערטל. — אָט, האָט דאָך דער באוואוסטער פילאָזאָף שאָפען נאָך מיט טויזנטער יאָרן צוריק געהאט געזאָגט: — „אויב א מענטש וויל געניסן פונעם אייגענעם לעבן, טאָר ער זיך ניט אָפשטעלן, ווען ער דארף דערביי אפילו צעטרעטן א צווייטן"...

און ער האָט זיך האנאָעדיק צעשמייכלט:

— יעדנפאלס האָב איך זי ניט צעטראָטן און איר לאָגע ניט ערגער געמאכט...ניט מער, נאָר ניט געהאָלפן...

און אין א וויל ארום:

— סיי־ווי־סיי, זיך אָפעסן דאָס הארץ דערפון דארף מען ניט. וואָרים העלפן האָב איך איר סיי־ווי ניט געקאָנט... ניט דער ריכטער קאָן מיך און ניט איך קאָן דעם ריכטער. און דאָס...דאָס איז טאקע א שאָד...

מיט פארדרוס און באדויער האָט ער זיך דערמאָנט, ווי אמאָל, שוין לאנג צוריק, טאקע גלייך נאָך דער כאסענע זיינער מיט טאניעטשקען, האָט דער שווער זיינער, דער אלטער טוירנער, אים געפרוווט צורעדן, אז ער זאָל ווערן א מעמבער ביי אים אין טעמפּל. ער האָט אים, געדענקט ער, דעמלט געהאט געזאָגט, אז דורך דעם וועט ער קומען אין הויכער

געזעלשאַפט, וועט זיך באַקאַנען מיט פיינע לייט, ריכטער, לאַיערס און פּאָליטישנס, — מענטשן, פון וועלכע מען קאָן אַלעמאָל האָבן טויוועס...
ער אָבער, מוישעלע, האָט דעמלט אַפילו ניט געוואָלט הערן דערפון. ער האָט דאַן געטיינעט, אַז ער שטייט ניט דערנאָך און אַז...
„טאַקע בעעמעס", — האָט ער זיך דעמלט געטראַכט, — „ווי פּאַסט עס גאָר פאַר מיר, אַ געוועזענעם בונדאַוועץ, אַ פריידענקער?"...
איצט אָבער, האָט ער געוואוסט, וואָלט ער שוין געווען אַנדערש געהאַנדלט. איצט וואָלט ער עס אָנגענומען און עס וואָלט אים שטאַרק צונוץ געקומען...די באַקאַנטשאַפט מיט אַזעלכע מענטשן וואָלט אים געהאָלפן סיי בעניגיע דעם סטרייק און סיי...אַ שטייגער, אין אַזאַ פאַל ווי מיט אָט דער קידין... ער וואָלט דאַן ניט געדאַרפט האַנדלען אַזוי מיעס, נאָכדעם ווי יענע האָט זיך אים אַזוי אָנגעטרויט און איבערגעגעבן...
„אַזוי", — האָט ער זיך געגומען עסן, — „קומט דאָך אויס, אַז איך האָב געהאַנדלט ניט בעסער פון יענעם דיק"...
מיטאַמאָל האָט מוישעלע אַ שטעל אָפּ געטאָן די מאַשין. עס האָט זיך אויסגעדאַכט, פונקט ווי ער וואָלט זיך בעעמעס פאַרנומען אָף צוריקצופאָרן אין געריכט און זען עפּעס צו טאָן פאַר קידין...
ער האָט זיך אָבער אָפּאָנים גלייך דערמאָנט, אַז עס איז אומזיסט און אַז דאָרט, ביים ריכטער, האָט ער פונקט אַזויפיל דייע ווי זי אַליין:
— יעדנפאַלס, — האָט ער זיך גענומען באַרעכטיקן, — האָב איך איצט גענוג מיט זיך צו טאָן!... וואָרים ווי האָט עס אַמאָל געזאָגט דער פּרעזידענט וואַשינגטאָן? —„ביזנעס בעפאָר פּלעזשור"...דעם סטרייק צו פאַרענדיקן איז פיל וויכטיקער... אַפילו אונדזער אייגענער מוישע מאָנטעפירער האָט דערויף געהאַט אַ קלוג וואָרט: — „טשאַריטי בעגינס עט האָום"... הייגט דעם גראַף טאָלסטאָיס ווערטל: — „דאָס אייגענע העמד איז נעענטער צום לייב"..
ער האָט אַ קוק געטאָן אָפן האַנט־זייגערל און — דערזעענדיק, אַז ער האָט נאָך אַרום אַ שאָ אָף צוצוגיין צום שווער אין אָפיס, — באַשלאָסן זיך פריער דורכצופאָרן דורך דער גאַס, וואו דער שאָפּ געפינט זיך, קעדיי כאָטש פון ווייטן אַ קוק טאָן וואָס עס הערט זיך דאָרט:
— כ'וויים, — האָט ער אַ מורמל געטאָן צו זיך, — עפּשער האָט דער אַלטער שוין באַוויזן עפּעס אויפצוטאָן און... וואָרים אויב דער פאַרך זאָל נאָר בעעמעס וועלן, וואָלט ער דאָך געקאָנט אַפילו אין איין מינוט...
און כאָטש דער אַלטער האָט אים שטרענג אָנגעזאָגט ניט צו באַווייזן זיך נאָענט לעבן שאָפּ, האָט ער זיך דאָך פאַרנומען אַהינצו...
מיטאַמאָל, אַזוי גיך ווי ער איז נאָר אַריינגעפאָרן אין גאַס אַריין, איז ער גלייך ווי פאַרשטשעמעט געוואָרן און זיך אָפּגעשטעלט פונווייטנס. ער האָט געגלאָצט מיט פאַררייסענע אויגן אַהינצו, צו דער שאָפּ־געביידע, און געזען, ווי אויסער די פּיקעטס, אונטן, ביים אַריינגאַנג צום שאָפּ, זענען אינדערהויך, אין די פענצטער פונעם שאָפּ, געווען אויסגעהאַנגען עטלעכע גרויסע פּלאַקאַטן, וואָס האָבן זיך ווי געוייצט מיט אים דורך זייערע שאַרפע, שניידנדיקע אויפשריפטן:

„בײ מיסטער בוימל אין שאפּ איז א זיץ־סטרײק!"...

„מיר װעלן זיצן ביז מיר װעלן אונדזערע רעכטן געװינען!"...

מוישעלע האָט אהינגעקוקט און ניט געקאָנט באַגרײפן װאָס דאָ טוט זיך. עמעס, אין די צײטונגען, — האָט ער זיך דערמאָנט, — האָט ער נאָך מיט עטלעכע װאָכן פריער געלײענט, אַז די אַרבעטער פון פאַרשידענע אינדוסטריעס האָבן אײנגעפירט נײ־מאָדנע סטרײקס: — זיץ־סטרײקס... ער האָט — געדענקט ער — דעמלט אפילו געשמײכלט צו זיך פונעם דאָזיקן גאַנץ־קלוגן אײנפאַל און...

— דאָס איז א פײנע סטראַטעגיע! — האָט ער זיך דעמלט געזאָגט, — א פײנע קונץ, װי איך בין א איד!... אפּאַנים, אַז קאַרל מאַרקס איז טאַקע גערעכט געװען: — „די װעלט דרײט זיך פאָרט"!... מיר, בעאײס איך בין נאָך געװען אינעם בונד, אָדער אפילו שפּעטער, װען איך האָב נאָך געאַרבעט אין שעפּער בײ יענעם, האָבן דערצו קײן סײכל ניט געהאַט...

דעמלט האָט ער דערפון אַזאַ האַנאָע געהאַט, פּונקט װי אײנער, װאָס װײסט, אַז כאָטש ער אַלײן געפינט זיך אין א שטאָט װאו עס גײט אַרום אַן עפּידעמיע, איז ער פונדעסטװעגן זיכער, אַז אים אַלײן קאָן עס ניט שאַטן... יאָ, דעמלט האָט ער זיך אפילו ניט פאַרגעשטעלט, אַז בײ אים אין שאַפּ זאָלן די אַרבעטער װען עס איז אַרױס אפילו אין א פּאַשעטן סטרײק, שוין אָפּגערעדט פון מאַכן א זיץ־סטרײק...

דערפאַר טאַקע האָט עס אים איצט אַזױ אױפגעקאָכט, אַז ער האָט אַזש אָנגעהױבן צו סאָפּען און צו פּרײכן:

— דאָס איז דאָך שוין גאָר, װי מען זאָגט, אױס װעלט! — האָט ער זיך געקראַצט אין פּליכל, — בײ מיר, א געװעזענעם בונדאָװעץ!...

פון גרױס אױפרעגונג האָט ער אַזש פאַרקלעמט א פּױסט און דערפילט אַזאַ מין קאַאָס, כאָטש גלײך צולױפן און נעמען מיט די אײגענע הענט אױספּאַטשן די דאָזיקע סטרײקער, װעלכע האָבן געװאָגט אים אַזױ מיעס צו בלאַמירן. ער איז געװען אַזױ צעטומלט, אַז פאַר גוטע עטלעכע מינוטן האָט ער אַזש ניט געװאוסט װאָס צו טאָן מיט זיך, און מעכאַניש װידעראַמאָל איבערגעלײענט די פּלאַקאַטן אױף די פענצטער. מיטאַמאָל אָבער האָט ער זיך א כאַפּ געטאָן, אַז אײגנטלעך װאָלט ער טאַקע גלײך געדאַרפט צופאָרן צום שװער און אים לאָזן װיסן װעגן דעם:

— עפּשער, — האָט ער זיך א זאָג געטאָן, — דאַרף מען איצט נוצן א נײע סטראַטעגיע?...

ער האָט זיך א יאָג געטאָן מיט דער מאַשין צום שװערס אָפיס...

* * * * *

דער אַלטער טױרנער, װען ער האָט אױסגעהערט פון מוישעלען, אַז דער סטרײק איז פאַרװאַנדלט געװאָרן אין א זיץ־סטרײק, האָט ער — װי טאָמיד בײם אױפרעגן זיך — זיך פאַרגעסן און זיך א קראַץ געטאָן מיטן שפּיץ פינגער אונטערן האַרטן קאַפּעליוש, װאָס ער פלעגט קײנמאָל פונעם קאָפּ ניט אַרונטערנעמען און זיך בײז צעשריגן:

— אַזעלכע סאַנעװעדזשן!... איכל גלאַך אופריפן דזשאַדזש מעקוק,

עט עיר מיר גלאך אראפגעיבן אן אינדזשאנקשן אין מעט זיי אלע גלאך פארשיקן אין דזשייל אראן!...

מוישעלע, אז ער האט דערהערט דעם ריכטערס נאמען, האט ער אזש א ציטער געטאן. אפן מאמענט האט ער אפילו ארויסגעלאזט פון זיינען דעם גאנצן סטרייק ביי זיך אין שאפ און איז בעאיים מאיסע גאר מעקאנע געווען דעם שווער זיינעם, וואס יענער האט די זכיע פערזענלעך צו קאנען דעם דאזיקן דזשאדזש:

— עד־עד־ע! — האט ער אינדערשטיל א זיפצעלע געטאן, — ווען איך וואלט אים אבער געקאנט, וואלט איך דאך אוודע געקאנט עפעס אויפטאן פאר קידין און וואלט זי ניט געדארפט פארלירן...דאן וואלט איך מער ניט געדארפט אויסבעטלען קיין נעדאוועס ביי טאניעטשקען און...

מיט גליענדיקע אויגן האט ער געקוקט אפן שווער, בעאיים יענער האט — ברייט־זשעסטיקולירנדיק מיט זיינע שווערע הענט — אריינגערעדט אינעם טעלעפאן אריין, צום דזשאדזש, אים א היציקער דערציילט וועגן דעם זיץ־סטרייק און בניפעדיק פארענדיקט:

— ווייסט דאך, יור האנאר, — האט ער צו אים אין א געבראכענעם ענגליש געזאגט, — אז איך פארגעס ניט קיין טזווע, יז נאו...בעסיידס, איז עס ניט אזויפיל פאר מיר, אדער פאר מיין איידים, ווי עס איז פאר איר, פאר טאניעטשקען אליין...זי האט אפילו געוואלט פערזענלעך צוגיין צו דיר וועגן דעם, נאר עפעס פילט זי זיך ניט מיט אלעמען איבער דעם פארשאלטענעם סטרייק... זי וועט דיר אבער אפצאלן דעם וויזיט, איי עם שור או איט...יא...דערווייל אבער, דזשאדזש, בין איך אין א קלעם... וואס זשע טוט מען, דזשאדזש?... א, דאס איז פיין!... צושיקן דיר מיין לאיער?!...גוט!... דאט'ס רייט!... אן אינדזשאנקשאן וועט זיי לערנען אביסל דערעך־ערעץ און בעסיידס...

מוישעלע איז אין דער מינוט געווען שטארק באגייסטערט פונעם שווער זיינעם. יענער איז ביי אים אין די אויגן אויסגעוואקסן אזוי גרויס און וויכטיק, אז עס האט אים אזש האנאע געטאן וואס ער איז זיין איידים. אפן מאמענט האט ער אפילו א טראכט געטאן, אז וואלט נאר דער שווער אים איצט ווידעראמאל פארגעלייגט, אז ער זאל ווערן א מעמבער ביי אים אין טעמפל, וואלט ער דאס אן שום קווענקלעניש אנגענומען...

דער שווער, — נאכדעם ווי ער האט פארענדיקט רעדן מיטן ריכטער און אזיך געלאזט וויסן זיין לאיער, ער זאל גלייך צוגיין אין געריכט נאכן אינדזשאנקשאן, — האט זיך מיטאמאל א ווענד געטאן צום איידים:

— אייגנטלעך האב עך עס ניש געדארפט טין פאר דיר!...נאר מיילע, ווי זוגט מען עס? — פארט אייגן בליט אין פלאיש!...

און מיטאמאל:

— אבער זוג מא נאר, צאצקעדיקער גאנאידעם מאנער, ווי ביסטע דוס געווען די גאנצע האנטיקע נאכט?...

ווען דער אלטער וואלט מוישעלען געווען דערלאנגט מיט זיין גראבן שטעקן איבערן קאפ, וואלט עס אים ניט געווען אזוי פריטשמעלעט ווי אט

די דאָזיקע פּאָשעטע ווערטער. ער האָט אזש גענומען ציטערן:

„און פונוואַנען ווייסט ער עס שוין?״ — האָט ער א טראַכט געטאָן, — „ניט אַנדערש, נאָר אימיצער האָט מיך אוודאי געזען מיט קידין צופאָרן צום האָטעל און דאָס אים גלייך אָפּגעטראָגן... און אויב אזוי, וועט עס זיך ערשט אָנהויבן די עמעסע כאַסענע״...

דער אַלטער האָט געלאָזן פאררויכערט א ציגאַר, גענומען שפּאַצירן איבערן אָפּיס און מיט פאַרוואָרף א זאָג געטאָן:

— אזוי־אזוי... ני, דערויף האָב עך דעך געדאַרפט נעמען פאַר אַן איידים, דיך געדאַרפט כאַסענע מאַכן מיט מאַן טאַניעטשקען, אז די זאָלסט איר אזוי פאַרשוואַרצן דום פּונעם?!...

מוישעלען האָט אָנגעהויבן שטיקן אין האַלדז — נאָר צום צעוויינען זיך. זאָגן דעם שווער דעם עמעס, וואו ער איז געווען די נאַכט, האָט ער — נאַטירלעך — ניט געקאָנט. ער איז דעריבער געזעסן אין איין ציטער־ניש און געשוויגן. דער שווער האָט בייז א ברום געטאָן:

— זעסטע, ווען עך וואָיס פריער, אז דעסט אזוי מיעס באַהאַנדלען מאַן אייגן קינד, וואָלט עך דעך נאָך ביז האַנט געלאָזט שטינקען בא דעם הערי פּיזנערן אין שאַפּ!...

און מיטאַמאָל:

— מיט טרערן אין די אויגן האָט זי דאָך מיר פריער מעלעפאָנירט אין דערצאָילט, אז די ביזט גורניש אהאַימגעקימען שלופן...

מוישעלע האָט שוין מער ניט געהערט דעם שווערס רייד. די לעצטע פּאָר ווערטער זיינע, אז טאַניעטשקע האָט זיך באַקלאָגט אָף אים, האָט אים אָנגעדייט, אז קיינער ווייסט נאָך אפילו ניט וואו ער איז יאָ געווען. נאָך מער: אין דעם האָט ער דערפילט אַן אָנזאָג, אז זי, די אָנגעבלאָזענע טאַניעטשקע, וועלכע האָט אים ביז איצט פּאָשעט אָף די אויגן ניט געוואָלט לאָזן, — האָט זיך סאָף־קאָל־סאָף ארומגעזען, אז זי האָט אים בעעמעס ניט יושערדיק באַהאַנדלט און אז זי איז גרייט זיך איבערצובעטן. ער האָט זיך דעריבער אָנגענומען מיט מוט און גענומען אויסדערציילן דעם שווער וועגן אלץ וואָס ער האָט געהאַט אויסצושטיין פון איר. ער האָט אים איבערגעגעבן, ווי זי האָט אים באַהאַנדלט פון זינט דער כאַסענע ביכלאַל און, ספּעציעל איצט, נאָכדעם ווי ער האָט איבער דעם אומגעריכטן סטרייק געמוזט צוריקציען ביי איר דעם טשעק, וואָס ער האָט איר געהאַט געגעבן אָף צו קויפן ספּעציעל פאַר זיך פערזענלעך א נייעם אָטאָמאָביל:

— אז עס איז שוין ביי מיר אויסגעקומען פּונקט ווי שעקספּיר האָט געזאָגט, — האָט ער פאַרענדיקט מיט א ווערטל, — „אָדער גיב אהער דאָס פונטעלע פלייש, אָדער גיי זיך צו אַלדע רובעס״!...

דער אַלטער איז געזעסן מיט אַרונטערגעלאָזטע בליקן און שטאַרק פאַרטראַכט, אזוי ווי א ראָוו בעאַיס עפּעס א האַרבער דין־טוירע. עס האָט אויסגעזען, אז ער גלויבט אלץ, וואָס מוישעלע דערציילט אָף זיין טאָכטער, וועלכע האָט אים, דעם אלטן, ביז צו איר כאַסענע מיט מוישעלען, אויך מיסטאָמע זייער פיל צאָרעס איינגעטיילט. מיטאַמאָל, אז מוישעלע איז

פאַרטיק געוואָרן מיטן דערציילן, האָט זיך דער אַלטער ראַפּטאָווגע אויפגעשטעלט, ווידער אַ צי געטאָן פונעם ציגאַר און פעסט אַ זאָג געטאָן:

— ני מאַילע, וואָס סי געווען איז פאַרפאַלן!...איצט עסטע מיזן זען צי מאַכן אַ סאָף דערצי!...עסט זעך מיזן איבערבעטן מיט איר אין ציזאָגן מער ניש צי מאַכן קאַ לאַטיש געלעכטער!...

ער האָט גלייך אַ כאַפּ געטאָן דעם טעלעפאָן, אָפּגערופן דער טאָכטער און זי געהייסן שוין צוקומען צו אים אין אָפיס אַריין. דערנאָך, בעאַייסן אָוועקלייגן דאָס טרייבל, האָט ער אַ זאָג געטאָן צו מוישעלען:

— ני אַוואַדע, אַז דאָסט זי דאָך פין זינט דער כאַסענע אָפילע ניש גענומען צישן קאַ לאַטישע מענטשן...טאָמיד אַלאַין אין... אַזוי קאָן דוס וואַטער ניש אָנגיין!...אָדער דעסט מיזן ווערן אַ לאַט מיט לאַטן גלאָך אין קימען צישן לאַטישע מענטשן, אָדער דעסט זעך מיזן געטן מיט איר!...

מוישעלע האָט געהערט און מיטאַמאָל פריידיק אָפּגעענטפערט:

— נו, פון מיין זייט איז קיין מעניע ניטאָ!... וואָרים ווי האָט אַמאָל געזאָגט אונדזער הייליקער מוישע ראַבייני? — „מאַן און ווייב זענען ווי איין לייב”... וואָס גאָט האָט צוזאַמענגעפירט — דאַרף זיך ניט צעשיידן...

ער איז פלינק אַרונטערגעלאָפן, זיך צו לאָזן אַביסל אַרומשערן און אַרומגאָלן, קעדיי צו זיין פריש און שיין ווען טאַניעטשקע וועט אַרויפקומען. ער האָט זיך געפילט פריילעך און אויפגעלעבט. ער האָט זיך מיטן גאַנצן האַרצן גענומען גרייטן צו דער דאָזיקער באַגעגעניש, פונקט ווי ער וואָלט זיך געקליבן גיין אָנצוקוקן אַ קאַלע...

גאָט איז אַ פּאָטער

קיין רעליגיעזער מענטש איז מוישעלע בוימל ניט געווען שוין פון זיין פריסטער יוגנט אָן. נאָך קליינערהייט, אינעם שטעטל ביי זיך, ווען ער האָט זיך פאַרדונגען צו מיילעך דעם שניידער, האָט ער — ווי אַ קעמל, וואָס וואַרפט אַרונטער צום זומער די האָר פון דער פעל — אַרונטערגעוואָרפן פון זיך דאָס דאַוונען. עמעס, געווען איז עס ניט דערפאַר, וואָס ער זאָל זיך שוין דעמלט האָבן איבערצייגט, אַז עס איז ניטאָ קיין גאָט אויף דער וועלט, אָדער — יעדנפאַלס — אַז ער פאַרלאַנגט ניט מען זאָל פאַר אים דאַוונען, — נאָר פּאָשעט דערפאַר, ווייל ער האָט ניט געהאַט ווען דאָס צו טאָן. געאַרבעט האָט ער ביז שפּעט אין די נעכט אַריין און אין די פריע פאַרטאָגן שוין געדאַרפט אויפשטיין, קעדיי אויפצובלאָזן די פּרעס־אייזנס פאַר די אָנקומענדיקע באַלמעלאָכעס. מיילעך, דער באַלעבאָס זיינער, אַזוי ווי אים אַליין האָט עס ניט אָנגערירט, האָט זיך ניט ווּסנדיק געמאַכט וואָס מוישעלע דאַוונט ניט און אים אָפילע קיינמאָל ניט אויסגערעדט דערפאַר. שפּעטער, אַז מוישעלע איז שוין אַריין אין קליינעם בונד, האָט אים ערשט אַריע דער גרזעלן פּאָשעט געזאָגט, אַז עס איז נישטאָ קיין גאָט אויף דער וועלט, און מוישעלע איז געוואָרן אַ פריידענקער... ער פלעגט דאַן זאָגן,

אַז די נאַטור — דער עמעסער גאָט — איז ניט אַזוי פֿאַנאַטיש און גיט דעם מענטשן געזונט מיט פּאַרנאָסע, כאָטש מען דאַוונט אינגאַנצן ניט...

דאָ אָבער, אין אַמעריקע, איז מוישעלע פֿונדעסטוועגן יאָ פֿון צײַט צו צײַט געגאַנגען אין שול אַרײַן. עמעס, טאַקע אויך ניט מיטן אײגענעם ווילן, נאָר צוליבן שווער זײַנעם, דעם אַלטן טוירנער ענד סאָנס. יענער — אַ פּרעזידענט אין גאָטס טעמפּל, ווי ער אַלײן האָט זיך גערופֿן — האָט אים אָפּט מיטגענומען מיט זיך און עס האָט ניט געפּאַסט זיך אָפּצוזאָגן...

אָבער אַפֿילע דעמלט — האָט מוישעלע זיך באַרויִקט — איז עס געווען ניט אַזוי צוליבן דאַוונען, ווי צוליבן הערן דעם אַקטיאָר־קאַנטאָר פֿון דעם אידישן טעאַטער, וועלכער פֿלעגט אויסזינגען די טפֿילעס מיט פּאָפּולערע דזשאַז־מעלאָדיעס, אָדער מיט באַקאַנטע לידלעך פֿונעם טעאַטער. דערפֿאַר אָבער, האָט ער בעשום אויפֿן ניט געוואָלט ווערן קײן מעמבער אין טעמפּל גופֿע, כאָטש דער שווער האָט אים שטאַרק צוגערעדט דערצו...

איצט אָבער, אַז ער האָט זיך אָף דער אײגענער פֿעל איבערצײַגט ווי גוט און ווי נוצלעך עס איז, אויב מען איז פּערזענלעך יאָ באַקאַנט מיט גרויסע מענטשן און, ספּעציעל נאָכדעם ווי דער שווער האָט אים בעפּײַרעש אָנגעוויזן, אַז בלויז צוליב אָט דער פּערזענלעכער באַקאַנטשאַפֿט האָט ער באַקומען דעם אינדזשאַנקשאָן און געקאָנט ברעכן דעם סטרײַק, האָט ער, מוישעלע, זיך געלאָזט צורעדן און געהײסן זיך פֿאַרשרײַבן פֿאַר אַ מעמבער בײַם שווער אין טעמפּל. דערבײַ האָט ער גלײַך — אַלס אַ בײַשטײַערונג — אויסגעשריבן אַ טשעק אָף אַ גאַנץ היבשער סומע, אַזוי ווי דער שווער האָט געהײסן, קעדײַ זיך צו באַווײַזן פֿאַר מענטשן ווי עס געהער צו זײַן...

מוישעלע האָט איצט אָנגעהויבן אײַנזען, אַז דער שווער זײַנער איז טאַקע גערעכט געווען, בעאײס ער האָט געפֿלעגט טײַנען צו אים:

— אַ מענטש קאָניש טאַנצן אָף צוואַי כאַסענעס מיטאָמאָל! מע קאָניש זאַן מיטן פּונעם אײַן זאַך אין מיטן הארצן אַ צוואַיטע! מונעשעך — פֿלעגט ער זאָגן — ביסטע אַ באָס, טאָ לעיב ווי אַ באָס! שלוג זשע זעך אַראָס די נאַרישקײַטן פֿין קאָפּ, גאַי צישן לאַטן — עסטע אויך ווערן אַ לאַט!...

מוישעלען האָט זײער געשמײַכלט דעם שווערס אָנצוהערענישן, אַז ער, מיט זײַן „פּוירסאָנאַליטי" און כיטרען דרײַ־קאָפּ, — האָט גאָר אַ גרויסן שאַנס אַלײן ווען עס איז צו ווערן אַ צווײטער פּרעזידענט פֿון טעמפּל, אַ פּאָליטישן און — אַז גאָט זאָל נאָר ווען — נאָך עפּשער לויפֿן ווען עס איז פֿאַר קאָנגרעסמאַן, אָדער גאָר פֿאַר סענאַטאָר און...

— גאָט איז אַ פּוטער! — האָט ער אים געזאָגט, — וואָס ער וויל נאָר אַלײן, דוס קאָן ער טין!...

מער פֿון אַלעם האָט מוישעלען האַנאָע געטאָן דאָס, וואָס דער שווער האָט שאָלעם געמאַכט צווישן אים מיט טאַניעטשקען און אים פֿאַרזיכערט, אַז זי וועט זײַן אָ־רײַט צו אים. דערצו האָט ער אים טאַקע צוגעזאָגט צו פּראַווען אָף אײגענע קאָסטן אַ גרויסן באַנקעט, וואָס זאָל זײַן סײַ צו דעם איבערבעטן זיך, סײַ לעקאָוועד דעם דרײַ יאָריקן יובילײַ פֿון דער כאַסענע און — איבערהויפּט — צוליבן אַרײַנטרעטן אַלס מעמבער אין טעמפּל...

— יאָ, — האָט מוישעלע זיך אַליין געזאָגט, — גאָט איז טאַקע אַ פּאַטער! אַ סימען: — אין בלויז עטלעכע טעג האָט ער געמאַכט אַן עמעסע איבערקערעניש אין מיין גאַנצן לעבן!...

ער האָט דערפילט אַ פרומע שטימונג:

— און אַז גאָט זאָל נאָר װעלן, קאָן ער דאָך באַװייזן עמעסע ניסים מיט מיר! װאָרים װי זאָגט עס דאָרט דער הײליקער מאַכזער? — „קעבוימער בעיאַד האַיױצער"...אין זײַנע הענט געפינען זיך די דזשאָדזשעס און...

ער האָט זיך גענומען גרייטן צום באַנקעט...

* * * * *

צום אָװנט פון באַנקעט האָט זיך מוישעלע געפילט װי אַן עמעסער כאָסן. ער איז געװען אַזוי אויפגעלייגט און צו דער זעלבער צייט אַזוי נערװעז, פּונקט װי ער װאָלט געדאַרפט גיין צו דער כופּע. נאָך עטלעכע שאָ פאַרן באַנקעט האָט ער זיך אויסגעפּוצט אין זיין נייעם פראַק מיטן צילינדער־הוט, געלאָזט טאַניעטשקען אים אויסבינדן דאָס נייע באַל־שלייפל, װאָס זי האָט אים געקויפט אַ מאַטאָנע, און פאַררויכערט אַ ציגאַר פונעם קעסטעלע, װאָס דער שװער האָט אים צוגעשיקט לעקאָװעד דעם יאָנטעװ. דערנאָך האָט ער זיך אַװעקגעזעצט װאַרטן ביז טאַניעטשקע װעט פאַרטיק װערן מיט איר אייגענעם נייעם טואַלעט, װאָס ער האָט איר געקויפט...

ער איז געװען אויפגעהייטערט און פריילעך. פריילעך — װאָס שוין אַ װאָך צייט װי דער סטרייק ביי אים אין שאָפּ איז געענדיקט און װאָס די צװיי ערגסטע „טראָבל־מאַכער" זענען שוין איצט גוט פאַרפּאַקט אַף צו דריי כאַדאָשים יעדער, פאַר ניט אויספאָלגן דעם אינדזשאַנקשאָן. די נערװעזיטעט אָבער, אינעװייניק, האָט אים דאָך ניט אָפּגעלאָזט. ער האָט זיך ארומגעדרייט איבערן צימער מיט עפּעס אַזאַ אומקלאָרן געפיל, װאָס האָט אים געשראָקן. אומגעדולדיק האָט ער עטלעכע מאָל איבערגעלייענט די ספּעציעל געדרוקטע איינלאַדונג־קאָרטן, װאָס דער אַלטער טוירנער — צוזאַמען מיט טאַניעטשקען — האָבן ארויסגעשיקט צו די איינגעלאַדענע געסט, און זיך אַלץ ניט געקאָנט גלויבן, אַז דער דאָזיקער באַנקעט קומט טאַקע פאַר זיין קאָװעד װעגן און דערצו נאָך אינעם גרעסטן האָטעל פון שטאָט, — דאָרט, װאו ער האָט קיינמאָל ניט געװאַגט נאָענט צוצוגיין אַפילע...

זיין אויפרעגונג איז געװען אַזוי גרויס, אַז ער האָט אַפילע מוירע געהאַט צו ריזיקירן אַליין אָנצוטרייבן מיטן אָטאָמאָביל. און װייל זי, טאַניעטשקע אַליין, איז געװען אויסגעפּוצט אין אַ נייעם טייערן באַל־קלייד, מיט אַ שניי־װייסער, פוטערנער פּאַלערינע אַף זיך, און עס איז ניט פּאַסיק געװען — װי זי האָט געזאָגט — אין אַזאַ קליידונג אַליין צו טרייבן די מאַשין, — האָט ער געדונגען אַ טעקסי און צוגעפאָרן צום האָטעל.

אַף דער גאַס, פירנדיק טאַניעטשקען אונטערן אָרעם צו דער טעקסי, האָט ער געקוקט אַף איר מיט זשעדנע פרעסערישע בליקן און אַנגעקװאָלן פון איר רייצדיקער שיינקייט:

— טאַניעטשקע, — האָט ער שטיל און אומדרייסט איר אַ זאָג געטאָן און דערביי זי לייכט אָנגענומען ביי דער האַנט, פּונקט װי ער װאָלט נאָך

איצט אױך מױרע געהאַט, אַז זי װעט זיך — װי אַמאָל — אָנבראָגעזן, — איר... כ'מײן... דו... דו ביסט הײנט אַזױ שײן, קענעהאָרע, נאָר װי אַן עמעס פּרינצעסן... די דזשאַדזשעס מיט די גרױסע לײט דאָרט, האָב איך מױרע, װעלן זיך נאָך פֿאַרליבן אין דיר און...

זי האָט טרוקן געשמײכלט. מױשעלע האָט מער ניט גערעדט. מיט ציטערדיקע פֿיס האָט ער זיך אַרײנגעזעצט אין דער טעקסי און אים איז אַלץ אױסגעקומען עפּעס אַזױ מאָדנע, פּונקט װי ער װאָלט הײנטיקן אָװנט זיך גאָר געגאַנגען שמדן. עס האָט אים מיטאַמאָל גענומען שרעקן דאָס אומבאַװאוסטע און אומבאַקאַנטע...

דאָרט, אין גרױסן זאַל פֿונעם האָטעל, האָט ער זיך גאָר פֿאַרלױרן און זיך גענומען פֿילן זײער אומהײמלעך. דער אַלטער טױרנער — אין אַ קלײנער, זײדענער יאַרמלקע, װאָס ער האָט געטראָגן אױפֿן קאָפּ, ניט צוליב פֿרומקײט — האָט אים אַרומגעפֿירט איבערן זאַל און אים פֿאָרגעשטעלט פֿאַר די געסט, װעלכע האָבן זיך אָנגעהױבן צוזאַמענקומען מיט זײערע פֿרױען, אָדער געליבטע, און דערװײל, ביזן אָנהײב פֿונעם באַנקעט, זיך אַװעקגעלאָזט טאַנצן אונטער דער מוזיק פֿון אַ דזשאַז־אָרקעסטער. בײ יעדער נײער באַקאַנטשאַפֿט, ספּעציעל װען יענער איז געװען עפּעס אַ װיכטיקע פּערזענלעכקײט, האָט מױשעלע זיך שאַרף אײנגעגעסן מיט זײנע בליקן אין יענעמס פּנים און זיך געמאַכט עפּעס אַ סימן אין יענעמס אױסזען, קעדײ שפּעטער, אַז ער װעט זיך װען ס'איז צופֿעליק באַגעגענען מיט יענעם, אים לײכט צו קאָנען דערקענען. ביסלעכװײז האָט מױשעלע זיך אָנגעהױבן פֿילן אַלץ בעסער און צופֿרידענער. אים האָט האַנאָע געטאָן, בעאײס ער האָט זיך דערמאַנט אין שװערס טרײסט־װערטער:

— נישקושע, עסט זעך ציגעװאָינען!...עסט נאָר אַביסעלע זאַן צישן לאַטישע מענטשן, עסטע אַלאײן אַך נאָך װערן אַ לאַט!...

מיטאַמאָל האָט דער אָרקעסטער אױפֿגעשפּילט די האַטיקװע און דער אױלעם געסט — עפּעס נאָר װי אַן אױסגעהונגערטע סטאַדע שעפּסן — האָט זיך זשעדנע אַ לאָז געטאָן אין דערבײאיקן שפּײז־זאַל. מױשעלע איז פֿאַר אַ װײל געבליבן שטײן, זיך אײנגעהערט און אַ מורמל געטאָן צו זיך:

— אַ פֿײנע מעלאָדיע...אַבי אין בונד האָט מען געזאָגט...

* * * * *

בײם אַרײנקומען אין באַנקעט־זאַל, איז מױשעלע װי פֿריטשמעלעט געװאָרן פֿון די רײך־געדעקטע טישן און זיך דערפֿילט גאָר אומבאַקװעם, װאָס אים איז אױסגעקומען זיך צו זעצן אױבן־אָן, דאַװקע לעבן יענעם דזשאָדזש, מיט װעמען דער שװער האָט אים נאָר־װאָס באַקאַנט. יענער, דער דזשאָדזש, איז מױשעלען אױסגעקומען זײער קענטלעך, אָבער זיך בעשום אױפֿן ניט געקאָנט באַפּן װאו ער האָט אים פֿריער געזען. ער איז געזעסן אָנגעשטרענגט אַ צײט, ביז ער האָט זיך ענדלעך אַ כאַפּ געטאָן:

„אָ, דאָס איז דאָך ער, דער אײגענער דזשאָדזש, װעלכער האָט דאַן... קידין...אַ שאָד בלױז, װאָס איך האָב אים דעמלט ניט געקאָנט און"..

מיטאַמאָל האָט זיך מױשעלע פֿאַרשעמט פֿאַר זײנע געדאַנקען און װי

פארשולדיקט גענומען קוקן אף טאניעטשקען, פונקט ווי ער וואלט מוירע געהאט, אז זי פארשטייט וועגן וואס ער טראכט. ער איז געווארן אומרואיקער מיט יעדער מינוט און זיך ניט געקאנט קיין ארט געפינען. דערצו האט אים נאך גאר צעטומלט דאס, וואס ער האט ניט געקאנט באשטימען וואסער לעפל, אדער גאפל צו נעמען פון טיש, אף צום עסן די געוויסע שפייזן, וועלכע די קעלנער אין פראקן האבן געהאלטן אין איין צוטראגן. יעדעסמאל האט ער זיך מיט זיינע הילפלאזע בליקן געווענדט צו טאניעטשקען, אין דערווארטונג, זי זאל אים ווייזן וואס און ווי מען דארף עפעס טאן...

ענדלעך האט זיך דער מאלצייט פארענדיקט און עס האט זיך אנגעהויבן די אפיציעלע טייל פונעם באנקעט. דער טאסטמייסטער — א פריילעכער יונג — האט זיך גענומען וויצלען און זאגן כאכמעס. דערנאך האט ער גענומען איינטיילן קיבודים צו די געהויבענע געסט, וועלכע האבן איינער נאכן צווייטן געטרונקען טאסטן צו מוישעלע בוימל, אדער טאניעטשקען. יעדער איינער פון זיי האט געלויבט זייער גליקלעך צוזאמענלעבן און זיי צוגעוואונטשן גליק מיט פרייד אויך אף ווייטער.

מוישעלע האט זיך פלעגמאטיש איינגעהערט אין די געפוצטע רייד פון די פרעמדע מענטשן און אזש פארביסן מיט די ליפן, קעדיי ער זאל ניט ארויספלאצן אין א געלעכטער. ער האט געטראכט:

„ווי מאדנע מענטשן זענען!... ניט זיי קאנען אונדז, ניט זיי ווייסן אונדז, און דאך רעדן זיי... אפאנים, אז רייד מיינען טאקע גארניט"...

ער האט אינדערשטיל א זיפץ געטאן:

— נו מיילע, ווי האט עס אמאל דער באדיטשעווער גאון געזאגט? — „פון זייער מויל אין גאטס אויערן". זאל טאניעטשקע כאטש פון איצטער אן זיין אפילע א העלפט אזוי גוט צו מיר, ווי זיי ווינטשן...

ער האט מיט ראכמאנעס־אויגן א קוק געטאן צו טאניעטשקען ווי אין דערווארטונג, אז זי זאל אים געבן האפנונג און דערמוטיקונג דערויף. זי האט אבער ניט געקוקט צו אים. זי — האט ער געזען — איז גאר געווען פארנומען מיט עפעס אנדערש. מיט גרויס בידעש, ניט גלויבנדיק די אייגענע אויגן, האט ער באמערקט, ווי זי — מיט זייער פארזיכטיקע באוועגונגען — האט געלאזן געהאלטן אין ארונטערנעמען פונעם טיש עפעס א זילבערנע לעפעלע און ביגנייווע דאס גענומען שטופן צו אים, צו מוישעלען, אין דער האנט אריין:

— מאריס, — האט זי אים דערביי שטיל א שושקע געטאן, — נעם, לייג דאס אריין צו זיך אין קעשענע און...

מוישעלע האט אפאנים געוואלט עפעס איבערפרעגן, אבער פון גרויס אויפרעגונג ניט געקאנט קיין איינציק ווארט אויסרעדן. געדאכט האט זיך אים, אז ער כאלעמט, אדער אז טאניעטשקע האט עס בלויז אזוי א שפאס געמאכט. ער האט זיך אבער ווי ניט איז באדואיקט און — מער מיט די אויגן ווי מיטן מויל — שטיל א פרעג געטאן ביי איר:

— ???...

זי האט פלעגמאטיש געשמייכלט און שטיל א מורמל געטאן:

— ס'אַ־רייט... דאָס איז פאַר אַ סאָוועניר... פאַר אַן אָנדענק פונעם באַנקעט... אַזוי פירט זיך ביי אינטעליגענטע מענטשן...

מאָישעלע האָט געקוקט אויף איר און ניט געקאָנט פאַרשטיין:

„מאָדנע פירונגען ביי זיי", — האָט ער אַ טראַכט געטאָן.

געוואוסט האָט ער, אַז ביי זיין שטייגער מענטשן, ביי די פּראָסטע, ווערט אַזאַ זאַך אָנגערופן פּראָסט און פּאָשעט גנייווע. ער האָט אָבער מער גאָרניט געזאָגט. אים איז איצט אַלץ גיכע געווען פון טאַניעטשקען און ער האָט זיך דעריבער גענומען טרייסטן:

— מיילע נו, אַז אַלע באַ זיי טוען אַזוי, איז דאָך ניט שייך...

פאַרזיכטיק, אונטערן טיש, האָט ער דאָס לעפעלע פאַרוויקלט אין אַ טיכעלע און דאָס פאַררוקט צו זיך אין בוזים־קעשענע אַריין...

דער טאָסטמייסטער איז דערווייל ווייטער אָנגעגאַנגען מיט זיינע וויצן און פריילעכע רייד און פאַרגעשטעלט דעם אַלטן טוירנער, מאָישעלעס שווער. ער, אַלס ערשטער פּרעזידענט פונעם טעמפּל, איז באַגעגנט געוואָרן מיט פיל אַפּלאָדיסמענטן און הורא־געשרייען. דערפאַר אָבער דערנאָך, ווי נאָר ער האָט אַ הויב געטאָן זיין גלאָז מיט וויין און אָנגעהויבן צו רעדן, איז גלייך שטיל געוואָרן אינעם זאַל, אַז מאָישעלע האָט אַזש אָנגעהויבן הערן ווי זיין אייגן האַרץ קלאַפּט. דער אַלטער האָט גענומען אויסדערציילן דעם פאַרזאַמלטן אוילעם געסט וועגן די גרויסע מאַילעס, מאָישעלע בוימלס; וועגן זיין גוטהאַרציקייט און מענטשלעכקייט, און מיטאַמאָל — אויפהויבנדיק אינדערלופטן דעם טשעק, וואָס מאָישעלע האָט געשענקט פאַרן טעמפּל צו זיין אַריינטרעטן אַלס מיטגליד — פייערלעך אויסגערופן:

— פאַר אַ באַווייז פון זיין ברייטער גוטהאַרציקייט, קאָן דינען אָט־דער דאָזיקער טשעק, וואָס מיין געליבטער איידים און אונדזער נייער, געערטער מיטגליד, מיסטער מאָרים בוימל, האָט געשענקט פאַרן טעמפּל, לעקאָוועד זיין אויפגענומען ווערן אַלס מיטגליד!... טאָ לאָמיר זשע אַלע אויסדריקן אונדזער וואונטש און האָפנונג, אַז אויך אויף ווייטער זאָל ער פאַרבלייבן אַזוי ברייטהאַרציק צו זיינע מיטמענטשן, ווי ער איז עס היינט!...

ווי עס איז געווען צו דערוואַרטן, האָבן זיך אַ שאָט געטאָן געדיכטע אַפּלאָדיסמענטן פון אַלע געסט. אָבער... צוזאַמען מיט זיי האָט זיך פון ערגעץ אינדערהויך, פונעם באַלקאָן, מיטאַמאָל אַ טראָג געטאָן אַ שאַרף־קלינגענדיקע פרויען־שטימע, וואָס האָט זיך צעשפּרייט איבערן גאַנצן זאַל:

— ס'אַליגן!... מיסטער בוימל איז ניט מענטשלעך און אַוודע ניט גוטהאַרציק!... ער איז אַ בלוט־זויגער!... זיין נדאָווע איז גענומען פון אונדזער שוויס און בלוט!... יאָ, געערטע געסט, בעאַיס ער פּראַוועט דאָ פאַר אייך דעם באַנקעט און שטעלט זיך אַרויס פאַר אַ פיינעם מענטשן, — פּראַוועט ער ביי זיך אין שאָפּ הונגער און נויט פאַר אונדז און אונדזערע קינדער!... אונדזערע מענער פאַרשיקט ער אין טפיסע און...

איבער דער אומגעריכטקייט פון אָט דעם אויסרוף, איז איבערן זאַל מיטאַמאָל צעגאָסן געוואָרן אַ טויטע שטילקייט. קיינער פון די געסט האָט ניט פאַרשטאַנען פונהאַנען און פונוועמען דאָס איז געקומען. מאָישעלע

אליין — בלאַס און צעטומלט — האָט אַ הויב געטאָן זײַנע צעשראָקענע אויגן אַרויפֿצו, אין דער ריכטונג פֿונוואַנען די שטימע איז געקומען, און דערזען דאָרט, אויפֿן באַלקאָן, גלײַך אַנטקעגן זיך, אַ פּרוי מיט אַ מאַן. בײדע — אַרבעטער פֿון זײַן שאַפּ. זײ זענען געשטאַנען האַרט לעבן דער פֿאָרענטשע פֿונעם באַלקאָן און נאָכאַנאַנד געוואָרפֿן אין זאַל אַרײַן הייסע רייד, צוזאַמען מיט געדרוקטע בלעטלעך, וואָס האָבן זיך צעטראָגן אַרום און אַרום ווי ווייסע טויבן. מוישעלען האָט אָנגעהויבן בריען אונטער די טריט און עס האָט אים אַזש גענומען רייסן די צײן, ווי אַמאָל, נאָך אין זײַנע יונגע יאָרן, ווען ער איז נאָר־וואָס געוואָרן אַ מיטגליד אין דעם יוגנט־בונד און דער זשאַנדאַרם־פּאָלקאָווניק האָט אים אויסגעפֿרעגט וועגן די ערשטער־מאַי פּראָקלאַמאַציעס, וועלכע מען האָט אים געכאַפּט בײַם קלעפּן. ער האָט גענומען ציטערן און זיך געוואונטשן, אַז עס זאָל זיך עפֿענען אַ גרוב אונטער אים, אַז ער זאָל אַזוי קאָנען אײַנגעזונקען ווערן. ער האָט ניט געקאָנט אַוועקנעמען זײַנע אויגן פֿונעם באַלקאָן. עפּעס נאָר ווי זײ וואָלטן צוגעשמידט געוואָרן אַהינצו, אַזוי האָט ער זײ געהאַלטן שטאַר אָנגעשטעלט אויפֿן פּאָרל. מיטאַמאָל — האָט מוישעלע דערזען — האָבן עטלעכע פּאָ/־לייט זיך האַסטיק אַ יאָג געטאָן אויפֿן באַלקאָן צו די צוויי מענטשן און זײ גענומען אָפּרײַסן פֿונעם פּלאַץ, קעדײ זײ אײַנצושטילן. דאָס איז זײ אָבער ניט געלונגען. ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, האָבן זײ זיך פֿריער צוגעשמידט מיט קייטעלעך צו אַ סלופּ פֿון דער פֿאָרענטשע און ווײַטער אָנגעגאַנגען מיט זײערע אויסרופֿן. זײערע שטימעס — געמישט מיטן זידלערײ פֿון די פּאָליסלײַט און דעם געקלונג פֿון די קייטעלעך — האָבן זיך געהויבן אַלץ שטאַרקער און העכער:

— עס וועט אײַך גלאַט ניט אָפּגײן, מיסטער בוימל!...די גאַנצע וועלט וועט וויסן וואָסער פּײַנער, גוטהאַרציקער מענטש איר זענט און...

מוישעלע איז אַ צעקאָכטער אויפֿגעשפּרונגען פֿון זײַן פּלאַץ. בײַז האָט ער געהויבן זײַנע פֿויסטן אַנטקעגן די צוויי מענטשן און — ניט געקוקט, וואָס טאַניעטשקע האָט אים געפּרוּאווט אײַנהאַלטן און אַוועקזעצן — קימאַט היסטעריש געשריגן:

— נעמט זײ צו פֿון דאַנען, די אויסוואורפֿן!... פֿאַרשיקט זײ אין טפּיסע!... אַרעסטירט זײ!... וואָס שווײַגט איר?!...

די פּאָליסלײַט האָבן דערווײַל ענדלעך איבערגעזעגט די קייטעלעך בײַ דעם פּאָרל און זײ מיט גוואַלד גענומען אַרויסשלעפּן פֿונעם זאַל...

עס איז צוריק שטיל געוואָרן אין זאַל. דער באַנקעט איז שוין אָבער געווען אַ צעשמעטערטער. די געסט זענען געוואָרן אומגעדולדיק און צעטומלט. די פֿרויען זענען געוואָרן נערוועז און היסטעריש. אײנציקווײַז — אונטער פֿאַרשידענע אויסרײדן — האָבן זײ זיך גענומען געזעגענען און אין אײַלעניש פֿאַרלאָזן דעם זאַל צוזאַמען מיט זײערע באַגלײַטער...

* * * * *

אַהײם פֿונעם באַנקעט איז מוישעלע געפֿאָרן אַ בײזער און אויפֿגע־רעגטער. טאַניעטשקע אַליין איז געזעסן לעבן אים אַ שווײַגנדיקע און

אָנגעברויגעזטע. מוישעלע האָט פון דער זייט געקוקט אף איר און איז איז מיטאמאָל באַפאַלן אַ מוירע, אַז די געשעעניש אין זאַל זאָלן אמאָל ניט האָבן שלעכטע געווירקט אף טאַניעטשקען. ער האָט זיך געשראָקן, אַז איצט, נאָכדעם ווי ער האָט זי קוים צוריקגעווינען, וועט ער זי אַוואַדע גלייך ווידער פאַרשפּילן. ער האָט דעריבער מיט אַ לאַשטשענדיקער בניפּע גענומען רעדן צו איר און זי געפּרוּבירט באַרואיקן:

— צ'אַ־רייט, טאַניעטשקע, — האָט ער געשטאַמלט,— איצט האָב איך שוין גאָרניט קיין מוירע פאַר זיי!...איצט האָב איך אף מיין זייט גרויסע לייט, דזשאָדזשעס מיט לאַיערס און מען וועט זיי דערפאַר אָנלערנען!...

ער האָט אָבער גלייך דערפילט, אַז זיינע ווערטער קלעפּן זיך עפּעס ניט און אַז זיי מאַכן ניט קיין שום איינדרוק אף טאַניעטשקען. געזען האָט ער, אַז זי זיצט עפּעס אַזוי מאָדנע פאַרטראַכט, פּונקט ווי זי וואָלט גאָר געווען אף אַן אַנדער וועלט. ער האָט זיך צוגערוקט אַביסל נעענטער צו איר, פאַרזיכטיק זי געפּרוּוווט אָננעמען ביי דער האַנט און דערביי— מיט אַ געמאַכטן קוראַזש — אַ זאָג געטאָן:

— בוץ דעם, טאַניעטשקע, „דאַרלינג", וועל איך, איך אַליין איצט זיך אַ נעם טאָן צו זיי און זיי אָנלערנען דערפאַר, אַז...יאָ, איך...

גלייך אפן פּלאַץ האָט ער באַשטימט ביי זיך, אַז צומאָרגנס אינדערפרי, אַזוי גיך ווי ער וועט נאָר אַריינקומען אין שאָפּ אַריין, אַזוי וועט ער גלייך אָפּשטעלן די קראַפּט און לאָזן וויסן די באַלמעלאָכעס, אַז פון היינט אָן און ווייטער וועט ער זיי צאָלן בלויז צו פינף און פערציק סענט פאַרן אויפּנייען אַ שטיקל אַרבעט. „נישקאָשע", — האָט ער געטראַכט, וועט ער זיי זאָגן, —„היינטיקע שלעכטע צייטן איז דאָס אויך נאָך אַביסל צופיל"...

— יאָ, — האָט ער באַשלאָסן, — אַזוי־אָ וועט ער זיי זאָגן און זאָלן זיי ניט וועלן!... וואָרים ווי האָט דאָרט אַמאָל געזאָגט יעשאַיע האַנאָווי? — „די אידן האָבן ניט געוואָלט קיין מאַן עסן, טאָ זאָלן זיי עסן שטיינער"...

צופרידן פונעם דאָזיקן באַשלוס זיינעם, האָט מוישעלע זיך ווידעראַמאָל צוגעבויגן גאָר נאָענט צו טאַניעטשקען, אַזש זיינע ליפּן האָבן שיער ניט אָנגערירט איר הויט, און מיט אַ מאָדנע געלעכטערל גענומען איר שטיל אַריינמורמלען אין אויער אַריין:

— און יעדע פּעני, טייערע, וואָס איך וועל ביי זיי אַרונטעררעכענען, וועט זיין בלויז פאַר דיינעטוועגן...פאַר דיין פאַרגעניגן וועגן...

און גלייך זיך האָפערדיק צעשמייכלט:

— נישקאָשע, טאַניעטשקע, גאָט איז אַ פאָטער און... ניט נאָר איין אָטאָמאָביל וועסטו ביי מיר האָבן, נאָר גאַנצע דריי, ווי דו זעסט מיך אַ לעבעדיקן!... דריי אָטאָמאָבילן פון פאַרשידענע קאָלירן און... נאָך מיט אַן אייגענעם שאָפער!...יאָ...איצט וועל איך זיך פאַרנעמען אף אַן אַנדערן וועג:— מאַכן געלט!... אַ סאַך געלט!...

טאַניעטשקע האָט געשוויגן. פאַראַקשנט — ווי זי וואָלט אים אינגאַנצן ניט געהערט — האָט זי אַרויסגעקוקט דורכן אָטאָמאָביל־פענצטערל אין פינצטערן דרויסן אַרויס. מוישעלע איז געבליבן זיצן טרויעריק און

דערשלאָגן. דאָס נערווירנדיקע קוויטשען פון די גומע־רעדער איבערן גלאַטן אַספאַלט, האָט — ווי מיט מעסערס — צעשניטן די שטילקייט פון דער נאַכט. מוישעלע האָט שטאַר געקוקט אין פאַראויס פון זיך און זיך ווי פאַרטראַכט. מיטאַמאָל האָט ער זיך אַ צאַפּל געטאָן און גענומען מאָדנע בלאָנדזשען מיט די אויגן. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז עפּעס אַ ווייסע, דורכזיכטיקע און קוים־אָנזעבאַרע האַנט וואָלט זיך עפּעס אַזוי ווי געלאָזן אַריינגעצויגן דורכן אָפענעם פענצטערל פון דער מאַשין און מיט עפּעס אַזאַ אויסטערליש־בליציקער פאַרב גענומען אויסשרייבן אויפן שאָפערס ברייטער פּלייצע מאָדנע פייערדיקע ווערטער. מוישעלע האָט מיט זיינע בלאָנדזשענדיקע בליקן נאָכגעפאָלגט אָט די געהיימניספולע האַנט און ווי געלייענט אין זיך:

— עס וועט דיר ניט העלפן! — האָט זיך אים געדאַכט, ווי ער זעט די האַנט שרייבן אַ דראָענדיקע וואָרנונג, — דיינע אַרבעטער זענען איצט שטאַרקער פון דיר!...זיי האָבן זיך פאַראייניקט און...

אַ צעשראָקענער האָט מוישעלע זיך גענומען צוריקציען טיפער אינעם געזעס אַריין און זיך עפּעס אַזוי ווי איינגעקאָרטשעט אין זיך... פון זיין האַלדז האָט זיך מיטאַמאָל אַ גאָס געטאָן אַ צאַפּלדיק־שטיקנדיקער כאָרכל, וואָס האָט אַזש איבערגעשראָקן טאַניעטשקען. זי האָט זיך שאַרף אַ דריי געטאָן צו אים, צעשראָקן געקוקט אויף אים און אויסגעשריגן:

— גאָט מיינער! וואָס איז געשען מיט דיר, מאָריס?...וואָס איז...

ער האָט פאַרווירט אויפגעהויבן זיין האַנט, אָנגעוויזן אויפן שאָפערס פּלייצע און גאַווערדיק געשיפּעט:

— זע!...די האַנט...זי שרייבט... זיי שרייבן!...

טאַניעטשקע האָט בייז אַ וואָרף געטאָן מיט דער האַנט:

— שעמען מעגט איר זיך!...קימאַט גאָרניט געטרונקען און...

און גלייך ווי גאָרניט זיך צוריק אַוועקגעדרייט.

פון גאַס, פון ערגעץ גאַנץ ווייט, האָט זיך מיטאַמאָל דערטראָגן אַ מאָדנע שפּאָטיש געלעכטער ווי פון בלאָנדזשענדיקע שיקורים, וואָס האָבן אין דער שוואַרצער נאַכט אַריין צעגאָסן אַ הילכיקן אויסרוף:

— האָסט פאָרט פאַרשפּילט, בע־כע־כע!...פאַר־שפּי־אילט...

מוישעלע האָט זיך איינגעהערט אינעם געלעכטער, פאַרקרומט די ליפּן, ווי ער וואָלט וועלן מיטלאַכן, אָבער — פּונקט ווי געשטויסן פון עפּעס אַן אומבאַוואוסטער קראַפט — פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אויף טאַניעטשקעס אַקסל און זיך שמערצלעך פאַנאַנדערגעוויינט ....

....



ליפּע דער קליידער־סוּיכער

ליפּע גראָסמאַן איז א פלינקער, רירעוודיקער יונגערמאַנטשיק. דין — ווי א שטרוי, אָבער געזונט ווי א נוס. זיינע פלינקע, דאַרע פיס און רירעוודיקע הענט, האָבן — ווי דאָס מזל זיינס — ניט איינגערוט פאַר קיין מינוט. סיי ביי זיך אין געשעפט פון מענער־קליידער, וואָס האָט זיך געפונען ערגעץ אף א פאַרוואָרפענער גאַס, אין עק שטאָט, ביי די פאַבריקן, און סיי אין פּריוואַטן לעבן, ווייט פון האַנדל און געשעפט, — איז ער טאָמיד געווען פאַרפאַרעט און גערעדט קימאַט ווי אָן אָן אויפהער...

— א מזל אף שרויפן! — האָבן באַקאַנטע געזאָגט וועגן אים און אים הינטער די אויגן גערופן מיט א צונאָמען: — „ליפּע מיט די ליפּן“...

ער אליין, ליפּע, כאָטש ער האָט געוואוסט וועגן דעם, האָט זיך אָבער ניט געמאַכט דערוויס. ער האָט זיך געהאַט זיין טאַינע:

— זיי זענען מיך מעקאַנע, דערפאַר רעדן זיי...

און ער פלעגט זיך באַרימען פאַר זיינע פריינט, אז טאַקע דאָס מזל זיינס מיטן מויעך זיינעם — האָט ער צו פאַרדאַנקען זיין דערפאָלג:

— קיינער האָט מיר ניט געהאָלפן, — פלעגט ער זאָגן, — נאָר אָט די צוויי קיילים מיינע!...איך בין א „סעלף מעיד מען“...

און בעעמעס: טאַקע צוליב זיין רירעוודיקייט און — איבערהויפּט — צוליב דעם פלינקן מזל זיינעם, איז ער געווען זייער דערפאָלגרייך אינעם געשעפט און אין געציילטע עטלעכע יאָר דאָס עטלעכע מאָל פאַרגרעסערט. פון א קליין קרעמל, מיט א שמאָלער, געגלעזטער טיר צום אריינגאַנג, איז עס איצט ביי אים אויסגעוואַקסן צו א געשעפט מיט דריי ברייטע טירן און אכט גרויסע שפּיגל־פענצטער, וואָס האָבן אַרויסגעשיינט צו דער פאַרוואָרפענער, מאָרע־שכוירעדיקער גאַס פון אלטע ארבעטער־כורוועס, און מיט די מאַסן בלישטשענדיקע לאָמפּן אין זיי — זיי אויפגעלעבט.

די איינוואוינער פון יענער געגנט — דאָס ראָוו פּאָליאַקן און סלאַוון — ארבעטער פון די אַרומיקע פאַבריקן, האָבן געקויפט זייערע קליידער בא ליפּען און געווען צופרידן. דאָרט, ביי אים אין געשעפט, האָבן זיי זיך געפילט היימיש און פריי. ליפּע האָט גערעדט צו זיי אין זייער אייגענער, היימישער שפּראַך, מיט א געמיש פון פאַשעטע ענגלישע ווערטער, וואָס האָבן זיך געשאָטן פון זיין מויל, צוזאַמען מיט וויצן און גלייכווערטלעך.

פלינק און וואוילינגעריש האט ער פאר זיי אויסגעקליבן קליידער לויט זיין איינענעם געשמאק און זיי האבן גענומען — צי עס איז זיי יא געפעלן, צי ניט. ליפע האט שוין אזוי איינגערעדט, אז עס האט זיי געמוזט געפעלן...

און ליפע האט געקאנט איינרעדן!...ער איז עפעס אזוי ווי געבוירן געווארן דערצו. דער סוכער האט סאמעש ארונטערגעזונגען פון זיין פאנים. עס איז דאך געווען זייער מאדנע: אפילע פרעמדע, אומבאקאנטע מענטשן, וועלכע האבן אים, מעג זיין, געזען אפילע צום ערשטן מאל, איינדרויסן, אין פריוואטן לעבן, און גאנץ ווייט פון געשעפט,— האבן עפעס אזוי ווי גלייך דערפילט, אז ער דארף זיין עפעס א מין לעבעדיק סוכערל — א דרייער. מען האט זיך געוויינטלעך פארגעשטעלט, אז ער דארף אוודע שטיין ערגעץ אף א טראטואר אף מעין סטריט, אין דער סאמע ראשיקער געגנט פון שטאט, און דארט, פון א געשטעל ארונטער, פארקויפט ער שווינדלערישע מעציעס צו די פארבייגייער; א וואסערל אזא אף ארונטערצונעמען פלעקן פון מאלבושים און מאזאליעס פון די פיס, צי גאר עפעס אזא מאשינקע, וואס שניידט גלאז, עפנט פלעשער, קאנען און טוט נאך אנדערע זיבן־און־זיבעציק „נוצלעכע" ארבעטן ארום דעם הויז...

לויט ליפעס שטענדיקן שמייכלען איז קלאר געווען, אז ער אליין האט גרויס הנאע פון האנדל. מען האט געזען בעכוש, אז עס קומט אים צו א שטיק געזונט, אויב ניט דערפון, וואס ער האט פארקויפט א שטיקל סכוירע, איז זיכער דערפון, ווי אזוי ער האט עס פארקויפט...

זיינע קוינים האבן אים געקאנט און אפילע ליב געהאט. זיי האבן אים גערופן פאשעט ליפע, כאטש ער האט דאווקע געוואלט, אז מען זאל אים רופן לואי... און וויפל ער האט אלץ ניט אפגעדרוקט דעם נאמען לואי אף מעלדונגען און לעש־פאפיר־קארטלעך, וועלכע ער פלעגט אויסטיילן די קוינים, האט עס זיך אבער ניט צוגעקלעפט. זיי האבן אים אלץ גערופן מיטן זעלביקן נאמען, אזוי ווי ער האט נאך געהייסן, בעאיס ער האט צום ערשטן מאל געעפנט דאס קליינע קרעמל, וואו ער אליין איז געזעסן ביי אן אלטער זינגער־מאשין און געלאטעט די צעריסענע הויזן און רעקלעך, וואס זיי, די זעלביקע קוינים, האבן אין די ערעוו יאמים־טויווים, אדער שאבאסים, אריינגעבראכט צו אים צום פאריכטן...

איצט איז שוין גאנץ אנדערש. דאס פלאץ איז ניט צו דערקענען. די פארגרעסערטע קראם, צו וועלכער ער האט יעדעס יאר צוגעגעבן א שטיק, וואס ער האט אויסגעדונגען פון א שאכן, — איז אינגאנצן איבערגעבויט. אינעווייניק איז זייער שיין, כאטש אינדרויסן זעט דאס הילצערנע הייזל נאך אלץ אויס ווי איינצעפאלן. איבער דעם אלטן, צעלעכערטן דיל אין קראם, ליגט אוועקגעלייגט א געקעסטלטער לינאלעאום פון ראשיקע קאלירן. די ווענט זענען ארומגעשטעלט מיט לאקירטע דעמבענע קליידער־שאפעס, אין וועלכע עס הענגען אין רייען פילקאלירטע אנצוגן און מאנטלען. הינטער דער קראם, אין א טונקל צימערל מיט געגראטעטע פענצטער, שטייען צוויי עלעקטרישע ניי־מאשינען, ביי וועלכע עס זיצן צוויי עלטערע, איינגעבויגענע אידן, וואס נייען איין מאנזשעטן אף די הויזן, קירצן, פארשמעלן, אדער

— אויב נויטיק — לאָזן ארויס די פארנייטע נעט. אין א זייט שטייט א הינקעדיקער מאַן, א פרעסער, וועלבער טאַנצט קימאַט א גאַנצן טאָג מיט זיין קירצערן פוס אפן טרעטער פון דער פרעס־מאַשין און צעפּרעסט די ניי־געמאַכטע הויזן־מאַנזשעטן, אָדער צוגעפּאַסטע רעק. אין דער צווייטער זייט, ביים סאַמע פאַרגראַטעטן פענצטער, שטייט א נידעריקער יונגערמאַן, א הויקערל, מיט א פאַרליגטן קאָפּ אין א זייט און מיט א מאָס־בענדל אפן האַלדז. ער צייכנט מיט א קריידל איבער א פּאָר הויזן, וועלכע ליגן — ווי עפּעס א קאָרבן — אויסגעצויגן איבערן גרויסן טיש. אזוי ווי ער ווערט נאָר פאַרטיק מיט א שטיק אַרבעט, אזוי טוט ער עס א לייג צונויף אין א פּעקל און וואַרפט עס צו צו איינעם פון די באַלמעלאָכעס מיט א קוויטש:

— געדאַליע, גיב א באַק אָפּ די כאַלע! מען וואַרט דערויף!...

אָדער:

— בערל, טו א שיס אַרויס די באַלאַפּטע בען דויסע, ס'א ספּעשקע!...

און די מאַשינען מאַלן אָן און אָפּשטעל, פּונקט ווי ליפעס מויל...

* * * * *

ליפע אַליין מישט זיך קיינמאָל ניט אין וואַרשטאַט. דערויף גיט שוין אַכטונג דער יונגערמאַן, דאָס הויקערל. ער איז דאָרט קימאַט באַלעבאָס. ליפע אַליין איז טאָמיד אין פראָנט, איינעם געשעפט, און נעמט אויף די קוינים. ער באַגעגנט יעדן ניי־אַריינגעקומענעם מיט א ברייטן שמייכל און כאַפּט אָפּט אימיצן אַרום ווי עפּעס גאָר א נאָענטן, אייגענעם גאַסט:

— אָ, העלאָ סאָםיעד, זדראַוסטוואוי!... איי דיד'נט סי יו פאָר סאָטש עי דאָלגי טשאָם!...האו אר יוז...האו איז די פעמילי?...

דער קוינע דערפילט זיך גלייך יאַמטעוודיק, וואַרפט צו א „ספּאַסיבאָ", אָדער א „טענק יו" און טוט אומבאַקוועם א זאָג:

— גיוו מי, מיסטער ליפע, א כאַראָשי סוטיק פאָר מי!...

אָדער:

— דאַי, פּאַניע ליפּע, א דאָברי קאָסטיומטשיק, באָט מיט דוואַ פעיר פּענסיקי דליא מאָיעהאָ באָיטשיקאַ!...

ליפע נעמט גלייך אַרומפּאַדען אַרום דעם קוינע. ער בעט אים זיצן א וויל, איז אים מעכאַבעד מיט א סיגאַרעטל און — בעאַיס ער נעמט אים אַרונטער די מאָס — טוט ער אים א פרעג:

— נו, קאָק אַז טעביע ביזנעסי?...סטראַיקזויעש?...

און ניט וואַרטנדיק אָף קיין ענטפער, טוט ער זיך פלינק א דריי אָף א פוס אַרום זיך, כאַפּט א בליק איבער די לאַנגע שורעס אָנגעהאַנגענע מאַלבושים און — מיטאַמאָל, ווי ער וואָלט דאָרט דערזען עפּעס אַזעלכעס, וואָס ער האָט מוירע, אַז אַן אַנדערער זאָל עס אַמאָל ניט אויסכאַפּן פון אים איידער ער וועט עס באַווייזן צו נעמען — טוט ער א שפּרונג צו, כאַפּט עס אַרונטער פונעם הענגער, טוט עס וואָוויליונגעריש א שפּרייט אויס ביי זיך איבער דער אויסגעצויגענער האַנט, נעמט גלעטן די סכוירע און שרייט פריידיק אויס צום קוינע:

— איי מיסטער סאָםיעד, העוו איי גאָד פאָר יו א סוטיקל גאַנעוו, —

טאק אָנאָ יעסט פיערשי סאָרט ענד עקזועקטלי יור סײז, בײ גאָלי!...

ליפע וואַרט ניט ביז יענער וועט זאָגן, צי עס געפעלט אים, אָדער ניט. ער טוט א וואָרף אריבער דאָס קאָסטיומל צו זיך איבערן אקסל, נעמט פלינק ארונטערציען פון קוינע דאָס אלטע רעקל און, נאָך אײדער וואָס־ווען, האָט ער שוין אף יענעם ארויפגעצויגן דאָס נײע — פארקנעפלט אף אלע קנעפלעך. דערנאָך טוט ער פלינק א דרײ ארום דעם קוינע א צווײ מאָל ארום זיך, פירט אים צו צום דרײ־זײטיקן שפיגל און אלײן טרעט ער אָפּ עטלעכע טריט אף צוריק. אזוי שטײט ער א ווײל מיט פארלײגטע הענט איבער דער ברוסט, ווי יענעם צו באטראכטן, און טײנעט אײן צו אים קימאט באפעלעריש:

— לוק אין די מיראָר, דזשאני!... לוק!... איט פיטס יו דזשאָסט לאיק א כאַלע, אײ שוד ליוו סאָ!...

דער קוינע צעשמײכלט זיך. ער קוקט אין שפיגל אף זיך, טאַפּט מיט די שאַרסטקע, צעקאַרדאַשעטע פינגער די סכוירע, הויבט אויף די ברעגן פונעם רעקל, באטאַפּט דעם אונטערשלאג און וויל עפּעס זאָגן. ליפע טוט א לויף צו, פּאַטשט אים פרײלעך איבער דער פלײצע און שמײכלט:

— אײ עם טעלינג יו, סאָסיעד, דעט איט פיטס יו לאיק א כאַלע, יעי באָגן!...דזשאָסט לאיק א כאַלע!...

דער קוינע קוקט אים פארכידעשט אָן:

— לאיק טשטאָ, יו סעי?...

ליפע נעמט אים דערקלערן:

— לאיק א כאַלע! יו נאָו וואָט אײ מין: א כאַלע — א בראַיד, א יאָנג נעוויעסטקאָ!...

דעם קוינע טוט עס געווײנטלעך האנאָע. פונדעסטוועגן פרואווט ער נאָך אויפהויבן די הענט, באטאַפּט זיך אונטער די פּאַכוועס און, ווי מיט א פארשולדיקטער מינע, נעמט ער זיך בעטן:

— באָט איט׳ס טראָשקע טו סמאָל זדיעס, ליפע!...

ליפע טוט אף גיך א קנעפּל אויף דאָס רעקל אף יענעם און לאכט:

— סמאָל?!... דאָנט בי פולישׂ!... ווילסט דען, אז עס זאָל אף דיר ארומפאָרן?... דו ווילסט דאָך א סוט און ניט קײן קאָלדרע!...

דער קוינע לאָזט פארשולדיקט ארונטער די אויגן און טוט א פרעג:

— ענד האו מאטש עטאָ קאָשטויע?...

ליפע מעסט אָפּ דעם קוינע מיט די אויגן און — ווי ער וואָלט טאַקע ניט געהאוסט דעם פרײז — כאַפּט ער א קוק אפן קוויטל און זאָגט שטיל:

— דער ריכטיקער פרײז פונעם סוטל איז א גלײכער פינף־און־צוואַנציקער. אָבער אזוי ווי דו ביסט מײנער אן אלטער קוינע, וועט עס דיך קאָסטן ניט מער ווי זיבעצן דאָלאר מיט פינף־און־נײנציק סענט...

און אז ער דערזעט ווי דער קוינע מאכט א זויער פּאָנים, טוט ער א כאַפּ א בליק ארום זיך, מיקלוימערשט ווי צו זען, צי לעבן אים איז אמאָל ניטאָ קײן זײטיקער אויער און באלד בויגט ער זיך צו צום קוינע מיט א סוידעסדיק געמורמל:

— אָבער זאָלסט עס קיינעם ניט זאָגן. ס'איז פון אַ באַנקראָט און...

יענער צעעפנט די אויגן, באַטאַפּט ווידעראַמאָל די סבוירע און נעמט זיך שוין דינגען מיט ליפּען:

— אָ־רײַט...באָט מעיק איט, פּליס, אַ ליטל דעשעווליע...אָנאָ טראָשקע טו מאַטש!...

ליפּע ענטפערט אים דערויף ניט. אָנשטאָט דעם רופט ער צו צו זיך איינעם פון די מעשאָרסים, ווײַזט אים אָן אפן קוויטעלע און שמייכלט:

— זאָג שוין דו דעם מיסטער וויפל דער סוט איז געפּרײַזט!...

יענער קוקט מיקלוימערשט אפן קוויטל, כאַפּט דערבײַ אַ קוק פון זײַט אף ליפּען און ענטפערט מיט אַן אומשולדיקער מינע:

— וואַי, אָט שטייט דאָך קלאָר — פינף און צוואַנציק דאָלאַר!...

ליפּע שמייכלט ווי אַ זיגער:

— נו, איצט זעסטו שוין, סאָסיעדז?...דיך וועל איך דאָך ניט נאַרן!...

דער קוינע שטייט ווי אַ פאַרלוירענער און קראַצט זיך אין קאָפּ:

— בודעט פּיַטין דאָלאַראָוו ענאָף, ליפּע?...

ליפּע ווערט מיקלוימערשט ברוגעז:

— וואַט?...פּיפּטין דאָלאַרס?...מעגסט זיך שעמען, מיסטער!...

און מיטאַמאָל:

— יו נאָו וואַט אײַ'ל טעל יו? — אויב דו וועסט קאָנען קריגן אַזאַ סוטל ערגעץ אַנדערש פאַר צוואַנציק דאָלאַר אַפילע, זאָלסטו צוריקקומען צו מיר און איך וועל עס דיר געבן אינגאַנצן אומזיסט...דאָברע?...

לעפּיש ציט ער אַרונטער פונעם קוינע דאָס רעקל און טוט עס מיט אַ געמאַכטער בײַזקײַט אַ העגנ אַוועק אף אַ דערבײַיִקן הוק:

— פאַר פופצן דאָלאַר זאָל עס שוין בעסער בלייבן בײַ מיר!...

דער קוינע נעמט זיך רוקן צו דער טיר ווי אַ פאַרשולדיקטער. ליפּע לאָזט אים גיין. אָבער ווען יענער האַלט שוין די קליאַמקע אין האַנט, טוט ער אים אַ רוף צוריק מיטן קאָפּ, מיט די הענט און מיטן מויל:

— קאַם היר אַ ווײַל, סאָסיעדז!...ליסן: איך זע דאָך, אַז דאָס סוטעלע איז דיר געפעלן געוואָרן!...און אַזוי ווי דו ביסט דאָך עפּעס מײַן קוינע שוין ניט פון הײַנט, וויל איך, אַז דו זאָלסט זײַן צופרידן און...

פלינק טוט ער אַ נעם יענעמס האַנט אין זײַנער, ציט זי שטײַף אויס צו זיך, פּאַטשט זי איבער און גיט דערבײַ דעם קוינע אַזאַ שטאַרקן און אומגעריכטן צי צו זיך, אַז יענער טוט זיך אַזש אַ טרייסל:

— נו, אָ־רײַט!...איך וועל עס דיר אַוועקגעבן פאַר זעכצן דאָלאַר!... קײַן איין פּעני ביליקער!...גוט?...

דער קוינע מעסט נאָכאַמאָל אָן דאָס רעקל, הויבט ווידער זײַנע הענט אינדערהויך אַרויף, טאַפּט זיך אונטער די פּאַכוועס און קרימט זיך:

— אלע אָנאָ טראָשקע טו סמאָל רײַט היר!...

ליפּע שמייכלט:

— נאַרישקייטן! דאָס קאָנען מיר פיקסן!...מיר קאָנען אַלץ פיקסן!...

און ער טוט גלייך אַ געשריי צום הויקערל:

— בעני, קאָם היער א מינוט, פּליז!...

דאָס הויקערל לויפט אריין מיטן קאָפּ אָן א זייט און קוקט אַף ליפּען אין דערוואַרטונג. יענער מאַכט א וואַזשנע מינע:

— כאַפּ א קוק, בעני, וואָס אָט דער דזשענט דאַרף דאָ און מאַך אים עי גוד דזשאַב!...

און בעאַיס בעני מעסט דעם קוינע מיטן אָפּגעריבענעם מאָס־בענדל, אָדער צייכנט מיטן קריידל איבער זיינע פּלייצעס, שטייט ליפּע דערביי און ברומט אונטער:

— ער איז מיינער אַן אַלטער גוטער פריינט ענד אַן אָלד קאַסטימער! מעיק הים עי גוד דזשאַב, ניט קיין געפּושטן!...ער איז עס ווערט!...

בעני רעדט גאָרניט. ער קוקט בלויז אַף ליפּען מיט א פאַרביסענער ליפּ און מען קאָן זען, אַז ער איז בייז. ער וואַרפט אריבער דאָס סוטל צו זיך אַפן העכערן אַקסל, לאָזט זיך גיין אין וואַרשטאַט און נעמט זיך ביז מורמלען צו די אַנדערע באַלמעלאָכעס:

— סאַראַ ווערעמדיקן פּיסק דאָס האָט! ווי דאָס בלאָפט א וועלט!...

— און דאָס איז נאָך א איד צו די צאָרעס! — רופט זיך אָפּ איינער פון די שניידער, — אַזעלכע אידן וואָלט מען געדאַרפט, זעט איר...

— אַזוי איז שוין סאָכרעריי! — וואַרפט צו דער פּרעסער, — טשאַקען, רעדן און פאַררעדן...ניט אידישע סאָכרים זענען אויך ניט בעסער!...

ליפּע אַליין הערט קיינמאָל ניט וואָס די באַלמעלאָכעס רעדן. ער איז געוויינטלעך פאַרנומען מיטן קוינע. יענער ציילט אים אויס אַף דער האַנט אַרויף זעכצן איינציקע פּאַפּירלעך און נעמט זיך קראַצן אין קאָפּ, ווי ער וואָלט באַדויערט זיין האַרעוואַניע. ליפּע שטופּט פלינק אריין די צעקנאָדערטע פּאַפּירלעך צו זיך אין קעשענע און — צי עס איז אין קראָם יאָ פאַראַן א צווייטער קוינע, אָדער ניט — טוט ער הילכיק א רוף אויס:

— נעקסט, פּליז!...

* * * * *

ערעוו יאָמטעוו, ספּעציעל אין טאָג פאַר קריסטמעס, איז בא ליפּען אין קראָם אַן עמעסער יאריד. די טירן פאַרמאַכן זיך ניט א גאַנצן טאָג, פון פרי ביז אין אָוונט. קוינים קומען און גייען. טאַטעס מיט קינדער, פרויען מיט זייערע מענער, עלטערע מענטשן מיט זייערע יונגערע ברידער, —אַלע קומען זיי קויפן קליידער צו ליפּען. דריי ספּעציעלע מעשאָרסים מעסטן אָן קליידער, פּאַסן צו און דינגען זיך. ליפּע אַליין פאַרקויפט דעמלט ניט. ער לויפט בלויז אַרום פאַרשמייעט, וואַרפט אריין א וואָרט אַהין, א וואָרט אַהער און — אויב ער באַמערקט ערגעץ, אַז איינער דינגט זיך צו שטאַרק — לויפט ער גלייך אונטער, טוט א פרעג וועגן וואָס עס האַנדלט זיך און נעמט זיך מיקלוימערשט בייזערן אַפן מעשאָרעס:

— דעם דאָזיקן מאַן טאָרסטו ניט רעכענען דעם פולן פּרייז!...ער איז מיינער אַן אַלטער קוינע און באַקומט אַלעמאָל ביי מיר מיט א דריי דאָלאַר ביליקער פונעם רעגולערן פּרייז!...

אַמאָל לויפט ער גאָר צו, נעמט פּלוצלונג אַרונטער פונעם קוינע דאָס

מאלבוש, וואס דער מעשאַרעס האָט אים שוין געהאט אָנגעטאָן, און ער נעמט יענעם מיקלוימערשט אויסרעדן:

— אַ ניין!... דעם מאַן גיב אַ בעסער שטיקל סכוירע! הי איז אַן אָלד קאַסטימער!...גיוו הים וואַן פראָם די טאַבריכים־גודס, פון דאָרטן!...

און מיט אַ מינע, ווי דאָרט וואָלטן בעעמעס געהאַנגען בעסערע סאָרטן סכוירעס, צייגט ער אָן אויף איינער פון די שאַפעס. דער מעשאַרעס פאַרשטייט געוויינטלעך זיין שטיק און נעמט זיך גלייך פאַרענטפערן פאַרן קונה:

— ווערי סאָרי, מיסטער!...איך האָב ניט געוואוסט, אַז...

ליפע שמייכלט. ער פּאַטשט די קונים איבער די הענט, גיט באַפעלן דעם הויקערל ווי אַזוי צו מאַכן דאָס רעקל, אָדער די הויזן און ער נעמט זיך צזאַווינטשן דעם קונה:

— אַ מערי קריסטמעס ענד אַ העפּי ניו־איר, סאָסיעד!...

און ער לאָזט פלינק אַרונטער צו זיך אין קעשענע אַריין די הויפּנס פאַרשוויצטע גרינע פּאַפּירלעך, וועלכע ער נעמט צו פון די קונימס שווערע און פאַרמאַזאָליעטע הענט אַרויס...

* * * * *

שפּעט אין אָוונט, ווען די גאַס אינדרויסן איז שוין באַלד קימאַט אינ־גאַנצן יאָנטעוודיק און די מעשאַרסים אַלע — שוין אַוועק, נעמט ליפע זיך צום פאַרמאַכן דאָס געשעפט. ער פאַרשטעלט די טירן פון אינעווייניק מיט לאַדנס און אייזערנע פּרענטעס, פאַרציט די גרינע ליילעכער איבער די קליידער־שאַפעס און לעשט אויס די לאָמפּן. ער לאָזט ברענען בלויז אַ קליין לעמפּל אינמיטן קראָם — ווי אַ ניער־טאָמיד — קעדיי דער נאַכט־פּאָליסמאַן זאָל פון צייט צו צייט, בעאַיסן פאַרבייַשפּאַצירן, קאָנען כאַפּן אַ בליק אַריין אינעווייניק, צי דאָרט איז אַלץ אין אָרדנונג. דערנאָך קוקט זיך ליפע פאָרזיכטיק אַרום, פאַרשטופּט דאָס געלט צו זיך אין אַ ספּעציעלער גאַרטל וואָס ער טראָגט הינטערן העמד און כאַפּט זיך שטיל אַרויס דורך אַ זייטיקער טיר אינדרויסן אַרויס...

דאָרט, אין פראָנט פונעם געשעפט, וואַרט שוין געוויינטלעך אויף ליפען אַ טעקסי, וואָס קומט אים יעדעסמאָל אָפּנעמען. קיין אייגענעם אָטאָמאָביל — האָט ער נאָך ניט, אָבער ער האָפט, אַז אָט־אָט וועט ער דאָס פאָרט האָבן. ער רוקט זיך פלינק אַריין אין דער טעקסי, צעזעצט זיך באַקוועם, קימאַט איבערן גאַנצן געזעס און פאַרמאַכט די אויגן פון מידקייט. ער ליגט אַזוי פאַרטראַכט און פרואווט טרעפן וויפל געלט, אַ שטייגער, ער האָט דאָס היינט אַריינגעלייזט. ער קאָן דאָס אָבער בעשום־אויפן ניט באַשטימען אויף גענוי וויפל. ער ווייסט בלויז איין זאַך און ער מורמלט צו זיך:

— נו, אַלוואַי ווייטער — ניט ערגער!...

מיטאַמאָל ווערט ער גאָר אויפגעלייגט. עס באַפאַלט אים עפּעס אַ מאָדנע פרומע שטימונג און ער נעמט אַזוי ווי דאַוונען בײַ זיך אין געדאַנק:

— ביזט אַ גרויסער און גוטער גאָט, טאַטע אין הימל!...איך דאַנק דיר פאַר דעם גוטן מאַזל, וואָס דו האָסט מיר איינגעטיילט!...

און ער פאַרמאַכט מיט צופרידנהייט די אויגן זיינע...

* * * * *

„דערפאָלג"

דער טאָג, אין וועלכן די אכצן־יעריקע דזשין האָט געענדיקט הײַ־סקול, איז פאַר איר געווען דער גרעסטער יאָנטעוו אין איר לעבן. האָפנונגען — גרויסע און ווײַטגײַענדיקע, ווי געווײַנטלעך בײַ יונגע גערעטענע קינדער — האָבן פאַרפולט אירע געדאַנקען מיט פרייד. נאָר־וואָס, מיט א טאָג פריער, האָט זי בײַ א שיינהייט־קאָנ־טעסט אין איר סקול, געוואונען די ערשטע אנערקאָנונג. די ריכטער פונעם קאָנטעסט האָבן געזאָגט, אז אויב עס זאָל זיך ארויסווײַזן, אז זי פארמאָגט אזעלכע פײַאיגקײַטן צו דער סצע־נע, ווי עס איז איר פּאָנים און פיגור, — וואָלט זי זיכער אויפגענומען געוואָרן מיט אָפענע אָרעמס פאר א מואווי־אקטריסע. שפּעטער, א טאָג בלויז נאָכן קאָנטעסט, האָט זי דעם דאָזיקן עקזאמען אויך פײַן אויסגעהאלטן. אין דער שפּיל, וואָס די גראַדואירטע סטודענטן פון אָט־דער סקול האָבן דורכגעפירט, האָט זי זיך אויסגעצייכנט סײַ מיט איר האלטונג, סײַ דורך איר פײַנעם אויסטײַטשן די ראָלע און אויך מיט איר קלאָרער און אנגענעם־קלינגענדיקער שטימע...

א צופרידן־שמײכלדיקע איז דזשין געזעסן אנטקעגן דעם שפּיגל, אינעם קליינעם צימערל, וואָס איבער דער בינע פון סקול־אָדיטאָריום, און מיט א פעטער שמירעכץ ארונטערגעוואַשן דעם אָנגעלייגטן גרים פון איר פּאָנים. דורך אירע פארפעצטע, זשמורעדיקע אויגן, האָט זי געקוקט אין שפּיגל און זיך צוגעשאָקלט צום טאקט פונעם דזשאַז אָרקעסטער, וואָס האָט געשפּילט אונטן, אין אָדיטאָריום, און אָנגעגאָסן דאָס צימערל מיט מעשונעדיק־ווילדע און פארטויבנדיקע קלאַנגען...

הינטער איר, קימאט לעבן איר פּלייצע, איז געשטאַנען איר בעסטע פריינדין, איר סקול־כאַווערטע לילי, און — קוקנדיק אף איר אין שפּיגל — זיך אויך אונטערגעוויגט צום טאַקט פון דער מוזיק. מיטאַמאָל האָט זי, לילי, קינדיש־היסליי־ועסדיק א פּאטש געטאָן מיט די הענט און — קעדיי איבערצושרייען דעם טומל פונעם פּאַקס־טראָט — אפן קאָל א זאָג געטאָן:

— אָ, דזשין דאַרלינג! ערשט איצט זע איך, אז די ריכטער זענען טאַקע גערעכט געווען. ניט נאָר ביסטו שענער פון דזשין־האַרלאָו, נאָר... ביסט אויך א פּיל בעסערע קינסטלערן ווי זי!...

דזשין האָט ניט געענטפערט דערויף. איר האַרץ איז געווען פאַרפולט מיט פריידֿ, ווי א מענטש, וועמען מען האָט נאָר־וואָס אָנגעזאָגט א גוטע בסורע. זי האָט ווייטער געוויישט די גלאַנציקע פאַרב־פלעקן פון פּאָנים און דערביי יעדע ווייל אָנגעזויגן א נייע געקינצלטע גרימאַסע אף זיך. זי האָט יעדעסמאָל עטוואָס פאַרבויגן דעם קאָפּ אָן א זייט, זיך באַטראַכט פאַר א וויייל אין שפּיגל און אונטערגעשמייכלט...

ביסלעכווייז האָבן זיך אין שפּיגל באַוויזן אָפּגעווישטע פלעצער פון איר צעפלאַמט־רויטן פּאָנים. עס האָבן זיך גענומען ארויסשניידן אירע נאַטירלעכע ליניעס פונעם פּאָנים און עס האָבן לעבעדיק א גלאַנץ געטאָן די אויסערלעך נאָך אויסגעשמירטע און אונטערגעטונקלטע, אָבער די אינערלעך גאַנץ ליכ־טיקע און בלויע לוזיטערע אויגן...

זי האָט אַוועקגעלייגט דאָס האַנטעך און א צעשויבער געטאָן די גאָלדיקע האָר, וועלכע זענען ביי איר געווען פלאַך־גלאַטיק און צנואיש פאַרקעמט אף ארונטער, און ניט נאָכלעסיק־צעשויבערט ווי זי האָט זיי שטענדיק געפלעגט צו טראָגן. זי האָט מיטאַמאָל א זאָג געטאָן צו איר כאַווערטע:

— איז זאָגסטו, לילי, אז איך האָב היינט יאָ אויסגענומען?!...

לילי, ווי זי וואָלט נאָר געווען געוואַרט אף א געלעגנהייט אָפּצורעדן זיך פונעם האַרצן, — האָט אף גיך גענומען מאָלן:

— אָ, דאַרלינג, וואָס פרעגסטו נאָך? וואָרים האָסט דען א באַגריף?... דיין היינטיק שפּילן, קיד, האָט דאָך זיי אַלעמען פאַרשמעלעט, ערן וואָרט!... אַלעמען!...דעם פּרינציפּאַל און די געסט!...וואָס דאַרפסטו מער? איך האָב אליין געהערט, ווי דער פּרינציפּאַל האָט געזאָגט דיין מוטער, אז דו ביסט א גרויסער טאַלאַנט מיט א פּאַרטיקער קאַריערע און...

דזשין, וועלכע האָט זיך איבער דער צייט פון איר כאַווערטעס גיכע רייד צוגעפודערט דאָס פּאָנים און צוגעפאַרבט די ליפּן, האָט איבערגעשלאָגן:

— וועסטו, לילי, אַזוי גוט זיין מיר דערלאַנגען דאָס קליידל און מיר העלפן זיך אָנטאָן? מיר וועלן ארונטערגיין טאַנצן...

לילי האָט מיט א געמאַכטן כיינעוודיקן ברוגעז איר פאַרגעוואָרפן:

— וואָסער פראַגע, דאַרלינג? זיכער וועל איך דיר העלפן!...דערפאַר, אז דו וועסט אריין אין די מואַוויס, וועסטו מיך אויך ניט פאַרגעסן...

זי איז פלינק א שפּרונג געטאָן, געכאַפּט דאָס קליידל, וואָס איז פאַר־זיכטיק און אקוראַט געלעגן אריבערגעלייגט איבער א בענקל. זי האָט זיך א שפּיל געטאָן מיטן שניי־ווייסן זיידנס, וואָס האָט צאַרט געשורשעט און איר

האנט געקיצלט. זי האט עס אויסגעצויגן און צוגעטראגן איר כאווערטע מיט אזא באוועגונג, פונקט ווי זי וואלט באדינט א קעניגן. ווען זי האט דאס קליידל שוין געהאט אריבערגעווארפן איבער דזשינס אקסלען און דאס פארזיכטיק אויסגעגלייכט אף איר, האט זי אפגעטראטן עטלעכע טריט אף צוריק, זיך איינגעקוקט, ווידער א פאטש געטאן מיט אירע הענט און אין באוואונדערונג קימאט אזש אויסגעזונגען:

— א, דזשי!...ווי פראכטיק דו זעסט אויס אין דעם באל־קליידל!... איך קאן זיך וועטן, אז דו וועסט היינט זיין דער סטאר פונעם באל! די יונגען וועלן דאך זיכער די קעפלעך פארדרייען פאר דיר!... איך זע שוין, אז דו וועסט מוזן טאנצן מיט יעדן איינציקן פון זיי!...

דזשין — ווי זי וואלט זיך אפילע ניט צוגעהערט צו לילים רייד — האט זיך ווייטער געשפיגלט. איר פאנים האט געשיינט. עס איז קלאר געווען, אז איר הארץ צאפלט זיך פון אנגעלאפענער פרייד. אזא פרייד, וואס קומט געוויינטלעך, ווען מען פילט, אז מען האט דערפאלג און אנערקאנונג...

לילי האט אריינגעקוקט אין שפיגל הינטער איר:

— און איצט, דארלינג, וועסטו אוועדע אוועק קיין האליוואוד?!—האט זי א זאג געטאן מער צו זיך ווי צו איר.

דזשין האט טרויעריק א מאך געטאן מיט דער האנט:

— ביסט א קינד, לילי! ניט אזוי לייכט טוט עס זיך ווי עס טראכט זיך! אן ארעם קינד האט קליינע שאנסן! צו גרייכן עפעס מוז מען האבן פיל געלט און...מיין פאטער, ווייסטו דאך, גייט ארום אן ארבעט זינט...

— ער סטרייקט דען נאך אלץ?—האט לילי, ווי עס וואלט פאר איר געווען א נייעס, אומגלויבלעך אויסגעצויגן.

— או־הום!...

לילי האט זיך גענומען ערגערן:

— וואריס וואס וויל ער דען, דער פאפ דיינער?...דו האסט דאך מיר, דאכט זיך, געזאגט, אז זיין באס איז אנומלטן געווען זיך בעטן ביי אים, געוואלט אים געבן א העכערונג אפילע און...

דזשין האט א הויב געטאן מיט די אקסלען:

— נו, וויל ער ניט צוריקגיין, ביז דער באס וועט ניט אונטערשרייבן א קאנטראקט מיט דער יוניאן און צוריקנעמען אלע אנדערע ארבעטער...

— אויב אזוי, איז ער דאך עפשער שוין גארניט אזוי אומגערעכט, דער פאפ דיינער, האַ?...

דזשין איז שוין געשטאנען ביי דער טיר:

— גערעכט, אדער ניט, פאר מיר קיין טויווע איז עס זיכער ניט...

זי האט א מאך געטאן מיט דער האנט:

— פארשטייסט, דא איז ניט יוראפ! דא, אז מען האט א געלעגנהייט, דארף מען זי אויסנוצן און...מיין פאטער פארשטייט דאס ניט. ער זאגט, אז געלעגנהייטן האבן דא בלויז די רייכע. ער מאכט מיר שווער דאס הארץ! געראטענע ארבעטער־קינדער, זאגט ער, האבן א געלעגנהייט בלויז אין רוסלאנד. אבער נישקאשע: איך וועל אים באווייזן ווער עס איז גערעכט...

לילי האָט געשוויגן. זי האָט א קוועטש געטאָן דאָס עלעקטרישע קנעפּל, פארלאָשן דאָס לעמפּל און — צוזאמען מיט איר כאַווערטע — גענומען זיך ארונטערלאָזן פון די טרעפּ צום טומלדיקן אָדיטאָריום...

* * * * *

מיט דער דיפּלאָמע אין האנט, האָט דזשין, עטלעכע טעג שפּעטער, זיך אַוועקגעלאָזט איבער דער שטאָט זוכן ארבעט. איר געדאנק איז געווען:

„אָפּארבעטן א שטיקל צייט, קלויבן א דאָלאר צו א דאָלאר, דערוויילַ אויפנעמען א דראַמאטישן קורס און דערנאָך — מיט דעם טעאָרעטישן וויסן, פּלוס איר פּראַקטיק און שיינקייט — אַוועק קיין האָליוואוד״...

טעג און וואָכן האָט זי זיך געשפּייזט מיט פארשפּרעכנס — פּונקט ווי דער פאָטער האָט איר פאָראויסגעזאָגט. ענדלעך האָט זי דאָך אָנגעטראָפן אף א געשעפט פון ביליקע פרויען־קליידער, וואו מען האָט זי אויפגענומען, געהייסן אויסשרייבן א פראַגע־בויגן און איר געזאָגט, אז זי זאָל קומען אף צומאָרגנס נאָך א באַשטימטן ענטפער. אינעם אויפנאַם־אָפיס, האָט די יונגע פרוי, די פארוואלטערן, איר דערנאָך א זאָג געטאָן:

— אייערע ענטפערס זענען צופרידנשטעלנדיק. איר וועט זיכער ווערן אָנגעשטעלט. איר וועט בלויז דארפן געפעלן ווערן דעם באָס און...

דזשין האָט מיט דאנקבארקייט געקוקט אף דער פרוי און דערביי געפילט ווי איר ברוסט הויבט זיך פון גרויס פרייד:

„א טריט נעענטער צום ציל״. — האָט זי געטראַכט ביי זיך.

זי האָט שוין געוואָלט אַוועקגיין. די יונגע פרוי, אָבער, האָט מיט א ליבלעך שמייכעלע איר סוידעסדיק גענומען זאָגן:

— עס וואָלט געווען ראַטזאַם, מיס, אז איר זאָלט מאָרגן אהערקומען אין א שענערער קליידל, אין פיינערע זיידענע זאָקן און — אויב מעגלעך, — אין לאַקירטע שיך מיט הויכע, פראַנצויזישע קנאַפּל. איר פארשטייט... איר זעט אויס נאָך אביסל צו קינדיש אין דעם־א און...דער באָס האָט ליב, אז מען זעט אויס ווי א יונגע רייצנדיקע לעידי...אונדזער געשעפט...

א פארזאָרגטע איז דזשין אהיימגעפאָרן. איבערן גאנצן וועג האָט זי געטראַכט בלויז וועגן איין זאַך: ווי אזוי צו קריגן די נויטיקע עטלעכע דאָלאַר, אף צו קויפן דאָס נייע קליידל מיט די שיך און זאָקן. געוואוסט האָט זי, אז דער פאָטער האָט ניט קיין געלט. איבער דער צייט וואָס ער איז אין סטרייק, האָט מען אויפגעגעסן קימאַט אלץ וואָס ער האָט געהאַט אָפּגעשפּאָרט אין דער צייט וואָס ער האָט יאָ געארבעט. און אויב עס זענען נאָך אפילע יאָ פארבליבן עטלעכע דאָלאַר — האָט זי ערשט נעכטן געהערט, ווי דער פאָטער האָט זיך באַקלאָגט, — מוז מען זיי אויסציִען אף וויפל מען קאָן נאָר. „אָט״, — האָט זי געטראַכט, —„ווען דער פאָטער וואָלט ניט געסטרייקט, וואָלט זי אַוודע אינגאנצן ניט געדאַרפט גיין ארבעטן... דאַן וואָלט זי מיסטאָמע אַוועק אויפנעמען דעם קורס און״...

מיט א געמאַכטער פריילעכקייט איז זי אריין אין שטוב און אין איין אָטעם — מיקלוימערשט בלויז צו דער מוטער, נאָר מיט א קלאָרער אויס־רעכענונג, אז דער פאָטער זאָל עס הערן — דערציילט וועגן דער שטעלע,

וואס זי האט געקראגן און וועגן די פאדערונגען, וואס מען האט איר דארט געשטעלט. דירעקט האט זי אפילע קיין איינציקווארט וועגן געלט ניט דערמאנט. געהאפט האט זי, אז דער פאטער וועט ערגעץ זען לייען עטלעכע דאלאר און...ער וועט דאך אוודע ניט דערלאזן, — איז זי זיכער געווען, — אז אזא דזשאב זאל פארלוירן גיין איבער עטלעכע דאלאר, נאכדעם ווי זי האט אים אין אזא שלעכטער צייט קוים געקראגן...

דערפאר איז זי ווי געפלעפט געווארן, בעאיים דער פאטער, נאכדעם ווי זי האט געענדיקט, האט אן טראכטעניש אוועקגעלייגט די צייטונג פון האנט און — מיט א קרעכצעלע, ווי זיין שטייגער — א זאג געטאן:

— אמעריקע...טאקע א לאנד פון גאלדענע געלעגנהייטן, אבער אף קליידלעך דארף נאך אלץ דער גרינער טאטע געבן...נו יא, אין רוסלאנד וואלט טאקע אזא טאלאנטירטע און שיינע מיידל ווי דו, אף פריער גדארפט גיין פארקויפן קליידלעך פאר עפעס א באס, ערגעץ פאר עטלעכע דאלאר א וואך, איידער זי וואלט זיך געקאנט צו איר ציל דערשלאגן?!...

ער האט מיטאמאל א רעזיגנירנדיקן שמייכל געטאן:

— נו מיילע, איז עס דאך אבער אמעריקע און א דזשאב איז זיך א דזשאב! טא זאל דיר זיין מיט מאזל, טאכטער!...נו, און וועגן געלט אף קליידלעך — איז ווי יענער האט געזאגט, — אז מען מוז — מוז מען...

ער האט ארויסגענומען פון קעשענע עטלעכע צעקנייטשטע פאפירלעך, דערלאנגט דער טאכטער און צוגעגעבן:

— אט האסטו דא אכט דאלאר!...דאס איז אלץ, וואס עס איז אונדז געבליבן אף איבער א וואך פארנאסע!... אבער נישקאשע: מיר וועלן זיך שוין אוואדע ווי עס איז אן אייצע געבן...

און ווי א פארשולדיקטער א מורמל געטאן:

— ס'איז, עמעס, ניט קיין סאך...אבער אז וועסט א זוך טאן און קויפן דאס בעסטע פונעם ביליקסטן, וועסטו דערווייל קאנען דורכשטופן ביז וועסט אליין אנהויבן פארדינען...און דערנאך, אז עס וועט דיר גיין גוט, וועסטו זיך קאנען קויפן בעסערס...

צום ערשטן מאל פאר די לעצטע עטלעכע יאר האט דזשין דערפילט א פארלאנג ארומצוכאפן דעם פאטער און אים הארציק צעקושן. זי האט זיך אבער פארשעמט פאר דער אייגענער סענטימענטאלקייט און — אנשטאט דעם פאטער — זיך א וואָרף געטאן צו דער מוטער. צום פאטער האט זי בלויז שטילערהייט, מיט ארונטערגעלאזטע אויגן, צוגעווארפן:

— א דאנק, פא! אז איך וועל אנהויבן זען א דאלאר, וועל איך...

דער פאטער האט א מאך געטאן מיט דער האנט. זי האט צוגעגעבן:

— איך וועל עס ניט פארגעסן, פא, דו ביסט א דארלינג!...

זי האט אבער גלייך א ציטער געטאן איבערן ארויסגערעדטן ווארט. דערמאנט האט זי זיך, אז שוין לאנג, זייער לאנג, האט זי צום פאטער אזעלכע צערטלעכע רייד ניט באנוצט. זי איז אריין צו זיך אין צימער:

„ער איז דאך גארניט אזוי שלעכט, ווי עס האט זיך מיר געפלעגט אויסווייזן". — האט זי א טראכט געטאן. — „קאן גאר זיין, אז ווען ער

זאל נאר געווען האבן, וואלט אלץ דאן גאר אנדערש געווען"...

דערבײ האט זי זיך דערמאנט, וואסער שטארקן קאאס זי האט די לעצטע צײטן געטראגן אף אים, דערפאר, וואס ער האט איר שטענדיק דערצײלט, אז דארט, אינעם לאנד פונוואנען ער קומט, דארף אזא מײדל ווי זי ניט זארגן ווי אזוי איר טאלאנט צו אנטוויקלען; אז דארט איז פאראן אזא רעגירונג, וועלכע זארגט שוין דערפאר...איצט, אבער, האט זי — פארקערט — אים אפילע אנגעהויבן באוואונדערן פאר זײן גוטסקײט און פאר זײן פארשטײן איר הארץ. זי איז אים איצט אפילע גרײט געווען צו פארגעבן דאס, וואס ער סטרײקט מיט אזא פארביסענער אקשאנעס און וויל ניט צוריקגײן ארבעטן אן די אנדערע ארבעטער, כאטש דער באלעבאס בעט זיך בײ אים אזוי שטארק און איז אפילע אים גרײט צו צאלן מער געלט. פאר א וויל האט זי געטראכט בײ זיך, אז זאל זי נאר דערגרײכן איר ציל און ארײן אין די מואוויס, — וועט זי שוין דעמלט אפצאלן דעם פאטער סײ פאר די יארן פון ארבעט און סײ פאר די כאדאשים פון סטרײק. יא, פאר אלץ וועט זי אפצאלן!...

זי האט זיך אוועקגעזעצט, גענומען אויסגלײכן די גרינע פאפירלעך און עטלעכע מאל אפגעווישט פון זײ די טראפנס, וועלכע זענען געפאלן פון אירע טרערנדיקע אויגן ארונטער...

* * * * *

אן אויסגעפוצטע אין אירע נײע קלײדער איז דזשין דעם באס געפעלן געווארן נאך מער ווי זי אלײן האט זיך פארגעשטעלט. ער האט איר געגעבן קאמפלימענטן און געזאגט, אז זי האט א גרויסע צוקונפט. דערנאך, אז זי האט שוין געהאלטן בײם אוועקגײן, קעדײ אף צומארגנס קומען ארבעטן, האט ער זי באגלײט צו דער טיר פון זײן אפיס און צערטלעך צוגעגעבן:

— עס איז עמעס, מיס רובין, אז צען דאלאר א וואך איז ווינציק פאר אזא וואוילער מײדל ווי איר, אבער...דאס איז בלויז פאר די ערשטע זיבן וואכן, ביז איר וועט זיך ארײנלעבן אין געשעפט און זיך אויסלערנען...אף דער אכטער וואך אבער, אזוי ווי איר וועט זיך נאר נעענטער באקאנען מיט דער ארבעט, וועט אײער געהאלט צוביסלעך געהעכערט ווערן, ביז...

אף צומארגנס איז שוין דזשין געשטאנען אין געשעפט און אכטונג געגעבן אף די פרויען, וועלכע האבן אלײן געקליבן די קלײדלעך פאר זיך. מיט געמאכטן געדולד און אנגעשטעלטער אײדלקײט, פונקט ווי מען האט זי געלערנט בײ די סטעף־מיטינגען אין אפיס פון געשעפט — האט זי קאלטבלוטיק אויסגעהערט די טאינעס, די דינגענישן, און מיט אן איבערגעטריבענער פרײנטלעכקײט געשמײכלט צו די קוינים...

מעכאניש, ווי א פאנאגראף־פלאטע, האט זי אויסגעזונגען לויב־רײד פארן באס און פאר זײן סכוירע, כאטש זי אלײן האט שוין גאנץ גוט געוואוסט, אז דאס ראוו קלײדלעך זענען טאנדײטע, פארלעגענע סכוירעס, וואס זענען ניט ווערט אפילע א העלפט פונעם גערעכנטן פרײז. איר איז געלעגן אינזינען אײן אײנציקע זאך:

„איבערקומען די טעג ווי ס'איז, קעדײ שפעטער, ווען זי וועט באקומען די פארשפראכענע העכערונג, אנצוהויבן אין די אוונט איר שטודיום"...

דאָס האָט זיך אָבער גאָר אינגיכן אַרויסגעוויזן פאַר ווייטער ווי זי האָט געטראַכט. אין די אָוונטן איז זי געווען אויסגעשעפּט און מיד...

געדולדיק איז זי גאַנצע טעג געשטאַנען אַף איר פּלאַץ אַפן לייטערל, אַכטונג צו געבן אַף די פּרויען־קוינים, אַז זיי זאָלן אַמאָל ניט אַריינ־שטופּן צו זיך אין בוזים אַ קליידל. דעמלט — צי פון דער אָנגעזאַמלטער שטיקענישׂ, וואָס האָט זיך דאָרט געהויבן צום סופיט, צי גאָר איבער דעם קעסיידערדיקן אָנגעשטרענגטן קוקן — האָט זיך אָפט ביי איר דער קאָפּ אַזוי פאַרדרייט, אַז עס האָט זיך איר געדאַכט, אָט־אָט און זי פאַלט אַרונטער...

זי האָט זיך אָבער געהיטן דאָס ניט אַרויסצעווייזן. די אויפזעער זענען אַרומגעגאַנגען ווי די שפּיר־הינט, געשמעקט און געוואָרפן פאַרגאַנווטע בליקן אַרום און אַרום. און טאַמער האָט אַזאַ באַמערקט, אַז ערגעץ אַ מיידל איז עפּעס ניט אַזוי־אַ, איז ער גלייך אויסגעוואַקסן לעבן יענער און גאַנץ קאַלטבלוטיק איר אַ זאָג געטאָן:

— איר פילט זיך ניט גוט?!...איר וועט דאַרפן נעמען אַ וואַקאַציע!...

וואָס דאָס האָט געמיינט, האָט דזשין שוין געהאַט אַ געלעגנהייט צו זען. אַ מיידל, וועלכע האָט זיך געפילט שלעכט און מען האָט זי אַרויסגענומען אין אָפּרו־צימער, — איז שוין מער צו איר פּלאַץ ניט צוריקגעקומען...

דערפאַר, ווען אַן אויפזעער האָט זיך נאָר דערנעענטערט צו איר, האָט זי דערפילט ווי די בלוטן ווערן ביי איר מאַמעש פאַרקילט פון גרויס שרעק.

אָבער ערגער פון אַלעם איז געווען אין די אָוונטן, שוין נאָך דער אַרבעט. דעמלט, בעת די קראַם איז שוין פאַרמאַכט געווען און קיין נייע קוינים זענען שוין מער ניט אַריינגעלאָזט געוואָרן, האָט דזשין — פּונקט ווי אַלע אַנדערע מיידלעך — זיך ערשט געדאַרפט אַוועקשטעלן גלייכלייגן די צעוואָרפענע קליידלעך פון איבערן טאָג און זיי צוריקהענגען אַף זייערע פּלעצער. דאָס איז געטאָן געוואָרן, קעדיי די מאָרגנדיקע קוינים זאָלן ניט קאָנען דערקענען אַז זיי זענען ווען עס איז אַפילע באַריִרט געוואָרן פון אַ מענטשלעכער האַנט. דאָס איז פאָרגעקומען אָוונט נאָך אָוונט. דאַן האָבן שוין ביי איר די פיס אַזוי געברענט, עפּעס נאָר ווי די שיך וואָלטן געווען אָנגעגליטע אייזנס. די הענט זענען אַרונטערגעהאַנגען ווי שווערע קלעצער. די לונגען האָבן געלעכצט נאָך אַביסל פרישער, דרויסנדיקער לופט. די אויגן האָבן געגליט. אָפט האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז דער נידעריקער סופיט פון קראָם פאַלט אָט־אָט צו דער ערד און...

ביי אַזאַ צושטאַנד האָט דזשין שוין אַפילע ניט געקאָנט טראַכטן וועגן אויפנעמען דעם נויטיקן דראַמאַטישן קורס. זי האָט זיך בלויז געטרייסט, אַז עפּשער שפּעטער, ווען זי וועט באַקומען די העכערונג, און דאַן...

אָבער ביים סאָף פון דער זיבעטער וואָך איז אַן אויפזעער מיטאַמאָל צוגעלאָפן צו דזשין'ען און געשעפטמעסיק איר אַ זאָג געטאָן:

— מיס רובין, מעלדעט זיך גלייך צו מיסטער גראָפן אין אָפיס!...

דזשין האָט דערפילט, אַז זי איז רויט געוואָרן. די הענט און די פיס האָבן ביי איר אָנגעהויבן ציטערן. זי האָט איבערגעגעבן עטלעכע קליידלעך אַ קליינינקייטן דער נייער מיידל, וועלכע איז שוין זינט עטלעכע טעג געשטאַנען לעבן איר,

בײם זעלביקן געשטעל, און זיך געלערנט, פונקט װי זי האָט עס געטאָן בעאײס זי איז אָנגעקומען. זי האָט זיך צוגעפּודערט און איז ארויף צום באַלעבאָס אין אָפיס.

זי האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר. דער באָס, דער זעלביקער, װאָס האָט זי געהאַט אויפגענומען אײדער זי איז אָנגעקומען אין געשעפט, איז געזעסן אין זײן שטול לעבן דעם מאָדערניסטישן שרײב־טיש און — אזוי גיך װי זי איז נאָר ארײנגעקומען — איר אָנגעװיזן אף א שטול לעבן זיך:

— זיצט, מיס רובין! — האָט ער איר אײדל א זאָג געטאָן.

פון זײן װײכן באַנעמען זיך האָט דזשין דערפילט א דערלײכטערונג. א פרײדיקער ציטער איז דורכגעלאָפן בײ איר אין הארצן און עס האָט איר אַזש פארפעלט אָטעם פון דער דערװארטעטער איבערראַשונג. דער געפיל — ענלעך צו יענעם, װען זי, נאָכדעם װי זי האָט פארענדיקט הײ־סקול, האָט זיך צופעליק דערװאוסט אין פאַראויס, אז אירע באַװערטעס גרײטן א סורפּרײז־פּארטי פאַר איר׳טװעגן, אָבער פונדעסטװעגן זיך געדאַרפט מאכן ניט װיסנדיק און געדארפט ארײנגײן צו דער פּארטי מיט אַן אָנשטעל װי צו אַן עמעסער איבערראַשונג. זי, דזשין, איז געװען זיכער בײ זיך, אז דאָס גײט איר דער באָס איצט אָנזאָגן די גוטע בסורע, אז פון דער קומענדיקער װאָך אָן װעט איר געהאַלט געהעכערט װערן, װי פאַרשפּראָכן, און עפּשער נאָך, אַז זי באַקומט א העכערע שטעלע...א לײכטערע ארבעט און...

זי האָט זיך צוגעזעצט. דער באָס האָט גערעדט:

— מיס רובין, — האָט ער אײדל געצויגן, — איך האָב אײך גערופן, װײל איך װיל אײך פּערזענלעך לאָזן װיסן, אז מיר זענען זײער צופרידן פון אײך! אין די עטלעכע װאָכן װאָס איר זענט פאַרבונדן מיט אונדז, האָט איר װירקלעך באַװיזן צו באַהערשן די טעכניק פון דער ארבעט װי געהעריק און ביכלאַל געטאָן אלץ אזוי צופרידנשטעלנדיק, װי עס איז די פּאָליסי פון אונדזער אינסטיטוציע...

דזשין האָט פארקװעטשט איר ברוסט, אז זי זאָל זיך אזוי שטארק ניט הויבן פונעם פרײדיקן אומגעדולד. אירע אויגן זענען אַזש אָנגעלאָפן מיט טרערן פון פרײד. דער באָס איז אָנגעגאַנגען:

— יאָ, מיר זענען זײער צופרידן פון אײך! און טאַקע דערפאַר האָב איך פּערזענלעך אײך געװאָלט פאַרזיכערן, אז עס פאַרדריסט מיך שטארק, װאָס מיר — איבער דער אומדערװארטעט־שלעכטער צײט און שלעכטע געשעפטן — זענען געצװאונגען פּרײצולאָזן א צאָל אָנגעשטעלטע אף אַן אומבאַשטימטער צײט...מיר פאַרזיכערן אײך אָבער, אז אזוי גיך װי מיר װעלן זיך נאָר נויטיקן אין צוריק פאַרגרעסערן דעם פּערסאָנאַל, װעט איר זיכער זײן פון די ערשטע גערופן צו װערן...

פאַר דזשינס אויגן איז מיטאַמאָל פינצטער געװאָרן. א מאָדנער פּײן־געפיל האָט זי באַװעלטיקט. זי האָט ניט געקאָנט באַשטימען בײ זיך, צי זי איז װאָך און הערט עס טאַקע אף דער װאָר, צי זי חלומט עס גאָר אזוי. זי האָט שוין אפילו מער ניט געהערט די װײטערדיקע רײד פונעם באָס. זי האָט בלויז געפילט װי איר האַנט באַװעגט זיך עפּעס אזוי מעכאַניש איבער

פאפיר, ווי זי שרייבט אונטער איר נאמען און נעמט מיט עפעס אזא מאדנער גלייכגילטיקייט דאס קאנווערטל מיט געלט, וואס דער באס האט איר דערלאנגט, אנשטאט דעם וואס שטענדיק פלעגט זי דאס קריגן פון אן אפיס־מיידל, אין די דינסטיקס, אונטן, אין קראם, לעבן דעם געשטעל וואו זי האט געארבעט. ווי דורך א נעפל האט זי געזען, ווי דער באס האט זיך אויפגעשטעלט פון זיין פלאץ, איידל זי אנגענומען ביים ארעם און זי צוגעפירט צו דער טיר:

— גוד ביי, מיס רובין, — האט ער צוגעווארפן, — עס טוט מיר לייד, אבער...ניט געזארגט...מיר וועלן זיך נאך אוודע זען מיט אייך...

* * * * *

די ערשטע מינוטן האט דזשין ניט געוואוסט וואס צו טאן. דער קלאפ איז געקומען אזוי אומדערווארט, אז דער קאפ אירער איז שיער געפלאצט. זי איז געשטאנען אומבאוועגלעך אנגעלענט אן דער וואנט פון קארידאר און שטאר געקוקט צום גרויסן, צעעפנטן פענצטער. מיטאמאל האט זי זיך דער־מאנט, אז ערשט מיט א צוויי וואכן צוריק, האט א מיידל, וועלכע מען האט אויך אוועקגעשיקט פון דער ארבעט, זיך דא ארויסגעווארפן דורך אט־דעם פענצטער אף דער גאס ארויס און...דזשין האט צעשראקן א געשריי געטאן און זיך און מיט האסט אפגעקערט אירע בליקן פונעם פענצטער, פונקט ווי זי וואלט זיך געוואלט ראטעווען פון א פארפאלגער. זי האט זיך גענומען וואקלען אף אירע פיס, וואס זענען ביי איר מיטאמאל געווארן אזעלכע שווערע און קאלטע, און — אן איבערטראכטן זיך — ווילנלאז און געלאזן גלייך זיך גענומען ארונטערלאזן פון די טרעפ...

* * * * *

דזשין איז געגאנגען ווי א פארחירטע. מאדנע געדאנקען זענען געקראכן צו איר אין קאפ אריין און געעגבערט אן אויפהער:

„וואס זשע וועט איצטער זיין?...וואס וועט זי איצטער טאן?"...

פאר א סעקונדע האט זי אפילו געהאט אפגעמאכט ביי זיך:

„זי וועט מער ניט אהיימגיין!...זי וועט אנטלויפן!...אנטלויפן, קעדיי ניט צו דארפן דורכלעבן די שאנד פון איר דורכפאל"...

אומבאוואוסט פאר זיך ווי אזוי זי האט עס געטאן, איז זי ארויס אף דער גאס און געטראכט וואוהין זיך צו פארנעמען. צו איר איז מיטאמאל צוגעגאנגען א מיידל:

— איר וועט מיר אנטשולדיקן, דזשין, — האט יענע, פריינטלעך און פראסט א זאג געטאן, — איך זע, אז איר זייט אן אפגעזאגטע...

דזשין האט א ציטער געטאן. זי האט לעבאטכילע ניט באגריפט וואס יענע וויל פון איר און פונוואנען זי קאן זי ביים נאמען. זי האט געשוויגן. די מיידל האט ווייטער גערעדט:

— און אויך פונקט ביים סאף פון דער זיבעטער וואך?!...פונקט דאן, ווען מען האט אייך לויטן צוזאג געדארפט העכערן דעם געהאלט?!...

דזשין האט א טיפן שלוכץ געטאן. זי האט זיך איינגעקוקט אין דער מיידל און...זי האט זי דערקאנט:

— א, דאס זייט איר, סאניע?...איר — אויך?...

יענע האט א שמייכל געטאן:

— יא, איך אויך... זיבן װאכן אפגעארבעט, װי איר, און איצט...

— דאס איז דאך אבער ניט יושערדיק און אויך ניט ריכטיק! — האט דזשין אזוי װי א מורמל געטאן צו זיך. — דאס איז דאך...

סאניע האט געלאכט:

— נו, אװאדע איז עס ניט יושערדיק און ניט ריכטיק! אבער...װאס מיינט דען אזעלכעס יושער פאר מיסטער גראסן און זיין גלייכן?...

— עס איז דאך אבער געװען אן אפמאך...

— נו, װעט איר אים רופן קנאקניסל!...אזוי־א פירט ער שוין זיינע געשעפטן!... ער נעמט צו מיידלעך, זאגט זיי צו גאלדענע גליקן און אז עס קומט די צייט...אבער, אז מיר לאזן זיך — מעג ער עס טאן...

דזשין האט װי א פארלוירענע אויסגעשטעלט אירע אויגן אף סאניען:

— ???...

יענע האט אנגענומען דער װילנלאזער און גלייכגילטיקער דזשין אונטער אן ארעם און איז אװעק מיט איר צום ראג גאס, אין א קאפע. דארט האט זי זי איינגעזעצט װי א קינד ביי א טישל, צוגעטראגן קאװע מיט א לייבטן צוביס פאר זיך און פאר איר און, װען דזשין איז שוין געװען עטװאס בארואיקט, א זאג געטאן צו איר:

— איז דענקט איר, הייסט עס, אויך, אז דאס איז ניט ריכטיק?! — האט זי מיט איר שארפן, אבער צארטן בליק, גענומען קוקן אין דזשינס אויגן אריין. — נו, איז װעט איר דאס דערלאזן און פארשװייגן?...

דזשין האט זיך עפעס אזוי װי גענומען בעטן:

— אבער װאס קאן איך דען טאן דערצו?...

פון אירע פארטרערטע אויגן האט זי געזען דאס ליכטיק־פריינטלעכע פאנים סאניעס, װאס האט צו איר אזוי מאמעדיק־ליבלעך גערעדט. זי האט צום ערשטן מאל זי געהערט רעדן, כאטש זיי האבן פאר גאנצע זיבן װאכן צייט געהאט געארבעט צוזאמען, קימאט א געשטעל לעבן א געשטעל. פון די דאזיקע רייד האט דזשין דערפילט א דערלייכטערונג... א צופרידנקייט — אזא מאדנע און װארעמע — װי מען פילט געװיינטלעך, בעאיס מען געפינט אויס, אז מען איז ניט אליין אין אומגליק. זי האט געמורמלט:

— איך מיין...װאס קאן איך דען טאן?...װאס קאנען מיר דען טאן?...

סאניע האט זיך נעענטער צוגעבויגן צו איר און א זאג געטאן:

— מען קאן זייער א סאך טאן, טייערע, װען מיר זאלן נאר װעלן!... מיר זענען דאך ערגער װי די הינט!...יא, דזשין, ערגער!...װארים א הונט, אויב אימיצער װיל ביי אים אפנעמען זיין ביין, װעט ער אריינזאגן זיינע שארפע ציין אין יענעם און אים אף שטיקער צערייסן...מיר אבער, מענטשן, אויס־געאיידלטע, קלוגע און מאנירלעכע באיעס, װעלן זיך לאזן באגאזלענען, באװלענען און װעלן זיך דערביי באנוגענען מיט שרייען, אז עס איז ניט יושערדיק, ניט מענטשלעך און...װעלן גיסן מיט טרערן...

דזשין האט געװישט אירע אויגן. יענע איז אנגעגאנגען:

— אז מיר װאלטן זיך אבער אלע צוזאמענגענומען און איינמאל פאר

אלעמאל א זאג טאן, אז מיר װעלן מער ניט דערלאזן זיך אזוי אויסנוצן, װאלט עס דאן גאנץ אנדערש געװען!...באַרעכנט נאר: אויב מען װעט דאס איינמאל ניט אפשטעלן, װעט עס דאך זיין א מאיסע אן אן עק! גראס װעט זיך צונעמען פרישע מיידלעך, אפהאלטן זיי צו זיבן װאכן, אויסזויגן בא זיי דאס בעסטע און פרישסטע בלוט מיט די קויכעס פאר צען דאלאר א װאך, און דערנאך, אז זיי װעלן זיך שוין האבן איינגעלעבט און װארטן אף דער צוגעזאגטער, פארדינטער העכערונג, װעט ער זיי — װי אונדז, װי די פריערדיקע פאר אונדז — ארויסװארפן און...

דזשין האט געהערט, אבער ניט אינגאנצן פארשטאנען, װאס יענע האט גערעדט צו איר. אירע געדאנקען זענען געװען פארנומען מיט באװיינען אינדערשטיל אירע צעפלאצטע האפנונגען. סאניעס װערטער זענען אבער דאך געװען אזעלכע הארציק־איבערציינגדיקע, אז זיי האבן זיך ביסלעכװייז דאך איינגעגראבן אין דזשינס הארצן אריין און ארויסגעשטופט פון דארט דעם באזעסענעם טרויער. זי האט אבער אלץ ניט געקאנט אנכאפן, װאס מען קאן און װאס ספעציעל זי דארף טאן.

— נו, — האט סאניע גענומען קלאר מאכן פאר איר, — קודעם קאל דארף מען זיך גלייך פארשרייבן אין דער יוניאן. װען מיר װאלטן געװען פאראייניקט אין א יוניאן, װאלט גראס ניט געװאגט זיך אזוי צו װארפן מיט אונדז. מיר װאלטן דאן דערקלערט א סטרייק און...

דזשין האט אויפגעציטערט:

— א סטרייק?...מיר?...

— װאס זשע האט איר זיך אזוי דערשראקן? — האט סאניע צו איר א שמייכל געטאן. — דערװייל איז א סטרייק דער איינציקער װאפן, װאס מיר, ארבעטער, פארמאגן... בלויז דורך א סטרייק קאן מען צווינגען אזעלכע אום־יושערדיקע װי מיסטער גראס, זיך אזוי ניט צו שפילן מיט אונדזערע לעבנס און...אז ער זאל אונדז צוריק אנשטעלן צו דער ארבעט...

דזשין האט נערװירט:

— אבער... — האט זי גענומען שטאמלען, — א סטרייק, דאס איז דאך...נו...דאס טוען דאך די רויטע און...

סאניע האט גוטמוטיק געלאכט:

— נו, און אז בלויע, װאלט אייך דען לייכטער געװען?...

דזשין האט זיך װי געבעטן:

— און איר...איר אליין...איר זייט אויך א רויטע?...

— יא, א רויטע!...װאס איז דען?...

— גארניט!... איך זאג נאר, אז איר, די רויטע, פארשטייט ניט דעם גייסט פון אמעריקע...איר זייט דא װי ציטװייליקע און פרעמדע...איר האט ניט ליב דאס לאנד, ניט די פאן און ניט דעם הימן פונעם לאנד!...

סאניע איז געװארן ערנסט און מיט באדויער געקוקט אף דזשין'ען:

— פונװאנען האט איר גענומען אזעלכע זאכן?...װער האט דאס אייך דערציילט אזעלכעס?...

— מען דארף עס מיר ניט דערציילן! איך װייס עס! אלע װייסן עס!...

— ווייסט איר זייער שלעכט! — האָט סאָניע אין א טאָן פון פאָרוואורף א שניט געטאָן. — מיר האָבן ליב דאָס לאנד ניט ווינציקער ווי איר און ווי נאָך אנדערע הונדערט־פּראָצענטיקע. מיר האָבן אָבער פיינט די מענטשן, די גראָסעס, לעמאָשל, און זיין גלייכן, וועלכע שרייען, אז דאָס לאנד איז זייערס... באַרעכנט: מיר האָבן געבויט דאָס לאנד מיט אונדזער שוויים און בלוט און דאָך זענען זיי די באַלעבאַטים!... זיי באַשולדיקן אונדז, אז מיר האָבן פיינט דאָס לאנד און אליין דריקן זיי עס ביז צום דערשטיקט ווערן!... און אויב מיר האָבן אמאָל ניט גענוג קלאָר אָפּגעטיילט אונדזער סינע צו די דאָזיקע באַהערשער און עס האָט זיך דעריבער באַקומען, אז מיר האָבן פיינט דאָס לאנד מיט איר פאָן און הימן, איז עס זיכער געווען בלויז דערפאַר, ווייל די פאָן און דער הימן פון אונדזער אמאָליקער אלטער היים האָבן איינגעקריצט אין אונדזערע הערצער אריין א האַס צו זיך, איבער די פייניקונגען און באַליידיקונגען, וואָס דאָס לאנד וועלכעס זיי האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט, האָט אונדז איינגעטיילט!... אמעריקע האָבן מיר ליב. שטאַרק ליב און ווילן עס זען א גליקלעכס!... אָבער דאָס מיינט דאָך נאָך ניט, אז מיר דאַרפן שווייגנדיק זיך לאָזן טרעטן מיט די פיס פון אזעלכע ווי דער מיסטער גראָס, זיך לאָזן באַליידיקן פון זיי און...

דזשין איז געזעסן מיט צעעפנטע מויל און אויערן און געהערט. די וואַרעמקייט פון סאָניעס רייד האָט איר איבערגעצייגט אין דער עמעסער אויפריכטיקייט און זי האָט זיך פאַרשעמט. זי האָט געטראַכט:

„אָ, ווען מיין פאָטער וואָלט אזוי געווען רעדן צו מיר און מיר אָט דאָס אלץ דערקלערט, וואָלט איך דאָך איצט אויך אנדערש גערעדט"...

זי האָט דעריבער אָן ווייטערדיקע רייד אָנגענומען סאָניען אונטערן אָרעם און איז אוועק מיט איר זיך פאַרשרייבן אין דער יוניאָן...

* * * * *

דזשין — צוזאמען מיט א צאָל נאָך אנדערע אָפּגעזאָגטע מיידלעך פון גראָס געשעפט — האָט זיך ארומגעדרייט אינדרויסן, לעבן סאַמע אריינגאַנג. מיט א פּלאַקאַט אף א שטעקן צוגעקלאַפּט, האָט זי זיך ארומגעדרייט אהין און צוריק איבערן טראָטואַר און ביי זיך אין געדאַנק איבערגעכאַזערט די ווערטער, וואָס זענען געווען אָנגעשריבן אפן פּלאַקאַט...

מיט האַנאָע האָט זי זיך צוגעקוקט, ווי ס׳ראַוו קוינים, די זעלביקע פרויען, וועלכע פלעגן באַלאַגערן דאָס געשעפט אף צו כאַפּן מעציעס, זענען — אזוי ווי זיי האָבן נאָר דערזען די פּלאַקאַטן — פאַרביי דעם אריינגאַנג און אוועק אין א צווייטן פּלאַץ... מיט צופרידנקייט האָט זי באַמערקט, ווי מיסטער גראָס, דער באַלעבאָס, האָט יעדע ווייל צאַרנדיק ארויסגערוקט דעם קאָפּ פונעם פענצטער און באַלד זיך ווידער באַהאַלטן אינעווייניק. זי האָט שוין דערפילט, אז מיט אָט דעם ארומדרייען זיך ביים געשעפט, וועט מיסטער גראָס סאָף־קאָל־סאָף געצוואונגען ווערן זיך אונטערצוגעבן און נאָכקומען די יושערדיקע פאָדערונגען, זיי, די אָפּגעזאָגטע מיידלעך, צוריק אָנשטעלן. נאָך מער: זי האָט גענומען פאַרשטיין, אז פּיקעטן איז ניט נאָר ניט קיין שאַנד, אָדער מיעסקייט, ווי זי האָט אמאָל געגלויבט,

נאר איז, פאַרקערט, א פליכט פאר די באַאַמטע; אז דערמיט באקומט דער מענטש כשיוועס און ווירדיקייט. זי האָט זיך אפילע אָנגעהויבן שעמען מיט זיך, וואָס זי האָט עס פריער ניט פארשטאַנען און געפלעגט אויסלאַכן דעם אייגענעם פאָטער, בעאיים ער איז אזוי פעסט געשטאַנען אין סטרייק קעגן זיין באַלעבאָס. און קעדיי ווי ניט איז גוט צו מאַכן אָט דעם דאַזיקן פעלער, האָט זי ביי זיך אָפּגעמאַכט, אז היינט, אזוי גיך ווי זי וועט נאָר אהיימקומען, וועט זי גלייך צוגיין צום פאָטער, אים שטארק ארומנעמען און אָפּנהאַרציק בעטן ביי אים, אז ער זאָל איר מוחל זיין...

פלייסיק און פריילעך האָט זי מיטגעזונגען מיט די אַנדערע מיידלעך דאָס ליד פון פיקעטן, כאָטש זי האָט מער ווי די מעלאָדיע ניט געקאָנט...

מיטאמאָל, אינמיטן זינגען, איז פון ערגעץ אָנגעלאָפן א מאַכנע פאָליצי. די פאָליציאַנטן — די זעלביקע, וועגן וועלכע זי האָט ביז איצט געהאַט בלויז א פארשטעלונג, אז זיי זענען די פיינסטע און די בעסטע; אז זיי העלפן די אָרימע און געדריקטע — האָבן זיך ווי פראָסטע שלעגער א וואָרף געטאָן אָף די מאַרשירנדיקע מיידלעך, זיי ארומגערינגלט, איינער נאָך דער צווייטער זיי אַלעמען אריינגעוואָרפן אין א פּאַטראָל־וואָגן און אַוועקגעפירט...

* * * * *

דזשין איז געווען אויסער זיך. זי האָט ניט געקאָנט באַנעמען פאַרוואָס און מיט וואָסער רעכט מען האָט זיי, די מיידלעך, ארעסטירט. אויסגעוויזן האָט זיך איר, אז דאָ איז מיסטאָמע פאָרגעקומען א טאָעס און זי איז זיכער געווען, אז דאָס וועט אַוואדע באַלד קלאָר ווערן און...מען וועט זיך נאָך אנטשולדיקן פאר דער געשאַפענער אומאַנגענעמלעכקייט:

— אָט, — האָט זי איינגעטיינעט מיט די אַנדערע מיידלעך, — זאָל מען זי נאָר פאָרברענגען פארן דזשאַדזש, וועט זי זיך שוין אויסטיינען מיט אים. זי וועט אים בלויז פרעגן איין זאַך: צי האָבן מיר א קאָנסטיטוציע, וואָס גיט אונדז דאָס רעכט צו פאַרטיידיקן אונדזער ברויט, אָדער ניט. זי וועט אים דערקלערן, אז אפילע א הונט קעמפט אויך ווען מען וויל אים בארויבן פון זיין שפייז... און ער וועט זיך מוזן רעכענען מיט אונדז!...מיר האָבן קיינעם ניט באַגאַנוועט און ניט בארויבט!...מיר...

אין געריכט, אָבער, ווען זי האָט זיך געריסן צו דערציילן דעם ריכטער וועגן דעם וואָס זי האָט געוואָלט, האָט מען זי ניט געלאָזט. דער ריכטער — א טרוקענער און בייזער — פונקט ווי ער וואָלט עס געווען דער באַאַמטער, האָט זיך שטרענג צעשריגן:

— ענטפערט בלויז אָף די געשטעלטע פראַגן — יאָ, אָדער ניין!...

דזשין האָט גענומען פּראָטעסטירן:

— זי וועט רעדן וואָס זי ווייסט!...זי איז דאָך ניט קיין „דאָמי"!...זי האָט דאָך עפּעס געענדיקט „הייסקול" מיט אויסצייכענונגען!...

דער ריכטער האָט געקלאַפּט מיטן האַמער אין טיש, געוואָרן אָנגעבלאָזן און באַקומען עפּעס אַזאַ מאָדנע ענלעכן אויסזען ווי מיסטער גראָס, דער באַלעבאָס. ער האָט זיך געבייזערט און געדראָעט, אז ער וועט זי פארשיקן אין טפיסע פאר באַליידיקן דאָס געריכט און אז...

דזשין האָט דערפילט ווי דאָס לאָשן וואָלט ביי איר מיטאמאָל אָפּגענומען געוואָרן. זי האָט זיך געשטיקט מיט די ווערטער און ניט געקאָנט ענטפערן מער אפילע אף די געשטעלטע פראגעס. זי האָט דערפילט, אז די פראגעס ווערן בעקיוון עפּעס אזוי מאָדנע געקירעוועט, ווי מען וואָלט זי, דורך אירע ענטפערס, געוואָלט אין א נעץ פאנגען. מיטאמאָל האָט זי באמערקט, ווי די אנדערע מיידלעך, סיי די ארעסטירטע און סיי די באזוכער, זענען געוואָרן אומרואיק. פיל האָבן זיך אויפגעשטעלט און גענומען פאָדערן גערעכטיקייט. דער ריכטער, האָט זי געזען, איז געוואָרן נאָך רויטער און אָנגעצונדענער ווי פריער. ער האָט זיך אזש האסטיק א שטעל אויף געטאָן פון זיין פלאץ, שטארק גענומען קלאפּן מיטן האמער איבערן טיש און באפעלעריש א געשריי געטאָן צו די דעטעקטיוועס און פאָליסלייט:

— בארואיקט זיי, די פארפלוכטע רויטע!...גיט זיי אזא לעקציע, אז זיי זאָלי עס האָבן צו געדענקען אף זייער גאנצן לעבן!...

און אליין — ווי א צעשראָקענער האָז — זיך אף גיך ארייַנגערוקט אין דער זייטיקער טיר פון זיין פריוואטן קאבינעט.

דאָס האָט אויסגעזען ווי א סיגנאל. די פאָליסלייט האָבן זיך א לאָז געטאָן צו די מיידלעך, זיי צוזאמענגעדריקט אין אן ענגן קרייז און זיי גענומען שליידערן פון איינעם צום צווייטן. דזשין — אליין שוין אויך אין דער גרופּע — האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער אין דעם מאָמענט האָט זי מיטאמאָל דערפילט א שווערן קלאפּ איבערן קאָפּ מיט עפּעס א שווערער זאך. זי האָט זיך א וואקל געטאָן און איז אומגעפאלן ווי אן אונטערגעשאָסענע אונטער זיך. אין אירע אויערן האָט זיך גענומען הערן א טומלדיקער גע־זשום. פאר אירע האלב־פארמאכטע אויגן האָט זיך דער דיל גענומען הויבן און ארונטערלאָזן. די פאָליציאנטן האָבן דערביי נאָך אלץ געשטופּט און געשטויסן. דזשין האָט דערפילט עפּעס א גרויסע און שווערע זאך, ווי א שטיוול מיט שארפע טשוועקעס אין די פּאָדעשוועס, האָט זיך עטלעכע מאָל א שטעמפּל געטאָן אף איר פּאָנים. זי האָט ארויסגעלאָזט א שמערצלעכן געשריי און זיך פארגאנגען אין פיינלעכער באוואוסטלאָזיקייט...

* * * * *

קיין מואווי־אקטריסע איז דזשין שוין קיינמאָל ניט געוואָרן. אביסל — איבער דעם גרויסן שראם, וואָס האָט זיך צעליגט איבער דער גאנצער ברייט פון איר פּאָנים און צעהאקטער נאָז און טיילוויז, וייל... זי האָט געפונען איר לעבן און גליק אין דעם קאמף פאר א שענער און בעסער לעבן; פאר אן אמעריקע, וואו עס זאָלן מער ניט זיין אזעלכע ריכטער און אזעלכע באלעבאטים, וואָס זאָלן פארגוואלטיקן די לעבנס פונעם פאָלק...



נאכעס

נעכעמיען דעם שוסטער, — ווערליק א מענטש אין זײַנע יאָרן, — איז גאָר ניט שלעכט גע־גאַנגען אין אַמעריקע. א קלײניקײט: אַן אײגן „סטאָרקעלע“ מיט מאשינען, וואָס אַרבעטן אָף עלעקטרע; מיט א שילד פון געקלעפּטע גילדענע בוכשטאַבן אפן פענצטער און א צווײטע — א בלעכענע מיט עלעקטרישע לעמפּלעך — איבערן אַרײַנגאַנג. א ווײַטער כילעק פון יענעם וואַרשטאַט, וואָס ער האָט אַמאָל געהאַט אינדערהײם, דאָרט, אין אָרשע...

דאָרט — א קעלער־שטוב אין דער פינצטער. א נידעריק בענקעלע מיט א לעדער־געזעס און מיט א לאָך אויסגעשניטן אינדערמיט. דורכן פענצטערל, וואָס איבערן קאָפּ — געזען בלויז די פיס פון פאַרבײַגײַער. אַלע — ווי זיי וואָלטן אים אָנגעוויזן: — נאַ, זע, מיר האָבן ניט קײן גאַנצע שיך און פאַריכטן קאָנען מיר זיך ניט פאַרגינען! דאָ אָבער, אין אַמעריקע, איז עס א גראַמער פּלאַץ, מיט א גרויס פענצטער צו דער פרײַער גאַס צו און די גאַנצע אַרבעט קימאַט ווערט געמאַכט אָף די מאַשינען...

נעכעמיע, ווען ער האָט נאָר באַטראַכט די מאַשינען, האָט געמורמלט:

— עד, ווען איך וואָלט דאָרט, אינדערהײם, געווען האָבן אַזעלכענע מאַשינען, וואָלט איך דאָך גאָר אינגאַנצן ניט געדאַרפט אַהערפאָרן זוכן גליקן אין אַמעריקע!...

וואָרים די גליקן, משטײנס געזאָגט, וואָס ער האָט געהאַט דאָ, אין אַמעריקע, מעגן אויך אַרײַן אין א מעשוגענעם הונט אַרײַן!...פון די סאַמע פאַרטאָגן אָן, ביז אין די שפּעטע נעכט אַרײַן — צוגעבונדן צום פּלאַץ, ווי א הונט אָף דער קײט; לײגן האַלבע זוילן און אָפּצאַסן אָף הונדערטער פּאָר שיך און... אַלײן אָבער וואָס האָט ער געהאַט דערפון? — קימאַט ווי גאָרניט! אַז דער גרעסטער טײל פונעם פאַרדינסט איז אַוועק צו באַצאָלן נוץ־געלט דער קאָמפּאַניע, וועלכע האָט אים אַרײַנגעשטעלט די מאַשינען,

און דאָס איבעריקע פאַר דירע־געלט. פאַר זיך אַליין איז אים געבליבן בלויז וואַסער אַף קאַשע מיט אַ זשום אין קאָפּ פונעם מאַשינען־געדריי.

ער וואָלט דאָס אָבער אַלץ פאַר ליב גענומען. סיי־ווי האָט ער פון זיין קינדהייט אָן קיין גוטן טאָג אין לעבן ניט געהאַט, — ווען ער שוין ווי ניט איז צוביידעווען די עטלעכע נאַרישע יאָרן... אָבער דאָס, וואָס בערקע, זיין זון, איז פאַרבליבן אין רוסלאַנד און מוטשעט זיך נעבעך אַוודע דאָרט, אַט דאָס האָט אים ווי אַ וואָרעם דאָס לייב געטאָטשעט:

— עך־עך־ע! — האָט ער, ווען ער האָט זיך נאָר דערמאָנט אין דעם, געוויינטלעך אַ זיפץ געטאָן, — האָט זיך געדאַרפט מאַכן, אַז פּונקט ווען ער האָט שוין געדאַרפט פאָרן קיין אַמעריקע, האָט געהאַלטן באַ מילכאָמע, און בערקע — אַ פּיצל קינד דעמלט — איז געווען זייער שוואַך און קראַנק. מיטנעמען אים אַף אַזאַ ווייטער רייזע, וואָלט געמיינט, פּונקט ווי צו נעמען און אים מיט די אייגענע הענט דערהאַרגענען...

נעכעמיען איז איבער דעם דאָס לעבן ניט איינגעגאַנגען. בערקע איז דאָרט ווי אַ ווייסטער יאָסעם פאַרבליבן. אים — דעם טאַטן — אין אַמעריקע געהאַט, און דער מאַמען — אַפן בעסוילעם. די ערשטע יאָרן, אַז ער האָט בערקען געוואָלט אַרונטערברענגען צו זיך, — האָט ער ניט געהאַט קיין געלט און איבער דער מילכאָמע ניט געקאָנט. דערנאָך, אָבער, אַז ער האָט שוין ווי ניט איז יאָ צוזאַמענגעקליבן אַף הוצאָעס, — האָבן זיך דאַן גאָר פאַיאַוועט די באָלשעוויקעס און בערקע איז דאָרט געבליבן שטעקן...

עמעס, זיין, נעכעמיעס, ברודער, האָט אים שפּעטער געשריבן, אַז זיי, די באָלשעוויקעס, האָבן בערקען אַריינגענומען אין אַ קינדער־היים און אַז ער וועט דאָרט ווערן אַ לייט. נעכעמיע איז אָבער דאָך געווען אומרואיק:

— ווייס איך וואָס! — האָט ער געטיינעט צו זיך אַליין, — ערשטנס, איז אַ פראַגע, צי די גאַנצע מאַיסע איז עמעס. צווייטנס, אויב אַפילע יאָ, איז וואָסער סאָרט נאַכעס קאָן ער שוין דערלעבן אין בערקען?... זיי וועלן אים דאָרט מיסטאָמע מאַכן פאַר אַ גאָי, אַ באָלשעוויק — אַ גאַזלען, אַזוי ווי זיי אַליין זענען... וואָרים ער, נעכעמיע, לייענט דען ניט אַלע טאָג דעם „פּעיפּער״ און הערט דען ניט וואָס די באָלשעוויקעס האָבן געמאַכט פון רוסלאַנד, משטיינסגעזאָגט?...

דאָס, וואָס דער ברודער זיינער האָט אים געשריבן, אַז די באָלשעוויקעס זענען אַ־רייט, — האָט ער גאָרניט געקאָנט פאַרשטיין. עמעס, ער האָט טאַקע געהערט, אַז וואָס שייך פּאָגראָמען — איז ווי מיט דער האַנט צוגענומען. די מאַיסע, אָבער, מיט אידישקייט, דאָס איז דאָך מאַמעש אוים וועלט!...

געהערט האָט ער אַפילע פונעם יונגנמאַן, וואָס האָט געלייענט די בריף פאַר אים, אַז עס איז ניט עמעס; אַז ווער עס וויל נאָר, קאָן זיך יאָ האַלטן דערביי. ניט מער, אַז אויב אַ שול שטייט ליידיק און פּוסטעוועט, מאַכט מען דערפון אַ קלוב פאַר אַרבעטער און באַלמעלאָכעס און...

— און ביכלאַל, וואָס גייט עס אייך אַזוי שטאַרק אין לעבן? — האָט יענער אים איינמאָל אַ פרעג געטאָן. — אין וויפל פאַר טפילן דאַוונט איר דאָס אַליין, וואָס איר באַוויינט עס אַזוי שטאַרק די רעליגיע?...

נעכעמיע האָט דערויף ניט געהאַט וואָס צו ענטפערן. וואָרים מ׳שטיינס־געזאָגט: וויפל מאָל טאַקע האָט ער אַליין שוין פאַרפעלט דאַווגען זינט ער איז אין אַמעריקע?... אַז מער ווי צו אַ יאָרצייט נאָך טאַטע־מאַמע, אָדער צו די יאָמטויווים, האָט ער קיין שול אַפילע אין די אויגן ניט געזען. עס איז אים אָבער דאָך פריקרע געווען:

— איין זאַך איז ווען מען גייט אַליין ניט אין שול, און אַ צווייטע — ווען מען לאָזט דיך ניט...

וועגן דעם יונגנמאַן ווידער האָט נעכעמיע אָפּגעמאַכט בא זיך:

— מיסטאָמע איז ער אַליין אַ שטיקל באָלשעוויק און דערפאַר...

נעכעמיען איז מאַמעש געגאַנגען אין לעבן צו וויסן דעם עמעס. נאָר גיי, דערגיי אַ טאָלק, אַז איינער זאָגט דיר אַזוי, און אַ צווייטער — גאָר פאַרקערט! אָט, אַפילע די „פעיפּערס״...אַנומלטן האָט דער יונגערמאַן אים דערציילט וועגן עפּעס אַ „פעיפּער״, וואָס זאָל גאָר האָבן געשריבן, אַז די סאָוויעטן האָבן געגעבן אידן ערד און זיי אַזוי געזאָגט: גייט, אידעלעך, באַזעצט זיך אָף דער ערד, באַארבעט זי, פּרוכפּערט זיך און מערט זיך און לעבט זיך אַזוי ווי גאָט האָט געבאָטן!...

— זעט איר, — האָט נעכעמיע דערפון אָנגעקוואָלן, — דאָס איז יאָ אַ גוטער אויפטו!...אָט דאָס, זעט איר, פאַרשטיי איך!...

אָבער שוין אָף מאָרגן האָט ער געזען אין זיין „פעיפּער״, אַז די מאַיסע מיט ערד איז גאָר אַזאַ שטראָף פאַר אידן. איינער, אַ שרייבער, וואָס דערציילט, אַז ער איז געקומען פון רוסלאַנד, האָט געשריבן אינעם „פעיפּער״, אַז דאָס גאַנצע רוסישע פאָלק גייט נעבעך אויס ביסלעכווייז פון הונגער און...

נעכעמיע איז דערפון געווען זייער צעווייטיקט. ער האָט גלייך געלאָזט שרייבן אַ בריף צום ברודער און אים אָנגעפרעגט, צי דאָס איז עמעס. דער ברודער האָט דאָס אָבער פּאַשעט אויסגעלאַכט:

— בילבולים! — האָט ער אים געשריבן, — נאָר סאָנים פון אונדזער לאַנד קאָנען עס אויסטראַכטן אַזעלכע געשיכטעס!...אונדז ווערט דאָ בעסער פון טאָג צו טאָג!...

נעכעמיע האָט געהערט לייענען דעם בריף און ניט געקאָנט פאַרשטיין:

— ווער זשע זאָגט דאָ אַ ליגן? — האָט ער זיך אַליין געפרעגט און זיך אַליין געענטפערט.— ניט אַנדערש, נאָר דער שרייבער פונעם „פעיפּער״ איז אָפּאָנים טאַקע גערעכט; עס זעט אויס, אַז די באָלשעוויקעס מיט זייער „טשעקאַ״ מוזן טאַקע צווינגען צו שרייבן בלויז גוטע בריף, קעדיי...

אָבער אָט איז אין אַ שטיקל צייט אַרום אָנגעקומען אַ צווייטער בריף פונעם ברודער. געשריבן האָט ער, אַז מען האָט בא זיי אין שטאָט געעפנט אַ גרויס געשעפט, וואו מען פאַרקויפט אַלדאָסגוטס פאַר אַמעריקאַניש געלט. ער האָט דעריבער געבעטן נעכעמיען, אַז ער — אויב ער קאָן — זאָל ער אים צושיקן עטלעכע אַמעריקאַנישע דאָלאַרן, וועט ער קאָנען איינקויפן פאַר וויב און קינדער אַזעלכע זאַכן, וועלכע מען קאָן געוויינטלעך אַזוי. אין די אַנדערע קראָמען, ניט קריגן צו קויפן. נעכעמיע האָט זיך איינגעהערט אינעם בריף און ווידער ניט געקאָנט באַגרייפן וואָס דאָס מיינט:

אָבער אויך וועגן דעם האָט ער אין „פּעיפּער" געפונען אַן ענטפער:

— די באָלשעוויקעס, — האָט זיך דאָרט געשריבן, — ווילן ארײנקריגן אמעריקאַניש געלט, האָבן זײ דערפונדן אַ שפּאָגל־נײעם מיטל: זײ צווינגען יעדן אײנעם, וועלכער האָט נאָר מישפּאָכע אין אמעריקע, — אָװעקצושרײבן אַזעלכע בריף און...

נעכעמיע איז ארומגעגאנגען אַ צעװײטיקטער:

— אַ מאָדנע זאַך מיט דער דאָזיקער „טשעקאַ", — האָט ער זיך אַלץ געפּילפּלט, — אײנמאָל הײסן זײ שרײבן, אַז עס איז זײ דאָרט גוט און מען דאַרף גאָרניט און אַ צװײטמאָל...

נעכעמיען האָט זיך אױש דער קאָפּ פאַרדרײט. ער האָט זיך גענומען צוריק צו דער ארבעט, גענומען מיט אַקשאָנעס צוקלאַפּן אַ זויל צו אַ שיך און געפּרובירט מער ניט צו טראַכטן דערפון. ווי אָף צו לעהאַכעס, אָבער, האָט עס אים ניט אָפּגעלאָזט:

— און עפּשער איז עס טאַקע אַזוי ווי דער ברודער האָט אים געהאַט געשריבן, אַז יענע וואָס שרײבן אַזוי אין די „פּעיפּערס", זענען פּאַשעטע סאָנים פון סאָוויעטנלאַנד און...

דאָס האָט פּאַר נעכעמיען אויסגעזען גאַנץ לאָגיש און ער האָט זיך שוין געהאַט ווי באַרואיקט. ער האָט אָבער ניט געקאָנט פאַרשטײן, פאַרוואָס זאָל עס דער שרײבער גאָר זײן אַ סוינע?...וואָרים וואָס, אַ שטײגער, האָט עס רוסלאַנד אים געטאָן אַזעלכעס?... איז ער דען ניט צופרידן, וואָס דאָרט שרײט מען שוין מער ניט קײן „בעי זשידאָוו" און וואָס אַידיש בלוט גיסט זיך שוין מער ניט דאָרט אין די גאַסן?...

„אָבער געלט דאַרף מען פונדעסטוועגן יאָ אַװעקשיקן". — האָט ער אָפּ־געמאַכט בײ זיך. — וואָרים ווידער די אײגענע מאַיסע" — האָט ער געטראַכט, — „אויב דער ברודער דאַרף טאַקע די פּאָר טולער, איז דאָך אַ מיצווע אים צו העלפן. עלע ניט, טאָמער איז טאַקע עמעס וואָס דער „פּעיפּער" שרײבט, אַז מען צווינגט אַזוי צו שרײבן, דאַרף מען דאָך ערשט אַוודע"...

ער איז ארומגעגאַנגען ווי אַ צעדולטער. פון די פּאָר דאָלאַר, וואָס ער האָט געהאַט אָפּגעשפּאָרט אָף ארונטערצוברענגען בערקען, — האָט ער ניט געוואָלט רירן. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי ער האָט זיך שוין אַמאָל געהאַט אָפּגעבריט. עפּעס אײנער אַ אידל האָט זיך אונטערגענומען אויסצוקלאַפּטשען אַ וויזע פּאַר בערקען, אָבער איז פאַרפאַלן געוואָרן מיט די פּאָר טאָלער צוזאַמען. פון דעמלט אָן איז ער שוין פאַרזיכטיק מיט געלט...

אַז ער האָט שוין אָבער געהאַלטן אין שיקן די עטלעכע דאָלאַר צו זײן ברודער, האָט ער שוין געשיקט עטלעכע דאָלאַר פּאַר בערקען אויך:

— אַז ס'־ווי קאָן מען אים ניט ארונטערברענגען אַהערצו...

דער ענטפער, בערקעס, האָט אים אָבער נאָר ווי פריטשמעלעט. ער האָט אים טאַקע יאָ באַדאַנקט דערפאַר, נאָר צוגעגעבן, אַז מער זאָל ער אים קײן געלט ניט שיקן, ווײל ער דאַרף עס ניט. אין דעם בריף האָט בערקע אים געלאָזט וויסן, אַז ער לערנט זיך איצט צו ווערן אַ לופט־פּליער; אַז ער ווערט אויסגעהאַלטן פון דער רעגירונג און...

נעכעמיע האָט געהערט לייענען דעם בריף און ניט געוואָלט גלויבן:

— בערקע — אַ לופט־פליער? — האָט ער געטיינעט צום יונגנמאַן, — דעם לייענער, — ווי קומט עס גאָר צו אים?...ער — אַ שוואַכער און... אַ איד...אַז דאָס נעכטסטע שייבעס, וואָס ער האָט אַמאָל עפּשער יאָ געקאָנט האָבן מיט פליען, איז סיידן דאָס, וואָס קינדווייז זאָל ער, כ'וויס... עפּשער האָבן געלאָזט פליען אַ פּאַפּירענעם פלי־עק אין דער לופט...

באַ זיך האָט ער געטראַכט:

„און עפּשער איז די גאַנצע מאַיסע אַ ליגן, נאָר די „טשעקאַ"...

די האַנטשריפט פונעם בריף, כאָטש נעכעמיע אליין האָט עס ניט געקאָנט לייענען — איז פאַר אים אויסגעקומען ניט ווי בערקעס. דער יונגערמאַן, וואָס האָט געלייענט דעם בריף, האָט געזאָגט, אַז די האַנט־שריפט זעט גאָר אויס ווי אַ פּראָפעסאָרס. נו, און ער, בערקע, ווי קומט עס צו אים?...

נעכעמיע איז געווען זיכער, אַז עפּעס איז דאָ ניט אַזוי גלאַט.

אַ קורצע צייט שפּעטער איז פון בערקען אָנגעקומען אַ „פּיקטשע". ער, נעכעמיע, איז מאַמעש צעטומלט געוואָרן קוקנדיק אָף איר. בערקע — אין זיין גאַנצער גרויס — איז געווען אָנגעטאָן אין עפּעס אַזאַ גענעראַלסקען יוניפאָרם און געשטאַנען לעבן אַן עראָפּלאַן. אַז דאָס איז טאַקע בערקע, האָט נעכעמיע גלייך דערקאָנט, ווען עס וואָלט אָפילע אָף דער לינקער זייט ניט געווען אויפגעשריבן, אַז דאָס איז ער. נעכעמיע האָט געקוקט אָפן בילד און זיך ניט געקאָנט זאַט אָנקוקן:

— דער טאַטע מיט די ביינער! — האָט ער געלאַכט, בעאַיס ער האָט זיך דערמאָנט, ווי ער אַליין האָט עס אויסגעזען יונגערהייט, ווען ער האָט געדינט פאָניען. — ניט מער, נאָר דער מונדיר בערקעס, איז עפּעס אַזאַ פּאַראַדנער, פּונקט ווי אַמאָל באַם פּריסטאַוו זון פון אָרשע...

ער האָט אָנגעזאָגט די ברילן, נאָכאַמאָל געקוקט און געלאַכט:

— און הונגעריק זעט ער אויך ניט אויס צו זיין! — האָט ער מיט האַנאָע צוגעוואָונקען צו זיין שטענדיקן בריף־לייענער. — יאָ, אַז מען איז הונגעריק, האָט מען ניט אַזעלכע פּיסקעס און מען קאָן ניט, דאַכט זיך, אַזוי־אָ שמייכלען, העץ?...

דער יונגערמאַן איז געווען איינשטימיק.

מיט דער דאָזיקער „פּיקטשע" איז נעכעמיע אַרומגעלאָפן אומעטום און זי געוויזן זיינע פריינט און באַקאַנטע. ער איז אָפילע אַרויפגעגאַנגען אין רעדאַקציע פונעם „פּעיפּער" און דאָרט פאַרגעלייגט, אַז מען זאָל זי אָפּדרוקן אין צייטונג:

— אָט, זאָל די וועלט וויסן, אַז נעכעמיע דעם שוסטערס זון איז טאַקע אַן עמעסער ליאָטשיק באַ דער רוסישער גאָווערמענט! — האָט ער געטיינעט, — אָט, זאָל מען טאַקע שרייבן, אַז...

מען האָט דאָס אָבער ניט אָנגענומען. געענטפערט האָט מען אים דאָרט אַז ניט דער „פּעיפּער" און אויך ניט דער אוילעם איז עס פאַראינטערעסירט אין אַזעלכענע זאַכן און...

נעכעמיען האָט דאָס פאַרדראָסן. ער האָט ניט פאַרשטאַנען איין זאַך:

— פיקטשעס פון אקטריסעס, אָדער פון געגעטע מיליאָנערקעס — יאָ, און דאָס — ניט?!... עס וואָלט דאָך, דאכט זיך, דאַווקע געווען ביז גאָר טשיקאַווע צו זען, ווי אַ פּאָשעטער אידישער באָבער, אָן אָרימען שוסטערס אַ זון, האָט זיך אַרויפגעאַרבעט און...

פאַרנאַכט, אַז ער האָט צוגעמאַכט די „סטאָרקע”, איז ער מיט דער „פיקטשע” אַוועק צו אַ מיטינג פון זיין לאַנדסמאַנשאַפט:

„זאָלן די לאַנדסלייט כאָטש זען,” — האָט ער געטראַכט, —„וואָס פאַר אַ נאַכעס ער, נעכעמיע דער לאַטוטניק, האָט דערלעבט אין זיין בערקען!”...

באַם מיטינג האָט זיך פּונקט דעמלט עפּעס מאָדנע געטומלט. נעכעמיע האָט געזען ווי דער ברודער פּרעזידענט האָט געקלאַפּט מיטן האַמער איבערן טיש און גערופן צו אָרדנונג.

אַ צווייטער ברודער, פּראַיקע דער פּרעסער, איז געשטאַנען אויפן „פלאָר”, געפּאַכעט מיט אַ „פּעיפּער” און געשריגן:

— איך וועל זיך ניט אַוועקזעצן, ביז איך וועל ניט קריגן דאָס וואָרט און ביז מיר וועלן דאָ ניט נעמען קיין שטעלונג צום „פּעיפּער”, וואָס איז באַגאַנגען אַזאַ געמיינהייט!...

נעכעמיע, כאָטש ער האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף פאָלגן דעם ברודער פּרעזידענט, האָט אָבער שטאַרק געוואָלט וויסן וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. ער האָט דעריבער גענומען פּראַיקעס צאַד און געפאָדערט, אַז דער פּרעזידענט זאָל אים געבן אַ „טשענס”...

די „פּאַסיטי” האָט זיך צעטיילט אויף צדדים און דער טומל איז שטאַרקער געוואָרן. ענדלעך איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז פּראַיקע זאָל יאָ רעדן.

— ברידער לאַנדסלייט, — האָט נעכעמיע געהערט פּראַיקעס האַמערדיקע רייד, — דער דאָזיקער „פּעיפּער” האָט זיך פאַרקויפט צו היטלערס הינט!... ער העלפט דעם פאַשיזם באַ אונדז אין לאַנד!...ער זייעט האַס צום איינציקן לאַנד, וואו דער איד איז בעמעס פריי געוואָרן; וואו דער איד קאָן אַרבעטן באַ וואָס ער וויל, פּונקט ווי אַלע אַנדערע פעלקער!...

נעכעמיע האָט געהערט און זיך מער ניט געקאָנט באַהערשן:

— דאָס איז עמעס! — איז ער מיטאַמאָל אויפגעשפּרונגען פון זיין פּלאַץ און גענומען פּאַכען מיט דער „פּיקטשע” אין דער לופט. — אָט, זעט, מיין בערקע, נעכעמיע דעם לאַטוטניקס זון, איז דאָרט געוואָרן אָן עמעסער ליאָטשיק באַ דער גאָווערמענט!...

ווי דורך אַ קישעף איז גלייך שטיל געוואָרן באַם מיטינג. אַלעמענס אויגן האָבן זיך מיטאַמאָל אַ קער געטאָן צו נעכעמיען. דער פּרעזידענט אַליין האָט אים אַרויפגערופן צו זיך און באַטראַכט די „פּיקטשע”. ער האָט זי באַקוקט פון אַלע זייטן, געלייענט דעם אויפשריפט און...

די שטימונג איז גלייך געוואָרן אָן איבערגעביטענע. אַפילו יענע, וועלכע האָבן פריער געשטערט פּראַיקען צו רעדן, — האָבן אויך געהויבן זייערע הענט פאַר זיין פאָרשלאַג, צו פאַרדאַמען דעם „פּעיפּער” פאַר זיינע בילבולים און ליגנס וועגן דעם סאָוויעטן־פאַרבאַנד. פּונקט אַזוי האָבן אַלע געשטימט פאַר דער רעזאָלוציע:

„אַנגענומען און באשלאָסן, אז מיטן לייענען און שטיצן דעם „פּעיפּער״, העלפט מען ברענגען פאשיזם און פאָגראָמען אף אידן!״...

יעדער איינער איז געווען פעסט בא זיך, דעם „פּעיפּער״ אין האנט מער ניט צו נעמען. נעכעמיע — באם אהיימגיין — האָט געמורמלט צו זיך:

— הייסט עס דאָך, אז דער ברודער איז טאקע יאָ גערעכט געווען!...

נעכעמיע האָט אָנגעהויבן לייענען אן אנדערע צייטונג, די ארבעטער־צייטונג. אין אָנהויב איז עס אים, עמעס, אויסגעקומען אביסל מאָדנע. אלץ איז דאָרט געווען גאנץ אנדערש. געלייענט האָט ער דאָרט, אז אין רוסלאנד, אָדער ווי זיי רופן עס, — דער סאָוועטן־פארבאנד, בויט זיך גאָר א ניי לעבן; אז טויזנטער אידישע יונגעלייט זענען דאָרט געוואָרן דאָקטוירים, אינזשינירן, אגראָנאָמען, טראקטאָריסטן, לופט־פליער, און אזוי ארבעטער ביי אלע פאכן. ער האָט זיך אויך דערוואוסט, אז אלע מאיסעס וועגן דעם הונגער זענען גאָר אויסגעטראכטע; אז קיינער האָט דאָרט קיין מוירע ניט פארן מאָרגנדיקן טאָג...נעכעמיע האָט דאָרט געפונען נייעס אויך וועגן דעם מאָדנעם לאנד, ביראָ־בידזשאן, וואָס די סאָוועטן־מעלוכע האָט געגעבן די אידן, אז זיי זאָלן דאָרט האָבן אן אייגן לאנד. א ברייטע פריידע האָט אים, נעכעמיען, גאָר ארומגעכאפּט:

— א אידיש לאנד!... א אידישע רעפּובליק!...

מיטאמאָל האָט אים א שטומע, אומקלאָרע בענגשאפט ארומגענומען. א פארלאנג — באָטש אף א ווייל מיט די אייגענע אויגן א קוק טאָן אף דעם לאנד, פונוואנען ער אליין איז אמאָל קוים מיטן לעבן אנטלאָפן...

און ער האָט וועגן דעם געלאָזט שרייבן א בריף צו זיין בערקען...

מיט אומגעדולד האָט ער זיך קוים דערווארט אף ענטפער. און אז ער האָט דערהאלטן א בריף, האָט ער אים מיט די ציטערדיק־נערוועזע פינגער גיך אויפגעריסן און גלייך אריינגערופן זיין שטענדיקן איבערלייענער.

געהערט האָט ער, נעכעמיע, אז בערקע לאָזט אים וויסן, אז ער האָט שוין פארענדיקט זיין שטודירן; איז שוין א געענדיקטער לופט־פליער, א קאפּיטאן, און ווערט איבערגעשיקט אף ארבעט קיין ביראָ־בידזשאן. אויך האָט ער אים געשריבן, אז עס פעלט אים דאָרט ניט קיין שום זאך. דאָס איינציקע, וואָס עס פעלט אים יאָ און וואָס ער וואָלט וועלן האָבן בא זיך — האָט ער דאָרט געשריבן — איז טאקע אים, דעם טאטן, נעכעמיען:

— קום אריבער צו מיר, טאטע! — האָט זיך נעכעמיען געדאכט, ער הערט בערקעס רייד און ניט דעם לייענערס, — גענוג דיר זיין פארוואָרפן איינער אליין אינעם ווייטן, פרעמדן לאנד!... גענוג דיר צו ארבעטן פאר פרעמדע, אף פרעמדע מאשינען!...קום צו אונדז!... מיר וועלן דיר געבן אונדזערע אייגענע מאשינען און ארבעטן וועסטו פאר אייגענע!...

נאָך האָט זיך נעכעמיען געדאכט ער הערט:

— און אויב, טאטע, דו ביסט שוין איצט אלט און אויסגעמאטערט פון דער ארבעט, וועל איך דיך אף דיינע עלטערע יאָרן אויסהאלטן! מיר, אונדזער רעגירונג, זאָרגט זיך פאר אירע אלטע און שוואכע!...און אויסער דעם, טאטע, וועל איך אליין, ווי א קאפּיטאן...

נעכעמיע האָט דערפילט ווי עפּעס שטיקט אים אין האלדז:

„א קאַפּיטאַן?!... א אידישער קאַפּיטאַן?!... און זיין זון?!...אָ, עפּענ גערענקט ער א מאַיסע וועגן א אידישן קאַפּיטאַן, ערגעץ גאַנץ ווייט, אזש אי פאַריז...דער איינציקער אידישער קאַפּיטאַן, דאַכט זיך, אף דער גאַנצער וועלט...אָבער אפילע אָט דער איינציקער אידישער קאַפּיטאַן האָט געהאַט פּי צאָרעס...אַנטיסעמיטן, גערענקט ער, האָבן אים פאַרביטערט דאָס לעבן אז מען האָט אים דעמלט פאַרשיקט ערגעץ אף א טייוולס-אינדזל...די גאַנצ מאַיסע איז אים דעמלט געווען עפּעס אזא פרעמדע און ווייטע...אָבער אָט איצט זאָל גאָר זיין בערקע, זיין זון, זיין א אידישער קאַפּיטאַן”...

ער האָט פאַרמאַכט זיינע אויגן און זיך אָפּגעקערט פונעם יונגנמאַן קעדיי יענער זאָל ניט זען זיינע טרערן...דערמאָנט האָט ער זיך, ווי די גאַנצע צייט וואָס ער איז אין אַמעריקע, האָט ער טאָקע געאַרבעט ווי פאַר טייוול... לאַנגע יאָרן האָט ער קעסיידער געצאָלט און געצאָלט פאַרן נוצ די מאַשינען און זיי, די מאַשינען, געהערן נאָך אַלץ צו דער קאָמפּאַני וועלכע האָט שוין ביי אים אַזויפיל קויכעס אויסגעזויגן...

נעכעמיע האָט זיך געוואָלט נעמען צו דער ארבעט, אָבער עס איז ניג געגאַנגען. די הענט האָבן ביי אים געציטערט. פון זיינע אויגן האָבן זין מיטאַמאָל א גאָס געטאָן טרערן און די מאַשינען האָבן עפּעס מאָדנע-שווע געהודזשעט. ער איז געָ שטאַנען א פאַרטראַכטער בי דעם שלייף-ראָד פון דעו מאַשין און דער געזשום אי פאַר אים אויסגעקומען וו דער געזשום פון א פליענ דיקן עראָפּלאַן. זיינע הענו האָבן זיך ניט געהויבן בי אים צו דער אַרבעט.

ער האָט אַוועקגעלייגו דעם שוך פון דער האנו און אויסגעווישט די אויגן דערנאָך האָט ער א דר געטאָן דאָס עלעקטריש קנעפּל, אָפּגעשטעלט ד מאַשין און אָן אומגעדול דיקער גענומען דיקטירן בריף צום זון, דעם אידיש קאַפּיטאַן, אין דעם נייע אידישן לאַנד...

* * * * *

אײן פּלאָנטער

עס איז צוגעגאַנגען אַזוי:

צום אָנהויב, אַז דער קריזיס האָט זיך — ווי אַ שפּעלטל אין אַ שטיק זאַלץ — אַרײַנגעכאַפּט אין אַרקעלע דעם מאָלערס לעבן, האָט ער זיך נאָך אויסגעלאַכט דערפון און אַזוי געזאָגט:

— ס'איז גאָרניט! בלויז קינדער־מאָזלען! ס'וועט פאַרבײַגײן!...

און ער האָט אינמיטן סעזאָן, שטילערהייט און אָן באַזונדערן האַרץ־ווייטיק, אָוועקגעשיקט פון דער אַרבעט פיר יאַטן פון די שטענדיקע צען.

שפּעטער — אַז אינעם דאָזיקן קלײנעם שפּעלטל האָט דער קריזיס זיך אַרײַנגערוקט ווי אַ קלין און געקראָכן אַלץ טיפער און ברייטער — האָט שוין אַרקעלע זיך אַ קראַץ געטאָן אין קאָפּ און מיט ווייטיק אָפּגעלייגט נאָך פיר מענטשן. געבליבן איז ער, הייסט עס, אינגאַנצן בא צווײ.

גערעדט האָט ער נאָך גאָרניט. ער איז בלויז געשטאַנען צעשפּרייט מיט זײַנע קורצע געבויגענע פיס, פאַרלייגט דעם קאָפּ אַף אַ זייט און, ווי שטענדיק, געקײַט אַ צאָן־שטעכער צווישן די צײַן.

צו זײַן ווײַב האָט ער דערנאָך גאָר ביטער אַ זאָג געטאָן:

— איך האָב מוירע, סערע, אַז דאָס איז ניט קײן מאָזלען, נאָר אַן עמעסע סקאַרלאַטינע! ווער ווייסט צי מיר וועלן עס גאָר איבערלעבן?!...

און אַף דער צווייטער וואָך נאָכן אָוועקשיקן די אַנדערע פיר, האָט זיך אַרקעלע גענומען אַלײן צום שמירן, — אַ זאַך, וואָס ער האָט פון לאַנג שוין ניט געטאָן. און באַטש די באַרשט איז

אים שווער געווען אין דער האנט און די פיס האבן געציטערט בעת ער איז געקראכן אף דער רושטאוואניע, האט ער זיך דאך א נעם געטאן צו דער ארבעט מיט ברען און אקשאנעס...

מיט בלויז צוויי מענטשן בא דער ארבעט, איז ארקעלע שוין ניט געווען דער אמאליקער גרויסער צעלייגער. ער האט שוין מער ניט געדארפט ארומפארן, ווי אמאל, אינעם קליינעם, איינגעשמירטן פארד־טראקל, פאנאנדערצופירן איבער זיינע דזשאבס די קאנען מיט פארב, פעסלעך, עמערס, לייטערס און די אנדערע מאכשירים. ער האט מער ניט געדארפט אריבערווארפן די ארבעטער, ווי א גענעראל זיין ארמיי, פון איין דזשאב אפן אנדערן. טאמער האט זיך די ארבעט אף א הייזקעלע אמאל פארענדיקט אינמיטן טאג, האט ער די יאטן געהייסן אהיימגיין און ניט גענומען זיי אף א צווייטן דזשאב, ווי אמאל. די אמאליקע איילעניש האט זיך אויסגעלאזט. עפעס ווי א טשאכאטקע האט זיך נאך אפילע יא געשלעפט אביסל ארבעט. עס האט אבער אויסגעזען, אז פון דעם דאזיקן כאלאאס וועט ער שוין ניט ארויס...

דעם גרויסן, אכט־צילינדערדיקן אטאמאביל, די שאבעסדיקע מאשין, ווי ער האט זי אין שפאס געפלעגט רופן, האט ער שוין פון גאראזש אפילע אין די זונטיקס אויך ניט ארויסגענומען. סיי ווי איז ער שוין מיט דער ווייב ניט געגאנגען אין קיין טעאטער, אדער צו א קאנצערט, ווי ער איז עס געוואוינט געווען פריער, יעדן זונטיק. כוץ דעם איז טאקע געווען א שאד אויסצוגעבן אף די קאסטן. און טאמער האט ער אמאל אין א זונטיק זיך יא פארגונען ארויסצופארן מיט דער ווייב צום יאם־ברעג, אנשטאט ווי אין יענע יארן אף דאטשע, — איז ער, אדער געפארן מיט דער סאבוויי, אדער גאר גענומען דאס וואכעדיקע, פארשמירטע טראקל. ער האט דערביי אזוי געטראכט:

„היינטיקע שלעכטע צייטן...כ'וויס... עפשער וועט אימיצער, וואס דארף גראד האבן א מאלער, דערזען די שילדלעך אף די זייטלעך פונעם טראקל און עס קאן עפשער אזויארום אריינפאלן א זייטיק שטיקל ארבעט״..

אין די פריערדיקע יארן האט ארקעלע ניט אויסגעקוקט אף קיין זייטיק דזשאבל. פארקערט: טאמער האט אימיצער זיך אמאל אריינגעכאפט צו אים און אים פארגעלייגט ארבעט, האט ער זיך פאשעט אפגעזאגט:

— געווען א גאלדענע צייט! — האט ער געזיפצט און, אז קיינער איז ניט געווען לעבן אים, זיך שיער צעוויינט פון פארדרוס, — פונדעסטוועגן זיך ניט געדארפט ווארפן מיט ארבעט יענע יארן, געדארפט האבן סייכל...

ער איז איצט זיכער געווען, אז וואלט ער זיך דעמלט געווען צוגעהערט צו סערען און יא גענומען פרעמדע ארבעט, וואלטן ביי אים דעמלט געארבעט ניט נאר צען מענטשן, נאר אוואדע הונדערט און עפשער מער... ער וואלט געהאט א גרויסן שאפ, אן עמעסע פעקטארי מאמעש...

— יא, — האט ער בענגלעך א זיפץ געטאן, — ווער ווייס ווי ווייט ער וואלט שוין איצט געהאלטן!... ווארים ווי זאגט עס זיין ווייב?... אז וואלסט געווען העכער, וואלסטו אזוי גיך ניט געפאלן!... ווארים איידער דער דיקער קאן מאגער ווערן, איז שוין דער מאגערער אינגאנצן איינגעדארט...

„צוריקגעשמועסט, אבער״, — האט ארקעלע געטראכט, — „האט ער דאס

ניט געקאַנט טאָן. עס האָט ניט געפּאַסט פאַר אים. ער איז דאָך עפּעס אַ מיטגליד אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, אַ טרעזשורער אין אַן אַרבעטער רינג ברענטש און אַזוי אַ מיטגליד אין אַנדערע קולטורעלע אָרגאַניזאַציעס. בוץ דעם האָט ער דאָך סטאַם אַן אַרבעטער־טראַדיציע: אַליין אַמאָל געווען אַ יוניאָן־מאַן. אָט, ער געדענקט נאָך אַפילע גאַנץ גוט, ווי אַמאָל, נאָך באַכערווייז, האָט ער אָנגעפירט אַ סטרייק ביי אַ גרויסן באַלעבאָס... ניין! אַפילע צו ווערן אַ באַלעבאָס איבער צען מענטשן איז אים אויך אָנגעקומען גאַנץ שווער איידער ער האָט עס געפּויעלט באַ זיך...און ווען ניט סערע—די ווייב זיינע — וואָלט ער נאָך היינט אַוודע אויך געאַרבעט באַ יענעם...

אַרקעלע, ווען ער האָט זיך נאָר דערמאָנט, האָט זיך צעשמייכלט:

— עך, ווי ציטן און באַגריפן בייטן זיך! איך—אַ סטרייק־פירער!... אַפּאָנים, אַז מיר אַליין וואָלט קיין סטרייק ניט געשמעקט...

— יענער איז עס אָבער יאָ ווערט געווען. — האָט ער זיך גענומען באַרעכטיקן. — יענער איז געווען אַ פּאַשעטער סאַנעוועביטש, אַ לויזער און עקספּלואַטאַטאָר!...גאַנצע טעג פלעגט ער זיך אונטערגאַנווענען אַף די דזשאַבס און נאָכקוקן, אַז קיינער פון זיינע אַרבעטער זאָלן באַלילע קיין איבעריקן אָטעם ניט טאָן; אַז קיינער זאָל אַמאָל מער ווי איינמאָל אין טאָג ניט לויפן אין טוילעט. און טאָמער האָט זיך ווען עס איז געטראָפן, אַז אַן אַרבעטער איז קראַנק געוואָרן פונעם סאַמיקן שטאָף, וואָס ער האָט גענוצט צום „סטעינען" און איז געווען געצוואונגען צו לויפן מער ווי איינמאָל, — האָט יענער, דער באָס, אים גלייך אַוועקגעשיקט פון דער אַרבעט:

— באַ מיר איז ניט קיין שפּיטאָל! — האָט ער געזאָגט מיט טרוקענעם כויזעק. — איך דאַרף ניט קיין מענטשן פאַרן „קאָנטאָר"!...אַז איך צאָל געזונטע געלט, — וויל איך האָבן געזונטע מענטשן!...

יאָ, אַפילע אים, אַרקעלען, האָט ער איינמאָל אַוועקגעשיקט, ווען ער איז קראַנק געוואָרן און גענומען ברעכן פונעם גיפטיקן „בענזאָל"...

אַרקעלע, אָבער, אַז ער איז געוואָרן באַלעבאָס, האָט ער באַשטימט באַ זיך, אַז ער וועט ניט עקספּלואַטירן. ער וועט צאָלן זיינע מענטשן דעם יוניאָן־סקעיל און... אַרבעטן וועלן ביי אים בלויז איגענע בעווערע, גענאָסן פון זיין ברענטש, וועמען מען דאַרף ניט יאָגן און אַף וועמען מען קאָן זיך פאַרלאָזן...

און אַז דאָס איז ניט געווען קיין טאָעס, האָט ער זיך טאַקע גאָר איינגיבן איבערציגט. צו זייערס אַ טאָג אַרבעט האָט ער ניט געדאַרפט דערלייגן. ניט איינמאָל איז אים אויסגעקומען אויפצוכאַפּן אַ שמועס צווישן די אַרבעטער:

— העי, בעווערע, לאָמיר זיך היינט אַ נעם טאָן און אַריינשיסן!... לאָמיר היינט סורפּרייזן אונדזער אַרקעלען און אים פּאַרטיק מאַכן די הייזקע!... מיר זענען דאָך עפּעס ניט קיין פרעמדע!...

יאָ, ניט איינמאָל האָט אַרקעלע געהערט אַזעלכע רייד פון הינטער דער וואַנט. ער איז דאַן געבליבן שטיין איינדרויסן און ניט געוואַגט אַריינצוגיין. ער האָט צופרידן געקייעט זיין שטענדיקן צאָן־שטעכער און געהערט ווי זיינע יאַטן האָבן זיך פריילעך און ריטמיש צעזונגען. לויטן שנעלן ריטם פונעם ליד האָט ער אַפילע געפילט ווי די באַרשטן באַוועגן זיך אַזוי גיך־גיך...

— עך, — האָט ער זיך דעמלט א זאָג געטאָן, — אייגענע יאָטן זאָלן פאָרט לעבן און געזונט זיין!...

עמעס, זיינע יאָטן, זיין „קריו", — ווי מען האָט זיי אין שטאָט, צווישן פאַבליק, געפלעגט רופן, — זענען טאָמיד געווען בלאַסע און קרענקלעכע. געשמועסט האָט מען אפילע, אז דאָס איז איבער דער שטאַרקער יאָגעניש בא דער ארבעט...אָבער, — האָט ארקעלע זיך געטראַכט, — דאָס מוז גיכער האָבן צו טאָן מיט זייערע אייגענע „קאָנסטיטוציעס"...

„יאָ", — האָט ער געטראַכט, ווען ער האָט זיך נאָר דערמאָנט אין דעם, — „געווען א נאַרישקייט. געדאַרפט הערן זיין ווייב און...ווען עס האָט זיך געלאָזט — אָנשטעלן מער מענטשן. כאָטש צען פרעמדע אף איין אייגענעם. די ארבעט וואָלט געגאַנגען ווי געשמירט. פּאַרדינסטן וואָלטן געוואַקסן און דער פּרינציפּ פון אייגענע וואָלט אויך ניט געליטן. וויל ווי זאָגט מען עס? — „קאָנסטו — טוסטו"...טאָן ווען מען קאָן שוין ניט—האָט קיין זינען ניט"..

און ווידער זיך צעשמייכלט פון דער געדעכעניש פון אמאָל:

„יאָ־יאָ, א גאָלדן צייטעלע געווען!...מען האָט געריסן ארבעט אף וואָס די וועלט שטייט...וויל נאָר אזויפיל — וויפל דו קאָנסט קריגן... עך, וויפל מאָל האָבן עס זיינע יאָטן אריינגעכאַפּט א זונטיק, א לעיבאָר־דעי, א פערטן דזשולײַ און אנדערע לעגאַלע יאָמטויווים?...עמעס, לויט דער קאָנסטיטוציע פון דער יוניאָן איז עס טאַקע געווען פאַרבאָטן, אָבער צי האָט עס דען ווער געדאַרפט וויסן?...און זיינע יאָטן האָבן ניט קיין מוירע געהאַט, אז דער אריינגעכאַפּטער טאָג וועט גיין אפן רעכנונג פון א געוויינטלעכן טאָג ארבעט. זיי האָבן געהאַט פולע סעזאָנען ביי אים... און ער, ארקעלע אליין, האָט זיי אויך ניט באַוואָלט. ער האָט זיי געצאָלט מער ווי די רעגולערע סבירעס. וואָס הייסט? — ער וועט זיך דאָך מיט אייגענע מענטשן ניט גיין דינגען!"...

איצט, אָבער, זענען גאַנץ אנדערע צייטן. דאָס ביסל ארבעט, וואָס איז נאָך דאָ, באַצאָלט זיך קימאַט ניט. עמעס איז, ער צאָלט היינט ווינציקער ווי אמאָל, אָבער...קיין דריי דאָלאַר פון א מענטשן בלייבט שוין ניט...און ווען עס וואָלט אפילע יאָ געבליבן, — וואָלט פון די צוויי יאָטן געבליבן ניט מער ווי זעקס דאָלאַר...נו, און פון זעקס דאָלאַר אויסצוהאַלטן א שטוב בעאייס אזא יאָקרעס, איז אויך אוממעגלעך. שוין צוזאַמען מיט די עטלעכע דאָלאַר, וואָס ער מאַכט פון זיין אייגענער ארבעט, איז דאָס אויך ניט גענוג. א גליק בלויז, וואָס עס זענען נאָך פאַרבליבן עטלעכע אָפּגעשפּאָרטע דאָלאַר אין דער באַנק. אנדערש, וואו וואָלט ער איצט גענומען אף צו צאָלן דעם מאָרגעדזש אפן הויז און די פּרעמיומס פאַר די אייגענע אינשורנס?...

ער וואָלט זיך אפילע באַנוגנט דערמיט ווי עס איז. די צוויי פאַרבליבענע יאָטן — פאָרט אייגענע — האָבן געוואוסט, אז עס איז אים שווער און האָבן קימאַט אָן א פאַרשלאָג מיצאַד אים, ארונטערגעלאָזט צו דאָלאַר פון זייערע אייגענע סבירעס. א שאָד בלויז, וואָס עס איז געקומען אביסל שפּעטלעך. די אלע גוטע פריינט זיינע, די קאָנטראַקטאָרס און בוזערס, די, וואָס האָבן אים טאָמיד מיט ארבעט פאַרוואָרפן, — גייען שוין איצט ארום באַנקראָטירטע און קומען אפילע אָפּט צו אים נאָך א גמילעס־כעסעד...

— זײ ניט קײן באַזער! — האָט אים אַנומלטן אײנער פון זײ געהאַט געזאָגט, בעאײס ער איז געקומען לײען בײ אים אַ פינף און צוואַנציקער.
— דו האָסט באַ מיר גענוג געלט געמאַכט!... נישקאָשע, דײַן באַנק־ביכל וועט די כאַלערע ניט נעמען!...

אַרקעלע איז לעבאַטבילע גוט בײַז געוואָרן. וואָס איז ער עס עפּעס גאָר מיטאַמאָל פאַרפליכטעט געוואָרן צו זײַ?...נו, און אַז ער, אַרקעלע אַלײן, וועט מער ניט האָבן, וועט ער דען קאָנען גײן לײען בײ אײגענע אַרבעטער, בלויז דערפאַר, וואָס זײ האָבן געאַרבעט בײ אים און געגעסן זײַן ברויט?...

ער האָט זיך אָבער ניט געוואָלט אײַנרײַסן מיט זײ. — כ׳ווײס, — האָט ער געטראַכט, — מען קאָן ניט וויסן, וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען. עס קאָן דאָך זײַן, אַז עס וועט זיך נאָך צוריק אויפפּיקן און דאַן...

אַז ער האָט אָבער געזען, עס נעמט גאָר קײן סאָף ניט, האָט ער זיך ענדלעך אָנגענומען מיט מוט און אָפּגעזאָגט. אַז אײנער פון די געוועזענע קאָנטראַקטאָרס איז געקומען צו אים נאָך אַ פינפערל, — האָט ער צו אים גאַנץ קאַלט אַ בורטשע געטאָן:

— וואָס מײנט איר עפּעס, עס וואַקסט געלט באַ מיר, צי וואָס?... איר רעכנט אַוואַדע, אַז איך אַלײן האָב שוין גאָרניט קײן קריזיס?...

באַ זיך האָט ער געוואוסט, אַז עס איז נאָך ניט אַזוי געפערלעך. באַטש עמעס, אַז אין באַנק האָט ער שוין פון אַ צײַט קײן אײנציקע פּעני ניט אַרײַנגעלײגט. אָבער אַזוי שלעכט האָט עס נאָך ניט געהאַלטן.

אַז ער אַלײן זאָל אַמאָל בלײבן אינגאַנצן אָן געלט, האָט ער אַפילע ניט געכאָלעמט. וואָרים נאָך אַלעמען, האָט ער דאָך עפּעס העכער פון צען יאָר אַלץ געשפּאָרט און געשפּאָרט און מיט גאָרניט ספּעקולירט. און יעדער אָפּגעשפּאָרטער דאָלאַר איז גלײַך אין באַנק אַוועקגעלײגט געוואָרן...

די באַנקירן אָבער, זײ האָבן יאָ ספּעקולירט!... זײ האָבן זײַן געלט אַרײַנגעלײגט אין פאַרשידענע געשעפטן. דאָס זעלביקע געלט, וואָס ער האָט באַקומען פאַר שמירעכץ, האָבן זײ אַרײַנגעלײגט אין ספּעקולאַציעס, קעדײ צו לאָזן בויען נײַע הײַזלעך און ווידער צאָלן פאַר שמירעכץ...

און עס האָט געפּלאַצט!... ווען אַרקעלע האָט זיך דערוואוסט דערפון, איז שוין געווען צו שפּעט עפּעס צו טאָן אָך צו ראַטעווען אַפילע אַ פּעני... ער איז דעמלט בלויז געבליבן שטײַן אינדרויסן, לעבן דער צוגעמאַכטער באַנק, געקײַעט ווי טאָמיד אַ צעביסענעם צאָן־שטעכער און פילאָזאָפירט:

— אַ מאָדנע פּלאָנטער, אָט די וועלט!...אַ צעדרײַטע...עפּעס נאָר ווי אין שפּינוועבס אַן אַרײַנגעפּלאָנטערטע...

אײן זאַך איז אים אָבער געווען קאָשע: שפּינוועבס, האָט ער געוואוסט, וועבן די שפּינען, קעדײ אַרײַנצעכאַפּן פליגן, און ניט אַנדערע שפּינען...נאָר מענטשן, זײער געוועב, איז קעדײ אַרײַנצופּלאָנטערן אַנדערע מענטשן...

ער האָט צעווײַטיקט אַוועקגעוואָרפן דעם צעביסענעם צאָן־שטעכער, אין אַנטוישונג אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט קײן בעסערס ניט דערוואַרט, און אָפּגעווישט אַ פאַרגאַנוועטע טרער פון זײַן באַק אַראָפּ...

* * * * *

„צו גאַסט"

אין זיין געלאַסענעם, געמאָסטענעם גאַנג, האָט מאָריס געזען:

אינדערהויך, אפן אָוונטדיקן הימל, איז געהאַנגען אַ פולע זילבערנע לעוואָנע, וואָס האָט זיך שווימענדיק געגליטשט איבער ווייסע, פוכינקע וואָלקנדלעך. אנטקעגן, אף די בוימער וואָס זענען געשטאַנען אין ביידע זייטן גאַס, ווי אַלייען, האָט אַ האַרבסטיק־פריש ווינטעלע זיך געשפּילט מיט די פאַרבליבענע געלע און אָראַנזשעווע בלעטער, וועלכע האָבן זיך אַזוי מעלאַנכאָליש געהוידעט אף די צווייגן און אויסגעזען עפּעס נאָר ווי זיי וואָלטן זיך איינער מיטן אַנדערן סוידעסדיק געשושקעט...

אונטן, אפן טראָטואַר, אונטער די בוימער, האָבן שטיקלעך לעוואָנע — ווי דורך אַ זיפּל — זיך דורכגעזיפּט דורך די שיטער־באַבלעטערטע צווייגן, צעוואָרפנדיק מאַסן ווייסע ליכט־פלעקן, וואָס האָבן זיך צעלייגט אף די טראָטואַר־בלאַסטן און זיך שטיפעריש געשפּילט ווי ליבינקע, ווייסע טויבן...

אף דער גאַס איז אָוונטדיק־שטיל געווען. ליידיק — ווי אין אַ פאַרלאָזענעם קלויסטער נאָך אַ לעוואַיע־צערעמאָניע. בלויז פון ערגעץ אַ רויט־באַלויכטענעם פענצטער, אין אַ נידעריק הייזל, וואָס איז געשטאַנען ווי פאַרכאַלעמט אף אַ באַגרינטן לאָנקע־בערגל, ווייט אַוועק פונעם טראָטואַר, — האָט זיך אַ טראָג געטאָן אַן אָפּגעריסן־ווילדער סקריפּ פון געמישטע קולעס אף אַ ראַדיאָ, וואָס אימיצער האָט אַפּאָנים געוואָלט אָנטאָנען. פון אַ צווייטער זייט גאַס, פון אַ פינצטערן פענצטער, האָט זיך אַ ריס געטאָן אַ הילכיקער געלעכטער, וואָס איז גלייך פאַרשטיקט געוואָרן, און זיך באַלד פאַרוואַשן מיט שושקעדיקע רייד. הינטן, אין אַ ווייטן גאַסן־ראָג, האָט זיך הודזשענדיק פאַרביי־געטראָגן אַ סקריפּעדיקער אָטאָמאָביל און איז פאַרשוואונדן...

מאָריס איז געגאַנגען ווי באַצוואונגען. אָט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אַ וויל, זיך — ווי אַ פאַרשעמטער — ווידער אַ כאַפּ געטאָן און גענומען גיין

האסטיקער. עס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט דערביי באַשלאָסן:

„גוט, כ׳וועל דאָס היינט איינמאָל פאַר אַלעמאָל אָפּפּאַטערן און אַ סאָף״...

געוואוסט האָט ער אָבער, מאַריס, אַז ניט געקוקט אויף פעסטן באַשלוס זיינעם, צוצוגיין זיך דורכרעדן מיט מושקאַטן, זיין באַלעבאָס, איז בלויז נוזיטיק די קלענצטע געלעגנהייט, אַז ער — כאָטש ער איז שוין באַלד לעבן מושקאַטס הויז — זאָל זיך מיטאמאָל גאָר אויסדרייען און צוריק אַהיימגיין. אַנטלויפן — ווי ער האָט עס געטאָן מיט אַ וואָך, אַ כוידעש און אַפילע נאָך מיט אַ יאָר צוריק. טאָמיד ווען ער האָט זיך געקליבן דעם דאָזיקן איניען צו פאַרענדיקן.

אָבער די לעצטע צייטן איז זיין מוטער געוואָרן אַזוי צודרינגלעך, אַז זי האָט אים פּאַשעט ניט געלאָזט קיין פרייע מינוט אָפּאָטעמען. באַלד ווי ער איז נאָר אַהיימגעקומען פון דער אַרבעט, געכאַפּט דעם איבערבייס און געקליבן זיך אָוועקזעצן עפּעס לייענען, — איז זי גלייך צוגעקומען און...

— נו, מוישע־דאָווידל, — האָט זי גענומען רעדן, — וואָס וועט פאָרט זיין דער סאָף?... אַרבעטסט שוין ביי אים אַזאַ לאַנגע צייט און דאָך...

אין געדאַנק באַ זיך האָט ער דער מוטער אַפילע יאָ גערעכט געגעבן. ער האָט געפילט, אַז עס איז טאַקע אַן אַוולע, וואָס מושקאַט צאָלט אים אַזוי ווייניק פאַר דער אַרבעט. אָבער אַרויסזאָגן דאָס און עפנטלעך צוגעבן, האָט ער ניט געוואָלט און ניט געקאָנט. ער פלעגט נאָך — פאַרקערט — טאָמיד אָפּענטפערן אַזוי, ווי זי וואָלט גערעדט די גרעסטע נאַרישקייטן:

— עך, מאַמע, ווען עס וואָלט נאָר געווען די קלענצטע מעגלעכקייט דערפאַר, וואָלט איך אַפילע ניט געדאַרפט רעדן מיט אים וועגן דעם!...

די מוטער איז אָבער ניט אָפּגעטראָטן:

— מוישע־דאָווידל, — האָט זי גאַנץ שאַרף אַ זאָג געטאָן. — דו ביזט דאָך שוין ניט קיין אינגעלע!... ביזט דאָך שוין קענעהאָרע אַ באָכער פון פינף און צוואַנציק יאָר און איך וויל אויך אַמאָל נאַכעס דערלעבן!...

מאַריס האָט אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ און שפּאַסיק צוגעוואָרפן:

— אָ, נישקאָשע, איך וועל ניט פאַרזיצן ביזן גרויען צאָפּ!...אָט, זאָל זיך נאָר טרעפן עפּעס רעכטס, וועסטו זען...

געוואוסט האָט ער אָבער, אַז די עמעסע סיבע איז טאַקע דאָס, וואָס ער פאַרדינט צו ווינציק, אַז ער זאָל זיך קאָנען אונטערנעמען אַזאַ זאַך. נאָר זאָגן דער מוטער וועגן דעם, האָט ער ניט געקאָנט. זי יאָגט אים שוין סיי־ווי אַרום אַ לאַנגע צייט, אַז ער זאָל פאָדערן אַ העכערונג באַ מושקאַטן. און דאָס הייסט זי נאָך אַפילע ניט דעם עמעס, וויפל ער באַקומט ביי אים... איר האָט ער טאָמיד געזאָגט, אַז ער קריגט מיט גאַנצע פינף דאָלאַר אַ וואָך מער ווי אין דער עמעסן און אַז ער לייגט זיי אַוועק אין באַנק, קעדיי...

און ניט נאָר די מוטער, נאָר ביכלאַל קיינער אין שטאָט האָט ניט געוואוסט דעם עמעס וויפל ער פאַרדינט. געוואוסט האָט מען בלויז, אַז ער, מאַריס, אַרבעט באַ מושקאַטן אין דרוקעריי שוין אַריבער צען יאָר קעסיידער, זינט ער איז געקומען קיין אַמעריקע. געוואוסט האָט מען, אַז זיי געהערן צוזאַמען צו דער ציאָניסטישער אָרגאַניזאַציע אין שטאָט און אַז זיי פאַרהאַלטן זיך ווי עמעסע כאַווייריס. געשמועסט האָט מען אַפילע, אַז מושקאַט באַהאַנדלט

אים ווי אַן אייגענעם זון. ניט איינמאָל איז מאָריסן אויסגעקומען צו הערן, ווי מענטשן האָבן גערעדט וועגן אים:

— אַז מען האָט אַזאַ גאָלדענעם פּאָך אין האַנט און אַזאַ באַלעבאָס ווי מושקאַט, האָט מען שוין גאָרניט וואָס צו זאָרגן!...

אין שטעטל האָט מען מאָריסן געהאַלטן פאַר אַ קלוגן, אינטעליגענטן יונגנמאַן. געוואוסט האָט מען, אַז ער איז דער דאָרטיקער פּאַרטרעטער פון דער ניו־יאָרקער צייטונג, אַף אָנצונעמען אַבאָנענטן, אַנאָנסן און איינמאָנען בזיוועס. מען האָט אויך געשמועסט, אַז ער דערהאַלט יעדעס נייע בוך וואָס גייט נאָר אַרויס פון דרוק און אַז ער איז דעריבער אַ באַלעזענער און אַ געלערנטער באָבער. און דערצו האָט נאָך טאַקע צוגעהאָלפן זיין, מאָריסעס, אויסערלעכער אויסזען און זיין האַלטונג; דער געלאַסענער גאַנג און די אַכט־קאַנטיקע, בוילעטע ברילן־גלעזער מיט די דינע זילבערנע האָלאָבלעס. אַפילו די צעשויבערטע האָר־קרויזן און דער הויכער רונדער שטערן, האָבן אים צוגעגעבן דעם אויסזען פון אַן אינטעליגענט און דאָס האָט אויך — נאַטירלעך — אַרויסגערופן אַ דערעך־ערעץ צו אים.

ניט איין טאַטע־מאַמע, וואָס האָבן געהאַט אַ דערוואַקסענע טאָכטער צום באַסענע מאַכן, האָבן דערפאַר געקוקט אַף מאָריסן ווי אַף אַ מעגלעכן איידים. שטילערהייט האָבן זיי באַנוצט אַלערליי מיטלען, אַז מאָריס זאָל וואַרפן אַן אויג אַף זייער טאָכטער און...

ס'האָט אויסגעזען, אַז טאַקע דערפאַר וואָס מענטשן האָבן גערעדט וועגן מאָריסן מיט אָפּשיי און אַכטונג — האָט עס ערשט דער מוטער זיינער נאָך שטאַרקער ווי געטאָן. ספּעציעל האָט זי געליטן דעמלט, ווען זי האָט נאָר געהערט, אַז אַ באָכער פון געגנט האָט באַסענע געהאַט, אָדער אַ באַלעבאַ־טישע מיידל איז אַ קאַלע געוואָרן. דעמלט האָט זי זיך גוט אויסגעוויינט בא זיך אין קיך. און אַז מאָריס איז אַהיימגעקומען פון דער אַרבעט, האָט זי ערשט אַף ס'ניי זיך אַ נעם געטאָן צו אים מיט אירע אַלטע טאַינעס...

* * * * *

דאָס לעצטע מאָל, אַז מאָריסעס מוטער האָט זיך — ווי שטענדיק — צוגעזעצט מיט איר טאַינע צו אים, אַז ער זאָל מאַכן אַ סאָף מיט מושקאַטן און פאָדערן ביי אים אַ העכערונג אין די סכירעס, — האָט מאָריס זיך שוין מער ניט אויסגעלאַכט, נאָר ווי אין רעזיגנאַציע צוגעשטימט.

אייגנטלעך זענען שוין דאַסמאָל דער מוטערס רייד געווען איבעריק. נאָך איידער ער איז יענעם טאָג אַהיימגעקומען פון דער אַרבעט, האָט ער בא זיך סיי־ווי געהאַט אָפּגעמאַכט, אַז היינט וועט עס נעמען אַ סאָף און...

דער שטויס דערצו האָט ער, מאָריס, באַקומען פון עוועלינען, דער נייער אָפיס־מיידל, וועלבע אַרבעט בא מושקאַטן די לעצטע עטלעכע וואָכן. זי, די דאָזיקע עוועלין, איז מאָריסן געפעלן געוואָרן באַלד אינעם ערשטן טאָג וואָס זי איז אָנגעקומען אַרבעטן אין אָפיס און זיך באַקאַנט מיט אים... ער האָט שוין עטלעכע מאָל גערעדט צו איר און זי אָפּגעפירט אַהיים פון דער אַרבעט. ער האָט איר שוין אַפילו שיער פאָרגעשלאָגן, אַז זי זאָל דעם קומענדיקן שאַבעס צו נאַכט גיין מיט אים צו אַ מואַווי. מאָריס האָט זיך אָבער דערביי

גלייך געכאפט, אז דאס איז פארבונדן מיט אזעלכע אויסגאבן, וואס ער קאן זיך ניט דערלויבן. נאכדעם ווי ער גיט פון זיינע סכירעס דער מוטער אף אויסקומעניש, בלייבט ער קימאט אן א סענט פאר זיך. נו, און צו נעמען עוועלינען אין א ביליקן פלאץ, האט ער ניט געקאנט פועלן בא זיך:

„וואָרים וואָס וועט זי דאן טראכטן וועגן מיר?"— האט ער אין געדאנק זיך געמוטשעט, — „זי וועט אוודע דענקען אז איך בין א קארגער און"...

„צוריקגעשמועסט", — האט ער זיך געפילפלט, — „וואלט זי עס עפשער ניט געזאגט, ווייל זי ווייסט דאך דעם עמעס וויפל איך פארדין... זי שרייבט דאך עס אויס די טשעקס פאר די סכירעס, וואס מושקאט שרייבט נאר אונטער. זי ווייסט, אז ער, מאָרים, פארדינט ווינציק... נאך מער: זי האט אים אפילע שוין געהאט פארגעווארפן וועגן דעם. מיט עטלעכע וואכן פריער, בעאייסן באגלייטן זי אהיים, האט זי אים אזוי זייטיק א זאג געטאן, אז עס בידעשט זי, ווי אזוי ער, אזא גוטער באלמעלאכע, זאל זיך באנוגענען מיט סכירעס, וואס איז ניט פיל מער ווי דעם לערן־אינגלס. זי האט אים דעמלט געגעבן קלאר אנצוהערן, אז עס איז זיין אייגענע שולד וואס ער לאזט זיך. זי האט אים, געדענקט ער, מיקלוימערשט אין שפאס, אזוי א זאג געטאן:

— נו, אוודע, אז איר ווילט דאווקע לעבן מיטן באלעבאס ווי מיט א באווער, וועט ער אייך דאווקע באהאנדלען ווי א באזער!...

זי האט זיך ביכלאל געוואונדערט, ווי אזוי אן ארבעטער ווי ער, דער איינציקער אידישער זעצער אין שטאט, זאל זיך אזוי לאזן אויסנוצן פון א באלעבאס און דערביי נאך טראכטן, אז ער טוט עס צוליב אידעאל...

לעכאטכילע האט זיך מאָרים אפילע געפילט געקרענקט פון עוועלינס רייד. ער האט געוואוסט, אז פון א צווייטער וואלט ער אזעלכע רייד ניט געוואלט הערן. און זי, זי האט דאך גערעדט צו אים מיט אזא ליבער ווארעמקייט, אז ער, מאָרים, האט אזש אנגעהויבן שמייכלען און געטראכט, אז זי איז עפשער גארניט אזוי אומגערעכט און...

וואס אייגנטלעך ער, מאָרים, האט דעריזען אין עוועלינען, האט ער אליין זיך אפילע ניט געקאנט קיין רעכנונג אפגעבן. דאכט זיך, — האט ער זיך געטראכט, — א מיידל איז זי ווי אלע אנדערע, אבער... עפעס זענען אירע רייד אזעלכע אנדערשדיקע, גלעטנדיקע און איבערציינגנדיקע...

— ווי מאדנע, — האט מאָרים, ניט איינמאל נאכן באקאנען זיך מיט איר, צו זיך אליין געזאגט, — דאכט זיך, ער האט דאך טאמיד אזוי פיינט געהאט דעם נאמען „עוועלין", אז ער האט אים אף זיינע ליפן ניט געקאנט ארויפברענגען. ער האט ניט געקאנט באגרייפן, ווי אזוי קאן עס א אידישע טאכטער פארבייטן דעם פארברייכן און קלינגענדיקן נאמען כאווע, אף אזא פראסטן, קלאנגלאזן און... ווולגארן. פאר איר אבער, — האט ער געפילט, — פאר דער דאזיקער מיידל, פאסט דער נאמען עוועלין אזוי גוט, קלינגט ער אזוי שיין און הערלעך — נאר ווי אן עמעסע פאעמע...

און זי אליין, עוועלין, איז דאך אזא שיינע, אזא הויכע און שלאנקע, פונקט ווי — לויט זיין פארשטעלונג — עס דארף זיין א יונגער צעדערבוים אף די בערג פון יעהודע. אירע עטוואס־ווילדע, פעך־שווארצע קרויזן — ווי

בא שולאַמיס פון שיר השירים. אירע רויטע ליפּן — אריבערגעצויגענע אין א סעגל, ווי דריי פּולע, צייטיקע רויטע קאַרשלעך — בעטן זיך, דאַכט זיך, אז מען זאָל צופאַלן צו זיי מיט די אייגענע ליפּן, זיך איינזויגן אין זיי און אויסקושן דעם וואַיניקן זאַפט פון זיי. אירע אויגן — אַזעלכע ווייכע און גלעטנדיקע — דערציילן פּשוט אַזעלכע פאַרכאַפּנדיק־בענגלעכע מאַיסעלעך פון עפּעס א ווייטער מיסטעריעזער וועלט וואו עס איז טאָמיד יאָמטעוו...

יאָ, מאָריס האָט עוועלינען זייער ליב באַקומען. פון זינט ער האָט זי דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט, — זעט ער זי פאַר זיך וואו ער זאָל זיך ניט געפינען. אומעטום וואַקסט זי אויס קעגן אים מיט אירע גליענדיקע בליקן, אז ער הויבט אָזש אָן ציטערן פון דער פיינלעך־אַנגענעמער וואַרעמקייט...

און אָט צוליב דער דאָזיקער מיידל איז עס מאָריס גרייט געווען אָף דעם, וואָס ער האָט אזא לאַנגע צייט באַקעמפט אין זיך. עמעס, ס'איז נאָך אלץ ביי אים געבליבן א פריקרעקייט זיך אַוועקצושטעלן דינגען מיט אַן אייגענעם כאַווער; ארויסשטעלן אזא וואָכעדיקע פאָדערונג צו יענעם, וועלכער האָט אים, קאָן מען זאָגן, פאַר א מענטשן געמאַכט; אים אריינגעצויגן אין דער געזעלשאַפטלעכער ארבעט און אים געמאַכט פאַר סעקרעטאַר פון דער יוגנט אָרגאַניזאַציע. אָבער... זי, עוועלין, — פילט ער, — איז אַפּאָנים פאָרט גערעכט געווען, בעאַיס זי האָט אים געזאָגט:

— וואָס ארט עס אים, אז ער האָט אייך פאַרשפּילט מיט ציאָניזם? אבי איר טשעפּעט אים נאָר ניט מיט אייערע סכירעס!...

און באַלד צוגעגעבן:

— אפן יוישער פון א באַלעבאָס טאָר מען זיך ניט פאַרלאָזן...מיט זיי איז פאַראַן בלויז צוויי וועגן: — פאָדערן און...סטרייקן...

* * * * *

מאָריס איז סאָף־קאָל־סאָף צוגעקומען צום באַקאַנטן, פיין־געמויערטן הויז, וואו מושקאַט, זיין באַלעבאָס האָט געוואוינט. אָף דער גאַס, לעבן דעם הויז, האָט מאָריס דערזען עטלעכע שטייענדיקע אָטאָמאָבילן. פון די העל־באַלויכטענע פענצטער האָט זיך געטראָגן א פריילעכער טומל:

„פאַראַן, זעט אויס, געסט ביי אים". — האָט מאָריס זיך א צי געטאָן אָף צוריק. — „בעסער אָפּלייגן דאָס אָף א צווייטמאָל, אָדער אין שאָפּ"...

ער האָט זיך אָבער גלייך דערמאָנט, אז די לעצטע פּאָר טעג, ווען ער האָט זיך נאָר געקליבן צו רעדן מיט מושקאַטן אין שאָפּ, האָט יענער — אָדער א מאַך געטאָן מיט דער האַנט און איז איילנדיק אַוועק ערגעץ צוליב געשעפט, אָדער גאָר גענומען רעדן וועגן ערעץ איסראָעל און פּלענער פון דער אָרגאַניזאַציע. אים, מאָריסן, האָט דעמלט פּשוט אויסגעפעלט מוט און ער האָט מאַמעש ניט געפונען קיין ווערטער אָף אָנצוהויבן רעדן...

מאָריס איז געשטאַנען א צעטומלטער און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן: אויב ער זאָל אַוועקגיין, האָט ער געטראַכט, וועט עוועלין אים דאָך אַוואַדע אויסלאַכן. ער האָט זיך דעריבער אָנגעשטרענגט און איז גלייך אריין אין פאָרהויז. דאָס פריילעכע געלעכטער, וואָס האָט זיך געטראָגן פון הינטער דער טיר, האָט אים ווידער צעטומלט, אז ער האָט אָזש גענומען ציטערן.

אַליין ניט ווּיסנדיק ווי אַזוי עס איז דאָך געשען, האָט ער אַ לייג געטאָן זיין פינגער אַפן גלעקל־קנאָפּ פון דער טיר און...

אַוועקצוגיין איז שוין שפּעט געווען. די טיר האָט אים געעפנט דער באַלעבאָס, מיסטער מושקאַט אַליין. יענער האָט אַ מאָדנעם קוק געטאָן אַפן גאַסט און צעעפנט דאָס מויל פון גרויס איבעראַשונג. גלייך האָט ער אָבער אַנגעצויגן אַ שמייכל אַפן פּנים, אים דערלאַנגט אַ האַנט, זיך אַ דריי אויס געטאָן צום גאַסט־צימער און הילכיק אַריינגעשריגן:

— זע נאָר, בעטסי, ווער ס'איז געקומען!...מיר האָבן אַ גאַסט!... מאָריס, אונדזער מאָריס איז דאָך געקומען!...

און צו אים:

— נו, קום זשע אַריין, מאָריס, קום אַריין! מיר האָבן נאָך געסט!...

— איך...— האָט מאָריס גענומען שטאַמלען און אַלץ קיין טראָט ניט געטאָן, — איך בין געקומען, ע...איבעררעדן מיט אייך וועגן געשעפט..

מושקאַט האָט אים איראָניש איבערגעשלאָגן:

— וואָס? ביינאַכט אויך וועגן געשעפטן?...און איך האָב געהאָפט, אַז באַטש אינדערהיים וועל איך זיין פריי פון זיי!...

ער האָט אַרויפגעלייגט אַ האַנט אַף זיין אַקסל:

— ווייסטו גאָר וואָס, מאָריס, — האָט ער אַ זאָג געטאָן, — לייג עפּשער גאָר אָפּ דיינע גרויסע געשעפטן אַף אַן אַנדערשמאָל און איצט...

ער האָט צוגענומען בא מאָריסן דעם הוט, קימאַט קעגן זיין ווילן פון אים אַרונטערגעצויגן דעם מאַנטל און אים אויפגעהאַנגען אַף איינעם פון אַ פּאָר הירשן־הערנער, וואָס זענען ווי אַרויסגעוואַקסן פון דער וואַנט, אַף ביידע זייטן פון אַן אַלטן אַנטיק־שפּיגל. דערנאָך האָט ער אים, מאָריסן, אַ נעם געטאָן אונטערן אָרעם און שטיל אַ לאַך געטאָן:

— און דיינע געשעפטן, בע־בע, וועלן מיר שפּעטער דערליידיקן...

מאָריס האָט דערפילט אַ היץ אין פּנים. פאַרבייגייענדיק דעם שפּיגל, האָט ער געכאַפּט אַ בליק אַף זיך און זיך אַליין מאַמעש ניט דערקאַנט. ער איז געווען בלאַס, ווי אַן אַ טראָפּן בלוט. די אויגן ביי אים האָבן געגליט און די נאָז־לעכער האָבן זיך געבלאָזן ווי אין פיבער...

פון גאַסט־צימער האָט זיך געטראָגן אַ פאַרטויבנדיק־פריילעכער טומל. אַ מישמאַש פון פאַרשידענע שטימען האָט געגרילצט אין מאָריסעס אויערן... געלעכטער האָט אָפּגעהילכט איבער די ווענט ווי אַ שאָטן פון פרייד. מאָריס האָט איבערגעטראָטן די שוועל פון גאַסט־צימער...

* * * * *

בא מאָריסעס אַריינקומען, זענען די געסט — וואָס זענען געזעסן אַרום אַ גרויסן טיש — מיטאַמאָל שטיל געוואָרן. טלעכע האַלב־אויסגערעדטע ווערטער זענען געבליבן הענגען ווי פאַרלוירענע אין דער מיט־רויך־אָנ־געפילטער שטוב. אַלע האָבן אָנגעשטעלט זייערע בליקן אַף אים...

— לעידיס ענד דזשענטלמען! — האָט מושקאַט, בעאַיס ער איז נאָך געשטאַנען אין טיר צווישן קאָרידאָר און גאַסט־צימער, אין אַן אַקטיאָרישער פּאָזע אויסדעקלאַמירט, — איך האָב דאָס פאַרגעניגן אייך פאָרצושטעלן דעם

סעקרעטאר פון אונדזער ציאָניסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע, מײַן באַוער און פרײַנט, מאָריס לעווין!...

— און אויך אונדזער געטרײַעסטן ארבעטער! — האָט מיסיס מושקאַט, פון איר פּלאַץ אַף דער צווײטער זײַט טיש, אַף גיך צוגעגעבן און זיך אויפגעשטעלט אַנטקעגנצוגײן דעם גאַסט מיט איר אויסגעצויגענער האַנט,— ער ארבעט בײַ אונדז פון זינט ער איז געקומען קײן אַמעריקע און...

מאָריס האָט דערפילט, אַז ער איז רויט געוואָרן און אַז ער סאַרפּעט. מושקאַט איז אים אָבער גלײַך צו הילף געקומען. מיט אַ געמאַכט ברוגזל האָט ער אַ קוק געטאָן אַף דער ווײַב און איר אויסגערעדט:

— אָ, בעטסי, גאָט איז מיט דיר!... בײַ אונדז אין הויז איז מאָריס בלויז אונדזער גאַסט און ניט קײן ארבעטער!...ניט וואָר, מאָריס? — האָט ער זיך גלײַך אַ דרײ אויס געטאָן צו אים און,— מיט אַ פרײַנטלעכן קלאַפּ אין פּלײצע, — גענומען פאַרגלעטן די שווערע שטימונג, וואָס זײַן ווײַבס ווערטער האָבן געשאַפן. — וועל־וועל, טאַקע אַן אומגעריכטער גאַסט, אָבער פאָרט אַ ליבער און אַנגעלײגטער...

און צו די געסט:

— וועל, לעידיס ענד דזשענטלמען, באַקאַנט זיך צווישן זיך!...

אַ געדיכטע שווײַגעניש האָט זיך דורכגעשלײַכט דורכן צימער. עס האָט זיך געפילט, אַז מיסיס מושקאַטס באַמערקונג האָט ארונטערגעשלאָגן מאָריסעס מאַראָכע באַ די געסט. זײ האָבן אָבער גלײַך אַנגעצויגן אַף די פּנימער אַ געמאַכטע פרײַנטלעכקײט און צוגעוואָרפן אָפיציעל־טרוקענע אויסרופן:

— האַו דו יו דו!...פּליזד טו מיט יו, מיסטער לעווין!...

מאָריס האָט באַטראַכט די געסט און זײ דערקאַנט. אַלע — מיט וועמען מושקאַט האָט געפירט געשעפטן. ער האָט דאָ געזען שפּינערן — דעם פּאַפּיר־סוחר, געלערן — דעם טינט־מאַכער און נאָך אַנדערע באַקאַנטע סאָחרים. ניט אײנמאָל איז ער, מאָריס, געווען באַ זײ אין שעליכעס. אײצט האָט ער זײ צום ערשטן מאָל געזען אין פּריוואַטן לעבן און זיך דערפילט מאָדנע אין זײער אַנוועזנהײט. טרוקן, מיט אַ באַצוואונגענעם שמײכל, האָט ער דעריבער אַ מורמל געטאָן דעם געוויינטלעכן מעכאַנישן ענטפער:

— לײַקווײַז, אײ עם שור!...

ער האָט זיך צוגעזעצט. אימיצער פון די געסט האָט מיט אַן ארויסרוף זיך אַ ווענד געטאָן צו מאָריסן:

— איר וועט אַוודאי נעמען אַ האַנט מיט אונדז, מיסטער לעווין!... עס איז אַ ניקל די לימיט בלויז!...

מאָריס האָט שטומערהײט אַ שאָקל געטאָן דעם קאָפּ אַף נײן.

ס'איז פאַרבײַ אַ ווײַל. ס'האָט אויסגעזען, ווי די געסט האָבן שוין פאַרגעסן אין אים. זײ האָבן זיך צוריק גענומען צו דער קאָרטן־שפּיל, וואָס זײ האָבן איבערגעהאַקט באַ זײַן ארײַנקומען. דער אַזאַרט איז אַוועק איבער אַ נײַעס. די פּרויען האָבן כיכיקעט און זיך איבערגעוואונקען אײנע מיט דער אַנדערער. די מענער האָבן מיט אַ גאַנץ ערנסטן קאַאַס געוואָרפן די קאָרטן אַפן טיש און מיקלוימערשט אײַגזטן מוט זיך איבערגעשריגן:

— נו, כאַנאַניע, לייגט זיך שוין אַמאָל אַרויס אפן טיש!...

— זעט נאָר ווער עס רעדט, דער גרויסער פּאַרדינער!...

— אַנטפּלעקט זיך, מאַדאַם, שעמט זיך ניט! לאָמיר זען וואָס איר האָט!

— דריי שיקסעס איז גוט פאַר אייך?!...

— זאָלן זיי אייך וואויל באַקומען!...מיר קאָנען זיי שוין קיין גוטס ניט טאָן מער!...

— און איך האָב אַ פול הויז!...

— האַלט זיך דערביי ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר!...איך פּעס!...

איינער האָט זיך געקאָכט מער ווי די איבעריקע:

— איי, זייט איר אַ פּושער!...טאַטע מיינער, מיט אַזעלכענע גאָלדענע קאָרטן פּעסט מען?!...נו, איז דאָס ניט אַ פּאַרטאַטש?!...

— נו, זענט איר דער כאָכעם און האַלט מיך פאַרן...נאַר!...— האָט אימיצער גאַנץ ציניש אָפּגעענטפערט און אַ שמיץ געטאָן די קאָרטן אפן טיש, אַז זיי זענען זיך אַזש צעפלויגן אין אַלע זייטן. — אַז איר מאַכט נאָר די קונקל־מונקל ביזנעס, איז דאָך ניט שיין!...

ער האָט אָף גיך גענומען אויפקלעפּלען די וועסט, אַזוי ווי ער וואָלט זיך דאָ געקליבן שלאָגן מיט אימיצן און אַקשאָנעסדיק, מיט קאַאַס, גענומען ווישן דעם שווייסיקן פּליך מיט אַ טיכל.

— ער רעדט נאָך! — האָט יענער זיך נאָך אַלץ געקאָכט, — ווען איך האָב אַזעלכע קאָרטן, וואָלט איר אַלע אַוועק באַ מיר נאַקי, ווי פון אַ באָד אַרויס, זאָל איך אַזוי לעבן און געזונט זיין מיט אייך אינאיינעם!...אין די הוילע גאַטקעס וואָלט איר היינט אַהיימגעגאַנגען, ווי כ'בין אַ איד!...

די פרויען האָבן כיכיקעט נאָך יעדן געוואָרפענעם וויץ און מיט זייער געלעכטער נאָך שאַרפער אונטערגעשטראָכן דעם ציניזם. מאָריס האָט אַלעמען אַרומגעכאַפּט מיט זיינע בליקן און געשוויגן. עס האָט אים שטאַרק געעקלט. ער איז גרייט געווען זיך אויפצוהויבן פון זיין פּלאַץ און אָן אַ זיי געזונט אַנטלויפן. ער האָט זיך אָבער דערמאַנט נאָך וואָס ער איז געקומען און אַז עוועלין וועט אים פּאָשעט אויסלאַכן אויב...און ער איז געבליבן זיצן...

* * * * *

אַנטקעגנאיבער זיך האָט מאָריס געזען אַ יונגע פרוי, מיט אַ גרויסן אויסגעשניטענעם דעקאָלטע אין איר שוואַרץ־סאַמעטענעם קלייד. פון דאָרט, פונעם טיפן אויסשניט, האָט זיך אַרויסגעזען אַ קלאָר־ווייס לייב, מיט אַ רייצנדיק גריבל צווישן דעם אָנהויב פון אַ פּאָר ניט זייער הויך־אַרויפגעהויבענע בריסטן. באַמערקט האָט מאָריס, אַז די דאָזיקע פרוי האָט גלייך נאָך זיין אַריינקומען זיך גענומען כיינדלען. מיט איין האַנט האָט זי זיך געשפּילט מיט דעם בריליאַנטענעם ברעלאָקל, וואָס איז געהאַנגען אָף אַ גאָלדן קייטעלע אַרום איר האַלדז, פּונקט איבער די בריסטן, און מיט די ציין געביסן די זאַפטיק־רויטע ליפּ באַם ווינקל מויל. עטלעכע מאָל האָט זי זיך דערביי כיינעוודיק־קאָקעטיש אַ דריי געטאָן מיט איר גאָלדיק־בלאָנדן, אין קרויזן־צוגעקאַרבטן קעפּל און, מיקלוימערשט צופעליק, אַ שפּריץ געטאָן אָף מאָריסן מיט אירע העל־גרויע, קעציש־ע אויגן. מיטאַמאָל האָט זי גאָר פויל אַוועקגעשאַרט די קאָרטן פון זיך

און אזוי ווי סטאם אין דער וועלט אריין א זאג געטאָן:

— איך שפּיל ניט מער מיינע הערשאפטן!... מיר גייט היינט סיי־ווי־סיי עפּעס ניט איבעריק גוט אין די קאָרטן!...

און גלייך, מיט אן איינגעהאלטענעם שמייכל, צוגעגעבן:

— נו מיילע, באפּט עס דער טייוול!...דאָס לעבן וועל איך זיך דאָך ניט נעמען איבער דעם!...בוץ אלעמען איז דאָך, דאכט זיך, פאראן א ווערטל, אז אויב עס גייט ניט אין קאָרטן — גייט אין ליבע. און דאָס...

זי האָט נאָכאמאָל, און שוין דירעקטער, א ביס געטאָן מאָריסן מיט אירע בליציקע בליקן און מיט א קאָקעטיש שמייכעלע אים א פרעג געטאָן:

— ווי מיינט איר, מיסטער לעוויט, איז פאראן עמעס אין דעם?...

און שטילער, אז קיינער פון די געסט זאָל ניט הערן, א זיפץ געטאָן:

— און עפשער וואָלט טאַקע געגאַנגען, ווען עס וואָלט זיך געפונען א קלוגער יונגערמאַן, וואָס זאָל האָבן סייכל און...

זי האָט זיך צעקלונגען מיט א דין־הילכיק געלעכטערל, ארויסגעשטעלט אירע ווייסע, איינס און איינס געזונטע, שיינע ציין און איז שטיל געבליבן... איר בליק — אף לעוויטן — איז געווען א פארשיקערטער און פאראקשנטער. בלויז פון צייט צו צייט האָט זי זיך אומגעקוקט צו איר מאַן, וועלכער האָט מאָמענטנווייז געהאלטן אין איין שיקן זייטיקע, קוים באמערקבארע קוקעלעך אף איר, פון אונטער זיינע שווארץ־בארעמטע ברילן. איר, דער פרוי, האָט עס אָבער, זעט אויס, ניט געארט. נאָך יעדנמאָל האָט זי א פינטל געטאָן מיט אן אויג און אונטערגעשמייכלט, ווי זי וואָלט געזאָגט:

— זעט נאָר ווי ער היט עס מיך, דער אלטער!...

דער מאַן, מיסטאָמע אין אויסברוך פון פארדראָסיקן אייפערזוכט, האָט זיך מיט קאַאס א קראַץ געטאָן אין קאָפּ. דערביי האָט ער אוודע פארגעסן, אז ער האלט א ברענענדיקן ציגאַר אין האַנט. אומגערן האָט זיך דערפון אָפּגעטרייסלט אביסל צעגליטע אש אף זיין נאַקעטן פליכעוואַטן שאַרבן ארויף, אז ער איז אזש א שפּרונג געטאָן פונעם ברי און, אין איילעניש, גענומען ארונטערשאַרן דעם הייסן אש פון זיך...

די פרוי האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט און צווייטיק אויסגערופן:

— אָ, דזשעקי, „דארלינג", האָסטו שוין ניט געקאָנט געפינען קיין בעסער און באַקוועמער אש־קעסטעלע, נאָר דעם אייגענעם קאָפּ דיינעם?...

דער מאַן האָט זי בייז אָפּגעמאָסטן. עס האָט אויסגעזען, אז וואָלט עס ניט געווען אין א פרעמדן הויז, צווישן פרעמדע מענטשן, וואָלט ער איר געווען דערלאַנגט אזא גאָב, אז זי וואָלט שוין פארזאָגט א צענטן ניט צו מאַכן אזא באמערקונג. ער האָט אָבער — פארקערט — אָנגעצויגן א לייטיש שמייכעלע אף זיך און מיקלוימערשט אין שפּאַס א שניט געטאָן:

— וואָס זשע, „סוויטהארט", אז מען איז א גוטינקע און געטרייאינקע ווייבעלע, באַזאָרגט מען דעם מאַן מיט אן אש־קעסטעלע און...

מאָריס האָט זיך ווידער דערפילט אומבאַקוועם און אין אומגעדולד זיך געדרייט אף זיין בענקל. די פרוי, די מיסיס שפינער, ווי ער האָט זיך שוין דערוואוסט וועמענס פרוי זי איז, האָט אלץ ניט אויפגעהערט קוקן אף אים,

אז ער האָט אזש געמוזט אַפּווענדן די אויגן. מיטאמאָל האָט זי זיך א ווענד געטאָן צו דער מיסיס מושקאַט:

— זאָגסטו, בעטסי, דארלינג, אז מיסטער לעוויט ארבעט בא דיין מאַן אין דער דרוקעריי?... זעסטו, מיך פארדריסט, וואָס איך האָב עס ניט גע־וואוסט פאר מיין כאסענע מיט שפינערן. איך וואָלט, זאָג איך דיר, אליין געווען צוגעפאָרן אין שאפּ צו אייך און איך וואָלט פערזענלעך באשטעלט די איינלאדונג־קארטן... פארשטייסט, — האָט זי גנייוויש א פינטל געטאָן מיט אן אויג און דערביי פון דער זייט געקוקט צו לעוויטן, — ווען מען ווייסט, אז די כאסענע־קארטן זענען געמאכט פון אזא פיינעם און טאקע אזא שיינעם יונגנמאַן, פילט זיך גאָר אנדערש ווי כאסענע צו האָבן, כע־כע־כע...

מאָריס האָט ארונטערגעשלונגען א שמייכל. דערמאנט האָט ער זיך, אז ערשט ניט לאנג צוריק האָט ער טאקע אויפגעזעצט די כאסענע־קארטן פאר די שפינערס. אין שאפּ האָט מען דעמלט געזאָגט, אז שפינער, דער אלטער, קארגער פאפיר־סוחר, האָט זיך געקויפט אין ניו יאָרק עפּעס א וואזשנע שיינע און יונגע צאצקע און אז זי...

מיסיס מושקאַט, כאָטש ס'איז קלאָר געווען, אז זי האָט ניט אזוי שטארק פארשטאַנען, וואָס מיסיס שפינער האָט געמיינט מיט איר באמערקונג, — האָט אויך געלאכט. באלד האָט זי זיך אויפגעהויבן פון איר פלאץ און איז אוועק איבערן צימער מיט איר דיקער פיגור, וואָס איז געלעגן איינגעפּרעסט אין א שרייענדיק־רויטן און שטארק אָנגעצויגענעם קלייד. אירע אויפגעבלאָזענע אָרעמס און פליישיקע פלייצעס, האָבן — נאקעטע און שטארק־רויטע — אזש אונטערגעציטערט פונעם אָנגעגאָסענעם פעטס, בעאַיים איר גאנג. זי האָט זיך אומגעקערט, אויסגעצויגן אירע שמאלציק־ווייסע הענט מיט די קורצינקע פעטע פינגער, גלייך זי וואָלט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיי, בכדי צו באווייזן די ברילִיאנטענע רינגלעך און די רויט־געפארבטע נעגל. באלד האָט זי זיך א רוק געטאָן צו מאָריסן, אים א קוק געטאָן אין די אויגן אריין און מיט אָנגעבלאָזענע ליפּן, מיקלוימערשט ברוגעזלעך — א זאָג געטאָן:

— פארוואָס קומט איר עפּעס די לעצטע צייטן אזוי זעלטן צו אונדז, מאָריס?..דאכט זיך, א היימישער מענטש ביי אונדז און דאָך... איר דארפט קומען אָפטער און... מיר האָבן טאָמיד פיינע קאָמפּאַניע און...

און מיטאמאָל:

— איר וועט עפּשער טרינקען א גלעזל טיי, מאָריס?...

מאָריס האָט געפּרואווט באדאנקען און זיך אָפּזאָגן, אָבער גלייך האָט די מיסיס שפינער זיך אריינגעמישט און איילנדיק צוגעוואָרפן:

— זיכער וועט ער טרינקען, בעטסי!...וואָס פרעגסטו גאָר פראַגעס?... ווייל ווי זאָגט מען עס דאָרט, — „א קראנקן פרעגט מען און א געזונטן גיט מען!"... נו, און מיסטער לעוויט, זעט אויס, איז נאָך ווייט פון צו זיין א קראנקער, אָדער שוואכער...איך בין זיכער, אז ער וואָלט נאָך געקאָנט א גוטן קוועטש טאָן, ווען מען דערלאנגט אים א האנט. ניט אזוי?...

זי האָט זיך צעלאכט פון איר אייגענער כאָכמע און, אינעם געלעכטער, צווידייטיק א שעפּטשע געטאָן צו לעוויטן:

— מיך אליין דארף מען נאָך אויך, גאָט צו דאַנקען, ניט פּרעגן!...
מיר קאָן מען נאָך אויך געבן אומגעפרעגט! אלוואי ווייטער ניט ערגער!...

און ווי צו באַווייזן מאָריסן, אַז זי מיינט טאַקע וואָס זי זאָגט, האָט זי זיך מיטאַמאָל געטאָן אַ שטעל אויף און זיך אַ דריי געטאָן מיט איר גאַנצער פיגור ארום זיך.

מאָריס האָט אומווילנדיק אַ קוק געטאָן אָף איר און דערפילט אַן עקל צו איר. עפּעס איז זי, מיטן דאָזיקן דריי, אים אויסגעקומען ווי אַ בהמה, וואָס אַ פּויער דרייט אויס אפן מארק, קעדיי צו באַווייזן דעם קוינע, אַז זי איז ווערט דעם מעקעך. אויך האָט זיך אים בעאייס דעם דערמאָנט, ווי אַמאָל, שפּעט ביינאַכט, אַהיימגייענדיק פון אַ מיטינג, — האָט אים ערגעץ אָף אַ טונקעלער גאַס אָפּגעשטעלט אַ גאַסן־פרוי און, פּונקט ווי זי, זיך אויך ארום אים אזאַ כוצפּעדיקן דריי געטאָן, קעדיי אים אויפצורייצן...

מיסיס מושקאַט האָט דערווייל צוגעטראָגן אַ גלאָז טיי מיט קיכעלעך. מיט אַן איבערגעטריבן־זיסן שמייכל האָט זי עס אוועקגעשטעלט לעבן לעווינען און זיך גענומען באַדינען די אַנדערע געסט. מיסיס שפּינער האָט זיך דערווייל מאַנירלעך אַ כאַפּ געטאָן, מיט אַ שמייכעלע אָף אַלע אירע ציין האָט זי זיך קאָקעטיש פאַרנויגט פאַר לעווינען, גענומען דאָס לעפעלע מיט דער צוקער־פּושקע און קימאַט אויסגעזונגען מאָריסן גלייך אין אויער אריין:

— וויפל ארייַנלייגן, מיסטער לעווין, צוויי, אָדער דריי?...

מאָריס האָט ניט געענטפערט דירעקט. ער האָט בלויז אַ ברום געטאָן:

— אַ דאַנק!...

זי האָט ביינדלדיק געדראָעט מיט אַ פינגער:

— אָ, איר שעמט זיך אויסצוזאָגן, אַז איר האָט ליב זיס?!... נישקאָשע, מיט ליב האָבן זיסע טיי און זיסע פרויען דארף מען זיך ניט שעמען!...

זי האָט געכאַפּט אַ בליק אפן מאַן און — זעענדיק, אַז ער איז אַלץ פאַרנומען מיט די קאָרטן — ווידער קאָקעטירט צו מאָריסן:

— אָ, קאַם אָן, זאָגט שוין, וויפל?...

מאָריס האָט ווידער גאָרניט געענטפערט, נאָר טיף ארייַנגעקוקט אינעם גאָלדיקן געטראַנק אריין. ער האָט געזוכט אַ וועג ווי זיך צו באַפרייען פון דער מיסיס שפּינער. דער עקל צו איר, וואָס האָט אים ארומגעכאַפּט, האָט אים פּאַשעט ניט אָפּגעלאָזט.

עטלעכע מינוטן זענען פאַרבײַ. ער האָט געלאַכן געזופּט די טיי און פון צייט צו צייט בלויז מעכאַניש אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, ווי אין ענטפער אָף מיסיס שפּינערס אומאויפהערלעכע רייד און געלעכטער. ער איז געזעסן און געטראַכט ווי אַזוי צו אַנטלויפן און זיך ראַטעווען פונעם עקל־געפיל, וואָס האָט אים געמוטשעט. מיטאַמאָל, ווי אַן אומגעוויכטע יעשוע, האָט מושקאַט אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט און אויסגערופן:

— לעידיס ענד דזשענטלמען, מיינע ליבע געסט!... איך האָב פאַר אייך אַ פיינעם פּראָפּאָזישאָן און אַ סורפּריז!... וואָלטן מיר דעריבער עפּעטער פאַר אַ וויַיל אוועקגעלייגט די קאָרטן און בעסער געבעטן מיסטער לעווינען, אַז ער זאָל פאַר אונדז רעציטירן עפּעס אַ ליד!...

די געסט זענען שטיל געווארן. די מיסיס שפינער האט זיך די ערשטע א כאפ געטאן און פריידיק אויסגערופן:

— א לידז!... א, דזשי!...דאט'ס עי גרעיט איידיע!..

און צו לעוויטן:

— א, איר קאנט לידער, מיסטער לעוויט?... נו, קאם אן, זינגט זשע אונדז טאקע עפעס א פריילעכע זאך!...

מושקאט האט זיך צוגעבויגן צו לעוויטן:

— נעמט עפעס, מאריס, פון אונדזער נאציאנאלן מעשוירער!...

מאריס האט זיך געקרימט און זיך געגומען אפזאגן. די מיסיס שפינער אבער, מער ווי די אנדערע געסט, איז שוין ניט אפגעטראטן. זי איז אפילע צוגעגאנגען צו לעוויטן און — ווי צו אן אלטן באקאנטן — ארויפגעלייגט איר הייסע האנט אף זיין אקסל. דערביי האט זי מיקלוימערשט אומווילנדיק א באריר געטאן מיט איר קערפער זיין צעפלאמטע באק און אים א ברי געטאן מיט אירע שפיזלדיק־שארפע אויגן:

— א, קאם אן, קאם אן, מיסטער לעוויט!... זינגט אונדז עפעס!... זינגט עפעס פאר מיינטוועגן!... איי לאוו סא מאטש דזשואיש סאנגס!..

מושקאט האט ווידער א פאטש געטאן מיט די הענט:

— לעידיס ענד דזשענטלמען! — האט ער א זאג געטאן, — איר האט דאך מיסטאמע געהערט וועגן אונדזער גרויסן נאציאנאלן מעשוירער?!...אט, וועט מיסטער לעוויט באלד פאר אייך רעציטירן איינע פון זיינע לידער!...

מיסיס שפינער האט זיך ווי געפיעסטשעט:

— א, מיסטער מושקאט, זאל ער בעסער פון אידישן טעאטער!...

און צו מאריסן:

— זינגט אונדז עפעס אזעלכעס, וואס זאל א צופ טאן באם הארצן... ווי א שטייגער: גאט און זיין מישפט איז גערעכט...זומער ביינאכט אף די דעכער...אדער גאר איילע־איילע לאמיר זיך איבערבעטן!...

מושקאט האט א קוק געטאן אף לעוויטן און געשמייכלט:

— פארדאן, מאדאם שפינער, איר...כ'מיין... מיסטער לעוויט... ער, ער זינגט ניט... ער רעציטירט...

מיסיס שפינער האט זיך אומבאקוועם א דריי געטאן:

— איר האט געזאגט — א ליד, האב איך געמיינט...

עס איז געווארן א געלעכטער. זי האט זיך א דריי געטאן צום מאן:

— דזשעקי, דארלינג, וואס עס זענען דען פאראן אזעלכע לידער, וועלכע מען זינגט ניט?...

— פאראן! — האט מושקאט איידל איר א זאג געטאן, — פאעטישע לידער! אזעלכע ווי פון אונדזער נאציאנאלן מעשוירער!...

— און איך געמיינט, אז מעשוירער איז די סעים פעלא, וואס ביי א כאזן. — האט זי ווידער אומבאקוועם א זאג געטאן, — איז עס ניט?...

מושקאט האט ווידער געשמייכלט:

— יא, אבער א מעשוירער מיינט אויך א פאעט!... אונדזער גרויסער נאציאנאלער פאעט ווערט אויך אנגערופן מעשוירער!...

ער האָט קימאַט באַפּעלעריש אַ וואונק געטאָן צו מאָריסן:

— נו, לאָזט זיך ניט בעטן, מאָריס!...גיט אונדז דאָס זעלביקע ליד, וואָס איר האָט לעצטע וואָך געליִיענט ביים באַנקעט!...דאָס ליד...

מאָריס האָט געקוקט אַף מושקאַטן, ווי ער וואָלט ניט געוואוסט וואָס ער רעדט צו אים. פאַר די אויגן זיינע האָט זיך מיטאַמאָל אַ שטעל געטאָן דאָס געשטאַלט פון עוועלין. דערמאָנט האָט ער זיך, ווי זי האָט אים ערשט לעצטע וואָך געזאָגט, אַז די באַלעבאַטים זוכן אינמיטן צו פאַרשפּילן זייערע אַר־בעטער מיט נאַציאָנאַליזם און נאַציאָנאַליסטישע לידער, קעדיי זיי זאָלן ניט פילן ווי מען באַאַוולט זיי. דערביי האָט ער זיך אויך דערמאָנט, ווי זי האָט אים דאַן אַפילע אָנגעוויזן, אַז טאַקע דער זעלביקער גרויסער נאַציאָנאַלער מעשוירער, דער מעכאַבער פון אָט די דאָזיקע נאַציאָנאַליסטישע לידער, איז אַליין ניט מער און ניט ווינציקער ווי אַ באַלעבאָס פון אַ דרוקעריי, פּונקט אַזוי ווי מושקאַט. איין כילעק בלויז, וואָס יענעמס דרוקעריי איז אַ פּיל־גרעסערע און רייכערע...מאָריס האָט מיטאַמאָל אָנגעהויבן שטאַרק ציטערן. עפּעס איז אים אויסגעקומען, אַז די גאַנצע געשיכטע דאָ, בא מושקאַטן, איז טאַקע אַזאַ מין פּאַסטקע; אַז מושקאַט הייסט אים בעקיוון רעציטירן, — קעדיי ער, מאָריס, זאָל זיך פילן אומבאַקוועם צו רעדן וועגן...

ער האָט זיך דעריבער ווידער גענומען אָפּזאָגן, אָבער מושקאַט איז ניט אָפּגעטראָטן. אַרום איז שוין דערוויַל שטיל געוואָרן. מאָריס האָט באַמערקט, ווי די קאָרטן — שטילע און צעשפּרייטע — זענען געלעגן אַפן טיש מיט די פיגורן אַרונטער... די פּרויען — האָט ער געזען — זענען געזעסן מיט געקרייציקטע הענט פאַרלייגט איבער די בריסטן און געוואַרט... די מענער האָבן זיך אויסגעהוסט און אויך געקוקט אַף אים מיט שטייף־אויסגעשטאַרטע דערוואַרטנדיקע אויגן... ווי באַצוואונגען האָט מאָריס אַרויסגענומען פון זיין קעשענע אַ צונויפגעלייגט העפטל, גיך אַ מיש געטאָן די בלעטלעך און זיך מעכאַניש אויפגעשטעלט. פאַר אַ מאָמענט האָט ער צוגעמאַכט די אויגן, זיך פאַרטראַכט, ווי צו שאַפן שטימונג און ענדלעך שטיל אָנגעהויבן:

— וואַך אויף, מיין פאָלק, פון דיין אייביקן דרימל!

— פאַרפּאַק דיין פּאַק, נעם דיין שטאָק אין דער האַנט!

— גיב אַ לויב צו דיין גאָט, דעם אַלמעכטיקן אין הימל!

— און גיי דיר צוריק אין דיין הייליקן לאַנד!...

אַליין ניט וויסנדיק ווי אַזוי, איז מאָריס ביסלעכווייז אַריין אין היס־פּייִלעס און גענומען לייענען אַלץ שטאַרקער און שאַרפער. ער האָט אַפילע אין דער מינוט פאַרגעסן אין דער מיסים שפּינער, וועלכע האָט אים נאַר־וואָס געגרייצט און וואַמפּירט. ער האָט אַפילע מער ניט אינזינען געהאַט נאָך וואָס ער איז ביכלאַל געקומען צו מושקאַטן. אויפריכטיק און ערנסט איז ער זיך פאַרגאַנגען אינעם געהאַקטן ריטם פונעם ליד און פאַרגעזעצט:

— שטיי אויף, מיין פאָלק, מיינע ברידער און שוועסטער,

— נעמט זיך צוזאַמען און זאָגט אייער וואָרט!...

— שוין צייט, אַז...

אין דעם מאָמענט האָט זיך פאַר מאָריסעס אויגן ווידער אַ שטעל געטאָן

עוועלינס פּאָנים. אים, מאָריסן, האָט זיך אויסגעדאַכט, ער זעט קלאָר איר איראָנישן שמייכל און הערט אַפילע אירע שאַרפע ווערטער:

— יאָ, מאָריס, שוין בעעמעס צייט, אַז איר...

אַ פאַרכאַפּטער פון אַט די געדאַנקען, האָט מאָריס מעכאַניש איבערגעכאַזערט עטלעכע מאָל די לעצטע עטלעכע ווערטער, מיטאַמאָל איבערגעהאַקט אינמיטן דעם פּערז און זיך גאָר אַוועקגעזעצט. די געסט האָבן זיך אָבער ניט געכאַפּט און גענומען אַפּלאָדירן. בלויז מושקאַט איז געזעסן, געביסן די ליפּן, אָבער אויך גאָרניט געזאָגט. מאָריס אַליין איז געזעסן מיט אַן אַרונטערגעלאָזטן קאָפּ און אין מויעך ביי אים האָט גערוישט:

„און אַט פאַר אַזעלכע אָפּגעפרעסענע קאָרטן־שפּילער און קאָקעטקעס דאַרף איך עס רעציטירן?" — האָט ער, מיט פאַרמאַכטע אויגן, בּאַ זיך אין געדאַנק געמורמלט. — „דאַרפן זיי דען פּאָעזיע?...און צי פעלט עס דען מיר אויס?...און בין איך דען אַהערגעקומען צו לייענען פּאָעזיע?"...

ער האָט צוריק געעפנט די אויגן, זיך אַרומגעקוקט און זיך דערפילט עפּעס אַזוי מאָדנע שווער. עפּעס איז אים אויסגעקומען, ווי ער וואָלט גאָר געווען אַ קליין קינד איצט, וועמען די עלטערן האָבן אַרויסגעשטעלט פאַר די געסט מיט אַן אומגעלומפּערט כאָכמעלע...אין האַרצן ביי אים — האָט זיך אים געדאַכט — האָט זיך עפּעס מיטאַמאָל ווי אָפּגעריסן. מיטאַמאָל האָט ער זיך שאַרף געטאָן אַ שטעל אויף פון זיין פּלאַץ, צוגעוואָרפן אַ גוטע נאַכט און זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג. מושקאַט איז אים נאָכגעלאָפן:

— וואָס איז געשען, מאָריס?...וואָס עפּעס מיטאַמאָל, מאָריס? — האָט ער ניט אויפגעהערט איבערפרעגן.

— גאָרניט! — האָט מאָריס טרוקן אַ שניט געטאָן. — איך קאָן ניט מער!...איך...איך...

ער האָט זיך אָפּגעגאָסן מיט קאַלטן שוויס, שנעל אַ טראָט געטאָן צום קאָרידאָר און אַ כאַפּ געטאָן דעם מאַנטל מיטן הוט... ערשט בעאַיס ער איז שוין געווען בּאַ דער אַרויסגאַנג־טיר, האָט ער גיך צוגעוואָרפן:

איך קאָן זיך שוין מער ניט באַנוגענען מיט פּאָעזיע בלויז!...איך...

איך וויל אַ גרעסער שטיקל ברויט!...איר פאַרשטייט...איך דאַרף לעבן!...

איך וויל וואָס מיר קומט!...איך וועל זיך אָנשליסן אין דער יוניאָן און...

מושקאַט האָט אים געוואָלט פאַרהאַלטן און עפּעס זאָגן, אָבער ער איז אַוועק. פון הינטער דער פאַרהאַקטער טיר, — האָט ער געפילט, — האָבן אים נאָכבאַגלייט די פאַרכידעשטע פּענימער פון די פאַרבליבענע געסט מיט אַ געדריקטער שטילשווייגעניש...

ווי אַ באַפרייטער פון אַ שווערער מאַסע, וואָס ער האָט נאָר־וואָס אַרונטערגעוואָרפן פון די אייגענע פּלייצעס, האָט מאָריס — אַ צופרידענער — זיך האַסטיק געטראָגן איבער דער לעוואָנעדיק־באַגאָסענער נאַכט...

ביים שמעלץ-טאָפּ

פאַר די העכער צוואַנציק יאָר, וואָס טע־נענבוים איז געווען אַ שריפטזעצער, האָט ער נאָך קיינמאָל אַזוי ניט פיינט געהאַט די אַרבעט, ווי זינט ער האָט אָנגע־הויבן אַרבעטן אין דער גרויסער טעגלעכער ניו־יאָרקער צייטונג. פאַרקערט, טאָמיד איז ער געווען צופרידן מיט זיין פאַך און זיך אַפילע געפלעגט גרויסן מיט איר...

— זעצעריי איז אַ קונסט־אַרבעט, — פלעגט ער טיינען, — אַ זעצער דאַרף זיך קאָנען אַריינלעבן אינעם מאַנוסקריפּט פונעם שרייבער. ער דאַרף קאָנען אויסזעצן די זאַך אַזוי, אַז זי זאָל האַרמאָנירן מיטן שרייבערס גייסט און שטימונגען. וואָרים אַ שורע — ספּעציעל אין פּאָעזיע — אויב זי איז ניט אויסגעזעצט ווי עס דאַרף זיין, קאָן קאַליע מאַכן דאָס גרעסטע קינסטלערישע ווערק און ניט שאַפן דעם געווינטשטן עפעקט...

ווי מאָדנע דאָס זאָל ניט אויסזען, אָבער צו דעם געדאַנק, אַז שריפט־זעצעריי איז אַ קונסט־אַרבעט, איז טענענבוים געקומען נאָכדעם, ווי די צאַרישע רעגירונג האָט אים אַמאָל, נאָך מיט יאָרן צוריק, געהאַט אָפּגעזאָגט וואוינרעכט אין דער אַמאָליקער הויפּט־שטאָט פּעטערבורג. די דערקלערונג איז דעמלט געווען, אַז ער, טענענבוים, פאַלט ניט אַרונטער אונטער די געזעצן פון וואוינרעכט פאַר אַרבעטער, ווייל זעצעריי איז אַ קונסט־אַרבעט. טענענבוים — כאָטש ער איז דעמלט שטאַרק אין כּעס געווען אויף אָט דער דאָזיקער אַנטשיידונג — האָט אָבער באַ זיך אין האַרצן געטראַכט, אַז זי איז אַ ריכטיקע, כאָטש ווייט ניט קיין יושערדיקע און גערעכטע...

— נו, און אַז אַ קינסטלער, איז וואָס? טאָר מען שוין דערפאַר ניט וואוינען אין פּעטערבורג? — האָט ער זיך געקאָכט, — דאַכט זיך, אַז אַל פּי לאָגיק וואָלט געדאַרפט זיין פּונקט פאַרקערט...

אַז ער האָט זיך אַרומגעדרייט אַ צייט אָן אַרבעט, האָט ער באַשלאָסן:
„אַמעריקע איז אַ פריי לאַנד! דאָרט גילטן ניט אַזעלכע זאַכן!”...
און ער איז אַוועקגעפאָרן...

אָבער נאָך עטלעכע וואָכן זיין אין אַמעריקע, איז ער גאָר אַנטוישט

געוואָרן. די היימישע האַנט־זעצעריי האָט דאָ קימאַט ווי ניט עקזיסטירט. מען האָט געאַרבעט אַף זאַץ־מאַשינען. אַ מעכאַניש־טרוקענע און ניט קיין שעפע־רישע אַרבעט. די פּרעטענזיע אַף קונסט איז געווען טויט בּאַ טענענבוימען.

לעכאַטכילע האָט ער זיך אַפילע אַביסל געבריקעוועט און ניט געוואָלט זיך אונטערגעבן. ער האָט זיך אָבער סאָף־קאָל־סאָף איבערגעבעטן און זיך גענומען לערנען זעצן אַף דער זאַץ־מאַשין.

און ס'איז אים געפעלן געוואָרן. ווי אַ קינד מיט אַ שיינער שפּילצייג, האָט ער זיך פאַרכאַפּט מיטן געבוי פון דער מאָדנער מאַשין. ער האָט מיט באַוואונדערונג אָנגעקוואָלן פון דער אַלגעמיינער כאָכמע אין איר. מיט באַ־גייסטערונג האָט ער געקוקט אַף די מעשענע שריפט־פורעמס, די מאַטריצן, וואָס שפּרינגען אַרויס פון זייערע נעסטן נאָכן מינדסטן ריר פון אַ פינגער, און שטעלן זיך אויס אין אַ ריי איינס לעבן צווייטן. אים איז אויסגעקומען, ווי זיי, די מאַטריצן, שטייען ווי מושטירטע סאָלדאַטן און וואַרטן, אַז ער זאָל אויסגיסן אַף זיי דאָס ביסל הייסע בליי, אַף לעבעדיק צו מאַכן דעם געדאַנק, וואָס אַ שרייבער האָט אַרויסגעשריבן. עס איז אים ביכלאַל געפעלן געוואָרן דער סייכל, ווי אַזוי די בוכשטאַבן, נאָכדעם ווי זיי האָבן זייער אַרבעט אָפּ־געטאָן און די פאַרטיקע אויסגעגאָסענע שורע האָט זיך אַרונטערגעגליטשט צו דער אָפענער שופלע, — ווערן זיי אַריינגענומען אין אַזאַ שטאָלענער האַנט אַריין, וועלכע לאָזט זיך אַרונטער צו זיי, הייבט זיי אויף ערגעץ אינדערהויך אַרויף און צעשיקט זיי צוריק אין זייערע נעסטן אַריין מיט אַ קלונג. און דאָס אַלץ ווערט געטאָן פיל שנעלער און אַקוראַטנער ווי ער האָט דאָס אַמאָל געפלעגט טאָן מיט דער האַנט. טענענבוים האָט מאַמעש אָנגעקוואָלן ווי די שטאָלענע ספּאַצע־צינגלעך, די בלויזן, וועלכע האָבן אַף זיך ניט געהאַט קיין שום בוכשטאַבן, נאָר געדינט אַף אָפּצוטיילן איין וואָרט פונעם צווייטן, האָבן זיך וואוילינגעריש געשטופּט, געוואָרפן און געשטויסן. פאַר אים איז עס אויסגעקומען, ווי זיי וואָלטן עס גאָר געפירט אַ מילכאָמע מיט די גאַיוועדיקע מאַטריצן און זיך אַריינגעקוועטשט צווישן זיי מיט אַ געשריי:

— רוקט זיך אָפּ אַ קאַפּעלע!... מיר זענען פונקט אַזעלכע מעיוכאָסים ווי איר!... אָן אונדז וועט איר דאָך זיין אַ צעמישעניש און קיינער וועט אייך אַפילע ניט קאָנען פאַרשטיין!...

טענענבוים האָט ליב באַקומען די אַרבעט און זיך איבערגעגעבן צו איר מיטן גאַנצן לייב און לעבן. אינגיכן איז ער געוואָרן איינער פון די סאַמע פלינקסטע זעצער אַף דער מאַשין אין גאַנצן פאַך.

פלינק און מיט אַ לייכטן געמיט האָט ער געזעצט וואָס עס האָט זיך נאָר געמאַכט און וואָס מען האָט אים געהייסן. עס האָט אים אַפילע ניט געאַרט, וואָס היינט האָט ער געזעצט אַ בוך פאַר עפּעס אַן אידעאַל און אַף צומאָרגנס — אַ צווייט בוך, וואָס האָט יענעם אידעאַל אינגאַנצן אַרונטערגעריסן.

— אַבי מען באַצאָלט מיר נאָר פאַר דער אַרבעט, — האָט ער געזאָגט צו זיך, אַף צו באַרעכטיקן זיך, — איז ניט מיין געשעפט...

די צייט האָט אָבער געבראַכט אַ שאַרפע ענדערונג. ער, טענענבוים, וואָס איז פריער פאַרכאַפּט געווען בלויז מיט איין געדאַנק אַהיימצוברענגען אַ

פּולערן געלט־קאָנווערט, — איז ביסלעכווייז אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג און זיך אָנגעהויבן באַציִען גאַנץ אַנדערש אַפילע צו זיין אַרבעט. דערצו איז נאָך צוגעקומען דער פאַקט, וואָס דאָס פּלאַץ, וואו ער האָט געאַרבעט ביים זעצן ביכער, איז פאַרמאַכט געוואָרן און די יוניאָן האָט אים אַרויפגעשיקט אַרבעטן אין דער גרויסער טעגלעכער ציטונג. די ציטונג איז באַוואוסט געווען מיט איר שונד און מיט איר רעאַקציאָנערער פּאָליטיק. טענענבוים — פּונקט ווי פיל אַנדערע זעצער — האָט זי געהאַסט נאָך איידער ער איז אַרויפגעגאַנגען אַרבעטן. ער האָט זיך אַפילע טכילעס אַביסל געבונטעוועט אין דער יוניאָן און ניט געוואָלט אַרויפגיין, אָבער ער האָט קיין אַנדערע ברירע ניט געהאַט און...

ער איז געווען אין אַ מאָדנער לאַגע. די דאָזיקע ציטונג, וועלכע ער האָט געזעצט, האָט ער אַפילע ניט געליינט. די פריע געשטעמפּלטע קאָפּיע, וואָס ער — ווי אַלע אַנדערע אַרבעטער פונעם פּלאַץ — האָט באַקומען ביים אַהיימגיין, האָט ער גלייך אַריינגעוואָרפן אין מיסט־קאַן אַריין און ביים ערשטן בעסטן ציטונג [illegible]רקויפער געקויפט די אַרבעטער־ציטונג, זיין ציטונג.

ער אַליין [illegible] אָנגעהויבן רעדן גאַנץ אַנדערע דיבורים:

— אַ פאַרשאָ[illegible]טענע אַרבעט, אַ פאַרשאָלטן שטיקל ברויט, דאָס זעצעריי! אַ טאָפּלטע שקלאַפעריי!... כוץ דעם, וואָס מען ווערט ביי איר — ווי בא יעדער אַנדערער אַרבעט — עקספּלואַטירט עקאָנאָמיש, איז נאָך פאַראַן אַ מין גייסטיקע עקספּלואַטאַציע, וואָס איז אין קיין שום אַנדער פאַך ניטאָ!...

ער האָט זיך געקאָכט און געשריגן:

— נו, אַדראַבע, צי קאָן מען היסן אַ שניידער, אַ שוסטער, אָדער וועמען עס איז, מאַכן אָן אַרבעט, וואָס איז קעגן אים און זיין געוויסן?...

עס האָט אים שוין אַזויפיל ניט געאַרט די יאָגעניש בא דער אַרבעט. עס האָט אים אַפילע ניט געאַרט דער גאַז מיטן היסן צעשמאָלצענעם בליי. אים האָט אויך מער ניט געקימערט די פאַרשטיקטע לופט פון די העכער דרייסיק מאַשינען אין שאַפּ און דער געמיינער פּיסק פונעם פאָרמאַן, וואָס האָט געהיטן, אַז מען זאָל כאָלילע קיין איבעריק מאָל די נאָז ניט אויסשנייצן בעשאַאַס דער אַרבעט. עס האָט אים בלויז געקרענקט, וואָס מען צווינגט אים אויסצוזעצן אַזעלכע אַרטיקלען, וואָס טוען אים ווי. זייער פיל מאָל האָט ער געפילט ווי נעמען די פאַרשאָלטענע קאָפּיע און זי צערייסן אָף פּיצלעך, אָדער צעוואַרפן די מאַטריצן אָף דער ערד, צו אַלדע טייוול, און אַליין זיך גלייך אויפהויבן און אַוועקגיין צו דער יוניאָן, אַז מען זאָל אים געבן אַן אַנדער פּלאַץ...

ער האָט אָבער געוואוסט, אַז קיין אַנדערע שטעלעס זענען ניטאָ. מען קאָן זיי אַפילע ניט קויפן. געגוג זעצער דרייען זיך אַרום ליידיק און...

ער איז דעריבער אַרומגעגאַנגען ווי אַ צעדולטער. אין שאַפּ — ביטאָג, און אין שטוב — ביינאַכט, האָט ער נאָר געטראַכט וועגן אַ מיטל, ווי אַזוי זיך צו באַפרייען פון אָט דער דאָזיקער פּיין...

און איינמאָל איז אים מיטאַמאָל איינגעפאַלן אַ געדאַנק:

„פאַרוואָס ניט פּרואוון זיך דורכרעדן מיט אַ זעצער פון דער אַרבעטער־ציטונג און אים פאָרלייגן זיך ביטן מיט די שטעלעס?"...

אַז יענער וועט באַשטיין דערויף איז ביי טעגענבוימען אַפילו קיין שום צווייפל ניט געווען. אין פאַך האָט מען געהאַוסט, אַז אין דער גרויסער צייטונג זענען פאַראַן בעסערע באַדינגונגען. שוין אָפּגערעדט פון סכירעס אין צייט, — איז נאָך פאַראַן אַ מעגלעכקייט צו פאַרדינען עטלעכע עקסטרע דאָלאַר פאַר איבער־שאָען, — זאָכן, וואָס פעלן אין דער אָרימער אַרבעטער־צייטונג. די פראַגע איז בלויז געווען, צו וועמען פון די זעצער זיך צו ווענדן. געבליבן איז ביי אים: ווייסמאַן. ער איז אַ פּאַשעטער מענטש און...

טעגענבוים איז אַוועק זיך זען מיט ווייסמאַנען. ער האָט אים גערופן אויף אַ גלאָז ביר און אים פאַרגעלייגט זיין פּלאַן. יענער, אָבער, אַז ער האָט דערהערט וואָס ער וויל, האָט זיך פּאַשעט אויסגעלאַכט:

— ניין, ברודער, מיט קיין ווייב און קיין דזשאַב ביים איך זיך ניט!...

און אַנטוישטער איז טעגענבוים צומאָרגנס אַוועק צו דער אַרבעט.

אין שאַפּ האָט זיך געטומלט. עס איז געווען שאַבעס און מען האָט צו־געגרייט די זונטיקדיקע און מאָנטיקדיקע צייטונגען. דער פאָרמאַן איז אַלץ אַרומגעלאָפן אַ פאַרשמייעטער און אַ פאַרפאַרעטער. פון איין זעצער האָט ער צוגענומען אַ פאַרטיקע גאַלי זאַץ און אים אונטערגעטראָגן אַ פרישע קאָפּיע צום זעצן. אַ צווייטן האָט ער אַוועקגעשטעלט לעבן אַ טיש און אים געהייסן פאַרפאַרטיקן און צונויפשטעלן דאָס אויסגעזעצטע. אויף אַ דריטן האָט ער זיך געבייזערט און אים געגעבן עפּעס אַן אַנדערע אַרבעט. טעגענבוים האָט מעכאַניש זיך צוגעזעצט אויף זיין נידעריקן בענקעלע, לעבן דער זאַץ־מאַשין און געוואַרט. מיט שטאַרע אויגן האָט ער געקוקט אַרום זיך, און די מאַשינען האָבן פאַר אים אויסגעזען ווי מאָדנע אינקוויזיציע־אַפּאַראַטן, אויף וועלכע מען וועט באַלד זיינע אָדערן טרייבערן. ער האָט פאַרביסן די ליפּן:

דער פאָרמאַן איז צוגעקומען מיט קאָפּיע. טעגענבוים האָט אַ קוק געטאָן אויף די פאַרשריבענע בויגנס פּאַפּיר און, — סיי לויט דער האַנטשריפט און סיי לויטן קעפּל אויף זיי, — דערקאָנט, אַז דאָס איז אַ פרישער אַרטיקל פון דעם פאַרשוין, וואָס איז באַקאַנט ווי אַ פאַרקויפטער גנעפעש, וועלכער לאַכט זיך אויס פון די שענסטע אַרבעטער־אידעאַלן...

ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן פאָרמאַן און גענומען בעטן:

— על, פּליז, גיט מיר עפּעס אַנדערש צום זעצן!... גיט מיר עפּעס אַ מאַיסע וועגן אַ געט, אַ מאָרד, אָדער אַזוי סטאַם וועגן שונד, נאָר ניט דאָס... דאָס, פּליז, גיט אַ צווייטן... איך... איך קאָן עס ניט... איך...

דער פאָרמאַן האָט אים איבערגעשלאָגן מיט אַ ציניש געלעכטערל:

— מאַכט זיך ניט נאַריש, טעגענבוים!... מען צאָלט אייך געלט — טאָ זעצט וואָס מען גיט אייך!... ביי אַרבעט איז ניטאָ קיין אידעאַליזם!...

טעגענבוים האָט געוואָלט עפּעס ענטפערן, אָבער דער פאָרמאַן איז שוין געהאַט אַוועק פון אים און זיך געפּאַרעט מיט אַנדערע זעצער.

ער, טעגענבוים, איז געבליבן זיצן אַן אָפּהענטיקער. מיט ווייטיק האָט ער געקוקט אויף זיינע פינגער און געמורמלט צו זיך:

— און אָט מיט די פינגער, מיט מיינע אומגליקלעכע פינגער, מוז איך דאָס איצט העלפן שפּרייטן די פאַרשאָלטענע קאָנטר־רעוואָלוציע?!...

ער האָט אינגאַנצן געציטערט. ער איז געווען זיכער באַ זיך, אַז דער פאָרמאַן טוט עס אים אָף צו לעהאַכעס. דאַווקע איצט, ווען ער...

דערמאַנט האָט ער זיך, ווי אַמאָל, ווען ער איז נאָך אַ קינד געווען, האָבן עטלעכע פּויערשע אינגלעך אים געהאַט געכאַפּט, אַוועקגעלײגט אָף דער ערד און איבער גוואַלד אים אַרײַנגעריבן מיט אַ שטיק כאַזער־פעטס איבער די ליפּן, רײַצנדיק זיך דערבײַ מיט אים:

— אָ, יאָסקע איז שוין איצט מער קײן איד ניט! — האָבן זײ דעמלט ניצאָכנדיק געלאַכט. — מיר האָבן אים שוין אָפּגעשמאַדט!...

און זײ זענען אַנטלאָפן.

— און פּונקט אַזױ־אַ האַנדלט אויך דער פאָרמאַן. — האָט טענענבוים געמורמלט צו זיך. — אַקוראַט ווי יענע נאַרישע קינדער...

ער איז געזעסן לעבן דער מאַשין און געטראַכט, אַז עס וואָלט זײַער גוט געווען, ווען ער זאָל מיטאַמאָל פּלוצלונג קראַנק ווערן און אַזױאַרום זיך באַטש באַפרײַען פון דער פּײַן. אָבער, — האָט ער זיך גלײַך געכאַפּט, — מאָרגן און איבערמאָרגן וועלן זײ דאָך ווידער דרוקן אַלץ די זעלביקע פּאַסקודסטווע. אַז דאָס איז דאָך אַזאַ פּאָליטיק באַ זײ...

„און עפּשער גאָר אָרגאַניזירן אַ סטרײַק?" — איז אים אָפּן געדאַנק געקומען, — „אָט האָט דאָך קימאַט די גאַנצע אַרבעטער־באַוועגונג פּראָטעסטירט קעגן די דאָזיקע פאַרלוימדערישע אַרטיקלען... טאָ פאַרוואָס־זשע זאָלן די אַרבעטער פון אָט דעם שאַפּ, וואו די דאָזיקע פּאַסקודסטווע ווערט געזעצט, זײַן ערגער פון אַלע אַנדערע אַרבעטער?"...

ער האָט אָבער פאַרשטאַנען, אַז דאָס וועט ניט גײַן. די יוניאָן וועט אַזאַ סטרײַק ניט אָנערקענען. זי וועט זאָגן, אַז די יוניאָן האָט קײן רעכט ניט צו צווינגען די רעדאַקציע, זי זאָל בײַטן איר שטעלונג...טענענבוים איז באַ זיך זיכער געווען, אַז אויב די יוניאָן וואָלט אפילע יאָ אַזאַ רעכט געהאַט, וואָלט זי עס אויך ניט אויסגענוצט. אָט, די זעלביקע יוניאָן־טשינאָווניקעס אַלײן האָבן דאָך אפילע גוטגעהײסן די דאָזיקע שענדלעכע שטעלונג און...

טענענבוים האָט מיטאַמאָל דערפילט איבער זיך אימיצנס בליקן. ער האָט זיך אומגעקוקט און דערזען דעם פאָרמאַן לעבן זיך. פאַרשטאַנען האָט ער, אַז דאָס קוקט יענער אַזױ בײַז אָף אים, ווײַל ער האָט נאָך ניט אָנגעהויבן אַרבעטן. ער האָט זיך אומבאַקוועם אַ דרײַ געטאָן, אויסגעשפּרײט אַ בלעטל פון דער קאָפּיע און פלינק געגומען לויפן מיט די פינגער איבער די מאַשין־קלאַווישן. די מאַטריצן האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסגליטשן פון זײַערע נעסטן, זיך אומשולדיק אויסגעשטעלט אײנע לעבן דער צווײטער אין אַ שורע און — אַזױ גיך ווי ער האָט געעפנט דעם בלײַ־צאַפּן — צוגעכאַפּט געוואָרן פון דער מעכאַנישער האַנט. פאַר אַ ווײַל איז די אַרבעט צוגעגאַנגען גיך און גלאַט ווי געוווײַנטלעך. באַלד אָבער, ווען ער האָט געכאַפּט אַ בליק אין דער קאָפּיע און איבערגעלײענט עטלעכע ווערטער, האָט ער אָנגעהויבן ציטערן. זײַנע פינגער, וועלכע זענען אַלעמאָל אַזױ שוועבנדיק געלאָפן איבער די קלאַווישן־קעפּלעך, זענען געפאַלן אומנאַטירלעך־שווער, האָבן זיך געפּלאָנטערט און אָפט פאַרטשעפּעט ניט יענע בוכשטאַבן, וועלכע ער האָט געוואָלט. און די מאַטריצן —

אָנשטאָט צו איינציקע — זענען אָפט געפאלן צו עטלעכע פאראמאל, זיך פארטשעפעט, פארהאקט, אָדער זיך גאָר צעדרייט און ארונטערגעפאלן צו דער ערד מיט א הילכיקן געקלאנג. די אויסגעגאָסענע שורעס זענען אויך ארוים ניט ווי געהעריק. זיי זענען געווען צעבויגן, צעהויקערט און פאר־גאָסן. טענענבוים איז געוואָרן אויפגערעגטער און נערוועזער. עפעס, האָט ער געוואוסט, איז ניט אין אָרדנונג, אָבער וואָס? — האָט ער בעשום־אויפן ניט געקאָנט באגרייפן. ער האָט געקוקט, זיך געערגערט און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. ער איז פּאָשעט געווען צעטראָגן און זיך אפילע ניט געקאָנט קאָנצענטרירן אף נאָכצוקוקן וואָס עס איז געשען מיט דער מאשין. ביי אים אין מויעך האָט אָן אָן אויפהער אלץ געעגבערט און געעגבערט:

— מיט מיינע פינגער!... מיט מיינע אומגליקלעכע פינגער!...

ער האָט זיך ווידער גענומען צו דער ארבעט, אָבער עס איז אים אלץ ניט געגאנגען. ער האָט שוין געוואָלט אָנצינדן דאָס רויטע לעמפּעלע, וואָס איבער דער מאשין, — דעם צייכן פארן מעכאניק, אז עפּעס איז ביי אים ניט אין אָרדנונג, אָבער מיטאמאָל דערהערט דעם פאָרמאנס שטימע איבער זיך:

— העי, טענענבוים, כאָלעמסט ניט!...טוט בעסער א קוק צום מעטאל אין שמעלץ־טאָפּ און זעט וואָס עס טוט זיך דאָרט!...

טענענבוים האָט זיך א כאַפּ געטאָן ווי פון שלאָף און אויפגעשפרונגען. ער איז צוגעגאנגען צום שמעלץ־טאָפּ און אויפגעהויבן דאָס דעקל. צוגלייך האָט זיך פון אינעווייניק א ריס געטאָן א דיקער רויך מיט א שארפן בייסיקן רייעך. טענענבוים האָט דערזען, אז דער טאָפּ איז קימאט אינגאנצן ליידיק. ער האָט אויפגעהויבן פון דער ערד א פרענט בליי און דאָס א שליידער גע־טאָן אין טאָפּ אריין מיט אזא רוגזע, ווי ער וואָלט דערביי געזאָגט:

— נא, פרעס, דו!...

אין דעם מאָמענט אָבער, איז טענענבוים — ווי א געביסענער פון א גיפטיקער שלאנג — האסטיק א שפרונג געטאָן אף צוריק. דערביי האָט ער א כאַפּ געטאָן זיינע פינגער צו זיך אין מויל אריין און ארויסגעלאָזט עפּעס אזא מאָדנע צעווייטיקטן אויסגעשריי:

— אָ, מיינע פינגער!...מיינע אומגליקלעכע פינגער!...

אין שאָפּ איז גלייך געוואָרן א טומל. ארבעטער זענען אָנגעלאָפן און אים ארומגערינגלט. דער פאָרמאן האָט צוגעטראָגן א פלעשעלע בוימל און דערמיט גענומען ארומשמירן טענענבוימס פינגער, וואָס זענען שוין איצט געווען אויפגעבלאָזן מיט מאסן בלאָזן און רויטע פלעקן. די אלע ארום אים האָבן באטראכט די וואונדן און מיט באַדויער צוגעשאָקלט מיט זייערע קעפּ. טענענבוים אליין איז געזעסן און מיט פארשטשעמעטע ציין אלץ געברומט:

— מיינע אומגליקלעכע פינגער!...מיינע אומגליקלעכע פינגער!... איך דאנק אייך, וואָס איר האָט מיך געראַטעוועט!...

די ארבעטער האָבן פארכידעשט געקוקט אף אים און — ניט באגרייפנדיק וואָס ער מיינט מיט דעם — געהויבן מיט די פּלייצעס...

* * * * *

געלייטערט

דער פעסטגעשטעלטער פיזישער עמעס, אז מעטאלן, אפילו די בעסטע — דארפן פריער דורכגיין דורך פייער איידער זיי קאָנען געלייטערט ווערן, איז פאר דער יונגער מיס לאלא באַרדאָו געווען בלויז אַף אַזויפיל עמעס, אף וויפל זי האָט וועגן דעם געלערנט אין פיזיק און אין כעמיע ביי זיך אין היי־סקול, וואָס זי האָט געהאַט ניט לאנג צוריק געענדיקט. אז זי אליין מוז אויך פריער דורכגיין דורך א פייער, איידער זי וועט געלייטערט ווערן, איז איר אפילו ניט איינגעפאלן צו טראכטן. געגלויבט האָט זי, אז זי איז שוין אזוי אויך א פולשטענדיקער מענטש, מיט אלע נויטיקע דערפארונגען און איבערלעבונגען, וואָס זענען, ווי זי האָט געטראכט, איבערגענוג פאר אירע ניינצן יאָר.

אליין אן אמעריקאנער געבוירענע — מיטן גאנצן ברען פון אזעלכער; א באַרייזטע, צוזאמען מיט אירע עלטערן, אין פיל אייראָפּעאישע לענדער, ספּעציעל אין פראנקרייך, וואו זיי האָבן פארבראכט עטלעכע יאָר — דערצו נאָך די ראדיקאל־סאָציאליסטישע דערציאונג, וואָס זי האָט באקומען ביי אירע עלטערן אין הויז, — האָט איר געגעבן דעם באוואוסטזיין פון דערוואקסנקייט שטאָלץ און זעלבסטזיכערקייט...

אירע טונקל־קופּערנע האָר, וואָס האָבן ארונטערגעהאנגען אין לאָקן, איר קיילעכיק־קינדיש פּנימל מיט די טיפע אויסדרוקספולע אויגן, און איר שלאנקער, בויגיקער קערפּער, האָבן איר געמאכט רייצנדיק און ליבלעך. זי האָט געוואוסט דערפון און איז געווען צופרידן.

באאומרואיקט האָט איר בלויז איין זאך: שוין באלד אנדערהאלבן יאָר זינט זי האָט געענדיקט היי־סקול און זי קאָן נאָך אלץ ניט געפינען וואָס צו טאָן מיט זיך. עפּעס נאָר ווי אלע שטעלעס וואָלטן פאר איר אויסגערונען.

אָפטמאָל האָט זי זיך אפילו געפרואווט טרייסטן, אז נישקאָשע: עס איז זיך ניטאָ וואָס צו זאָרגן. אין א יאָר־צוויי ארום וועט זי מיסטאָמע באַסענע האָבן מיט פיליפן, מיטן באָכער מיט וועלכן זי גייט ארום שוין פון א שטיק

ציים, און די פראַגע פון אַרבעט וועט שוין בעסיילע זיין אַ געלייזטע.

טאָמיד, אָבער, ווען זי האָט נאָר געטראַכט וועגן דעם, האָט זי זיך באַלד פאַרשעמט פאַר זיך אַליין און זיך גענומען איבערעדן:

— וואָס בין איך עס עפּעס, אַ קליינבירגערלעכע מיידל, וועלכע האָפט זיך אָנצולייגן אַף איר פּאַרנאָסע־געבער, צי וואָס?...נו, און אַז עס וואָלט איצט, אַ שטייגער, שוין געווען נאָך דער כאַסענע, וואָלט עס דען געמיינט, אַז איך מעג זיך אַוועקזעצן אויסקוקן אַפן מאַנס פאַרדינסטן און אַליין זיך דערוויילן באַווען אַלס אַ פּאַראַזיט?...

דער פאַרלאַנג צו גיין אַרבעטן און פאַרדינען איז בא לאַלאַן ניט געווען כאָלילע אויס גוטס. ניין!...איינדערהיים, בא אירע עלטערן, האָט איר גאָרניט געפעלט. זי האָט שטענדיק געהאַט ניט נאָר עסן צו דער זעט, נאָר אויך גע־נוג געלט אַף קליידער ווען זי האָט געדאַרפט און אַזוי טאַשן־געלט אַף אירע פּערזענלעכע אויסגאַבן און פאַרגעניגנס. דער פאָטער אירער האָט געהאַט אַ פיינע שטעלע און גוט פאַרדינט. ניט נאָר האָט מען זי ניט געיאָגט צו גיין אַרבעטן, נאָר מען האָט אין שטוב אויסגעמיטן אַפילע צו רעדן וועגן דעם. עס איז איצט שוין אויך ניט געווען אַזויפיל אַף צו העלפן פּיליפן איינצושטעלן אַ היים פאַר זיי ביידן ווען די צייט וועט קומען, ווי זי האָט געפלעגט טראַכטן, נאָר פּאָשעט: מען איז דאָך עפּעס אַ מאָדערנער מענטש און מען דאַרף זיין נוצלעך פאַר דער געזעלשאַפט... דער געדאַנק פון אַרומגיין סטאַם ליידיק, אָן אַ באַשעפטיקונג; דאָס פילן זיך ווי אַן אומנוציקע און איבעריקע — אָט דאָס האָט זי פּאָשעט געפּייניקט און צעווייטיקט.

לאַלאַן איז שוין נימעס געוואָרן דאָס שלאָפן שפּעט אין די טעג אַריין, ווי צו פאַרשלאָפן איר פאַרדראָס און ליידיק־גיין. עס זענען איר שוין געווען איבערדריסיק די מואַווים, איבער וועלכע זי האָט זיך טאָג־טעגלעך קימאַט אָן אַן איבעררייס געשלעפּט פון איינער אין דער צווייטער. וואָרים, האָט זי זיך געטראַכט, אַפילע די בעסטע פאַרוויילונגען ווערן דאָך אַ פּיין, ווען זיי האַלטן אָן גאַנצע טעג קעסיידער... נו, און אָפּשלאָפן גאַנצע טעג קאָן מען דאָך אויך ניט, סיידן דאָס לאָזן גיין אַפן כעזשבן פון די נעכט, וועלכע זענען שוין אַזוי אויך גענוג אָנגעפּאַקעוועט מיט זאָרג און שלאָפלאָזיקייט...

אָבער די האָפענונג צו קריגן אַרבעט, האָט זי פאָרט ניט אויפגעגעבן. רעגלמעסיק, יעדן אינדערפרי און יעדן אָוונט, האָט זי גענישטערט אין די ציימונגען, אין דער האָפענונג, עפּשער וועט זי געפינען עפּעס אַ מעלדונג, וואָס וועט עפענען פאַר איר אַ מעגלעכקייט צו בויען איר אייגן לעבן...

איז שוין דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס זי, לאַלאַ, האָט מאַמעש אויפגעלעבט, בעאַיים זי האָט צוזאַמען מיט איר כאַווערטע ראָוז דערזען אין ציימונג אַ מעלדונג, אַז עס ווערן פאַרלאַנגט יונגע מיידלעך מיט היי־סקול בילדונג פאַר אָפיס־אַרבעט אין דער שטאָטישער גאַז און עלעקטרע קאָנטאָר.

יאָ, לאַלא האָט זיך פּאָשעט צעטאַנצט. דאָס איז געווען די ערשטע גע־לעגנהייט, אַף וועלכער זי האָט געקאָנט האָפן צו געווינען. און אַז זי וועט צוגענומען ווערן — אין דעם האָט זי אַפילע דעם מינדעסטן צווייפל בא זיך ניט געהאַט. ניט בעכינעם האָט זי דאָך עפּעס געענדיקט די היי־סקול מיט

אױסצײכענונגען און מיט אַ מעדאַל פאַר פלײסיקײט און פינקטלעכקײט. און אַז דאָס איז אַ גוטע שטעלע, האָט זי זיך פאָרגעשטעלט. אַ קלײניקײט: — די קאַנטאָר, װעלכע באַזאָרגט די שטאָט מיט גאַז און עלעקטרישע באַלײכטונג. אַ שטעלע — װעגן װעלכער עס טרױמען אַזױפיל מײדלעך אין אירע יאָרן, װיסנדיק, אַז דאָס איז ניט אַן אַרבעט פאַר עפּעס אַ באָס בײַ װעמען מען איז ניט זיכער און װאו עס זענען פאַראַן סעזאָנען, נאָר אַ שטעלע, װאו...

װי ניט איז האָט לאָלאַ שױן יענע נאַכט איבערגעשלעפּט, אין האָפנונג, עס זאָל װאָס גיכער טאָגן, קעדײ אַהינצולױפן. פאַרפרי האָט זי זיך אַרױסגעכאַפּט פון בעט, זיך אױסגעפּוצט אין שענצטן און געשמאַקסטן װאָס זי האָט פאַרמאָגט און איז אַװעק צום באַשטימטן פּלאַץ, זיך צו טרעפן מיט איר פרײַנדין און צוזאַמען מיט איר צופאָרן װעגן דער שטעלע.

זי איז געװען פרײלעך און אױפגעלײגט, װי עס װאָלט דאָרט אף איר געװאַרט דאָס גרעסטע גליק. עפּעס נאָר װי אַ יונגע מײדל, װאָס דאַרף אָט־אָט צום ערשטן מאָל אַרײַנקריכן אין אירע יונגפרױלעכע קלײדלעך און אין די גלאַנציקע שיך מיט הױכע פראַנצױזישע קנאַפּל.

אף דער סאָבװײ, פאָרנדיק מיט איר כאַװערטע צום אָפיס, האָבן זײ צװישן זיך קימאַט קײן אײנציק װאָרט ניט אױסגערעדט. צו שטאַרק איז בײַ יעדער פון זײ געװען דער אומגעדולד און די רעגונג, אַז זײ זאָלן קאָנען זיצן און רעדן. לאָלאַ האָט אפּילע יאָ פּרובירט אַרײַנקוקן אין דער צײטונג, װאָס זי האָט פריער געהאַט געקױפט; געפּרובירט לײענען די נײעסן, אָבער מער װי עטלעכע שרײענדיקע שורעס איבער די נײעסן ניט געקאָנט פאַרנעמען.

אָט איז זי געזעסן און בײַ זיך אין געדאַנק געװאָלט געפינען אַן ענטפער אף אַ שטיקל מעלדונג װעגן די לעצטע געשעענישן אין דײטשלאַנד און עסטרײַך; װעגן די פײניקונגען, װאָס היטלער טײלט דאָרט אױס די דאָרטיקע אידן, אָבער זיך ניט געקאָנט דערטראַכטן צו גאָר. דעם געדאַנק, װאָס זי האָט אַזױפיל מאָל געהערט אַרױסזאָגן, אַז היטלער איז אַ מאַניאַק, אַ פּאָשעטער מעשוגענער, — האָט זי קײנמאָל ניט אָנגענומען. יעדנפאַלס — האָט זי באַשטימט בײַ זיך — איז זיכער פאַראַן אַ מעטאָדע אין זײן מעשוגאַאַס... אַ מעטאָדע — אױסצופירן דעם װילן פון די קאַפּיטאַליסטן, װעלכע האָבן אים אָנגעשטעלט, קעדײ צו ראַטעװען זײערע אײגענע פעלן און פאַרמעגנס פונעם אױפשטײענדיקן אַרבעטער־קלאַס...

יאָ, לאָלאַ האָט געקאָנט באַלױכטן פּאָליטישע געשעענישן. ניט בעכינעם איז זי דערצױגן געװאָרן אין אַ הױז, װאו סײ דער פאָטער און סײ די מוטער זענען אַקטיװע רעװאָלוציאָנערן. אף נאַציאָנאַלע פראַגן, אָבער, איז זי געװען אינגאַנצן רױ. זי האָט אפּילע גאָרניט געפילט, אַז זי איז אַ אידיש קינד. זי איז געװען אַזױ װײט פון אידישקײט, אַז דער געפיל צו אידן איז בײ איר געװען אַ זײטיקער און אומדירעקטער. די אידישע לײדן האָט זי גיכער אױפגענומען פונעם מענטשלעכן, סטאָם הומאַניטאַרן שטאַנדפּונקט, אײדער װי אַ קינד פונעם אידישן פאָלק גופע. און האָט זי װען עס איז געלײענט װעגן אַ פּאָגראָם אף אידן ערגעץ אין פּױלן, אָדער אין אַן אַנדער לאַנד, האָט עס איר פאַרדראָסן און װײ געטאָן, פּונקט װי עס האָט איר פאַרדראָסן,

בעאַיים זי האָט געלייענט וועגן אַ לינטש־מאָרד איבער אַ נעגער ערגעץ אין דער סאַוט. קיין ספּעציעלן, טיפן ווײ, אָבער, האָט זי ניט געהאַט. אָט, אַזאַ ווײ, לעמאָשל, וואָס ווערט אַרויסגערופן בעאַיים עס שטאַרבט אַן אייגענער, אַ בלוט־פאַרוואַנדטער. דערבײ האָט זי בלויז געפילט אַ צופרידנקייט, וואָס דאָ, אין אַמעריקע, איז פאַראַן אַ שטאַרקע דעמאָקראַטיע און אַזעלכענע זאַכן קאָנען דאָ ניט פּאַסירן. עמעס, אָפּטמאָל, ווען זי האָט, אַ שטייגער, געלייענט אין די צייטונגען, אַז אין אַ שטעטל דערבײ האָבן דייטשישע און איטאַליענישע קינדער אויסגעשניטן מיט אַ מעסער אַ האַקן־קרייץ אָפן אָרעם פון אַ אידישן אינגל, האָט עס יאָ אַרויסגערופן אַ שטיקל צערודערונג בײ איר, אָבער טיף אויפ־געשוידערט האָט עס זי ניט. געטרייסט האָט זי זיך, וואָס דאָס זענען בלויז צופאַלן, ניט מאַס־געבנדיקע. ניט נאָר, — האָט זי זיך געזאָגט, — קאָן עס דאָ ניט אָננעמען קיין מאַסן־כאַראַקטער, נאָר עס וועט אונטערגעדריקט ווערן באַם סאַמע אויפשפּראָץ. ניט נאָר, — האָט זי געטראַכט, — קאָן בײ אונדז קיין היטלעריזם ניט געדייען, נאָר אַפילו די קאַפּיטאַליסטן אין אַמעריקע — כאָטש זײ אַליין זענען ניט קיין קלענערע עקספּלואַטאַטאָרס ווי זייערע ברידער אין אויסלאַנד — זענען פאַרשטענדיקער און מענטשלעכער. זײ וואָלטן ניט באַנוצט אַזעלכע אוממענטשלעכע מעטאָדן, ווי אַנטיסעמיטיזם, אָדער פאַשיזם, אַזוי ווי די אייראָפּעאישע. נאָך מער: דאָס ביסל דעמאַגאָגן און קאַריעריסטן, וואָס באַנוצן אַנטיסעמיטיזם פאַר זייערע פּערזענלעכע רייט־וועגן, וועלן דאָ קיין טיפע וואָרצלען ניט קאָנען שלאָגן...

אַ סימען, אַז דאָ קאָנען אַזעלכע זאַכן ניט געשען, האָט זי געהאַט אין דעם, וואָס אין דער רעגירונג זענען פאַראַן אידן. אָט, אַפילו ריכטער אין העכסטן לאַנד־געריכט זענען אויך פאַראַן צוויי אידן...היינט די צאָל אידן אין אונטערנעמונגען, אַלס אייגנטימער, שותפים, אָדער סטאַם אַקציאָנערן...

— יאָ, — האָט זי זיך געזאָגט, — דאָ קאָן קיין אַנטיסעמיטיזם זיכער קיין האַפט ניט האָבן. דאָ וואָלט עס אָפּגעשטאָרבן באַם סאַמע געבורט!...

לאָלאַ איז ענדלעך אָנגעקומען מיט איר פריינדין אין אָפיס. איינער, אַ שלאַנקער יונגערמאַן, אַ סימפּאַטישער און מיט פיינע, איידעלע מאַניערן, האָט זײ אויפגענומען. ער האָט באַטראַכט זייערע דיפּלאָמעס, צופרידן און פאַרגיי־טיקנדיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, בעאַיים ער האָט געלייענט די באַשטעטיקונג וועגן לאָלאַס וויליקייט און פּינקטלעכקייט און ענדלעך אַ זאָג געטאָן:

— וועל, מיינע יונגע דאַמען, איר זייט שוין אַזוי גוט ווי אָנגעשטעלט צו דער אַרבעט! איר וועט אָבער פריער בלויז דאַרפן אויסשרייבן אַ פראַגע־בויגן. דאָס...דאָס איז אַזוי זיך, בלויז צוליב פאָרמאַליטעט...

לאָלאַ האָט אַ שמייכל געטאָן אויס איידלקייט, גענומען דעם דערלאַנגטן בויגן פּאַפּיר, זיך צוגעזעצט צוזאַמען מיט איר פריינדין צום אָנגעוויזענעם טישל און גענומען אַריינשרייבן אירע ענטפערס אָף די געדרוקטע פראַגן.

באַ יעדער פראַגע האָט זי זיך איבערגעקוקט מיט ראָזין, מיט אַ מינע, ווי זי וואָלט געזאָגט: „אָ, ווי נאַריש און איבעריק”... אַזוי האָבן זײ ביידע אַריינגעשריבן ענטפערס אָף די פראַגן וועגן נאָמען, אַדרעס, יאָרן, עלטערנס באַשעפטיקונג, בילדונג און אַפילו ענטפערס וועגן געשמאַק בענגייע מוזיק,

מוזאווים, טעאַטער, בלומען און ענלעכס...אַז עס איז אָבער געקומען צו דער פראַגע וועגן נאַציאָנאַליטעט, האָט ראָוז אַ שאַרפן קוק געטאָן אויף לאָלאַן. זי האָט זיך אָנגענומען בײַ דער האַנט און אינדערשטיל איר אַ זאָג געטאָן:

— לאָלאַ, דאָס געפעלט מיר עפּעס ניט. עס זעט אויס אַ פּאַסטקע!...

לאָלאַ האָט אַפּאָנים ניט פאַרשטאַנען וואָס יענע מיינט. בײַ איר איז עס אויסגעקומען גאַנץ נאַטירלעך און זי האָט זיך אַפילו ניט געוואָלט צוהערן צו איר באַווערטעס באַמערקונג, אַז עס איז פּראַקטישער ניט אַרײַנצושרײַבן דעם עמעס, אַז זײ זענען אידישע קינדער, נאָר עפּעס אַנדערש... וואָס עס זאָל ניט זײַן, — נאָר ניט קיין אידישע...

— דו, לאָלאַ, — האָט זי איר געזאָגט, — דו ווייסט נאָך ניט וואָס דאָס מיינט!...איך ווײס עס...פאָלג מיך. דו, דו קאָנסט זייער לײַכט אָנגײן פאַר אַ פראַנצויזישע, סײַ לויט דײַן נאָמען, סײַ לויט דײַן אויסזען און סײַ לויט פרײַען באַוויץ פון דער פראַנצויזישער שפּראַך!...וואָס שייך מיר, — וועל איך אַרײַנשרײַבן, אַז איך בין, נו... זאָל זײַן אַ...סקאַנדינאַווישע...

לאָלאַ האָט געקוקט אויף איר פרײַנדין מיט ברײַט־צעעפנטע אויגן. אין דעם מאָמענט האָט זי, אַליין ניט ווייסנדיק פאַרוואָס, דערפילט אַן אַמביציע דווקא אַרײַנצושרײַבן דעם עמעס, אַז זי איז אַ אידיש קינד. עפּעס האָט זי דערפילט אַ מין פאַרדראָס צו איר באַווערטע פאַרן וועלן פאַרלייקענען זיך. געזאָגט האָט זי איר, אָבער, גאָרניט. זי האָט בלויז געטראַכט בײַ זיך, אַז עס וואָלט געווען אַ שיינע זאַך, ווען יענע — פאַר אָט דעם פאַרלייקענען — ווערט צוריקגעוויזן, אָבער זי...וועל... האָט זי דען נאָך עפּעס צו צווייפלען, אַז זי האָט אַ גרעסערן שאַנס פאַר יענער?!...

מיט זעלבסטזיכערקייט האָבן זײ ביידע איבערגעגעבן דעם יונגנמאַן די אויסגעשריבענע פּאַפּירן זייערע און יענער האָט זײ געהייסן צוקומען מיט אַ טאָג שפּעטער וועגן אַן ענטפער...

* * * * *

ווען אימיצער וואָלט אויף לאָלאַן אָנגעפאַלן און זי גוט צעשלאָגן, וואָלט דאָס איר זיכער אַזוי שטאַרק ניט וויי געטאָן, ווי עס האָט איר וויי געטאָן, בעת דער יונגערמאַן האָט געמאָלדן, אַז ראָוז ווערט יאָ אָנגענומען און זי — ניט. עמעס, ער האָט כאָלילע ניט געזאָגט, אַז דאָס איז ווייל זי איז אַ אידישע, אָבער פון זײַנע רייד איז עס גאַנץ קלאָר געווען. ער האָט דערבײַ בלויז צוגעגעבן, אַז מיט איר פרײַנדינס אָנקומען איז איצט פּונקט פאַרפולט געוואָרן די לעצטע וואַקאַנסיע און אַז...

לאָלאַ איז געבליבן שטיין ווי אַ צעטראָטענע. זי האָט געקוקט אויף איר פרײַנדין און דערפילט ווי עפּעס אַן אָפּגרונט וואָלט זיך צעעפנט צווישן זײ ביידן. געזען האָט זי, אַז אַפילו ראָוז האָט זיך פאַרשעמט און אומבאַקוועם אַרונטערגעלאָזט אירע בליקן. מיט ביטערקייט האָט זי געשמייכלט, בעת דער יונגערמאַן האָט איר אַ זאָג געטאָן, אַז מען וועט איר לאָזן וויסן, אַזוי גיך ווי עס וועט זיך נאָר עפענען אַ וואַקאַנסיע. זי האָט שוין איצט געפילט, אַז איר באַווערטע איז טאַקע גערעכט געווען. ערשט באַם אַהיימפאָרן האָט יענע פאַרזיכטיק צו איר אַ זאָג געטאָן:

— נו, איצט זעסטו שױן, אז איך האָב ניט גערעדט פון היץ?...יאָ־יאָ, איך װײס עס פון דערפאַרונג!...מײנע און אײגענע קוזינע אַרבעט אין אַזאַ פּלאַץ און אױך זיך געמוזט אָנגעבן פּאַר ניט קײן אידישע. און איצט, אז עס קומט אונטער אַ אידישער יאָמטעװ און זי — װײל זי איז אַ רעליגיעזע — װיל גײן אין שול אַרײַן, מוז זי צום ערשטן קומען צו דער אַרבעט, גלײך װי גאָרניט, און ערשט אַרום אַ שאָ שפּעטער טעלעפאָנירט מען איר פון עם הױז, אז די באָבע, אָדער אַן אָנקל איז מיקלוימערשט שטאַרק קראַנק, אָדער איז גאָר געשטאָרבן...און מאָל זיך: אַ צװײטע קוזינע מײנע, װעלכע האָט אין דער זעלבער צײַט, גלײך מיט איר, זיך געװענדט נאָך דער שטעלע, האָט זי אױך ניט באַקומען, װײל זי — פּונקט װי דו — האָט געזאָגט דעם עמעס, אז זי איז אַ אידיש קינד...איצט זעסטו שױן?!...

לאַלאַ האָט ניט געװאָלט גלױבן:

— בײַ אונדז אין אַמעריקע?...בײַ אונדז אינעם פרײַען לאַנד?!...

דער צאָאר איז בײַ איר געװען זײער גרױס. דער װײטיק, װאָס אַזאַ זאַך פּאַסירט ניט ערגעץ אין דײַטשלאַנד, אָדער פּױלן, נאָר דאַװקע דאָ, אינעם פרײַען דעמאָקראַטישן לאַנד, אין לאַנד, װאו זי האָט זיך געפילט אַ שטאָלצע װאָס זי איז דאָ געבױרן געװאָרן; דערצו נאָך אינעם שטאַט װאו דער סאַמע גאָװערנאָר איז אַ איד... — אַט דאָס האָט זי ניט אָפּגעלאָזט.

איצט איז שױן בײַ לאַלאַן מער ניט געװען אַזױ די פראַגע װעגן האָבן פאַרלױרן די מעגלעכקײט צו אַרבעטן און פאַרדינען; די מעגלעכקײט פון העלפן בױען — װי זי האָט געהאָפט — איר צוקונפט. נײן!...דער װײטיק איז געװען אַ גרעסערער, אַ טיפערער. איצט האָט זי זיך געפילט װי עפּעס אַן אױסגעבױזעקטע, אַ באַלײדיקטע און באַשפּיגענע...

— װאו זשע איז אונדזער קאָנסטיטוציע? — האָט זי אין אױפרעגונג זיך געפרעגט. — װאו איז דאָס געזעץ, װאָס גאַראַנטירט גלײַכע רעכט פאַר אַלע מענטשן, אָן דיסקרימינאַציעס פון ראַסע, נאַציע און קאָליר?!...

זי איז אַרומגעגאַנגען װי אַ צעבראָכענע:

„און אױב מען טוט דאָס שױן איצט, בײַ אַ פּראָגרעסיװער, ליבעראַלער רעגירונג אין זאַטל, הײנט װאָס קאָן מען נאָך דערװאַרטן, אױב די רעאַקציע, װעלכע גרײט זיך אַזױ פיבערדיק צו פאַרכאַפּן די מאַכט, זאָל מיטאָמאָל נאָך כאָלילע טאַקע זיגן אין לאַנד?”...

— װאָס װעט זײַן? װאָס װעט געשען? — האָט זי מאַמעש ניט אָפּגעלאָזט פון אירע ליפּן אַרונטער.

צומאָל האָט זי אַפילע אַ טראַכט געטאָן אָנצוקלאָגן די דאָזיקע פירמע אין געריכט פאַר פאַרלעצן די גאַראַנטיעס פון דער קאָנסטיטוציע. זי האָט אָבער זיך גלײַך איראָניש צעשמײכלט פונעם דאָזיקן געדאַנק אירן:

— נאַרישקײטן. עס װעט ניט גײן. די פירמע װעט זיכער לײקענען, אז איר אידישקײט איז עס געװען די אורזאַך. נאָך מער: דער פּרעזידענט פון דער פירמע װעט זיך נאָך אָװאדע באַלײדיקן און מיסטאָמע אָנװײזן, אז ער צײלט צװישן זײַנע אינטימסטע פרײַנט פיל אידן, אז ער שטיצט אונטער פיל אידישע אינסטיטוציעס און...

„און עס קאָן דאָך נאָך געמאָלט זיין, אז דער פרעזידענט פון אָט דער זעלביקער פירמע אליין איז אַ איד און״..

זי האָט זיך דערפילט מאַכטלאָז. עמעס, קיין פאַרדראָס דערפון, וואָס זי האָט זיך אָנגעגעבן אלס אַ אידישע, האָט זי ניט געהאַט. פאַרקערט: זי האָט געפילט בא זיך, אז אויב עס זאָל איר נאָר אויסקומען נאָכאַמאָל, וואָלט זי ווידעראַמאָל און אָבעראַמאָל אָנגעגעבן איר עמעסן אָפּשטאַם. יאָ־יאָ, זי וועט שטענדיק ארומגיין מיט אַ שטאָלץ־אויפגעהויבענעם קאָפּ און זיך קיינמאָל ניט פאַרלייקענען. פאַר אַ וויל האָט זי אפילע יאָ אַ טראַכט געטאָן, אז בא דער צווייטער געלעגנהייט זאָל זי לעכאַטכילע זיך אָנגעבן מיקלוימערשט פאַר אַ פראַנצויזישער און ערשט דערנאָך, אז זי וועט דאָרט אָנגעשטעלט ווערן צו דער ארבעט, — ארויספּלאַצן מיטן עמעס און זען ווי יענע וועלן ווערן רויט און בלוי פון פאַרלעגנהייט. זי האָט דאָס אָבער גלייך אָפּגעוואָרפן פון זיך:

— עס לוינט ניט!... ניט דאָס איז דער וועג!...

געפילט האָט זי בלויז, אז קעגן אַזעלכע זאַכן דאַרף מען ארויסשטעלן אַ קאַמף. אַ קאַמף — פּונקט ווי מען פירט עס קעגן היטלערן. אַ שטייגער — אַ באָיקאָט פון אלע אידישע איינוואוינער; אָט, כאָטש אף איין טאָג דערקלערן אַ סטרייק און זיך אָפּזאָגן צו באַנוצן גאַז און עלעקטרע, ביז...

זי האָט זיך געוואָרפן פון איין געדאַנק צום צווייטן און ניט געקאָנט אָפּמאַכן בא זיך וואָס זי זאָל טאָן. איין זאַך איז פאַר איר קלאָר געווען, אז מען דאַרף קעמפן קעגן אָט דעם איבל. קעמפן — אָט אַזוי ווי מען קעמפט קעגן לינטשונגען און אַנדערע איבלען... מען דאַרף איינמאָל פאַר אלעמאָל אויסוואָרצלען די דיסקרימינאַציעס קעגן אידן... עס דאַרף צעמענטירט ווערן אַ פראָנט, אָן איינעקער, פון אלע אידן, פון אלע...

מיטאַמאָל האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן:

„פון אלע אידן?! גוט!...אָבער בין איך אליין דען אַ אידיש קינד?... טראָג איך דען אף זיך אַ וועלכן עס איז סימען פון אַ איד, אויסער דעם, וואָס איך בין געבוירן ביי אידישע עלטערן?...וואָרים אפילע דעם איינציקן און ערשטן צייכן וועגן אָנגעהעריקייט צו אַ פאָלק, די אידישע שפּראַך, איז דאָך מיר אויך פרעמד און ווייט... אז איך האָב זיך דאָך ביז איצט אפילע געשעמט מיט מיין אייגענער מוטער־שפּראַך, זיך פאַרלייקנט און״..

— און עס קאָן דאָך גאָר זיין, אז טאַקע אָט דאָס פאַרלייקענען זיך, אָט דאָס ניט זיין צוגעבונדן צום אייגענעם פאָלק און דער שפּראַך, צו דער אייגענער קולטור, האָט עס בא די ארומיקע ארויסגערופן די פאַראַכטונג צו אונדז?... קאָן גאָר זיין, אז דאָס וואָס מיר האָבן זיך פאַרלייקנט און טאָמיד געשאַפן דעם איינדרוק, אז מיר האָבן גאָרניט, פאַרמאָגן גאָרניט, — האָט עס ארויסגערופן אָט די בוזיעק־באַציאונג צו אונדז...וואָרים די וועלט האָט דאָך בעטעווע פיינט געפאַלענע, גייסטיקע עווייונים און שוואַכע... מענטשן האָבן אָפּשיי בלויז פאַר שטאָלצע און שטאַרקע...

און וואָס מער לאָלאַ האָט געטראַכט וועגן דעם, אלץ מער האָט זי זיך איבערצייגט, אז אַזוי איז עס טאַקע. עמעס, געוואוסט האָט זי טאַקע גאַנץ גוט, אז דער קאָרופּטער קאַפּיטאַליזם איז ביכלאַל שולדיק אין אלע איבלען,

אָבער אַז דער פּאַקט פון געפּאַלנקייט און פּאַרלײקענונג האָט עס זײ געגעבן דעם אויסרײד פאַר דיסקרימינאַציעס, אין דעם האָט זי מער ניט געצווײפלט.

— וואָס זשע, — האָט זי זיך אַ זאָג געטאָן, — דאַרף מען דאָס טאַקע צוריקשלאָגן!...און ווײל קײנער קאָן דאָס ניט טאָן אַלײן, פאַר זיך, דאַרף מען עס דעריבער טאָן צוזאַמען, אַלע אינאײנעם!...

יאָ, איצט האָט לאַלאַ געוואוסט, אַז מען דאַרף עס באַקעמפן. נאָך מער: זי האָט באַגריפט, אַז צווײ זאַכן דאַרפן געטאָן ווערן קעדײ צו פאַרזיכערן אַ דערפאָלג. ערשטנס — דאָס פאַראײניקן זיך פון אַלע אידן מיט די בעסערע, פּראָגרעסיווע קריסטלעכע עלעמענטן און צווײטנס — טאַקע אויפהויבן דאָס כשיוועס פונעם אידישן פאָלק גופא. וואָרים אפילע אין אַ פּאַשעטן געשעפט־שוטפעס, — האָט זי געטראַכט, — דאַרף אויך יעדער צאַד אַרײנטראָגן עפּעס אַ סומע פאַרמעגן, קעדײ צו זײן גלײכבאַרעכטיקט. נו, און צו לעבן בלויז מיט יענעמס שפּראַך, מיט יענעמס קולטור, איז קײן עמעסע שוטפעס ניט...

געקומען צו דעם געדאַנק, האָט לאַלאַ געוומען פילן אַ באַגער אַרויס־צולאָזן זיך צווישן די אידישע מאַסן, זיך באַקאָנען מיט זײערע באַגריפן און שטרעבונגען, זיך באַקאָנען מיט די קולטור־שאַפונגען און...

צופרידן פון אָט דעם באַשלוס, האָט לאַלאַ שפּאַצירט איבער די אידישע גאַסן פון שטאָט. עס האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט איצט געוואָלט אײנזאַפּן אין זיך אַלע בילדער מיטאַמאָל און אַרײנאָטעמען אין איר בלוט אַרײן די אַלע פרײדן און לײדן פון די מענטשן וועלכע זי האָט קײנמאָל פריער ניט געקאָנט. זי האָט שפּאַצירט געלאַסן און געקוקט אין די פענצטער פון יעדער אידישער קראָם, פון יעדן אידישן געשעפט...

מיטאַמאָל האָט זי איבער עפּעס אָן אַרײנגאַנג דערזען אַ שילדל מיט אַ אידישן אויפשריפט. פאַרשטאַנען האָט זי, אַז דאָס דאַרף זײן עפּעס אַ אידישע אינסטיטוציע. אַלײן ניט ווי־נדיק צוליב וואָס, איז זי אַרײנגעגאַנגען.

באַלד באַם אַרײנקומען האָט זי דערקאָנט, אַז דאָס איז אַוואַדע אַזאַ מין לערן־אַנשטאַלט, וואו מען לערנט די אידישע שפּראַך מיט דערוואַקסענע. אין געדאַנק בײ איר האָט אויפגעלויכטן:

„פאַרוואָס טאַקע אַלײן ניט אויפנעמען אַזאַ קורס?"...

זי האָט זיך צוגעזעצט, אַ פאַרשעמטע געקוקט אין דער אידישער צײטונג, וועלכע איז געלעגן לעבן איר אַף דער געבעטער סאָפע און געבלעטערט דאָס ביכעלע מיט די מאָדנע פרעמדלעכע בוכשטאַבן.

אַ יונגערמאַן איז צוגעקומען און גענומען רעדן צו איר אין אידיש. זי האָט אַ פאַרשעמטע גענומען שטאַמלען:

— איך...איך ניט קאָן אידיש...איך געקומען זיך לערנען און...

דער יונגערמאַן האָט געשמײכלט. ער האָט זי צוגעבעטן צו זײן טיש און זי גענומען אויספרעגן פאַרשידענע פראַגן. אַף דער פראַגע וואָס איר נאָמען איז, האָט לאַלאַ — אַלײן ניט ווי־נדיק פאַרוואָס — מיטאַמאָל אויסגעפּלאַצט:

— מײן נאָמען איז לײע! לײע באַרדאָן!...

זי האָט טיף אָפּגעאָטעמט און זיך דערפילט ווי אַ געלײטערטע...

* * * * *

די נומערן פון ברענטשעס און זייערע סעקרעטארן, אָדער קולטור־דירעקטאָרן, וואָס האָבן צוגעשיקט זייערע באַשטעלונגען פאר ביכער.

2 — טש. וויינבערג
4 — י. לובין
5 — ל. העריס פעטערסאָן
6 — ס. אַמפער
7 — י. באַראָן
8 — י. זבאַרסקי
15 — ל. וויינער
16 — י. עפשטיין סיו סיטי
17 — מ. נוסענאָוו
21 — ד. מאָזעס מינעאפאָלים
24 — מ. וואַרשאַווסקי
25 — ס. ראָזענבערג
26 — דזש. מאָלאַנס הארטפאָרד
36 — ס. מעקלער אָלבאני
37 — ווינער
39 — דינע לענדים
40 — מ. ראָטשטיין פילאדעלפיע
41 — י. שוב סיראקוז
42 — ר. שלייען דעטרויט
46 — מ. מיכלסאָן רידזשוואוד
48 — מ. רובין פילאדעלפיע
49 — ס. קראָל
51 — מ. קרעמער לאָס אנזשעלעס
60 — ד. פערלמוטער
61 — א. ניומאָן
62 — ב. ראָנין אטלאנטא
65 — א. נאַסאַנאָווסקי דאָרטשעסטער
66 — מ. לעווי סיינט פאָול
69 — ל. טולטשין עליזאבעט
70 — ע. גערשנזאָן סיינט לואיס
71 — ל. אגינס
77 — ה. פאָטאַשניק טרענטאָן
82 — פעני טאָבאָק
85 — מ. שאַפּירא
93 — י. פיווניק יאָנגסטאָן
98 — י. קוואַרטאָוויטש
103 — אָ. רייזמאָן ווינלאנד
105 — טש. בערקענפעלד
110 — א. זאַמלער הארטפאָרד
113 — ל. ערליך פאסעיק

116 — ב. סעדאָוו
118 — מ. קאָהען רעדינג
122 — י. וויינשטיין
124 — ע. גאָטהעלף קליוולאנד
126 — י. סאַוויטש אָמאהא
127 — גאָלדמאַן
134 — א. סיימאַן
136 — ע. שערמאַן וואשינגטאָן
137 — ב. טשעסין ניו בראָנזוו.
138 — י. רובינשטיין
142 — א. בראַפמאַן טאמס ריווער
144 — י. נאָרוועל מעמפיס
147 — מ. סקאָווראָנעק
151 — מ. קאַליש בינגהעמטאָן
154 — ס. ראַכלים
160 — מ. דזשענקינס פיטסבורג
161 — ה. קאַהל דולוט
165 — מ. קאָהן
167 — י. ריים
169 — ר. וויסמאַן פילאדעלפיע
170 — ב. גודמאַן טשעלסי
179 — ב. וויסמאַן
181 — י. קאַפּלאַן עקראָן אָהייאָ
193 — י. גאָרעליק
195 — מ. ראָזנטאַל טשאטאנוגע
196 — ה. סילווער קענזעס סיטי
203 — מ. לאַנקין דעטרויט
205 — ב. וואַסערמאַן הייטסטאן
206 — י. רוטמאַן סינסינעטי
209 — ה. לעין שיקאגאָ
215 — מ. לאָסאָווער-באלטימאָר
230 — וו. ליף פיטסבורג
239 — ס. ליפשיץ סט. אנטאַניאָ
255 — נ. דובין פילאדעלפיע
256 — פ. דאַנציס נוארק
272 — אַננאַ דיניץ
300 — ה. שולץ פאָרטסמוט
305 — ס. פעיט
400 — ה. געיל שיקאַגאָ

די פאָלגנדע כאַווירים און פריינט האָבן זיך באַטייליקט אין שאַפן אבאנענטן:

ש. סיטמאַן	ליבי וואָזלפסאָן	מ. סעדער	מערי וואָלמאַן
אָ. לאַנדיס	א. גאָלדבערג	י. אייזנמאַן	ג. דוביצקי
פּ. בעקער	י. א. אַבראַמאָוויטש	מ. דובאָוו	ע. גראַבעלסקי
י. עווין	קלאַראַ טולטשין	מ. וואַרשאַווסקי	מ. לאַמאַניעץ
אַ. גליקסמאַן	סאָניא בערמאַן	לייע געסלער	ד. טוירנער
ס. רובינשטיין	ל. נעוויאסקי	סאָרע לייע	מ. בראָנשטיין

דערקלערונג פון פרעמד־ווערטער

1) טביליסי..........שטאָט טיפליס

2) גלעד.......... פויער

3) מאַנעטים..........מאַטבייעס

4) דוכאַן..........וויין־שענק

5) בעשמעטקע..........נאַציאָנאַלער מאַנטל אזא

6) לעזגינקע..........נאַציאָנאַלער טאַנץ

7) שאַמילס טפילע..........גרוזיניש ליד

8) טאַשי־טאַשי..........פאַטש־פאַטש

9) וואַשאַ..........הורא

10) דעמאַן..........טייוול

11) קאַזבעק..........דער באַרג מיט דעם נאָמען

12) מאַדזשארי..........יונגער ווײַן

13) בויוואָל..........בופל־אָקס

14) מאַנגאַל.......... א בלעכן אויוועלע

15) מושאַ'ס..........ארבעטער

16) פורי.......... ברויט

17) אישאַקל..........אייזעלע

18) טשורעקל..........א קריגל

19) גאַאומאַרדזשאָבאַ, קאַצאָ..........גוט מאָרגן, מענטש

20) מאַמאַדזאַרלי..........הינטישער זון

21) אמכאַנאַקאָ..........כאַווער

פון זעלבן מעכאבער:

געשלאָסענע רייען

א באנד דערציילונגען, 1935

גרייט צום דרוק:

1) „איך בין ארויס אַ לעבעדיקער"

מילכאָמע־ראָמאן אין 3 טיילן, ארום 900 זייטן.

2) ראָזענבערג דזשוניאָר — ראָמאן.

3) שימשן האגיבער — נאָוועלע.

4) דראמע און איינאקטערס.

5) הומאָרעסקעס און מאָנאָלאָגן.

6) א באנד דערציילונגען.